ליפמאן-לעווין

דוירעס דערוואכטע

ראָמאַן

ערשטער בוך

II באנד

פארלאג „עמעס“ מאָסקווע, 1934

I. קעגניבער

1

אפ דער אויבערשטער גווירישער גאס—אפ דער „פעטערבורגער"— זײַנענ איינס קעגנ אנדערנ, איבערנ גאס, צוויי הײַזער געשטאנענ. ביידע אינ שטאָט באקאנטע, אונ ביידע פארשיידענע. פונ איינ זײַט — אנ אָפגעזונדערט הויפ מיט צעוואָקסענע אלט־יאָריקע אונ שאָטנדיקע ביימער, מיט קלומבעמ בלומענ, געדיכטע קוסטעס, אונ אינ דער זײַט, צי דער זונ ארויסגערוקט, אפ א הויכנ פונדאמענט פונ ווילדשטיינ — א בלוי־געפארבטס הויז פונ איינ גאָרנ, נאָר א ברייטס, א לאנגס אונ געננג הויכס—א יוסטס, מיט א מעזאָנינ, מיט א ברייטנ גאנעק מיט ווענטלעכ, ביז א העלפט אינ פענצטער־ראמענ מיט קאָלירטע שויבנ. אפנ גאנעק זײַנענ צוגעשמידט געשטאנענ שטענדיק גרייט פונ ביידע זײַטנ צוויי אײַזערנע גאָרטנ־בענקלעכ, אונ אהינטער זיי צו די ווענטלעכ — היפשע דייזשקעס מיט גרויסע אויסטערלישע פלאנצונגענ, ארומגעוויקלטע אינ מאָכ אונ וואטע. באמ פערטל פונ די אָפנעפארבטע אײַזערנע שטאכעטנ צומ גאס האָבנ צו אלעמענ געווונקענ אונ געפּנ גאָלדענע אויסיעס אפ א שווארצנ שטיק מארמאָר מיט פארשליפענע קאנטנ:

„אדוואָקאט ג. מ. שטיינבערג".

קעגניבער אפ דער אנדער זײַט גאס, ארויסגערוקט. הארט צומ טראָטואר, איז פונ יאָרנ אנ אָפנעבליאקעוועטער נעשטאנענ א דרײַגאָרנדיקער מויער מיט צוויי פאראד־טירנ פונ ביידע זײַטנ, אונ אפ איינער פונ זיי, וואס איז לינקס, האָט מענ אפ א קליינ מעשנ בלעכל באמערקט אמאָל:

—„דאָקטער מ. ד. בראנזבורג".

שטיינבערג איז געווען קעסיידער און דורכויס „אָנגעזען“, זיך געוואָרפן אין אויג—די דירע, דאָס שילד און ער אליין. העכער פון מיטעלן וווּקס, פעסט געקנאָטן, עטוואָס שוין פאַרקײַלעכדיקט, מיט א שווארץ געדיכטער און ניט קיין לענגלעכער באָרד, מיט אן אויסגענעקעמטן טייל אין דער מיט, מיט גאָלדענע פענסנע אפ דער פליישיקער נאָז, מיט אן אויסדרוק פון כשיוועס אפן רויִקן זיכערן „יורידישן“ פּאָנעם. די פרוי זײַנע — פון די גינזבורגס, אן אלט גווירישע הויז — א מיטלוווּקסיקע, א ברייטע, מיט א שווערן ווײַבעריש-באלאָדענעם קערפער און א פולן און לאנגזאמען טראָט. די קינדער — צוויי מיידלעך עלטערע און צוויי יינגלעך יינגערע — יינגלעך מיט גראָבע פיס אין לאנגע זאָקן האָבן אויסגעזען, ווי מיידלעך, און די מיידלעך, געוויקסיקע ווי דער פאָטער און קײַלעכדיק ווי די מוטער, האָבן אויסגעזען, ווי מווידן. די צוויי גוווערנאַנטנס צו די קינדער זײַנען אויך ניקערע געווען אין שטאָט: די אויסגעטאָקטע פראנצויזין מיט א מאָדנער דינער טאליע בא א הויכן אנטוויקלטער ברוסט, און די הויכע מאנצבלדיקע דײַטשקע, וואָס האָט מיט אירע טריט טראָטוארן געשאָקלט, ווי זי וואָלט אין אירע קליידלעך ניט פיס, נאָר בולעוועס געטראָגן.

אָנגעזען איז געווען שטיינבערג, ארויסגייענדיק פון דער היים, פאַוואָלי און בעקאָוועדיק מיט א דיקן פאָרטפעל אפ צוויי שלעסער אונטערן אָרעם און מיט א רויטן שטאָק מיט א זילבערנעם מאָנאָגראם אפ אים אין דער האנט. זיכער גייט מען אין קרייז־געריכט, און רויִק גייט מען צוריק. און פרײַנטלעך און כאָשעוודיק, מיט א שמייכל צו אלעמען ענטפערט מען אפ א גרוס. און אמאָל איז מען דערבײַ מאַטריעך אויך, ווען מער און ווען ווייניקער, דעם הארטן קאפעליוש אפן קאָפּ. און ווען שטיינבערג גייט ארויס פון דער היים אין שווארצן גלאנציקן צילינדער אפן קאָפּ, ווייסן אלע, אז אין קרײַז־געריכט איז א גרויסער מישפּעט.

און ווער ווייסט עס ניט, אז שטיינבערג איז אמאָל מיטן קרײַז-געריכט ארויסגעפאָרן אין א סעסיע אין א דערבײַיִק ייִדיש שטעטל, און דער מישפּעט איז גראָד געווען אין דער וואָך פון סוקעס, — איז ער, שטיינבערג, אין שטעטל אָנגעקומען מיט א פאעטאָן דעם ערשטן טאָג

באלעמויעד און, דורכפאָרנדיק דעם מארק מיט די אָפענע יידישע קראָ־
מען, האָט ער זיך אָפגעשטעלט אפנ מיטנ מארק און בא די אָנגעלאָפענע
יידנ געפרעגט: — ווו נעמט מענ דאָ אנ עסרעג אפ צו בענטשנ?

איז דאָס שטעטל געוואָרנ צערודערט און האָט אופגערודערט שטעט
און שטעטלעך ווײַט ארום — פונ דעם „גרויסנ" אדוואָקאט מיט אזא
„יידיש הארצ", וואָס האָט דאָס ערשטע אנ עסרעג געזוכט, ווי ער איז
נאָר אָנגעקומענ אינ שטעטל...

שטיינבערג איז געווענ אָנגעזענ צווישנ יידנ אינ שטאָט, ווו ער איז
א גאבע—דער יינגסטער גאבע אינ קעהילע, א „בימקוים" אינ טאלמע־
טוירע, א „טשלענ" אינ דער יידישער קאזיאָנער שול, באפט זיך ארײַנ
אינ האָזענטאלס שול יאָנטעוו צו א „מאפטיר", איז פאָרזיצער פונ „שפה־
ברורה",* באפולמעכטיקטער פונ „אָדעסער קאָמיטעט" און דעלעגאט פונ
ציוניסטישנ קאָנגרעס. אָנגעזענ איז ער אויך צווישנ ניט־יידנ: א מיט־
גליד אינ קלוב פונ דער אדל־פארזאמלונג, א מיטגליד אינ רעווידיר־קאָ־
מיסיע פונ „קעגנזײַטיקנ קרעדיט", אינ „פאָפעטשיטעלני סאָוועט" פונ
דער צווייטער פרויענ־גימנאזיע, און גלאסני אינ שטאָט־דומע, באשטימט
פונ גובערנאטער אפנ כעזשבנ פונ דער „יידישער באפעלקערונג".

אז מענ איז קענטיק און אָנגעזענ!

3

האָקטער בראנזבורג, פארקערט, איז ניט אזוי קענטיק און ניט אזוי
אָנגעזענ. אָבער — באקאנט און פאָפולער. ער איז יינגער, ניט לאנג
געענדיקט שטודירנ. מאָגער, פלינק און געשווינד אינ גיינ, אינ ריידנ.
היפש צעשטרויט, און דער ווייכער קאפעליוש אפנ קאָפ איז אמאָל פאר־
קנייטשט אינ דער מיט, ווענ די פרוי האָט עס באזאָרגט, און אמאָל—די
דעק אינגאנצנ ארײַנגעזונקענ, ווענ ער האָט דערופ א ביכל אוועקגעלייגט
און דערנאָך אינ אײַלעניש—א באפ דעם קאפעליוש און א פאטש ארופ
פלאטשיק אפנ קאָפ. האָט זיך לײַטנ געדוכט אמאָל, אז עס איז ניט „מײַ־
סע־דאָקטער" אזא הילעב. זײַנע רעגילעסנ און מידעס האָבנ געכידעשט,
און מ'האָט דערפונ גערעדט. רופט מענ אימ צו א כוילע, און מע פרעגט:
„נעמענ א פורל?" קוקט ער זיך אײַנ, ווי ער שאצט אָפ יענעמס קעשענע
און זאָגט: „קומט!" און גייט אוועק — ער לויפט אפריער צופוס אפ א

* סאָפאָ־ברורא — קרײַזלעכ פונ העברייִש־ריידער

וויטער גאַס. און ווען מע נעמט שוין יאָ פֿאַר אים אַ פֿורל און דער, וואָס קומט נאָך אים, גיט אים אַף קאָוועד, ווי אַ דאָקטער, און זעצט זיך אוועק אַפֿן בענקל אַנטקעגן, ווערט ער אויפֿגעבראַכט: מ׳זאָל זיך זעצן דאַפּקע מיט אים גלײַך... אָפּטמאָל קומט ער ,,געוויר ווערן" אַ כווילע ניט געדו־פּענערהייט און נעמט ניט קיין געלט — אַרײַנגעקומען אַ קוק טאָן, הייסט עס בײַ אים... איז דאָס ניט קיין ,,וויזיט". אַמאָל לאָזט ער איבער קליינ־געלט פֿון דעם אייגענעם טאַש אַף פֿלעגע פֿאַר אַן אָרעמען כווילע. פֿאַרזיצט זיך אַמאָל, כאַטש נעם און טרײַב אים אַרויס... פֿרעגט אויס ביזן צענטן דאָר. באַטראַכט אַלץ אַרום. דערזעט ער אַ סייפֿער, פֿאַרלערנט ער זיך, מאָג עס זײַן אַ ביכל, צי אַ מעדרעש.

ער האָט געלאָזט אָנזאָגן אין די אָרעמע גאַסן און אין טאַלמעטוירע, אַז קינדער — אייגעלעך און קעפּעלעך — וועט ער היילן אומזיסט, און האָט צוליב דעם אײַנגעשאַפֿט בײַ זיך די נייטיקע אינסטרומענטן. פֿלעגט מען צו אים פֿירן ייִנגעלעך מיט מיידעלעך, פֿול אין שטוב.

— עפּעס אַן אייגעלע איז רויט... באַם קינד איז עפּעס מיסט אין קעפּעלע... א ,,באַלקעלע" (באַוויזן זיך), ס׳קלעפּן זיך די הערצלעך... קינ־דער און מוטערס, און עלטערן און קינדער, וואָס האָבן געוואַרט אַף אויפֿנעם.

און אין אַ לאַנגן קאָרידאָר אַף די שמאָלע בענקלעך, און אין וואַרט־צימער אַף די הילצערנע קאַנאַפּעס זײַנען פֿול געווען קינדער מיט מוטערס.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער דורכגיין צווישן די רייען פּאַציענטן, אָפּקלײַבן וועמען פֿון דער יוגנט ,,העלפֿן" אים׳... אַכטונג געבן אַף דער אָרדע־נונג, צעשטעלן ,,קעפּלעך" באַזונדער און ,,הערצלעך" באַזונדער, ,,אייג־לעך" באַזונדער און ,,מאָגנדלעך" באַזונדער. און געפֿעלט אים עמעצער באַם צוהעלפֿן, פֿרעגט ער: — דו האָסט צײַט? דו טוסט גאָרנישט? קום מאָרגן אויך...

— אָט וועסטו ווערן אַ ,,פֿערשיל" בײַ אים... — איז דער אויפֿעם צו־פֿרידן.

וווּנדערן זיך פּאַציענטן. אַז אַ דאָקטער זאָל פֿאַר אַלץ דינגען: וויפֿל נפֿשות אין געזינד? ווער אַרבעט און וווּ? וויפֿל לאָמפּן ברענען אין וואַרשטאַט און פֿאַרוואָס פֿאָרערט מען ניט צו מאַכן דאָרטן ווענטילאַציע? צי אַרבעט מען פֿון ,,שטיק" — פֿאַרוואָס ניט פֿון וואָך? אַז דאָס האַרץ קלאַפּט און מע מאַטערט זיך פֿון קאָפּ־שמערצן און מע

איז געווען — האָט עס בײַ אים אַ שײַכעס מיט דער אַרבעט פֿון „שטיק“, ווײַל מע יאָגט זיך...

אַ דאָקטער אַ גוטער, זײַנען אַלע מאַסקים, נאָר אַ ביסל אַ „צעדרייטער“. וואָס גייט עס אים אָן אויסצופֿרעגן אַלץ? פֿאַרשווײַגט מען בעסער און מע ענטפֿערט ניט אויף אַ סך פֿראַגן... נאָר די „העלפֿערס“, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט די כּלאָים, גיבן געוויסע ידיעות.

קומט אַרײַן אַ ייִד מיט אַ ייִנגעלע — אַ מאָגערס, אַ בלייך פּאָנעם, אַ קרענקלעכס, מיט אויגן שוואַרצע, צעשטרויטע, וואָס טאָר ער פֿאַרמאַכט זיי און צעעפֿנט זיי, און פֿאַרמאַכט זיי ווידער און פֿאַרקוועטשט זיי, אָנקנייטשנדיק דאָס שטערנדל פֿון איבערלעכן ווײ.

—דאָס איז אונדזער באַל־קריִע, — וואַרפֿט צו דער „העלפֿער“.

— אַ געראָטן ייִנגל! — כאַפּט אויף דער טאַטע,—אָבער געשטראָפֿט מיט קאָפּ־שמערצן, הער דאָקטער, ער געפֿינט זיך קיין אָרט ניט פֿאַר יעסורים... אַזעלכע שמערצן...

— אין די שלייפֿן... — זאָגט דאָס ייִנגל און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט..

— דו קאָנסט גוט לערנען?

— וואָס הייסט לערנען?—גרויסט זיך דער טאַטע,—שטעלט לערנען! אַזאַ קעפּל און אַזאַ מאַסמיד... גמאָרע אויף אויסווייניק וויפֿל ווילט איר, הער דאָקטער? פֿאַר דרײַ מעסיכטעס קאַוויר איך אײַך... אַ טאָג אין כּיידער—די גמאָרע אויף אויסווייניק, און בײַנאַכט אין דער היים — איבערזען די סעדרע, די קריִע, ער לייענט אין דער טוירע שאַבעס, און אין כּיידער שײַני, ווײַל פֿאַר באַרמיצווע נאָך...

— אויף וואָס דאַרף ער מעסיכטעס אויף אויסווייניק? און אַ באַל־קריִע צו וואָס? — פֿרעגט דער דאָקטער, — און אויף זײַן געבעט — צו וואָס?

— הער דאָקטער, צו וואָס? מיר, ייִדן, דאַרפֿן דאָס..

— אַ ליגן! — שרײַט ער בייזעריק: מ'דאַרף דאָס ניט!

ווערט אומבאַקוועם, איז מען שטיל און אַראָפּגעפֿאַלן.

— קיין רעצעפּט האָב איך ניט פֿאַר דיר—קיין שום רעפֿועס...— זאָגט ער שטרענג צום ייִנגל.

דאָס ייִנגל הייבט אָן קוועטשן שמערצלעך מיט די אייגלעך. דער טאַטע נעמט אים אָן, ווי צו שיצן פֿון אַזאַ דאָקטער, וואָס איז קעגנטיס בייז אויף ייִדישקייט.

— דאַרף ער אַזוי ליידן, אַזאַ יונג קינד? — וויל דער טאַטע ווייך מאַכן דעם דאָקטער.

— יאָ, ליידן קאָפּ־שמערצן — שווער ליידן.... ווייַל ער איז אַ באַל־גמאָרע, אַ באַל־קריִע, איז אויף נעכט... הער, יינגעלע, ווי רופט מען דיך: מייער? הערסטו, איך האָב פאַר דיר אַ רעפוּאע, אָבער, אַז דו וועסט מיך פאָלגן...

— אוואדע, הער דאָקטער, נאָר פאָלגן...—כאַפּט אונטער דער טאַטע, — אַ דאָקטער מוז מען פאָלגן...

— זאָלסטו אויפהערן צו לייענען—אוים קריִע... און אוים אויף זייַן באַנאַכט... און איִם כאַזערן מעסיכטעס אָפּ אויסווייניק... הערסטו, אַז דו וועסט דאָס טאָן, וועל איך דיר מיט אַ מאַשינקע אַזאַ עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד אַלע טאָג אָנגלעטן דעם שטערן — עלעקטריזירן... מיט עלעקטרע היילן...

— איז וואָס אַרט אייַך, הער דאָקטער, אַז ער וועט איבעררייַסן די קריִע? — ווערט שוין דער טאַטע מוטיקער, ווייבאַלד דער דאָקטער האָט שוין אויסגעזאָגט דעם סאָד פון דער רעפוּאע: איר מאַכט אים די עלעקטרישעסקע, און ער... איר לאָזט אייַערע קאַפּריזן...

— דאָס איז ניט קיין קאַפּריז, — זאָגט ער שטרענג, נאָר באַלד הייבט ער אָן שמייכלען,—אַ באָכעם איר זייַט! איך וועל אים מיט דער מאַשינקע אָפּדרייען די קאָפּ־שמערצן, און איר וועט אים מיט אייַער „טוי־קן" צוריק אָנדרייען די קאָפּ־שמערצן...

— אי, הער דאָקטער! אַז אַלץ ווייסט איר... טאָר ער נאָר אין „טוי־קן" ניט אַרייַנקוקן?..

— גאָר ניט! און לערנען ווייניקער. שפּאַצירן מער. מיט דעם טייַ וועל איך נעמען היילן. הערט נאָר—איך וועל אָפּ אייַך אַרויפשטעלן אָט דעם מויער, דעם דרייַגאָרנדיקן מויער—וועט איר דאָס אויסהאַלטן? איז וואָס וואַרפט איר אָן אָפּ אַ קינד אַזאַ שווערע מאַסע?...

— איר זייַט אַ טייַערער דאָקטער,—שמייכלט צו דער טאַטע, וואָס האָט שוין באַ זיך באַשלאָסן, אַז אין די „היימישע" רעפוּעס וועט ער שוין אַ ביסעלע אָפּנאַרן דעם דאָקטער... אַ טייַערער דאָקטער! נאָר איר האַלט ניט פון יידישקייט...

— איר האַלט ניט פון יידישקייט—וואָרעם איר פּאַטערט די יידן...

פון דעם דאָקטערס בייזער שמייכלען נאָך די כאַלאָמ, ווערן ניט ניס־

פֿאָעל, האָבנ אימ ליב, אכטנ אימ. מע האָט אימ געהאלטנ פֿארנ גרעסטנ דאָקטער אינ שטאָט. דערהויפּט נאָכ דער עפּידעמיע פֿונ „קרופּ", וואָס האָט זיכ אָנגעזעצט אפֿ קינדער, אונ ער, דאָקטער בראַנזבורג, האָט זיכ „אָנגעזעצט" אפֿנ קרופּ, געטריבנ אונ געיאָגט מיט רעפֿועס אונ אײַנשפּריצונגענ, ביז געוווּיר געווערנ די קינדער אינ מיטנ נאַכט אונ — האָט געראַטעוועט.

ער האָט אײַנגעפֿירט בא זיכ א גאַנצנ שפּיטאָלכל מיט אלערליי מעדיציניִשע מאשינעריע אונ פּרעפּאראטנ, אויסגעגעבנ דערופּ דאָס לעצטע, אונ אליינ מיט דער פֿאמיליע געלעבט גענוינ.

די פֿרוי, פֿונ די האַמבורגערס, האָט געלערנט אפֿ העכערע קורסנ אינ מאָסקווע, איז געווענ פֿארמישט אינ סטודענטישע אומרוענ, האָט מענ זי אויסגעשלאָסנ אונ ארויסגעשיקט אינ דער היימישער שטאָט. בראַנזבורג האָט דערוויַיל געענדיקט דאָקטער, האָט געזאָלט בא דער אוניווערסיטעט פֿארבלײַבנ אפֿ וויַיטערדיקנ שטודיום אפֿ פּראָפֿעסער, האָט מענ אימ, אלס א יִידנ נִיט באשטעטיקט. האָט ער געזאָלט פֿאָרנ קיינ אויסלאנד דאָרטנ זיכ ספּעציאַליזירנ, האָט מענ פֿאָרלויפֿיק ניגעג, די קאלע זײַנע, ניט ארויסגעלאָזט.. האָט ער דערוויַיל כאסענע געהאט מיט איר, אונ גענומענ הא אינ שטאָט פּראקטיקירנ, אונ די אָרעמקײַט אונ דאלעס, וואָס ער האָט דערקענט, האָט אימ אלץ מער ארײַנגעצויגנ.

— מיר דארפֿנ גאָרנישט..—האָט ער אָנגעזאָגט דער פֿרוי,—פּוסטע זאכנ — מעבל, קליידער... זאכנ מאכנ דעמ מענטשנ פֿאר א קנעכט בא זיי... מיט מעבל איז מענ ניט פֿרײַ...

— דו האָסט עפּעס געלט?—ווענדט ער זיכ אָפּ צו דער פֿרוי,—מע דארפֿ חאָ א כוילע געבנ עפּעס אפֿ פֿלעגע, אונ איכ האָב שוינ גאָרנישט...

אונ אז ביידע האָבנ ניט — פֿארמאָגנ די האַמבורגער... אונ ווי דער מאנ, אזוי דאָס וויַיב זײַנענ ביידע זייער אומצופֿרידנ מיט זייערע אָנגעבאָטענע אונ אײַנגעבעטענע מאטאָנעס.

4

בענעדיקט האמבורגער, נינעס ברודער, האָט געענדיקט פֿיזיקמאטעמאטישנ פֿאקולטעט — אפֿ אלע אנדערע איז די יִדישע פּראָצענטנאָרמע געווענ פֿארפֿולט מיט „מעדאליסטנ". נאָכ דער כאסענע האָט ער מיט אייגענע—מיטנ פֿאָטערס, אונ מיטנ נאדנ-געלט געעפֿנט א באנק-

הויז, דערווײַל ביז ער וועט זיכ ארומזענ, וואָס פאר א פאבריק און ווו צו עפענענ. דערווײַל זאָל געלט ניט שפּילנ... פלעגט ער צווישנ סאָברים און געשעפט־לײַט ארומגיינ מיטנ אוניווערסיטעט־צייכנ, אָנגעטשעפּעט אפנ לאַץ פונ ראָק, און אפ געזעלשאפטלעכע פארזאמלונגענ און אינ שול פלעגט ער קומענ אינ הויכנ ווײַדענעמ צילינדער.

בענעדיקט פלעגט אפט ארײַנקומענ צומ שוואָגער—איבערריידנ אימ.

— מארק! דו האָסט שוינ צוויי קינדערלעכ — שוינ צײַט קומענ צו א טאכלעס... אינ פראקטיק גליקט דיר — אינ שטאָט האלט מענ פונ דיר... און דײַנ אופיר — כאָטש מעשוגענערווײַז—האָט עס דיכ גע-מאכט געננ פּאָפּוליער, זייער פּאָפּוליער! פונקט ווי האָס גרעסטע שילר און ווי אנ אייגענער שפּאנ... כא-כא־כא! דו ביסט פּאָפּוליער, וואָס דו לויפסט צופוס און מיט א צעדרייטנ קאפּעליוש... פּאָפּוליער—מאָגסטו שוינ איצטער אָנהייבנ צו נעמענ די פײַנע מאטבייע פאר א וויזיט — מ'וועט שוינ געבנ... און מ'וועט דיכ רופנ — וויבאלד די ביסט פּאָפּו־ליער... א גרויסער דאָקטער!

— בענעדיקט, דו ביסט א פּאסקודניאקל!..—ענטפערט אָפּ בראנז־בורג מיט גרויל.

די פרוי נינע מיט א גוט ווייכ פּאָנעמ, בלויע פארטראכטע אויגנ, מיט איינפאכ פארקעמטע האָר, שטענדיק אינ א לאנגנ ברייטנ באלאכאָנ, מיט א שירצ א טונקעלנ פונ די אקסלענ ביז אראָפּ, ווי א צווייטער באלאכאָנ, נאָר אָנ ארבל. די פרוי איז שטענדיק פארנומענ מיט די קינדער, מיטנ מאנ: צושפּילענ א קנעפּל, אויסגלײַכנ אפ אימ דעמ שניפּס, אויסבערשטלענ דעמ ארבל פונ ראָק, דערמאָנענ עסנ און אכטונג געבנ, אז קרייווימ זאָלנ אימ ניט דערווידערנ.

— בענעק, וואָס מאכט עס דיר אויס? יעדערער טוט, ווי ער פאר־שטייט...

— און דו, נינע, זאָלסט ווערנ א שטיק ידענע אינ א באלאָכאָנ?! דו שטאמסט דאָכ עפּעס!.. דו האָסט רעכט אפ כעסערס... ווער איז האמ־בורגער און ווער איז זינאידע מיכײַלאָווגע שטיינבערג?.. דו האָסט זיכ גאָר אָפּגעלאָזט...

— מיסטאמע געפעלט מיר אזוי. זאָל דיר ניט פאַהדריסנ...

— בענעדיקט איז א פּאסקודניאקל!..—ציט אויס בראנזבורג דאָס וואָרט און גייט ארויס פונ צימער.

— איבער דיר האָט ער שוינ ניט דערעסנ, — באַמערקט נינע מיט פאַרדרוס.

— א העזעק — וועט ער שפּעטער עסנ... — ער טוט א דריי די לאַנגע שוואַרצע וואַנצעס פונ איינ זײַט אונ פונ דער אַנדערער. — נינעט! אונדז, די האַמבורגער איז דאָכ א ביזויענ צו דיר אינ שטוב אַרײַנצוגיינ.

— בענעק! — בייזערט זיכ נינע, — דו ווייסט שוינ גאָרניט וואָס צו ריידנ...

— נינעטשקע, נינקע, נינעט! איכ האָב דיכ האָלט — מיר אַלע האָבנ דיכ האָלט, אַזאַ שיינע, אַזאַ קלוגע, אַזאַ געראָטענע — די געראָטנסטע בא אונדז...

— איז וואָס זידלסטו זיכ? — שמייכלט זי.

— עס טוט וויי!.. א שטוב אָנ מעבל... אינ יענע צימערנ — הילצערנע בענק אונ האַרטע קאַנאַפּעס, ווי אינ א שפּיטאָל — טפו! אונ דאָ, אינ עסצימער — אָנ אַלטמאָדיש בופעטל, ווי בא געמיינע באַלעבאַטימ... אָט האָט שטיינבערג ערשט ווידער אַרײַנגעפירט נײַע מעבל — פונ רויטהאָלצ...

— וואָס גייט דיר אָנ שטיינבערג? — שמייכלט ווידער נינע.

— אָט — דאָ פונ פענצטער זעט מענ זײַנ „אָסאָבניאַק“ — א פּאָרעצ! פאַרוואָס ער, פרעגסטו? עד איז פּאָפּוליער אינ שטאָט ווי דײַנ מאַרק: ביידע געראָטענע. ביידע זייער פּאָפּוליער! נאָר דער אונטערשייד: וואָס איינער איז פּאָפּוליער בא „רעכטע“ מענטשנ — טראָגט עס אימ גוטע פּראָצענט די פּאָפּוליאַריטעט זײַנע... אונ דער אַנדערער איז פּאָפּוליער בא שלעפּערס. אונ מיט שענערע מענטשנ צעדײַסט ער זיכ. מע דערציילט האָכ פונ דײַנ מאַרקנ ווילדע זאַכנ. דאַפּקע אינ א פאַרמעגלעכ הויז בא א כוילע, אז מע האָט אימ פאַרנ וויזיט געגעבנ א זילבערנ האַלבנ רובל, האָט ער א שמיצ געטאָנ צוריק אונ האָט נאָכ, ווי א באַלעגאָלע, געזאָגט: „א רחבֿל באַצאָלט“... א סטאַט פונ א דאָקטער!.. האָט מענ אימ גאַנצ אוידל א ישטאָכ געטאָנ: „דאָקטער, מע רימט אײַכ, אז איר נעמט 20 קאָפּיקעס פאַר א וויזיט“. האָט ער געענטפערט: „איכ לאָז נאָכ איבער פאַרנ כוילע אָפּ פלענע, אויב מ'דאַרפ“. אַזאַ גראָבקײַט פונ אימ! אונ וווּ? דאַפּקע אינ פאַרמעגלעכע הײַזער... גאַנצ שטאָט איז אויפ...

— בענעדיקט, — האָט זיכ נינע אָפּגערופנ; — דו ביסט א נאַר...

— וואָס עפּעס איכ אלײנ? אַלע זײַנענ נאַראָנימ... נאָר דו אונ דײַנ מאַרק זײַנענ קלוגע... וואָס ארט דיכ. ער איז א גוטער מעטורעפּ...

— וואָסי? ער זאָל זיכ לאָזנ עקספּלואַטירנ פונ די רײַכע דערפאַר, וואָס ער איז א גוטער צו אָרעמע?.. זאָג מיר, אַז די רײַכע רופנ דעמ דאָקטער קאַפּלאַנ, צאָלט מענ אימ א דרײַרובלדיקע: עס פּאַסט ניט אנ־דערש.. אונ אַז מע רופט מאַרקנ—ניט פונ באַקענטשאַפט וועגנ, נאָר ווײַל ער איז א גוטער דאָקטער, שטעקט מענ אימ ארײַנ א האַלב רובל... ווײַל ער הײלט אָרעמע אומזיסט — שטעלט מענ אַפּ אימ ארופּ א נאַלאָג פאַר זײַנ גוטסקײט.

— א נאַ־לאָג,—האָט בענעדיקט געצויגענ,—דײַנע אופקלערענישנ— א נאַלאָג גאָר?.. נאָר ווײַל קאַפּלאַנ פאָרט ארויס אינ אנ אײגענעמ שפאַנ, קומט ארײַנ עלעגאַנט, מאַכט א כײנדל דער מאַדאַמ... אונ דײַנ מאַרק לויפט צופוס, אינ אנ אַלטנ רעקל, שפּרינגט ארײַנ, ווי א מעטורעפּ: — „הא, ווו איז דער כוילע?" אונ אויסער דאָקטאָריע איז ער פאַר־נומענ מיט אָרעמע באָכערימלעכ, וואָס ער גרייט זײ צומ עקזאַמענ, טײלט ביכלעכ...

— מיט די באָכערימ לערנ איכ, מאַרק האָט קײנ צײַט ניט, נאָר ער גיט אכטונג, עמעס...

— מאַרק הײסט, אונ דו טוסט... אוואַדע דאַרפ מענ עפּעס טאָנ פאַר אָרעמע אויכ — וואָס איז נײטיק... פּאָפּוליער צו זײַנ איז זײער א נוציקע זאַכ, וואָס איז ווערט־פּאַפּירנ, ביפראַט פאַר א דאָקטער, אנ אַדוואָקאַט, וואָס דאַרפנ האָבנ א ברײטע פּראַקטיק, א נאָמענ... שטײַנבערג טוט אויכ—אינ ציעניזמ, אינ פּרומקײט... פּאָפּולי־אַריטעט! אָבער שוינ צײַט אָנהײבנ צו באַקומענ די פּראָצענטנ דערופ...

— בענעק, דו ביסט שוינ צופיל פּראָצענטניק געוואָרנ...

— ווער? איכ בינ א פּראָצענטניק? באַלד וועסטו זאָגנ א וואָכערניק... איכ בינ א באַנקיר!—ער האָט א דרײ געטאָנ א שוואַרצע וואָנצ פונ אײנ זײַט אונ פונ דער אַנדערער.

— נו, גענוג! דו זאָלסט מער ניט רײדנ אונ ניט מוסערנ, וואָרעמ איכ גײ אימ ארײַנרופנ צובײַסנ.. בענעק, דו זאָלסט שווײַגנ.

— נינעט! — כאַפּט ער זי אָנ בא די הענט,—וואַדט צו, ער וועט דערנאָכ עסנ... איכ רײד אונ איניענ — צוויי איניאָנימ: דער פּאַפּא האָט געשיקט...

— נו־או,—זי זעצט זיך צו.—און עפשער קאָנסטו עס אָפּלייגן?

— ניגעטשקע! דער פּאַפּאַ פּאַרלאַנגט — דער פּאַפּאַ — אַז דו זאָלסט מיט מיר גיין אויסקלײַבן עטלעכע גאַרניטורן מעבל פֿאַר אַלע דײַנע צימערן...

זי האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און האָט בענעדיקטן אַ פּיר געטאָן מיט איר ווייכער וואַרעמער האַנט איבערן פּנים. ער האָט אויסגעכאַפּט אירע פֿינגער אונטער די לאַנגע וואָנצעס און צופֿרידן אָנגעקושט.

— אָט אַזוי פֿאַרשטיי איך... מירן דיר אַרײַנפֿירן די פֿײַנע מעבל און אַלץ, וואָס מ'דאַרף... ס'זאָל שוין זײַן לײַטיש — ווי פֿאַר האַמבורגער פּאַסט! — נאָר דו זאָלסט „אים" אַרײַננעמען אין די הענט... קינדער וואַקסן — שוין צײַט! — בענעדיקט אײַלט מיט ווערטער. — שטיינבערג וויל אָפּקויפֿן דאָס אַסאָבניאַקל, און וועלכן ער וווינט איצטער. איך ווייס דערפֿון — דאָס איז בײַ מיר אין די הענט, דאָס דאַרף געשלאָסן ווערן בײַ מיר אין באַנק...

— ווּעסטו פֿאַרדינען פֿון דעם געשעפֿט, — שמייכלט נינע.

— זײַ ניט קײַן האָזעניצע! איך בעט דיך, ניגעט, פֿונדעסטוועגן בין איך עלטער פֿון דיר... דו זאָלסט האָבן מער סייכל, וואָלסטו פֿאַרשטיין, אַז אונדז שטייט עס ניט אָן... די האַמבורגערס קאָנען נאָך באַשטיין לעגאַבע די גינזבורגס. דו ווייסט, וואָס דער פּאַפּאַ וויל? — אָט דאָס איז דער צווייטער איניען, וואָס איך וויל דיר זאָגן... ווען דו זאָלסט זײַן אַ האַמבורגער, אַן עמעסע האַמבורגער, ניט אַ האַלבע, צי אַפֿ דרײַ פֿערטל — בראַנזבורג...

— בענע־דיקט! לאַכט נינע, — ס'איז גאַנץ פֿריילעך מיט דיר...

— נו, וועל איך מיט דיר ניט ריידן מער. וואָס איז שוין פֿאַראַן צו ריידן מיט דיר? — איך און דער פּאַפּאַ, און אַלע מיר ווילן דעם אָסאָבניאַקל ניט אָפּלאָזן פֿאַר שטיינבערגן — דער גרויסער יִכעס די גינזבורגס!?.. מיר ווילן קויפֿן דעם הויפֿל פֿאַר דיר מיט מאַרקן... פֿאַר אַ „גרויסן" האָקטער, ווי זאָגעבאָטן... עס פּאַסט זיך איינס צו איינס: אַפֿן פֿערטל — אַ פֿײַנע שילד, אַ מאַרמאָר־ברעטל מיט גאָלדענע אויסיעס: „דאָקטער מאַרק דאַווידאָוויטש בראַנזבורג". פֿון אײַזערנעם טויער, וואָס צעעפֿנט זיך ברייט, פֿאָרט אַרויס דער אייגענער שפּאַן... אין הויף איז די שיינע שטאַל פֿאַר די גוטע פֿערד און אַ שיינער קאַרעטע.

נינע האָט געקייַכט פאַר געלעכטער.

— ניגעטשקע, הער אויף די מיידלשע שטיק, הער אויף! מ'רעדט דאָך ערנסט! ניט איך ריידער — די גאַנצע פאַמיליע רעדט! אַלע האַמבורגער! מיר האַלטן, אַז דיר קומט נאָך אַרויס צום נאַרן, דו האָסט זיך נאָך ניט אָפּגעקעלעבט מיטן פּאַפּאַ, ווי געהעריק... און מיר ווילן דיר טאַקע אַ מאַטאַנע מאַכן — מיר האָבן דיך אַלע זייער האָלט. און מאַרק איז אַ גער־ראָטענער, אַ באַגאַבטער, און מיר ווילן ניט, אַז דאָס אָסאָבניאַקל זאָל אַנ־קומען שטייגבערגן—פאַרוואָס אים? זאָל זיין דאָס הויפל פאַר אייך! נאָר מיר ווילן דיינס אַ וואָרט — אָפּ דיינס אַ וואָרט ווי איך רעד ערש־טער, גיב אַ וואָרט, נינעט, אַז דו וועסט ניט לאָזן מאַרקן מאַכן פון דעם הויפל עפּעס אַ מין באַראַקל... מיט זיינע אָרעמע ייִדענעס, מיט די יונג־לעך מיט די טראַכאָמעס און די פּערכלעך...

— פע, בענעק, פע!

— איז — פע... איך פרעג באַ דיר, צו וואָס האָט ער זיך מיטאַמאָל פאַרנומען מיט די טראַכאָמעס און די פּערכלעך, וואָס קיינער צאָלט דערפאַר קיין גראָשן ניט, אַז ער איז נאָר אַן עמעסער ספּעציאַליסט אין „ווענעריטי“—וואָס אַלע רייכע לייט דאַרפן עס האָבן גייטיק... ווער קאָן בעסער באַצאָלן אַ דאָקטער: אַן אָרעמאַן, וואָס דאַרף רייַן מאַכן קינדער־שע קעפּלעך און אייגלעך צוליב אַ שיפסקאַרטע? צי אַ רייכע דאַמע, וואָס דאַרף אַ „לעבער“ צי „נירן“ פירן קיין קאַרלסבאַד, צי קיין מאַרי־ענבאַד?.. ווילן מיר, אַז דו זאָלסט אים טאַקע זאָגן, מאַרקן: גענוג! דו ביסט שוין פּאָפּוליער — ס'קאָן דיר שוין קלעקן אַפּ אַ גאַנצן לעבן... און נעמ זיך צו דיין ספּעציאַליטעט, צו די „ווענעריי“... מיר גיבן אייך אָפּ דאָס אָסאָבניאַקל, מיר וועלן עס מעבלירן, מיר וועלן אַלץ מאַכן, און ער זאָל היילן וועמען מע דאַרף...

— ער היילט וועמען מע דאַרף!..—זאָגט נינע שטרענג, אירע בלויע אויגן ווערן טונקעלער. זי איז אויפגערעגט: — מיין מאַרק היילט קראַנקע! און אַז ער געפינט פאַר נייטיק, שטודירט ער די קראַנקייט, וואָס איז אפילו ניט געווען זיין ספּעציאַליטעט פריִער. און גענוג, בענעריקט! איך גיי אים רופן, און פאַר אים זאָלסטו ניט ריידן... גענוג, אַז איך האָב דיך אויסגעהערט. גענוג! מער וויל איך ניט...

II. „פאָלקס־ביבליאָטעק"

1

צו דער פאַרזאַמלונג וועגנ דער ביבליאָטעק איז דער אַדוואָקאַט נ.מ. שטײַנבערג אַרײַנגעקומענ געהייבנ. ער האָט צו אַלעמענ גאַדלעסדיק געשמייכלט אונ, באַגריסנדיק מיט דער רעכטער האַנט, האָט ער מיט דער לינקער האַנט אָנגעקלאַפּט זיכ אַפּ דער רעכטער ברוסט אונ כאָשעוודיק אָנגעזאָגט:

— אָט דאָ איז שוינ אַלצ פאַרטיק...

— נו־או... א י ר וועט שוינ קריגנ...—האָט יעדערער געװאָלט צו־שמייכלענ זײַנ גרויס בערייִשקײַט, אונ ווײַזנ דערמיט, אַז מע האָט אים גוט פאַרשטאַנענ: די דערלויבעניש אַפּ דער ביבליאָטעק, מיינט ער דאָכ, איז שוינ דאָ בא אימ אינ בוזעמ־טאַש.

אַלס עלטערער קלאַלטוער, אונ דערהויפּט אַלס אַדוואָקאַט, וואָס קענ די זאַכנ, האָט שטײַנבערג געעפנט די פאַרזאַמלונג, אונ אינ זײַנע ערשטע „קורצע פּאָר ווערטער" האָט ער זיכ ברייט צערעדט.

2

האָט ער אָנגעהויבנ. ער גראַטולירט די פאַרזאַמלונג מיטנ גרויסנ „קולטור־יאָנטעוו", מיטנ גרינדנ א ייִדישע געזעלשאַפטלעכע ביליקע ביבליאָטעק. באַמ ייִדישנ פאָלק, באַמ „אַלטנ קולטורעלנ פאָלק", איז נאָר דער יאָנטעוו פונ דער טוירע געקרוינט מיטנ באַגריפ „סימכע"— סימכעס־טוירע"... ניטאָ קיינ אַנדערע אונ קיינ גרעסערע סימכע, ווי די טוירע, די קולטור"...

דער אַרײַנפאָר ניט שלעכט — איז ער אַליינ צופרידנ אינ דער מאַכשאָווע.

...די איניציאַטיוו פונ אַזא ביבליאָטעק —א געזעלשאַפטלעכע, א צוטריטלעכע, א ביליקע, אַנ עמעסע פאָלקס־ביבליאָטעק — די איניציאַטיוו דערפונ געהערט, עמעס, אונדזער יינגערנ קלאַלטוער, דעמ כאָשעווינ דאָקטער מאַרק דאַווידאָוויטש, וואָס וויל אונדזער פאָלק היילנ סײַ פיזיש סײַ גײַסטיק...

נו, געגונ אימ, דוכט זיכ... האָט ער זיכ געהייסנ.

...אומרויער יוגנט, די קינפטיקע קלאלטוער — סלאוואַ באָריסאָווינא, העלענא סאָלאָמאָנאָווגא און בעניאמין מאַרקאָוויטש — האָבן פּראַקטיש געאַרבעט, אויפגעזאַמלט ביכער, געלט...

פֿאָטער מיט זיי אויך... טוט ער אַ בלענצל מיט אַן אויג, און מאַכט גלײַך אַן אומוועסדיק שמייכל און צעשפּרייט די הענט: — ס'איז פֿאַרבליבן נאָר איין קלייניקייט, דאָס שטיקל פּאַפּירל צו קריגן, די דערלויבעניש...

ער באַקומט פֿון בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּיר, טוט דערמיט אַ פֿאָכע פֿאַר די אויגן פֿון די פּאַרזאַמלטע: — אַ שטיקל פּאַפּירל — איין קלייניקייט...

— האָט איר דאָס אויך געקראָגן... — כאַפּט אונטער מייערסאָן.

אַדוואָקאַט שטיינבערג פֿאַרקוועטשט די ליפּן שטאַרק, צעעפֿנט ברייט, ברייט די אויגן און צעשאָקלט דעם קאָפּ, ווי אַ שווערן אומדרו, מעסיק — הין און הער, הין און הער, אַ לאַנגע ווײַלע...

— יאָ! — שיסט ער אויס מיטאַמאָל פֿון די צונויפֿגעדריקטע ליפּן: — געקראָגן! איך האָב דאָס געקראָגן...

אַן איראָניש שמייכעלע גליטשט זיך אַרויס פֿון די אויגן, פּלאָנטערט דורך אַפֿן פּאָנעם און צופּליטערט זיך אויף דער שוואַרצער געדיכטער באָרד, וואָס איז צעקעמט אויף צוויי טיילן אין דער מיט: — איר פֿאַרשטייט דאָך, מײַנע הערן, — אַ געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק איז פּאָסל... אַ ייִדישע ביבליאָטעק — טרייף... אַ ביליקע ביבליאָטעק איז ניט כּשר... קויפֿלט דאָס, זײַט מוחל — האָט איר ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ קוב אין טאַרפּע!.. און אַרום דעם איז צירקולירן און פֿאַרשריפֿטן, עפֿנטלעכע און געהיימע — אַ באַרג! קאָן מען שוין קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַזאַ ביבליאָטעק?.. — ער האָט ווידער געמאַכט אַן אומוועסדיק שמייכעלע:

— נאָר... מיר אַז מע הייסט, דאַרף איך אָפּטאָן.. איך בין דאָך באַם פֿאָלק ייִשׂראל ניט מער, ווי אַ מעשאָרעס... אַ מעשאָרעס טוט, וואָס מע הייסט, כאָטש שפּרינג) אַריבער זיך.

— כאַ־כאַ... — האָט מייערסאָן אָנגעקוואָלן, און מאַנדעלשטאַם האָט צוגעשמייכלט.

— עס קאָנען דורכגיין מאָנאַטן און יאָרן, — האָט ער צוגעגעבן געהויבענער: — יאָרן — און מע זאָל ערשט ניט קריגן אָט דאָס שטיקל פּאַפּירל... אָבער — מע האָט דאָס איבערגעגעבן מיר — מוז איך קריגן!

— אָ־אָט! — האָט ער ווידער א פּאָכע געטאָנ מיטנ פּאפּירל אינ האנט.

מע האָט געפּאטשט בראוואָ, מ'האָט צו אימ געשמייכלט, מ'האָט אימ גערימט, מע האָט אימ געדאנקט.

האָט אדוואָקאט שטיינבערג זײַנע „קורצע פּאָר ווערטער" פאַרענדיקט ניכ: — אינ אדוואָקאט גיט זיכ אנ אייצע: די דערלויבעניש איז אפּנ נאָמענ פונ א פּריוואטער פּערזאָנ, איר פארשטייט, איכ האָב שוינ אליינ אופגעזוכט א יונגנמאנ מיט א „גלאטנ" נאָמענ פארנ גובערנאטער... אונ ער פארשטייט דאפקע א בוכ, אונ וועט זײַנ פּאסנד פאר אונדז... מיסטאמע וועט ער דארפנ זײַנ דער ביבליאָטעקער — מיסטאמע...

די ערשטע נעלויבטע יוגנט האָט א קוק געטאָנ אפּנ ערשטנ גערימטנ דאָקטער בראנזבורג — ווי נעמט ער דאָס אָנ... ער איז געזעסנ אָפּגעקערט זײַטיק.

— אונ אזוי ווי אינ דער דערלויבעניש איז געזאָגט געוואָרנ — דאָס האָב איכ עקסטרע אינ אזא נוסעכ ארײַנגעשטעלט, וואָס זאָל ניט שטעכנ אינ די אויגנ, — אזא נוסעכ:

«И книги по вопросам Юдаики
на разных языках»

וועט מענ שוינ אינ ביבליאָטעק קאָנענ האלטנ אויכ ייִדישע ביכער, כ'מיינ העברעיִשע ביכער, וואָס מער העברעיִש..

— יא! — האָבנ די דערבײַיִקע אזש א קרעכצ געטאָנ פונ היספּײַלעס אונ צופרידנקײַט.—אָט דאָס איז א פוגקט! אונ קאָשער! בראוואָ! בראוואָ!

שטיינבערג האָט זיכ באַשעוודיק צוגעזעצט אונ צו אלעמענ געלויכטנ.

3

דאָקטער בראנזבורג האָט זיכ חאסטיק א קער געטאָנ צומ טיש.

— „יודאיִקי" — איז פארנ גובערנאטער — אז אימ איז ליב... אָבער פאר אונדז: „וואָס מער העברעיִש"... ווער דארפ עס?... — האָט ער ברוגעזדיק געוואָרפנ, — צו וואָס העברעיִשע ביכער?

אדוואָקאט שטיינבערג האָט זיכ גלײַכ אופגעשטעלט, ווי בא אנ אומרויסיגנאל: ער האָט ברייט צעפירט די הענט:

— מארק דאווידאָוויטש! וואָס רעדט איר? די אויצרעס פונ אונדזער גלענצנדנ אָוואר!.. די שפּראכ פונ דער ביבל — די מוטער פונ ביכער,

ווי היינע האָט געזאָגט... די שפּראַך פון געוויזים — געוויזים פון דער מענטשהייט, ווי רענאַן האָט אָנערקענט... די נעשאָמע פון פאָלק... דאָס ליכט פון דער יוגנט...

וואָס מער שטיינבערג האָט געהערט זיין טענאָר־שטים אין פּאַטאָס, און געגלאַנצט זיינע אויגן מיט אויסדרוק פון באַדייטונג, האָט בראַנזבורג אַלץ מער זיך באַוועגט אין אומגעדולד און זיך געקנייטשט.

— עפּשער וואָלט מען זיך בעסער אַראָפּלאָזן צום הויפּעק פון לעבן...

מאַנדעלשטאַם האָט זיך הויך צעלאַכט:—אַדוואָקאַטן לאָזן ניט איין די נעשאָמע... און דאָקטוירים ווילן אָנכאַפּן דעם הויפּעק...

— יע, יע—האָט בראַנזבורג זיך געהיצט,—איר כאַפּט אָן אין אַן אָדער דעם לעבעדיקן בלוט־שטראָם, וואָס שלאָגט, צירקולירט... דאָס איז דאָס לעבן! ניט קיין מוזיי פון אַלטע אַנטיקן, אויסטערלישע אויצרעס פאַר מעווינים. נאָר א ביבליאָטעק פון ביכער אָנגעזעטיקט מיט יואַדעם בלוט, וואָס זאָל צירקולירן, שלאָגן און ווירקן אין לעבן אַריין...

— בראַוואָ! — האָט די יוגנט צוגעיילט.

— זאָלן זיין יידישע ביכער...

— מיינט איר זשאַר־גאָן? — האָט שטיינבערג איבערגעריסן און קימאַט דערשראָקן צעוואָרפן מיט די הענט, אַז די האַרטע בלאַנקענדע מאַנקעטן האָבן זיך מיט א קנאַק אַרויסגערוקט פון די אַרבל פון עם ראָק, אויבעט אופגערודערטע, אָט די האַרטע מאַנקעטן...—זשאַרגאָן?!.. האָט ער נאָך העכער און נאָך מער געשטויגט.

— און אַז איר וועט א דריטן מאָל זאָגן: „זשאַר־גאָן" — וועט איר דערמיט פּאַסלענען א שפּראַך פון מיליאָנען?..

— נו־או־או...—האָט שטיינבערג זיך געקנייטשט אין געקנייטשט,— אויב אַזוי... איז עס דען א שפּראַך? א שפּראַך, ווי איך מיט אייך פאַרשטייען? מיט א גראַמאַטיק... פאַרמאָגט עס דען א ליטעראַטור?.. און ווער לייענט דאָס? ווער לייענט דאָס די מייסע־ביכלעך? — עפּשער— שניידער־יונגען, שוסטאַרעס, אַמעראַצים, א נייטערקע, וואָס טוט אָן שאַבעס א פּאַסטערקע, א הויזמיידל, וואָס וואַרפט אונטער א מאַמזער... איך בעט מעכילע בא די דאַמען — צווישן אונדז גערעדט: דער פאַרברעכערישער עלעמענט...

— דאָס קאָן זאָגן א מענוול...—האָט זיך בראַנזבורג אופגעבאַפּט,

נאָר די פרוי, ניגע, וואָס איז נעבנ אימ געזעסנ, האָט אימ מיט א האנט דאָס מויל פארמאכט אפנ האלבנ וואָרט.

— איכ פראָטעסטיר! — האָט בראנזבורג א קלאפ געטאָנ מיט א האנט אָנ שטול, ווּ ער איז געזעסנ, — איכ — קאָנ דאָס ניט...

— אונ איכ פראָטעסטיר אויכ! — האָט נאָכ העפטיקער א קלאפ געטאָנ מיט א פויסט אָנ טיש בעב גאָלדמאנ, אונ האָט זיכ גלייכ אומגעקוקט אפנ דאָקטער בראנזבורג — וואָס טוט ער ווייטער...

בראנזבורגנ האָבנ שוינ ארומגערינגלט, אויסער זיינ פרוי, אונ דעמ שוואָגער בענעדיקט — אויכ סלאווא באָריסאָוונא אונ העלענא סאָלאָמאָנאָוונא, וואָס האָבנ אימ ניט געלאָזט אוועקגיינ פונ פארזאמלונג, אונ האָבנ אימ אוועקגעזעצט צוריק אפ זיינ אָרט. דעמלט האָט בעב אומגעקערט דאָס פאָנעמ צומ טיש, האָט עטוואָס געבלייכט, אונ מיט א שטימ, וואָס האָט זיכ קעסיידער געהעכערט אונ געהעכערט, ביז עס האָט צולעצט א ריס געטאָנ, ווי פונ עפעס געפלאצט, האָט ער געוואָרפנ צעקאָכט אונ בייזעריק:

— ראבוויסיי!... די שוסטארעס אונ שניידער־יונגעס ארבעטנ אפ אונדז... איכ בינ א... א... (ער האָט געוואָלט זאָגנ א „סאָציאליסט“, נאָר דערזעענדיק אפ דער פארזאמלונג עטלעכע „פרעמדע“, ניט קיינ „אייגענע“ לייט—עפעס נייע „נעגידימלעכ“, האָט ער אפגיכ א זאָג געטאָנ).—איכ בינ א דעמאָקראט... נו, א ראדיקאל, אינגאנצנ א ראדיקאל... איכ זאָג אָפנ: זיי ארבעטנ אפ אונדז... אונ דער אונטערגעוואָרפענער מאמזער, ראבוויסיי, איז אונדזערער!.. דער מאמזער איז ניט דער הויז־מיידלס, נאָר פונ אונדזערע גווירישע באָכערימ!..

א טייל האָט זיכ עפעס אָפגערוקט פונ טיש, ווי פונ שטיינער, וואָס פליִענ גלייכ אינ פאָנעמ אריינ, געצילט פונ דער נאָענט, אונ א טייל — האָבנ זיכ צעלאכט. די לעצטע האָבנ דערנאָכ זיכ אָנגעהויבנ איבערנ טיש אונ צו די ערשטע אינ דער שטיל אונ אינ שמייכל, ווי אינ טרייסט, געזאָגט: — ער זאָגט מיסטאָמע פונ סידער... אז בעב זאָגט, ווייס ער, א מומכע אינ די זאכנ...

דאמענ האָבנ אפ אימ בייזע בליקנ געוואָרפנ, מיידלעכ האָבנ איינגענורעט דאָס גערויטלט פאָנעמ אונ האָבנ עס מיט הענט געקילט.

מאקס שיינפעלד האָט א צי געגעבנ בעבנ פונ טיש — האָט אימ אינ דער זייט געשלעפט אונ געשעפטשעט אונ מיט א פינגער געדראָ־

עט. און בעב האָט געשמייכלט און זיך געבייזערט, און צולעצט האָבן זיך ביידע צופֿרידן צעלאַכט.

באַם טיש האָט זיך איין דער ווײַלע אָפּגעשטעלט בענעדיקט האַמ־בורגער — האָט אַ דריי געטאָן די וואָנצעס און האָט אָנגעהויבן זיכער און פֿעסט:

— מאַרק! וואָס דו פּראָטעסטירסט, איז אַ קלייניקייט! דו ביסט אַ גוטער דאָקטער — אַלע ווייסן דאָס... אַ גוטער דאָקטער! און דו ביסט אַ וואַרעמער ייִד מיט אַ חיים האָרץ...

— כ׳בין ניט קיין וואַרעמער ייִד... — האָט בראַנזבורג געמורמלט.

— און דו האָסט עס אײַנגאַנצן אָפּגעטאָן מיט דער ביבליאָטעק.

— ניט איך... — האָט בראַנזבורג ווידער געמורמלט.

— מיר ווייסן, אַז דו... — האָט בענעדיקט זײַנס גערעדט... — אַ ביב־ליאָטעק פֿאַרן פֿאָלק, ווי דו ווילסט. אַלע ווייסן דאָס... און וואָס דו מורמלסט דאָ באַם טיש פֿון דער זײַט, זײַנען מיר דאָך ניט מעכויעוו צו הערן. בעסער שווײַג, און לאָז מיך ריידן. איך ווייס, וואָס איך רייד. די ביבליאָטעק ווערט געגרינדעט פֿאַרן פֿאָלק, און ראָס פֿאָלק וועט האָבן צו באַדאַנקען דעם דאָקטער בראַנזבורג און דעם אַדוואָקאַט שטיינבערג!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — דערהערן זיך אָפּמונטערנדע שטימען.

— איצטער וועגן די ביכער. מ׳דאַרף דאָך ניט זײַן קיין ייִנגעלע, ווי אונדזער בעב, זאָל ער קיין פֿאַריבל ניט האָבן — אַן אייגענער שטי־פֿער... מיר דאַרפֿן נעמען דעם טאָך פֿון דער זאַך! און דער טאָך איז אַזאַ: זשאַרגאָן איז זשאַרגאָן!.. מאַרק! הער, וואָס איך זאָג... מורמל ניט... און העברעיִש איז העברעיִש! לאָשנקוידעש! וואָס איז זשאַר־גאָן? זשאַרגאָן. מער ניט ווי זשאַרגאָן... אָבער וואָס איז לאָשנקוידעש? לאָשנקוידעש דאָך! לאָ—שנ—קוי—דעש!..

אַדוואָקאַט שטיינבערג, וואָס איז געווים אַ מיווין אָפּ אַ געראָטענער רעדע, האָט דער ערשטער געפּאַטשט „בראַוואָ”.

— און נאָך דאַרף מען צוגעבן, — האָט זיך דאָקטער קאַפּלאַן אויפֿ־געהויבן אַזוי בעקאָוועדיק, יוכטיש, ווי ער וואָלט זיך דאָ אַרײַנגעזעצן אין זײַן אייגענעם שפּאַן, — לאָשנקוידעש איז ניט נאָר לאָשנקוידעש, וואָס האָט אַלײן האָט אַ גרויסע באַדײַטונג, נאָר דאָס איז אויך די שפּראַך פֿון דער נאַציע... אַ נאַציע מיט אַ שפּראַך, מיט אַ ביבל, מיט

גשווינם... און זשארגאָן איז ניט נאָר זשארגאָן, נאָר ס'איז גאָר קיין שפּראַך ניט...

נאָכן „בראַוואָ", האָט זיך אויפגעשטעלט מאַנדעלשטאַם און האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט גאָלדענע רינגען, האָט אויסגעגלאַנצט מיט די גאָלדענע ברילן און אויסגעפינקלט מיט די צוויטיקע גאָלדענע ציין אין צעעפנטן מויל:

— געערטע דאַמען און הערן! איך בין ניט קיין אַדוואָקאַט, קיין יוריסט, וואָס קוקט זיך איין אין דער געשאַמע...

שטיינבערג האָט אים פריינטלעך צוגעשמייכלט.

— און איך בין ניט קיין דאָקטער, וואָס האַלט פאַרן דויפּעק...

בראַנזבורג האָט זיך נאָך מער אָפּגעקערט פון טיש און איז שוין אויסגעקומען קימאַט נאָר מיט דער פּאָטיליצע צום אוילעם.

— איך בין אַ געלערנטער לעסאָוואָד — דאָס איז אונדזער טיטל, וואָס מיר באַקומען באַם ענדיקן אונדזער אינסטיטוט, דעם וואַלד־אינסטיטוט. באַ אונדז איז דער איקער — די סוויווע, דער קלימאַט! מיר קוקן ניט דערויף, וואָס ס'איז געווען, נאָר וואָס עס קאָן אויסוואַקסן אין דער סוויווע, ווי ס'קאָן אויסבליִען באַ אַזאַ קלימאַט... איך מיין, איך וואָלט זיין קעגן זשאַרגאָן — וועגן דעם איז אָפּגערעדט... און אויך קעגן לאָשנקוידעש עפּשער... איך בין אין דעם פּראַט, ווי אַלע־מאָל, אַ קאָסמאָפּאָליט... איך בין פאַר איין שפּראַך — די רוסישע, די שפּראַך פון דעם היגן קלימאַט...

— דאַרפט איר זיין פאַר אַנטאָנאָווקער עפּל דורכויס... ניט פאַרזוכן קיין קרימער פּרוכטן... ניט אַנדער קלימאַט...—האָט בעב אַפן קאָל געלאַכט.

— איך וואָלט מיין אָפּאָנענט זייער ליבט אָפּגעענטפערט, — האָט מאַנדעלשטאַם עטוואָס אַ קער געטאָן דאָס פּאָנעם צו בעבן, — נאָר איך וויל ניט אָפּנעמען ציַיט באַ דער געערטער פאַרזאַמלונג... — ער האָט מיט די גאָלדענע ברילן אַ בלענצל געטאָן, ווי איינער, וואָס וואַקלט אויף אַ וועלע איבערן וואַסער, איידער ער זינקט אַראָפּ... ער האָט זיך, ווי ניט געוואָגט, אַראָפּגעלאָזט אויף זיין אָרט.

— איך בין אויך גאָר פאַר רוסיש, — האָט מייערסאָן עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעשטעקט זיין שוואַרץ־קאַנטיקע באָרד, — צו וואָס דאַרפט איר דעם „קלאָפּאָט": צי די שפּראַך, צי יענע שפּראַך?

רוסיש — איז אַן קלאַפּאָט... יעדער ייִד דאַרף אַביסל רוסיש. מ'טוט דאָך דאָס פאַר ייִדן!... פאַר וועמען עפענען מיר אַ ביבליאָטעק — אַ ביבליעקע, אַ צווייטלעבע, מיט אַלע פּריווילעגיעס? פאַרן ייִדישן פאָלק! איז גיט אים רוסישע ביכער. וואָס אַנדערש?..

— איך בעט אַ וואָרט! — האָט אַפּרײַער אָנגעזאָגט און אַ דערלויבעניש געבעטן, ניט גלאַט גענומען און געזאָגט — אַשער מערקין פון ברעג טיש.

— אדרבא! אדרבא! — האָט אויפגעמונטערט שטיינבערג — דער לערער מערקין האָט דאָס וואָרט!

— ווי איך האָב זיך נאָר דערוווּסט וועגן דער גוטער איניציאַטיוו פון ד"ר בראַנזבורג.

— ניט מײַן איניציאַטיוו...—האָט בראַנזבורג זיך געדרייט אויפן שטול.

— האָב איך גלייך גענומען טאָן און ריידן וועגן דעם... כ'האָב אַפילו געמיינט צו נעמען אויף זיך די פליכטן פון אַ ביבליאָטעקער... נאָר איך האָב אָנגענומען אַ שטעלע אין דער אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט „יאַקאָר"...

— זייער פײַן פון דײַן זײַט...—פּאַטשט אים בעבער איבערן פּלייצע. מערקין שמייכלט צו און אײַלט שוין צעטומלט:

— לאַשנקווידעס לערנט מען, קעדיי דערנאָך צו פאַרגעסן — איינס. לאַשנקווידעס איז—כּמעש, לאַנג „והוא רחום" פאַרדרייט מיט רעצועס...

— אַ פײַנער לערער!..—האָט שמיינבערג אומצופרידן איבערגעריסן.—
אַ סטראַכיר־אַגענט קען שוין דעם עמעס זאָגן...—האָט בעבער געלאַכט.

— צו וואָס לערנט איר קינדער העברעיִש?—

— דאָס איז בײַ ייִדן אַ קינדער־קראַנקהייט, וואָס מע קרענקט איבער...

— דאָקטוירים מיינען, אַז עס איז בעסער לעכאַטכילע ניט צו קרענקען...

— וואָלט איך עפּעס געפעלן!.. —האָט מערקין אָפּגעוואָרפן, — און צוריק: אַז ייִדן זאָלן טאַקע „יאָכלען" גוט העברעיִש, איבערלייענען יל"גס „קוצו של יוד", סמאָלענסקינס „התעה" און ליליענבלומס „חטאת נעורים", וואָלטן מיר שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן פון אַ סאַך פאַנאַטיזם...

און אזוי קומט אויס — זשארגאָן: „דער יידישער ערעוו פּייסעך", „דאָס פּוילישע יינגל"...

בעך האָט אים אָנגעכאַפּט פֿארן קליאַפּע: — איז פֿאר וואָס פּאָרט ביסטו?..

— איך בין פֿאר אלץ... נאָר — אנטקעגן קאַלטענעס, אײַנגאָרע שפּרעכן, „לאנג „והוא רחום". איך בין פֿאר „מוקצע" און פֿאר „יעי־צערהאָרע"...

— טפֿרו... — האָט אים בעך אָפּגעשטעלט.

שטיינבערג האָט מיט א געצוווּנגענעם שמייכל גענומען רעזיומירן:

— דער לערער מערקין, וואָס ווייס די ליטעראַטור, איז נאָר קעגן פֿאנאַטיזם. אָבער ער קאָנסטאַטירט דעם ווערט פֿון העברייִשע ביכער, ווי ער האָט אָנגערופֿן א ריי קלאַסישע ווערק... נאָר...

— דער פֿאנאַטיזם איז איצט ביכלאל שוואַכער... — האָט בענעדיקט באַמערקט.

— ס'הייבט זיך ניט אָן... — האָט מערקין אָנגעכאַפּט — מאַנידירט..

— טרײַבט ניט איבער, — האָט שטיינבערג איבערגעריסן שטרענג: נאָר אָן רעליגיע איז אומעגלעך א פֿאָלק, ווי א מעדינע — אָן א קאָדעקס... דער האַמוין איז געניטיקט אין מאָראַלע צוימען...

— או — או!.. — האָט בראַנזבורג עפּעס ביז אויסגעהויכט. און שטיינבערג, וואָס האָט אף אים שטענדיק אכטונג געגעבן, האָט גיך אָפּגעוואָרפֿן די טעמע.

— אלזאָ, געערטע פֿארזאַמלונג — נאָך דער קאָמפּעטענטער עקספּערטיזע וועגן די קלאַסישע ווערק אין העברייִש, וואָס קאָנען נוצן אפֿילע אנטקעגן פֿאנאַטיזם, בלײַבט, אלזאָ, אז העברייִש איז אָנגענומען...

— וויאזוי בלײַבט? — האָט בראַנזבורג שטרענג געפֿרעגט.

— איך האָב א פֿאָרשלאָג, — רופֿט זיך אָפּ מאַקסים שיינפֿעלד, — א בוכהענדלער ווייסט, אז א בוך איז אף יעדער שפּראַך א סכוירע, אבי די צענזור האָט דורכגעלאָזט... זאָלן זײַן אלע: רוסיש, העברייִש, און זשארגאָן אויך...

— מירן טאָג א צוליב מארקן, — מאכט בענעדיקט מיט א נעפּיל פֿון א נאָענטן קאַרעוו. און דערנענטערט זיך צו בראַנזבורגן און רעדט אים אײַן אין דער שטיל, אז ער זאָל ניט דערוויערן: ס'פּאַסט ניט, קעגן העברייִש...

ווילט מענ א קאָמיסיע, וואָס זאָל אָפקלייבנ ביכער, אכטונג געבנ אפ דער ביבליאָטעק: דאָקטער בראנזבורג, סלאווא באָריסאָוונא אונ...

— בלומ!—רופט אָנ סלאווא באָריסאָוונא.

— דאָוויד באָריסאָוויטש! — כאפט זיכ אָנ בראנזבורג אונ די פרוי זײַנע. זיי האָבנ געקענט בלומענ שוינ א לענגערע צײַט. ער האָט זיי געהאָלפנ צו אָרגאניזירנ גרופעס פאר זעלבסטבילדונג, היימישע רעפעראטנ אונ לעקציעס אפ נאטור־וויסנשאפטלעכע אונ געזעלשאפטלעכע טעמעס, קאָלעקטיווע אפ אויסצושרײַבנ זשורנאלנ אונ טײַערע ביכער. בראנזבורג ווייס, אז דער אופטו ווענג אזא ביבליאָטעק געהערט נאָר בלומענ — ער האָט עס איינ א געשפרעכ צוגעוואָרפנ אזא אידיי.

— דאָוויד באָריסאָוויטש בלומ!—רופט ער אויס.

— וואָס איז דאָס פאר א בלומ?—פרעגט זיכ נאָכ שטיינבערג.

— א דעמאָקראט, — שמייכלט עפעס מערקינ.

— א דע—מאָ—קראט,—כאזערט איבער מאנדלשטאמ, — א'—הא יענער... — אונ ער ווענדט זיכ צו סלאווא באָריסאָוונא. — דער וואָס... דעמלט בא אײַכ...

זי שאָקלט נאָר צו מיטנ קאָפ אונ אײַלט צו שטיצנ דעמ פאָרשלאָג:

— דאוויד באָריסאָוויטש בלומ!

— אָנגענומענ! — שמייכלט צו שטיינבערג. — וויבאלד איר זײַט דערפאר...

— אָט איז א צעטל,—האָט בעב אָנגעזאָגט געהויבנ,—א רעשימע פונ ביכער, וואָס איכ אליינ האָב צונויפגענומענ.

— דאָס וועט איר שוינ דורכריידנ מיטנ דאָקטער בראנזבורג — האָט שטיינבערג געײַלט, — מארק האווידאָוויטש וועט שוינ אלצ באַזאָרגנ... איכ האָב אײַכ די ביבליאָטעק געעפנט, אונ איר פירט זי נאָר, אז מ'זאָל עס ניט פארמאכנ... די זיצונג איז געשלאָסנ.

III. גייענ וואנדערער

1

די ביבליאָטעק האָט זיכ גיכ אָרגאניזירט. בעב האָט כיישעק צו רודערנ, אופכאפנ וואָס א גרעסערנ פלאנ, זיכ שטעלנ ברייט אונ מיט

גאָרלעמ פאַרטומלענ אַנדערע אונ — אָפּברענענ אינ שאָענ אונ אינ טעג קורצע...

אויפגעזוכט א לאָקאַל, וואָס איז אימ געפעלנ געוואָרנ, האָט ער גלייַכ א שאָקאָלאַדל אַרייַנגעוואָרפנ זיכ אינ מויל אַרייַנ, מעכאַבעד געווענ פייגינענ דעמ ביבליאָטעקער אונ אויכ דעמ באַלעבאָס פונ הויפ. אונ צוגעשמייכלט גנייוועדיק מיט די פולע באַקנ, האָט ער פונ א קליינ אויבערשטנ וועסטל-טעשל מיט צוויי פינגער קוימ אַרויסבאַקומענ עטלעכע צונויפגעדרייטע אַסיגנאַציעס, פאַרשטעקטע ווי פאַפירלעכ פונ אויסגעהוילטע קאָנפעקטלעכ. האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א רויטע צענרובלדיקע אונ א וואָרפ געטאָנ צומ באַלעבאָס:

— אונ שרייַבט אָנ א קאָנטראַקטל... אויב איר גלייבט ניט אפ זייַנ נאָמענ, — האָט ער אָנגעוויזנ אפ פייגינענ, — איז שרייַבט אפ מייַנ נאָמענ... איכ קאָנ באַשטיינ אייַערע פאַר רובליאַקעס דירעגעלט....

אונ ער האָט זיכ צעלאַכט: אָנטרויענ בעבנ, גאָלדמאַנס זונ...

פייגינ, אינ אָרעמקייט א דערשלאָגענער, האָט געשטיקט אינ זיכ זייַנ פאַרוווּנדערונג אונ, צוריקגייענדיק מיט בעבנ, האָט ער נאָר מיט די אַקסלענ געצויגנ אונ געשוויגנ.

— וואָס זאָגט איר, פייגינ? — האָט דערפאַר בעב גערעדט צופרידנ. — וואָס זאָגט איר, ווי איכ מאַכ געשעפט? דער כאָסיד האָט, אַפּאָנעמ, קיינ כיישעק ניט געהאַט צו פאַרדינגענ די דירע פאַר א ביבליאָטעק... האָב איכ אימ גלייַכ פאַרבלענדט מיטנ צענערל... אונ די ביבליאָטעק וועל איכ דאַפקע האַלטנ אָפנ שאַבעס... אונ זאָל ער מיר כאַראָטע האָבנ — דעמ קאָנטראַקטל האָט ער מיר אונטערגעשריבנ... איר פאַרשטייט, פייגינ, שאַבעס זייַנענ באַלמעלאָכעס פרייַ פונ אַרבעט, אינ ערגסטנ פאַל וועט איר אָפיציעל האַלטנ פאַרמאַכט דעמ פאַראַדאַרייַנגאַנג, אונ מ'וועט צו אייַכ גייַנ דורכנ הויפ מיט דער אַנדערער טיר... כאַ-אַ-כאַ! בעניאָמינ מאַרקאָוויטש האָט א קאָפּ!

— עפּשער א צו גרויסע דירע — דרייַ גרויסע צימערנ.

— דאָס וויל איכ פאַר אייַכ דאָרטנ מאַכנ א דירע: אונ קומט אַנ אַרבעטער באַנאַכט נאָכ דער אַרבעט בייַטנ א ביכל, זייַט איר דאָ אפנ אָרט.

— איכ האָב דאָכ א דירע...

— זייַ ניט קיינ פעטעכ!.. — האָט ער אויפגעהערט צו אירצנ פאַר א זאַ

נארישקײט, — ער לאזט זיכ נאכ בעטנ!... איכ גיב אימ א דירע אינ צענטער שטאט...

— סײדנ די שוועסטער.. זי זוכט א צימער אינ צענטער... א גײטערנ.

— נואו, פעטעכ... אז בעכ טוט, איז געטאנ! דו מיט דער שוועסטער, דארפט איר זיכ באזעצנ אינ א צימער דא. איכ לאז אײכ אויסהענגענ א שילד צומ גאס — געפויעלט בא מיר... נא, נעמ שוינ! — האט ער אימ ארײנגעשטעקט א קאנפעטל אינ מויל ארײנ.

—אומלעגאלע ליטעראטור — אינ אייסלאנד געדרוקט, צי דא ערגעצ אינ א געהיימער דרוקערײ — איר ווייסט פונ אזעלכע ליטעראטור? דארפ מענ דאס אויכ געבנ לייענענ... אײער קווארטיר דארפ זײנ אינ ביבליאטעק... איכ פארנעמ א זאכ ברייט... נו, פארשטאנענ? נאט אײכ נאכ א קאנפעטל....

איז שטיינבערג געווענ זייער צופרידנ, וואס זײנע „ווײטע פאר־וואנדטע", מ'זאגט שוועסטערקינדער ארעמע, האבנ זיכ גוט אײנגעארדנט צוליב אימ... דער באכער מיט א שטעל בא דער ביבליאטעק, אונ דאס מיידל מיט א נייווארשטאט אינ צענטער־שטאט. ער האט זיכ אפילע באריימט פאר דער פרוי: — „וואס זאגסטו, געשטעלט זיי אפ די פיס — מיט איינ פאפירל! זיי באזארגט — אונ רויק אויכ פונ דער ביבליאטעק — זאל בראנזבורג...

בראנזבורג איז אפ דער דירע מאסקימ געווענ. א דירע באוונדער — וועט נוצנ פאר גרופעס לערנענ, אינ לעצטנ צימער, ווו די שוועסטער, א פארטראג האלטנ פאר אפגעקליבענע לייענער, נאר — קיינ אומלעגאלע ליטעראטור ניט: די ביבליאטעק זאל מענ היטנ, ניט טרייפ מאכנ. ער האט פייגינענ אנגעזאגט שטרענג, ער זאל ניט הערנ „דעמ ווינט" — בעבנ... ער איז אבער מאסקימ געווענ מיט דאווידס מיינונג, אז מע דארפ צו פייגינענ אינ זײנ צימער אופזאמלענ פונ שטאט די „פארבאטענע" ביכער אונ זשורנאלנ, וואס זײנענ אמאל געדרוקטע געווענ קאשער, אונ זײנענ דערנאכ ערשט אויסגעשטראכנ געווארנ פונ די ביבליאטעק־קאטאלאגנ... האט פייגינ די „פארבאטענע" ביכער ניט ארײנגעשריבנ אינ קאטאלאג, געהאלטנ גאנצ פריוואט א ביסל אינ זײנ צימער אונ א ביסל — אינ די שופלאדנ אינ לעצטנ צימער בא דער שוועסטער.

דאָוויד האָט פייגינענ באַקאַנט מיט איסאַקנ און מיט באַנקענ אונ אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלנ אים אָנווײַזנ ווענ ער וועט קאָנענ, ניט פאַרשריבענערהייט, אַרויסגעבנ אָט די „פאַרבאָטענע" ביכער.

פונ א פּאָר לענגערע געשפּרעכנ מיט דאָווידנ אונ דערהויפּט, צו־זעענדיק אָפּט, ווי דאָוויד פאַרברענגט מיט א לייענער — אַזוי פאַר־בײַגייענדיק — וועגנ בוכ, וואָס ער ברענגט אָפּ אונ וועגנ בוכ, וואָס ער לייגט אים פאָר, — האָט פייגינ זיכ אָנגעשטויסנ, וואָס הייסט א „געזעלשאַפטלעכער" ביבליאָטעקער, וואָס ניט נאָר ער דערלאַנגט, נאָר ער רעקאָמענדירט דעם לייענער דעמ בוכ.

2

סלאַווע האָט זיכ באַגעגנט מיט דאָווידנ אינ ביבליאָטעק אויסשרײַבנ א רעשימע נײַטיקע ביכער. פייגינ האָט זיי דורכגעלאָזט אינ זײַנ צי־מער, האָט צוגעמאַכט די טיר, קיינער זאָל זיי ניט שטערנ. סלאַווע האָט מיטגעבראַכט פונ מאַקסימ שיינפעלד א פּעקל קאַטאַלאָגנ פונ די נײַסטע אויסגאַבנ. זיי האָבנ באַשלאָסנ אויכ אויסצושרײַבנ עטלעכע נײַע זשורנאַלנ, באַקענענ די לייענער מיטנ „הייסנ שטראָמ פונ דעמ בלוט־צאַפּלדיקנ צײַט־פּולס"...

— מ'קענ פייגינענ אָנווײַזנ אינ וואָסער העפט פונ וועלכנ זשורנאַל ס'איז דאָ א פּאַסנדע דערציילונג, אנ אַרטיקל, אונ ער וועט עס שוינ רעקאָמענדירנ: „לייענט דורכ" — „ס'איז אינטערעסאַנט"...

דאָוויד איז געזעסנ אָנגעבויגנ, געלאָזט זײַנע קאַרע אויגנ זיכ אַרומיאָגנ איבער צענדליקער אויסגעשפּרייטע קאָלירטע קאַטאַלאָג־בלעטלעכ. סלאַווקע האָט זיכ צו אים צוגערוקט, אַמאָל זיצנדיק און אַמאָל אופשטעלנדיק זיכ, אָנגעלענט אָפּ זײַנ אַקסל און האָט זיכ גע־פרייט — מיט יעדנ נײַעמ אײַנגעשריבענעמ בוכ, ווי מיט א נײַעמ ציגל אינ א בנינ אײַנגעמויערט.

— זייער גוט אויסגעטאָנ!... — האָט זי געריימט אימ אינ אויער ארײַנ — א ביבליאָטעק — איז א צענטער! איכ האָב שוינ געקראָגנ נאָכ אנ עקזעמפּליאַר «Лес рубят, щепки летят»· דער איינציקער, וואָס איז געווענ, איז שטענדיק פאַרנומענ... דאָס איז פונ די „פאַרבאָטענע" דאָכ... דאָוויד! פייגינ זאָגט, אַז א ריי לייענער בעטנ, מ'זאָל זיי מער עפּעס דערקלערנ וועגנ דאַרוויניזמ... עפּשער א שמו־

עס? א רעפּעראַט? אונדזער ביבליאָטעק וועט ווערן אַן אוניווערסיטעט פאַר זעלבסטבילדונג און אַנטוויקלונג אין אַ באַשטימטער...

דאַוויד האָט צו איר די אויגן אַ קער געטאָן און דערזען, אַז זי איז רויט געוואָרן, זיך פאַרשעמט פאַר אירע אייגענע היסעלעס.

זי האָט לייכט אויסגעשפּרייט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

— פון שטיינבערגס זיינען מיר שוין פאַטער — ער קוקט ניט אַריין אַהער... און גאָלדמאַן בעב האָט זיינס אָפּגעטומלט, און — געגאַנגען... ניטאָ.

— זעלטענע ניע ביכער, — האָט דאַוויד געטייטלט מיט אַ פינגער אין די קאַטאַלאָגן, און האָט זיי שנעל אַריינגעשריבן אין רעשימע: — מיטאַמאָל זיך באַוויזן, ווי מע וואָלט פון ערגעץ אַ קוואַל געעפנט...

זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן נעענטער און האָט מיט איר הייסן אָטעם די האָר אויף זיין קאָפּ געשויבערט.

ער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פון טיש, באַלד האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט פאַרקלענערט דאָס לינקע אויג, קימאַט צוגעמאַכט, צונויפגענומען קנייטשן צווישן די ברעמען, און האָט אין דער זייט, ווי צו עמעצן, אָפּגעצויגן אַרויסגעזאָגט: „גייען וואַנדערער אין אַ וועג — ניט אַלע גייען גראָד אַזוי, און ווייט"...

סלאַווע האָט עפּעס פאַרייבלדיק די לאַנגע ברעמען אַראָפּגעלאָזט.

ער האָט אַ שפּריז געטאָן איבערן צימער, דעם קאָפּ געבויגן...

...גייען וואַנדערער אין אַ וועג. — איינער גייט נאָר ביז אַ נאָענטער סטאַנציע... און אַן אַנדערער שפּאַנט דורך שווערע סטעפּן — ביזן ווייטן סיביר... האָט ער פאַר זיך פאַרטראַכט אַרויסגעזאָגט אין שפּאַנען.

— זיי זיינען דאָ, — האָט זיך אין דער געעפנטער טיר אַריינגערוקט מערקין. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט צו סלאַווען, וואָס האָט שוין גענייגט אויפקלייבן די קאַטאַלאָג־בלעטלעך און די רעשימעס.

— פייגין האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט דאָ. איך קום אויך אַריין אָפּט. אַי, איז דאָס אַ ביבליאָטעק! נאָט אייך די לעצטע ציפערן. זיינען דאָ 236 לייענער, דערפון 167 אַרבעטער, די איבעריקע עקסטערנע. 60 לייענער באַקומען ביכער אָן גרוועס־געלט. נאָר אַפּ בעטובעס־צעטלעך: דאָקטער בראַנזבורגס און דיינע — אַ גרויסער בעטועך געוואָרן בלומ! מיינע אויך: איך שיק צו אַ יעשיווע־באָכער

און היים אים געבן דעם „חטאָם נעורים" — מיין „חטאָם נעורים" אָפּגעגעבן אהער. איך שרייב אָן א גרויסע קאָרעספּאָנדענצ...

— נאָר ניט שרייבן, — האָט אים דאָוויד געוואָרנט.

— און שטיינבערג האָט מיך שוין געפרעגט, צי האָב איך געשריבן, און בעט מיינט אויך, אז מ'האָרפ אָנשרייבן, עפּעס דארפ מען שרייבן... כ'פארשטיי, די „טרייפע" פראָטים פארשוויין...

— פארשווייגן איינגאַנצן — געזונטער...

— בראנזבורג האלט אויך, אז מ'דארפ ניט שרייבן. איז נאָר ניט שרייבן? א שאָדן! עס וואָלט זיין א פיינע קאָרעספּאָנדענצ פאר א ליבעראלער צייטונג.

דאָוויד האָט זיך מיט אים געזעגנט.

— א שאָדן, וואָס אָן מיר האָט איר געמאכט די רעשימע. כ'וואָלט ארייננשרייבן די „יעפּארכיאלני וועדאָמאָסטי", כי-כי — „זשיטיא סוויאטיכ"... און עפּעס דראָשעס אפ אלע שאבעס צו דער סעדרע פון דער וואָך, — אין זשארגאָן — צו פארשטאַרקן דעם דאָס (דת) באמ האמוינ.... — האָט ער פארענדיקט מיט א מאגידישן ניגן...

סלאווע איז ארויס פון צימער.

מערקין האָט פארהאלטן דאָווידן:

— זאָג מיר, ווו איז בעב פארפאלן? מ'זאָל בעבן ניט הערן, שוין א פאָר וואָכן!... כ'מיין, אז ער וואלגערט זיך ערגעצ בא מיידלעך...

דאָוויד איז שנעל אוועק, נאָר מערקין האָט עטוואָס שטייפער צוגעמאכט די טיר און האָט מיט האנאָעדיקן שמייכל געשאָטן:

— זאָג, בעב האָט דיך נאָך קיינמאָל ניט מעכאבער געווען מיט א מיידעלע?... ווייל דו ביסט א באטלען!... מיך איז ער אָפט מעכאבער — ער צאָלט אָפּ...

דאָוויד האָט זיך א ריס געטאָן.

— ער רייסט זיך, ווי פון א פענטע, מ'זאָל מיט א מענטשן ניט קענען היידן. ווי געפעלט דיר פייגינס שוועסטער? א טייערע מיידעלע. איך האָב אָנגעהויבן אריינצוגיין צו איר אָפט... ליזעלע איז א ביסל שענער... עפּשער... וואָס זאָגסטו, ליזעלע וויל טאקע באסענע האָבן מיטן „קאלטן" פילאָסאָפ?...

דאָוויד איז שוין געווען אפ יענער זייט טיר. ער האָט אויסגעשפּיגן מאָדנע אופגעבראכט, און האָט געיילט אָניאָגן סלאווען.

3

צוזאַמענ זײַנענ זײ אַוועק פּאַמעלעכ. דאַוויד האָט פאַרױכערט. סלאַווע האָט צוגעקוקט א ווײַלע, נאָר באַלד האָט זי אַפּגעקערט דעמ קאָפּ און איז אַוועק, שווײַגנדיק און שטיל.

אינ א היפּשער ווײַלע אַרומ האָט זי ווי פונ דער מאַכשאַווע אינ דער שטיל אַרויסגעזאָגט: „גייענ וואַנדערער אינ א וועג"...

דאַוויד האָט דעמ קאָפּ אַראָפּגעלאָזנ.

— „גייענ וואַנדערער אינ א וועג"... — האָט זי נאָכאַמאָל אַרויס־געזאָגט אינ קלעמ.

— צו וואָס כאַזערט איר דאָס אײַנ? — האָט ער מער געבעטנ, ווי געפרעגט. ער האָט זיכ געפילט ניט אַזוי שולדיק, ווי פאַרדראָסיק אָפ זיכ אַליינ: ער האָט דאָכ איר ווײ געטאָנ.

— מ'דאַרפ ניט כאַזערנ, — האָט זי די לאַנגע ברעמענ אַראָפּגע־לאָזט ווי א פאָרהאַנג איבער אויגנ פאַרטונקלטע, — אײַערע ווערטער זײַנענ גוט געשליפנ, זיי זעצנ זיכ אײַנ אינ געדעכעניש, ווי שטיינדלעכ אײַנגעפּאַסטע.

— איכ מיינ, אַז ניט ווי בריליאַנטנ... — האָט ער געוואָלט א שפּאַס מאַכנ.

נאָר סלאַווע איז נאָכ ערנסטער געוואָרנ. קרענקלעכ ערנסט.

— בריליאַנטנ אינ לעבעדיקנ לײַב אײַנגעפּאַסט שנײַדנ עפּשער נאָכ מער...

זי האָט אירע ליפּנ צונויפגעדריקט געשלאָסנ, און אירע ברעמענ האָבנ געפלאַטערט איבער די אויגנ, וואָס האָבנ שטאַר זיכ אומגעקוקט אינ גאַנ אַרומ.

דאַוויד האָט מיטנ שטעקנ שטאַרק א קלאַפּ געטאָנ אינ ברוק.

זי האָט זיכ א טרייסל געטאָנ, האָט זיכ האַסטיק אומגעקערט צו אימ, און אָנגעקוקט זײַנ פאַרקלעמט פּאָנעמ מיטנ ווייטיקנייטש אינ ווינקל פונ זײַנע ליפּנ.

— דאַוויד, מירנ אַרײַנגייִנ צו אונדז א ווײַלע?

— סלאַווע... — ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט. — סלאַווע!

זי האָט צוגעקוקט און געוואַרט.

— סלאַווע, איכ האָב ניט ליב צו אײַכ צו גיינ...

— איז קומט צו אײַכ... — האָט זי פאַריבלדיק אונ בייזערדיק אָפּ גיכ אַרויסגעזאָגט, — איכ וויל גייענ צו אײַכ, אונ איר צו מיר ניט?.. קומט צו אײַכ... איר ווילט דאָכ גייענ גראַד אונ ווײַט... דורכ אַלע שווערע עטאַפּנ — ביז ווײַטנ סיביר... עפּשער גייט איר נאָכ ווײַטער...

אירע ליפּנ האָבנ זיכ שנעל באַוועגט, אונ די אויגנ האָבנ געבליצט מיט אויסגעקרימטע בליצנ, וואָס לעשנ זיכ דאָ אונ פלאַמענ אופּ דאָרטנ. איר שטאָלצ האָט זיכ, ווי אַנ אָנגעפּרעסטע פּרוזשינע, שנעל אַ ריס געגעבנ זיכ אויסצוגלײַכנ...

— גייענ וואַנדערער אינ אַ וועג... אונ איינער ווייס ניט, ווי ווײַט דער אַנדערער גייט... אָט זײַנענ מיר שוינ באַם שטאָטזייגער — דאָ איז, אַפּאָנעם, מײַנ סטאַנציע, אונ מיר צעזעגנענ זיכ... פונדאַנענ גיי איכ אַוועק צו מײַנע אינ די אויבערשטע גאַסנ, אונ איר — צו אײַערע — אינ די אונטערשטע גאַסנ... אַ סטאַנציע... אַדיע?..

ער האָט איר האַנט פאַרהאַלטנ אינ זײַנער, אונ האָט צו איר מיט גרויסע קאַרע אויגנ געקוקט. אויגנ שטומע, באַ וועלכע עס האָט אַקאַדעשט ערשט דאָס לאַשנ אָפּגענומענ: אינ זיי האָט נאָכ אַ לעבעדיק פונק געצאַפּלט אונ געוואָלט רעדעוודיק ווערנ.

איר ענלבויגנ האָט אינדערלופטנ געציטערט.

ער האָט זי אָנגענומענ פאַרנ ענלבויגנ אונ האָט איר אינ דער שטיל נאָכגעפירט ביז צום וואַל. דאָרטנ אַפּ אַ נידעריקנ בענקל אָנ אַ ווענטל האָבנ זיי זיכ ביידע אַראָפּגעלאָזט אונ זײַנענ שווײַגנדיק געזעסנ. לאַנג אָנגעקוקט אינ דער ווײַט אַפּנ דניעפּער, וואָס האָט אינ זײַנע רויִקמאַטע וואַסערנ אַנטקעגנ דער זונ ווייניק זיכ געקימערט, וואָס מענטשנ האָבנ אַ גרויס געפּילדער אופגעהויבנ אַפּנ ברעג באַ אַנ אָנגעלאָדענער לײַבע, ווי אַ צעשפּרייטע זשאַבע מיט אַנ אַראָפּגעריסענעמ רוקנ, אונ מע האָט פונ די אינגווייניקסטנ געצופּט אונ געשלעפּט זעק אונ פּעק — געײַלט אָנצוגרייטנ פאַרנ ווינטער.

דאָוויד האָט ווידער געריכערט אונ מיטנ שטעקנ ליניעס געצייכנט אינ זאַמדיקנ גרונט: אַ לאַנגע ליניע אונ אַ קורצע, אַ לאַנגע אונ אַ קורצע.....

זי האָט באַ אימ דעמ שטעקנ פונ האַנט גענומענ אונ מיט האַסט אַלע קורצע ליניעס דערפירט אינ איינ לענג, אונ זיי צוזאַמענ פאַריייניקט.

דאָוויד האָט געשמייכלט.

— סלאַווקע! מיר דוכט, איר זײט שוינ ניט בארויגעז... ס'האָט שוינ אינ אײנ דערוואַכט דער מיידלשער קאַפּריז — מאַכנ אַלע ליניעס גלײכע.

זי האָט געשוויגנ.

אַ גרויס פײגעלע איז פונ ערגעץ צוגעשפּרונגענ, אַ קלײנס, אַ צאַפּל־דיקס, האָט אינ קלײנע שפּרינגעלעכ, הײפּנדיק אַ ווײלע אומגעפּלאָ־טערט ארום די לאַנגע שמאָלע נעזלעכ פונ סלאַוועס לאַקירטע שיכלעכ. האָט זיכ אינ פלאַטער צוגעשטעלט, מעיאשעוו געווענ, אויסשטעלנדיק שוואַרציינקע קוקנדיקע פינטעלעכ — זײטיקע אייגעלעכ, אונ האָט זיכ מיטאַמאָל אופגעהויבנ אונ זיכ אוועקגעטראָגנ געשווינד אונ פרײדיק צום דניעפּער, מיט פאָכנדיקע פליגעלעכ אויסשיטנדיק אפנ וועג גרוסנ אונ גרוסנ צו אַלעמענ, צו אַלעמענ.

סלאַווע האָט פאַרקלעמט נאָכגעקוקט: — „פליגעלעכ!" — האָבנ אויגנ פאַרבענקט געטרוימט.

דאָוויד האָט צוגעקוקט אונ עס האָט אימ אפ עפּעס פאַרדראָסנ אונ פאַר עפּעס באַנק געטאָנ. אימ האָט זיכ געוואָלט אויסגלעטנ די פאָר קנייטשלעכ אינ די ווינקלעכ פונ אירע ליפּנ, צעיאָגנ די טונקעלע שאָטנדלעכ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעהאַנגענ אָנ אירע לאַנגע ברעמענ.

— סלאַווע... נעמט איר מיט קיינ פּעטערבורג די רעשימעס... אונ פונ דאָרטנ וועט איר צושיקנ די אַלע ביכער... סלאַווע... איר פאָרט אפ מיטנ דאַמפער מאָרגנ פאַרנאַכט? ניט מיטנ שפּעטערדיקנ?

— איר ווילט קומענ באַגלייטנ?

— איכ וועל פּונקטלעכ... דאָ אפנ וואַל שטיינ...

— אונ איכ זאָל אײכ זענ פונדערוויטנס — אינ דער הייכ?..

— איר זײט נאָכ אַלץ בארויגעז? בארויגעז קומט פונ אײלעניש...

זי האָט אפ אימ אָנגעשטעלט גרויסע אויגנ.

— אז מע אײלט ניט — באַטראַכט מענ...

ער האָט זיכ אַ קער געטאָנ אָנ אַ זײט.

— צו וואָס זאָל איכ זיכ ווי אַ שאָטנ אַרײנפּלאָנטערנ צווישנ אַלע אײערע באַגלייטער?...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ האָט פאַרטראַכט אונ פאַר־קלעמט, ווי מיט ווײ פונ אירע אייגענע ליפּנ, אויסגעזויגענ:

— גייענ וואנ־דע־רער אינ א וועג... פארוואס עפעס וואנדערער? — האט זי געמאנט.

דאוויד האט צערודערט ארומגעשפאנט ארומ בענקל.

— א וואנדערער איז ניט קיינ טוישעוו פונ דעמ אלט־געזעסענעמ ארט... פונ דעמ אלטנ אפגעריסנ. אבער צומ נייעמ נאכ ניט געקומענ... אינעמ וואנדערנ זוכט מענ, דארפ מענ ערשט געפינענ — דאס נייע, דאס געגארטע...

— דאוויד באריסאוויטש! — איר פאנעמ האט אופגעפלאמט אונ די אויגנ — אינ בליצנ: — איר מיינט: איכ קאנ ניט וואנדערנ?..

— איכ האב עס ניט געזאגט.

— איכ קאנ ניט וויט וואנדערנ, מיינט איר — ווייט...

ער האט געשוויגנ.

— אייערע אויבערשטע אונ אונטערשטע גאסנ... די קליינע שטיבלעכ אונ די גרויסע מויערנ... דאס איז בא אייכ אנ איינגערעדטע...

— מיר וועלנ עס לאזנ אפ אנ אנדערש מאל... — האט ער ניט גערנ באמערקט.

— פארוואס? איר לייגט אלצ אפ אפ אנ אנדער מאל....

— ניט אלצ... — האט ער געצווונגענ געשמייכלט.

— די רעוואליוציע... איינזייטיקייט איז קיינ מעלע ניט...

— מאנט בא דער געשיכטע... די אלטע באבעשע אליינ האט אלע אייסאקימ אפגעלייגט אינ א זייט, אונ האט די אייגיקלעכ געהייסנ פארנעמענ זיכ נאר מיט דעמ איינעמ... די רעוואליוציע... אנדערע פילנ אונ פאלגנ...

זי האט דעמ קאפ געבויגנ נאכ נידעריקער.

— יע! גייענ וואנדערער... אפילע אינ דער אייגענער שטאט וואנדערנ מיר... פונ דער אייגענער הייומ, פונ יעדער שטוב וואנדערנ מיר אויס — אינ די גאסנ, אפ די פלעצער... ווענט זייענע אונדז פרעמד, אפילע פענצטלעכ... א סטעליע אונ א דאכ דראעט אונדז, ווי א שטיינ, וואס קאנ מיטאמאל פארשטיקנ... בלייבנ פאר אונדז נאר די גאסנ אונ די פלעצער, ווו מיר וועלנ אמאל אונדזערע ביניאנימ אופשטעלנ... וואנדערער... אפ אונדז איז דאס גוירל געפאלנ, דורכוואנדערנ א וועג...

דאוויד האט אוועקגעשפרייזט ווייט פונ סלאוועג אונ פונ דעמ

בענקל, ווי זי איז געזעסן געבויגן און אויסגעקרימט, און פון דער זייט איים נאָכגעקוקט מיט בליקן פון אויגן אראָפּגעלאָזטע.

— איר גייט אהיים? — האָט ער זיך דערנעענטערט.

זי האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר. זי האָט זיך מיט א זייט צוגעטוליעט צו אים, האָט ברייט צעעפנטע און צע־פינקלטע אויגן אָנגעשטעלט אנטקעגן זיינע, וואָס האָבן זיך אלץ מער געטונקלט.

— דאָוויד, איך גיי אהיים — צו אייך... און — רעדט ניט... — זי האָט אים א האנט אוועקגעלייגט אפ די ליפּן. — כ'וויים אייערע ווערטער... צו אייך!.. צו אייך!.. — האָט זי פארטראכט שוין געטייניעט...

— איך א קליין צימערל בין איך א פינפטער... וועט איר זיין א זעקסטע.

— דאָוויד! — האָט זי זיך געבייזערט.

— סלאָוועקע! איר מיינט עפּשער: אריין — און ארויס... און מיך מיטנעמען צו אייך... דאָס וועט איך ניט געלינגען...

— איך מיין ניט!

ביידע קוקן זייטיק אין דער ווייט פארטראכט.

— דאָוויד! — זי האָט שטיפעריש אויסגעבליצט מיטאמאָל מיט אירע אויגן. — דאָוויד! וואָס פאר א גרוים זאָל איך איבערגעבן יאטוס־קען?.. כ'האָב אייך דאָך דערציילט, אז היינטיקן פרילינג אין פעטער־בורג האָט מיינער א באקאנטער אין אן אוונט אריינגעבראכט צו מיר א מיידל — איבערצוגעטיקן א פּאָר נעכט... אן אומלעגאלע... ראָזע... די הייטע נאכט, די לעצטע, איז זי האָט זיך דערוווסט פון וועלכער שטאָט איך בין, האָט זי מיך מיטאמאָל א פרעג געטאָן: צי קען איך דאָרטן בלומען — דאָוויד בלום?.. ס'לאָזט אים גרוסן מירע... און... נאטוסקע — אירע א באקאנטע...

זי האָט בא אים פון די הענט גענומען זיין שטעקן און מיט אים קלוימערשט גלייכגילטיק אָפּגעשאַרט שטיינדלעך ארום אירע שיכלעך.

— איך האָב אייך דעם גרוס איבערגעגעבן גלייך, ווי איך בין געקומען... האָט איר דערמלט געשוויגן. ווער איז מירע? ווער איז נאטוסקע?... נו, און צוריק א גרוס? עפשער וועט זיך ווידער אָנטרעפן די ראָזע צו מיר? און עפשער איז עס גאָר נאטוסקע אליין?

דאָוויד האָט אוועקגעשפּרייזט ווייט פון בענקל.

האָט זי זיכ אופגעשטעלט. אויסגעגלײַכט. זי האָט א ווײַלע דער־פילט אלע אירע גלידער, ווי אַנגעווייטעקטע פונ עפּעס, האָט זי עטלע־כע מאָל נאָכאנאנד גימנאסטיש א צוק געטאָנ מיט איר קערפּער.

— דאַוויד! — זי האָט געשמייכלט, — מיר גייענ צו מיר ארײַנ... א ווײַלע... ארײַנ — אונ ארויס... כ'וועל אײַכ ניט פארהאלטנ, כאָלילע...

זי האָט שטיפעריש געלאַכט: — מירנ זיכ נאָר זעגענענ...

זי האָט אימ אונטערנ האנט גענומענ:

— אינ פעטערבורג וועל איכ באטראַכטנ... אלצ באטראַכטנ... אונ — א גרוס אָפּגעבנ... כ'ווייס דעמ נחוס...

דאַוויד האָט א ציטער געטאָנ אפ איר האנט, אונ זי האָט זיכ פעסטער, ענגער צוגעטוליעט צו אימ.

IV. אינ נאכט

1

בעב איז א צײַט לאנג פארפאלנ געוואָרנ פונ די גאסנ אונ פונ באקאנטע. אינ דער היימ אינ די ווייניקע צײַט, וואָס ער פלעגט זיכ דאָרט באווײַזנ, איז ער געווענ צעטראָגנ, פארטראַכט. האָט מענ גע־לאַכט: „בעב האָט עפּעס באקומענ דײַגעס". 'בא דער מאַמאַ האָט ער קעײדער גענומענ געלט בעטנ — ס'איז אימ ווייניק דאָס טאַשנ־געלט, וואָס זי פלעגט אימ געווײַנלעכ ארויסגעבנ יעדנ זונטיק אפ א וואָכ פאָרויס.

— מאַמאַ, אז דו זאָלסט וויסנ!.. כ'דאַרפ געלט דערהווײַל...

ער האָט צוגעליִענ בײַמ עלטערנ ברודער, בא מיכאַילנ, א באָכער־נאָכ, וואָס האָט פּראַקטיקירט אלס דאָקטער אונ געוווינט צוזאַמענ מיט די עלטערנ.

— מיכאַיל, לײַ מיר אויס א האלבע „קאַטערינקע", כ'וועל דיר אָפּגעבנ... — מישע, זײַ אמאָל א באַרהאַס, לײַ א פינפ־אונ־צוואַנצי־קער... — מישקע, גיב שוינ אפ א פּאָר טעג כאָטש א צוויי צענערלעכ...

— דו דאַרפסט דאָכ אפ פּאַטערנ... — פלעגט יענער צולעצט א שמיצ טאָנ מיט איינ צענערל.

— דו וועסט עס ניט פארשטיינ... דו ביסט דאָכ א פּאַשעטער...

און בעכ איז זיכער, איצט נאָכ מער, ווי אלעמאָל, אז ער אליינ איז גאָרניט קיינ פּאָשעטער. אָט, אָט וועט ער עפּעס אויפטאָנ!

דערווײַל האָט ער אָנגעוואָרנ זײַנ געוויינלעכע טעווע צו טומלענ זיכ און אטרערע. די צעשטרויטע לוסטיקײַט זײַנע, וואָס פלעגט זיכ פונ אימ צעשפּרייטנ ארומ אינ הילכיקע ווערטער, אינ א קלינגנדנ געלעכטער, איז האָטאָעריקע שפּאָסנ אינ שטוב און אויפ די גאַסנ, האָט זיכ איצט פארביטנ מיט א קאָנצענטרירטער אויפגעהאלטנקײַט. זײַנע פולע רויטלעכע ליפּנ זײַנענ איצט צוגעמאכטע, און פונ זיי האָבנ זיכ קנייטשלעכ צעשפּרייט פונ ביידע זײַטנ אונטער זײַנע פולע אָנגעהויפנטע באקנ, וואָס האָבנ שטענדיק אויסגעזענ אזוי, ווי זיי וואָלטנ געהאט באהאלטנ אינעווייניק צו א גרויסנ ווערעשנ נוס אונטער יעדנ באק באזונדער. אָבער א לוסטיק פײַערל, דערווײַל א פאַרשטעלטס, אינ זײַנע טונקעלע אויגנ, האָט ווי אָנגעזאָגט, אז אָט באלד וועט זיכ עפּעס אָנטפּלעקנ — און איבעראשנ...

2

אָנגעהויבנ האָט זיכ עס פאר בעבנ אזוי פּאָשעט.

וואָס קאָנ זײַנ פּאָשעטער? מאָנטיק און דאָנערשטיק — טעג נאָכנ גיט־יידישנ זונטיק און פארנ יידישנ שאבעס, און פאר בעבנ און אזעלכע ווי ער, אלציינס פרײַע טעג — גייט מענ גערנ צוגאסט צו „מאריעטשקענ”...

מערקינ האָט שוינ ניט איינמאָל אָנגעקוואלנ.

— א מאגייפע אפ דיר, — דו דאחפּסט האפּקע אינ „לאנג והוא רחום”...

— אוואדע — דאס זײַנענ די קאָשערסטע טעג: טעג פונ סאניטאר־דאָקטער — פונ „סמאָטר”...

קומט מענ ארײַנ מאָנטיק פארנאכט צו מאריעטשקענ. אינ זאל דרייע זיכ ארומ „מוידנ — ניט פארשלייערטע”, מיט דער גאנצער מיידלשקײַט פונ אויבנופ. פונ דער פארשײַטער לופט ארומ ווערט ער שוינ, ווי שטענדיק, פארשיקערט און מאָדנע ווילד אויפגערוימט.

— וואָס האָט מענ דיכ אזוי לאנג עפּעס ניט געזענ דאָ? — באגעגנט אימ מאריעטשקע די אייגנטימערנ פונ הויז און פונ די מיידלעכ.

— דערעסנ... — שמייכלט ער קליגעריק, צוקוקנדיק די געזונטע פרוי אינ אירע מיטעלע יארנ, א האפערדיקע אונ ריידצנדע. טראכט ער צו־פרידענ: „שיינ וואלט ער, בעב, אויסגעזעענ אנ אזא באלטויוועניצע... ער וואלט שויג לאנג ניזועק געווארנ אינ א „ליבע"... שטיפעריש טוט ער א שנעל אינ איר פאריסנ נעזל, וואס זעט אויס, ווי א פרעמדס אפ איר רויטנ, ברייטנ פאנעמ.

זי נעמט איומ אנ פארנ קינבאק מיט איר ברייטער ווייבער האנט, ווי אנ אנגעשוואלענע:

— יאשקע (בעב האט זיכ פונ לאנג אנ אינ דעמ הויז געלאזט אנרופנ „יאשקע"; ער האט דא זיינ נאמענ בעב ניט געוואלט איבער־לאזנ...) יאשקע, איכ האב אנ אנטיקל — פאר א פינפערל... אהער אינ זאל גייט זי נאכ ניט ארויס...

— אזא אנטיקל, ווי דו...

— קינדערלע מיינס, — מאכט זי מיט רייצ, — די אלטע איז נאכ גארניט אזא שפאט... אבער די איז נאכ א האניקדיקע.

— כאכא! — צעלאכט ער זיכ אפנ קאל.

— יע, יע, בענעמאנעס: א האניקדיקע נאכ — כאפ ארײנ... פאר בעסערע נעסט. אזא וועסטו אינ ערגעצ ניט קריגנ...

זי איז נאכ אלצ כווישעד בעבנ, אז די צייט, וואס ער איז דא ניט געווענ, פלעגט ער עס זיינ אינ אנ אנדער הײזל. שעפטשעט זי איומ ווערטער ווארעמלעכע אונ פליישיקע, ווי קײקלעכ אפגעקניפטע פונ איר לײב.

— נוטע בכוירע איז נאר בא מיר... קיינער לאזט זיכ ניט קאסטנ אזוי פאר קונדנ. אט די נײע — הוילע העזעק.... נאכ ניט צוגעווינט צו ארבעטנ... אינ זאל גייט זי נאכ ניט ארויס... אונ א קאפריזע: נעכ־טנ האט זי איינעמ אינמיטנדרינענ ארויסגעווארפנ פונ צימער — א הוילנ ארויסגעשלײדערט, איומ באזונדער אונ די קליידער באזונדער, אונ האט זיכ פארשפארט... ווײל ער האט זי א קניפ געטאנ, צי א פאטש געגעבנ — אזא קאפריז! נאר דו, יאשקע, ביסט אנ איידעלער מענטש, דו וועסט זיכ ניט שלאגנ אונ ניט קנײפנ — גיי צו איר: דו וועסט מיר דאנקענ....

— פאר א פינפערל בינ איכ קיינ באלנ ניט... — שמייכלט ער.

— נישקאשע, דו קאנסט באשטיינ.

זי האָט אים ארופגעפירט אינ אויבערשטיבל איבער שמאָלע טרעפּלעכ אינווייניקסטע, אונ אינ ענגנ קאָרידאָרל, אינ מעזאָנינ פונ פיר צימערלעכ, האָט זי רעכטס געעפנט די טיר פונ צווייטנ צימער אונ באַלעבאַטיש אָנגעזאָגט:

— בערטע, דאָס איז אונדזערער א שטענדיקער גאסט אונ אנ אײדעלער מענטש... פארברענגט אײַכ גוט — וועט ער זײַנ דײַנער...

3

אינ פלוג האָט עס בעב אינגאנצנ אויסגעכויזעקט. דערנאָכ האָט ער זיכ אפילע געבייזערט אינ דער מאכשאָווע: די אַלטע פּראָסטיטוטקע וויל מאַכנ אַ רעקלאַמע. א מיידל, ווי אַלע אירע... ניט גאָר אזא כוצפּעדיקע...

ער פארטראַכט זיכ.

... קיינ איבעריקס שעמעוודיקע אויכ ניט... אינ אזא הײַזל ניטאָ...

אָנשטאָט איבעריקס צו טראַכטנ, איז בעב אפ מאָרגנ אינ פרײַענ אוונט ווידער געקומענ. מאַריעטשקע איז גראָד געשטאַנענ דרויסנ באַמ הײַזל, האָט זיכ געלאָזט קילנ, ביזוואַנענ מ'האָט נאָכ ניט אָנגעצונדנ דעם רויטנ לאַמטערנ.

— איצטער, יאשקע, זע איכ, אז דיר איז געפעלנ... כאַפּ ארײַנ...

דעם גאנצנ דריטנ טאָג האָט בעב דורכויס פונ דעם מיידל געטראַכט: וואָס איז דאָס פאר א מיידל? ער מוז דערגייננ!.. אזא שיינ מיידל!

א מײַלכל מיט אזא קנייטשעלע ארומ די ליפּנ... אונ א קרימ מיט א ליפּ, וואָס זאָגט זיכ אָנ אפ צו וויינענ, צי לאַכנ...

— בעב, זײַ ניט מעשוגע! — וויל ער זיכ אָנבייזערנ, — מיידלשע ביינדעלעכ — זיי קאָנענ די שטיק... אונ גיכער איז עס אנ אָפּגעמאַכטע זאַכ בא איר מיט מאַריעטשקענ: יענע שלייערט זי פאַר א צנוע... כאַ! כאַ!

זי האַלט זיכ נאָכ שעמעוודיק... ניט שעמעוודיק — אָבער ניט פארשייט... א מיידל זייער א מאָדנע! אינמיטנדרינענ הייבט זי אופ די ברעמענ מיטאַמאָל, ווי שווערע דעקנ, אונ פונ אירע גרויסע טונקעלע אויגנ — מידע אונ קלוגע — טוט זי א פליובע, ווי פונ א צעבער, מיט ביטל, כוועזעק אונ שפּאָט... בריט אָפּ מיט ברוריקס.

א פאַרשטעלט מיידל!

א מענטש זאָל זיכ אויסטאָנ הויל נאַקעט, און זאָל ערשט זײַנ פאַרשלייערט אינ זיבנ שלייערס...

בערטעטשקע! א מאָדנע זאַכ... זי רעדט ניט. א מענטש אָנ לאָשנ, א מיידל אָנ ווערטער... „ניינ" אונ „מהו"... אזא קורצ וואָרט ווי „יע" גייט איר אויב פונ מויל ניט ארויס, נאָר — אנ אויג, אונ א ווינק, אונ א קרימ אונ א קנייטש...

נו... בעב וועט שוינ דערגיינ!..

הייבט נאָר אָנ צו טונקלענ אינ דער לופט, לאָזט ער זיכ ווידער גיינ. שעמט ער זיכ פאַר מאַריעטשקענ, זוכט ער זי אויפ דאַפקע, אונ ווענדט זיכ צו איר אינ ערשטער, מײַסע כוואַט:

— ווידער געקומענ — נאָכ האָניק, ווי דו זאָגסט... הײַנט אפ א גאַנצער נאַכט...

בעב וויל בערטעטשקענ דערווײַזנ, אז זי האָט ניט וואָס צו קוקנ אפ אימ מיט ביטל — ער האָט פײַנט, אז מ'האַלט אימ ווי אַלע...

געמיטלעכ אונ ברייטלעכ האָט ער איר א האַנט דערלאַנגט, היימיש זײַנ קאַפעליוש אוועקגעלייגט אפנ פענצטער, אונ זיכ צוגעזעצט באַמ טיש.

זי האָט אפ אימ ניט געקוקט. נאָר די ברעמענ, אראָפגעלאָזטע איבער די אויגנ נידעריק, האָבנ כוויזעק געשפּריִט...

ער איז געוואָרנ צעמישט. האָט ער זיכ גלײַכ געוואָלט גוויוער זײַנ מיט ווויליוונגערישקײַט. ער האָט זיכ צוגעבויגנ, אָנגעכאַפּט איר אָפּגעלאָזטע האַנט אונ האָט זי צו זיכ געצויגנ. זי האָט זיכ געלאָזט דערנעענטערנ, אפ וויפל זײַנ האַנט האָט מיטגעצויגנ.

— הײַנט האָסטו זיכ אפ מיר גאָרניט געריכט?

זי האָט די ברעמענ א הייב געטאָנ אונ אראָפּגעלאָזט.

— ווי מיינסטו, פאַרוואָס גיי איכ צו דיר אזוי אָפט?

— מהו... — האָט זי נאָר א קנייטש געטאָנ א ווינקל פונ אירע ליפנ, אונ האָט אזוי פיל שפּאָט פונ די פאַרבאָרגענישנ געלאָזט ארויסקוועלנ.

מע האָט אינ צימערל ארײַנגעטראָגנ א פלעשל ווײַנ, צוויי פלאַש ביר, טערטלעכ אונ פּאַפּיראָסנ, וואָס בעב האָט אונטנ געהאַט באַשטעלט.

ער האט אנגעגאסנ צוויי גלעזלעכ וויינ און א ווינק געטאנ צו איר:
— נו...
ער האט אנ ערשטער זיינ גלעזל אויסגעטרונקענ מיטאמאל.
— טרינק... — ער האט איר דאס גלעזל צו די ליפנ דערנעענטערט.
זי האט אפ אימ א קוק געטאנ... האט ער ניט געוווסט, צי זי וועט עס אויסטרינקענ אדער זי וועט עס אפ אימ אויסגיסנ, און עפשער וועט זי אינ דעמ גאר ארײנשפּײענ... ער האט צוריקגעצויגנ די האנט זײנע מיטנ גלעזל.
אינ א ווײַלע ארומ.
— דא טרינקענ אלע... — האט ער בעקיוונ לוסטיק געלאכט.
זי האט א קנאק געטאנ אנ טיש אירע א פּאר אומגעקערטע פינגער.
— די געסט באשטייענ, אז מע זאל רויבערנ מיט זיי צוזאמענ, טרינקענ...
ער האט אנגעגאסנ צוויי גלעזער ביר.
צו וואס טרינקט ער הײַנט? — האט ער ערשט א טראכט געטאנ, — און צו וואס וויל ער זי אנטרינקענ? עפשער וועט זיכ איר דערמלט דאס מויל עפענענ? אינטערעסאנט:
„...Как дошла ты до жизни такой?"
ער האט ווידער זײַנ גלאז אויסגעטרונקענ נאכאנאנד, קוימ דעמ אטעמ געכאפּט. ער האט זײַנ גלאז אפּגעשטעלט א ליידיקע און שווי־סיקע. די צווייטע איז געשטאנענ פול, נימ געריהט...
— כאַ־כאַ! — האט ער זיכ אומישנע צעלאכט, — ניט קיינ פּאלנטריקע... די באלעבאסטע האט דיר געווים אנגעזאגט פּאלגנ, צוליב טאנ א גאסט...
זי פארשוויַגט.
מיינט ער זי אופמונטערנ אנדערש. דערנעענטערט ער זיכ אינ נעמט זי ארומ. כאפּט זי שנעל אופצושפּילענ אירע קליידער.
— וואס אײַלסטו אזוי? — ער רוקט זיכ אפּ. —
בלאנקענ אויס פאר זײַנע אויגנ אירע מאטע געטאקטע הענט, ווי פליגל צעשפּרייטע פונ די דונרע אקסלענ, — טוט אימ א שטויס האסטיק צו איר, און ער כאפּט זי ארומ און קושט גיריק די גע־בלויזטע פּלייצעס און די בריסט.
מיט אימ, צוגעזאמט מיט זײַנע פינגער אנ אירע אָרעמס, דערנע־

ענטערט זי זיך צום בעט, קערט אָפּ דאָס פּאָנעם פון זײַן אײַנגענורעטן קאָפּ, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס רעשטל קליידער און גליטשט זיך אַרײַן אונטערן קאָלדרע.

שפּעט אין דער נאַכט איז בעב אָפּגערוט, ווי פון שלאָף דערוואַכט, געלעגן נעבן איר אין בעט, האָט געגלעט איר הייסן אַקסל און נאָכ־גענעבן גערעדט:

— בערטעטשקע, בערטע, וואָס דערציילסטו מיר גאָרניט? דערצייל מיר עפּעס, מיר מעגסטו אַלץ דערציילן... בערטע, דערצייל...

זי האָט זיך א טרייסל געטאָן.

ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן אין בעט, און האָט איר אין די אויגן געוואָלט אַרײַנקוקן.

— כ'מיין וועגן זיך דערציילן: וועגן דײַן לעבן... וויאַזוי ביסטו אַהער אַרײַנגעפאַלן... כ'זע דאָך, אַז דאָס איז...

זי האָט זיך פון אים אָפּגעקערט.

— כ'האָב דיר געזאָגט, — האָט ער איר אין אָקן געהויכט מיט ווערטער שטילע, — אַז איך בין הײַנט עקסטרע געקומען אויף א גאַנצער נאַכט, אַז קיינער זאָל דיך ניט באומרויִקן... איך טראַכט וועגן דיר — נאָר דערצייל מיר אַלץ... געוואָלט מיט דיר רוחכריידן. פונוואַנען ביס־טו? פון וועלכער שטאָט?

זי האָט זיך אָפּגערוקט.

ער רוקט זיך אָן.

— דו האָסט א פאָטער? א מוטער?

זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט פון בעט, אָנגעוואָרפן אויף זיך די קליידער, און איז שוין באַם טישל געשטאַנען.

בעב האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן. איז צו איר שטיל צוגעגאַנגען:

— איר האָט קיינעם ניט — קרויווים, פרײַנט?... איר זאָגט מיר...

דאָס וואָרט „איר" מיטאַמאָל האָט ווי מיט א שנירל געשווינד א ציִ געטאָן און אומגעקערט איר פּאָנעם צו אים. אירע אויגן — אויפ־געריסן, דערשטוינט, ווי זי וואָלט דאָ פּלוצלינג דערהערט א קאָל פון א היימישן באַקאַנטן...

— בערטע, זאָגט מיר, איר האָט אין ערגעץ וועמען?

זי האָט זיך אויף א שטול באַם טישל אַראָפּגעלאָזט — מידיק. ער האָט פאַר זיך א שטול אוועקגעשטעלט אַקעגנטער איר — ער זאָל זיך

ניט אָנטרעפן מיט אירע אויגן — און צו די פּאָר קווייטלעך פון איר קאַפּטל אַפּ איר אַקן האָט ער דרייסטער גערעדט.

— איר האָט קיינעם ניט...

זי האָט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אַפּן טיש, און דעם קאָפּ אַפּ די דלאָניעס אָנגעלענט.

— ווו זײַט איר געווען ביז אַהער? — האָט ער אַלץ געזוכט פראַגן צו שטעלן און פאַרפירן א געשפּרעך. — איר זײַט דאָך ניט קיין היגע? עפּעס האָט מיט אײַך פּאַסירט אײַדער איר זײַט אַהער אָנגעקומען?

בערטע האָט פּלוצלינג א קער געטאָן צו אים איר פּנים — שטרענג, בייז און אויסגעלאַכט.

— וואָס טוט איר דאָ? וואָס גייט איר אַהער?

— וואָס טו איך בא אײַך? פאַרוואָס גיי איך צו אײַך? — האָט ער צעטומלט איבערגעפרעגט.

— אין דעם הייזל וואָס טוט איר — אין הײַזל?.. — האָט זי ווי גיפט אויסגעזײַט פון האַלב צוגעמאַכטע ליפּן.

— ניט אין הײַזל — נאָר בא אײַך... נעכטן און הײַנט בין איך געקומען נאָר צוליב אײַך, בערטע... — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — צוליב אײַך...

— וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר מיר? — האָט זי שטאָלץ אויפגעשלײַדערט איר קאָפּ מיט די צעשויבערטע האָר: — וויפל באַצאָלט פאַר דער הײַנטיקער נאַכט? פאַר א גאַנצער נאַכט... כ'וואָל אײַך א מײַסעלע דערציילן פאַר די וועלכע געלט?.. פאַרוואָס האָט איר באַצאָלט — פאַר פּוסטע רייד?.. צי פאַר?.. קומט!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט א שטאָלצע, און האָס בייזעק-שמייכעלע אין די אויגן האָט גיפטיק געזאָטן.

— קומט — אין בעט! — האָט זי בייז און צערייצט א טופּע געטאָן מיט ביידע פיס. זי האָט מיט די שפּיצן פון א פּאָר פינגער, ווי אַן עפּעס שמוציקעס, אָנגעכאַפּט פאַר זײַן רעקל, און האָט פעסט מיט צאָרן און עקל אים געשלעפּט.

— קומט! אין בעט וועל איך אײַך אויסצאָלן... אײַך און דער באַלעבאָסטע אינאיינעם... אירט באַצאָלט... פאַר א גאַנצער נאַכט... פאַרלירט ניט קיין צײַט... א גאַנצע נאַכט!.. נאָר אָן רייד!..— זי האָט אים נאָכגעשלעפּט.

ער האט זיך אפגעריסן פון אירע פינגער און איז געהויקערט, ווי אנגעשלאגן, דערנידעריקט שטיין געבליבן אינמיטן צימער.

א צערוישטע האט זי זיך א קער געטאן און האט זיך אנגעטראגן צו אים, ווי אן איימעדיקע כמארע.

— בער־טע! — האט ער די הענט צעשפרייט.

— יע, יע, איך בין גרייט!.. — שווימט זי מיט ווערטער, ווי מיט פאליעס. — באצאלט... א גאנצע נאכט... רייסט זי האסטיק פון זיך די קליידער, און אף האלב שוין אנטבלויזט איר זודיקן קערפער, וואס איז צעשטורעמט און צעברויזט, ווי א געווירבל, כאפט זי אין ביידע הענט אירע צאפלדיקע בריסט, וואס פלאטערן אין זיי, ווי דערשטיקטע אייפעלעך, און וואַרפט זיך אף אים:

— נאט!.. באצאלט... א גאנצע נאכט... נא—אט!.. האט זי אים א שטעק געטאן די בריסט אין פנים.

ער האט זיך א שלײַדער געטאן אף צוריק אין שווינדל, איז אומגעפאלן אף דער פאדלאגע און האט זיך היסטעריש צעוויינט.

זי האט זיך ניט אומגעקוקט. פארחמאטערט האט זי זיך אראפגעלאזט אף א שטול, אפגעשוואכט, פארטראכט. און ווי אין א שווערן כאלעם דוכט זיך איר, אז זי הערט, ווי עמעצער וויינט, מיט א פארשטיקטן קאל, בליפעט... זיפצט... ווערט שטיל...

און ווידער — א זיפץ אפן קאל, א צאפלדיקער, אן אפגעצויגענער, האט זיך פלוצלינג אפגעריסן און פארזונקען אין א יאם פון סומנע שטילקייט. האט זיך א ווײַלע אופגעריסן אין דער הייך, ווי א דערטרונקענער, וואס דער אימפעט שלײַדערט אים אוף פון אונטן, און לאזט אים גלײַך אראפ, נאך שווערער און טיפער...

ווען די שטילקייט האט פארגליווערט ארום, האט ווי אנגעפרעסטע וואטע איר די אויערן אנגעפילט, און גלאזיק — האַרט זיך אנגערוקט צו אירע אפענע שטארע אויגן.... האט זי מיט אויגן שטארע און אפענע, דוכט זיך, אין הרעמל פארזונקען, אין דער שטילקייט דער פארגליווערטער — אייביקע גליווערנדיק און פארגליווערנדיק.

4

אין דעם וויסטן טויהו־וואָוויהו האט בעב קוים אופגעקליבן זײַנע צעשרויפטע און צעשלײַדערטע גלידער און, דוכט זיך, ניט אינגאנצן

אופגעקליבנ אונ ניט ווי געהעריק אופגעשרויפט. נאָר ס'קלעקט אים אפ אופצושטעלנ זיכ פונ דער פאָדלאָגע. איז ער, ווי בלינד אונ זיכ אליינ ארויסגאַנווענענדיק, אוועק צו דער טיר. א טיר — א וועכטער, שטעלט אים אָפּ; זי עפנט זיכ ניט. ברויכט מענ אפשליסנ — לאָזט ער דאָס אפ שפעטער. גייט דערווײַל צוריק — אויפזוכנ זײַנ קאפעליוש. די אָפּע־גע אויגנ זעענ ניט אונ מערקנ ניט, וואָס אינ צימער ארומ, נאָר די הענט טרעפנ צומ פענצטער אונ באַקומענ דעמ קאפעליוש. אפ די שפיצנ פינגער שלײַכט ער דורכ דעמ צימער, שנעל א דריי דאָס שליסל, גיכער אנטלויפנ פונדאַנענ, אונ האסטיק שפרינגט ער ארויס אפ יענער זײַט טיר.

— זי איז גערעכט... — שטעלט ער זיכ פלוצלינג אנטקעגנ דער מאַכשאָווע אונ אנטקעגנ דער קילער לופט אינ קאָרידאָר.

ליינגט ער צו א האנט צומ ברוסט, גלעט עס אָפּ פונ אויבנ, זיפצט אויס פונ אינעווייניק, אונ ציט ארײַנ אָטעמ.

איידער ער האָט נאָכ דעמ קאָפּ אומגעקערט, האָט שוינ א האנט די טיר א שטויס געטאָנ, אונ ער איז צוריק ארײַנ אינ צימער. קוקט ער זיכ אומ, אונ דערזעט ערשט, ווי זי זיצט פארשטאַרט מיט א האלב אנטבלויזטנ קערפער. זוכט ער אויס אונ הייבט אופ פונ פאָדלאָגע איר קאָפּטל, אונ שטיל, אונ פאָרזיכטיק — ניט צו וועקנ אונ ניט אָנצו־רירנ — וואַרפט ער עס אָנ אפ אירע אקסלענ אונ מורמלט:

— איר זײַט גערעכט... בערטע, זײַט מיר מויכל!.. איר זײַט גערעכט... אינגאַנצנ גערעכט... זײַט מיר מויכל... איכ בינ א גאָרנישט...

אירע אקסלענ האָבנ פלוצלינג אָנגעהויבנ צו ציטערנ. זי האָט האס־טיק אונ פיבערדיק גענומענ אָנטאָנ דאָס קאָפּטל. אָפּגעקערט פונ אים אונ אָפּגעהיט — ניט צו אנטבלויזנ פאַר אים א שפור פונ א גליד... פונ קוישל באַמ טישל א צי געטאָנ שנעל א גרויסע לײַכטע טוכ, אינ האָט עס אָנגעוואָרפנ אפ די אקסלענ איבערנ קאָפּטל אונ ברייט די ברעגנ צעשפרייט אפנ ברוסט. זי האָט זיכ אויסגעגלײַכט, אָפּגעצויגנ א לאנגנ שווערנ אָטעמ, ווי א געבראָכענעמ זיפצ. האָט אָנגעקוקט בענג, לאַנג אונ פאָרשנד געהאַלטנ אפ אים אירע גלאנציקע טונקעלע אויגנ, איצט אזעלכע געלײַטערטע, ווי ערגעץ ריינ געוואַשנ, אונ האָט א ווינקל פונ דער אויבערשטער ליפ צעקנייטשט אינ א כוויזעק־שמייכל.

בעכ האָט די אויגנ אנטקעגנ איר אראָפּגעלאָזט.

— לאַנג שוינ, אַז איר גייט אַהער, אינ חעמ האָזיקנ הײַזל?

— לאַנג... — בעכ האָט דעמ קאָפּ נאָכ מער געניִרערט.

— ווי לאַנג פּאָרט?.. — האָט זי האַרט געפרעגט אינ איר ברויזנדנ ווילנ צו דערגרונט איִמ. — געווייס געדענקט איר — ווי לאַנג...

— א יאָר... צוויי... — האָט ער פאַרשעמט געטומענ ציילנ ביסלעכ־ווײַז, ווי א קינד, וואָס מ'האָט געכאַפּט בײַ א פאַרברעכנ אונ עס צע־עפנט צוביסלעכ זײַנ צונויפגעדריקט פויסטל. — איכ בינ א גאַרנישט.. בערטע, א גאַרנישט!..

— א מענטשל!.. ווי אלע — א מענטשל!.. — האָט זי געוואָרפנ בייז, אופטרעטנדיק האַרט צו איִמ. זיכ אָפּגעקערט פונ איִמ, אונ ווידער זיכ אָנגעוואָרפנ אויפ איִמ: — פאַר אײַער רובל פרעסט איר אויפ א מענטשנ... ווי די כאַזיירימ, פרעסט איר... פאַר אײַער געלט צעטרעט איר א נעשאָמע — מיט די שטיוול אײַערע צעמאָלט איר... איר... ווער האָט אײַכ געטריבנ אַהער?.. איכ בינ דאָ... דרײַ וואָכנ, די פערטע... פאַר די האָר האָט מענ מיכ אַהער ארײַנגעשלײַדערט... אַ־אַ!.. יונגעלעכ פונ דער מאַמעס שויס, לויפט איר אַהער מיט דער מאַמעס קליינגעלט אפּ נאַשערײַען... זײַט איר געלאָפנ אַהער נאַשנ — אונדזער בריסט, אונדזערע — טפוי!..

בעכ האָט זיכ א טרייסל געטאָנ אונ האָט זיכ קוימ אָנגעכאַפּט אָנ א נאָענטנ שטול אונ אָנ איִמ זיכ אָנגעשפּאַרט. ער האָט זיכ גע־קנייטשט אונ געקרעכצט.

זי האָט צערוישט א פּאָר טריט געמאַכט אינ צימער, אונ האָט זיכ רויִקער אונ שטילער צו איִמ צוריקגעקערט.

— ווייסט איר וואָס — גייט אַוועק, אונ לאָזט מיכ צורו... גענוג מיר...

האָט בעכ עטוואָס אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ אָנגעהויבנ שטיל, אונ וואָס ווײַטער — העכער אונ דרייסטער.

— כ'בינ שוינ אַוועק, כ'האָב געוואָלט אַוועקגיינ... נאָר כ'האָב זיכ אומגעקערט, געבליבנ דאָ, אַז מ'זאָל צו אײַכ קיינעמ נימ שיקנ מער... קאָלזמאַנ איכ בינ דאָ... פונ אײַערטוועגנ, בערטע... מאָרגנ וועל איכ אויכ קומענ — היטנ אײַכ... אנדערע זאָלנ נימ קומענ אונ נימ מטשע־פּענ אײַכ...

— ניט טשעפּען... און איר — וועט אויך ניט טשעפּען?.. כאַ־כאַ! אירט ניט טשעפּען, ניט נאַשן מיך, ניט פרעסן, ניט... דרייַ נעכט ווי איר פּייַניקט מיך פאַר אײַער רובל... ס'איז מיר גרינג?.. האַ־אַ?..

בעב האָט זיך פאַרנ קאָפּ געכאַפּט.

— געראַכט!.. געראַכט!... — האָט ער אײַנ א ווייַלע אַרום אַרויסגע־זאָגט: — נאָר איך... האָב ניט געוווּסט... ניט געראַכנט... איצטער ווייס איך... איצטער — וועל איך אײַך פאַרהיטנ... אירט זען.... גלייבט אמאָל...

זי האָט זיך צוגעזעצט אפ א שטול, און דעם קאָפּ אפנ טישל — געלאָזט איבער, דעם מידנ און צערוישטנ, רוענ אפנ האַרטנ ברעט, אָרער־לעפּאָכעס: זאָל ער, דער צערוישטער און צעבראָכטער, צורו לאָזנ א ווייַלע איר פאַרקלעמט האַרצ...

ניט אזוי גיך קומט רו.

נאָר בעב האָט געמיינט, אז ער האָט שוינ פאַר איר גרייט די רו. האַסטיק האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו איר:

— קומט מיט מיר! קומט אייך מיט מיר... מיר וועלנ ביידע אוועקגיינ פונדאַנען... ביידע — קומט!

זי האָט זיך ניט אומגעקערט.

ער האָט אָנגענומען פאַרנ טוך אפּ אירע אַקסלען, האָט א צי געטאָן.

זי האָט זיך ניט באַוועגט.

— בערטע! קומט מיט מיר... — האָט ער פעסטער געצויגנ, — מיט מיר קומט!..

זי האָט זיך אופגעטרייסלט און האָט אים שטרענג אָנגעקוקט.

— מיט אײַך — אינ א נומער — פונ א האָטעל?.. אינ א נומער ווילט איר מיך האַלטנ? אינ א נומער?.. שוינ גלייַכער דאָ...

די אויערנ האָבנ אים רויט געפּײַערט און געראַכט פונ אירע ווער־טער.

ער האָט אָפּגעטראָטנ, און איז צוריקגעקומענ, זיך דערנענטערט און שטיל געראַכט — צו א קאָפּ אופגעשויבערטע האָר און צום טישל.

— בערטע, בערטע... גלייבט אמאָל... אירט זען... בערטע, פאַר־לאָזט זיך אפּ מיר... פּרובירט אמאָל, גלייבט...

... אונ שאָענ האָבנ זיכ געצויגנ לאַנגע פונ לאַנגזאַמע מינוטנ אינ אַנ ענגנ פירקאַנטיקנ צימערל בא א שוואַכער שײַנ, פונ א לעמפּל, אונ־טער א ראָזעווונ פונ פּאַפּיר געקנייטשטנ קאָלפּאַק, וואָס האָט סומנע פּאַרקאָלירט א צעבורעטע בעט מיט א צעשלײַדערטער קאָלדרע, מיט איר צעשלעפּטנ שאָטנ, ווי א צעצויגענע געשטאַלט אָנ א קאָפּ, האַלב אַפּנ ברעג פונ בעט אונ האַלב אַפ דער פּאָדלאָגע צעקרימט. אונ א טונקל־ראָזעווע לופט האָט געגליווערט ארומ, האָט געשטיקט אַפילע שאָטנס, וואָס פלעגנ אַמאָל פּאַרשווינדנ, אונ ווידער זיכ אָנרוקנ איימע־דיקע, אײַנגעהויקערטע, אונ — פּאַרנעמענ ווערטער שטילע אונ אומעטיקע, ווי א גערויש פונ טרוקענע צווײַגנ אַפ א בעסוילעמ אינ דער נאַכט, אונ ווערטער רײַסנדע אונ ראַצנדע, ווי א דערשראָקענער כריפּ דורכ א כאָלעמ א שווערנ.

אונ אינ מינוטנ שטילע — צווישנ ווערטער פּאַרדראָסיקע אונ ווערטער פּאַרבענקטע, אינ מינוטנ שטייענדיקע — אינ א שווײַגנדיקער האַפּסאָיקע פונ ריידנ אונ דערציילנ, פלעגט דאָס לופט נעמענ פלאַטערנ שווער אָנגעלאָדנ, אונ די שאָטנס — זיכ הוידענ אונ שווינדלענ.

איינ זיצנ אונ ארומגיינ, אָנגעקוקט האָס געקווייטלטע טישטעכל אַפנ טישל אָדער די געפּאַרבטע פּאָדלאָגע אונטער די פיס — האָט בערטע ווי פונ א מעגילע, אַמאָל שטילער אונ אַמאָל העכער — אויס־געלייענט, פאַר זיכ, פאַר בעבנ, צי פאַר די אָנגערוקטע שאָטנס: א בלעטל חאַ אונ א בלעטל הארטנ, אויסגעמישט וואָס פריִער — וואָס שפּעטער — איבערהיפּנדיק דאָס פריִערדיקע, אונ דערנאָכ דערמאָנענ...

דער באַגינענ דרויסנ אַפ יענער זײַט פונ פאַרהאַנגענעמ פענצטערל האָט געבליִיכט אונ מאָרנע אויסגעצויגנ בערטעס פּאָנעמ, וואָס האָט ווי א גויסעס געװײַלט דעמ לעצטנ לעבנס־אָטעמ אויסצוהויכנ... זי האָט אינ קרעמפּנ א האַרצ אַנ אָנגעלאָדענעס געװײַלט אויסצולײדיקנ — ווײַ־באַלד זי האָט שוינ די קניפּלעכ צעבונדנ אונ א שפּאַרונע געעפנט... האָט זי א לעבנ אינ ווערטער אויסגעשאָטנ נאָכאַנאַנד אונ אינ אײַמ־פּעט, אונ האָט זיכ ניט אומגעקוקט, ווו איר ווײַ פאַלט, אונ ווו איר אַנגסט שיט אויס.

מיטנ „גרויסנ טאָג”, וואָס האָט זיכ העל צעשפּרייט אינ ענגנ פיר־קאַנטיקנ צימערל, האָט די שוואַכע שײַנ פונ לעמפּל זיכ פּאַרנורעט אונ געשטיקט אונטערנ ראָזעווענ געקנייטשטנ קאָלפּאַק, איז אַליינ ניט

אימשטאַנד געווענ די אייגענע שאַנד צו פאַרווישנ, און קיינער האָט אינ דעמ ניט אויסגעהאָלפנ...

בערטע איז געזעסנ אפנ נידעריקנ קוישל אינ ווינקל פאַרזוקט — ווי אינ שיווע פאַרוויקלט — לאַנג שוינ פאַרשטומט.

בעב מיטנ פאַרטונקלטנ פּנעמ אינ די הענט באַהאַלטנ און פאַר־שטעלט איז לאַנג געזעסנ אַזוי און געוואַרט נאָכ אפ אירע ווערטער. נאָר ווערטער, ווי שאָטנס, זײַנענ לאַנג שוינ צעשראָקענע פאַרשווּנדנ פאַר דער העלער שײַנ פונ ליכטיקנ טאָג.

פאַרבליבנ איז אינ ווינקל, אינ דער נידער פאַרוואַלגערט, ווי א זאַק אנ אויסגעטרייסלטער ביז לייזיק — די פאַרשטומטע בערטע אינ טרויער געהילט נאָכ אירע ליידנ אונ פּײַנ, וואָס זי האָט זיי אַסקאָרשט פריש מיט אירע אייגענע ווערטער, ווי מיט קייווער־ערד באַשאָטנ, פאַרשאָטנ.

5

בעב האָט די הענט אוועקגענומענ פונ זײַנ פּנעמ, האָט זיכ קוימ אופגעשטעלט און האָט שטיל אינ אָפּשײַ און פאָרכט טריט געמאָסטנ און טריט געהיפּט, און איז אינ גאַסנ אַוועק.

דורכ גאַסנ רוישיקע אינ טאָג און ליכטיקנ איז ער אָנגעלאָדנ אוועק מיט קלאַנגענ סומנע־הילכיקע, מיט געשטאַלטנ צעפלאָסענע באַגלייט, וואָס האָבנ אימ אינ טונקל און אינ נאַכט געהאַט ארומגעקרײַזט, אינ אימ ארײַנגעהרונגענ און אינ באַהאַלטענע ווינקעלעכ זיכ פאַרבאָרגנ, און דערוויַל זיכ ניט אנטפּלעקט... ווי א כאָלעמ א שווערער, וואָס מ׳פאַר־געסט אימ אינ פלוג באַמ דערוואַכנ, נאָר מע פילט נאָכ די שווערקײַט און דעמ שווינדל.

בעב איז דורכגעגאַנגענ דעמ לייזיקנ בולוואַר, האָט ער זיכ צוגע־זעצט אפ א בענקל, געטרוכערט, געוואָלט פאַר זיכ באַנעמענ אלצ... ער האָט נאָכגעקוקט דעמ ווערטער, ווי ער קערט אופ בלעטלעכ אָפּגע־פאַלענע, שאַרט זיי צונויפ אינ איינ הויפנ — אָנגעקוקט און גע־מיינט, אַז דער ווערטער שטערט אימ, איז ער אוועק אינ א ווײַטער אליי, זיכ אוועקגעשטעלט איינזאַמ אפנ אויסגעקרימטנ וועג און דעמ שטערנ געקנייטשט. געוואָלט האָט ער אופנעמענ צוזאַמענ ווערטער צע־שאָטענע, געשטאַלטנ צעפליקטע און בילדלעכ צעריסענע — איניינעמ

אופנעמענ קלאָר און דײַטלעכ האָט זיכ אימ אָבער אינ שרעק אויסגעדוכט, אז ער האָט אלצ פארגעסנ... דער קאָפּ איז פול אָנגעלאָדנ, אז די שלייפנ שפּארנ פאנאנדער, און ער קאָנ איצט פונ דאָרטנ גאָרנישט ניט באקומענ. ווי אינ א לאנגער פול אָנגעפּאקט, אָנגעוואָרפנ און אויסגעמישט, און ס'העלפט ניט צו זוכנ.

פארדראָסיק איז ער אוועק שווער און מיד.

פארנאכט, ווייניק געשלאָפנ, קארג אָפּגערוט, האָט זיכ בעב געפּרייט צו מאריעטשקענ — פארכאפּנ... איידער עמעצער וועט ארײַנקומענ.

בערטע נייט עפּעס א קאפּטל. האָט ער איר א האנט דערלאנגט און האָט זיכ שטיל אוועקגעזעצט בא דער צווייטער זײַט טישל. זיי האָבנ ניט געקוקט איינער אפנ אנדערנ, און ביידע האָבנ לאנג און שווער געשוויגנ.

— בערטע, וואָס מאכט איר? — האָט ער שפּעטער א פרעג געטאָנ.

זי האָט די אויגנ אופגעהויבנ צו אימ, אָנגעקוקט א ווײַלע זײַנ בלייכנ פּאָנעמ, און אינ דער בלייכקײַט זײַנענ די פולע באקנ אָפּגעהאנגענ ווי צעוויאַנעטע פּענכערס, די אויגנ — געמאטערטע, און די ליפּנ פּײַנלעכע.

נאָכ איידער ס'איז פינצטערלעכ געוואָרנ, האָט ער דעמ לאָמפּ אָנגעצונדנ.

— בערטע, איר האָט... געשלאָפנ הײַנט?..

שווײַגט זי.

ער גייט ארומ איבערנ צימער. די בעט איז פארבעט — ווי אפּשטענדיק. הײמיש פארבעט. געפעלט אימ: ניט צעבורעט... זי נייט.

באקומט ער פונ א טאַש אינ האָק א ביכל, עפנט עס אופ און קוקט ארײַנ. לייענענ קאָנ ער ניט. פארוואָס איז זי ווידער שטיל? ריידנ מיט איר — פעלט מוט. פארשטעלט ער מיט א האנט איינ אויער, ווי זײַנ רעגילע: אינ דער היימ באמ לייענענ. א בלעטל נאָכ א בלעטל בלעטערט ער איבער, אָבער, ניט אלע בלעטלעכ דרינגענ אימ אינ קאָפּ ארײַנ.

בערטע מיטנ קאפּטל אפנ שויס אויסגעשפּרייט און מיטנ נאָדל אינ האנט הייבט אופ דעמ קאָפּ און קוקט אימ אָנ.

... ווי א געוויינלעכער באָבער, אזוי... אז ער זיצט און לייענט...

ווער איז ער פּאָרט? און וואָס וועט דערפונ זײַנ?

אירע אויגן פארשלייערן זיך אין טוי פון מאכשאוועס און טונקלען זיך אנגסטלעך, ווי די פארנאכטיקע שײַן.

— בערטע, איר האָט געענדיקט נייען?

— וואָס?.. — ציטערט חי אויף און וואַרט אין פאַרזיכט אין כשאַד.

— ניין! ניין! — אַנטלט ער אָפּצוזענטפערן אַף עפּעס א פראגע, וואָס זי האָט ניט ארויסגעזאָגט, — נייט גייט.. איך וועל לייענען...

א בלעטל נאָך א בלעטל, שטעלט ער זיך אָפּ בײַ א נײַעם קאפּיטל. פון דער זײַט קוקט ער אָן. זי נייט. שטיל און פארטראַכט. און א שאָטן לינקס פון ווינקל האָט זיך צו איר צוגערוקט, אָנגערוקט געהיים. און דאָס קליינע צימערל ארום האָט פארכאַלעמט... דוכט זיך, אין דער שטיל זיך אָפּגעריסן פון דעם הויז, איינציק צימערל, האָט זיך אופגעהויבן פון דעם געסל, איז אינדערלופטן איינזאַם פארשווומען, ווי פון א שיף, וואָס האָט זיך אין ברויזנדע וואסערן צעקלאַפּט — א געראַטעוועטע קאמערל... האָט זיך עס ווײַט און איינזאַם פארטראָגן, און אזוי אין ערגעץ שטיל פארבליבן, לײַכט געוויגט און לופטיק געהוידעט צוויי פרעמדע צווישנאַנאַנד און צוזאַמען פארבלאָנדזשעטע — זי מיט גענייי און ער מיט א ביכל...

ער הייבט אָן א נײַעם קאפּיטל.

זי האָט זיך אופגעהויבן, האָט די נאָדל פארשטעקט אין א ברעג פון פאָרהאַנגל איבערן פענצטער, און דאָס קאפּטל אַף א טשוואָק אין ווינקל אופגעהאַנגען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן בעבן, א גראדע, א שטאָלצע.

— נו־או... — האָט זי שפּאָטיש אויסגעקרימט די ווינקלעך פון די ליפּן.

ער האָט אופגעציטערט.

— צו וואָס זײַט איר חײַנט געקומען? וואָס ווילט איר פון מיר?..

— בערטע, כ'האָב אײַך נעכטן געזאָגט... אז קיין אנדערע...

— א, יע... — האָט זי זיך אָפּגעקערט, — א נאכט־שוימער...

— איר זײַט ניט צופרידן, בערטע? איך זאָל אוועקגיין, ווילט איר?

זי האָט געשפּאַנט איבערן צימער.

— ע־עך, וואָס מאכט שוין אוים... מירן זען...

— ניטאָ וואָס צו זען — איך האָב באַשלאָסן...

— א י ר האָט באשלאָסנ? — האָט זי צו אים אומגעקערט דאָס צערווישטע פּאָנעמ אונ אימ א ברענ געטאָנ מיט שווארצ פײַער פונ אויגנ פּארטונקלטע, — באשלאָסנ — אינ א נומער מיכ ארײַננעמענ... אומזיסט באשלאָסנ!..

— בערטע, איר קענט מיכ גיט, איכ בינ ניט, ווי איר מיינט... איכ בינ ניט פּערסיצ...

— אונ ווער זײַט איר? — זי האָט זיכ אפּ אים אָנגערוקט שטרענג. — מיר דוכט, איר זײַט פּערסיצעס א יינגערער ברודער... איר האָט איינ פּאָנעמ — באנאכט... אינ דער נאכט נאָר ווערט איר מיר באקאנט... נעכטנ מעכילע געבעטנ, אונ הײַנט — ווידער דאָ... וואָס זײַט איר מיט פּערסיצנ?

— איכ בינ ווײַט פונ פּערסיצנ... איכ בינ: גאָלדמאנ! בעניאמינ גאָלדמאנ! איכ פארשטעל מיכ ניט פאר אײַכ...

— גאָלדמאנ — פּערסיצ, וואָס איז דער אונטערשייד? הײַנט — דער, מאָרגנ — יענער, אינ א נומער, צי אינ א הײַזל... זאָגט אָפּנ: איר ווילט מיכ ארויספירנ פונ הײַזל אונ ארײַנזעצנ אינ א נומער... אינ א שטײַג פארשפּארנ, פּיטערנ ווי אנ אָפּ — פאר זיכ... אפּ א צײַט...

— ניינ! ניינ! ניט אינ א נומער!... — האָט בעב געהעכערט זײַנ קאָל אונ געוואָלט איר איבערשרײַענ, — אז איכ זאָג: ניט! איכ טראכט...

— איר ווייסט אליינ ניט וואָס...

— איכ וועל אופזוכנ פאר אײַכ א צימער... א דירע...

— אונ ווײַטער — וואָס? עפּשער ווייסט איר אליינ ניט וואָס ווײַטער?.. איכ וואָרנ אײַכ: שטעלט מיר ניט פאר א ניסוויענ... — זי האָט זיכ ארויסגעגליכט נאָר גראָדער אונ טאקיפער. — איכ וואָרנ — איכ וועל קאָנענ באצאָלנ פאר אלצ אונ פאר אלעמענ... פאר אלעמענ — אײַכ!.. געדענקט!..

איר פּאָנעמ איז געווענ אופגעפלאַמט, אונ די אויגנ האָבנ פײַער געשפּריצט.

— רעכט! — האָט זיכ בעב אָנגעכאפּט מיט ניצאָכנ, — רעכט! איכ בינ גרייט, אויב איכ וועל אײַכ פּויגייע זײַנ...

ער איז געוואָרנ פריילעכער, אונ זי — טרויעריקער.

א ווײַלע שפּעטער האָט ער שוין צופרידן געפּלאָנעוועט אַפּן קאָל.

בערטע וועט שוין זען. א צימער וועט ער אופזוכן באַ אָנשטענדיקע לײַט. וועט עס דויערן נאָך א טאָג, העכסטנס — צוויי. וועט זי זען, אַז ער איז קיין בייז ניט אויסן... נאָכדעם וועט בערטע מיט אים אַרײַנגיין צו זיי אַהיים — ער וויל, זי זאָל זיך באַקענען מיט זײַן מאַמאַ — א קלוגע און א גוטע. זי וועט איר שוין א גוטע אייצע געבן... זיך מעיאשעוו זײַן — עפּשער זאָל זי זיך לערנען, זי האָט דאָך א פּאָר קלאַסן געענדיקט. א באַקאַנטע פּרײַלן וועט זי לערנען, א באַווערטע איר ווערן... און אויב בערטע וויל, וועט ער קריגן פאַר איר א ניימאַשין — א ביסל נייען קאָן זי. ביזוואַנען זי וועט זיך אײַנאָרדענען, וועט ער איר אויסלײַען געלט...

שאָען אײַלן זיך באַ א גוט נעמיט.

בערטע וויל געוויס שלאָפן, אָפּרוען. קאָן זי זיך לייגן אין בעט — ער וועט זיך אָפּקערן צו דער וואַנט, און זאָל זי זיך אויסטאָן... זי קאָן זיך צולייגן כאָטש אין די קליידער — ער וועט זיצן באַם טישל און לייענען.

אויב בערטע וויל צוגלײַך מיט אים זיצן די נאַכט — אדעראבע, וועט ער פאַר איר לייענען. ער וועט איר ברענגען ביכער — אין איר צימער, וואָס ער וועט דינגען. אָט באַלד באַגינט שוין, טוט ער א לאָף און דינגט א צימער...

בערטע שווײַגט טרויעריק. בעב ווערט לוסטיקער.

בערטע וועט נאָך באַ אים מעכילע בעטן, וואָס זי האָט אים פאַרגלײַכט מיט פּערסיצן, גלייבט אים ניט... עמעס, נעכטן האָט ער באַ איר מעכילע געבעטן. ער איז א גאָרנישט... געוועזן... געוועזן א גאָרנישט... מע שטיפט, ווײַל מען איז א רײַכער באָכער... מע האָט כאַוווירים שלעכטע... ער האָט אויך גוטע כאַווײרים. ער איז פאָרט ניט ווי אלע... זי וועט זען, וואָס ער קאָן אופטאָן!

דער פרימאָרגן איז געקומען העל, פריש און יונג. בערטע האָט שנעל דאָס פּײַערל פון לאָמפּ אויסגעלאָשן, איז בלייך געוואָרן און קוים א ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער.

בעב האָט גאָרנישט באַמערקט. ער האָט איר א האַנט דערלאַנגט.

— אָפּ א ווײַלע — גיי איך אוועק...

ער וועט אָדער באַטאָג קומען שוין מיט א צימער, אָדער — דערווײַל

וועט ער ווידער קומען צו דער נאכט, אויב קיין צימער וועט נאך ניט זיין.

צופרידן אופגערודערט האט ער זיך געטראגן איבער ליידיקע גאסן, אים האט באזונדערס געפרייט, וואס ער האט זיך ווידער געפונען... נעכטן אין דער צייט איז ער עפעס פארלארן געווען — זיך אליין פארלארן... און איצט, פילט ער, זיך געפונען: ווידער — בעכ! בעכ איז דא, לעבט, טוט, און טוט אופ!..

באלמעלאכעס און ארבעטער גייען צו דער ארבעט — ווען זיי זאלן וויסן, אין וואס פאר א גרויסן איניען בעכ גייט אויך אין די גאסן אזוי פרי!..

ער אײַלט ווײַטער. ער וויל קומען אהיים, אין זײַן צימער ארײַן און אין בעט ארײַנכאפן זיך, איידער די מאמא וועט אופשטיין.

אויסגערוט און אופגערוימט, האט בעכ אויסגעזוכט אין דער מאכשאווע, ווי בעסער אײַנצואָרדענען די „בערטע"! זי האט דאך אזוי פיל געליטן, „די בערטע!". איצט גראד האט זיך פאר אים אופגעקליבן מיט אמאל אלץ, וואס זי האט דערציילט. האט זיך פלוצלינג פון פלאנטער אויפגעוויקלט און אלע פראטים אין א געהעריקער ריי אנטפלעקט, א ווארט, וואס בערטע האט אומגערן געווארפן, פאר זיך אליין אויסגעשטאמלט, רינגלט זיך איצט אין דער לאנגער קייט.

די מאמע הרייט אים א ספאדעק מיט קאווע — „שוין דאס דריטע מאל אנגעווארעמט"...

— מאמא, אז איך וואלט דיר עפעס דערציילן!..

איצטער קאן ער עס אלץ גענוי דערציילן! נעכטן האט ער עפעס ניט געוווּסט פונוואנען אנצוהייבן...

זאל שוין זײַן קאווע... ער וואלט גלײַך אפמיטיקן אויך — ער אײַלט...

— זייער פארנומען... — לאכט אוים די מאמא.

אז די מאמא זאל וויסן! אזא איניען! מאקע — זייער פארנומען.

V. א געוויינלעכע געשיכטע

1

בערטע! אינ איילנ איבער גאסנ אופצווזוכנ א צימער פאַר איר, טראכט איבער בעב אלצ, וואָס בערטע האָט אימ אויסדערציילט וועגנ זיכ. הײַנט דאָפּקע האָט זיכ דער פּלאָנטער פאַר אימ אָפּגעוויקלט — אונ אזוי קלאָר.

א געוויינלעכע געשיכטע — מיינט ער, נאָר דער מענטש! אזא מענטש! — בערטע!

בערטע איז געבליבנ אליינ. א דערוואקסענע, א שיינע — אליינ, גראָשענע לעקציעס — א פּאָר קלאסנ נאָר געענדיקט. די מאמע — אָרעמ, דער טאטע — אינ אמעריקע. א נעלעמ. פּאַרנ טויט זאָגט זי צו א מאמע: פאראנ בא איר א רײַכער קאָרעוו — טאָמער וועט די טאָכטער דאַרפנ... בערטע האָט זיכ ניט געוויילט צו גאסט. נאָר נויט טרײַבט. האָט זי זיכ אינ א שטאָט געלאָזט אופזוכנ דעמ קאָרעוו. א רײַכער האָלצ־הענדלער. ווינטער אינ דערהיימ ניטאָ, פאָרט ארומ איבער יישוווימ אונ וועלדער. די פרוי — אליינ א פרעמדע, האָט גראָד פרײַנטלעכ אופגענומענ. איבערגעלאָזט בא זיכ, געמאכט אנ אָרט צומ שלאָפנ אינ קינדער־צימער. א פּאָר מאָנאטנ אויסגעוואַרעמט, אָנגעזעטיקט. פאַר פּייסעכ איז „ער" געקומענ, דער סאמע קאָרעוו. אויסגעפּיטערט, געזונט אונ — שלעכט. טבילעס זיכ געבלאָזנ, קרומ געקוקט. דערנאָכ געגומענ אײַנטײַנענ מיט דער פרוי: אָפּשאפנ די דינסט, וואָס איז שוינ אלט, שוואַכ אונ קאָסט געלט... גישקאָשע — בערטע קאָנ מאָנ די שטובּיקע ארבעט — זי קאָסט דאָכ אויכ... אגעוו, וועט זי האָבנ אנ אָרט, ווו צו שלאָפנ, — אינ קיכ... ניט פארנעמענ אָרט בא די קינדער — אינ קינדער־צימער...

אז א מאנ הייסט, ווײַזט אופ א בעזשבנ, אונ די קרויווע איז זײַנע — מוז א פרוי נאָכגעבנ. איז בערטע אריבער אינ קיכ, אפ דער דינסטס בעטל באנאכט, אונ אפ אירע ארבעט — באטאָג. דער קאָרעוו ווערט גלײַכ צוגעלאָזטער, פאַרברענגט, ווינקט צו, כאפּט אָנ אָפּטער פאַר א האנט „מששפּעט" זי, אינ — קומט צו איר באנאכט אינ קיכ ארײַנ. שטייט נעבנ איר בעט, וועקט זי, כאפּט זי זיכ אופ — ער האלט זײַנ שווערע האנט אפ איר בלויזנ אקסל...

דערשראָקנ ציט זי ארופ שטײַפער די קאָלדרע אפ זיכ.

אָפּטמאָל דוכט זיכ איר אינ שלאָפ, אז עמעצער קנײַפּט זי, צופּט זי... אמאָל האָט זי דערוואכט אונ דערזענ נעבנ איר בעט עמעצנ אינ ווײַסנ... טוט זי א געשריי... לויפט ארײַנ די ווירטנ, די קרויווע, פונ בעט אראָפּגעשפּרונגענ אינ איינ העמד.

— אבראשקע, וואָס שלעפסטו זיכ ארומ באנאכט, ווי צו כאָלעמ?.. אינ איינע אונטערוועש... דאָ שלאָפט דאָכ עפעס א מיידל, א גרויסע מויד...

— כ'זוכ וואסער... אייגענע מענטשנ...

אפ מאָרגנ דערציילט עפעס די קרויווע אזוי אגעוואָרכע, אז פאר דער אלטער דינסט איז בא איר געווענ א יונגע, א גאנצ שיינינקע, פלעגט זי שלאָפנ אינ די קלײדער, אזוי ווי זי איז אָנגעטאָנ...

בערטע האָט אָנגעהויבנ שלאָפנ אינ די קליידער.

דער קאָרעוו כאפּט זי באטאָג, איינס אפ איינס, שמייכלט צו איר אונ ווערטלט זיכ:—מ'קאָנ דאָכ מיט דיר קיינ מאכזאָקעס ניט מאכנ... וואָס ביסטו אזא שרעקעוודיקע? מ'האָט דיכ, אפּאָנעמ, פונ זיינ ארויסגעוואָרפנ א קליינינקע?... אזא גרויסע זאָל מאכנ קוילעס, אז מ'קומט צו איר באנאכט... מאלע וואָס מע קומט — טאָמער איז עס דײַנ טויווע... דארפסטו די גאנצע שטוב אופמאכנ?... עפשער אזוינס, וואָס פאסט ניט פאר איידעס... אונ אז א גלעט טאָנ — א סאקאָנע א גרויסע... וואָרט א ווײַלע — העלפ מיר ציילנ... קיינער ניטאָ אינ שטוב — העלפ ציילנ...

ער שיט ארויס אסיגנאציעס פונ א גרויסנ לעדערנעמ טאש.

— צייל א ביסל — צו הונדערטער אינ א פעקל... אונ די אסיגנאציע ווייסטו, באקאנט מיט אזא אסיגנאציע? א פינפ־אונ־צוואנציקער. נא! דו קאָנסט נעמענ: אז דײַנ מאמע האָט דיר געזאָגט — א קאָרעוו, מיסטאָמע ווייסט זי עפעס... וועל איכ דיר שענקענ, נאָר זײַ ניט קיינ קאפּריזנע... אונ דו זאָלסט באנאכט קיינמאָל ניט שרײַענ...

בערטע איז ארויס פונ צימער אונ פונ שטוב.

אינ יענער נאכט האָט בערטע לאנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ. אינ די קליידער אָנגעטאָנ, איז זי אונטערנ קאָלדרע אפ איר בעטל געלעגנ אונ מיט אויגנ אָפענע שטאר אונ פארקלעמט געקוקט אינ פענצטער צו דער קלאָרער ליכטיקער נאכט, וואָס האָט זיכ א צײַט געהוידעט,

און צולעצט פון ערגעץ דערהויבן א לעוואָנע, און אנטקעגן פענצטערל אָפּגעשטעלט צו שפּינען דורך בלינדע שויבן לאַנגע זילבערנע פעדעם, וואָס האָבן געשווינדערט ארום קיכן־טישל און זיך געצויגן אַנגע־דראָטעוועט ווײַטער ביז די הינטערשטע פיסלעך פון איר בעטל.

אין ערשטן מאָל אויף איר לעבן האָט זי אזוי אָנגעקוקט וואָס א לע־וואָנע טוט באַנאַכט... און אין איר קלעם האָט זי מעקאַנע געווען די זילבער־פעדעם, וואָס א לעוואָנע שפּינט אין דער נאַכט: קיינער וועט זיי מיט די הענט ניט כאַפּן און ניט פאַניקן אין זיבן ווייען... ווי ווערט מען א פּאָדעם, געשפּינט פון דער נאַכט?

טריט שטילע, באַרוועסע גאַנוועענען זיך.

בערטע האָט האַסטיק אָפּגעשלײַדערט די קאָלדרע און זיך אויפגע־זעצט.

ער איז דאָ — א הויכער, אין וועש, א ווײַסער. פון א בעט ארויס— מיט צעשויבערטע האָר פון קאָפּ, די בענדלעך פון די אונטערהויזן פּלאָנטערן זיך אין די נעצן פון די זילבער־פעדעם אפן פּאָדלאָגע.

— בערטע, דו שלאָפסט נאָך ניט!.. ש־שא... דו וואַרטסט טאַקע? אָבער — שא: כ'האָב דיר געבראַכט — דעם פינף־און־צוואַנציקער... ש־שא...

ער זוכט אירע הענט און שפּאַרט די גרויסע אסיגנאַציע. זי שטויסט אָפּ זײַנע הענט, ליגט ער אוועק דעם פינף־און צוואַנציקער אפן קאָל־דרע, און מיט באַפרײַטע הענט וויל ער א גלעט טאָן א באַק, אָנע־מען איר אָרעם, און זאָגט אָן קעסיידער: „נאָר שרײַ ניט... שא־שא־שא...”

זי פאַרבײַסט די ליפּן ביז ווײ, באַדויערט, וואָס זי האָט ביז איצט ניט אײַנגעשלאָפן — פון שלאָף וואָלט זי שרײַען הויך, גוואַלדיק... א וואַכעדיקע שעמט זי זיך... וועט זי שטיל — דראַפּען, בײַסן...

— בערטע, זײַ א מענטש, און מאַך ניט קיין גוואַלדן... ס'איז ניט קיין סאַקאָנע — דו וועסט בעסער מאַכן מיט גוטן...

זי שרײַט ניט...

כאַפּט זי ארום פעסטער, ענגער, פאַרשטיקט איר צאַפּל, וואַרפט איר קאָפּ אפן בעט. האַנגלט זי זיך, הייבט אויף דעם קאָפּ צוריק. טוט ער א שטויס צערייצט. כאַפּט אָן בײַם קאַפּטל, וויל אויפשפּילען, רײַסט זי אים אָפּ די הענט. וואַרפט ער איבער א האַנט, קלאַמערט זיך אָן אין א ברעג פון קאַפּטל, און טוט א ריס פּלוצלינג ביזן אַרבל, און די

צווייטע האנט קריכט אנטקעגנ, ווי א שלאנג — אינ בלויז צומ בוזעמ... טוט זי זיכ א שלײַדער צו אימ, ווארפט זיכ אָנ אונ כאפט ארײַנ א שטיק אָרעמ צווישנ אירע ציינ, אונ שפּײַט אויס... טוט ער א געשריי אונ — גלײַכ א זעצ איר אינ ברוסט... זײַנ אייגענער געשריי קײַקלט ארויס זײַנע צעמישטע וואסערדיקע אויגנ... ער כאפט אופ דעמ פינפ־אונ־צוואנציקער פונ קאָלדרע אונ מיט דעמ דריקט ער צו אונ שטילט דעמ ווײ פונ דעמ צווייטנ אָנגעביסענעמ אָרעמ אונ גייט ארויס פונ קיכ אײַנגעבויגנ, קלאָגעדיק אונ געגורעט...

אפ מאָרגנ איז אינ שטוב כווישעכ. אלצ איז ניט אינ דער צײַט, ניט אפנ אָרט. בערטע איז א טויגעניכטס, א פוילעניצע — וואָס האלט מענ עס?..

— זאָל יענער זאָרגנ, פאר וועמענ זי טויג ניט, — ווארפט די פרוי. — גענומענ זיכ בינדנ.. איכ קענ אימ ניט, אבראשקענ?.. ס'האָט אימ ניט געגאָלטנ.. — ווארפט זי צולעצט מיט אויגנ פארשעמ־טע. — דײַנ קרוויווע — טרײַב זי...

האָט מענ בערטענ אָפּגעשאפט. די פרוי האָט איר בישטיקע אינ דער האנט ארײַנגעשפּארט א פּאָר אײַנציקע רובל, אונ גיכ זיכ אָפּגעקערט.

צוויי טעג אונ צוויי נעכט אומגעבלאָנקעט איבער גאסנ. אונ גאסנ זײַנענ שווידערדיקע מיט שטיבער פרעמדע אונ פארמאכטע. פארלירט מענ א ווינקל אינ אײנעמ פונ די שטיבלעכ, ווערנ גאסנ אלע פאר־פרעמדט אונ פרעמד.

2

אפנ דריטנ טאָג האָט זי באשלאָסנ — ניט צוריקקערנ אינ איר פרי־ערדיקנ שטעטל: ס'איז איר מיִעס פאר איר רײַכנ קאָרעוו... פארוואָס האָט זי זיכ בא אימ ניט אײַנגעהאלטנ? איז זי מיט א דאמפער אָפּ־געפאָרנ אהער, אינ דער גרעסערער שטאָט, איז אינ א ליכטיקנ זומער־דיקנ טאָג אראָפּ אפנ ברעג פונ טײַכ, האָט זיכ א ווײַלע אומגעקוקט אפנ גערודער, צוגעהערט צומ געטומל, אונ — ס'איז איר וויסט געוואָרנ אפנ הארצנ. איז זי אוועק גלאט אזוי מיט דער ערשטער גאס בארג ארופ. שטייט אנטקעגנ א בולוואר. גייט מענ ארײַנ, אונ אינ א זײַט אפ א בענקל זעצט מענ זיכ צו. אונ די ערשטע מאכשאָווע אינ דער נײַער פרעמדער שטאָט וויל זי מאכנ פאר דער לעצטער:

— שפּעטער, אַז ס'וועט פֿינצטער ווערנ, וועט זי מיט דעמ זעלבנ וועג צוריק גיינ צומ טײַכ אונ — אינ טײַכ...

איצטער — וועט מענ דערזענ אונ ניט לאָזנ.

קאָנ מענ שוינ דערווײַל דאָ אָפּרוענ — דער קאָפּ איז שווער. די אויגנ מאַכנ זיכ צו — ניטאָ שוינ וואָס אומצוקוקנ זיכ אַרומ. דרעמלט מענ אײַנ אונ מע דערוואַכט, אונ עס איז נאָכ אַלצ ליכטיק, ווענ וועט שוינ טונקעלער ווערנ?

באַלד וועט ווערנ אָונט — זי וועט נאָכאַמאָל די אויגנ צומאַכנ.

ווער איז עס דאָ אַפּנ ברעג פֿונ בענקל? ער איז דאָ פֿריִער אויכ געזעסנ, צי ער איז ערשט ניט לאַנג צוגעקומענ? ער רוקט זיכ נענטער צו איר.

— פֿרײַלנ, וואָס איז מיט אײַכ? איר האָט געשלאָפֿנ. איר האָט ניט וווּהינ צו גיינ? אײַער קלומעקל, א קליינס אפילע, האָט מענ גע־קאָנט צוגאַנווענענ — איכ האָב עס געהיט... איר זײַט פֿונ ערגעצ אַנ־געלאָפֿנ און ווייסט ניט וווּהינ צו גיינ... לאָזט זיכ דינענ, וועל איכ אײַכ...

ער פּרובירט אוועקלייגנ „אומגערנ" א האַנט אַפּ איר אַקסל.

ער פֿאַרשטייט, וואָס א פֿרעמדע שטאָט איז...

אונ א האַנט גליטשט זיכ אויס באַ אימ איבער איר פּוס, בלײַבט ליגנ.

ער זעט, אַז זי איז דאָ א פֿרעמדע, אונ קיינ אייגנס האָט זי אויכ ניט מיסטאמע...

אונ א האַנט קריכט אונ פֿויזעט איר איבערנ פּוס אַפּנ קלייד.

וואָס מאַכט עס אויס? אַלעמענ וועט זי ניט צעבײַסנ... אונ דער אָונט איז שוינ נאָענט, אונ דער טײַכ — ניט ווײַט...

— קומט, פֿרײַלנ, מיט מיר... איכ וועל אײַכ הערווײַל אײַנאָרדענענ... ס'איז שוינ טונקל אַרומ — מ'דאַרפֿ ערגעצ איבערנעכטיקנ...

נעמט מענ זי פֿאַר א האַנט אונ מע פֿירט.

אינ דער זײַט פֿינקלענ פֿײַערלעכ אינ טונקעלנ וואַסער — דאָרטנ איז דער טײַכ, אונ זי גייט פֿונ אימ אַוועק, דערווײַטערט זיכ פֿונ אימ.

ווו וועט זי אימ דערנאָכ זוכנ — דעמ טײַכ?

גאַסנ אומבאַקאַנטע — נאָר די פֿינצטערקײַט פֿונ נאַכט איז אומע־טומ א באַקאַנטע, א היימלעכע. פּלוצלינג א ליכטיקער אַרײַנגאַנג. א

האָטעל. א שוויַיצער באַגעגנט העפלעך. א נומער איז דאָ א פרײַער.

וואָס מאַכט שוין אויס — דער טײַך וועט דערווײַל ניט אויסרינען.

האָט מען אַן עלעקטרישן לעמפּל אָנגעצונדן, און אויסגעלאָשן, גע־מאַכט אַמאָל ליכטיק און אַמאָל פינצטער... איז נאַכט געווען, און נאַכט איז אוועק און באַגינען האָט אַ שײַן געטאָן, און טאָג איז געקומען.

אויפן האָטעל־בעט איז געלעגן אַ פינף־און־צוואַנציקער אַ צעביטע־נער: צוויי רויטע צענערס און אַ פינפער אין דער זײַט... איז אַ פינף־און־צוואַנציקער אַ צעביטענער—דער זעלבער פינף־און־צוואַנציקער— נאָר אין אַנדערנס... ניט זײַנער — דעם רײַכן קאַרעווס... אַבי ניט זײַנער.

קלאַפּט עמעצער אין טיר און קומט באַלד אַרײַן.

דער באַדינער פון נומער.

— די פרײַלן קאָן זיך דאָ פילן געמיטלעך. דער הער האָט פאַרן נומער באַצאָלט פאַר אַ וואָך פאָרויס, באַשטעלט עסן און אַלץ, וואָס די פרײַלן וועט פאַרלאַנגען... וואָס אַרײַנברענגען איצט?

אַ טאָג, ווי אַ נעפּל, פאַרטונקלט און קריכעדיק — פּויזעט און פּוי־זעט און ווערט אין נאַכט פאַרשלונגען. פינצטער. האַסטיק עפנט זיך די טיר פון אַ באַלעבאַטישער האַנט. אַ הילך, ווי אַ שנעל, מיטן קנעפּל פון דער עלעקטרע, ווערט ליכטיק, און זי פאַרמאַכט די אויגן.

— וואָס זיצסטו אין דער פינצטער, מאַמעלע?

צו וואָס מע געברויכט „מאַמעלע“!..

„ער“ עסט מיט אַפּעטיט און טרינקט גערן, ווי אויף אַ שׂימחה. מאַכט מען פינצטער, מאַכט מען ליכטיק — איז אַ נאַכט פאַרבײַ... אַבי פאַרבײַ... קומט אַ טאָג ווידער — צו וואָס? און דער אָוונט רוקט זיך איבער אַרויס אַזוי גיך...

קומט „ער“ אײַנאָוונט אויפגערוימט, מיט צוויי באַווײַרים קוסטיקע. איינער — אַ געזעצטער, אַ ברייטלעכער, האָט אָנגעטראָגן ווײַן און נאַשערײַען. שטיפט. ער וויל מיט איר טרינקען גלײַך אויף גלײַך. ער וויל — פרייִלעך! ער קנײַפּט זי אונטער... לאַכט מען און מע קוועלט — דאָס איז אַ לעביונג! מאַכט מען פינצטער, מאַכט מען ליכטיק — און די נאַכט איז אַ שווערע, אַ קאַסטיקע, פּעכיק־קלעפּיק... אין קאַכן אַ פײַנלעכע, אין געפילדער אַ פאַרקלעמטע — נאַכט. ווייטיקן גלידער, און אַ הויט ברענט, גליט ווי אין פײַער... ווערט אַן אָטעם געשטיקט און אַ קערפּער — געפּײַניקט... טוט עס אַ צאַפּל פּלוצלינג, דרייט זיך

אויס, שלײַדערט אראָפ פונ בעט, אונ שפרינגט אופ, אונ ווארפט זיכ ווילד מיט צעשפרייטע בלויזע הענט, וואָס לײַכטנ אויס אינ דער פינצ-טער:

— ניט געוואָנט מער... איכ וועל מײַמעסנ!..

— ברענט זי אופ פײַער!.. — ווארפט איינער דערשראָקנ, — זי וועט נאָכ מאַכנ א סקאַנדאַל — אופ גאַנצ שטאָט!..

— זי איז שיקער... — טרײַסט א צווייטער, אונ לאָזט זיכ צו איר האָפערדיק.

זי האָט שטארק אָפגעשטויסנ — איז ער צו דער טיר געפלויגנ.

— נו, נו, בארויִקט זיכ, — וויל אײַנשטילנ דער ערשטער — וואָס איז אײַכ מיטאמאָל? אזא שטילינקע געווענ, א פארשלאָפענע, אונ פליצלינג — זיכ אופגעכאפט מיט אזעלכע געוואלדנ!..

— ארויס! ארויס! אלע ארויס!.. — זי האָט זיכ אומגעקוקט אינ צימער, וואָס מ'האָט ערשט באלויכטנ, איז צוגעלאָפנ צומ קאָמאָד אונ-טערנ הענגענדיקנ שפיגל, ווו עס האָבנ זיכ א טאָג געוואלגערט צעוואָרפנ דרײַ אסיגנאציעס — דער פינפ-אונ-צוואנציקער א צעביטענער, — האָט זיי אלע מיטאמאָל אופגעכאפט אינ הויפנ גיריק אונ אימפעטיק, ווי דאָס איז דער איקער, האָט זיי פיבערדיק מיט אלע פינגער צעריסנ אופ פיצלעכ אונ געוואָרפנ אונ געשאָטנ זיי אלעמענ דרײַענ אינ פּאָנעמ, אופ די אומגעקערטע אקונס אונ אופ די געבויגענע קעפ. אונ האָט זיי געיאָגט... אז זיי זײַנענ שוינ פונ צימער ארויס, האָט זי נאָכ זייערע שאָטנס אינ טיר געשלײַדערט פלאשנ, גלעזער אונ טעלער...

3

פרי, אפ א פאָר שאָ פריִער גראָד, ווי אלעמאָל, איז דער באדינער פונ האָטעל ארײַנגעקומענ אינ נומער — אופראַמענ.

זי איז שוינ לאַנג א באַרוויקלטע אופ א שטול געזעסנ, דאָס פּאָנעמ אומגעקערט צומ פענצטער אינ הויפ.

— וואָס דאָ טוט זיכ אפ! — האָט ער פאר זיכ הויכ גערעדט! וואָס דאָ האָט זיכ אָפגעטאָנ! איכ האָב פריִער געוווּסט, אז דאָ האָט זיכ געקערט וועלטנ... א דינער הערט אלצ אונ זעט אלצ, וואָס אינ די נומערנ טוט זיכ אָפ בײַטאָג אונ בײַנאַכט — ניט א וואַנט פארשטעלט אונ ניט א טיר א פארשלאָסענע באַהאַלט.

ער דרייט זיכ ארומ איבערג צימער מיט דער בארשט אינ האנט אונ זוכט, קלוימערשט, א פאסיקנ ווינקל, פונוואנענ אנצוהויבנ.

— יע, יע, באכערימ רײַכע — אפ מיר געזאגט געווארנ א הונדערטכיילעק דערפינ, וואס יעדער איינער פונ זיי פארמאגט!.. די גרעסטע געשעפטנ אינ שטאט: בא איינעמ — פונ די בעסטע מאנופאקטור, באמ צווייטנ — פונ פעלצנ אונ טעפיכער, באמ דריטנ — פונ פארטיקע קליידער. לעביונגעני! האבנ ליב א לעב צו טאנ... זשאלעווענ ניט א שיינע קאפעקע אפ אויסצוהאלטנ א מיידל אינ א נומער, כאדאָשימ־לאנג מיט קאלטעוו — קליידנ אונ נייענ...

— אי־אי! — האט ער מיטאמאל דערשראקנ אויסגעשריענ, אונ האט זיכ א ווארפ געטאנ אינגאנצנ אפ דער פארלאגע נעבנ טיר. — אזוי־פיל געלט צעריסנ... אונ אפ מאנעלעכ, אפ פיצלעכ, אז מ׳זאל גאר ניט קאנענ אפראטעווענ... אז מע זאל דארפנ לעבעדיקע געלט מער נישט, ווי אינ מיסט ארויסווארפנ... אי! אי!

— וואס טשמאקעוועט איר דארטנ אזוי? — האט זי זיכ אנטקעגנ פענצטער געקרימט אינ עקל. — ווארפט ארויס די פאסקודסטווע אונ אנ עק...

— וואס רעדט איר עפעס, פרײַלנ? ס׳איז דאכ א הארצרײַסעניש... אזא „באל מאשכים” — אי; אי! הרײַ טענ האט זיכ געלט, ווי מיסט ניעפריטקאמ געוואלגערט עפעס — פריער אפנ בעט, דערנאכ אפנ פענצטער, אונ נאכדעמ אפנ קאמאדל... וואלגערנ זיכ, ווי מאמזײרימ עפעס... אנ ערלעכער דינער קוקט אפ דעמ מיט ווײ אינ הארצנ, אונ משעפעט ניט... אנ ערלעכער דינער — לעסאפ האט איר דערפונ א שיינעמ טאכלעס געמאכט... איר האט עס גאר צעריסנ... איר ווילט זיי אנלערנענ — איכ פארשטיי... אוואדע גערעכט! א מיצווע גדוילע אפרעכענענ זיכ מיט זיי... מע קאנ בא זיי כאפנ א שיינע מאטבייע... אוועקגיינ צו זייערע מאגאזינענ, מאכנ א טומל, א סקאנדאל... מ׳האט פארפירט אנ ערלעכ מיידל, פארנארט אינ א נומער — עפעס א קלייניקײַט!.. וועלנ זיי אפשטעלנ די פעטע מאטבייע, אבי שווײַגנ, שאשטיל... אדרעבע, אויב איר ווילט, וועל איכ אײַכ שוינ ווײַזנ... דעמ נומער קאנ איכ איבערלאזנ פאר אײַכ ביזוואנענ איר וועט באקומענ די מאטבייע. נישקאשע, איר וועט מיכ אויכ באפרידיקנ... וואָרעמ איכ קאנ אײַכ ווײַזנ, וואהינ צו גיינ...

— רעב ייִד, זײַט זיך ניט מאַטריעך...

האָט ער אויפֿגעראַמט. און ראַמט מיט דער באַרשט, און די אַרבעט איז ניט שפּאַרעוודיק, די צונג קערט זיך פֿלינקער, ווי די באַרשט.

— נו, זייט איר מיט זיי מעהוצע? אָרעראַבע! איך וועל אייך די מאַראַכע ניט קאַליע מאַכן... איך וועל רק אויפֿראַמען, וועט איר ווידער קאָנען פֿאַרברענגען... קומט אויס אַמאָל איבעריקס אָפּצוראַמען — מילע, גוטע באַכעריִם, זיי וועלן מיך באַפֿרידיקן... ס'טרעפֿט אַמאָל אַ „ספּאָטיטשקע", מ'נעמט אַן איבעריקס ביסל וויַין, צי אַזוי עפּעס — ווערט אַ „ספּאָטיטשקע"... און אַ נומער טרעפֿט זיך אַלץ. איך קאָן זיי אָנזאָגן — קומען...

— מ'בעט אײַך ניט...

— ווילט איר ניט, נו... און זיי וועלן זיך אויך דעם פּעלץ ניט רײַסן... מיינט ניט, פֿרײַלן, זיי קריגן די סכוירע... אַי, קריגט מען פֿאַר געלט!.. און אַז ניט אַ היימיש „פּרוכטל", גלײַך פֿון גאָרטן — הייסט מען מיר ברענגען אַהער אין נומער אַ שיין מיידל פֿון דאָרטן... פֿון די הײַזלעך... זיי קאָנען באַצאָלן פֿאַר אַלץ... זיי זײַנען באַזאָרגט. אָבער איר — אַז איך טראַכט: וואָס וועט איר טאָן? איר זײַט דאָך ניט קיין היגע, איר האָט דאָ קיינעם ניט... אַז איך זאָג, ווייס איך. אַ די־נער פֿון האָטעל דאַרף אַלץ וויסן — וויאַזוי, וואָס, ווער... מ'מוז וויסן, כּדי מ'זאָל כאָלילע ניט אַרײַנפֿאַלן... איז וואָס וועט איר טאַקע טאָן? פֿון נומער דאַרפֿט איר אַוועקגיין, ווײַבאַלד ניט זיי. ווער וועט אײַך דאָ האַלטן? און וווהין וועט איר גיין?

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַפֿן הויכן שטעקן פֿון באַרשט און צו איר ניט אומגעקערט דאָס פּנים, נאָר באַלד האָט ער געלאָזט די באַרשט מיט אַ ביסל אויפֿגעראַמטע מיסט אינמיטן צימער, און האָט פֿון טאַש אַרויסגענומען די שטויב־פֿעדער און גענומען פֿאַרטראַכט ווישן דאָס ווענטל פֿון ווייכן קאַנאַפּע.

— וווהין ג'ייט מען? איך וואָלט אַ באַלן געווען צו וויסן, וווהין?..

ער האָט צו איר אָנגעשטעלט זײַנע קליינע געלבלעכע אויגן.

זי האָט אָפּגעקערט איר פּנים צום פֿענצטער, האָט אַף אים זײַ־טיק אַ קוק געוואָרפֿן מיט עקל, ווי אויסגעשפּיגן אין ברוד, און האָט שפּאַטיש בייז אויסגעקרימט די ווינקעלעך פֿון אירע ליפּן:

— וואָסערנ? אינ הײזל... אינ א הײזל... אינ א הײזל...

ער האָט די וויש־פּעדער אפּנ קאָנאפּע געוואָרפנ, אונ געכאַפּט די בארשט.

— אינ א הײזל?.. — האָט ער צעטומלט דאָס הײפּל מיסט צוריק צעשלײדערט עפּעס איבערנ צימער. נאָר באלד האָט ער מעיושעוודיק אונ געלאסנ מיט דער בארשט אופגענומענ מיסט צעשפּרייטע אונ מיט דער צונג אופגעקליבנ ווערטער מיסטיקע פונ פולע צייג, אונ האָט אופגעראמט אונ גערעדט:

— אינ א הײזל — וואָס איז די מײַלע? אונ וואָס איז די כאפּעניש? אינ א הײזל וועט מענ אלעמאָל ארײַנלאָזנ... קאָנ מענ נאָכ דערווײַל זײַנ אינ גומער, קאָלזמאנ „זיי״ וועלנ נאָר אויסהאלטנ... דאָ זײַנענ פּאָרט לײַטישע באָכערימ, מיט נעמענ: פּערסיצאס א זונ, ביילינס אונ באבינס — א כוידעש, צוויי קאָנ מענ נאָכ ארומ זיי אָפּלעקנ א ביינדל... אינ הײזל וועט איד ניט אָנווערנ... אונ וואָס איז דאָרטנ? די סכירעס?.. גלאט א קאשע דאָרטנ — אלע צוזאמענ אינ איינ קנויל. אינ איינ נאכט קערנ זיכ איבער נעפּאשעס — היגע אונ ניטהיג׳ע, שטיקער פּארשוינענ, אָנ נעמענ, אָנ אדרעסנ, אָנ א גוטמאָרגנ אונ אָנ א זײַ־געזונט... ס׳איז דענ מעגלעכ צו דערקענענ, ווער ס׳קומט — אָנ א צורע אפילע, ווו זעט מענ דאָרט א פּאָנעמ? אלע אינ איינ קנויל...

— עפּשער גלײַכער אינ איינ קנויל... איידער פּערסיצעס צורע... אײַער באבינס פּאָנעמ... איר האָט גרויס כיישעק אָנצוקוקנ זייער פּאַרצעפּ...?

— איכ? האלעווײַ זאָל איכ זיי ניט דארפנ, וואָלט איכ אפּ זייערע טריט שפּײַענ... די הולטײַסקע פּענעמער! פונ אלע נומערנ די מיסט איז ווייניק זייערע פּאסקודנע צורעס אויסצושמירנ!.. אַ־אַ!..

ער האָט א טרייסל געטאָנ האסטיק מיט דער בארשט אונ האָט פונ איר אויסגעטרייסלט יאָריקע שטויב אונ מיסט.

פונ דעמ גערודער אונ דעמ אלטנ שטויב אנטקעגנ האָט זיכ אופּגעטרייסלט דאָס פרישע הײפּל מיסט, האָט זיכ צעטראָגנ, אונ צעשפּרייט. האָט ער צאָרנדיק מיטנ בארשט אופגעשארט, אונ די בארשט יעדע ווײַלע א קלאפּ געטאָנ אינ פּאָדלאָגע אונ אָפּגעטרייסלט. אונ ווידער צערודערט אונ צעמישט — אלטע שטויב אונ פרישע מיסט.

האָט ער עפּעס געקאָסט און אויפגעבראַכט זיך געראַנגלט מיט שטויב און מיסט איינגעזעסענע, באַהאַלטענע, און ברוד און אָפּפאַל פּרישע.

— נו־או... — האָט ער אויפגעהערט צו באַבראַען זיך מיט דער אַלטער אויסגעטערכעטער באַרשט און האָט זי געלאָזט זינקען אין הייפל מיסט און אָנוואַקסן מיט שטויב. — נו־או... זאָל זיין אין הייזל... אז איר ווילט אין הייזל — קאָן איך אייך אָוועקפירן... איך וועל נאָך באַקומען פּעט... דאָ ווילט איר ניט? אין א נומער!.. ס'איז ליבער דאָרטן — וועל איך אייך אָפּפירן אהין...

— פּאַני מעשאָרעס, ווי איז אייער קאָשערער נאָמען? צו געדענקען...

— מיין נאָמען איז שימשן... אין האָטעל פּאַסט ער ניט... רופט מען מיך דאָ סאַמסאָן...

— און מיין קאָרעוו רופט מען: אבראַשקע... ווען איך זאָל מיין קאָרעוו אבראַשקע ניט געקענט, וואָלט מיר ניט אויסגעקומען אָנצורופן דעם מעשאָרעס סאַמסאָן... סאַמ־סאָן...טפוי!..

VI. אויסגעדונגען

1

א צימער האָט כעב ניט ליינכט אויפגעזוכט אזא, ווי אים האָט זיך געוואָלט. ער איז געוואָרן צעטראָגן, אָנגעשראָקן אפילע: איבער אזא גאָרנישט זאָל נאָך ניט פּלאַצן בא אים דער גאַנצער אויפטו... מאַריעטשקע וויצלט זיך איבער אים:

— וואָס דאַרפסטו אוועקגיין און קומען: באַזעץ זיך שוין דאָ אין הייזל — צוזאמען מיט בערטען אין צימערל...

די מוידן דערקענען אים שוין און שמייכלען:

— דער הימלשער כאָסן גייט צו דער מאָנאַשקע...

און בערטע ווערט אלץ מער אויפגערעגט, שווייגט בייז און אָנגערוקט. דעם לעצטן אָוונט זונטיק, אז ער האָט איר א האַנט דערלאַנגט באַם אַריינקומען, האָט זי זיך אָפּגעקערט און די האַנט ניט אָנגענומען. אין א גרויסער טוכ איינגעוויקלט אף די קליידער און איבערן קאָפּ, האָט זי זיך אפּ שאָען אַריינגעשפּאַרט אין פאַרהאַנגענעם פענצ-

מערל, ווי זי האָלט עס וועלנ דורכשפּאַרנ — אונ ארויס. אינ פאַר־
לויפ פונ שאָענ האָט ער איר בלויז אינ איינציקע ווערטער אונ אינ
האלבע ווערטער ארויסגעזאָגט, אז א צימער איז שוינ איינגעטלעכ פאַ־
ראַנ... אינ א זונטיקער גאס בא צוויי עלטערע פרויענ — שוועסטער
נייטעריקעס. איינע אנ אלמאָנע — די יינגערע. די צווייטע, א גראָע
שוינ, אנ אלטע מויד. ווילנ זיי אָפּגעבנ א צימער, פאַר א פרײַלנ א
נייטערנ, אויב צו איר וועלנ ניט גיינ קיינ יונגעלײַט. אָנ טומל —
זיי לײַדנ אפ קאָפּשמערצנ. האָט ער זיי געזאָגט, אז קיינ באַקאַנטע
האָט זי דאָ ניט, ער איז איר שוועסטערקינד, ברויכט ער אויכ אָפּ־
צופאַרנ אינגיכנ. בלײַבט זי אליינ. א שטילע. זײַנענ זיי מאסקים.
מאָרגנ פרי וועלנ זיי געבנ אנ ענטפער... פאַרוואָס מאָרגנ? ער האָט
מיט זיי גענוג געטײַנעט, — טײַנעג קאָנ ער. העלפט עס ניט. מאָרגנ
פרי... אלטע מוידנ... אינ אָוונט וועלנ זיי דעמ אלמער פונ יענעמ
צימער איבערשטעלנ אינ זייערנ אונ זענ, ווי וועט עס ארויסקומענ בא
זיי אינ צימער... דערווײַל ווילנ זיי קיינ אופגאָב ניט נעמענ. מאָרגנ
קאָנ ער קומענ גאנצ פרי מיטנ אופגאָב... דער צימער איז באַזאָרגט,
אונ די צוויי מאָרנע ברוימ געפעלנ אימ דאפקע. דערהויפּט די גרויע.
זי וויל אפריער צוקלײַבנ דעמ צימער פאַר דער שכיינע, וואָס איז א
פרײַלנ... דעמלט ערשט וועט זי נעמענ אנ אופגאָב... מאָרגנ פרי זאָל
ער ברענגענ דעמ אופגאָב.

בערטע קערט זיכ ניט אומ פונ פענצטערל.

אונטנ אונ ארומ הוידעט אונ רודערט. סטעליעס אונ פאַדלאָגעס
וואַקלענ זיכ שיקערע. געפילדערס שלײַדערנ זיכ, ווי באַלנ פּלאַצנ, פלי־
ענדיק. אונ עס דעמפּט הילכיק הייסער שוימ, וואָס שלאָגט ארומ צי־
מערל אונ גריזשעט אימ די ווענטלעכ, ווי הונגעריקע מײַז. וויגט זיכ
דאָס קאַמערל אינ שווינדל אפ א יאַמ א שיקערנ א צעווילדעוועטנ.
אונ וועלנ קנוילנ זיכ אונ ברומענ, אונ כוואַליעס ברודיקנ זיכ אונ
פליעסקענ, אונ אינ יאָמער דראָעט אינ חרייט א שוידער, ווי א טונ־
קעלער געווירבל אינ א ווײַ־געשריי פאַרכלינעט אונ פאַרשטיקט.

זונטיק, שאָטנדיק שלײַכט אָפּ פונ פענצטער די פאַרוויקלטע בער־
טע, גאַנוועט זיכ צו צומ בעט, וואַרפט אנידער דעמ אויבערשטנ טייל
קערפּער, אונ די פיס הענגענ אראָפּ. זי ציט ארופ די קישנ איבערנ
קאָפּ, וויל זיכ פאַרטויבנ אפ דער נאַכט: די נאַכט פונ זונטיק.

בערל האט פארשטומט, פארשעמט. די ווײַסע קישנס איבער בער־טעס קאפ האט ווי א שארבנ פונ א מעס אימ באטאײַמ געצײלט... אימ פאר אלעמענ.

ער האט דאס געבליכט פאנעמ אונ די הענט באהאלטנ אפנ הארטנ ברעטל פונ טישל, אונ די שוואכע שײַנ פונ לעמפל אונטערנ ראזעווג געקנײטשטנ קאלפאק האט איבער אימ קוימ ביז באגינענ געצאנקט.

צומ גרויענ באגינענ האט ער קוימ דעמ קאפ דערהויבנ א צעגע־רעגטנ, האט צעקרימט די נאז, אונ אפגיכ אראפגעדרייט דעמ שמע־קעדיקנ צעסמאליעטנ קנײטל אינ לאמפ, אונ איז האסטיק אוועק.

2

פאר האלבנ טאג איז שוינ בער צוריקגעקומענ. איינ ארײַנגעלאפנ מיט אימפעט. בערטע איז געזעסנ מיטנ פאנעמ אינ פענצטער — עפ־שער אימ אויסגעקוקט אונ אפ אימ געווארט.

ער ציט אפ דעמ אטעמ צעטראגנ, אופגעמונטערט.

— גענומענ דעמ אופגאב!.. — יאט זײַנענ ברוימ!.. מ׳האט צוגע־קליבנ דעמ צימער, ווי פאר א קאלע, אנגעשטעלט בלומענ, אנגעהאנגענ בילדער, אונ מע לאזט מיכ ניט ארויס... איכ זאל גוט אנקוקנ דעמ צימער... אט איצטער קאנ מענ נעמענ דעמ אופגאב. — אז ס׳איז ווי געהעריק... כי־כי... רעכטע ברוימ! איכ וועט דארטנ זײַנ גוט...

בערטע האט מיט אויגנ באוועגונג אפגעווארפנ די טוכ פונ איר קאפ. איר פאנעמ האט זיכ גערויטלט, די אויגנ צעבליצט.

— הער גאלדמאנ!.. כ׳דארפ איכ זאגנ דאס לעצטע מאל...

— כ׳ווייס... כ׳ווייס, איר וועט מיר די אויגנ אויסדראפענ, אויב איכ וועט עפעס.. אנגענומענ אלע טנאימ אײַערע... נו, גוט?

— זע־עט! — זי האט א פינגער אינדערלופטנ אויסגעשטעקט.

דאס הײַזל שלאפט ערשט. די ווירטנ איז אינ ערגעצ ניטא. איז זאל זיצנ געמיטלעכ האלב אנגעטאנ צווײ מוידנ מיט אנגעלאפענע אויגנ אונ בלויִלעכע ברעמענ אונ גלעטנ מיט די הענט: איינע א פלאש בראנפנ, די צווייטע — א גלעזל. זיי האבנ אימ דערזענ אונ האבנ ביידע מיטאמאל הייזעריק אונ בייז אויסגעשריענ.

— אוועק! אוועק! לאז אפרוענ... געקומענ אזוי פרי... ס׳ברענט אימ...

אין אן אָפֿענער טיר פֿון א צימער האָט אים א שײַן געטאָן א מעגושעמדיקע פֿרויען־פֿיגור, דוכט זיך אים: די ווירטן. איז ער אַרײַנגעשפּרונגען און פֿארמאַכט די טיר אהינטער. די פֿרוי, וואָס איז אנטקעגן שפּיגל געשטאַנען מיט צעלאָזטע האָר אין איין העמד, האָט זיך האַסטיק א קער געטאָן צו אים און מיט צעשפּרייטע הענט, רויטע און אָנגעדראָלעטע, ווי פֿלייש־שײַדלעך אף אירע אָרעמס, כאַפּט זי אים און בלאָנדזשעט איבער אים מיט צעמישטע, שיקערע צי ניט דערשלאָפֿענע אויגן:

— טײַערער מײַנער, ליבינקער, קאָנפעטעלע מײַנער! געקומען טאַקע צו מיר... כ'האָב געוווּסט, דו וועסט קומען... אויסגעהונגערט — ליבינקער...

— לאָז אָפּ! — רײַסט ער זיך. — איך זוך נאָר...

— זוך ניט... ניטאָ וואָס צו זוכן, קאָנפעטעלע מײַנער... — זי האָט די העמד אַראָפּגעלאָזט פֿון זיך, — נאַ!.. קיין בעסערס וועסטו ניט געפֿינען...

איז ער ארויסגעלאָפֿן. זי האָט זיך געלאָזט נאָך אים מיט א שווימיקן געשריי. אין קאָרידאָר איז אנטקעגן געקומען די ווירטן.

— שאַ! וואָס איז דאָ! פּאַש־קאַ! — האָט די ווירטן אָנגעשריִען, און האָט מיט איר ברייטער האנט ארומגעארעמט בעבן ווי צו שיצן.

— איז דאָס נאָר דײַן קאָנפעטעלע? — האָט פּאַשקע אויסגעגלאָצט די אויגן, האָט זיך גלײַך אומגעקערט, און איז רויִק און געלאַסן, פּויל און מעגושעמדיק אוועק צו איר אין צימער, טרייסלענדיק פֿליישיקע אָנגעפּאַלדעוועטע שטיקער.

— דו ביסט נאָך אַלץ דאָ, צי דו ביסט שוין ווידער געקומען? און וואָס האָט פּאַשקע געוואָלט פֿון דיר, צי דו פֿון איר? — האָט די ווירטן געשאָטן.

— כ'ווייס, פּאַשקע איז מיסטאָמע שיקער... האָט זי געמיינט, אז איך בין איר קאָנפעטעלע... קום, איך האָב צו דיר אן איניען...

זיי זײַנען אַרײַן צו איר אין צימער. האָט זי ריישים געוואָלט אים אופּנעמען, דערלאַנגט קיבעד. נאָר ער אײַלט. ער וויל באַקומען פֿונדאַנען בערטען... מיטנעמען... וויפֿל דאַרף עס קאָסטן?.. צו דער זאַך...

זי לאַכט אויס, וואָס ער אײַלט. זי דאַרף ערשט זאָגן און זאָגן.

וואָס דאַרף ער אַזאַ שווערקייט — אויסהאַלטן בערטען?.. און ער וועט ניט אויסהאַלטן... זי וועט צוריק אַנטלויפן... און וואָס אַרט אים, אַז דאָ? ביליקער — און גרייט פאַר אים אַלעמאָל. בעסער וואַרפן די נאַרישקייט... אויב ער וויל זייער האָבן בא זיך איינע — קאָן זי אים געבן דאַפקע פּאַשקען — אַ טייערע „שטיק“, אַ געזונטע, און האָט נאָך אַ מטווע אויסגעליבן זיך, וועט זי זיך אין אים איינקלעפּן, ווי אַ פּעך... ער וועט דאַנקען!

וויל ער זי מאַזיקן — מאַזיקן, אַז דאָס לאָשן זאָל איר אָפּגע־מען. נאָר ער קאָן נאָך קאַליע מאַכן. הייבט ער אָן דאַפקע מיט גוטן, מיט שפּאַס.

פּאַשקען זאָל זי לאָזן בא זיך — אַף אַזאַ „שטיק“ זיינען דאָ באַלאָנים, און בערטע איז קאַפּריזנע, ניט קיין אַרבעטערן, וועט זיך קיינמאָל ניט צוגעוווינען... בעסער אָפּלאָזן אַזאַ סכוירע, ניט קיין רעווקעכדיקע...

זי האָט ניט נאָכגעגעבן:

— ס'איז מיר אַ האַכמאָנעס אַפּ בערטעטשקען, — הייבט זי גאָר אָן: און עלנטע נעבעך, און דו ביסט אַ ווינט, וועסט זי איצט פאַרדרייען, און שפּעטער — וואַרפן... און זי האָט זיך דאָ שוין אַ ביסל צוגעוווינט און וועט זיך נאָך מער צוגעווינען, וועט זי דאָ לעבן בעהאַרכאָווע, אָן קלעמעניש....

— גענוג די שטיק!.. ווו איז דער מאַן? איך וועל מיט אים ריידן.

— דער מאַן... צעלאַכט זי זיך, — געפונען מיט וועמען צו האַנדי־לען! דו ווייסט ניט, אַז דעם געשעפט פיר איך איינגאַנצן? מאַצבלען אין אַזאַ געשעפט ווייסן נאָר שיקערן און וואַלגערן זיך ערגעץ בא די מיידלעך...

— געענדיקט! — רייסט ער איבער, — לאָז אָפּ בערטען, אַניט וועל איך...

— דו שרעק מיך ניט... — לאַכט זי אויס. — כ'האָב גאָר קיין מוירע ניט: איך האָב אַ פּאַטענט, ס'איז אַלץ רעגיסטרירט... אַף אַלץ איז דאָ אַ „זאַקאָן“... יע, דו פאַרהאַלט מיך ניט, מ'דאַרף זען, זיי זאָלן זיך היינט ניט פאַרשלאָפן ביז דער נאַכט, אָדער זיי זאָלן זיך ניט אָנטרינקען... היינט איז מאָנטיק — דאַרף מען זיי שיקן, די קינדערלעך, צום דאָקטער... אַלץ „פּאָ זאַקאָנו“...

— און איכ װעל דיר אױכ װײזנ א „זאקאנ"—כאפּט ער אופ גערנ,— איכ װעל בא דיר בערטענ באקומענ פּאָ זאקאָנו!..

— גײ שױנ, גײ... — לײגט זי ארופּ געמיטלעכ איר ברײטע האנט אפּ זײנ צעדודערטנ קאָפּ. — גײ זוכ זי, אז איכ װעל ניט װעלנ...

עס האָט לאנג געדױערט. בעב האָט װידער אָנגעהױבנ װײכ, זיכ געמאכט טאמעװאטע, איר אינ אלצ נאָכגעגעבנ, זיכ צוגעלאָזט, גע־שמײכלט צו איר, געטרונקענ מיט איר „לעכײַימ", אונ אײַנגעטײַנעט:

— זאָל זי טאָנ א טויווע — צוליב א קאפּריז פונ א יונגנמאנ. מיט יונגעלײַט דארפ מענ ניט אײַנרײַסנ. א קונד דארפ מענ שאנעװענ — אײנער ברענגט א צװײטנ, מ'פירט קאָמפּאניעס. ער װעט טאקע ניט אופהערנ צו גײנ צו איד — װו קריגט מענ אזעלכע נעקײװעס, װי בא איר?..

— אָט! אָט! — האָט זי צופרידנ אימ געהאלדזט.

בעב װײס דאָס שױנ לאנג. ער זאָגט דאָס אלעמענ, אז אזא הײַזל אונ אזא באלעבאָסטע װעט מענ ניט קריגנ... זאָל זי זײַנ א „גוטע"...

גײט שױנ אפּ א װעג. מ'ע דינגט זיכ אינ מעקעכ.

צװײ קאטערינקעס — לעצט מעקעכ... אזא שײנע! אונ דאפּקע א קאפּריזע — פאר א מיװונ... צוליב אימ, ער איז טאקע א קאָנפּעטעלע — לאָזט זי אָפּ א פינ־אינ־צװאנציקער. ער טוט איר אָנ העזעק...

אָבער — גאָר! אױב ער װעט נאָכ רײכנ אונ זיכ דינגענ, װעט זי אימ נעמענ שלאָגנ...

אָבער בעב האָט גערעדט אונ זיכ געדונגענ. אונ ענדלעכ איז מענ דורכגעקומענ.

געשװינד איז ער פונ איר אנטלאָפנ, װי פונ עקלדיקנ שמוץ. ארײַנגע־לאָפנ צו בערטענ אינ צימערל אונ האָט נאָכ אלצ מיט די הענט אָפּגע־טרײסלט זײַנ רעקל, אימ אָפּגעשטױבט אונ געגלעט.

— װו האָט איר זיכ אױסגעװאלגערט, װאָס איר שטױבט זיכ אלצ אָפּ? — האָט בערטע פארדעכטיק געפרעגט.

— נעשטאנענ נעבנ מאריעטשקענ... אָפּגעכעזשבנט זיכ מיט איד, מיט דער... איכ גײ נאָכ א פורל, גרײט זיכ צו...

3

בעב איז צוגעפאָרנ מיטנ פורל. מאריעטשקע איז גלײַכ פונ טיר ארױס צו באגלײטנ. צוליב דעמ האָט זי זיכ יאָנטעװדיק אױסגעפּוצט אינ א

זײַדנ קאפטל מיט א גאָלדענעמ זייגער, אראָפּגעהאנגענ אפ א לאנגער קייטל, אונ אפ אלע פארשווומענע פינגער — רינגענ אונ רינגעלעכ מיט שטיינדלעכ.

בעב האָט אראָפּגעפירט בערטענ אונ איז מיט איר ארויס פונ הייזל. בא דער טיר דרויסנ אפ א בענקל איז ברייטלעכ געזעסנ פאשקע — אויס־געוואשנ, פארקעמט אונ אָנגעטאָנ. זי האָט זיכ פויל אופגעהויבנ, איז צו־געגאנגענ צו בערטענ אונ פריילעכ געזאָגט:

— וווהינ — שפאצירנ, צי אינ א נומער?

די ווירטנ האָט צו פאשקענ סאָליד מיט א מאנצבלשער שטימ גע־זאָגט:

— וואָס רעדסטו? ער נעמט זי צו פונ אונדז אינגאנצנ... צו זיכ אפ א קווארטיר...

פאשקע האָט זיכ אויכ סאָליד אויסגעצויגנ אונ נעלאָזט אויסשטעקנ אנ אָנגעזעענעמ גיידער אונ איז כאָשעווודיק צוגעגאנגענ צו בעבנ:

— העע, יונגאטש! — דו ביסט נאָכ א יונגער — זע דו זאָלסט זי ניט קריוודענ, ניט באליידיקנ... זע, יונגאטש! דו זאָלסט אנ אונדזערע ניט...

זי האָט מיט א שווערנ פינגער געטראָעט אינדערלופטנ.

באלד האָט זי זיכ מאסיוו א לאָז געטאָנ אינ שטוב, אנגעזאָגט אלעמענ:

— מיידעלעכ, גייט...

מאשקע איז ארויסגעשפרונגענ, אונ אירע שווערע צעפ זיינענ איר נאָכגעשפרונגענ אונ צוגעפאטשט איבערנ קערפער. זי האָט אירע הענט־לעכ געשטעקט בערטענ אונ בעבנ, אונ האָט שטיל, די ווירטנ זאָל ניט הערנ, נעשעפטשעט:

— קומט צו אונדז ניט מער — ביידע גיט... ניט דו, ניט דו — קומט ניט מער...

פארסאָפעט איז פונ טיר געלאָפנ מאריוסקע, טרייסלענדיק אירע הויכע פולע בריסט, אונ האָט נאָכ אינ געלאָפ צוגעשפיליעוועט מיט איינ האנט דאָס קליידל אונ מיט דער אנדערער — דאָס קאָפטל.

— אי, בינ איכ צופרידנ, קינדערלעכ! בינ איכ צופרידנ! —

— וואָס ביסטו צופרידנ? גיי, מעשוגענע! — האָט די ווירטנ אָנ־געשריענ.

פון צוויי פענצטער צום גאס האבן זיך ארויסגעשליידערט צוויי האל־בע פרויענפיגורן, אנטבלויזטע, צעשוויצטע, מיט צעפאטלטע האר אפ די קעפ, האבן געפאכעט מיט די הענט און הייזעריק און שלעפעריק געמורמלט:

— מיט מאזל! מיט גליק!

דער אלטער פורמאן האט א הייב געטאן דאס היטל, אפאנעם, זיך געוואלט ציילעמען, און האט זיך מעיאשעוו געווען, אז ניט קעדיי דא. האט ער געשאקלט מיטן קאפ: — אפ אן איגענער דירע — זייער רעכט! ריכטיק, מיט מאזל...

פאשקע איז ארויסגעשוומען פון שטוב מיט א קיילעכדיקן שפיגל אין די הענט און האט עס אין פורל פארזיכטיק אוועקגעלייגט.

— א מאטאנע...

האט מאשקע אראפגעצויגן א רינג פון איר פינגער, מאריוסקע איז געלאפן אין איר צימער און האט ארויסגעטראגן א זיידענעם קאלירטן שארף...

— מעשוגע!.. — האט זיך די ווירטן צעשריען, — איך וועל ניט לאזן..

בערטע האט געכאפט ארומנעמען די מיידלעך — דאס ערשטע און דאס איינציקע מאל נאענט און זיי זיך באריט.

בעב האט צו זיי גוטמוטיק געשמייכלט:

— מ'דארף ניט קיין מאטאנעס — פאראן אלצדינג...

— אוועק פונדאנען! — האט די ווירטן געיאגט, — מאמענטאל זאל מען זיך אנטאן — מ'דארף גיין הינט צום דאקטער... שוין שפעט. נו, מאמענטאל!

זי האט אופגעקליבן אלע אנגעווארפענע כפייצים, האט אנגעלאדן ביידע הענט און איז ניט אפגעטראטן פון פורל — עמעצער זאל ווידער עפעס ניט ארויסטראגן אהער.

בערטע און בעב זיינען שוין אפן פורל געזעסן.

דער פורמאן האט צוגעיילט, מיט די לייצעס נעהיצט די פערד:

— וויא! וויא! מיט אלע פיס — לעבעדיקער! לויפט פונדאנען גע־שווינדער... פאר א גוטן פערד איז דא אויך קיין ארט ניט... — האט ער אויסגעשפיגן.

ארויסקירעווענדיק פון געסל און ארייננפארנדיק אין דער ערשטער בריי־טער גאס, האט ער אפגעשטעלט דאס פערדל און איז אראפ פון פורל — פא־

ריכטנ דעמ שפּאנ. דאָ ארט אימ ניט, דעמ אלטנ, צו מאכנ שיִעס, פאר־זאמענ אינ דער ארבעט אונ אופּציִענ טאקע שטיפּער די אָגלאָבליעס אונ ארומזוענ אגעוו די רעדער. דאָ ארט אימ ניט לענגער פארברענגענ. ביז־וואנענ ער איז צוריק ארופ אפנ קעלניע, האָט זיכ אײַנגעזעצט בעהאר־באָווערדיק, צוויי מאָל אײַנגעפונדעוועט דאָס צעראטנ קישעלע אונטער זיכ אונ באלעבאטיש ארײַנגענומענ די לייצעס אינ די הענט, — איז פונ געסל ארויס א היִפּל פרויענ אינ טונקעלע מאנטלענ אונ אינ לאנגע שווארצע זשאקעטנ, די קעפּ אינ טונקעלע שאלנ פארוויקלט, האסטיִוו — נידע־ריק אפּ די אויגנ, אונ אלע — קימאט דאָס גאנצע פּנעמ פאר־שטעלט.

בערטע האָט א ציטער געטאָנ שווידערדיק, האָט געזוכט בעבס האנט, האָט עס אָנגעכאפּט אונ מיט אירע ביידע הענט א ווײַלע פלאטערנדיק צוגעדריקט. גלײַכ אפּגעלאָזט זײַנ האנט, אונ די אויגנ פארמאכט אפּ איר געבלייבנ פּנעמ.

בעב האָט זיכ אומגעקערט, דערזענ די טונקעלע פיגורנ אונ האָט גלײַכ דערקענט, אז „זיי" גייענ עס צומ דאָקטער אפנ „סמאָטר"... ער האָט אָבער ניט פארשטאנענ, וואָס איז דאָ אזוינס פּאָרגעקומענ מיט בערטענ... ער האָט ניט פארשטאנענ אויכ, פארוואָס ציִענ „זיי" אָנ אפּ זיכ אזא טרויער, אָט די מיידלעכ, ביימ זיי גייענ צומ דאָקטער... גייענ זיי דאָכ אינ שטאָט, אינ די גאסנ ארויס שפּאצירנ אזעלכע האָפערדיקע אונ פארשײַטע, אויס־געפּוצטע אונ אויסגעצירטע — דאפקע לעכערלעכ־שרײַענד אויסגעצירט! אונ — ביימ זיי גייענ צומ דאָקטער, ציִענ זיי אָנ אפּ זיכ אזא אווײלעס, שלעפּנ מיט אזא טרויער — זענענ אויס אזוי אראָפּגעשפאלנ אונ פאר־שעמט... בא דעמ „געזעצלעכנ אקט", בעשוטפעס פונ דער מאכט אונ דער דאָקטאָריע, פארלירנ זיי דאָס לעצטע ביסל מוט — צו וואָרפנ כאָטש זייער בוצפע אנטקעגנ דער געזעלשאפט, וואָס האָט זיי פאר געלט פאר־קויפט אונ מיט געלט דערנידעריקט.

בעב איז צופרידנ געווענ פונ זײַנע מאכשאָוועס...

— Скоты — האָט ער אויסגעזידלט די אָרדענונג, אונ ער האָט זיכ אפּגעקערט. לאנג טראכטנ פונ עפּעס איז ניט פאר בעבנ אנ אייסעק.

— וויאָ! וויאָ! — האָט דער פורמאנ געיאָגט, אונ בערטע מיט די פארמאכטע אויגנ איז געפלויגנ — האָט געוואָלט פארפליִענ ווײַט, ווײַט.

בעב איז טעג נאָכאַנאַנד פאַרנומענ געווענ. קריגנ געלט אונ אויס־געבנ געלט. בעטנ בא דער מאַמענ, לײַענ באַמ ברודער אונ באָרגנ אינ קראָמענ, ברענגענ בערטענ א שפּיגל אפנ טיש, א שירמ א מאַטאָנע — ס'איז האַרבסט אונ ס'רעגנט. הײַנט דאַרפ ער איר קעסײדער אונ לאַנג אײַנרײדנ, זי זאָל גײנ מיט אימ אינ די קראָמענ קויפנ פאַר זיכ קלײדער אונ אָנטאָנ זיכ, ווי געהעריק, צו באַווײַזנ זיכ פאַר זײַנ מאַמע — זי מוז אַרײַנגײנ צו איר.

— וואָס וועל איכ טאָנ בא אײַער מאַמע? — האָט בערטע אינ פלוג געשמײכלט.

— בערטע, ניט גערעדט! איכ דאַרפ, איכ מוז אײַכ ווײַזנ דער מאַמע...

— וואָס בינ איכ אזא מעשונעדיקע בריִע?.. — ציטערט איר שטימ פונ פּאַריבל.

— בערטע...

— איכ בינ אײַכ ניט בערטע... שוינ אויס בערטע!.. געזאָגט אײַכ, דוכט זיכ... מ'רופט מיכ לײקע! לײקע! אונ געדענקט שוינ אַמאָל, אז איר זײַט בעב, בינ איכ לײקע.. אונ אויב איכ בינ בערטע, זײַט איר — יאַשקע... אַלצײַנס גלײַכ! ווו איר האָט באַגעגנט בערטענ, דאָרטנ האָב איכ שוינ אָנגעטראָפנ — יאַשקענ...

— גוט! גוט! לײקע! לײקע! אָבער צו מײַנ מאַמע דאַרפט איר אַרײַנגײנ.

רעדט ער זי אײַנ צו גײנ מיט אימ אינ די קראָמענ.

— עפּשער פּאַסט ניט פאַר אײַכ צו גײנ מיט מיר? איר קאָנט נאָכ אָנטרעפנ באַקאַנטע...

— איכ שפּײַ זײ אינ פּנימ, — קאָכט ער זיכ, — ווער זײַנענ זײ? איר זײַט א שענערער מענטש פונ זײ... פאַר וועמענ פּאַסט ניט — פאַר פּערסיצנ, פאַר באַבינענ? איכ וויל דאַפקע צו זײ אינ מאַגאַזינ אַרײַנגײנ...

— נײנ! נײנ! זאָגט מיר צו, אז איר וועט מיכ ניט אַרײַנפירנ צו זײ...

— איכ וויל דאַפקע גײנ מיט אײַכ אינ אַלע גאַסנ, — רעדט ער זײַנס, — וועמענ הער איכ? מײַנע קרויווימ? אײַער קאָרעוו דער האָלצ־הענדלער... וואָס איז...

— ווי איר... — שפאָט זי — הער גאָלדמאַנ, ווו האָב איך אײַך באַ־געגנט?

— איז באַגעגנט... וואָס בינ איך, פונ אַ שטײנ? איך בינ אײַך אַנ עפּעלע פונ דעם אַלטנ בוים... קאָנט איר ניט מוחל זײַנ?.. פאַר־בלאָנדזשעט אַמאָל.

— און — איר מער ניט בלאָנדזשענ?..

— אָט איז אַ מענטש וואָס גלייבט ניט — וויל נאָכ אַלצ ניט גלייבנ..

5

בעב איז פאַרנומענ. אָבער אינ יענע טעג האָט ער זיכ פאַרט אָפּגע־ריסנ און אַרײַנגעלאָפנ אינ ביבליאָטעק. פייגינ האָט אים מיט פרייד אָנגעזאָגט, אַז ס׳זײַנענ אָנגעקומענ פונ פעטערבורג אַ סאַכ נײַע ביכער. דאָרטנ אינ צימער זיצט מאַקע דאַוויד בלום און קוקט זיי איבער און מאַכט רעשימעס פאַרשיידענע, וואָס און וועמענ צו רעקאָמענדירנ.

גלײַכ נאָכ בעבנ איז אַרײַנגעשפּרונגענ מערקינ מיט רייזל אינ טיר נאָכ.

— אָט האָב איכ דיכ געטראָפנ — ווו ביסטו פאַרפאַלנ געוואָרנ? זע, אַ פּאָנעם ווי אַ פייגער... אָנגעלאָפנ זיכ, בעב, אָפ דײַנ בלײַבעניש?..

— הער אופ! הער אופ! לאָז אָפּ!

— הער, איז דאָכ מאַקע אַנ עמעס: ס׳קלינגט מיט דיר שטאָט...

— ווער קלינגט אינ שטאָט, אַז ניט דו?

— מע זאָגט, אַז דו האָסט אַרויסגענומענ אַ נעקייווע פונ אַ הזיל, און דו האָסט זי באַהאַלטנ אינ אַנ אויבערשטיבל — „זי׳ערי־היבנ“ ווערנ צו איר אינ די נעכט...

— דאַוויד, זאָגט איר אים, ער זאָל פאַרמאַכנ דעם רינשטאָק... — האָט בעב זיכ געווענדט צו דאַווידנ, וואָס האָט באַם טיש געבלעטערט ביכער און פאַרצייכנט עפּעס אָפ באַזונדערע פאַפּירנ.

מערקינ איז אים נאָכגעגאַנגענ: — אַ שיינ מיידל?

— זייער אַ שיינע... ביכקאָל — אַ זעלטענע!.. קריסטאַל — ריינ! און אַ כאַראַקטער!.. אַ גאַנצע מעסע... זי קאָנ זיכ אויפכאַפּנ מיטאַמאָל, און זיכ אויפהייבנ פונ אַ גרוב, ווי טיפ ס׳זאָל ניט זײַנ... אַ קראַפט! מיר דוכט... — בעב האָט זיכ געהיצט, געקוקט אָפ דאַווידנ, וואָס האָט אופגעהויבנ דעם קאָפּ פונ טיש און אָנגעשטעלט צו אים פאַרטראַכטע אויגנ.

— דערווייל האָב איכ עפּעס אופגעטאָנ, — פונ „ראָטנ" ארויסגעראטעוועט! — זאָגט ער מיט גאדלעס:

— וואָס מיינסטו דערמיט? — לאכט מערקינ — כאסענע האָבנ?..

— איכ קאָנ דאָכ ניט כאסענע האָבנ מיט אלע מיידלעכ, וואָס איכ וועל פונ „ראָטנ" ארויסנעמענ...

— אי, א מאגייפע אָפּ דיר! דו מאכסט עס פאר א פּראָפעסיע — צוגענומענ פונ ראָטנ אלע מיידלעכ, — וועסט דאָכ די וועלט באַרעוו מאכנ..

— אזא וועלט, וואָס האלט זיכ אָפּ דעמ, מאָג כאָרעוו ווערנ...

— א נייער צאדיק — בעב! פּאָשעט — א סאָדיערזשאנקע... כוילע איז ער — דער טאטע האָט קיינ געלט ניט? צי בעב האָט שוינ פארלאָרנ די כושימ?.. ווער גלייבט אימ, בעבנ? איכ גלייב ניט...

בעב האָט צוגעקוקט, ווי דאָוויד האָט זיינע שארפע בליקנ געשטאָכנ אינ מערקינענ, און ער האָט דעריבער אופגערייצט אָפּגעוואָרט:

— יע־יע... — האָט דאָוויד אופגענומענ קנייטשנ צווישנ זיינע ברעמענ, — מ'גלייבט אינ וואָס מע וויל... כ'מיינ — מ'גלייבט אינ וואָס מע פילט, אז מע וואָלט עס אליינ אזוי געטאָנ... אינ וואָס אייגנער גלייבט! כאראקטעריסטיש — אינ וואָס אונ ווי 'מע גלייבט...

מערקינ האָט געציטערט און זיכ נעקנייטשט פונ ווערטער און פונ בליקנ.

— געפונענ מיט וועמענ צו ריידנ — האָט בעב געדנ אונטערגעכאפּט, — א קייטיקע נעשאָמע, שפּריצט מיט שמוץ.. מיילע איכ — בינ ווערט פאר אמאָל — זאָג אָפּ מיר... אָבער א מיידל, וואָס דו קענסט זי ניט — וואָס שיטסטו אָפּ איר פּעכ און שוועבל?.. געווענ בינ איכ א שמייער, א האָפּערדיקער — האָט זי מיכ א בראָכ געטאָנ אזוי!.. טאקע א פייער, וואָס האָט די גאנצע שמוץ אונ מיסט אינ מיר אויסגעברענט מיטאמאָל... זי האָט אליינ, קענטיק, לאנג געטליעט אינ זיכ, ווי א פונק, שטארק פארשאָטנ מיט אש, און מיטאמאָל האָט זי זיכ צעפלאַקערט — פלאמ־פייער!

ער האָט א ווײַלע געשוויגנ פארקלעמט און פארטראכט. צולעצט האָט ער א וואָרפ געטאָנ מיט א האנט פונ זיכ, ווי אָפּגעשלײַדערט בילדער, וואָס האָבנ אימ שוינ ארומגעקרײַזט, און אָפּגעשאָרט ווערטער, וואָס זייער געהילכ האָבנ אימ שוינ אָנגעפילט, און ער האָט זיי איצט ניט געוואָלט ארויסזאָגנ.

— דאָוויד, קומט אַרײַן מיט מיר צו איר.

— וואָ—וואָס? — האָט דאָוויד אָפּגעצויגן, און איז שנעל אַוועק פון זיי ביידן.

VII. באַם גאָלדענעם האָדעס

1

בעב האָט באַשלאָסן — היינט רעדט ער מיט דער מאַמען. לענגער אָפּציִען איז אוממעגלעך, באַ אים איז אויס געלט. און געלט קאָן ער איצט באַקומען סיידן דערמלט, ווען די מאַמע וועט וויסן פון אַלץ. און אַנעוו — זאָל זי זען די מאַמע, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ שטיפער, — ער טוט עפּעס רעכטס און ערנסט!

האָט ער זיך קוים דערוואַרט די שפּעטערע קאַווע אין דער היים— ווען ס'איז קיינער ניטאָ, אויסער דער מאַמע און ער.

— מאַמאַ! — דו ביסט דאָך אַ קלוגע, אַ פּיקויִעך, אַ דיטן און אַ גוט האַרץ...

די מוטער האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן:

— בעב, די האַקדאָמע געפעלט מיר ניט... זי איז צו גרויס פאַר מײַן קעשענע...

— מאַמאַ, איך וועל עס מאַכן קירצער: דו פאַרשטייסט פון אַ ווונק... נויט, אַרעמקייט בדענגט צו אַלע אוממגליקן, אין רײַבקייט, ווילטיק פירט צו אַלע אוולעס, צו אַלע נעוואַלעס אף דער וועלט... מיט דיר האָרף מען אַ סאַך ניט רייד: דו ביסט דאָך באַ מיר קימאַט אַ סאָציִאַליסטקע!..

— פרעג באַ דיין באַקאַנטן... ווי רופט מען אים? בלום — באַ בלומען פרעג, — האָט זי זיך צעקרימט, — וועט ער דיר זאָגן, אַז איך בין אַ טיפּישע בורזשויקע... אַ טי—פּישע!..

— פונוואַנען ווייסטו בלומען? באַ מיר איז ער קיינמאָל ניט געווען... איך האָב אים דאַפקע עטלעכע מאָל גערופן, גייט ער ניט צו מיר אהיים...

— און איך וואָלט אים גיט רופן דעם גאָדעלניק... געגוג, אַז דו באַגעגנסט זיך מיט אים אין גאַס — געגוג! זאָל סלאָוועקע גינזבורג האָבן דעם נאָכעס פון אַזאַ בלום מיט די גרויסע געקרייזלטע האָר...

— קענסטו דאָך אימ טאקע...

— סלאָווקענ קענ איכ אוואדע... אונ בלומ איז אויכ א קענטיקער... סלאָווקע איז געווענ רײַכ, אונ זי קאָנ זיכ פארגינענ דעמ גרעסטנ קאפּצנ... איר טאטנס פארמעגנ וועט קלעקנ פאר בײדנ...

— אָבער פונוואנענ נעמסטו, אז בלומ זאָגט עפּעס אפ דיר?.. — רײַסט בעב איבער.

— אפ מיר וועט ער זאָגנ!? איכ קענ אימ, וואָס? אפ אונדזער ווילטעטיקײַט, אפ אונדזער קלאלארבעט... אפ אלע אונדזערע דאמענ זאָגט ער — טיפּישע בורזשויקעס... גאנצ שטאָט רעדט שוינ — אָט, מאדאמ מאנדלשטאמ...

— מאמא, זאָל דיר ניט פארדריסנ. אונ אפ בלומענ האָב ניט קײנ פאריבל — ער איז ביכלאל צו שטרענג... בא אימ בינ איכ אפּי־ גע אויכ נאָכ ניט קײנ סאָציאליסט... נאָר — א רײַכער באָכערל, וואָס שטיפט... בינ איכ מיט דיר פונ אײנ מינ — אינ זײַנע אויגנ...

— בעב! — לאכט שוינ די מאמע אפונ קאָל, — דו האָסט מיר שוינ אונטערגעקויפט מיט דײַנ גוטער מײנונג וועגנ מיר... זאָג שוינ קורצ צו דער זאכ.

אונ זי איז צופרידנ, אז בעב געפעלט ניט אָט רעמ בלומענ, איז בעב איר — נאָכ טײַערער אונ ליבער...

— מאמא, איכ וועל דיר זאָגנ גאר קורצ: דו דארפסט אויסהעלפנ אײנער א פרײַלנ, אז זי זאָל קאָנענ קאָשער אונ ערלעכ לעבנ...

זי האָט א בלענצל געטאָנ מיט אירע קלוגע אויגנ.

— אונ גאר?.. איכ מײנ, דו קענסט זי, בעב? צי עמעצער האָט דיכ געבעטנ פאר איר? ווער איז זי?

— מע האָט זי ארויסגענומענ פונ א הײַזל... — האָט זיכ בעב אויס־ גערעדט אומגעריכט, האָט אראָפּגעלאָזט די אויגנ. נאָר ווי ער האָט עס שוינ ארויסגערעדט, האָט ער גלײַכ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ אי־ בעריקס הויכ צוגעגעבנ:

— מאמא, איכ האָב זי ארויסגענומענ פונ הײַזל... איכ! איכ וועל זי ברענגענ אהער, וועסטו זענ...

— בע—עב! — האָט זי זיכ אופגעשטעלט — א קורצע, א פולע, א קײַלעכדיקע, מיט אזויפיל אײמעדיקע שטאָלצ אינ איר הויכ־אופגערי־ סענעמ קאָפּ מיטנ הארקאָווערדיקנ פּאָנעמ, אז בעבנ האָט זיכ אויס־

גערוכט: ער איז קינדיש אנטקעגנ איר... איכ בעב איז דאפקע געראָטנ געווענ אינ פאָטער: א הויכער, א ברייטער.

— בעב, דו זאָלסט זיכ ניט דערהוועגנ!.. — האָט זי מיט א קלייג פויסטל, מיט שליסעלעכ אינ זיי פאַרדריקט, א קלאפ געטאָנ אינ טיש: בע—עב! דאָס איז שווינ א סאַכ שלימער, ווי דער סאָציאַליזמ דיינער...— האָט זי ווי פאַר זיכ שטילער געוואָרפנ, צוזאַמענ מיט די שליסעלעכ איבערנ טיש, אונ האָט זיכ אָפּגעקערט.

— די גאַנצע מיינסע געפעלט מיר ניט... — האָט זי זיכ ווידער אופגערעגט. — דאָס איז שווינ גאָר מיעס — א כארפּע!..

— אונ א „סאַדיערזשאַנקע“, ווי בא מישענ, איז שענער?..

— בע—עב!—האָט זי אפ אימ אויסגעבליצט בייזע אונ צעשראָקע-נע אויגנ.

— אונ צו א הויז־מיידל קריכנ, ווי דער אָנקל באָרים — איז ניט מיעס?

— בע—עב; פאַר וועמענ רעדסטו אזעלכע ווערטער?!.. — האָט זי ווידער פונ טיש די שליסעלעכ אופגעכאַפּט, אונ מיט זיי געסקריפּעט אי-בער א טעלער.

— אינ אזעלכע הינזעלעכ גייג איז נישקאָשע?..—האָט זיכ בעב ניט אָפּגעשטעלט. — ביסט דאָכ טאַקע א טיפּישע בורזשויקע!... גוואַלד, איכ האָב מיכ גענאַרט אינ מיינ מאַמאַ....

— אונ איכ—אינ מיינ זונ... כ'האָב מיכ גענאַרט... איכ האָב אלצ נאָכגעגעבנ... ברענגט ער מיר אריינ אינ שטוב מערקינענ אונ נאָכ אזעלכע גוטע לייט — רעכט. אינ וועלכער רייכער הויז לאָזט מענ עס אריינ אבי וועמענ פונ גאַס? ברענגט ער מיר, בעב, סאָציאַליזמ אינ שטוב — פּראָקלאַמאַציעס בא דער מאַמאַ באַהאַלטנ... איכ אלצ נאָכגעגעבנ. וועט ער מיר נאָכ אריינברענגענ א...

זי האָט זיכ ניט צו דערלאַנגענ שטאָלצ אָפּגעקערט, איז אוועק צומ בופעט אונ דאָרטנ לאַנג עפּעס זיכ געווייסעקט, געעפנט דאָס טירל אונ פאַרמאַכט, צוגעשלאָסנ מיטנ שליסל אונ אופגעשלאָסנ. אָנ די שליסעלעכ אינ די הענט האָט זי זיכ צוריק אומגעקערט, האָט דעמ אומע-טיק־שווייגנדיקנ בעבנ אוועקגעזעצט אפ א שטול אונ, אויסקומענדיק דערמלט העכער פונ אימ, האָט זי גענומענ גלעטנ זיינ קאָפּ.

—בעב, אי בעב!.. בעב, דו ביסט א שטיפער, א האָזעניק, די

זידלסט אויס בורזשויעס... אָבער אנטקעגן א מאמא, בעב, טאָר מען אזוי ניט ארויסשפּרינגען...

בעב האָט מיט זײַנע בײדע הענט זיך געצויגן צו איר און אָנגענומען אירס א האנט. ער האָט געוווּסט, אז זי גייט שוין אָפּ עפּעס א האנאָכע.

— ווי רעכנסטו זי איינאָרדענען, בעב?

— דו וועסט מיט איר רייחן, וועסטו זען.

— וואָס בין איך, א קאַהאָלישע מאמע? וואָס וועל איך מיט איר ריידן? — האָט זי ווידער אין שרעק געהעכערט איר קאָל און אָפּגעצויגן פון אים איר האנט. — נאָר אין סקאַנדאַלן, בעב, — האָט זי זיך צוריק דערנעענטערט. — דו האָסט שוין גאנץ שטאָט אופגערודערט... דו אליין, פלאַפּלער, האָסט שוין אַלעמען דערציילט — זיך געגרייסט מיט דער מיצווע... וועט נאָך דערהערן דער פּאַפּאַ...

— דער פּאַפּאַ... — האָט זיך בעב א כאַפּ געטאָן, טאָר די מוטער האָט צו דער צײַט די האנט אראָפּגעגליטשט פון זײַן קאָפּ און אים דאָס מויל פארשטעלט.

— שטיפערײַ דאַרף איך האָבן א שיר, א ברעג... גענוג שוין קינדערײַען... דו דאַרפסט פאַר איר אָפּ א דירע? פאַר קעסט באַצאָלן?

— א דירע געפונענע שוין...

— וואָס נאָך דאַרפסטו? נאָר דו לאָז זיך ניט פארפירן — אזעלכע מיידלעך קאָנען פארפירן... זי זאָל דיך ניט אריינעמען אין די קלאַמערן...

— מאַמאַ, זי איז ניט אזא... דו דאַרפסט זי זען... — האָט זיך בעב נאָכגעגעבן געבעטן.

— וואָס זי איז אזא שיינע? — האָט זי געלאָסן, אָבער מיט קאַוואָנע געפרעגט.

— א שיינע — א זעלטענע שיינע! — האָט ער מיט התפּעלות ארויסגעזאָגט.

— האָט זיך דיר דאָס קעפּעלע פארדרייט... — האָט זי קלוימערשט געשמייכלט און אים ווידער דעם קאָפּ געגלעט. — ווילסט איר עפּשער פאַר א שנור צו מיר אריינפירן? — האָט זי געשטעלט איר הארבסטע פראַגע און האָפּקע אזוי ווי גלײַכגילטיק.

— יאָ, מאַמאַ, — האָט זיך בעב דרייסט אופגעשטעלט, — אויב

דו ביסט נאָר דאָס בוישעד, קאָנסטו זיכער זײַן... ניט פאַרליבט, עס הייבט זיך ניט אָן...

— הו ווייסט געווים, אַז עס הייבט זיך ניט אָן? — האָט זי אויסערלעך רויִק אויסגעפרעגט, — און וואָס פאַר אַ מענטש איז זי? וואָס פאַר אַ נעפעש?...

— מאַמאַ, זי איז שיין, זי איז קלוג, — און אַ כאַראַקטער!..

— איז עס נאָך אַלץ ווייניק, אַז זי זאָל דיר דעם קאָפּ פאַרדרייען...

— אַז זי וויל ניט פאַרדרייען...

— אַי, ביסטו נאָך אַ קינד, בעבעלע...—האָט די מוטער געוואָרנט מיט אַ פינגער, — נו... בעב, ברענג זי צו מיר... נאָר אָן סקאַנדאַלן... אָן שטיפעריי...

2

אַז בעב איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער מאַמאַ, האָט ער זיך ווידער און שטאַרקער גענומען פאַר בערטען. זי האָט שוין קלייגער פּנים, — פאַרוואָס־זשע שעמט זי זיך אַרײַנגיין צו זיי אַהיים, פאַרצושטעלן זיך זײַן מאַמאַ?

— הער גאָלדמאַן, — האָט זי אים אײַנגערעדט, ווי אַ קאַפּריזנע קינד, — וואָס האָט איר זיך אײַנגעשפּאַרט אין נאַרישקײַט? צו וואָס איז דאָס נייטיק?

— זי וועט אײַך אײַנאָרדענען, די מאַמאַ.

— שוין אײַנגעאָרדנט... איך פיל מיך איצט שטאַרקער און געניטער, ווי פריִער... אָפּאָנעם נאָך אַ מאָל — פילט מען זיך זיכערער אויפן גרעסטן גליטש... אַ נאַר פאַלט צוויי מאָל... מיר דוכט, אַז איך קאָן שוין איצט אַליין באַשטיין אַלצדינג...

— מײַן מאַמאַ וועט אײַך כאָלילע ניט באַליידיקן...

— זי קאָן מיינען, אַז איך קוק אַרויס אויף איר זון...

— איך האָב איר געזאָגט, אַז ניט... קומט! זאָל זי זען, אַז איך... איך האָב איר אַלץ דערציילט... זאָל זי זען, אַז ס'איז ניט אויסגעטראַכט...

זי האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, איז עס אויסגעקומען פאַרקלעמט.

— איך זאָל זײַן דער איידעם, בעניאָמין! — האָט זי פּלוצלינג איבערגעריסן איר קלעמעדיק שמייכל און איר שטים איז געוואָרן האַרציקער, — איר זײַט נאָך אַ קינד... נאָר — איך וועל דאָס שוין טאָן

צוליב אײַכ... איר האָט דאָכ פאַר מיר עפּעס געטאָנ... איר זײַט אַמאָל
אַ וווּיל יִנגל... אַ קינדיש יִנגל....

3

די מאַדאַמ גאָלדמאַנ האָט זיכ געגרייט צו דער באַגעגעניש. זי האָט באַטראַכט און באַשלאָסנ — ניט דערציילנ אַפילע מיכאַילנ — דעמ עלטערנ זונ: ס׳זאָל ניט אַרויסקומענ אַ סקאַנדאַל. און דעמ מאַנ — ניט דערמאָנענ אַפילע. זי וועט שוינ אַליינ זענ, וואָס צו טאָנ. דער־ווײַל, אַ מאַמע דאַרפ אַלצ אויסשטיינ — אַליינ... דערהויפּט צוגרייטנ געלט — אַפ יעדנ פאַל. מיט פאַרשיידענע טערוצימ האָט זי בײַ דעמ מאַנ אויסגעדרייט צוויי הונדערטער אויסער די געוויינלעכע הויצאָעס. אַ הונדערטער געליִענ בײַ מיכאַילנ: ס׳איז איר נייטיק. האָט זי דרײַ „קאַטערינקעס“ — גאַנצע זײַנענ באַקוועמער, באַהאַלטנ אינ קליינעמ טעשל פונ איר גרויסנ רעדיקול. און זי האָט צערודערט געוואַרט אַפ בעבס „נײַעמ קאַפּריז“.

אינ יענעמ פרימאָרגנ צו דער שפּעטער קאַווע האָט זיכ מאַדאַמ גאָלדמאַנ צוגעפּוצט וואָס רײַכער. אָנגעטאָנ אַ סאַמעטענעמ קלייד און אַ זײַדנ קאַפּטל — זאָל זײַנ בײדע מינימ. אַפ איר רונדנ האַלדז האָט זי אינ עטלעכע מאָל אָנגעדרייט אַ לאַנגנ שנור פּערל און דאָס אײ־בעריקע ערשט געלאָזט אַראָפּהענגענ אַפ איר גווירישער ברוסט, אינ דעמ גרויסנ אויסגעברייטערטנ קרײַז פונ דער לאַנגער גאָלדענער קייט, וואָס האָט זיכ אַפ איר געשלענגלט פונ בײדע זײַטנ קאַרק איבער די אַקסלענ און זיכ געצויגנ שטאַרק נידעריק צו דעמ אַראָפּגעהאָנגענעמ זייגערל. אינ די אויערנ — די לאַנגע וואָגיקע בריליאַנטענע אוירינגלעכ, ווי גלעקלעכ, וואָס האָבנ זיכ געטרייסלט, געקלונגענ און געפינקלט. די טונקעלע האָר אַפנ קאָפּ זײַנענ געווענ אָנגעהייפנט אינ דער הייכ און באַשאָטנ מיט קעמעלעכ, זילבערדיק באַזוימטע, און שפּילקעלעכ מיט קעפּעלעכ באַגילדטע. און די הענט, וויפל זיי זײַנענ אויסגעבלויזט — אינ בראַסליעטנ, רייפנ און רינגענ.

אַפנ עס־טיש האָט זי אַליינ — די דינסטנ דערבײַ גראָד ניט באַ־נוצט — אַרויסגעשטעלט זילבערנע געפעס און גאָלדענע קיילימ, וועל־כע מע האָט געברויכט און וועלכע מע האָט דאָ ניט געברויכט, ניט הײַנט און ניט אינ אַנדערע טעג. אַפילע דעמ מאַנס גאָלדענער פּאָרט־

סיגאַר מיטנ מאָנאָגראַמ פונ בלישטשענדיקע שטײנדלעכ, אונ דער אויסטערלישער „האָדעס" פונ גאָלר מיט גלעקלעכ אונ קייטעלעכ — האָבנ זיכ אויכ, קלוימערשט, געוואַלגערט דאָ אפנ טיש צווישנ קאַ־ וויטע מיניכאָלימ אונ זעלטענע געטראַנקענ.

— אדעראַבע, — האָט די מאַדאַמ א צופרידענע מאַכשאָווע דער־ בײַ געהאַט, — זאָל זי זענ — אָט דאָס „מיידל", זאָל זי זענ דאָס אײַנקומעניש, וועט זי פאַרשטײנ ווי הויכ אונ ווי ווײַט דאָס איז פונ איר... אונ זאָל זיכ איר ניט רוכטנ...

זי האָט זיכ דערמאָנט, אונ האָט צומ טיש נעענטער אומגעדרייט אונ אויסגעמערקירט, אז פונ טיש אפנ אויג זאָל עס אויסקומענ — די הויכע טומבע מיטנ „קעסטל זילבער"... האָט זי אופגעשלאָסנ דאָס קעסטל, דאָס דעקל איז אופגעשפרונגענ, אונ עס האָט אויסגעפינקלט, אויסגעבליצט גאַנגענ לעפל, מעסער, גאָפלענ...

די מאַדאַמ האָט פרובירט זיכ צו שטעלנ, איינזעצנ זיכ פונ דער אנדער זײַט טיש — אונ איז אלייג געווענ צופרידנ איבעראַשט.

איצט וועט מענ זענ... צי אזא מיידל וועט נאָכ האָבנ די האָזע...

4

בעב האָט זיכ עפעס פאַרוואונדערט, דערהערנדיק ווי בערטע רופט אָנ פאַר דער מאַמא איר נאָמענ: מינצ. אונ אימ איז דער טאָמענ גע־ פעלנ געוואָרנ.

די מאַדאַמ גאָלדמאַנ האָט זי לאַנג באַטראַכט מיט ברייט אופ־ געריסענע אויגנ.

„אזא פלאַסטיש מיידל!" — איז איר דורכגעפלויגנ אינ דער מאַכשאָווע, ווי א בליצ פאַר צעעפנטע אויגנ, וואָס באַלויכט פלוצלינג אונ מאַכט ווײַ... — אויגנ — קאַרשנ, באַקנ — רויזנ, אונ א מוילכל, ווי ערשט אָפגעקושט...

א זעל—טע—נע שיינ—הײַט! אונ אזא שטאָלצ נעהויבענער קאָפּ.

די מאַדאַמ האָט זיכ דערשראָקנ — געשראָקנ פאַר דער זיכערקײַט אינ איר ניצאָכנ בא דער באַגעגעניש.

נאָר זי האָט זיכ ווי מעגלעכ אויסגעצויגנ העכער, צעשפרייט אירע קײַלעכדיקע הענט אונ זיכ אלנפאַלס געברייטערט, אונ האָט — מיט שטאָלצ אונ מוט זיכ גענעענטערט צומ טיש.

זי האָט באַזונדערס העפלעכ אונ דורכ דעמ אויכ באַזונדערס זעלבסטווערדיק אײַנגעלאַדנ בערטענ זיצנ, גלײַכ פאָרגעלייגט קאַווע, טערטלעכ, אונ האָט אָנגעהויבנ א זײַטיקנ אונ היימישנ שמועס פונ געראָטענע זעמל אונ טאָרטנ.

— בײַ אונדז אינ שטאָט באַקומט איר אַזעלכע צוקער־געבעקס!.. אונ בײַ אײַכ אינ שטאָט? איר זײַט דאָכ ניט קײנ היגע... — מאַכט זי אַנגעוו.

— פונ א קלענערער אינ געמיינערער שטאָט....

— דער קאָסטיום אונ הוט איז דאָכ פונ אײַער שטאָט? זייער עלעגאַנט! אינ דעמ האַרבסט זיכ ערשט באַוויזנ... — האָט זי גיכ באַ־מערקט, ניט געוואָלט קלוימערשט זיכ אָפּשטעלנ דערויפ, — אינ קלע־נערע שטעט איז דאָס לעבנ געמיטלעכ...

— די קליידער זײַנענ היגע... אײַער זונ האָט מיר געלט אויסגע־ליִענ...

די מאַמע אונ דער זונ האָבנ ביידע זייערע אויגנ אויפגעהויבנ צו איר: בעב — צופרידנ פאַרוואונדערט פונ אזא אופריכטיקײַט, אונ די מאַדאַמ — אינ שרעק אויספּירנד: וואָס אזא „כוואַט“ קאָנ נאָכ צו־געבנ נאָכ אזא אַרײַנפאָר...

— איר האָט א שול געענדיקט? — האָט זי געפרעגט פונ אַנדערש וואָס.

— א פּאָר קלאַסנ.

— אונ דערנאָכ א פּראָפעסיע געלערנט.. הײַנטיקע צײַטנ דאַרפנ פרויענ קאָנענ א פּראָפעסיע...

— היימיש נייענ...

— וואָלט איר קאָנענ זיכ באַשעפטיקנ דערמיט... יע, א מאַשינ ברויכט מענ.. נאָר אינ א קלענערער שטאָט איז לײַכטער. דאָרטנ זײַ־נענ פאַראַנ באַקאַנטע... די מאָדעס ווערנ ניט אזוי געפאָדערט... אינ א קלענערער שטאָט...

בערטע האָט זיכ אָנגעשפּיצט צו הערנ אונ געוואַרט.

— וואָס איז? — מישט זיכ אַרײַנ בעב,—מאָדעס לערנט מענ אויס.

— דו ביסט נאָכ א קינד, בעב... די פרײַלנ פאַרשטייט בעסער פונ דיר, אז דאָ, אינ א גרעסערער שטאָט, איז פאַר איר קײנ אָרט ניט... בעב...

די מוטער האָט געהאט א באוועגונג א גלעט צו טאָנ בעבנ אי־בערנ קאָפּ, ווי שטענדיק, ווענ זי וויל אים פאָרויס באַרויִקנ, נאָר זי האָט האסטיק צוריקגעצויגנ די האנט: האָ איצט, פאר „דאָס מיידל“ איז די אויגנ איז עס גיט קעדײַ צו גלעטנ אים...

— בעב, — האָט זי האפקע האַרט געערערט, — דו ביסט נאָכ א שטיק ווינט, אז מע זאָל קאָנענ פאָלגנ דײַנע אייצעס... מאָרעס לערנט מענ ניט אויס אזוי גיכ... אונ דאָס לעבנ איז טײַער איינ א גרויסער שטאָט... ווי כ׳ייננט איר, פרײַלנ? נאָר איינ א קלענערער שטאָט! --- האָט זי געװאָלט איר אונטערזאָגנ, — צי איר האלט טאקע פונ מײַנ בעבנ, פונ בענזאָמינ מארקאָוויטש — איר האלט עפּשער מער, ווי איכ, זײַנ מוטער? — האָט זי פּלוצלינג א קער געטאָנ דעמ געשפּרעכ — ווי האלט איר פונ אים? א מוטער אינטערעסירט א מיינונג...

בערטע האָט געשוויגנ, שטום פינקלענדיק מיט אירע אויגנ אפ דער אויסשפּירנדער מאדאם.

— איכ זע שוינ, אז איר האלט פונ אים גאָרניט... איכ וועל אײַכ אונטערזאָגנ: א לײַכטזיניקער, א יונגער שטיפערל, א גאָכגעגעבענער. אונ מ׳קאָנ אים אָנטרויענ, וואָס ווייניקער... וואָס ווייניקער, איז גע־זינטער... — האָט זי קלוימערשט געשמייכלט.

בעב האָט געצוווּנגענ צוגעשמייכלט.

— איכ בינ עלטער פונ אײַכ אונ איכ בינ א מאמע, אונ אייגענע מוטער זײַנע, וואָלט איכ אײַכ האפקע ניט געראטנ צו גלייבנ אים, בעבנ — א ווינט אפ דער גאס... אונ איר זײַט טאקע קלוג, ווי די וועלט, אז איר גלייבט אים גיט אונ איר האלט ניט פונ אים... איר דארפט אזא איינעם האלטנ טאקע פאר א גאָרנישט...

— מאדאם! — האָט בערטע קוים א שמייכל געטאָנ אונ אויסגע־קרימט א ווינקל פונ די ליפּנ, — איכ וועל מיט אײַכ ניט אײַנגאַנצנ אײַנשטימענ...

— ניט אײַנגאַנצנ, — האָט די מאדאם אונטערכאפּט, — אָבער איר זײַט מאסקים, אז ס׳איז ניטאָ אפ וועמענ צו בויענ...

בערטענ האָט זיכ פארגלוסט צו רייצנ זי. אינ אירע אויגנ האָט פונ דער טונקל אלץ מער אויסגעגליט א פלאמיק פינטעלע אונ האָט געשווידערט אפ דער מאדאם. בערטע פארשטייט גוט איר קאוואָנע, אונ עס גלוסט זיכ צו ערגערנ זי.

— בעניאַמינ מאַרקאָוויטש, — דריקט זי אויס די ווערטער באַזונדערס באַשעוודיק, — איז ניט גאָר א גאַרנישט... פאַר מיר האָט ער גוטס געטאָנ... איכ קאָנ עס ניט פאַרלייקענענ...

די מאַדאַמ האָט זי א שטאָכ געטאָנ מיט די אויגנ. גאָר געזאָגט האָט זי געלאַסנ:

— כ'בינ זייער גערירט דערפונ — פונ אייַער אָפּנהאַרציקייַט אונ פונ אייַער גוטער מייַנונג וועגנ מייַנ זונ...

— אהא, מאמא! — האָט זיכ בעב ארויסגעכאַפּט זייער צופרידנ, — דו זעסט, שוינ גאָר ניט אזא שלעכטער זונ...

— א גוטהאַרציקער... ריכטיק, — האָט די מאַדאַמ צוגעגעבנ, — זייער א גוטער! 'אינ אנ אויפגעפלאַמטער: צינדט זיכ אָנ, ווי א שטרויעלע א טרוקנס... נאָר עס ברענט אויס גיכ, ווי א שטרוי... א קינד נאָכ — וואָס זאָל מענ פונ אימ וועלנ? — אונ נאָכ מיט א גאַנצנ ווינטמיל אינ קאָפּ... — האָט זי צופרידנ געשמייכלט פונ איר ווערטל: — בויענ קאָנ מענ אפ אימ זייער ווייניק...

— קיינער רעכנט ניט צו בויענ אפ אימ, — האָט בערטע גאַנצ האַרט געזאָגט.

— אנטשולדיקט, פריילנ, איכ רייד, ווי א מוטער, וואָס צערעדט זיכ... אָנ פּניעס אונ אָנ זייַטיקע קאַוואָנעס... אז מענ רעדט... אז איר זייַט בא מיר אינ שטוב, — זי האָט אומגערנ אזוי דעמ פּאַרטסיגאַר צוגערוקט נעענטער, אונ דעמ „האָדעס“ אָפּגעשטעלט אינ א זייַט... אז איר זיצט בא מיר נעבנ טיש, זייַנענ מיר ניט די מענטשנ פונ גרויסקייַט...

זי האָט זיכ אָפּגעשטעלט, האָט א פּאָר טריט געמאַכט צומ „קעסטל זילבער“, האָט דאָרט געהאַט אראָפּגעלאָזט דאָס דעקל, נאָר גלייַכ האָט זי עס צוריק אויפגעהויבנ, אונ געקוקט אפ בערטענ, אונ דערבייַ גערעדט:

— פונ גנווע האַלט איכ ניט... ווי מייַנ זונ איז אויכ ניט קיינ באַלגנווע — רייד איכ מיט אייַכ, פריילנ, אָפנ...

זי האָט זיכ צוריקגעקערט צומ טיש אינ פאַרדראָס, וואָס אָט „דאָס מיידל“, קענטיק, אַרט גאָרניט די זילבער מיט די גאָלד מיט דאָס גאַנצע גוטס...

— בעב איז נאָכ א קינד, זאָג איכ — ער לאָזט זיכ אמאָל פאַר־

פירנ... אַבער ער מאָג שוינ טראַכטנ... טראַכטנ, פרײַלנ, פריִער, שפּעטער — א שידעכ...

זי האָט אירע אויגנ אָנגעשטעלט אַפ בערטענ צוקוקנ: צי וועלנ איר די ווערטער אויכ ניט ארנ... אַזוי ווי דאָס „קעסטל זילבער“...

בעב האָט זיכ צעלאַכט, ער האָט זיכ געוווּנדערט, וואָס די מאַמאַ געפינט אַלצ נײַע און נײַע שמועסנ, צו פאַרנעמענ דעמ שווײַגנדיקנ גאַסט. בערטע אַבער האָט שוינ לאַנג דערפילט איינע און א געצילטע קאַוואָנע, וועלכע זי האָט אָנגעקוקט באַשײַמפּערלעכ, ווי א לעבעדיקע שלאַנג זאָל זיכ שלענגלענ אינ ווערטער און זיכ שלײַדערנ אינ אַרמישנע באַוועגונגענ. און בערטע האָט אַלצ בייזער און שפּאָטישער געשלייפט אירע שאַרפע בליקנ, און אינ די ווינקעלעכ פונ אירע ליפּנ האָט זיכ אַלצ ברייטער געשפּרייט דאָס כוויזעק־שמייכעלע.

— מײַנ בעב לאַכט, קלוימערשט, פונ שידוכימ... אַבער איכ זאָג אײַכ, פרײַלנ — בעב איז דאָ ניטאָ... מיר ריידנ צווישנ זיכ: בעב וועט א שידעכ טאָנ מיט א רײַכער פאַמיליע, מיט גרויסנ יִיכעס, וועט אַראָפּנעמענ די שיינע קאַלע, א געלערנטע, מיט די פולע טויזנטער נאַרנ — וואָרעמ מיר וועלנ אַנטקעגנ געבנ, קיינ איינאָרע, די פולע טויזנטער... איכ וויל זיכ ניט באַרימענ, נאָר אַזוי איז דאָס, אַז עס קומט צו רייד... איכ רייד אַנטקעגנ דעמ, וואָס אימ איז שוינ צײַט צו סטאַטקעווענ זיכ... פרײַלנ, איר האָט געזאָגט, אַז בעב האָט פאַר אײַכ א טויווע געטאָנ, טוט איר אימ אָפּ צוריק א טויווע — האָט זי געשמייכלט, — איכ זע, אַז איר קענט... אַז ער זאָל ווערנ א באַראַס און ניט לאָזנ זיכ פאַרפירנ... יע, א גוטע זאַכ טאָנ, אויסהעלפנ א מענטשנ אינ א גוויט — אַדרעאַבע! נאָר איר זאָגט אימ, זאָל ער זיכ דאָס קינפעלע ניט פאַרדרייענ... אַנטשולדיקט, פרײַלנ, וואָס איכ האָב זיכ פאַררעדט — איר האָט קיינ צײַט ניט געוויס... און וואָס אינטערעסירט אײַכ מײַנ בעב?...

— ער אינטערעסירט מיכ גאָרניט, — האָט בערטע געוואָרפנ, — נאָר א דאַנק קומט אימ. האָט ער, אָפּאָנעמ, געוואָלט, אַז איכ זאָל אימ אָפּדאַנקענ פאַר זײַנ מוטער אינ די אויגנ...

דאָס כוויזעק־שמייכעלע האָט איר ווי אויפגעזאָדנע בלעזלעכ געשפּרודלט צווישנ די ליפּנ, וואָס האָבנ זיכ אינ דרייענ שנעל באַוועגט.

— איר זײַט געוויס גערעכט: ער דאַרפ אײַכ גאָרניט אינטערעסירנ

און קאָן אײַך ניט אינטערעסירן... און אײַער דאַנק — דאָס איז זייער פֿײַן פֿון אײַך, עס פֿרייט מיך! איך וויל אויך עפּעס טאָן פֿאַר אײַך — א קלייניקייט, וואָס איך קאָן, געוויינלעך, — האָט זי עס געמאַכט עקסטרע באַשיידן. — אָבער ניט בעטן, נאָר דאַפֿקע אײַך וועל איך דאָס איבערגעבן — איר זאָלט קאָנען אײַנאַנצן שוין זיך איינאָרדענען... א הרײַ־הינדערטער איז דאָ... זאָל זײַן מײַן מאַטאָנע אײַך — מײַנע, פֿרײַלין, ווען אײַך קלעקן אויף רײַזע־קאָסטן, ווײַזן איר ווילט, אויף א ניימאַשין, און...

בעב האָט געלויכטן. ער האָט גאָרניט געוווּסט, אַז די מאַמאַ האָט אַזאַ סורפּריז צוגעגרייט. ער האָט זיך אָנגעבויגן א קוש טאָן דער מאַמאַ אין האַנט. די מאַמאַ האָט עפּעס איצט די דאָזיקע צערעמאָניע געמאַכט קורץ, און אויף דער גיך צוגעשאַרט די הרײַ הינדערטער צו בערטען.

בערטע האָט זיך געלאָזן אויפֿגעהויבן פֿון איר שטול. א געוויקסיקע, א שטאָלצע, מיט אויגן אָנגעצונדענע אין פֿלאַמען, און די באַקן — צעהיצט און צערויישט.

— מאַדאַם, איר דאַרפֿט מיך ניט אָפּקויפֿן מיט קיין הונדערטערס...

די מאַדאַם האָט זיך אויפֿגעשטעלט בלייך און צעשראָקן.

— איך האָב ניט געמיינט און איך וויל ניט — האָט בערטע שאַרף אויסגעדריקט — איך וויל ניט פֿאַרפֿירן אײַער בעבן...

— ואַנטשולדיקט, פֿרײַלין, איר האָט מיך ניט גוט פֿאַרשטאַנען...

בעב האָט צעמישט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך האָב מיך לײַדער אויסגעלערנט צופֿיל צו פֿאַרשטיין... — זי האָט געמאַכט א טראָט, און זיך אָפּגעשטעלט: — קיין רײַזע־הויצאָעס גרייט ניט פֿאַר מיר, און — פֿאַרשיקט מיך ניט אין ערגעץ... ניט איך בין די סאַקאָנע פֿאַר אײַער זון...

— פֿרײַלין מינץ, — האָט די מאַדאַם גערופֿן.

— בערטע! — האָט בעב געבעטן.

— אײַער זון, מאַדאַם, איז געזיכערט! — בערטע האָט מיט ביטל געשמייכלט. — איך איך וויל ניט פֿאַרפֿירן, און ער מיך — קאָן ניט פֿאַרפֿירן...

זי האָט א בליק פֿול עקל און כּויזעק געוואָרפֿן אַרום, אויף מענטשן און אויף זייערע גיטער, אויף אָנגעמיסטיקטע טיש און אויף דער אומגע־

לומפערטער טומבע אינמיטן צימער מיטן „קעסטל זילבער“ אינמיטן־דרינען, און האָט זיך צעלאַכט — ברייט און לוסטיק צעלאַכט, און איז דערהויבן אוועק.

5

אַרײַנקומענדיק פֿון גאַס אין איר צימער, האָט בערטע זיך גאָרניט פֿאַרחידושט, וואָס זי האָט בעבן שוין דערוויסט בײַ זיך.

— בערטע, — האָט ער זיך צו איר געוואָרפֿן, — וואָס זײַט איר ניט־פֿאָעל געוואָרן פֿון דער מאַמאַס רייד? — אַ קלוגע ייִדענע האָט אויך נײַן מאָס רייד. זי האָט גאָרניט געמיינט האָפֿקע... איך וועל אײַך ברענגען דאָס געלט — שוין אָפּגערעדט מיט דער מאַמאַ...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט איר כווזעק־שמייכעלע, פֿון וועלכן ער דרייט זיך צונויף, ווערט קלענער און הייבט זיך אָן צו טומלען.

— דעם האָוחאַליע־האָדעס שטעלט מען בײַ אײַך צום טיש אַלע טאָג צו קאַווע?... — האָט זי פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן.

בעב האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי פֿון אַ שטיין, וואָס פֿליט אין אים.

— הער גאָלדמאַן, — האָט זי רויִק אַרויסגעזאָגט, — גענענדיקט! פֿאַר אײַערס — האָב איך אײַך אָפּגעדאַנקט פֿאַר אײַער מאַמאַ אין די אויגן...

זי האָט גוטמוטיק צוגעשמייכלט. — איך בין איצטער גראָד אַרײַן אין אַ וואַרשטאַט, געפֿרעגט וועגן אַרבעט...

— בערטע, פֿונעם געלט זאָלט איר זיך ניט אָפּזאָגן, ס'וועט אײַך צוניץ קומען, און בײַ זיי, בײַ מײַן מאַמאַ מיטן פּאַפּאַ וועט מען בלײַבן...

זי האָט געלאַכט:

— בעניאַמין, איר זײַט פֿאָרט אַ קינד... גענוג! און הערט אויף צו גיין צו מיר! נו, גייט!

— כ'וועל אײַך איבערלאָזן אַ פּאָר רובל, — האָט זיך בעב געטומלט און געכאַפּט אויסצושיטן פֿון זײַנע קעשענעס דאָס קלײנגעלט.

— בעניאַמין, גענוג! זײַט זיכער — קיין גליטש איז שוין פֿאַר מיר מער ניטאָ... אַלע וועגן זײַנען שוין פֿאַר מיר ניט גליטשיק... און לאָזט מיך צורו... און פֿאַרגעסט אײַנגאַנצן... די גאַס איז ניטאָ, דאָס

הויז — ניטאָ, דער צימער — ניטאָ און איך בין ניטאָ... איר גייט ארויס פונדאנען, און ס׳איז אלץ אָפּגעמעקט... נו, נאט אייך א האנט: אדיע! אוי—אויס!נו—גייט!..

VIII. קנוילט זיך א קנויל

1

פויגלסאָן האָט איבערן שוועל אריבערגעטראָגן און דאָ גלייך אפּ דער פּאָרלאָגע אָפּגעשטעלט א זודיק סאמאָוואר, און האָט פייערלעך אָנגעזאָגט:

— אָט איז טיי...

— דערווייל נאָר געזאָרענע וואסער... — וואָרפט צו הורוויטש.

— מיט סקעפּטיקער איז ניטאָ וואָס צו רייד... —און פויגלסאָן האָט גענומען זוכן „קיילים" פאר אלעמען, און קלייבט פון פענצטער, פון טישל און פון א פּאָליצע א געווינקלטע צווישן צוויי ווענט. האָט ער שוין אין די הענט א בלעכן קווערטל פון וואסער, א קענדל פון קאָר־טאָפל — צו גרויס, וועט מען אָנגיסן א האלבע, — א טעפל מיט א פּאָר אויסגעלאָשענע פּאפּיראָסן — וואָרפט מען זיי אראָפּ אפּ דער פּאָרלאָגע, בלייבט א „קיילע" פאר עמעצן, — א ליימענע קריגעלע פון מילך, עפּעס איז דאָ געווען אמאָל מילכיקס, און צולעצט, — ער האָט אלץ געהאט דורכגעלאָזט, נאָר אז עס פעלט קיילים, מוז ער דאָס אויך צורעכענען — דאָס גלאָז אפּן פענצטער מיטן ביסל טינט אפּן דעק.

— ווער האָט עס אָנגעגאָסן טינט אין א גלאָז? — פרעגט פויגלסאָן סטאם.

— ווער עס שרייבט, יענער האָט אָנגעגאָסן, — רייסט זיך אָפּ וואָרקע פון טאבורעט. ווו ער האָט געהאט דערהוויזן א טעאָרעמע.

פויגלסאָן זאָגט אָן, מע זאָל וואַרטן, ער וועט א לאָף טאָן צו כאיע לייען און נעמען בא איר צוקער—מ׳האָט איר צוגעשיקט פון דער היים.

— וואָ—אָס? — גלאָצט אויס וואָרקע די אויגן און באלד צעבייגט ער זיך און צעברעכט זיין לאנגן דארן קערפּער אין לאכן — צו כאיע־לייען? אהינטער דעם נייעם מארק? וויפל וויאָרסט אנערעך?

— כאיע־לייע איז האָב איצטער אין דער אקושערן־שול — וואָרפט צו דאָבקין.

— דאָס איז גראָד אַ קלייניקייט, — מאַכט וואַווקע, — ער דאַרף ניט קיין דערלויבעניש אַף נעמען... פייגל, וואָס האָט פּרודאָן געזאָגט וועגן אייגנטום? — מיר איז אַ כידעש, וואָס דו ווילסט ניט אַ קלאַפּ טאָן אין שקלאָוו צי אין אָרשע נאָך אַ פּאָר שטיקעלעך צוקער — צעלאַכט זיך וואַווקע באַטאַמט, — ווי דו טוסט אַ לאָף איבערבייטן ביכער...

— פייגלסאָן, — רייסט איבער פּלוצלינג אייטקין, — דו ביסט טאָקע געווען אַמאָל אַ פּאַליעסטיניעץ? וואָס האָסטו דעמאָלט געטאָן?

— ער האָט גע—טאָ—אָן, — פֿאַרגייט זיך וואַווקע אין לאַכן. — ער פֿלעגט שפּייען, שפּיי—ען אַף דעם גאַנצן גאָלעס... און איז אַוועק צופֿיס ביז אָדעס... דאָרטן האָט אים דער יאַם אָפּגעשטעלט: אַפֿן וואַסער גייט מען ניט צופֿוס...

— נו, יע, איך בין אַ מענטש פֿון מעשׂים. גיין איז — גיין...

— כאַ—כאַ—כאַ!.. — האָט וואַווקע אויסגעפּלאַצט. — נו, גענוג. פייגל, איך וועל פֿאַר דער צייט שטאַרבן אַ לאַכעדיקער... הורוויץ, איך האָב אַ פּלאַן וועגן צוקער: גיב מיר דיינע שיך, טו איך אַ שפּרונג אַף מיין לעקציע און באַקום געלט פֿאַר אַ מאָנאַט...

ניסן הורוויץ רייסט אויף דאָס קורצע נעזל אין דער הייך, טוט אַ שטויס סימכען אין עלנבויגן און פֿאַרגעריימט אַזוי.

— ווי לאַנג איז וואַווקע צוגאַסט געווען אַף זיין לעקציע?..

— און וואָס באַשטייט דאָס? — רייסט איבער פֿייגלסאָן פֿאַרדראָסיק: — אַז ער וויל אָנטאָן דיינע שיך, מוז ער שוין גיין אַף דער לעקציע?.. ער בעט שיך, גיב אים... ער וויל זיך דורכגיין... מעג ער אויך אין דיינע שיך... אַ מענטש דאַרף שפּאַצירן...

— אַט דאָס מיינט מען טאַקע, — טוט הורוויץ נאָכאַמאָל אַ שטויס סימכען אין עלנבויגן, — איך בין שוין אָנגעלערנט: ער וועט אַוועקגיין צו כאַיע־לייען, מע האָט אים דערמאָנט...

— איך פֿאַרשטיי ניט, — בייזערט זיך פֿייגלסאָן: — אין וואָס באַשטייט דאָס? דאָס פֿאַרפֿלוכטע אייגנטום! דיינע שיך דאַרפֿן זיין אַף דיינע פֿיס... און ער האָט קיין פֿיס ניט? זאָל ער גיין צו כאַיע־לייען. וואָס אַרט עס דיר?

— גיב אים דיינע שטיוול...

— מיינע שטיוול? דאָס איז זיינע ווי מיינע... דאָס זיינען שטיוול. און איצטער טראָג איך זיי...

— בא וועמענ האָסטו זיי גענומענ?

— הוכט זיכ, בא באריסנ... ער טראָגט שיכ, האָב איכ אָנגעטאָנ די שטיוול... איצטער ווילסטו אָנטאָנ — נא! נאָר איכ דארפ באלד גײנ אינ אָרשע...

— אינ אָרשע? דאָס איז א ימוז? דו גייסט „פּאַ ראספּיסאניו"? וועסטו גײנ אינ א וואָכ ארומ... דערווײַל וועלנ די פרעסט אָפּפאלנ...

— איכ פארשטיי ניט — צעקאָכט זיכ פויגלסאָנ: — א מענטש האָט דאָרטנ אָנגעהויבנ צו לייענענ א בוכ, און איכ האָב עס צוגענומענ און פארטראָגנ אינ קאָפּיסט... א טײַערע מיידל פאראנ אינ קאָפּיסט — האָב איכ איר איבערגעלאָזט דעמ בוכ — ספּענסערס... און די טעג האָב איכ באקאיע־לייענ דערזענ דאָס לעצטע בוכ פונ „מיר באָזשי" מיט א גוטנ ארטיקל... האָב איכ איר אָפּגעטראָגנ דעמ „מיר באָזשי", און אָפּגענומענ ספּענסערנ... טראָג איכ אימ גלײַכ אָפּ צומ באָכער... א מענטש זיצט אינ אָרשע און וואַרט...

— כעווורע! — האָט וואָווקע פּלוצלינג מיט האַסט זיכ געוואָרפנ צומ טישל און מיט אויסגעשפּרייטע הענט פארשטעלט עטלעכע ביכער, — האַלט צו! פוינל וועט פארשלעפּנ א לאַטיינישע גראַמאַטיק, א גריכישנ ווערטערבוכ, לאָגאַריפמענ — און פארטראָגנ אינ באָברויסק, כיס־לאַוויטש...

פויגלסאָנ האָט אינ דער שטיל געמורמלט: — בורזשויעס! ביכער באַהאַלטנ זיי אויכ... אַלצ זיכ! און קיינעמ קיינ נוצנ ניט. איכ גיי.

— און טיי! — האָט אימ הורוויצ דערמאָנט.

— א גלאָז טיי וועל איכ שוינ אויסטרינקענ בא דאַווידנ: איכ גיי פארבײַ — בא אימ האָב איכ נעכטנ געזענ א נײַעמ בוכ —

„Развитие капитализма в России".

— וול. אילינ'ס — מאַכט פּײַטל. — יע, איכ האָב עס געזענ טאַקע בא דאַווידנ.

— מיסטאָמע, א גוטע זאַכ, — קוועלט אָנ פויגלסאָנ, — בא דאַווידנ איז שוינ געווימ פונ די אנטיקנ...

— דאָס פאָדערט ער אַלצ, קעדיי ער זאָל דיר די שטיוול ניט געבנ... — שמייכלט ניסנ הורוויצ.

— די שטיוול? אינ וואָס געשטייט דאָס? — פויגלסאָנ שפּאַרט זיכ אָנ צומ פּריטולקע פונ טיר, הייבט אופ א פוס און ציט אראָפּ א

שטוויל, דאָס צווייטע פוס, און וואַרפט אָפּ נאָך אַ שטיוול און בלייבט שטיין מיט בלויזע, האָריקע צעשרומפּטע און געשטופּלטע פיס.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך, — וואַרפט הורוויץ לוסטיק, — מיינע שטיוול — דיינע פיס...

וואָווקע אין זיינע שטעקשיך אַף די פיס האָט זיך אופגעשטעלט הויך און דאַר, האָט זיך אין ברוסט געקלאַפּט מיט פּאַטאָס און האָט דעקלאַמירט, ווי אין גימנאַזיע אַ רעדע פון ציצעראָ:

— איי, שטיוול, פאַרפירערישע! איי, שטיוול פאַרעטערישע! — פּיינטל, ווי איז דאָרטן, ווייטער בא ציצעראָ? — איי שטיוול פון פעל! איבער אייך וועט אַ באָכער אין אָרשע פאַראָוולט ווערן אָן ספּענסערס „וויסנשאַפטלעכע יעסוירעס"! איבער אייך וועט אַ מיידל אין קאָפּיסט וויסט פאַרעלטערט ווערן אַף טעג און אַף וואָכן אָן אַ „מיר באָזשי"! אָ, ניין! אַזאַ קאָרבן קאָן איך ניט אָננעמען... אַוועק פון מיר! אַוועק! אַוועק! — האָט ער מיט האַסט צוריקגעשליידערט די שטיוול.

די מאַטעמאַטיקער האָבן פאַרענדיקט אַ טעאָרעמע, האָבן זיי אומגעדרייט דאָס טאַבורעטל אין דער לענג, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ פיסל — אָפּרוען: אַזוי לאַנג געשטאַנען אַף די קני.

— אויב אַזוי, — האָט הורוויץ אַ שטויס געטאָן סימכען אין עלנבויגן, — גיב איך אָפּ צוקער 5 קאָפּיקעס... געוואָלט קויפן פּאַפּיראָסן.

— ניין, — האָט וואָווקע געשריִען, — איך פּראָטעסטיר! גאָר — פּאַפּיראָסן!

— איך פּראָטעסטיר קעגן פּאַפּיראָסן! — האָט פויגעלסאָן געשריִען, — טאָלסטאָי האָט דאָך געזאָגט...

— גיב צוריק די שטיוול! גיב אַהער! — האָט וואָווקע אַלץ מער זיך באַגייסטערט אין שפּאַס און שפּאָט, — גיט מיר שטיוול! וועל איך אין וועלדער אַוועק, פון שטאָט אַנטלויפן, און זיך דערווייטערן פון איינעם אַזאַ, וואָס לייענט...

— דו האַלטסט, אַז מע דאַרף ניט לייענען? — האָט פויגלסאָן ערנסט געפרעגט.

— כאַ — כאַ... — האָט זיך וואָווקע געשליידערט אין לאַכן, — דו האַלטסט אַוואַדע ניט לייענען — בא דיר ווערט פון אַ וואָרט — אַ קוילעטש...

— הערט אים ניט, — האָט פויגלסאָן זיך געווענדט צו אַלעמען

ארום, — גאָר לייענען! לייענען, קריטיקירן, און אויפקלערן! אָדער ווי ליבקנעכט זאָגט... ער זאָגט... נו, איר ווייסט..: ליבקנעכט: איין ביין איז דאָ אױף דער וועלט — די אומוויסנקייט, און אנטקעגן דעם איז דאָ איין טרופּע — בילדונג...בילדונג — ניט טראָפּנווייז, נאָר אין 10־עמערדיקע פּעסער — בילדונג... האָט פּיסאַרעוו געזאָגט.

— פּונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָט אים וואַווקע קלוימערשט גע־לאָסן געפרעגט.

— פון דיר געהערט—האָט זיך פויגלסאָן געבייזערט,—פון דיר, דו לייענסט, און טוסט גאָרניט. ליגסט און פוילסט... אַדרעהאַבע, גיב אַרויס פאַר אַלעמען דײַנע קענטעניש! אַבלאָמאָווש־טשינע איז שוין אויס... אַרויס פונדאַנען! וואָס ליגסטו דאָ? אַרויס!

— פויגל! דו ווערסט אינטערעסאַנט... דו טרײַבסט מיך פון מײַן צימער?!

— וואָס הייסט דײַנער? דער צימער איז שוין אויך זײַנער? דאָס איז קיינעמס צימער... אַרויס פונדאַנען! גיי אין גאַס, אין לעבן אַרײַן... דו קאָנסט ניט גיין אין אַ ציגל־זאַוואָד אַרבעטן, ווי איך? הונדערטער אַרבעטער שמאַכטן נאָך אַ לעבעדיק וואָרט... איך האָב דאָרטן...

— איך שטעל מיר פאָר, וואָס דו האָסט דאָרטן...

— איז גיי דו... קום, איך וועל דיך אַוועקפירן, און אויב דו קאָנסט ניט גיין, וועל איך דיך אַוועקטראָגן אַהין, — שמייכלט ער צופרידן אין זײַן היפּש טונקעל בערדל, — איך וועל דיך אויף זיך טראָגן, אַבי קום, העלפן אויפקלערן...

— לאָז אים צורו, — זאָגט מאַטעמאַטיקער — ער גרייט זיך צום עקזאַמען.

— ווער דאַרף זײַן עקזאַמען? — האָט זיך פויגלסאָן צעלאַכט, — עקסטערן—ווער דאַרף דאָס? אונדז איז גענוג זײַנע פריערדיקע קלאַסן... גיי אַרבעטן! און דאַבקין, און איטקין — אַרויס פונדאַנען! פּעסי־מיסטן, קרעכצטשער — וואָס קאָנט איר ניט גיין ביכלעך טראָגן פאַר אַרבעטער, לייענען מיט זיי, קריטיקירן, אויפקלערן? טפוי!.. איך גיי אַוועק פון אײַך...

— פויגלסאָן!—האַלט אים אויף הורוויץ, — און דער סאַמאָוואַר?

— איך וויל ניט מיט אײַך... — האָט ער אויסגעזעמלט און צע־עפנט די טיר.

2

אינ דער געעפֿנטער טיר האָבנ זיכ פֿונ דרויסנ דערנעענטערט דאַוויד אונ טאָליע.

— האָסט זיכ באַראַכפּט מאַטריִעב זײַנ, פֿויגל? — האָט וואָווקע געשמייכלט.

— אונ דאָ איז נאָכ אַלצ פֿול, אונ וואָווקע — אינ דער מיט... מאַכט טאָליע: — מע פֿאַרברענגט די יאָרנ אינ באָכמענענ זיכ אונ שפּאַסנ...

— וואָס מאַסערסטו אָפּ מיר פֿאַר דאַווידנ? דאַוויד איז זײַנ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט דאָרפֿ אַרײַנעמענ פֿונדעסטוועגנ מיכ — אַנ עמעסנ פּראָלעטאַריער, אונ ניט דיכ, א בורזשוי. גענויער — א קלײנבירגער, וואָס גייט צו בורזשואַזיע. אונ איכ בינ פֿאָרט א פּראָלעטאַריער...

— אונ ניט א לומפּנ-פּראָלעטאַריער — דערווײַל? — האָט דאַוויד איבערגעריסנ.

— דו הייבסט שוינ אָנ מיט דײַנ דיִאַלעקטיק מעסטנ אונ וועגנ אַפּ קווינט...

— נו, קום אַרויס! — רופֿט אים טאָליע, — אָנגערויכערט אונ אָנגעטשאַדיעט.

— כאַ—כאַ! איכ האָב געזאָגט: א בורזשוי — ער קאָנ ניט אַריבערטראָגנ דעם רייעכ פֿונ א פּראָלעטאַרישנ צימער...

— ווי וועט ער גײנ — ער האָט ניט קײנ שיכ, — האָט סימכע באַמערקט.

— ווער האָט עס אײַכ געזאָגט? וואָווקע האָט אײַכ געזאָגט? — האָט טאָליע געלאַכט, — דאָס מיסטיפֿיצירט ער, ער האָט א פּאָר נײַע שיכ...

— איכ האָב געזאָגט, אַז מ'דאַרפֿ אים אַרויסטרײַבנ, אונ זאָל ער גײנ אַרבעטנ... — האָט פֿויגלסאָנ זיכ געגרייסט מיט זײַנ אופּטו.

— טוט א זוכ די שיכ זײַנע — אונטערנ טיש אונטערנ בעט, — האָט טאָליע פֿאָרגעלייגט, — ערשט יענע וואָכ איז ער כאַ קאַיע-לייענ געווענ אינ נײַע שיכ...

דער אוילעם האָט זיכ געוואָרפֿנ זוכנ. טאָליע האָט צוגעקוקט אונ געלאַכט,

— שיכ! איינ שוכ... איינ שוכ איז שוינ דאָ, — האָט סימכע אָנגע־כאַפּט פונ אונטער א בארג ביכער, געזוכט ווײַטער אונ געציילט: איינ שוכ... איינ שוכ...

— צוויי שיכ! — האָט אויסגעשריִענ ליובקע פונ אונטערנ בעטל.

—אזוי—וי!—האָט ניסנ זיכ געוואָרפנ באטראכטנ די שיכ — עפּ־שער זײַנענ זיי אפ אימ קלײנ... אָדער זיי זײַנענ אפ אימ גרויס... אז ער טײַנעט אלצ, ער האָט ניט קיינ שיכ... מעסט אָנ אָקאָרשט! פאר אלעמענ אינ די אויגנ...

— גוט, גוט! — האָט וואָווקע געשמייכלט, — אפ מײַנע פיס פאסנ זיכ אלע שיכ — בא מיר זײַנענ גוטע פיס — זייער גוטע פיס...

— וואָס הייסט גוטע? — האָט זיכ פײַטל פאראינטערעסירט.

— גוטע פיס... — קוועלט אָנ וואָווקע,—דו ווייסט גאָר ניט? בא מיר זײַנענ גוטע פיס... איכ קאָנ אָנטאָנ אפ מײַנע פיס דײַנע שיכ, וואָס זײַנענ, דוכט זיכ, קלייניננקע, אונ איכ קאָנ אָנטאָנ אפ זיי פויגל־סאָנס שטיוול, וואָס זײַנענ אזעלכע גרויסע... בא מיר זײַנענ גוטע פיס... אָט ס'אזא פיס איכ האָב!..

— אָט אינ וואָס א מענטש בײַטלט זיכ אויס... — האָט טאַליע זיכ געווענדט צו דאָווידנ, וואָס האָט געקנייטשט אינ פארדרוס אונ געשוויגנ.

— כעווריע, טוט אימ אָנ די שיכ, אונ זאָל ער ארויסגיינ....

דאָוויד האָט ארויסגערופנ פײַטלענ אינ דרויסנ. ער האָט אימ אָנ־געזאָגט, אז דאָקטער בראנזבורג איז מאסקימ מיטנ פלאנ. פײַטל זאָל ארבעטנ אינ ביבליאָטעק צוזאמענ מיט פייגינענ, אונ זאָל זיכ פארנע־מענ מער מיט די ארבעטער-לייענער.

וואָווקע איז ארויס אינ דרויסנ, אונ אינ דער אָפענער טיר האָט ער זיכ אומגעקערט, גרויסארטיק זיכ פארנייגט אונ פאטעטיש ארויסגע־זאָגט: — אָט דאָס איז דער סאָפ פונ א מענטשנ — זיצט, זיצט אינ צימער, אונ גייט ארויס אפנ גאס....

— וועהינ גייט איר דאָס זאלבעדריט? — האָט זיי פויגלסאָנ נאָכגע־יאָגט.

— דו זיצ האָרטנ, — האָט אימ וואָווקע אָפּגעטריבנ, — מיט די עקסטערנע, מיט די „פעסימיסטנ“. האָוויר, איכ בינ דיר א גוטער פרײַנט, וואָרנ איכ דיכ, אז פויגלסאָנ וויל אוועקטראָגנ בא דיר א בוכ... בא דיר איז פאראנ „Развитие капитализма в России“

— באַ דיר איז עס דאָ? — האָט זיך טאָליע אָנגעכאַפּט. — מיסטאָמע האָט עס דיר סלאַווע צוגעשיקט פון פּעטערבורג... איך זוך שוין לאַנג. אַן אינטערעסאַנטע בוך.

— זייער אַ גוט בוך... אַ נייטיקס.

— אין „נאַטשנאָיע אָבאָזרעניע“ געווען אַ קריטיק, און אַן ענטפער אויף דער קריטיק... כ׳האָב געלייענט. וול. איליין — ער איז אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט..

— ניטאָ קיין אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיזם! — האָט דאַוויד קוימאַט אויפגעבראַכט איבערגעריסן,—פאַראַן מאַרקסיסטן, דורכגעדרונגענע מיטן מאַרקסיזם. און פאַראַן ניט־מאַרקסיסטן, וואָס פּשעטלען זיך אין מאַרקסן, קעדיי אָפּצולייקענען אים...

— נו, נו... ס׳איז אויך פּשעטל... — אָט טאָליע געשמייכלט, גיב מיר דאָס בוך.

דאַוויד איז געגאַנגען, ווי אַ זייטיקער. די קאָלנערס פון רעקל און פון מאַנטל אויפגעשטעלט, און זיי האָבן זיך אַרײַנגעשפּאַרט אין די געקרייזלטע און געדיכטע האָר.

— אין גרויסע פרעסט — האָט וואָוקע אָנגעוויזן טאָליען — גייט ער האָפּקע מיטן מאַנטל אויף אַלע קנעפּלעך פאַרשפּיליעט, ס׳איז אים הייס... און הײַנט, אַז ס׳איז גאָר ניט קאַלט, זײַנען בײַ אים אַלע קאָלנערס אָנגעשטעלט...

— ס׳איז אים קאַלט אויף דער נעשאָמע...

וואָוקע האָט לוסטיק אויסגעגלאָנצט די אויגן אויף דאַווידן און האָט שוין זײַנע דינע ליפּן צעקנייטשט. געוואָלט זאָגן, אַז די שטימונג איז שוין לאַנג, זינט ס׳איז אָפּגעפּאָרן... נאָר ער האָט גאָר עפּעס אַנדערש געזאָגט:

— וואָס זײַט איר הײַנט צו מיר געקומען — אויסצומוסערן מיך?

— גיי, שווײַג דו מענטש! — ווער וועט דיך שוין אויסמוסערן?.. זאָג מיר, ווי האַלטסטו וועגן ציִעניזם? אַרוואָקאַט שטיינבערג גרייט אַ גרויסע ציִעניסטישע פאַרזאַמלונג — קלוימערשט אַ דיסקוסיע... און אַז מיר וועלן קיינער ניט גיין און ניט אַרויסטרעטן, וועט עס הייסן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין קעגנער. דאַרף מען גיין...

— דאַוויד, דו האָסט עס אים אַזוי אָנגעלערנט? ער רעדט דאָך נאָר, ווי פון אַ שפּאַרגאַלקע? צי פאַניע האָט עס אים אויפגעגעבן אַזאַ פּראָגראַם? טאָליע...

— צו דער זאַכ אָבער? מע דאַרפֿ אָפּריידנ, אײַנטײלנ די טעמעס, וועגנ וואָס יעדער איינער זאָל ריידנ. נאָכעמ וויל אַרויסטרעטנ קעגנ זײַ-ער קאָלאָניאַל-באַנק — ער איז אַ פֿינאַנסיסט, אינ בערלינ געהערט לעקציעס בײַ שמאָלערנ...

— וווּהינ גייענ מיר? — האָט וואָווקע זיכ אָפּגעשטעלט. — אַנשטאָט צו ענטפֿערנ וואָווקענ, האָט טאָליע געפֿרעגט דאָווידנ:

—דאָוויד, דו וועסט אַרײַנגייִנ צו פּאַניענ?

— אונ דו— ווילסט אַרײַנגייִנ צו פּאַניענ?—האָט וואָווקע גע-פֿרעגט טאָליענ מיט אַנ אויסלאַכ, — איכ וויל אַרײַנגייִנ, אונ דו?..

טאָליע האָט זיכ אינ פֿלוג צעמישט.

— מירנ אַרײַנ צו פּאַניענ, דאָרטנ וועט מיסטאָמע זײַנ נאָכעמ...

— אַבי בײַ דיר געפֿויעלט... האָט וואָווקע אָפּנ אויסגעלאַכט, — איכ האָב געמיינט, אַז דו ווילסט ניט אַרײַנגייִנ צו פּאַניענ...

טאָליע איז געוואָרנ רויט.

— שטעטריק מיט דײַנע שטעכווערטלעכ... וואָס ביסטו כווישעד?..

— איכ בינ ניט כווישעד... כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט שוינ אָפּגעלאָזט פּאַניענ — פֿאַר נאָכעמענ... ער איז איצטער געהויבנ: אַ העלד! שטודירט עקאָנאָמיק אינ בערלינ... האָט געבראַכט אַהער צוויי סעפֿערנ מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור...

— וואָס מיינסטו? דורכפֿירנ די גרענעצ צוויי סעפֿערנ אומלעגאַלע ליטעראַטור — דאָס איז ניט, ווי דו ליגסט אינ צימערל אונ כאַכמעסט זיכ...

— אַהאַ, גענומענ מיכ מוסערנ... דאָוויד, נאַ דיר אַ האַנט! איכ גיי אַוועק אַפֿ אַ זאַוואָד... פֿויגל זאָגט...

— פֿויגלזאָנ! פֿויגלזאָנ!—האָט דאָוויד מיטאַמאָל פֿאַריכט.

— נו, פֿויגלזאָנ זאָגט... דו פֿאַרהיטסט דעמ קאָוועד פֿונ אַ פּראָ-לעטאַריער... פֿויגלזאָנ זאָגט, אַז די אַרבעטער וואַרטנ אַפֿ דער אינטע-ליגענצ...

— נו, גוט, — מאַכט טאָליע — וועגנ וואָס וועסטו ריידנ אַפֿ דער ציִעניסטישער פֿאַרזאַמלונג? דו האָסט אַ צינגל אונ ביסט אַ קלאַסי-קער... דאָרטנ וועלנ זײַנ די דיפּלאָמירטע אינטעליגענטנ, זאָלסטו צי-טירנ אינ לאַטײַנ...

— קאַי גראַקכנ... — האָט וואָווקע געלאַכט — אונ דו? כ'האָב גע-

מײנט, אַז דו ביסט אַ גרויסער לאַטײַניסט... דו שטעלסט אַלץ אַרײַנ לאַטײַנ: ערגאָ, עגאָ איפּסאָ, סינע קוואַ נאָנ...

זײ זײַנענ געווענ בײַ דעמ הויפ, ווו עס איז געווענ דינעם צימער

— טאַליע, פאַרוואָס האָט זיכ פאַניע איבערגעקליבנ צו דינענ?

— און דו ביסט ניט קײנ היגער, דו ווײסט ניט? אַז פאַניע איז מיטאַמאָל געבליבנ אָנ אַ צימער: די באַלעבאָסטע האָט איר אָפּגעזאָגט..

— ווײַל דו מיט נאָכעמענ פלעגנ דורכנ נאַכט שפּרינגענ אינ די פענצטער...

— אָט האָס ביסטו אויסנ געווענ — אַרײַנזאָגנ...

— זאָג נאָר, ווער וועמענ האָט עס געוואָרפנ דורכנ פענצטער אינמיטנ נאַכט? מע זאָגט, אַז ס'איז געווענ דרײַ—פיר אַזײגער באַנאַכט...

— נאָכעמ — מיכ... — האָט טאַליע געשטאַמלט און איז רויט געוואָרנ. — גאָר? —

— און פאַרוואָס אָבער? ווײַל דו גײסט צו פאַניענ? צי ווײַל דו ביסט ניט קײנ קאָנסעקווענטער מאַרקסיסט? דאָוויד, טאַליע איז אַ מאַרקסיסט? נײנ! בײַ אימ אינ קאָפּ זײַנענ קעסטעלעכ באַזונדערע אָנגעפּאַקטע: בעלטאָוו און וואָלגינ — אַ קעסטעלע, מיכײַלאָווסקי און ניקאָלײַ—אָנ" — אַ קעסטעלע... אַ ביבליאָטעק מיט ביכער... און איכ שטעל מיר פאָר: די ביכער בײַ אימ אינ קאָפּ מיט צעטעלעכ אָנגעקלעפּטע, אַפּ זײ שטײענ אײנס נעבנ אַנדערנ רוּקע, שטילינקע — די סאַמע קענענערסטע, שטויסנ זיכ ניט, טשעפּענ ניט אײנס דאָס אַנדערע... עמעס, טאַליע?

און וואָוקע האָט געקוואָלנ פונ דעמ בילד, וואָס ער אַלײנ האָט אויסגעמאָלט.

— דאָוויד, קומ שוינ אַרײַנ! — האָט טאַליע אָפּגעכ און מיטאַמאָל אופגעעפּנט דאָס פערטל פונ הויפ.

— און דו, — האָט וואָוקע געײַלט נאָכ דאָווידנ און געערדט: — דו ווילסט אימ נאָכ געבנ «Развитие капитализма в России» וועט בײַ אימ אינ קאָפּ צוקומענ נאָכ אַ פאַרפאַקט קעסטעלע... גיב עס מיר בעסער! מיר!

3

פֿאַניע, אַ קרעפּטיק מיידל מיט רויטע הענט, איז געזעסן באַם טיש און געלייענט פֿאַר זיך, און נאָכעם — אַ שוואַרצער, אַ פֿלינקער און נערוועז רירעוודיק האָט געשפּאַנט איבערן צימער — אויכעט פֿאַר זיך.

— אַ, אַ... — האָט פֿאַניע עפּעס אויסגעצויגן, ווען טאָליע האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר, און זי האָט דערזען אויך דאָווידן און וואָווקען. זי האָט זיך אופֿגעשטעלט מיטן פֿאַרבלעטערטן בוך אין האַנט און איז צו זיי גערן אַנטקעגן געגאַנגען. נאָכעם האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, האָט קרום אָנגעקוקט די אָנגעקומענע, און איז עפּעס פֿאַרברוגעזט נאָך שטאַרקער אַוועק שפּאַנען איבערן צימער.

— מיר האָבן אים, אַפּאָנעם, געשטערט, — פּאַטשט אָן וואָווקע טאָליען אויפֿן אַקסל.

פֿאַניע האָט גלײַך אָפּגעפֿירט דאָווידן אָן אַ זײַט און האָט צו אים לאַנג און אַמאָל צופֿרידן גערעדט און דערציילט. זי האָט שוין פֿאַרטיק אַלע יעדיעס. נאָכעם איז אַ כוואַט, כאָטש אַ ביסל ניט אַ געשטעלטער... ער איז מיט איר אַרומגעגאַנגען איבער אַ צענדליק גאַסן, אויסגעווען אין אַלע וואַרשטאַטן, פֿאַרצייכנט ווו וויפֿל לוין-אַרבעטער און וויפֿל לערנייִנגלעך, ווי לאַנג איז דער אַרבעטטאָג, ווי גרויס איז דער לוין, ווי צאָלט מען — פֿון שטיק, צי פֿון וואָך, צי אַרבעט מען שאַבעסנאַכט... אין איין אָרט האָט מען זיי שיִער ניט פֿאַרהאַלטן: „ווער האָט אײַך געשיקט? ווער זײַט איר? צו וואָס פֿרעגט איר דאָס אויס?" נאָר די פּויעליום פֿאַרהיטן זיי... צי זיי פֿאַרשטייען עפּעס, אָדער — זיי האָבן דאָך ניט וואָס צו באַהאַלטן... זי האָט זיך אָנגעטאָן אין מאַנצבלשע קליידער, גענומען בײַ טאָליען... און נאָכעם האָט בײַ „זײַנע" יעשיווע-באָכער געליִען דאָס כאַלאַטל, דעם שאַרף און דאָס יעשיווע-באָכערישע היטעלע... מע זאָל זיי ניט דערקענען...

וואָווקע קוקט אָן פֿונדערווײַטנס די גאַנצע צײַט דאָס פֿאַרבלעטערטע ביכל בײַ איר אין האַנט — עפּעס זײַנען די בלעטער טונקעלער, בורבלדיק, די שריפֿט — בלאַסער; עפּעס אַ באַקאַנטער מין בוך...

— פֿאַניע, ווײַזט! וואָס לייענט איר? — דערנענטערט ער זיך.

— און אַז איר וועט אַמאָל ניט וויסן?

—ווײַזט! ווײַזט!

זי בלעטערט אופ דאָס שאַרבלעטל און רוקט אים צו אונטער די אויגנ.

— א. א...

„Подпольная Россия"—Степняк

ער גײט אָפּ צו נאָכעמענ און ווײַזט אים אַנ אָפנ ביכל:

— דײַנע סבוירע... דו האָסט די גאַנצע שטאָט פאַרפּלײצט...

— הא—א... — ציט אויס נאָכעמ סטאַמ, און וואַרפט צו טאָליענ,— פאַרשטײט זיכ: רענטע איז בעסער בײַ ריקאַרדאָ... און פינאַנסנ — בײַ אַדאַמ סמיט...

פאַניע האָט דעמ פאַרבלעטערטנ בוכ פאַרשטעקט אונטערנ קישנ אָפנ בעט.

— האָלענדער, איכ האָב אַ פּעקל גרושנ, — געקומענ מאַרוסקע...

— מאַרוסקע! — האָט ער געפּאַטשט מיט די הענט, — געקומענ ווידער... וויפל מאָל האָט זי שוינ עקזאַמענ געהאַלטנ?! אָבער אינמיטנ ווינטער—וואָס?

האָוויד איז געזעסנ אינ אַ ווינקל און דורכגעקוקט האַלבע בויגנס פּאַפּירנ, פאַרשריבענע מיט אַ בלײַפעדער. פונ צײַט צו צײַט פלעגט צו אים אָנלויפנ נאָכעמ, אַ שטעק טאָנ אַ פינגער, צי אַ גאַנצע האַנט אינ פּאַפּיר און צעקרימענ אַ שמײכל, אָנ ווערטער. ער פלעגט זיכ דערמאָ־נענ אָנ עפּעס, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט אינ אַ וואַרשטאַט, און פלעגט נאָכ שנעלער אָפּלויפנ צו טאָליענ און אַרויסוואַרפנ נאָכ אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— רענטע... פינאַנסעווער קאַפּיטאַל...

— ווידער דאָס זעלבע... — רײַסט איבער טאָליע, — זעצ זיכ אָדער שטײ אײַנ אָפ אײנ אָרט און רײַד... זאָג אַמאָל אַ גאַנצע פראַזע, מיט אַנ אָנהײב און אַ סאָפ...

— יאָרנ און מענטשנ, און געשעענישנ קנוילנ זיכ אינ אַ קנויל... פעדעמ ציִענ... — האָט וואָוקע מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט און דערלאַנגט פאַניענ אַ האַנט.

— פאַניע, איכ גיב אײַנ אַ האַנט! איכ גײ אַוועק אָפ אַ זאַוואָד אַר־בעטנ... גענוג, וואָוקע, גענוג! מער גײ איכ ניט צו מיר אינ צימער אַרײַנ — דאָרטנ איז רזשאַווע לופט, וואָס צעעסט אַפילע שטאָל... טאָ־

ליע, דו האָסט עס געזאָגט? איך געדענק שוין ניט, ווער וואָס האָט געזאָגט... יאָרנ, און מענטשן, און געשעענישן קוילנ זיך אינ א קויל... דאָס האָט מיסטאָמע דאָוויד געזאָגט...

— וואָס פּלאָנטערט איר עפּעס? — האָט פאַניע געשמייכלט.

— איך גיי מער ניט צו מיר אינ צימער אַרײַנ — הײַנט בלײַב איך דערווײַל דאָ נעכטיקנ... און מאָרגנ גיי איך אוועק אַפנ זאַוואָד... פאַניע, הייסט מיר עפּעס טאָנ! וואָס, איך קאָנ אינ א טורמע ניט זיצנ, צי איך קאָנ ניט גיינ אינ סיביר? בא מיר זײַנענ פּיס גוטע... איך האָב הײַנט אײַנגערעדט טאָליענ, אז איך קאָנ מײַנע פּיס קלענער מאכנ און גרעסער מאכנ... אלע שיך טויגנ אפ זיי... פאַניע! נעמט א האַנט — נאט אײַך אנ אויסגעשלאָסענעם גימנאַזיסט, פונ זעקסטנ אינ זיבעטנ — אויסגעשלאָסנ, און מאכט פונ אים א מענטשנ... פאַניע, הייסט מיר עפּעס טאָנ!

— די ערשטע ארבעט: אופהערנ צו ריידנ...

— איך פאָלג. אָבער איך בינ אַנטערער... און אויב איך וועל צוריק־גיינ אינ מײַנ צימער, וועט עס זײַנ אײַער שולד, פאַניע! איך בלײַב דאָ... יאָרנ און מענטשנ...

4

קליינמאַנ איז ארײַנגעקומענ מיט דער יונגער ווערענ. קליינמאַנ האָט נאָך מער אויסגעקרימט זײַנע קרומע אויגנ, צוקוקנדיק זיך פונ דער נאָענט צו יעדנ אינ צימער. ער האָט באַגריסט, אָנריִרנדיק מיט די שפּיצנ פינגער וועמענ א האַנט, און עמעצנ אַפנ אקסל, און געמורמלט דערבײַ — א!, א!, און האָט געקוואָלנ, אַפּאַנעם, וואָס אלע זײַנענ דאָ, און ער האָט זיך שווער צוגעזעצט אפ א שטול. ווערע האָט שטארק געשאָקלט יעדערנ די האַנט, און בא יעדער שאָקל שטארקער אויסגע־שאָסנ מיט א געלעכטער. זי האָט זיך אופגעזעצט אַפנ בעט, די פּיס אופגעצויגנ צו זיך, און האָט נאָכאַנאַנד און הילכיק געלאַכט.

— ווו איז מאַרוסקע? — פרעגט קליינמאַנ, — איך בינ עס צו איר געקומענ...

— פאַרשפּאָרט צו זאָגנ, — האָט פאַניע זײַטיק באַמערקט, — ניט צו מיר.

— וואָס שווײַגט איר אלע? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— מיר האָט מען געהייסן אופהערן צו ריידן, — האָט וואָווקע געזאָגט.

— א גוטער דאָקטער, א געניטער: געטראָפן אײַער קרענק, — קליינמאַן האָט צעשפּיליעוועט זײַן מאַנטל און באַקומען א פּאַפּיראָס, — וויפל יאָר ניט ריידן?

— אַזוי־פיל יאָרן, אַף וויפל ווערעטעשקע איז יינגער פון אײַך...

— ווייניק... אינגאַנצן מיסטאָמע 15—16 יאָר...

קליינמאַן האָט צעטריבן דעם רויך ווײַטער פון זיך און האָט געשמייכלט.

— האָוויר, איך האָב אײַך לאַנג ניט געזען, — האָט ער אויסגעצויגן זײַן האַלדז און צעקנייטשט זײַנע אויגן צום ווינקל, ווו דאָוויד איז געזעסן: — איר שטודירט נאָך אַלץ מאַרקסן? — מאַרקס! מאַרקס! — מאַרקס זאָגט... מאַרקס! דאָוויד, וואָס זאָגט מאַרקס וועגן מיר?

— אינטעליגענטישע קאַפּצאָנעס! — האָט נאָכעם גיך אויסגעמורמלט.

— איר זײַט אויך א מאַרקסיסט? — האָט אים קליינמאַן נאָכגעזאָגט מיט די קרומלעכע אויגן. — וויפל מאַרקסיאַטעס ס'האָבן זיך דאָ אין שטאָט פאַרהפירט!..

— אינטעליגענטישע קאַפּצאָנעס!... — האָט נאָכעם נאָך נערוועזער געשפּאַנט איבערן צימער.

קליינמאַן האָט געשמייכלט, און, שמייכלענדיק, פלעגט ער ציִען אין נאָז.

ווערקע האָט זיך צוגערוקט צו דאָווידן, האָט אים די הענט געטרייסלט און אין הילכיקן לאַכן צו אים געשריִען:

— מאַרקס! מאַרקס! — הערט נאָר, בלום, ס'איז עמעס? קליינמאַן זאָגט, אַז איר לייענט אין קרײַזלעך מאַרקסן, פון מאַרקסן לייענט איר מיט אינטעליגענטן, און זיי פאַלן אַפּ דער נאָז... שלאָפן אײַן? הייבט איר זיי אויף די ברעמען און... כאַ—כאַ—כאַ... מיט קליי... קלעפּט איר צו די ברעמען... כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!.. צום שטערן קלעפּט איר צו כאַ—כאַ—כאַ! זיי זאָלן ניט אײַנשלאָפן...

— א ליגן! — האָט פאַניע זיך געהיצט, — קיינער דרימלט ניט אײַן... א ליגן!

— דאָס איז מיר געפעלן—כאַ—כאַ! — האָט וואָווקע געקוואַלן, — פאַניע, וואָס אַרט אײַך, אַז ס'איז א ליגן?.. פאַרוואָס פאַרגינט איר אונדז

ניט א לאַכ טאָג... קליינמאַנ, דאָס האָט איר צוגעטראַכט? ווי דאָוויד שטאָפּט — שטאָ—אָפּט אינ אַלעמענ די „פּראָגראַמ“. יענע שלאָפּנ אײַנ, נעבעכ, אונ ער הייבט זיי אוּפּ די ברעמענ אונ קלעפּט זיי צו צומ שטערנ... נאָר גיט מיט קליי—מיט טריוואַקס געפעלט מיר „בעסער... כעוורע, מיט טריוואַקס... כא—כא!

טאָליע פּאַטשט מיט די הענט אונ לאַכט, כאָטש ער האָט עס שוינ לאַנג געהערט, נאָכעמ האָט געשפּיגנ אונ מיט א פינגער געצופּט זײַנע מאָגערע באַקנ.

— בלומ! — זאָגט ווערקע, — איכ וויל אינ אַנדערנ קרײַז לייענענ מיט אײַכ.

— קליינמאַנ, דאַוויד וועט בא אײַכ צונעמענ אפילע ווערקענ... — האָט וואָווקע גערייצט.

— דאַוויד, מאַרקס זאָגט טאַקע וועגנ מיר: אינטעליגענטישע קאַפּצאָנעס?

דאַוויד האָט זיכ צוגעשטעלט אנטקעגנ קליינמאַנענ אונ האָט ערשט אָפּגעלייגט דעמ קאָלנער פונ מאַנטל. האָט מענ עס פאַרשטאַנענ, אז ער וויל קליינמאַנענ ענטפערנ... אפּ אלצ אונ — פאַר אלצ...

אינ טיר האָט זיכ אַרײַנגעלאָזט א געהילכ אונ א געטומל.

5.

אינ צימער האָט זיכ אַרײַנגעשאָטנ א הײַפל מיידלעכ אונ באָכערימ. אונ די ערשטע אונ מערקבאַרסטע—מאַרוסקע. ניט קיינ הויכע, א קײַלעכדיקס, אָנ א טאַליע, ווי א קלעצל, נאָר אַפּ שרויפנ, דרייט זיכ, קירעוועט זיכ א צעשמייכלטע, אויגנ קײַלעכדיקע, לוסטיקע, א צעטומלטע אונ א טומלדיקע. קעמיידער גערעדט אונ אונטערגעזונגענ.

— Из дальних странствий возвратясь כע—כע, זע איכ זיכ ווידער מיט מײַנע פרײַנט, — האָט זי ביידע הענטלעכ אויסגעשטרעקט אונ באַגריסט צו פּאַר אַפּ א מאָל, — דיכ, טאָליע, האָב איכ שוינ געזענ, — האָט זי א פּאַטש געטאָנ איבער זײַנ האַנט.

די מיידלעכ האָבנ זיכ אַראָפּגעוואָרפנ מאַנטלענ, זשאַקעטנ, — היטעלעכ אונ טיכלעכ אונ האָבנ עס אינ הויפנ צונויפגעלייגט אַפּ א קוישל אינ א ווינקל. פּאַרסאָפּעט האָט צוגעײַלט די שווערע צייטע, וואָס האָט מיט ביידע הענט דאָס קאָפּטל אָפּנ ברוסט געצויגנ פונ זיכ אונ

געפאָכעט: „איכ שטאַרב אַוועק... אַזוי געלאָפנ... פאַרמאַטערט". עס איז פאַמעלעכ אַרויסגעשוואומענ כאַיע-לייע, אונ עטל האָט זיכ גאַר-לעסדיק אַרומגעקוקט אונ פּלוצעמ אַ רים געטאָנ מיט אַ געלעכטער.

די באָכערימ האָבנ זיכ באַגריסט. פאַוועל, דער עלטערער פונ אַלע, אַ הויכער מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, וואָס צעפליִענ זיכ אינ אַלע זײַטנ פונ זײַנ אייגענער האַסטיקייט, — האָט געלויכטנ אונ אַרומגענומענ יעדערנ באַזונדער. מאַכלינ האָט פונדערווײַט צוויי מאָל אַ פאָכע געטאָנ מיט דער האַנט צו אַלעמענ, אונ וואַציעטיס האָט אַ האַלבנ קרײַז אינדערלופטנ געצייכנט מיט דער האַנט אונ זיכ פאַרנייגט.

— וואָס מאַכסטו, פאַוועל? — האָט וואָווקע געפרעגט.

— ער מאַכט סקאַנדאַלנ... — האָט מאַרוסקע אָפּגעענטפערט.

— נו, סקאַנדאַלנ? — שמייכלט ער — אויסגעבראָכנ אַ צענדליק שויבנ, אויסגעזעצט צוויי ראַמענ אונ צעקלאַפּט אַ טיר, אָנגעפירט מיט אַ „סקאָפּישטשע" אונ אויפגערייצט אַנטקעגנ דער מאַכט...

— וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ נײַעס? — האָבנ אַלע זיכ צו-גערוקט צו אימ.

— גאָרנישט. אַנ אָפיציעלער פּראָטאָקאָל... זאָלנ זיי זיכ האַלטנ מיט אימ...

И скучно и грустно

ווינקט מאַרוסקע צו פאַוולענ.

И некому морду побить

ריכטיק! — קוימ געכאַפּט אַ מאָרדע. צעלאַכט ער זיכ.

דערציילט מאַרוסקע: — שאַבעס פאַרנאַכט שפּאַצירנ ייִדנ אויפ די „בריקלעכ" אינ שטעטל. איז אָנגעקומענ דער „פּרעדוואָדיטעל דוואָ-ריאַנסטוואַ" אַ שיקערער אונ גענומענ שטויסנ. אַ ייִדנ — אַ שטויס! האָבנ גענומענ אַ פּאָר באָכערימ אונ אימ צוריק אַ שטויס געטאָנ: אַ שיקער — עפּשער וועט עס אײַנגיינ... האָט ער זיכ אינ זיי אײַנגע-טשעפּעט, אונ געהייסנ פּאָליציי אַרײַנזעצנ... אויפ מאָרגנ האָט זיכ דער-פונ דערוווּסט פאַוועל, — האָט זי אימ אַ גלעט געטאָנ זײַנ קלייִנ בלאָנד בערדל, — „פאַווליק!"... האָט ער צונויפגענומענ כעווירע אונ איז אַוועק צומ פּרעדוואָדיטעלס הויז אונ גענומענ ברעכנ שויבנ... ער, וואַציע-טיס... נאָר דעריקער ווייסט מענ אינ שטעטל פאַוולענ... זוכט אימ פּאָליציי... אונ ער איז אָפּגעפאָרנ...

— איז בא אונדז א גאַסט!.. — האָט וואָוויקע א וואַרע געמאַכט פאַר אימ.

— ווערקע, קומט מיט מיר אַרײַנטראָגנ שטולנ, — האָט פאַניע גערופנ.

— אונ גלעזער, — האָט פאַוועל לוסטיק אָנגעזאָגט, — מיר גייענ נאָכ ביר, עפּשער די „סיווערניקע?", — ער האָט א ווינק געטאָנ צו מאַכ־לינענ.

דאָוויד האָט שוינ לאַנג צוריק אויפגעשטעלט דעמ קאָלנער פונ זײַנ מאַנטל אונ איז אינ א ווײַטערנ ווינקל געזעסנ.

— אײַ, איז מיט אײַכ אומעטיק, מיט די געלערנטע! — האָט מאַרוסקע זיכ געקרימט. — קליינמאַנ וועגט אַוואַדע הונדערט יאָר... אונ דאָוויד — האָט אָנגעשטעלט אַלע קאָלנערס... דאָוויד, וואָס האָט איר זיכ ניט אָפּגעגאָלט?

Аль изменница девчонка
В час урочный не пришла?
Это горе нам не в горе —
Мы привыкли хуже жить...

האָט זי צו אימ געזונגענ.

די מיידלעכ האָבנ פונ אַלע זײַטנ צו איר געשריענ: — מאַרוסקע! מאַרוס—קע!..

— איכ האָב ניט גוט געזאָגט?.. אָדער דאָווידנ זאָל איכ ניט טשעפּענ?..

ס'איז אַרײַנגעקומענ פונ גאַס דינע — האָפערדיק אונ שפּילעוודיק, אונ אהינטער איר זײַנענ אָנגעגאַנגענ פאַניע אונ ווערקע מיט שטולנ.

— פאַניע! פאַניע! — איז כאַיע־לייע מיטאַמאָל איר אַנטקעגנ געלאָפנ, — גיב מיר דײַנ האָברינינענ! מײַנ האָברינינ איז בא מיר פונ צימער ניט געוואָרנ.

— כאַ, כאַ! — האָט זיכ וואָווקע אינ האַנטע צעלאַכט, — האָברינינ — אַקושערסטוואָ?.. האָברינינ — „אַקושערסטוואָ" רופט זיכ דאָס?.. ווייס איכ...

— וואָס ווייסט איר? — האָבנ די אַקושערנס עפעס פאַרשעמט אימ אויסגעפרעגט.

— איכ ווייס, ווו דער בוכ איז... האָברינינ — „אַקושערסטוואָ"... אינ קאָפּיסט...

— וואָס אינ קאַפּיסט? — האָט כאַיע-לייע אָנגעשריִענ, — וואָס פּלוידערט ער?

— פוּיגלסאָנ האָט געמיינט, אַז דאָס איז „מיר באָזשי“, האָט ער עס צוגענומענ אונ אָפּגעטראָגנ צו א באַכער קיינ קאַפּיסט — לייענענ, קריטיקירנ אונ אויפקלערנ... כאַ—כאַ! דינע, איכ האָב דאָ די טעג געזענ בײַ איִמ א בוכ, דוכט זיכ, דערענינ «Болезни зубов». איז ער בײַ איִמ דאָ, צי פוּיגלסאָנ האָט אים אָפּגעטראָגנ צו א מיידל אינ אָרשע?.. געמיינט, אַז ס'איז ספּענסער...

— האָלעטרער, מ'וועט זיכ באַגיינ אָנ איִמ... — האָט דינע אָפּגעפּאַסלט.

קליינמאַנ האָט געקנײַכט.

— איז ווו איז מײַנ האָבריניִנ? — האָט כאַיע-לייע בײַ עמעצנ געמאָנט.

— בײַ סאַראַ שפּרינצאַק, — האָט פאַניע אינ שמייכל געוואָרפנ, — זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט בײַ דיר גענומענ... דו ביסט אינ דער היימ ניט געוועזנ...

אונ פאַניע איז שנעל אוועק צומ ווינקל, ווו נאָכעמ האָט גערוועז אונ האסטיק אינ דער שטיל עפּעס געטײַנעט צו דאָווידנ.

— ס'איז גוט! גוט! — האָט קליינמאַנ געקוואָלנ. — פוּיגלסאָנ האָט געמיינט, אַז ס'איז „מיר באָזשי“... אָפּ דאָבריניִנס „אָקושערסטוואָ“...

נאָר קיינער האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט אינ פרייד אונ אינ געלעכטער אויסגעטײַטשט. פּאַוועל איז ארײַנגעקומענ מיט ביר, אונ מאַכליִנ — מיט וווּרשט אונ ברויט. פּאַוועל האָט געמאַכט אָרדענונג אונ געפּילדערט, מאַכליִנ האָט צעשטעלט גלעזער, אונ מיידלעכ האָבנ געלאַכט פונ זייער בייִדנס אַרבעט. טאַליע האָט געשניטנ ברויט, אונ פאַניע האָט געכאַלעשט, קוקנדיק, אַז ער קאָנ קיינ „האַמויצע“ ניט אָפּשנײַדנ. דינע האָט זיי אַלעמענ צעטריבנ אונ גענומענ אַליינ באַלעבאַטעווענ.

דינע האָט עפּעס מאָדנע אָנגעטלעכ א שמייכל געטאָנ.

— טרעפט, קינדערלעכ, ווער איז בײַ מיר הײַנט געוועזנ אינ קאַבינעט?—

— סאַלאָמאָנ!.. — האָט זיכ עטל שטאָלצ אויסגעלײַכט, — כ'האָב גלײַכ געטראָפנ...

— סאָלאָמאָנקע איז דאָ? ווידער דאָ?

— נעכטנ געקומענ, אונ מאָרגנ פאָרט ער אַוועק... — דינע האָט זיכ ניט אָפּגעריסנ פונ איר אַרבעט, — אַניוטע, זאָגט ער, איַלט זיכ...

— אַניוטע?! וועלכע אַניוטע?.. וואָס פאַר אַנ אַניוטע?..

— פונ האָמעל... זי איז מיט אימ אַהער געקומענ אפ א פּאָר טעג...

דינע האָט באַטראַכט דאָס שטיקל וווּרשט, פונוואַנענ אָנהייבנ צו שניידנ...

— צוליב אַלטע גוטע פרײַנטשאַפט, — האָט עטל געשמייכלט, — איז ער פאַרלאָפנ צו דיר.

— אפ די ערטער! — האָט פּאַוועל קאָמאַנדירט. ער האָט אינ די גלעזער אָנגעגאָסנ צו ביסלעכ, ס'זאָל קלעקנ פאַר אַלעמענ, אונ גענומענ טיילנ.

— דאָס פאַרשטיי איכ! — האָט זיכ אַרײַנגעלאָזט פויגלסאָנ מיט צופרידענע קולעס:

— וואָס פאַרשטייסטו? — האָט אימ וואָווקע אויסגעלאַכט, — א לעק אפנ דעק... —

פּאַוועל האָט געטיילט אונ געחיפּט: וועמענ דערלאַנגט א גלאָז מיט ביר, אונ וועמענ — ניט. דערבײַ האָט ער מיט א נידעריקער באַס־שטימע אונ מיט א גאַלאָכישנ ניגונ צוגעזונגענ:

Тебе — булка! Тебе — нет! Тебе — булка! Тебе — нет!

— וואָס איז דאָס פאַר א שפּרוכ? פּאַוועל: ווערטער!

פּאַוועל האָט אופגעשויבערט זײַנע לאַנגע בלאָנדע האָר:

— בא אונדז אינ סעמינאַריומ, אינ אינטערנאַט פלעגט מענ אינדערפרי צו טיי טיילנ בולקעלעכ ווײַסע... אונ א סעמינאַריסט, וואָס פלעגט זיכ פאַרזינדיקנ, ניט אַזוי גוט פרעפּלענ, פלעגט מענ אימ באַשטראָפנ אונ ניט געבנ קיינ בולקעלע. פלעגט דער גאַלעכ, דער עקאָנאָמ טיילנ די בולקעלעכ אונ באַסעווענ: Тебе — булка! Тебе нет!

— Предания давно минувших дней... — האָט מאַרוסקע אַרויסגעזאָגט, — מע האָט דיכ שוינ לאַנג אַרויסגעטריבנ פונ סעמינאַריע, אונ דערנאָכ פונ דער אַגראָנאָמישער שול אויכ געבעטנ מעבילע...

— Тебе — нет! — האָט פּאַוועל מיט א קלוימערשטנ בייזער אָפּגעצויגנ א גלאָז פאַרבײַ מאַרוסקע.

— און מיר! — איז צוגעשפרונגענ ווערע, א לאכעדיקע, א פריילעכע.

— Тебе — булка!, — האט ער איר דערלאנגט א גלאז, האט אנגעקלאפט מיט זײַנ גלאז. — איכ טרינק פאר דער יוגנט!

— И кто с молоду был молод..., — גיט צו מארוסקע.

פאוועל נעמט אָנ זײַנ היפש בערדל אינ דער האנט, ווײַזט עס מארוסקענ אונ פרעגט זי מיט די גוטמוטיקע אויגנ: צי מיינט זי ניט, אז ער איז שוינ אלט...

האט זיכ אופגעהויבנ וואצעטיס, א פעסטער לעט, פויעריש אָנגע־דרודלט, וואס האט די גאנצע צײַט אינ שווײַגנ מיט די אויגנ געבלאָנ־דזשעט נאָכ מארוסקענ.

— מײַנ טאָסט איז קורצ! — האט ער זיכ גערויטלט אונ אָנגע־שטרענגט: — מײַנ טאָסט איז: אײַערס זאל זײַנ — אונדזערס, אונ אונד־זערס זאל זײַנ — אײַערס!

— דאס איז א שיפר, — מאכט נאָכעמ נערוועז.

— ער מיינט: מארוסקע זאל זײַנ זײַנע... — האט אימ עטל ארײַנ־געשעפטשעט.

— בראוואָ! — שרײַט אוים פאוועל פאר אלעמענ, — ער מיינט סאָ־לידאריטעט פונ אלע פעלקער; אלע נאציעס צוזאמענ... איינ געזינד... עמעס, וואציעטיס?

— איינ פויסט קעגנ איינ סוינע... — האט וואציעטיס צוגעשאָקלט.

— Тебе — булка!, — האט פאוועל געטײַנעט צו דאווידנ, וואס האט זיכ אָפּגעזאָגט פונ ביר.

— דאָוויד איז הײַנט אומעטיק, — האט מארוסקע א פלאטער גע־טאָנ מיט אירע לענגלעכע ברעמענ, זי האט אָנגעשטעלט ליפּנ, ווי א קינד פארנ וויינענ:

Друг мой, брат мой, усталый, страдающий брат...

— איכ בינ ניט קיינ „усталый“ — האט דאָוויד האסטיק אונ אפילע ברוגזלעכ ארויסגערעדט.

— אויב אזוי, — האט מארוסקע שטיפעריש א בלינצל געטאָנ מיט אירע קײַלעכדיקע אויגנ, — אויב אזוי — איז ווו איז אונדזער דאָ־וויד — דער שטורעמ? פלעגט זיצנ דאפקע אפנ ווענטל פונ שטול אינ דער הייכ, רייהנ, זינגענ א קאפּ — א וואלד, אונ אינ וואלד א שטו־רעמ! — זי האט זיכ אוועקגעשטעלט אהינטער אימ, האט אָפּגעבויגנ

דעמ קאָלנער פונ זײַנ מאַנטל, אָפּגעלייגט דעמ קראַגנ פונ ראָק, אָפּגע-
גלעט די געקרײַזלטע האָר אױפ זײַנ קאָפּ, אונ האָט אָנגעהויבנ זינגענ
מיט איר הילכעדיקנ קאָל, וואָס האָט לײַכט אונ ווי פונדערווײַטנס
זילבערדיק געקלונגענ.

Что-ж ты, су-уженец, не весел,
Беззабо-о-отный сорванец?
Что-ж ты бу-у-уйную повесил —
Али пу-у-уст твой карманец? —

אַלע האָבנ צופרידנ אונ מוטיק אונטערגעכאַפּט:

Это го-о-оре нам не в горе —
Мы при-выкли все так жить...

פויגלסאָנ האָט זיכ באַזונדער אונ אַלײנ געדרײט, אונ געמורמלט
אינ דער שטיל:

Али пу-у-уст твой карманец—...

דאָוויד האָט אײַלנדיק אױפגעזוכט זײַנ היטל.

— דאָוויד, — מיר דאַרפנ זיכ זענ ערגעצ, — האָט וואַציעטיס
אימ אינ דער שטיל אָנגעזאָגט.

— רעכט, — האָט דאָוויד קורצ געענטפערט.

— דאָוויד, איכ וויל גײנ מיט אײַכ, — האָט זיכ ווערקע אַ לאָז גע-
טאָנ צו אימ.

— דאָוויד האָט אַפילע מיטנ שווײַגנ בײַגעקומענ אײַכ — האָט וואָוו-
קע געדרייצט קלײנמאַנענ, — ווערקע גײט צו אימ... אונ ניט צו אַ
„אינדיווידואַליסט"...

— אַ „אינדיווידואַליסט", וואָס וועגט הונדערט יאָר... — האָט מענ
געשמייכלט, דערמאָנענדיק מאַרוסקעס פריערדיק ווערטל.

— זאָרג נישט, — האָט מאַרוסקע געטרייסט קלײנמאַנענ, — זאָל
ווערקע בא דאָווידנ לערנענ די נײַע טוירע, זי איז דאָכ אַ יונגע! אונ
דיר וועלנ מיר געבנ אַנ אַלטינקע, אינ שפּאַקולנ, פאַר דײַנ אַלטער טוי-
רע וועט גענוג זײַנ...

מאַרוסקע מאַכט הײַנט ניט קײנ טאָעסנ... — האָט וואָווקע באַ-
מערקט: — בראַוואָ!

אינ צימער איז אַרײַנגעשפּרונגענ סאָלאָמאָנ.

ער האָט זיכ צעמישט אַרומגעקוקט:

— אַלע... די גאַנצע קאָמפּאַניע...

דינע, א ווײַלע געבליבמ, האָט זיך אויסגעגלײַכט מער, ווי געווייג־לעכ און האָט זיך שנעל צו אים דערנעענטערט.

— אַניוטע איז אויכ מיט דיר? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— ניינ! — האָט ער אומצופרידנ אָפּגעשניטנ א, מאַרוסקע!

— סאָלאָמאָנקע! Умер, касаточка, умер родим...

— וואָס? — האָט סאָלאָמאָנקע איבערגעריסנ איר געזאַנג.

זי האָט אים א צי געטאָנ פאַר אַנ אויער און האָט אים אַרײַנגע־שעפּטשעט:

— מע זאָגט, אַז דו האָסט שוינ אַנ אַניוטקע...

— דינע! — האָט ער מיט א פינגער געדראָעט: — דאָוויד, דו גייסט האָב, איכ גיי אויכ, איכ דאַרפ מיט דיר... דינע, איכ וועל נאָכ אַרײַנקומענ — שפּעטער...

דרויסנ איז געווענ טונקל. סאָלאָמאָנ האָט אויסגעגרופנ: „אַניוטע!”, אַז דאָס מיידל האָט זיכ דערנעענטערט, האָט דאָוויד נאָר באַמערקט גלאַנצנדיקע אויגנ און א לענגלעכ פּאָנעם, א גוטמוטיקס.

— דאָס איז: דאָוויד. איינער פונ די בעסטע... אַניוטע, לאַנג פאַר־ברענגענ מיט אים וועל איכ דיר ניט לאָזנ, וואָרעמ דו קאָנסט נאָכ זאָגנ, אַז ער איז בעסער פונ מיר... אַלע זאָגנ אַזוי... נאָר איכ קאָנ ניט גלייבנ אינ אַזא זאַכ...

זי האָט זיכ צעלאַכט.

— אַניוטע, דו גיי אפריער, וואָרעמ איכ דאַרפ אים עפּעס זאָגנ...

— דאָוויד, איכ פאָר קיינ ביאַליסטאָק, איכ פיר אָפּ אַניוטענ — זי בלײַבט דאָרטנ אַלס אַגיטאַטערנ... דו פאַרשטייסט?.. וואָס הערט זיכ דאָ בײַ דיר? כ'האָב הײַנט באַגעגנט איסאַקנ — שטומ, ווי די וואַנט, ער רעדט קיינ וואָרט ניט... א קאָנספּיראַטער... זאָג מיר... יע, איכל דיר עפּעס זאָגנ: מירל בירנפעלד — געדענקסטו? האָט מענ זי אַרעסטירט אַרומ סאַראַטאָוו, א צײַט אָפּגעזעסנ... איצטער אַרבעט זי ערגעץ — ניט א לעגאַלע, מיט אַנ אַנדער נאָמענ...

דאָוויד האָט זיכ אָפּגעשטעלט.

— איז מאָרגנ זענ מיר זיכ. איצטער קאָנ איכ ניט לאָזנ אַניוטענ אַליינ... כ'האָב דיר א סאַכ צו דערציילנ, גו, דערווײַל געזונט. מאָרגנ גאַנצ פרי...

דאָוויד איז נאָך לאנג אליין געבליבן שטיין אין דער טונקעלער נאכט.

IX. ציִעניסטישע אסיפע

1

די ביליקע קיך האָט מען גאנצ פרי נאָך גענומען צוקלייבן פאר דער פארזאמלונג. דער מאשגיִעך פון קיך — א ייִד מיט א פעסטן כאראקטער, האָט נאָר מיט א פינגער איין מאָל א קראצ געטאָן די פאטיליצע און גלייך באשלאָסן — פון די מיטיקן ארויסגעבן היינט נאָר א העלפט פארציעס. „געגוג וועט זיי זיין — די שלעפערס“... ער האָט קעסיידער און נאָכאנאנד צו „אלע רוכעס“ און „טאטנס טאטן אריין“ געשיקט יעדן מעשאָרעס באזונדער און אלעמען אייניינעם — מ'זאָל מאכן ריין, זויבער.

— דאָס איז אייך היינט ניט קיין ביליקע קיך פאר שלעפערס — דאָס זאָל מיר היינט ווערן א זאל! פאר א ציִעניסטישער אסיפע... עס וועט זיין „שטאָט“ — די גאנצע „פניי“... מ'עסט פון זיי ברויט — דארף מען זיך שטעלן לייטיש...

האָט מען קאפצאָנים ארויסגעיאָגט און קאפצאָנים ניט אריינגעלאָזט פון האלבן טאָג אָן. האָט מען זיך געכידעשט: וואָס איז היינט — א טאָנעס?... נאָר מעשאָרסים האָבן קיין צייט ניט צו ענטפערן. מע וואשט, מע רייבט, מע שייערט, מע רייניקט. אז דער מאשגיִעך שטייט אפן קארק און גיט אכטונג. דאָ איז מיסט — אוואדע פאר־א־יאָריקע. דאָ איז שפינוועבס, ווי א קנויל אנגעוויקלט. און אפ די טישן — שמוצ פארטריקנטע, אז מע דארף עס מיט די גרויסע מעסערס אָפשאָבן...

ווען דער מאשגיִעך איז אוועק אין א ווייטערן ווינקל קאָלופענען מיטן שטעקן אין א קויל ברוד, ווי אן אָנגעוואָקסן שוועמל, כאפט אריין פריידל די שאָבעוקע און זאָגט ארײַן צו מאטליען די קעכן:

— אָהאָ! ווען ער זאָל אזוי אכטונג געבן יעדן טאָג, וואָלט די קיך האָבן א רעכטן אויסזען...

און פארשוויצט האָט מען געארבעט, שויבן געוואשן און פענצטער צעעפנט, און דעם קנויט פון גרויסן בליצ־לאָמפ מיט א שער ארומגעשאָרן, און דריי מאָל אָנגעצונדן און דריי מאָל אויסגעלאָשן, און צו־

לעצט זיכ מאמצי געווענ און געשיקט קויפנ א נייַע גלאָז מיט א ברייַ־
טערנ אונטנ... און אז דער לאָמפּ האָט זיכ יאָנטעוודיק צעבליצט אי־
בער א פריש געוואַשענער פּאָדלאָגע און ביז העל אָפּגערייניקטע ווענט,
האָט מענ פינפ גרעסערע טישנ צונויפגערוקט אינייִנעם, איבערגעדעקט
מיט ווייַסע טישטעכער — פונ גאַרדעראָב. און צום אויבנאָנ צוגעשטעלט
דעמ שרייַבטיש פונ קאָנטאָר מיט דעמ אָפּגעבערשטלטנ געוואַנט.
האָט מענ שטולנ צונויפגעטראָגנ פונ קאָנטאָר, פונ קאַסע און פונ
שפּייַכלער — נייע, נאָכ ניט קיינ גענוצטע. און ערשט ווייַטער אינ זאַל
אַראָפּ צו האָט מענ אויסגעשטעלט די „ווייַסע“ בענקלעכ פונ די
עסערס — אַלעמאָל טונקעלע, און איצט אָפּגעוואַשענע. צו די ווענט
אינ דער זייַט האָט מענ צוגערוקט עטלעכע איבערגעבליבענע טישלעכ.
דער מאַשגיִעכ האָט זיכ צוגעקוקט עקספּערטיש, פריִער פונ אונטנ
אַרופ, צום אויבנאָנ: „זייער געהויבנ!“, דערנאָכ פונ אויבנ אַראָפּ —
צו דער טיר: „גאַנצ פייַנ!“

ער האָט אָנגעקוקט אויכ דאָס באַקאַנטע ווינקל באַמ אַרייַנגאַנג. מיט
א מעכיצע פונ שטייענדיקע אָנגענעגלטע ברעטלעכ אויפ דער פּאָדלאָגע
איז אָפּגעצוימט א טישל, וואָס איז דערהויבנ אויפ ברעטער אויסגעבעט
איבער קלעצלעכ. פונ דעמ טישל באַקומענ עס די עסער די אָפּגע־
שניטענע „האָמויצעס“ און די מעטאַלענע שיסלעכ.

„נו, יע“... האָט ער איצטער עפּעס מיטאַמאָל טיפער און בקירעדיק
וועגנ דעמ זיכ פאַרטראַכט: „זייער פּראַקטיש“... דאָס טישל איז טאַקע
אויפגעשטעלט איבערנ געוויינלעכנ מענטשלעכנ וווּקס — מ'זאָל ניט קאָ־
נענ גלאַט אַזוי, פאַרבייַגייענדיק גלייַכ דערלאַנגענ — אַראָפּשאַרנ, און
צעשלעפּנ... זאָל מענ טאַקע דאַרפנ די האַנט אויסציִענ אינ דער הייכ,
קוימ דערלאַנגענ דעמ בלעכענעמ נומער פונ קאַסע, דערמיט בייגט זיכ
אָנ די „טוילערקע“ און לאָזט אַראָפּ א „האָמויצע“ מיט א שיסעלע. „גאַנצ
פּראַקטיש“... מאַלע וואָס קאַפּצאָנימ זייַנענ ברוגעז און רופנ אָנ דאָס
טישל — דער „שולכנ“ פונ דעמ „לעכעמ האָפּאָנימ“... קאַפּצאָנימ זייַ־
נענ אַלעמאָל באַרוגעז...

דער מאַשגיִעכ איז צופרידנ. האָט ער געהייסנ דער „עקאָנאָמקע“
און דעמ „שרייַבער“, זיי זאָלנ צולויפנ אַהיימ זיכ אָנטאָנ פּאַסיקער,
און באַלד צוריקקומענ צו דער אַסיפע. — מ'דאַרפ זייַנ: עס פּאַסט
ניט“... אַגעוו, זאָלנ זיי אַרייַנלויפנ צו באַימ דעמ ברויטבעקער און

צו שלוימע דעמ קאַצעוו און דערמאָנען נאָכאַמאָל, זיי זאָלן קומען צו דער אסיפע. נישקאָשע, זיי לייזן גענוג פון דער קיכ...

דער מאַשגיעכ אַליין איז געווען שאַבעסדיק אָנגעטאָן נאָכ פון פרי, פון דער היימ אַרויס, האָט ער איצטער אין קאָנטאָר נאָר אָפּגעבערשטלט די מאַלבושימ, אָפּגעוואַשן די הענט און דאָס פּאָנעמ, און רעריקער — צעקעמט די גרויסע באָרד זײַנע, וואָס וואָלט קלעקן פאַר א גאַנצן מיניען.

2

גאַבאָימ און „מעקוראָווימ”, און גלאַט געהויבענע לײַט האָבן די פוטערס אויסגעטאָן אין קאָנטאָר, און מ'איז אין וואַרעמע זאַלאַרײַן אין שוואַרצע סורדוטן, אין עלעגאַנטע ראָקן, און דאַמען — אין שווערע קליידער מיט זײַדענע שאַלן אפ די אַקסלען אָדער מיט פוטערנע פעלערינקעס מיט עקלעכ, וואָס באָמבלען זיכ.

— א פײַנע קיכ!

— א זעלטענע קיכ!

האָט מען זיכ אין האַנאָע אַרומגעקוקט אין ציכטיקן, ליכטיקן זאַל.

— אָנגעלעבט אַן אייגנס! — האָט אַדוואָקאַט שטיינבערג אייגנטימעריש־צופרידן באַשטעטיקט א לעצטער און אויסערלעכ באַשיידן, אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג: פאַראַן מיט וואָס צו ווײַזן זיכ!

דעמ מאַשגיעכס באָרד האָט פריידיק געפלאַטערט פון די שוואָכימ, אַז ער האָט צופרידן א טראַכט געטאָן: „א קאָפּ האָב איכ! צוגעקליבן פאַר זיי...” האָט זיכ די באָרד נאָכ כאָשעווער געלענגערט צו דער שײַן פון בליץ־לאָמפּ.

מיט רעספּעקט צו זיכ אַליין זאָגט ער אַרויס ווירדיק:

— א פײַנע אסיפע וועט הײַנט זײַן בא אונדז...

ער האָט געצילט און עקסטרע געזאָגט „בא אונדז”. ניט פון אַזעס, נאָר פאַרקערט — צוליב: ווײַזן אַז ער רעכנט זיכ אויכ פאַר א ציִעניסט און איז צופרידן מיטן איניען, וואָס גאַבאָימ ווילן און זוכן דערופ באַלאָנימ.

— איכ האָב אויכ גערופן עטלעכע פײַנע באַלעבאַטימ בא אונדז פון מיניען, — איכ האָב זיי געזאָגט: אַדראַבע, קומט אַרײַן, וועט איר, רײַשימ, זען אונדזער נײַע קיכ, וואָס מיר האָבן זיכ אָנגעלעבט

אינ שטאָט, אונ איר וועט טאָקע הערנ די עמעסע, די גוטע אָראַטאָ־רעס, די הייסע ייִדנ...

— זייער פֿײַנ! — האָט שטיינבערג געלויבט, — אָרעראָבע, ציט צי מענטשנ צו דעם ייִדישנ אינינעג... איר זײַט האָב אויכ א ייִדישער מענטש...

שטיינבערג האָט א שמייכל געטאָנ, אונ דעם מאַשגיִעכס באָרד האָט זיכ דערהױבנ א קנייטש געטאָנ, ווי אינ האַלב געבראָכנ. איז א באָרד הויבט זיכ נאָר, מ'זאָגט: איר זײַט דאָכ אַלײנ א „קאָהאַלישער" מענטש...

אינמיטנ דעם זאַל האָט זיכ פּאַוואָלינקע, לאַנגזאַם ארומגעדרייט, ווי א „כאָכעמ", ווי איזא איינער, וואָס ווייסט, וואָס ער טוט — א שמאָלער ייִד אינ שאַבעסדיקנ סורדוט מיט א לאַנגנ „סטאָנ". אונ האָט קלוימערשט באַטראַכט די ווענט, די פֿענצטער אונ דעם לאָמפּ. אָבער אינ טאָכ האָט ער זיכ גוט צוגעקוקט צום הײַפֿל „פּניי", פֿאַר זיכ אָנ־געמערקט אונ פֿאַרגעדעינקט, ווו ווער עס שטייט אינ דעם רעדל, ער זאָל, כאָלילע, ניט געשטרויכלט ווערנ... אונ דאָס, אייגנטלעכ, האָט ער גע־האַלטנ פֿאַר א כאָכמע: א סאָברישער מענטש, א קליינער סויכער אפּי־לע, דאַרפֿ זײַנ אויסגערעכנט אונ אויסגעכעזשבנט, ניט נאָר מיט דער פֿענ אפֿנ פּאַפּיר, נאָר אויכ מיט רער מאַכשאָווע אינ קאָפּ...

דעמלט, נאָכ די געװוגע האַכאָנעס, האָט ער אָפּ די שפּיצ פֿינגער זיכ דערנענטערט צום רעזיל, האָט אָנגעטראָפֿנ, פּונקט ווי ער האָט גע־צילט, צוערשט אנטקעגנ דעם אַדוואָקאַט שטיינבערג, האָט שטאַרק א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ געלאָזט אויסשטרעקנ זײַנע א האַנט — נעמט!

— זייער פֿײַנ! זייער פֿײַנ! — האָט שטיינבערג, אנ אַדוואָקאַט אונ א צוגעלאָזטער, געלויבט, — עס דאַרפֿ אונדז פֿרייענ, וואָס אונדזערע באַ־לעבאַטימ, די מיטעלע ייִדנ, דער יעסאָד פֿונ דער אומע — פֿאַרשטייט שוינ אויכ א קלאַל־איניענ, דעם גרעסטנ קלאַל־איניענ, דעם ציִעניזמ, אונ קומט צו אונז...

דער ייִד אינ שאַבעסדיקנ סורדוט מיטנ לאַנגנ „סטאָנ", מיט אנ אויסגעשײַנטנ פּאָנעמ, מיטנ ארופֿגערוקטנ ווייכנ קאַפּעליוש פֿונ אויבנ אונ מיטנ שיטערנ בערדל פֿונ אונטנ — האָט זיכ געניײגט אונ געבוקט אהער אונ אהינ. אונ נייגנדיק זיכ, האָט דער באַרעכנטער ייִד פֿאַר זיכ אינ דער מאַכשאָווע פֿאַרצייכנט: דאָס איז דער יונגער האַמבורגער,

וואָס מיט דער באַנק־קאָנטאָר... און אָט — סאַמע צייטליג, פונ „וואָ־ימני” דער קאָפּ... און אפּאָנעמ, מייערסאָנ, צייטלינגס איידעמ... און זאָל זײַנ — דער געלערנטער מאַנדעלשטאַמ...

ס'איז אַרײַנגעקומענ דאָקטער בראַנזבורג, ווי זײַנ שטייגער, האַסטיק, און זײַנ פרוי האָט אימ קוימ אָנגעיאָגט. בעב גאָלדמאַנ, גאָרדאָנ און נאָכ א פּאָר פונ דער יוגנט האָבנ זיכ גלײַכ א קער געטאָנ און זיי אַרומגעקרײַזט.

— מאַרק באָריסאָוויטש! — האָט שטיינבערג געפּלט דער ערשטער באַגריסנ, און געוואָלט מיט א זײַטיקנ וואָרט אָפּהאַלטנ זײַנ „אָפּאָ־נענט”: ער וועט דאָכ הײַנט געוויס אַרויסטרעטנ קעגנ אימ... — ווי געפעלט אײַכ אונדזער אַנשטאַלט? — ער האָט מיט א האַנט ברייט א קרײַז געמאַכט אינ זאַל, אָנווײַזנדיק די ראַכוועס, די אויפגעראַמטקײַט, די ליכטיקײַט: — אַנ אַנשטאַלט — א מוסטער! און איר זײַט אַלעמאָל אינ דער אָפּאָזיציע — ראַק אײַכ געפעלט ניט...

— און מיר געפעלט איצטער אויכ ניט, — האָט בראַנזבורג אָפּגע־שניטנ, — איצטער ערגער ווי אַלעמאָל, ווײַל ס'איז אויפגעראַמט פאַר די גאַבאָימ, צומ פּאַראַד, בײַמ ס'איז שמוציק שווידערלעכ, וועג ס'דאַרפ זײַנ ריינ, אַז מענטשנ עסנ דאָ.. — ער האָט גיכ געוואָרפנ ווערטער א נ זיכ אומגעדרייט צוושטרויט. — ווו איז ער? ווו איז ער? חער מאַשגיעכ? האַ, קומט אַהער!

יענער האָט צוגעײַלט צעמישט.

— פאַני מאַשגיעכ, איכ בינ א דאָקטער, — זאָג איכ אײַכ, אַז בע־שאַסנ עסנ ברויכט צו זײַנ ריינער און ליכטיקער, ווי בעשאַס א פאַר־זאַמלונג.

— הער דאָקטער, ס'איז אַלעמאָל... איר מיינט...

— כ'מיינ ניט, כ'האָב געזענ... דאָס אויפנעמענ עסערס... ניט די גאַבאָימ...

— הער דאָקטער, איר זײַט א שטרענגער גאַבע.

— ניט קיינ גאַבע...

— א „טשלענ פראַוולעניאַ”, — האָט שטיינבערג געשמייכלט.

— „טשלעני פראַוולעניא”, קומענ נאָר צו פאַרזאַמלונגענ, אַז מע קלײַבט צו אַפּריער, און זעענ, אַז ס'איז א מוסטער!.. — בראַנזבורג האָט האַסטיק גערעדט, אָפּגעקערט אינ א זײַט, — און איכ בינ א

פּראָסטער מענטש, איך לויפ אַרײַנ אינמיטנ טאָג, אונ אינ רײַ נאָכ א נומער, כאַפּ איך א שטויס פונ עמעצנ, אונ אינ טומל בא דער קאַסע שרײַט מענ אָנ אויפ מיר, אונ באַמ טיש פעלט מיר א לעפל... ווייס איך דעמ גאַנצנ עמאָפּ...

— מאַרק באַריסאָוויטש, א באַלאַגעמ פונ אײַך צו שטעלנ זיך אינ רײַ מיט אַלעמענ גלײַך... אונ אַלצ צוליב רעוויזיע... אַלצ אויספּרובירנ...

— אונ מע דערקענט אײַך ניט?

— ווענ מ'זאָל מיך דערקענענ, בינ איך דאָך א „טשלענ פּראַוולעניא“, וואָלט מענ מיר א טוץ לעפל אַנטקעגנ געטראָגנ...

בענעדיקט האַמבורגער האָט זיך אָפּגעקערט — פאַרשעמט, וואָס מע דערקענט ניט האַמבורגערס אייַדעמ....

„דער הער דאָקטער איז אַלעמאָל מיט די אָרעמע אונ פאַר די אָרעמע“... — האָט זיך אײַנ דער שטיל אונ פאַר זיך אינ דער זײַט געקוויקט דער ייִד אינ שאַבעסדיקנ סורדוט מיט לאַנגנ סטאַנ.

— איך שרײַב א קאָרעספּאָנדענצ — א שײנער אַנעקדאָט...— קוועלט אָנ מערקינ, — דאָקטער! מ' האָט אײַך גאָר עפּעס אויסגעזידלט — פונ דאַרטנ! פונ דעמ „שולכנ“. „שלעפּער! שאַר זיך ניט אַרומ דאָ, דו וועסט נאָך פאַרשלעפּנ א שיסעלע“... מערקינ האָט געקוואַלנ, — איך שרײַב! אײַ, א קאָרעספּאָנדענצל!..

בענעדיקט האַמבורגער האָט צעקרימט זײַנע שטײַפע וואָנצעס אונ האָט א צי געטאָנ נאָך זיך דעמ דאָקטער בראַנזבורג.

— מאַרק, דערצייל ניט מער אַזעלכע אַנעקדאָטלעך, רײַנע אַנעקדאָטנ...

— וואָראָס? — האָט בראַנזבורג אינ פּלוג געפרעגט צעטראָגנ.

— א סטאַט פונ א דאָקטער, פונ א גרויסנ דאָקטער!.. ס פּאַסט טאַקע פאַר האַמבורגערס אייַדעמ — מאַכנ אַזעלכע אָנשטעלנ... אינ ביליקער קיך אינ דער רײַ... מיט אַלע קאַפּצאָנימ... האַמבורגערס איידעמ קאָנ זיך אָנטאָנ אַזוי, אַז מע זאָל אימ פאַר א ווערסט דערקענענ, פאַר א ווערסט! — אַז ס'איז האַמבורגערס אייַדעמ!.. אַז מ'זאָל אימ ניט פאַרבײַטנ...

נינעט האָט צוגעבלט צו זיי בײדנ. איר דוכט זיך, אַז בענעדיקט קריגט זיך מיט מאַרקנ. נאָר בענעדיקט איז שוינ אַוועק צו מערקינענ.

— מערקינ, איך וויל אײַך עפּעס פרעגנ...— ער האָט אימ אָפּגעצויגנ

אינ א זײַט עטוואָס ווײַטער, — מערקינ, איכ זאָג אײַכ, מערקינ, איר זאָלט עס ניט אַרײַנשרײַבנ אינ אײַערע קאָרעספּאָנדענצ...

יענער האָט אימ אָנגעקוקט, באַטראַכט אונ צוגעשמייכלט.

— הער האַמבורגער — דאָס איז דאָכ א רעקלאַמע — איכ בינ אויסנ גאָר די רעקלאַמע... די גרעסטע רעקלאַמע... די גרעסטע רעקלאַמע פאַרנ דאָקטער בראַנזבורג, אונ פאַר אײַער פאַמיליע אינגאַנצנ... שטעלט אײַכ פאָר: א דאָקטער, א גרויסער דאָקטער, אונ פונ אַזא פאַמיליע — גווירימ אונ אַריסטאָקראַטנ, — איכ וועל דאָס אַלצ אַרומשרײַבנ... אונ אַזא... אַזא ליבעראַל!.. א ראַדיקאַל... פאַרנ פאָלק... אַזא...

— מויכל... מויכל... אַזא רעקלאַמע — מויכל. געדענקט־זשע, מערקינ! פאַר דעמ נאָמענ „האַמבורגער“ בינ איכ דער אָרעוו, ניט מאַרק מיט זײַנע שטוסערײַענ... מיר פאַרשטייענ זיכ דאָכ, מערקינ... וויפל באַקומט איר פאַר אײַער שרײַבערײַ — פאַר א קאָרעספּאָנדענצ? אַלצ טוט זיכ דאָכ פאַר געלט, מערקינ... מיר ווייסנ, אַז געלט איז ניט שמעלט... כאַ כאַ... קאָנט איר עס בײַ מיר באַקומענ פאַר ניט געשריבנ... ווענ איר ווילט, קומט אַרײַנ צו מיר אינ באַנק־הויז, אינ מײַנ קאַבינעט... פאַר אײַכ — די טיר אָפנ אַלעמאָל... אָפּגעמאַכט!..

אונ בענעדיקט האַמבורגער האָט נאָכ שטײַפער פאַרדרייט די צאַרטע וואָנצעס, אונ געהויבנ זיכ צוריקגעקערט צו זײַנע לײַט

— ברענענ זאָלסטו מיט דײַנ באַנק־הויז צוזאַמענ!.. — האָט מערקינ נאָכגעשאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ האָט זיכ אינ האַסט א לאָז געטאָנ צו בעבנ.

— אַזא שויטע, אַזא גאַרלעניק!

— ווער? וועמענ מיינסטו איצטער? וויניק שויטימ דאָ?

— אָט דער בענעדיקט!.. — האָט מערקינ אַרויסגעוואָרפנ פונ מויל, ווי א קלעפּיקע לייבע, וואָס טשעפּעט זיכ אָנ, פאַרהאַלט זיכ, אונ מ׳דאַרפ עס ווידעראַמאָל אויסשפּײַענ: — בענעדיקט!.. ער האָט מיר געפּאַטערט א קאָרעספּאָנדענצ...

— הער אימ ניט — שרײַב, — האָט בעב זיכ אָנגעשטויסנ, ווענג וואָס ס׳גייט.

— נײנ, איכ וועל אימ שוינ צודינענ אַנ אַנדערש מאָל... „מערקינ“ בינ איכ אימ מיטאַמאָל געוואָרנ... א פאַניבראַט זײַנער — געדענקט־זשע, „מערקינ“...

— דערוויל נא דיר א קאַנפעטל, וועט דיר זיסער ווערנ אפ דער נעשאָמע...

— איכ וועל אימ שוינ א שרייַב טאָנ!.. „וויפל באקומט איר פאר אייַער שרייַבערייַ?“ ברענענ זאָל ער! א מיִעסער נעפעש... דו ווייסט, וואָס ער דערלויבט זיכ, אזא... געלט־שמעלטס.. אזא... — אונ מערקינ האָט זיכ געדרייט, געשלייַדערט מיטנ צונג אונ מיטנ קערפער, אונ האָט פאר בעבנ עפעס ניט געקאָנט אײנגאנצנ אונ בעפיירעש ארויסזאָגנ דעמ איקער, וואָס האָט אימ אזוי געערגערט.

— „צו מיר אינ קאבינעט“, וועג איר ווילט... א קלייניקייַט?! או, או!... אָבער ער וועט זיכ בא מיר ארייַנכאפנ, בעגעדיקטל אליינ, וועל איכ אימ מיט א פסעוודאָנימל... „א דורכפאָרער“... אָ, איכ ווייס: „א ריטל“, א טייַער פסעוודאָנימל, וועל איכ אימ א שמיצ טאָנ...

— דו האָסט זיכ הייַנט פארפלאָנטערט, — לאַכט בעב,—איכ פארשטיי ניט. ער האָט דיכ, אפאָנעמ, גוט אויסגעשמיסנ, דו ביסט גאָר א בלייבער... איכל גיינ בעסער געבנ מאקסנ א קאָנפעטל...

בעב האָט פינקטלעכ אופגעלייגט א ליידיק פאפירל פונ א קאָנפעט, געטראָגנ צו מאקס שיינפעלד, אונ האָט אונטערוועגס פאר זיכ געקוואָלנ.

דער ייִד אינ שאבעסדיקנ סורדוט מיטנ לאנגנ „סטאָנ“, ארומדרייענדיק זיכ „באָבעמדיק“ איבערנ זאל—א ייִד א דייַטנ דארפ אלצ באטראכטנ, האָט מיטאמאָל דערזענ, אז די פארזאמלטע האָבנ זיכ שוינ אייַנגעזעצט. האָט ער זיכ אָפגעשטעלט פונדערווייַטנס—ווידער אונ נאָכ טיפזיניקער באטראכטנ, ווי מע זיצט ווי מע שטייט — אינ דער סאָכרישער וועלט, אזוי זיצט מענ אפ דער אסיפע, יעדערער לויט זייַט גראד. אהינטער די באנקירנ אונ די גרויסע מאנופאקטוריסטנ, ווי גינזבורג, פערציס, אונ די געלערנטע — אלצ ארומ טיש אפ די ווייַנער שטולנ, אהינטער זיי זיצנ די זאוואָדטשיקעס — די אופגעקומענע — הוטנער, מאָנאָסאָנ, דער יונגער שייניני... דורכגעלאָזט צוויי רייענ שטולנ ליידיקע, — אפ די „ווייַסע“ בענקלעכ האָבנ זיכ אויסגעזעצט: גינזבורגס עלטערע פריקאזטשיקעס, — גינזבורג האָט זיי, אפאָנעמ, „געהייסנ“ קומענ, דער בוכהאלטער פונ „ווזאימני“—מיסטאמע פונ צייטלינגס צאד, שטיינבערגס „שרייַבער“—ער מוז דאָכ געווייס זייַנ... א פאָר מיטעלע קרעמער, עטלעכע מעלאמדימ, אונ — שלוימע דער קאצעוו, כאימ דער ברויטבעקער... ווי קומענ זיי אהער?

און ער האָט געגומענ: גיך, גיך צינג דאָס שיטער בערדל, ווי גע־פליקט פון אונטן ארויף, צו די וואָנצעס צו—דאָס האָט ער שטאַרק און האסטיק געטראַכט, וואָס קאָן עס זיין. און ס'האָט אים פאַרדראָסן, האָס ער קאָן ניט פאַרשטיין, וויאַזוי קומען זיי אַהער, שלוימע דער קאַ־צעוו און כאַים דער ברויטבעקער...

ער האָט זיך געקוקט כאָטש דערמיט, וואָס ער פאַרשטייט, פאַר־וואָס מע האָט אויסגעגלאָזט לײדיקע צוויי רייען שטולן: מיסטאָמע דאַרפן נאָך צוקומען געהויבענע לייט, אָדער — מע האָט גלאַט גע־לאָזט ליידיק — צווישן די „פּניי" און די „ווייסע" בענקלעך.

האָט ער זיך אויסגעגלייכט, פאַריכט דעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און איז געלאָפן אוועק, און זיך אנידערגעזעצט אויף א בריג שטול פון דער צווייטער ריי לײדיקע ווינער שטולן. שטיינבערג אליין זאָגט דאָך, אז ער איז א מיטעלער באַלעבאָס, פאַרוואָס־זשע זאָל ער זיך ניט זעצן אויף א מיטל שטול? דערוויַיל, אוואַדע.

באַלד האָט זיך געבנ אים צוגעזעצט דער מאַשגיעַך פון קיך.

— רעב פינכעס, א, רעב פינכעס! ווי לאַנג איז עס שלוימע דער קאַצעוו געוואָרן א... א ציוני?..—האָט ער גלייך קליגעדיק א פרעג געטאָן.

— בײ־כי־כי, — האָט דער מאַשגיעַך געפליוכעט אין זיין גרויסער באָרד, — עמעס, עמעס, רעב הירש־בער, כי־כי־כי... ער האנדלט מיט אונטן, שטעלט צו פלייש אין קיך... האָב איך אים געזאָגט, אז ער דאַרף דאָ זיין היינט...

— און ברויט נעמט איר בײ כאַים דעם בעקער... — האָט הירש־בער שוין אליין צוגעגעבן, און איז עפּעס מאָדנע צופרידן געווען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס פירט זיך אזוי קלוג.

3

— אלזאָ, וועלן מיר אָנהייבן! — האָט אַדוואָקאַט שטיינבערג זיך געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג. — מאַרק באָריסאָוויטש, מע קאָן אָנ־הייבן, רעכן איך. דער אָפיציעלער אָפּאָנענט און דער שטענדיקער אָפּאָ־זיציאָנער מיינער—ער קוקט מיט א פאַרשלײערטן שמייכל ד״ר בראַנז־בורגן אין די ערנסטע אייגן אריין — דער אָפּאָנענט איז דאָ... איך גלייב, אז איר וועט היינט אויך ארויסטרעטן אנטקעגן מיר... הייבן מיר אָן. מאַרק באָריסאָוויטש, עפּשער וועט איר זיין דער פאָרזיצער?

בראנזבורג האָט אױפ אים אַנ אומצופרידענעמ בליק געװאָרפנ. ער האָט זיך אױסגעדרײט אױפ צוריק, אונ האָט זיך צוגעזעצט בײַ א טישל צו דער װאַנט, האַלב זײַטיק צו דער אָפיציעלער אסיפע.

„בײַ „דעמ" איז פאר זיך שאבעס..." האָט דער מאשגיעך א טראכט געטאָנ, — אינ זײַנ בארױגזנ נאָך פאר פריערדיקע.

שטײנבערג האָט זיך אױפגעשטעלט בײַמ שרײַבטיש, באלעבאטיש זיך אָנגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס אױפנ גרינעמ געװאַנט, אונ זיך געװענדט צו מאנדעלשטאמענ:

— יעפימ סאָלאָמאָנאָװיטש! פאר א געלערנטנ װאלדקענער פאסט עס, איז אָנגעמאָסטנ צו זײַנ הײַנט פּאַרזיצער, עס קײט דאָך װעגנ א לאנד, װעגנ גרונט, װעגנ ערד...

— נײנ, נײנ, נײנ, איך װײס נאָר די צאָפנ־װעלדער... אונ יענע קאנטנ, די מיזרעך־פּאַלעסטינע איז פאר מיר א טערא־אינקאָגניטאָ...

— איך האָפ, איר װעט זיך באקענענ, אונ נאָענט באקענענ... נו, פאָרלױפיק װעלנ מיר בעטנ דעמ ה' צײטלינ... מאָיסײ יאקאָװלעװיטש! מיר װעלנ דאָ הײַנט באטראכטנ אױך א באנק־אקציע, דעמ ײדישנ קאָלאָניאַל־באנק, אונ אזױ װי איר זײַט דאָך א באנקיר, דער פירער פונ אונדזער „װזאימני קרעדיט" — בעטנ מיר אײַך... — האָט ער אָנגעװיזנ אױפנ ברײטסטנ שטול בײַמ שרײַבטיש.

צײטלינ האָט זיך גרונטלעך אײַנגעזעצט, פּרובירנדיק דעמ שטול פאר זײַנ קאָמפּלעקציע — װער קאָנ װיסנ א שטול פונ א ביליקער קיך?

— די באנק־קאָנטאָר איז אונדזערע עלטער פונ „װזאימני קרעדיט", — דאָס װײסט איר אלע; נאָר מאָיסײ יאקאָװלעװיטש איז עלטער פונ מיר — עמעס... — האָט בענעדיקט האמבורגער גאנצ הױך גערעדט אינ שמײכל אונ גענומענ פּאטשנ „בראװאָ". מיר בעטנ, מיר בעטנ!...

צײטלינ האָט מיט א פינגער עפּעס אָפּגעשנעלט, אונ זיך א קער געטאָנ צו שטײנבערגנ:

— איך בעט אײַך! אײַער פּאָרטראַג, מיסטאָמע...

שטײנבערג האָט זיך לעבעדיק אױפגעשטעלט, אונ האָט אָנגעקוקט די פּארזאמלטע — אױגנ אינ אױגנ: — אונ מיטאמאָל האָט ער זיך אײַנגאנצנ, װי א בראָך געטאָנ, דעמ קאָפּ עטװאָס אָנגעבױגנ, די הענט איבערגעפלאָכטנ אױפ דער ברוסט:

— ליבע ייִדנ! ברידער אינ ציִענ! ליבע אונ טײַערע ייִדנ...

— פונקט ווי דער ערשטער פארליבטער אפנ סצענע...—האָט בעב זיכ צוגעבויגנ צו מאדאמ מאנדלשטאמ אונ איר ארײַנגערוימט אינ דער היפשער דעקאָלטע. זי האָט אימ גערנ צוגעשמייכלט, וואָס בעב פאר־פרייִלעכט איר אזא אומעט, ווי ייִדנ אונ סיאָנ...

— דער גרעסטער אונ הייסטער ייִד ד״ר הערצל...

ס'איז ארײַנגעקומענ דער שטאָט־מאגיד אינ אנ אָפגעטערכעטנ פו־טערל, אונ די פאָלעס זײַנענ זיכ צעפלויגנ, בייס ער איז געשווינד דורכגעגאנגענ אינ זאל.

הירש־בער האָט צופרידנ א זאָג געטאָנ צומ מאשגיִעכ: — פאר־שפעטיקט, אָבער געקומענ... א קאָפמענטש! פארשטייט הײַנטיקע זאכנ...

— יע, יע, — האָט דער מאשגיִעכ נאָכגעגעבנ. — דער ראָוו וועט ניט קומענ...

— דער ראָוו, — האָט הירש־בער אינ דער שטיל געזאָגט,—איז על־טער, אלט! אונ א גרויסער „גאָדל“ — האלט ניט פונ קיינעמ... ער זאָגט, אז דער ציִעניזמ איז א מינ קליינ זײַדנ טאלעסל, וואָס אריסטאָ־קראטנ טוענ אָנ אפנ האלדז, ווי א שארפ אונ מיינענ, אז זיי זײַנענ דערמיט יוצע א טאלעס... די „גרינגע“ ייִדנ ווילנ מיטנ שטיקל ציִע־ניזמ יוצע זײַנ די גאַנצע ייִדישקײַט...

— אי, אי, אי — גע־זאָגט! — האָט דער מאשגיִעכ אָנגע־קוואָלנ.

— אונ אלעמאָל אונ אומעטומ, — האָט שטיינבערג געצויגנ אונ א פינגער באוועגט פאָרויס, — אומעטומ אינ דעמ לא־אנגנ אונ שווע־ערנ גאָלעס...

אינ זאל איז מיטאמאָל ארײַנ א הײַפל יונגעלײַט. די טיר איז פאר־בליבנ אָפנ, גייענ נאָכ אונ נאָכ — טומלדיקע, לאכעדיקע, מיט גרויע באשליקלעכ אונ טונקעלע שארפנ ארומגעוויקלטע באָכעריִמ, אינ פלא־ציקע באראשקענע היטעלעכ אונ קאָלירטע באשליקלעכ — מיידלעכ.

בעב אונ מערקינ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אנטקעגנ, צו דער טיר.

— קומט! קומט! ערשט אָנגעהויבנ, קומט אהינ...

— א, גוט! — האָט נאָכעמ מינקינ אויסגעשריענ אונ האָט זיכ גלײַכ אריבערגעכאפט אהינטער דער מעכיצע פונ די ברעטלעכ, ניט ווײַט פונ טיר, ארומ טישל, וואָס איז אינ דער הייכ געשטאנענ אפ

ברעטער אויסגעבעט איבער קלעצער. — כעוורע, אהער! — אנ אנטיק; מיט א פארטיקער בימע פונ אונטנ — ארופ...

וואָוקע איז געשפרונגענ, פויגלסאָנ האָט אריבערגעשפריזט, אונ טאָליע האָט ערגעצ פארטשעפעט א פוס אונ פארלאָרנ א קאלאָש. האָט עטל זיכ צעקלונגענ לאכנדיק: „א, שלימאזל“! אונ צייטע האָט אימ אָנגעכאפט פאר אנ אקסל, צוגעהאלטנ אונ געשריִענ: „איי, איכ שטארב: ער וועט דאָכ צעברעכנ די שפאקולנ אונ צעקאלעטשענ אנ אויג..“

— בענקלעכ נעמט! פונ דאָרטנ...

דער מאשגיִעכ האָט זיכ פונ זיינ אָרט אופגעהויבנ, אָפגעשטעלט איינ פוס צו דער טיר צו, אונ די אויגנ אומגעקערט צומ אויבנאָנ — אינ פארלעגנהייט, צי חארפ ער גיינ זיכ ארײַנמישנ... האָט ער דערהערט דעמ יונגנ גאָלדמאנס קאָל:

— גריגאָרי מאטווייעוויטש, — האָט בעב געשריִענ צו שטיינבערגנ, — באלד וועט ווערנ רויִק, וועט איר קאָנענ ריידנ מיט מער פרישקייט — פאר אזא אאודיטאָריע...

אז מע האָט זיכ רעכט איינגעאָרדנט אהינטער דער באזונדערער מעביצע, האָט מענ גענומענ צעבינדנ די באשליקלעכ, צעוויקלענ די שארפנ אונ צעשפילענ די מאנטלענ.

— וואָס איז דאָ, אשטייגער, אלע מאָל? — האָט וואָוקע געוואָלט וויסנ.

— דאָ איז די הינער-שטייג... בעב, איר ווייסט דאָכ: איר זייט דאָכ א זייעריקער — דאָ האָדעוועט מענ די הינער, וואָס בע בראָט פאר די אָרעמעלייט... — שמייכלט קליינמאנ.

— איי, גוט געזאָגט! — קוועלט מערקינ, — מ'דארפ דאָס „זיי“ איבערזאָגנ דאָרטנ.

ארומ טיש אויבנאָנ איז געווענ אָנגעצויגנ שטיל. מיט אָנגעשטרענגטע פענעמער צומ אריינגאנג אויסגעצויגנ, איז מענ שוינ מיד געוואָרנ צו קנייטשנ זיכ אונ ציִענ מיט די אקסלענ. פרויענ האָבנ זיכ אלצ מער געטוליעט אינ די זיידענע שאלנ אונ אינ די פוטערנע פעלערינקעס — אז ס'האָט מיטאמאָל עפעס אזוי ווינטיק געקילט פונ ערגעצ!.. מאנצבלענ האָבנ שטרענגע אויגנ אָנגעשטעלט אפ באָכערימ אינ שארפנ, וואָס שפרינגענ מיט בענקלעכ אונ טיילנ זיכ ערטער. נאָר דער אדוואָקאט שטיינבערג האָט ביטרע געשמייכלט. ער האָט זיכ צוגעבויגנ צומ טיש,

דערהויפּט זיכ געווענדט צו מאַנדלשטאַמענ, ד״ר קאַפּלאַנ אונ אַזעלכע ווי זיי:

— מיר זײַנענ אויכ אַמאָל געווענ סטודענטנ...

— דאָס זײַנענ סטודענטנ? — האָט דער פּאָרזיצער צייטלינ איבערגעפרעגט.

— בימקום סטודענטנ... יוגנט שטודירנדע... מיר דאַרפנ אַ ביסל לײַדנ פונ דער יוגנט... אונדזערע... ביטערע... עקסטערנע... נאָר ניט מיט בייזנ מיט זײַ...

כעכ אונ מערקינ זײַנענ שוינ צוגעגאַנגענ אַהער.

— דערלויבט מיר איצט, — האָט שטיינבערג אָנגעהויבנ שטיל אונ מאָדנע ווייכ, — נאָכ אָט דער ניט פאָרמעלער האַפּסאָקע... דערלויבט מיר צו מאַכנ אַ באַמערקונג: אונדזער פאַרזאַמלונג הײַנט איז צוליב אַ דיסקוסיע. מיר ווילנ אויסהערנ אָפּאָנענטנ, אויב ס'זײַנענ דאָ אַזעלכע... גיכער זײַנענ דאָ אַזעלכע, וואָס האָבנ זיכ נאָכ ניט געננוג באַקענט מיט דער נײַער גרויסער אידיי...

— דאָס וועט מענ שוינ זענ שפּעטער... — האָט וואָוויקע אַרײַנגעזאָגט.

— מיר זײַנענ צופרידנ, וואָס עס זײַנענ דאָ אַלע קלאַסנ יידנ: די אינטעליגענץ אונ דאָס פאָלק, די פרײַע דענקער אונ די רעליגיעזע יידנ... — ער האָט אַ בליק געוואָרפנ אויפנ מאַגיד, — די רײַכע אונ דער מיטלשטאַנד, — ער האָט זײַנע אויגנ אָפּגעשטעלט אויפנ יידנ אינ שאַבעסדיקנ סורדוט מיטנ לאַנגנ „סטאָנ“, — דער מיטלשטאַנד איז דער יורש פונ אונדזער געשיכטע, פונ אונדזערע פאָלקס־טראַדיציעס...

— כאַיע־לייע, טו נאָר אַ קוק, — האָט עטל אָנגעוויזנ, — ד״ר בראַנזבורג דרייט זיכ אונ קערט זיכ אויפ זײַנ בענקל: ער קאָנ ניט רויִק אײַנזיצנ.

— אונ ווענ ער, דער מיטלשטאַנד, איז מיט אונדז, — האָט שטיינבערג ווידעראַמאָל מיט זײַנע אויגנ פיקסירט דעמ יידנ אינ שאַבעסדיקנ סורדוט, וואָס האָט צוריק אויפ אימ מעוווהלדיק אונ צעשראָקנ אַ קוק געטאָנ, ווי ער וואָלט דערפילט, אַז מע וואַרפט אויפ אימ אַ גרויסע לאַסט, — ווענ דער מיטלשטאַנד איז מיט אונדז, האָבנ מיר באַ זיכ — דעמ בויער פונ אונדזער צוקונפט!

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיכ נאָכעמ מינקינ צעשאָקלט אינ אַ נעלעכטער, וואָס איז זיכ פאַרגאַנגענ אינ אַ קוויטשערײַ. כאַיע־לייע אונ

פאניע האָבנ אימ געשטילט: זעט ניט קיינ מעוויגלוועלער... האלט זיכ סטאטיק...

— אז ער זאָגט: דער מיטלשטאנד איז א בויער... דאָוויד! דו האָסט געהערט?.. כאַכאַ... דער מיטלשטאנד איז א צעקריכעניש... האָט קיינ מאמאָשעס ניט... דאָס איז אנ איבערגאנגס־קאטעגאָריע: דער גרעסטער טייל וועט אוועק צומ פּראָלעטאריאט, אונ א קלייניטשקער טייל וועט ווערנ — פּאָשעטע בורזשואזיע... — די נערוועזע מוסקולנ פונ זיינ פּאַנעמ זיינענ אימ געלאָפנ אופ אונ אָפּ.

— אָבער עס פרייט אונדז זייער, — האָט שטיינבערג געהערט זיינ שטימ, — וואָס די יוגנט איז צו אונדז געקומענ. די יוגנט פילט, אז זי דארפ זיינ מיט אונדז, דאָ איז איר אָרט! זי האלט זיכ נאָכ פונדערווייטנס, ווילנ קלוימערשט דאָ, אינ א פאָלקס־איגיענ, מאכנ פאר זיכ א ביידער־שייני, האָבנ זיכ צעזעצט אביסעלע ווייטלעכ, אהינטער א מעביצע... נאָר איכ בינ זיכער, אז זיי וועלנ זיכ באלד דערנעענטערנ אונ וועלנ צוגייג צומ אלגעמיינעמ טיש, מיט קאָל־יִסראָעל צוזאמענ, — האָט ער מיט די הענט געוווּנקענ אונ גערופנ: — צו אונדז! צו אונדז!

— אנ אקטיאָר! — האָט פאניע געקאסט: — אנ אקטיאָר!

— אונדז איז דאָ גוט! — האָט פויגלסאָנ אויסגעשריענ.

— מירנ באלד זענ, — האָט שטיינבערג געשמייכלט: — די יוגנט קומט צו אונדז, דארפ קומענ צו אונדז — זיכער! — האָט ער אָנגעהויבנ מיט א ברענ, מיט צונויפגעדריקטע פויסטנ, פּאָכנדיק אינדערלופטנ. — די יוגנט איז א טייל פונ פאָלק — א טייל יידנ! נאָכ מער — די יוגנט איז א טייל פונ דער יידנ־פראגע, א טייל פונ דעמ פאָלק־שמערצ!... — ער האָט מיט א האנט א זעצ געטאָנ אָנ טיש... — איר, אונדזער שטודירנדע יוגנט, איר זענט א טייל פונ אונדזער פאָלק־שמערצ!.. איכ מיינ — די פּראָצענט־נאָרמע, — די געשלאָסענע טירנ פונ די אוניווערסיטעטנ...

— אנו „קוכארקיני דיעטי"?.. — האָט וואָווקע ארײַנגעוואָרפנ.

— וואָס האָסטו דאָ ארײַנגעדרייט „קוכארקיני דיעטי"? — האָט גראָסמאנ געקאסט.

— איר וועט בײדע רייזנ פונ דער בימע, — האָט קליינמאנ געשמייכלט.

שטיינבערג האָט לאנג אונ ברייט גערעדט פונ באגרענעצונגענ אונ באשרענקונגענ, געבלעטערט די „צײַטווײַליקע טאקאָנעס", האָט מיט

נעמענ אונ דאַטעס געוויזנ, וועמעס הענט אינ וועלכנ יאָר האָבנ נאָכ מער פאַרשמעלערט דאָס שלייפל אפנ האַלדז פונ דער ייִדישער יוגנט, האָבנ ענגער פאַרקוועטשט די פענטעס אפנ ייִדישנ פאָלק...

...פאַרווערט אונ באַשרענקט: אינ בילדונג, אינ וווינרעכט, אינ באַשעפטיקונג... א ייִדישער דאָקטער, א געראָטענער, א פייִקער, — האָט ער דאַפקע אזוי ווי אגעוו געוואָרפנ צומ זײַטיקנ טישל בײַ דער וואַנט, — איז ניט זויכע צו זײַנ פּראָפעסער... פונ דאָרפ ארויסגעיאָגט, ערד־באַזיצ פאַרבאָטנ, שענקענ אפילע אָפּגענומענ — אָט ערשט... הײַנט דער ניירעש מאָסקווע אינ 91טנ יאָר... אונ איבער דעמ אלעס שווידערט נאָכ דער געשפּענסט פונ די פּאָגראָמענ אינ די 80-ער יאָרנ...

דאָס פּאָנעמ האָט געטונקלט, די אויגנ — אינ פינצטערנ געשלייערט:

— די אומדערטרעגלעכע רעכטלעכע לאַגע ברענגט אויכ צו דעמאָראַליזאַציע, צו דעגראַדאַציע, פיזישע אונ זיטלעכע, געפאַלנ די קולטור די אמאָליקע... נאָר שולדיק איז, פאַרשטייט זיכ, די אומנאָרמאַלע רעכט־אָרדענונג, וואָס האָט א פאָלק געבונדנ אונ עס געוואָרפנ העפקער פאַר פּאָגראָמשטשיקעס...

ער האָט לאַנג אונ ברייט גערעדט, ניט געקאַרגט קיינ שווארצע שוידערלעכע פאַרבנ, — אָט וואָס מיר האָבנ דאָ!.. דאָ נאָר? אונ דער אנטיסעמיטיזמ אינ אייראָפּע!.. אָט פונ וואָס מיר ווילנ אוועק!... אָבער וווּהינ? איז געקומענ דער גרויסער ייִד, דער שטאָלצער ייִד; ד״ר הערצל, מיט דער גרויסער אידיי, — א „ייִדנשטאַט“, אנ אייגענע טעריטאָריע... דאָס איז — א... רע-וואָ-ליו־ציע!.. — האָט ער אויסגעקוועטשט פונ צוגעמאַכטע ציינ, — ס׳זאָל אויסקומענ אי אויסדרדיקלעכ, אי שטיל: מיט אזא וואָרט וואָרפט מענ זיכ ניט צו שרײַענ... — יע, יע.. אנ אופשטאַנד פונ נעכטיקע אונ הײַנטיקע קנעכט... וואָס ווילנ אויסגלײַכנ דעמ קערפּער, אופהייבנ דעמ קאָפּ, א פאָלק צווישנ פעלקער! — מיט אנ אייגענער טעריטאָריע, זעלבשטענדיקע באַלעבאַטימ, מיט אנ אייגענער קולטור! אינ אלטנ לאַנד, מיט די אלטע טראַדיציעס, אנ אופגעלעבט פאָלק מיטנ אופגעלעבטנ וואָרט פונ די נעוויִמ...

פײַטל האָט זיכ שוינ לאַנג ארויסגעשאַרט פונ יענער זײַט מעכיצע, האָט זיכ גערוקט אלצ נעענטער אינ זאַל, אז סע גלוסט זיכ אימ בעסער צו הערנ... אינ שטילע וואַקלדיקע טריט, ווי בלינד זיכ גערוקט, שלאָגט ער זיכ אָנ בײַ דעמ אקסל פונ דעמ ייִחוס אינ שאַבעסדיקנ סורדוט.

— זעצט זיכ, יונגערמאנ, אָט איז אנ אָרט נעבנ אונדז... אָט הערט.

שטעלט אָנ פּינטל אפ אים צעמישטע פארצויגענע אויגנ, אונ טוט א קער צוריק, גייט האסטיק אהינטער דער מעכיצע אונ שטעלט זיכ דאָרט אהינטער סימכענ מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ, ווי פארשעמט. נאָר וואָווקע פוילט זיכ ניט, אז מע באדארפ, שטייט אופ פונ זײַנ אָרט, גייט צו צו פּינטלענ:

— וואָס, פּינטעלע, געלאָפּנ כאפּנ דאָרטנ קולטור — די אלטע קול־טור...

...אָבער ווי קומט מענ צום לאנד? — זאָגט שטיינבערג מיט די בליקנ דעמ באָכער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אהער, אונ איז ווידער אוועק... ווי? — האָט ער אונדז געגעבנ, ד״ר הערצל, דעם גרויס: פּראָיעקט פונ א קאָלאָניאל־באנק...

ער האָט געלאָסנ אופגעקלערט אונ אויסגעטײַטשט. — אלזאָ — וואָס איז נייטיק? געלט! געלט! אקציעס קויפט! — האָט ער פארענדיקט, — פארשרײַבט זיכ, אונ דאַפּקע געײַלט!

שטיינבערג האָט געוואָלט טייקעפּ אויסנוצנ דעם אײַנדרוק פונ זײַנ רעדע, האָט ער פאָרגעלייגט דעם ד״ר קאפּלאנ גלײַכ איצט, פאר די דעבאטנ, לאָזנ א ליסטע צו פארשרײַבנ זיכ אפ אקציעס. שטיינבערג האָט זײַנ סכום אנ ערשטער געשטעלט אונ נאָכ אים — ד״ר קאפּלאנ, אונ מ׳האָט גענומענ רוקנ דעם בויגנ, איינער דעם אנדערנ קאָוועד אָפּ־געבנ: — „פריִער א באנקיר“... — „ניינ, ניינ, פריִער זײַנענ די סאָכ־רים“... — „נו, זאָלנ אפריִער די געלערנטע... זיי פארשטייענ דאָב מער“... האָט מענ באשיידנ אונ מיט רעספּעקט אפּגערוקט ווײַטער די ליסטע. דער ייִד פונ „מיטלשטאנד“ האָט זיכ עטוואָס אופגעשטעלט פונ זײַנ אָרט, בעסער זיכ צוקוקנ אהינ אויבנאָנ ווי ס׳גייט אָנ מיטנ פאר־שרײַבנ זיכ. ער האָט דערזענ, אז גווירים רוקנ זיכ ניט. האָט ער גע־גאַרט, אז דער בויגנ זאָל שוינ דערגייג צו אים, וועט ער דאַפּקע גלײַכ ארײַנשרײַבנ זײַנ נאָב מער, ווי ער איז בעיעכוילעס, „זיי“ אפ לעהאכעס, ווײַזנ „זיי“.

ד״ר בראנזבורג האָט זיכ ווי א ריס געטאָנ פונ זײַנ זײַטיקנ שטול אונ האָט גלײַכ אונ האסטיק א שאָט געטאָנ בײַזעריקע רייד.

אלע האָבנ גערנ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ צו שטיינבערגנ אונ צו ד״ר קאפּלאנ בא דער ליסטע: „נו, נו — שפּעטער“... אונ מע

האָט זיכ אַ קער געטאָנ צומ רעדנער, ווי צו אַ וואַנט, אָנ וועלכער מ׳כאַפּט זיכ אָנ פונ אַ גליטש.

ד״ר בראַנזבורג בײזערט זיכ, וואָס מ׳וויל די קעפּ פאַרשלאָגנ מיט באָבע־מײַסעס אונ פאַנטאַזיעס. דאָס איז ניט רעאַל... אונ צו וואָס ווי־דער פאַרקריכנ אינ אַזיע — אינ זומפּ פונ אָבערגלויבערײַ אונ אָפּגע־שטאַנענקייט... מ׳האָט שוינ אַרויסגעשלעפּט די קלאַפּערגעצײַג פונ פאַר־צײַטיקע טראַדיציעס אונ אַמאָליקער קולטור... דאָס איז רעאַקציע! ער וויל ניט אויסמעקנ הונדערטער יאָרנ פונ אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע אונ וועלטלעכנ פּראָגרעס. מ׳דאַרפ זײַנ ראַציאָנעל — געבנ דעמ פאָלק וועלטלעכע בילדונג, די נײַסטע קולטור, אונ אַרײַנציִענ אינ דער פּראָ־דוקציע — לערנענ פּראָפעסיע... האַנטווערקער האָבנ וווינרעכט אויסערנ „טכומ“... אונ עמיגראַציע — אינ קולטורעלע לענדער... אונ ווײַטער כאַ־לוימעס...

די יוגנט אַהינטער דער מעכיצע אונ אײניקע פונ דער יוגנט בײַ די טישנ אינ זאַל האָבנ וואַרעמ אַפּלאָדירט.

שטײנבערג האָט זיכ אָנגעכויגנ צומ פאָרזיצער אונ האָט זיכ באַלד אויסגעגלײַכט אונ אויסגערופנ אַהינ צו דער ווײַט.

— וויל נאָכ ווער עפּעס רײדנ? עפּשער פרעגנ? — מירנ אַלעמענ ענטפערנ.

4

אַהינטער דער מעכיצע איז אַ ווײַלע שטיל געווענ.

דאַוויד האָט אַראָפּגעוואָרפנ דעמ אויבערמאַנטל פונ זיכ.

— עפּשער וועט דער רעדנער צוגײנ צומ טיש? — האָט שטײנבערג פאָרגעלײגט.

— ער וועט פונדאַנענ דערלאַנגענ, — האָט וואָוויקע אָפּגעענטפערט, אונ די מײדלעכ האָבנ גלײַכ אַרומגעקרײַזט דאַווידנ, ווי ניט געוואָלט אימ אָפּלאָזנ פונדאַנענ.

דאַוויד האָט אַ קוויטש געטאָנ דעמ שלייפ איבערנ ליִנקנ אויג, אונ האָט אָנגעהויבנ שטיל, אָבער דײַטלעכ אונ הילכיק:

— ציוניזמ איז נײַ, ציוניזמ איז אַלט. איכ וועל ניט זאָגנ, אַז דער „ייִדנשטאַט“ איז נאָכ — איז גאָר אונ מער ניט, ווי אַ פאַרברײטערטע איבערזעצונג פונ „ותחזינה עינינו“, וואָס ד״ר הערצל האָט עס ברײט

אונ קאָמענטאַטאָריש איבערזעצט אופ אייראָפּייִשע שפּראַכנ אונ מאָדערניזירט פאַר זיכ אונ פאַר אַזעלכע ווי ער... דאָס וועט זײַנ היסטאָריש ניט ריכטיק. איר האָט: דעמ פאַרקלאָגטנ רעליגיעז-מאָשיעכישנ אַני־מאַמינ אינ דער לאַנגער קאַפּאָטע... דערנאָכ — דעמ ראָמאַנטיש פאַרבענקטנ קאָלאָניע־פּאַלעסטיניזמ — כיבאַסציִענ (ביל"ו) אינ א פאַרפּראָסטערט פּויערש העמדל מיט לאַנגע שטיוול... שפּעטער קומט דער ייִדנשטאַטלעכער פּאָליטישער ציוניזמ־הערצעליזמ — אינ א דיפּלאָמאַטישנ פראַק אונ א באַנקירישנ צילינדער... אונ צוגלײַכ מיט אימ — מיט א טאָג פריִער, צי שפּעטער — זײַנ צווילינג: דער אַכאַדהאַאַמיסטישער „גײַסטיקער צענטר"— קולטורעלער ציוניזמ — אינ א קורצנ עמאַנסיפּירטנ ראָק פונ ד"ר פּינסקער אונ א ווײַכנ באַלעבאַטישנ קאַפּעליוש, עקלעקטיש־אָנגעפּאַקט מיט כקירע פונ ראַמבאַמ ביז ספּענסער, אונ מיט שירע פונ ר' יעהודע האַלייווי, ביז יעהודע לייב גאָרדאָנ, פאַרכאַפּנדיק אויכ היינריכ הײַנע... די אַלע פּרוּווטנ זײַנענ אויסגעוואַקסנ אונ זיכ צעבליט אופ פאַרשיידענע צווײַגנ, מיט באַזונדערע וואָרצלענ, וואָס האָבנ יעדע א יעניקע באַקומענ פונ א באַשטימטנ באָדנ... אידעאָלאָגיע וואַקסט פונ דער ערד...

אונ דאָוויד האָט א בלעטער געטאָנ געשיכטע, אונ זיכ ברייט צערעדט פונ שטאַנדנ אונ שיכטנ אינ פאָלק נעכטנ, אונ פונ קלאַסנ אונ צווישקלאַסנ אינ פאָלק הײַנט...

— ...די ציוניסטישע אידעאָלאָגנ הייבנ אָנ זייער אידעאָלאָגישנ טאַנצ פונ איינ אויוונ — אַנטיסעמיטיזמ! אַנטיסעמיטיזמ איז אָבער ניט קיינ ראָסנ־באַראָדאַווקע, ניט קיינ האָר־פאַרב, ניט קיינ ביאָלאָגיש אייגנשאַפט. דאָס איז אידעאָלאָגיע-שימל, אָנגעוואַקסענער אינ א פּײַכטסטנ ווינקל — בײַ דער קליינבורזשואַזיע. אַנטיסעמיטיזמ, האָט בעבעל געזאָגט, איז: סאָציִאַליזמ פונ נאַראָנימ, פונ שוֹטימ... מיינענ די שווּטימ, אַז בײַ ייִדנ איז נאָר איינ ראָטשילד — א גרויסער באַנקיר!.. בײַ ייִדנ זײַנענ דאָ אָבער א סאַכ, א סאַכ ניט קיינ ראָטשילדס — אַרבעטנדע אונ עקספּלואַטירטע, אונ אַפילע, אַגעוו אויכ: נאָכ א ראָטשילד, א האָרעפּאַשניק, בײַ אונדז דאָ אינ שטאָט — ראָטשילד א... פאַרשטושיק...

— אײַ, אײַ! — האָט זיכ אינ היספּײַלעס א שטעל געטאָנ דער ייִד־אינ שאַבעסדיקנ סורדוט, האָט צעדרודלט אומגעקערט זײַנ פּאָנעמ צומ

אויבנאָנ און האָט צעוואָרפֿנ די הענט מיט צעשפּרייטע לאַנגע און ביי־נערדיקע פינגער, און עפּעס זייער צופרידנ געסאָפּעט מיט הייזעריקע ווערטער: — עמעס, עמעס... בא טריפאַנאָוונ אינ באָר ארבעט, נעבעכ, אנ אָרעמער פאַרשטשיק, א ייִד — ראָטשילד. און דאָס איז ניט קיינ צו־נעמעניש פאַר זיינ גרויס אָרעמקייט...— האָט זיכ דער ייִד געקאָכט,— דאָס איז זיינ עמעסע פאַמיליע אינ די פאַפּירנ פאַרשריבנ אפ דווער־דווירעס...

און מיטאמאָל איז ער פאַרשוויגנ געוואָרנ, האָט זיכ עפּעס פאַרשעמט צוגעזעצט.

— נו, נו... א פאַרגרעבטער ייִד... — האָט דער מאשגיעכ אימ גע־שטילט.

— איכ האָב שוינ וועגנ דעמ א גאַנצע אויספאָרשונג געמאכט,— האָט מערקינ געהאָלט וויזנ פאַר די פּניי ארומ טיש זיינ באהאוונט־קייט,— ווער איז דער פאַרשטשיק.

די „פּניי" האָבנ זיכ, ווי איינגענורעט אינ הארטע קראגנס און אָנ־געקראָכמעלטע ברוסטנ פונ אויבערהעמדער — טויב און שטומ: אויס־הערנ נאָכ אלצדינג וועגנ א פאַרשטשיק אינ א באָר, וואָס פאַרמיעסט א פאַמיליע, אזא פאַמיליע!..

— ...דאָס איז א רעוואָליוציע... אנ אופשטאנד פונ נעכטיקע קנעכט— האָט מענ האָ געזאָגט,— האָט האָווויד בייזעריק געוואָרפנ אינ זאַל, און נאָכ די ווערטער געלאָזט יאָגנ בליצנדיקע בליקנ פונ זיינע קארע אויגנ,— מאכט ניט קיינ פּראָפּאַגאַציע! עמעס, איר זאָגט ארויס דאָס וואָרט „רעוואָליוציע" מיט א פאַרמאכטנ מויל, קוימ וואָס איר שעפּטשעט עס ארויס. דאָס איז ניט אייערס! ס'איז אייכ פרעמד און שווידערנד! איר האָט דערפאַר מוירע — ניט נאָר, אז מ'זאָל עס דערהערנ, — נאָר פאַר דאָס גופע האָט איר מוירע!..

...אויב אנטיסעמיטיזמ איז סאָציאַליזמ פונ נאַראָנימ, איז ציוניזמ, אויב איר ווילט זייער, — א רעוואָליוציע פונ פּאַכדאָנימ... אנ אופ־שטאנד פונ אנטלויפער... קנעכט ניט נאָר פונ נעכטנ, נאָר פונ היינט און פונ מאָרגנ... וואָס מ'מיינט און זעענ ארומ זיכ אינ דייטשלאנד — אייגנ שטעקער, אינ רוסלאנד — אייגנ פּאָבעדאָנאָסצעוו... און ווו איז בעבעל, ליבקנעכט? ווו איז?..

— א דעמאָקראט פונ די... א...— איז א מורמלעניש געוואָרנ באמ טיש.

...אַ וואַיִווערכ־רעוואָליוציע — איז אַ הינקעדיקער שפּרינגער... ווו איז אַ פאָלק, וואָס איז ניט צופרידן מיט די פירער און דעם פיר אין לאַנד — זאָל אַוועק זוכן אַן אַנדער לאַנד?.. אומגעלומפּערטע אַרוואַקאַטן זײַנען באַהאַוגט אין געזעצן — באַגרעניצונגען און באַשרענקונגען — זיי דאַרפן אָבער געדענקען דעם פּרינציפּ, אַז געזעצן זײַנען נאָר אַן אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן... די עקאָנאָמיק...

— ער איז שוין אַרויס אַפן ברייטן שליאַך, — מאַכט גראָסמאַן צו קליינמאַנען.

— באַלד וועט זײַן: מאַרקס!.. — שמייכלט צו קליינמאַן.

— דאָ איצטער טומלט כאָטש ניט... — האַלט זיי אויף כאַיע־לייע.

— נו, זאָגט מיר, צו וואָס דאַרף ער די עקאָנאָמיק? — שטייט צו גראָסמאַן צו כאַיע־לייען, — ער רעדט אַזוי אויך זייער גוט... ברויכט ער דאַפקע די „עקאָנאָמיק“...

— „דער עקאָנאָמישער באַזיס“... — שפּאָט אויס גראָסמאַן.

— און איר ווילט ניט די עקאָנאָמיק, — פאַלט אָן אויף זיי ביידע מיט אַ בייזער פויגלסאָן, — איז גייט צו „זיי“, צו די בורזשויעס... ווער דאַרף אײַך?

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט: קליינמאַן און גראָסמאַן.

...אונדזער שטאָלצער ייִד איז ניט ד״ר הערצל... אונדער שטאָלצער ייִד, אויב איר זוכט אַ שטאָלצן ייִדן, — האָט דאַווידאַלע מער געהערט זײַן שטים, — קאָן זײַן לאַסאַל... איז — קאַרל מאַרקס! און נאָך זיי — שטאָלצע ייִדן פיל פאַראַן, און אַ סאַך וועלן זײַן! איר וועט זיי זען, ווען זיי וועלן אין די מאַסן אַרויסטרעטן אויף אונדזערע און אַנדערע גאַסן... דער פאָלק־שטאָלץ איז ערגעץ אַנדערשוווּ, בײַ די, וואָס קויפן ניט קיין רעכט פאַר געלט — מיט גילדיע און פּאַטענטן... בייגן זיך ניט פאַר אונטערדריקער, גיבן ניט קיין הּעסקעם צו הערשע־רישע רייד, אַז מיר זײַנען פרעמדע... מיר זײַנען בירגער! און מיר ווילן און וועלן זײַן גלײַכע בירגער פון גאָר דער וועלט... די שטאָלצע ייִדן די האָרעפּאַשניקעס וועלן אַרויסטרעטן פעסט און זיכער, און פון פולן מויל, ווי פון אַן אָנגעלאָדענעם האַרמאַט, וועלן זיי פרײַ, ווי די סטיכיי, אויסדונערן: רע—וואָ—ליוציע!..

די פענעמער בײַ דער יוגנט אויף יענער זײַט מעבליצע האָבן זיך צע־

פלאמט, ווי פון א פלאקער, וואָס עמעצער האָט זיי אנטקעגן מיטאמאָל אופגעבלאָזן. אָנגעלאָרענע האָבן זיי זיך אופגעשטעלט, אָנגעצויגן און מוטיק. נאָר קליינמאַן האָט עלטעריש געשמייכלט שלעפעריק, און גראָסמאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט שטייענדיק צוגעהערט אופמערקזאַם און גיריק, האָט זיך איצט דעמאָנסטראַטיוו צוגעזעצט מיט א קליגעדיקן אויסלאַכ; „ער האָט זיי אזש גאָר אופגעהויבן, די אלע ברוים...

—עפשער געננוג אים...—בייגט זיך צו דער פאָרזיצער צו שטיינבערגן.

—ניין, ניין, איר זאָלט עס ניט טאָן — ס'וועט ווערן א טומל... זאָל ער אָפריידן... ניט מיר ריידן, ער רעדט דאָך...—האָט ער צוגעגעבן צו בארויִקן.

...פאָגראָמען... ציִעניסטן ווילן האָפקע מישן זייער מאַזלטאָוו מיטן יאָרצייַט פון פאָגראָמען... ווייַל... — דאָוויד האָט אין שווערער גערעמפּט זיין געבלייכטן פּנים אונטער צעבליצטע קאַרע אויגן, פאַרגרעסערטע און אָנגעלאָפענע: — ווייַל מיט דעם שפּרוך מיינט מען צונויפקלעפּן די באַזונדערע און פאַרשיידענע טיילן פון קלאַסנפייַנטלעכע און שיכטן־קעגנערישע צווישנאַנאַנדער — אויסנוצן דעם קאָל־יִסראָעל... צונויפפאָרן ראָטשילדן דעם באַנקיר און ראָטשילד דעם פאַרשטשיק?!... פאָגראָמען — מאַרקס האָט פאָרויסגעזאָגט די פאָגראָמען...

— ווידער מאַרקס! — האָט גראָסמאַן קימאַט אויסגעשריִען הויך.

מינקין איז צו אים צוגעשפּרונגען מיט צונויפגעדריקטע פויסטן:

— איִך געפעלט ניט!

טאָליע מיט אַן אייַנגעגאָרעטן קאָפּ אין די ברייטע אַקסלען איז צוגעלאָפן פאַרשוויצט, האָט אָנגעכאַפּט מינקינען פאַר די הענט: „מאַך ניט קיין סקאַנדאַל...”

„...באַנדיטן, פּיראַטן האָבן זייער זינקענדיקן שיף געוואָלט ראַטעווען פון די ברויזנדע כוואַליעס אין שטורמדיקן יאַם, — האָט דאָוויד שוואַרצ־גליִענדן האַס, ווי קוילן, געוואָרפן פון א נעקרעמפּטן מויל. אין דער זאַל האָט געשווירעוועט, — האָבן זיי נאַריש און מערדעריש פון שיף אין די כוואַליעס מענטשן געוואָרפן: נאַט אייַך קאָרבאָנעס! מיר ווייסן די מעכאַניק פון פאָגראָמען... זיי וועלן די כוואַליעס ניט אָפּנאַרן: זייער שיף וועט אונטערגיין, און די מערדער וועלן זייער שטראָף באַקומען... עס קומט א טאָג — ס'איז שוין נאָענט!.. דער צאָרן פון

ארבעטער־פאָלק איז שוינ אָנגעצונדנ, פונ שאָ צו שאָ צעפלאַקערט ער זיכ העלישער... שפּריצט אַרויס פונקענ אינ אַלע ווינקעלעכ... דאָ אונ דאָרטנ ציגרנ זיכ אָנ הויפנס...

—זע, — האָט דינע אינ דער שטיל געצויגנ עטלעכע פאַרנ קאַפּטל אונ אָנגעוויזנ אַפנ יידנ אינ שאַבעסדיקנ סורדוט, וואָס איז שוינ געשטאַנענ האַרט בײַ דער מעכיצע אַקוראַט אַנטקעגנ דאָווידנ, די אויגנ אויפגעריסנ צו אים, אונ געסאָפּעט: — ער שלינגט די ווערטער, אונ שוויצט...

...דער בויער איז דער האָרעפּאַשניק, דער אַרבעטער! ניט דער מיטלשטאַנד, וואָס איז שוינ ניט שטאַנדהאַפטיק. ער וואַקלט—געשטויסנ פונ פאַבריק, פונ אַנגראָסויבער. די עקאָנאָמיק ווערט באַנײַט. דער „ווזאימני" באַנײַט די שטאָט, אַפילע אונדזער אָפּגעשטאַנענע שטאָט... העלפט פלאַנצנ זאַוואָדלעכ אונ פאַבריקלעכ — אונ האָרעוועט אַנגראָ־סאָכרימ. רעדפאַר וואַקסט אָבער די צאָל לויגאַרבעטער, עס וואַקסט אַ קראַפט, וואָס זאָל אונ וועט דאָס אַלטע, דאָס פוילע צעשמעטערנ, אונ אינ אַלע לענדער אַנ אייגנ לאַנד מאַכנ פאַר האָרעפּאַשניקעס!.. דער אַרבעטער, דער פּראָלעטאַריאַט וועט זײַנ נײַעמ פאָטערלאַנד שאַפנ איבער גאָר דער וועלט — אַ לאַנד פאַר אַלע פעלקער, וווּ אַלע לעשוינעס וועלנ זײַנ היימיש, אַ לאַנד פונ פרײַער אַרבעט אונ פרידנ, פונ גליק אונ גערעכטיקײַט!

דאָוויד האָט זיכ שוינ לאַנג אָפּגערוקט פונ טישל, האָט זיכ אַוועקגעשאַרט שטיל אינ אַ ווײַטנ ווינקל. ווענ דער ייִד אינ שאַבעסדיקנ סורדוט האָט פאַרטראַכט אַראָפּגעלאָזט זײַנע אויגנ, האָט אינ מאַכשאָוועס באַלעסטיקט אומגעקערט זײַנ קאָפּ אונ האָט צום ערשטנ וועמענ ער האָט דערזענ נעבנ זיכ, צו מערקינענ, אַ זאָג געטאָנ: נע, נע, נע! פלאַמ—פײַער!... אַ גאַוורע ראַבע!... וואָלט זײַנ דער גרעסטער אַדוואָקאַט.

אַהינטער דער מעכיצע איז געוועננ אַ ווײַלע מאָדנע שטיל. אַנדערע — פאַר זיכ פאַרטראַכט, אונ אַנדערע — אינ רעספּעקט אויפגעהאַלטנ, לאָזנ דאָווידנ אינ שטיל צו זיכ קומענ. פאַניע האָט אַפ די שפּיץ פינגער אַ בענקל צוגעטראָגנ אונ מיט אַ ווונק נאָר אָנגעוויזנ, ער זאָל זיכ זעצנ. דינע האָט זײַנע אַ האַנט אָנגענומענ, אונ מיט איר אַנדער האַנט געגלעט אונ געגלעט — צוליב אים, צוליב זיכ...

ארומ טיש בא די „פנײ" האָט געזוימט:

—„זײ" זײַנען שוינ דאָ אויכ פאראנ... „זײ" האָבנ זיכ „פארפירט" אומעטומ...

— אנ ערודיציע באשטימט... אונ טאלאנט אינ ריידנ...

— אָנגעכאפט... בראָשורנ...

— אזא שײנער יונג!.. — האָט מאדאמ מאנדעלשטאמ געפיפסט צו מאדאמ גינזבורג, — אונ ער צערעדט זיכ, איז ער דעמאָניש! — מ'קאָנ מיט אימ אנטלויפנ...

— איר האָט דאָכ געהערט, אז ער האלט ניט פונ אנטלויפנ... — האָט מאדאמ גינזבורג עפעס עקסטרע געשמײכלט.

— ווו איז סלאווא באָריסאָוונא? אינ פעטערבורג נאָכ? — האָט יענע מיטאמאָל א פראגע געמאכט דערפונ.

— יע — יע... — האָט מאדאמ גינזבורג אָפגעענטפערט גיכ, אונ האָט זיכ צוריקגעקערט צו אירע מאָדנע מאכשאָוועס. וואָס האָבנ זיכ די גאנצע צײַט, ווי א פלאָנטער אלץ מער פארוויקלט אינ קלעמ. די גאנצע צײַט, וואָס „דער בלומ" האָט גערעדט, האָט זי אפ אימ געקוקט—מיטנ גאנצנ ווײַזנ געקוקט, אונ האָט אינ ציטער געזענ פאר זיכ איר סלאווקענ... סלאווקע א יונגס, א קלײנס, די פריַערדיקע — וואָס נאָר „מאמא" אונ „מאמא"... סלאווקעלע, ווי א שאָטנ, שוירערט אינ־דערלופטנ, באווײַזט זיכ, אונ רײַסט זיכ אָפ פלוצלינג, אונ פאלט דורכ, ווי אינ אנ אָפגרונט... ווי „דער בלומ" ווארפט ארויס אינ ריידנ זײַנ ענערגישע האנט, טרײסלט אופ זײַנ געקרײַזלטנ קאָפ, בליצט אויס מיט די אויגנ, — דערזעט זי גראָד, ווי פארקישעפט, איר סלאווקעלע... פלאטערט ארויס פונ ערגעצ אינ שווידער, אונ פארשווינדט. דער מאָמעס אויגנ פארלויפנ זיכ, אונ דאָס הארצ ווערט פארפרעסט. זי האָט שוינ וויפל מאָל די גלעזלעכ פונ אירע פענסנע טרוקנ געווישט — עפּשער האָבנ זײ אָנגעשוויצט אונ זײַנענ פארנעפלט... אונ ס'האָט ניט געהאָלפנ.

— ...דער קאָלאָניאַל־באנק,—האָט נאָכעמ מינקינ שטארק אומגעשאָקלט דעמ טישל אפ יענער זײַט פונ דער מעביצע. האָט האסטיק געוואָרפנ ווערטער, אונ נאָכ האסטיקער האָט ער זײַנ מאָגער פּאָנעמ געקנײטשט:—דער קאָלאָניאַל־באנק איז א קאפיטאליסטישע אונטערנעמונג... אקציע... דיווידענד... רענטע... אקציאָנערנ־געזעלשאפט... זײַנענ

ווערטער אין זאל געפאלן, ווי פייגעלעך אונטערגעשאָסענע, פליענדיק, — דער קאָלאָניאַל־באַנק לויט דער פאָרם און וועזן, לויט דעם סטאַטוט, איז עס א קאַפּיטאַליסטישע אקציע־געזעלשאַפט, וואָס ווערט ווערן אַן אינסטרומענט פון עקספּלואַטאַציע... — האָט ער צולעצט מאָדנע אָנגע־שטרענגט אויסגעמאָלט צווישן די ציין, ווי דורך מילשטיינער, און האָט זיך אומגעדולד אָפּגעריסן, און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מעביצע.

האָבן זיך אייניקע נאָך אים געלאָזט:

— נאָכעם, וואָס איז? פאַרלאָרן די רעדע? צעבראָכן די ציין?...

— מירן גיין... ניטאָ מער וואָס צו ריידן מיט „זיי"...

— גענוג וועט זיין... — האָט טאָליע גערן מאַסקים געווען. וואָרעם ער האָט געברויכט איצט אַרויסצוטרעטן, און ער האָט שוין געשוויצט און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט.

— א שאָדן, איך האָב זיי געוואָלט מעכאַבער זיין מיט קיין גראַקבן... — האָט וואָוקע געשפּאָט, און האָט צוגעווונקען מיט די אויגן, מ'זאָל אוועקגיין פונדאַנען.

איז געוואָרן א גערודער. מ'האָט זיך טומלדיק מעיאַשעוו געווען.

— בעסער רעדט שוין ניט מער... נאָכעמקע האָט דאָך זייער גוט געמאַכט... — האָט עטל איראָניזירט.

— א מענטש זאָל ניט קאָנען רויק אַרויסזאָגן, וואָס ער וויל און וואָס ער ווייס... — האָט פאַניע פאַרגוואָרפן נאָכעמקען.

וואָוקע האָט אומגעקערט זיין פּאָנעם צום אויבנאָן און האָט הויך אַרויסגעזאָגט:

— מיר ווילן קיין צייט ניט פאַטערן אויף דיסקוסיעס מיט אייך... מיר האָבן נאָר געוואָלט אַרויסזאָגן אונדזער שטאַנדפּונקט און ווייזן, אַז דאָס פאָלק איז ניט מיט אייך... איר זאָלט ניט קלאַפּן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז — ציוניסטן...

מ'האָט געיילט אַרומגעוויקלט די שאַרפן, געבונדן די באַשליקלעך, און אַנדערע זיינען מיט אָפענע מאַנטלען געלאָפן פון דער טיר.

— מיר האָבן ניט וואָס צו טאָן בא די בורזשויעס!.. — שרייט אוים פויגלסאָן.

דער לעצטער איז געלאַסן אוועק דאַוויד מיטן מאַנטל אויף די אַקס־לען, און דינע האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט: — איך וועל אייך ניט אַרויסלאָזן, ווי איר וועט ניט אָנטאָן דעם פּאַלטאָ אויף די אַרבל.

— אײַ, איכ שטאַרב! — האָט צייטע געשריִענ, — ער וועט זיכ פאַרקילנ.

5

— א בראָכע אפנ וועג!—האָט בענעדיקט האמבורגער איראָניזירט, אונ מיט א צופרידענעמ שמייכל אפנ פאָנעמ האָט ער א האנט אויסגע־צויגנ צו דער ליסטע.

— אדעראבע! אדעראבע! — האָט שטיינבערג גיכ צוגערוקט דעמ בויגנ: איר ווילט זיכ פארשרײַבנ? בענעדיקט מארטינאָוויטש וויל פאר־שרײַבנ א מאָגע יאָפע!..

— איצטער דארפ מענ שוינ מער ניט קיינ דעבאטנ...—האָט בענע־דיקט האמבורגער שטײַפער געדרייט די וואָנצעס...—איצט איז קלאָר... פריִער האָב איכ גערעכנט: ע—עט—פאראנ בעסערע געשעפטנ... וואָס זאָגט איר, הער צייטלינ, מאָסיי יאקאָוולעוויטש. מיר זײַנענ דאָכ באנ־קירנ, ווייסנ מיר, וואָס הייסט אקציעס... פאראנ אקציעס—סאָרמאָווע! הא?.. אָדער א נײַע אקציִענ־געזעלשאפט, ווי מיר פארשטייענ...

ער האָט געקוואָלנ פונ זיכ אלײנ, פונ זײַנע רייד, פונ זײַנ וויסנ.

— וואָס איז א קאָלאָניאל־באנק — מיט קלאל־ייִסראָעל שותּפֿעס? הא—א? וואָס זאָגט איר? — האָט ער זיכ אומגעדרייט צומ מאנו־פאקטוריסט גינזבורג אונ צו מייערסאָנענ, — גאָר אזוי האָב איכ פריִער געמיינט. אונ איצטער, אויסהערנדיק אָט די כעוורע...

— יע, יע אוואדע... — האָבנ אנדערע עפּעס אונטערגעזאָגט.

—וויבאלד זיי קערנ אהינ, דארפנ מיר קערנ אהער...

— איצטער איז דער קאָלאָניאל־באנק אויכ א געשעפט... אפ אָפ־ציִענ פונ זיי... זאָל זיכ דאָ וואלגערנ אונדזערע א פאָר רובל...

ער האָט אינ גרויסקײַט געשטעלט א ציפער, אונ ברייט זיכ אונטער־געשריבנ אונ פארצוקט ווי אפ א טשעק, אונ אונטערגערוקט דעמ בויגנ צו צייטלינענ.

— אײַ, וויניק... — האָט שטיינבערג געשמועסט — כ'האָב זיכ גערעכנט אפ מער...

— כא־כא־כא!—האָט האמבורגער אויסגעלאכט—וואָס איז דאָס— א געשעפט?.. קיינ קאפּיטאלנ אינ אזעלכע זאכנ לייגט מענ ניט אוועק...

דאָס איז דאָכ ניט מער, ווי א... א סטראַכאָווקע — פונ א סרייפע, זאָל דיכטנ א סטראַכאָווקע!..—האָט ער געקוואָלנ, אונ האָפערדיק אונטערגע־שטויסנ אינ עלנבויגנ דעמ עלטערנ צייטליגענ. — אונ אינ סטראַכאָווקע טראָגט מענ אריינ נאָר א פּראָצענט פונ קאַפּיטאַל...

— נע—ענ! נע—ע—ענ! — האָט ער זיכ מיטאמאָל צעקרימט, צו־קוקנדיק די ציפער, וואָס צייטלינ האָט פאר זיכ ארויסגעשטעלט: גאָר ווייניק!..

— כ'האָב אויסגערעכנט, אז דאָס וועט אנערעכ באַטרעפנ א פּראָצענט פונ מיינ קאַפּיטאַל, — האָט צייטלינ געלאסנ געענטפערט,— א פּראָצענט אינ סטראַכאָווקע...

—נו, נו... פארשרייבט זיכ וואָס מער! — האָט בענעדיקט צוגע־רעדט: — נישקאָשע: איר וועט דערפאר באַקומענ א נאַכלע אינ פּא־לעסטינע — א דאַטשע... פאר א לוסטרייזע אפ נאָכ־קור, נאָכ מאַנ־הייס, צי נאָכ באָדענ... זאָל זיכ וואַלגערנ...

— אונ איר? אייער ציפער קלעקט עפעס ניט פאר א דאַטשע...

— איכ בינ נאָכ יונג צו פארזאָרגנ זיכ שוינ מיט נאָכ־קור אונ אָפּרו... אונ איכ קאָנ נאָכ צושרייבנ,—האָט ער א צי געגעבנ דעמ פּא־פּיר, — נאָר אנ אקציע — אפ מאַרקנ, צי אפ נינעטס נאָמענ...

— מ'בעט דיכ ניט, — האָבנ בייד״ע געשריענ פונדערווייטנס.

— נו, אפנ פּאַפּאַס נאָמענ...

— אָט איז א הייסער ייִד! — האָט שטיינבערג געלויבט, — אז א ייִד צעגייט זיכ...

— נו!.. נו!.. — האָט מענ ארומגערוקט דעמ בויגנ פונ גינזבורג צו מייעדסאָנענ.

די ליסטע איז דערגאַנגענ צו הוטנערנ, דער גרעסערער זאַוואָד־טשיק. האָט ער עס גלייכ אָפּגערוקט צו שייניגנ: — נאַ! — דאָס איז דיינע זאַבאַבאָנעס...

—פאני הוטנער, מיר פּאַסט ניט פארשרייבנ זיכ פריער פונ אייכ...

— ס'פּאַסט, ס'פּאַסט! דו ביסט ייִנגער, אונ דו האַלטסט דערפונ...

— נו, — האָט שייניגנ פאַריכט די פענסנע אפנ נאָז אונ הויכ ארויסגעזאָגט, אז אלע זאָלנ הערנ — מ'דאַרפ עפעס אופטאָנ פארנ יונגנ דאָר, אוועקשטעלנ פאר זיי אפנ ורענ א... ווייזער, זיי זאָלנ ניט פאר־בלאָנדזשענ... מ'דאַרפ זיכ פארשרייבנ...

ער האָט פאַרצייכנט זײַנס, און צוריק אונטערגערוקט די ליסטע צו הוטנערן.

הוטנער האָט א צי געטאָן א שטיק באָרד אין מויל, געקײַט מיט די ליפּן און געמורמלט: — א שמיץ די כעוורע מיט אן אקציע?.. זיי דאַרף מען פּאַשעט שמײַסן!..

— און איר, ייִדן, וואָס האָט איר זיך אזוי דערוווּטערט פון אונדז?— האָט שטיינבערג געפּאָכעט מיט דער ליסטע און געווינקט צו די ייִדן, וואָס זײַנען אזוי ווײַט געזעסן, אָפּגערוקט פון די פּני. — דער־נעענטערט זיך! אהער! אהער! —

— שלוימע, גיי פאַרשרײַב זיך...—האָט דער מאַשגיִעך געמונטערט דעם קאַצעוו.

— א! נו!.. וואָס וועל איך גיין צו זיי?..

—מ'דאַרף דיך — גיי צו און שטעל דײַן ציפער...

—וואָסער ציפער האָב איך?

— דו ביסט א צו שעמעדיקער, וועל איך דיך פאַרשרײַבן... אַפּ צוויי?..

— אײַ, איר קוילעט מיך אָן א מעסער...

—נעבעך, א בידנע קעלבעלע... דו וועסט זיך אויסבריקען, און מיטן מעסער דאַפקע א שניט טאָן פון איין כיילעק פלייש און פונעם אַנדערן, וועסטו נאָך פאַרדינען פון דעם געשעפט...—און דער מאַשגיִעך האָט גע־ייִלט צום טיש.

— פאַרדינען,—האָט שלוימע געמורמלט,—אז ראַק גיב: א י מ גיב, זיי גיב! און אַלץ צוליב דער שטיקל קיך, וואָס נעמט א כיילעק פלייש אמאָל אין א שמיטע...

דער מאַשגיִעך האָט מיט אופירקסאַוו פאַרשריבן זיך, דעם קאַצעוו און דעם בעקער, האָט ער זיך דערפילט דערגרויסט, און האָט מוטיק פונדאַנען אויסגערופן:

—רעב הירש־בער! איר זײַט נאָך ניטאָ דאָ? וואָס וואַרט איר?

דער ייִד אין שאַבעסדיקן סורדוט מיטן לאַנגן „סטאַן” האָט א בלענצל געטאָן מיט די אויגן, האָט געמאַכט א טראָט פאָרויס און זיך אָפּגעשטעלט.

פריִער האָט ער גערעכנט פאַרשרײַבן דאַפקע א גרעסערע סומע, אָבער איצטער, נאָך „יענעמס” רייד, איז ער עפּעס ניט גאָר קיין

גרויסער באלנ... ער האָט טאקע געזאָגט, דער „פײַערדיקער", אז וואָס האָט ער פאר א שײַכעס מיט „זיי"? דער מיטלשטאנד וואקלט... מע שטייט טאקע אפ פוילע פיס... נאָר, מיילע, אפשטיינ פונ קלאל ישׂראל איז נאָכ ניט קיינ צײַט... דערווײַל שטייט מענ נאָכ אפנ פלאצ, מע האנדלט, קאָנ מענ זיכ ניט מאכנ ניט פאר א קאמצנ, אונ ניט פאר א קאפצנ...

ער איז שוינ באם טיש אונ גענומענ די פעדער אינ האנט, וואָס שוידערט אימ: פארשרײַבנ — א מיטעלע סומע... ניט אָפּצושטיינ דער־ווײַלע...

— א! בינימינ מארקאָוויטש! אונ איר? — האָט שטיינבערג זיכ דערמאנט.

— איכ בינ ניט פונ אײַערע, — האָט בעב זיכ געגרויסט.

— מאכט ניט קיינ אָנשטעל... מירנ געזענ, אז „יענע" האָבנ איכ ניט גערנ גענומענ אינ זייער קאָמפאניע... בלײַבט שוינ בײַ אונדז... וויפל?

— פארשרײַבט אפ לעבנס נאָמענ, — האָט די מאדאמ גאָלדמאנ עפעס צוגעײַלט. זי האָט זיכ צוגעבויגנ איבערנ טיש אונ אינ דער שטיל ארויסגעזאָגט די סומע, וויפל צו פארשרײַבנ; זאָל זײַנ לעבנס נאָמענ בעסער דאָ, ווי ערעצ אנדערש...

X. ערשטער מײַ

1

שטיל אונ באהאלטנ. קאמער פארשפארט. טיר — געריגלט, אונ פענצטער פארהאנגענ פונ פריטאָלקע אפ פריטאָלקע. לײַכט א לעמפל געהיימ, אונ סוידעסדיק שפארנ זיכ ווענט צו א הילצערנער קאנאפ.

דרײַ זיצנ מיידלש־כיינעוודיק. פארשיידענע אונ איינע. זיי אנטקעגנ, אפ דער פאָרלאָגע געקניט, — צוויי פריידיקע באָכערימ.

פײַער־רויט איז לײַוונט אינ דער נידער געשפרייט — אפ מיידלשנ שויס איבערגעבעט אונ אפ באָכערשע אויסגעשפרייטע הענט אנגעצויגנ.

באָכערשע אויגנ פריידיקע קוקנ צו — ווי מיידלשע פינגער מיט נאָדל אונ באוול קישעפנ איבער רויטנ פלאטער. צאפלענ זיכ אויסיעס

ארויס פונ פלאַטערנדיקנ רויט, לעבעדיק אינ דער ריי אויסגעשטעלט—
פראָלעטאר.. לענדע... פאריייניק...

כאנקעס אויגנ זודיקע גליִענ די בלאסע צייכענונג — „פראָלעטאר־יער“, אונ מיטנ האסט פונ אירע שטאָלענע פינגער יאָגט זי אינ אימ־פעט ארויס א שטייפע געשלאָסענע ריי. ליזעלע מיט בלויע פארצווייגנע אויגנ קוקט טרוימעריש אינ „לענדער“, ריוועלעס טונקעלע קארע אויגנ, שטילע, גוטע, בענטשנ האַרציק די אויסיעס אירע: „פארייניקט“.

דריַ זיצנ זיי. איינע בא דער אנדערער — פארשיידענע אונ אייגע. מיידלשע קעפ — צוויי טונקעלע אונ א דריטע — א בלאָנדע, וויגנ זיכ קוימ אינ לאנגזאמענ טאקט, אונ אלע צוגלייִכ ציִענ אויניינעמ, מעלאָ־דיש אויניינעמ— „Знамя борьбы«

שטיל אונ איַינגעהאלטנ.

אינ קאמער פארשפארט האָט זיכ מעלאָדיש געוועבט א טרוימ אינ דער נאכט. געפלאטערט, געטרילט, שטיל אונ געהיימ, געוויגט אונ געווייט, מיידלשע שטימענ איג זיכ פארגאנגענ, ווי א מאמעשעס האנט אינ וויגנ פארטראכט.

זאלמענ אונ שלוימע ברומענ צו אינ דער שטיל, אינ דער גידער, דורכ ליפנ פארמאכטע, ווי א פארבאָרגענער רויש אהינטער ביימער געדיכטע.

ברומט צו אונ ער שמייכלט איסאאק פונ דער זייט. איבערנ טישל געבויגנ, צייכנט ער אויסיעס, ציט זיי אינ קרייַז, שנירלט האלב־קייַלעכ־דיק, געצילט אונ געמאָסטנ. ער וויל — אינ דער מיט זאָל אויסבליצנ, ווי א פייַל א געשיקטער — 8־שאָיִקער ארבעטטאָג!

ברומט ער אונ שמייכלט. ער ברומט צו פארטראכט: «Знамя борьбы»

2

— פארטיק! — האָט זיכ כאנקע אויפגעשטעלט אונ גענומענ שלייַ־דערנ מיט די הענט — פונ זיכ, צו זיכ. ריוועלע מיט ליזעלענ האָבנ דעמ רויטנ לייַוונט אפנ קאנאפע אויפגענומענ, אונ אָנגעהויבנ אויסציִענ זייער מידקייַט. זאלמענ אונ שלוימע האָבנ זיכ האסטיק אויפ־געשטעלט, א שפרונג געטאָנ אפנ אָרט. זאלמענ האָט געהויבנ א פוס נאָכ א פוס, אונ זיי איינציקווייז געשלייַדערט פאָרויס. שלוימקע האָט זיכ געפאטשט אפ די קני אונ אפ זיי אָנגעריבנ מיט די הענט.

— נו, וואָס עס טוט זיכ אָפּ פונ זיי!..—האָט איסיק געשמייכלט,— זײַדענע קינדער, „נעבעכ... איר וועט נאָכ בא מיר לאַנג שטיינ אַפּ די קני... שטעלט זיכ ווידער!

— וואָס האָסטו דאָרטנ נאָכ?—זײַנענ די מיידלעכ צוגעגאַנגענ צומ טישל.

איסאַק האָט אָנגעוויזנ אַפּנ פּאַפּיר אונ אויסגעטײַטשט:

— האַלב קײַלעכדיק פונ אויבנ — „פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענ־דער פאַרייניקט זיכ!" — דאָס האָט איר שוינ פאַרטיק... אונ אונטנ— אויכ האַלב־קײַלעכדיק, — אַנטקעגנ יענעמ:

„עס לעבע דער סאָציאַליזמ!" אונ אינמיטנ—אַנ אַרויסגעלאָפּענע שורעלע, אַהינ צומ ברעג: —

„8-שאָיקער אַרבעטטאָג!"

— בראַוואָ! דער קאָפּ אַרבעט...—האָט אימ זאַלמענ אָנגעפּאַטשט איבערנ קאָפּ.

— אײַ איסאַק! — האָט אימ כאַנקע אַרײַנגעכאַפּט אונ גענומענ דריקנ.

— ליזעלע! כאַנקע וועט דיר א קוילעטש מאַכנ פונ דײַנ איסאַקנ...

ליזעלע האָט איסאַקנ אָפּגעגלעט די האָר אַפּנ קאָפּ, האָט אָפּגעצויגנ סא אימ דעמ ראָק אונ האָט אימ באַשאָנקענ מיט מיידלשנ טוי פונ שעמעוודיקע אויגנ.

— כאַנקע, גיב—איכ גנעל דיר אַזוי...—האָט זאַלמענ צעשפּרייט זײַנע הענט.

כאַנקע האָט זיכ אומגעדרייט פלינק, זײַנע הענט פאַרפּלאָנטערט אימ פונ פאָרנט, פאַרצויגנ אַהינטער, אונ אימ אינגאַנצנ א בויג געגעבנ רעכטס אונ לינקס.

— גענוג שטיפנ!—האָט איסאַק געשמייכלט,—פאַראַנ נאָכ גענוג אַרבעט...

— איסאַק, אונ די ווערטער, דעמ טעקסט ווו האָסטו גענומענ? — האָט שלוימקע געפרעגט.

— בא דאָווידנ, — האָט כאַנקע סאָפּענדיק נאָכ געלאַכט — ער וועט דאָכ דיר אַנ איבעריק מאָל דעמ נאָמענ ניט דערמאָנענ אַפילע צווישנ אונדז... ער היט אָפּ...

איסאק האָט דעמ לייוונט אויסגעשפּרייט איבערנ טיש און גענומענ שוינ אפנ לייוונט צייכענענ ליניעס און אָנמערקנ אויסיעס.

— פונוואנענ ביסטו דאָס אזא קענער? — האָט כאנקע צוגעקוקט פארוואונדערט.

— א טאטע — א פארבער... — שמייכלט איסאק.

— וואָס האָט דאָכ א שייַכעס צו פארבערנ... — האָט זאלמענ געלאכט, איסאק האָט געלאסנ געשמייכלט:

— א פארבער צו א פארבער איז ניט גלייַכ... מייַנ טאטע פארבט ניט מיט גרויסנ פענדזל — ניט געשמירט... ער ארבעט מיט קליינע און דינע פענדזעלעכ — איינער אינ שטאָט אפ „פאָדריאסענ" און „פאָרחוב"... מיט אלע אָדערלעכ, מיט אלע שיכטנ, א קונציקע ארבעט! ניט אזא פארנאָסעדיקע. די אָדערלעכ זאָלנ זיכ שלענגלענ, ווי לעבעדיקע, די סלאָיעס זאָלנ זייַנ אופגעעפנט, ווי אקאָרשט אויסגעשניטענע שיכטנ פונ בוימ...

איסאק האָט זיכ פארטראכט, צוגעבויגנ צומ טיש און געצייכנט.

— כאנקע, מירנ זיכ דורכלויפנ א ביסל אינ גאס?—שמייכלט זאלמענ.

— נו! נו... — האָט איסאק זיכ געבייזערט, — איכ לאָז קיינעמ ניט ארויס...

— א קוק טאָנ, צי דער 1־טער מייַ איז שוינ געקומענ...

— געקומענ... אונדזערער איז דאָכ א ניזכע... מירנ אָפּגעלייגט...

— אלצ איבער דיר, — האָט זיכ כאנקע געהיצט, — מירנ אויכ באדארפט גלייַכ מיט אלע פראָלעטאריער פונ אלע לענדער...

— ווידער פונ אָנהייב, — האָט ליזעלע פרדהאָסיק באמערקט.

— רייד מיט איר!—האָט איסאק אופגעהויבנ דעמ קאָפּ,—זי מיינט, אז זי אליינ קאָנ באשטייענ אנטקעגנ אלעמענ — זי און מאָטל... זי פארגעסט, אז דער איקער איז—די מאסע, וואָס הייבט זיכ נאָכ ניט אופ דערווייַל אינ א מיטנ מיטוואָכ... און מאָרגנ — וועט מענ קומענ...

— ווּ איז הייַנט מאָטל? — פרעגט שלוימקע.

— מיסטאמע האָט איסאק אימ ערעצ פארשטעקט... היטנ אונדזערע נעשאָמעס...

— נו, גייט ארבעטנ! — מאכט איסאק געלאסנ, — אלצ אָנגעצייכנט.

— איסאק, דו ביסט דאָכ א מאָלער!

און אז כאנקע ליבט איסאקן, געפינט ליזעלע בא אים אפן שטערן פארשוויבערטע הערלעך, דארף זי אפשארן מיט גלעטנדע פינגער, און איסאק שמייכלט.

3

דריי אפ דער קאנאפע מיט נאדל און באוול. די באכערים אנט־קעגן אפ דער פאדלאגע — געקניט. און לייוונט אין דער נידער האט זיך פייער־רויט געשפרייט, אויסגעבעט אפ מיידלשן שויס און אנגע־צויגן אפ באכערשע צעשפרייטע הענט.

קאן מען נייען באחריות מיטאמאל. קאמער פארשפארט, פענצטער פארהאנגען — גיט אכטונג איסאק. שטיל, מיט אויגן אפ טיר און אפ פענצטער, מיט אויערן אפ דרויסן אנגעשפיצט, גייט ער ארום געלאסן, ערעוויאנטעווודיק אנגעהרודלט.

— זאלמען, דיינע לייט אנגעזאגט? — זיי וויסן, וווהין צו גיין, און ווי?

— שלוימקע, זאג אים, אז ס'איז אלץ אין ארדענונג, — שפאסט זאלמען. — מיר זיינען אויך ניט קיין קינדער, כאטש מיין טאטע פארבט ניט מיט קונצן „פאד־דוב“... מיט איסאקס געדולד...

— געדולד איז א גרויסע זאך... — האט איסאק געקוואלן: — אפריער צוקוקן, ווי ס'איז אין דער נאטור, און דערנאך — פאווא־ליגקע, פאוואלינקע אליין פרובירן... געדולד...

— איז א סימען פון א פילאזאף — פאוואלינקע...—מאכט זאלמען כטאם, און ס'איז ניט קענטיק, צי ער מיינט עס ערנסט, צי אין שפאס.

— און פון א קינסטלער... א פלינקער איז א שמירער... גרויסע קונסט, פיינע ארבעט איז — לאנגזאם, פאמעלעך...

האקלאל, איסאק! — האט זאלמען אין אומגעדולד געווארפן,— שטעל זיך אפ מיין ארט אפ די קני — געדולד!.. און איך וועל א ביסל מארשירן איבערן צימער... אדער הייס שלוימקען שטעלן זיך אנטקעגן כאנקען, און איך — אנטקעגן ליזעלען... ווארעם אנטקעגן כאנקען קאן איך ניט אויסהאלטן אזוי לאנג...

— געדולד!.. דו וועסט מיט איר אזוי גיך ניט דורכקומען...

— עמעס, כאנקע?

— דערווייל, עמעס.

איסאַק דרייט זיכ אומ פאַרבײַ טיר און אַרומ פענצטער פאַמעלעכ און אויפמערקזאַמ.

— פאַרטיק! פאַרטיק!

האָבנ זיכ אויפגעשטעלט גלײַכ, ווי צווישנאַנאַנד אָפּגערעדט זאַלמענ און כאַנקע. ביידע די וווקסיקסטע צווישנ די איבעריקע, האָבנ דעמ רויטנ לײַוונט אויפגעהויבנ אױפ די הענט איבער זייערע קעפּ, אויסגעשפּרייט און אָנגעצויגנ.

האָט אינ קאַמער א פלאַקער א פלאַטער געטאָנ, ווי א פּײַערדיקער טויער אינ ערגעצ אינ ווײַט צעעפנט... האָבנ אויגנ צעבליצטע, פריידיקע, און פונ דעמ נײַעמ, געווונטשטנ און דערוואַרטעטנ פאַרכידעשטע—צוגעקוקט, און פאַר זיכ געלייענט, ווי אויפשריפטנ איבערנ ארײַנגאַנג אינ א נײַער וועלט —

— עס לעבע דער סאָציאַליזמ!—האָט ריוועלע צומ פלאַקער זיכ נעצויגנ, ווי צו א מוטער־שויס.

איסאַק איז געשטאַנענ פונווײַטנ שטיל און שווײַגנדיק.

מ׳האָט זיכ אַלע מיט דעמ די קעפּ איבערגעדעקט.

נאָר איסאַק האָט עפּעס נאָכ מער צוגעניגט אנ אויער צומ פענצטער און האָט מיטנ קאָפּ צוגעשאָקלט, ווי געציילט. ער האָט דאָכ געהערט א ראַצ איבערנ שויב, און דערנאָכ 2—3—4 מאָל אָנגעקלאַפּט שטיל מיטנ פינגער.

— א—א...—צעטראָגנ שטעקט ער אויס א פינגער, דראָענדיק צו די איבעריקע.

צומישט איז מענ א ווײַלע שטיינ געבליבנ. זאַלמענ האָט דעמ לײַוונט שנעל צונויפגעדרייט, פאַרשטעקט צו זיכ אונטערנ ראָק און איז אוועק צומ פענצטער און געוואַרט, צוקוקנדיק, ווי איסאַק האָט מיט א פינגער עפּעס א ריב געטאָנ די נאָז זײַנע, איז געלאַסנ אוועק צו דער טיר און דאָרטנ ווידער מיטנ פינגער נאָכ שטאַרקער א ריב געטאָנ די נאָז.

ער האָט גיט געײַלט אויפגעעפנט די טיר.

— גוט! — האָט זיכ מאָטל מיט דעמ וואָרט ארײַנגעוואָרפנ און פאַרבײַגעשפּרונגענ.

האָבנ זיכ אַלע פריילעכ צעלאַכט.

— הער נאָר,—האָט איסאַק אימ נאָכגעיאָגט—געווים „גוט"? קיינער ניטאָ?..

— קיינער ניט... נאָר איכ אונ נאָטקע... נאָטקע גייט נאָכ ארומ אינ געסל...

— כ'האָב געוווסט, אַז איסאַק האָט ארויסגעשטעלט א וואַכ...— זאַלמענ שמייכלט:—איסאַק, וואָס איז דיר דאָרטנ פריִער בא דער טיר ביטער געווענ אינ נאָז?

— נו, פאַרטיק?.. מ'קאָנ נעמענ? — האָט מאָטל געיילט.

—אונ יענע?—האָט איסאַק געפרעגט.

— שוינ צוגענומענ אונ אָפּגעטראָגנ... באַוואָרנט...

—דו האָסט צוויי פאָנענ צוגעגרייט? — איז שלוימקע צוגעשפרונגענ צו איסאַקנ.

— אינצווייענ איז שטאַרקער... די צווייטע—מיט רוסישנ טעקסט.

— ווער האָט אויסגענייט? — וויל באַנקע וויסנ.

— מאָטל האָט מיידלעכ—שמייכלט איסאַק,—איינע מיט פאַר־טרעטנ, אונ איינע מיט גראַמענ... אונ... — נו, נעמ עס צו! — גאָר געדענק!..

— איסאַק!.. אי—סאַק!.. מיינ קאָפּ גאַראַנטירט פאַר די פאָנענ!..

אונ מאָטל האָט פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט די פאָנ, אוועקגעלייגט אפנ ברוסט אונטערנ ראָק אונ עס פאַרשפּילעוועט.

—נו, איכ בינ אוועקגעלאָפנ... — אונ ער איז האַסטיק ארויס אינ טיר.

— זאַלמענ, גיי ארויס נאָכ אימ... פונדערווייטנ באַגלייטנ ארויסנ געסל... — האָט איסאַק קאָמאַנדירט.

4

דאַוויד האָט פאַרענדיקט אונ רעזיומירט:

...דער ערשטער מיי—דער טאָג פונ אויפבלי אונ דערמונטערט־קייט, דער טאָג פונ אויפברויז פונ פאַרבאָרגענע קויכעס אינ דער נאַ־טור — דער ערשטער מיי דאַרפ ווערנ דער מערידע־טאָג פונ די געדונגענע קנעכט! דער טאָג פונ אויפשטאַנד פונ קנעכט פאַרוויגטע!..

איבער זיינ געקרייזלטנ קאָפּ האָבנ רויט געפלאַטערט צוויי פאָנענ, שטאָלצ דערהויבנ אינ זאַלמענס אונ באַרעכס פעסטע הענט.

...דאָס לידעלע „באַשערט פונ גאָט" איז אומגעלומפּערט. גאָט איז

אנ אנאָנימ פונ אנ אויסגעטראכטנ ווענ, אונ די אקציאָנערנ פונעמ קאַ־פיטאליסטישנ שווינדל האָבנ אפ דעמ אנאָנימ אויסגעשריבנ אקציעס, קעדיי אָפצונארנ דעמ עוילעמ...

באַ די זײַטנ אונ אהינטער אימ זײַנענ אָנגעצויגנ געשטאַנענ, ווי אפ א וואַכ, שלוימקע אונ באַימ, מאָטל אונ שימענ.

...ס'איז אנ אידעאָלאָגיע פונ שווינדל פונ דער בורזשואַזיע, אז אָרעמ איז דער פוילער, וואָס האָט ניט קיינ איניציאַטיוו, קיינ ענער־גיע... מיט איניציאַטיוו אונ ענערגיע קומט מענ צו רײַכקײַט...

ער האָט די קאַרע אויגנ אויסגעבליצט אפ די מענגעס מענטשנ, וואָס זײַנענ אָנגעשטרענגט אונ אופגעצויגנ געשטאַנענ אנטקעגנ אימ.

...„זייער" איניציאַטיוו אונ ענערגיע קלעקט נאָר אפ צו גאַנווענענ באַ דעמ האָרעפּאַשניק, אפ עקספּלואַטאַציע... אָבער קענעכט פאַרוויגטע מיט שווינדל־לידלעכ — דערוואַכנ! מיר דערוואַכנ אונ וועלנ ארויסווײַזנ איניציאַטיוו—אפ אומצוענדערנ דעמ גאַנצנ פיר פונ דער וועלט! מיר וועלנ אנטוויקלענ אזא ענערגיע, וואָס וועט קלעקנ אפ צו באַנײַענ די אלטע מיִעסע וועלט! אפ אויסצובויענ א נײַע וועלט!

דאָוויד האָט אופגענומענ קנײַטשנ אפנ שטערנ:

... דער ערשטער מײַ איז דער טאָג פונ אופשטאַנד פונ געדונגענע קנעכט... די בורזשואַזיע מיט אירע אידעאָלאָגנ ווילנ אונדז אָפּנארנ: זיי זאָגנ: איר זײַט פרײַ, ניט געבונדנ, שקלאַפערײַ איז אָפגעשאַפט, לײַבאייגנטומ איז אויס... דינגענ אנ ארבעטער איז א פרײַער אָפּמאַכ... א פרײַ—ער?

נאָכעמקע אונ פײַטל, אונ פאַניע האָבנ זיכ ארויסגערוקט פאָרויס...

....„געדונגענע קנעכט זײַנענ ערגער ווי לײַבקנעכט. „פונ געזעלשאַפט־לעכנ שטאַנדפּונקט — זאָגט מארקס אינ „קאַפּיטאַל" — איז דער ארבעטער־קלאַס פּונקט אזא אייגנטומ פונ דעמ קאַפּיטאַל, ווי דער טויטער ארבעטער־אינסטרומענט". דער מענטש אונ זײַנ אינסטרומענט געהערנ בײַדע דעמ קאַפּיטאַל — דעמ רובל, דעמ פּאַפּירל, וואָס שאַפט זיכ מיט זאַכנ אונ מיט מענטשנ... צו וואָס לײַבאייגנטומ,—אז אינסטרו־מענטנ־אייגנטומ לוינט בעסער! נעענטער צו פּראָפיט אונ ווײַטער פונ העזעק. פאַרשקלאַפט די אינסטרומענטנ, פאַרכאַפּט די פּראָדוציר־מיט־לענ, איז דער מענטש, דער ארבעטער, דער פּראָדוצירער מעמיילע פאַר־שקלאַפט...

דאַוויד האָט זיך אַ ווײַלע געבליבן און אַ ווײַלע געריטלט פֿון אויפֿברויז:

...נידער מיט דער שקלאַפֿערײַ! נידער מיט דער מאַכט פֿון קאַפּיטאַל!

...דער ערשטער מײַ איז דער טאָג פֿון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז. די אַרבעטער אין אַלע לענדער מאַרשירן דורך מיט רויטע פֿאָנען, גרייט צום קאַמף און צו געראַנגל. ציטערט אויף די בורזשואַזיע אין אומרו, וואָס איר שווינדל ווערט אַנטפּלעקט. ווײַל די קייטן, וואָס זי האָט פֿון נאַרערײַ געפֿלאָכטן און אין זיי דעם אַרבעטער געפֿענטעט — די קייטן צעקריכן. דעמאַסקירט זיך די בורזשואַזיע אין דעם טאָג, טרעט אַרויס אָפֿן: דעם 1־טן מײַ בײַט דער קאַפּיטאַל זײַן כאַיל און זײַן געווער. אָנשטאָט זאָגערס און דראָשעס, אידעאָלאָגן און אידעאָלאָגיע פֿון פֿרידן און געמיינזאַמקײַט, — שטעלט ער אַרויס אין די גאַסן: פּאָליציי און זשאַנדאַרמען מיט ביקסן און האַרמאַטן... אָבער דער דערוואַכטער אַרבעטער־קלאַס איז גרייט צו קאָרבאָנעס און קאַמף! אונדזער פֿאָן איז רויט! אונדזער ווילן איז מעכטיק! אונדזערע פֿויסטן קרעמפּן! צום קאַמף! דורך רעוואָלוציע—צו סאָציאַליזם!

באַ באָרעכן און זאַלמענען האָבן די פֿויסטן געקרעמפּט, שטײַפֿער אַרומגעמענדיק די פֿאָנען, וואָס האָבן רויט און היים געפֿלאַטערט.

אַ סאַך האָבן זיך נאָך צוגעהערט פֿאַרטראַכט אַרום צום אָפּקלאַנג פֿון דאַווידס ווערטער — נײַע, בלאַנקע און שאַרפֿע, וואָס איינער אין אימפּעט האָט זיי אויסגעהויכט און האָט זיי דווישן און הילכן געלאָזט אין די אויערן פֿון צוהערער; אַנדערע אין דער מאַכשאָווע האָבן נאָך איבערגעכאַזערט נײַע גֿעדאַנקען, וואָס האָבן העל געפֿלאַטערט, ווי די פֿאָנען אין דער הייך, האָבן זיך אין זיי אינווייניק לעבעדיק געצאַפּלט און ווי מיט פֿליגלען זייער ברוסט אויפֿגעשלאָגן און געהויבן, — בײַם מענדל האָט שוין געהאַט פֿאַרענדיקט זײַנע קורצע ווערטער:

— ...אין דעם טאָג דערוואַכט דער אַרבעטער־קלאַס, הייבט אויף זײַן געבויגענעם קאָפּ, גלײַכט אויס זײַן וווּקס דעם ריזיקן... גייט אַרויס דעמאָנסטרירן פֿאַר אַן 8־שעהיקן אַרבעטטאָג. די בורזשואַזיע און איר מאַכט נעמען אָן מיטלען נאָך ערעוו דעם 1־טן מײַ, מאַכן אָביסקעס און אַרעסטן.... זאָל לעבן דער קלאַסנקאַמף!

דאָוויד איז זײַטיק געלעגנ אפנ גראָז, האָט שטאר געקוקט אפ די ארומיקע אונ ניט געענטפערט אפ זייערע רייד. ער האָט פארויכערט, אונ די פארטראכטע אויגנ אָנגעשטעלט אפ א ווײַטנ בוים. איג אים האָבנ נאָכ געראנקענ געבלאָנדזשעט אונ ווערטער זיכ געקנוילט — זײַנ האסט האָט זיכ נאָכ ניט געשטילט, אונ אינ די שלייפנ האָבנ נאָכ געקלאפט אופגעעפנטע קוואלנ: — „ענגעלס אינ זײַנ בוכ: „די לאגע פונ דעמ ארבעטער-קלאס אינ ענגלאנד" זאָגט: „פאר דער בורזשואזיע איז די איצטיקע לאגע ניט אינ אנ ערעכ לוינבארער, ווי די אלטע שקלאפערײַ: ווענ זי וויל, קאָנ זי איצט אָפזאָגנ אירע ארבעטער, אונ ניט אָנווערנ דערבײַ פונ איר ארײַנגעלייגטנ קאפיטאל"... ער צעקנייטשט זיכ אומצופרידנ, פארוואָס ער האָט פריִער, בײַמ ער האָט גערעדט, זיכ ניט דערמאָנט גראָד אָנ דער שטעל, אונ פארוואָס די געדאנקענ לאָזנ אימ איצט ניט אָפ. וויל ער איבערײַסנ דעמ גאנג פונ זײַנע געדאנקענ, טוט ער זיכ האסטיק א קער צו הערנ מאטעסנ, וואָס רעדט פארנ אוילעמ.

— ...לאגביימער איז געווענ קינדיש-טאמעוואטע אונ גלאָמפעריש. א קינדער-שפיל מיט הילצערנע ביקסלעכ, מיט פײַל אונ בויגענ פונ ריטלעכ... אונדזער לאגביימער — דער ערשטער מײַ — איז א יאָנטעוו פונ דערוואקסענע, באוווסטזיניקע, פונ טאטעס, וואָס ווייסנ פארוואָס צו קעמפנ אונ מיט וועמענ... פונ קינדערײַענ, פונ אײַנגערעדטע אָבערגלויבערײַ גייענ מיר אריבער צו ניכטערע, בארעכנטע מײַסימ. אונ אפ דעמ וועג וועלנ מיר צו א ניצאָכנ קומענ!

— איכ האָב אײַכ א קורצנ ווונטש! — האָט איסאאק זײַנ קאָל געלאָזט הערנ פונ דאָרטנ, וווּ ער איז געשטאנענ, אונ אלע האָבנ זיכ א קער געטאָנ צו אימ: — מײַנ ווונטש: מיר זאָלנ איבעראיאָר אזוי גרויס זײַנ אינ צאָל אונ שטארק אינ באוווסטזײַנ אונ ווילנ, אז מיר זאָלנ אינ געשלאָסענע רייענ דורכגיינ די גאסנ אינ שטאָט מיט אונדזערע פאנענ!

— אונ איכ זאָל די פאָנ טראָגנ איבער דער גרויסער גאס! — שרײַט אוימ מאָטל.

— וויגטשנ קאָנ איכ אויכ, — שאָקלט אומ זאלמענ מיט דער פאָנ אינ דער האנט, — איבעראיאָר זאָל די פאָנ די רויטע שוינ פלאטערנ איבער אונדזער מאגיסטראט!

— אונ איכ וויל ניט ווינטשנ, — האָט זיכ באנקע ארײַנגעריסנ אינ

מיטנ הײפל אוילעמ, — ווינטשעווענ איז א טעווע פונ א באבעשי...
מיר דארפנ נעמענ אפ זיכ, א כויוו אפ זיכ נעמענ, אז איבעראיאר זאלנ מיר איינ שטאט אפ די גאסנ אפנ אונ פריי מארשירנ מיט געזאנג אונ לוסט אונ גרייט צו קארבאנעס... ווארעמ אנ דעמ, אנ קארבאנעס וועט זיכ עס גיט באגיינ...

— איכ בינ גרייט—איכ האב א קאפ...—האט זיכ אפגערופנ שימענ מאלעכ, — וואס אנדערש קאנ מיינ קאפ אופטאנ?... אבער א קארבנ איז ניטא נאכ אזא קאפ...

האט ליזעלע אנגעהויבנ איינ געזאנג. «Вы жертвою пали, —»

5

מע האט זיכ צעווארפנ ליגנדיק אפנ גראז מיט דערהויבענע קעפ אונ מע האט געזונגענ. הײפלעכ באזונדערע זײנענ געזעסנ אונ געמיטלעכ געשמועסט. מענדל מיט א הײפל באכערימ האבנ זיכ צוגעטוליעט צומ זוימ פונ וואלד, וואס איז געשטאנענ עטוואס דערהויבנ פונ דעמ פלאצ, אונ מ'האט בא זײנע ווארצלענ געקאנט דעמ קאפ אנשפארנ, ווי אנ אנ אופגעהויבענעמ קישעלע. האט זיכ מענדל באלד עפעס א כאפ געטאנ, האט זיכ שנעל אופגעשטעלט אונ צערודערט געקוקט אפנ וואלד. ס'האט זיכ אימ געדוכט, אז אהינטער די ביימער זײנענ פול באהאלטענע... זיי קאנענ איינ דער שטיל יעדע ווײלע ארויסקומענ פלוצלינג אונ גלײכ אפ זיי אנפאלנ...

—קומט אפ פונ וואלד... ניט הארט נעבנ וואלד... בעסער אפנ אפענעמ פלאצ...

א הײפל באכערימ האבנ געטומלט, געלאכט אונ געשפאט. מאטל האט דעמ פארשעמטנ דאנענ צוגעפירט צו מאטעסנ.

— מאטעס, איר האט הײנט געדאוונט?

— וואס האט געטראפנ?

— דאנ האט הײנט געדאוונט, — שימענ האט אימ באגעגנט באגינענ, ווי ער איז פונ שול ארויס מיט טאלעס אונ טפילנ, אונ דערנאכ איז ער אוועק צומ 1־טנ מײ... א פאר קליידער!..

די באכערימ ארומ האבנ געקײכט. — רעבע דאנ, נעמט אימ אנ!

— איכ האב ניט געדאוונט,—מאכט מאטעס געלאסנ,—איכ דאוונ

שוינ לאַנג ניט — סע גלוסט זיכ ניט... אָבער דאַנ איז נאָכ ניט געקור־מענ צו דער מאַדרייגע — איז דערפאַר... זאָלנ מיר אימ אָפּשטויסנ פונ אונדז? אנ אַרבעטער איז ער? עקספּלואַטירט ווערט ער? און מיט אונדז וויל ער גיינ? איז בעסער מיט א נאַר אינ גאַניידנ, ווי מיט א קלוגנ אינ גענעמ...

— אינ וועלכנ גאַניידנ?—האָט נאַטקע געפרעגט.

— אינ גאַניידנ פונ סאָציאַליזמ, ווי אינ גענעמ פונ קאַפּיטאַליזמ...

— אָבער א נאַר איז ער! — האָט מאָטל געטײַנעט.

— מאָטל!—האָט יאַשקע מאָטלענ פאַר א האַנט גענומענ און גע־טײַנעט,—מאָטל, הײַנט איז איינ רעליגיע — די פּראָלעטאַרישע... דו געדענקסט, אַז מיר זײַנענ געווענ יינגלעכ, אינ שולכל אויפנ הויפ איז בא דיר געווענ „אַרבעקאַנפעס”, און בא מיר — א קרעסט... און הײַנט: ניט בא דיר און ניט בא מיר— איינ נאַציע — די פּראָלעטאַ־רישע...

ער האָט אויפגעשאָקלט דעמ קאָפּ, ווײַל א בינטל בלאָנדע לאַנגע האָר פונ קאָפּ איז אימ איבערנ שטערנ אויפנ לינקנ אויג געפאַלנ.

שימענ מאַלעכ איז אָפּגעזונדערט געשטאַנענ און צוגעקוקט די גע־פאַרבטע שטאַנגענ פונ די פאָנענ, אָנגעלענטע בא א בוימ, וואָס האָט זיכ עקסטרע אויסגעשטעלט הויכ און וואַקסיק אויפנ פּלאַץ. נעכטיקנ פאַרנאַכט האָט ער זיי אויפנ גאַס נעבנ דער הייז געפאַרבט. פאַרבײַ־גייער האָבנ זיכ געכידעשט, וואָס פאַרבט ער אַזוי גינציק הילצערנע שטעקנס —צי ניט כופּע־שטאַנגענ פאַר אנ אייגענער קאַלע...

— שימענ, דו קענסט זיכ ניט אָנקוקנ... — מאַכט אַלטער, וואָס היט די פאָנענ.

— Гори, гори ясно... — הייבט אָנ ליזעלע, און נאָכ איר כאַפּנ אונטער לעבעדיק און לוסטיק כאַנקע, דאַוויד און זאַלמענ.

—זע, ווי דאַוויד האָט זיכ פאַרשפּילט אינ „גאַרעלקעס“, — מאַכט כאַיע-לייע צו פאַניענ,—אַמאָל איז ער אַזוי געווענ צווישנ אונדז: א פײַער, א ברענ! און איצט — איז ער צווישנ אונדז עפּעס קאַלט גע־וואָרנ, און דאָ — צווישנ „זיי“ — זע נאָר...

— כאַנקע! — האָט זאַלמענ געשריענ,—דו מאַכסט קונצנ... ראַק דאַוויד כאַפּט דיכ... — Гори, гори ясно —הייבט ער אָנ און לאָזט ניט אָפּרוענ פונ דעמ לויפנ, — Чтобы не איצטער כאַפּ איכ.

כאָמ דער טאָקער הייבט ביידע הענט אינ דער הייכ:

— קורצ אונ גוט: מײַנ ראָכעלע וועט זינגענ:—הייב אָנ, ראָכעלע:

— Отречемся от старого мира
Нам не нужно златого кумира...

אלטער אונ שימענ האָבנ עפּעס אופגעצויגנ די פאָנענ אינ פאראד, מאָטל אונ יאשקע, אונ נאָטקע, אונ שלוימקע האָבנ פונ פארשיידענע ווינקלענ צו די פאָנענ מארשירט.

XI. מארקס

1

סלאווא באָריסאָוונא איז אַרײַנגעקומענ צו קליינשטיינעג דעמ אײַנ־בינדער. מאָרגנ אופגערודערט האָט זי פונ א צײַטונג אויסגעוויקלט א גרויסנ דיקנ בוכ — מ'זאָל עס אײַנבינדנ פאר איר. אונ ס'האָט אויס־געזענ א ווײַלע, ווי זי וואָלט אהער א פרעמדנ בוכ געבראכט, אָדער זי באהאלט עפּעס דערבײַ א סאָד... זי פארלאנגט א פײַנעמ בונד — גאָר א פײַנעמ, אונ אפנ בונד זאָל זײַנ אויסגעקריצט: „На память" זי לאָזט אראָפּ די ברעמענ אונ די ליפּנ שליסנ זיכ צו.

— דאָס וועט קאָסטנ...—קוקט זיכ אײַנ דער אײַנבינדער אינ איר. ער פארשטייט שוינ אלצ, נאָר קלוימערשט ער רעכנט, — ס'ט קאָס—טנ... אונ ער באדענקט זיכ ווידער: וויפל אנ ערעכ קאָנ ער דאָ אויסבעטנ...

— וויפל עס וועט קאָסטנ, — האָט זי זיכ ניט געוואָלט גאָר דינ־גענ: — נאָר פײַנ!

סלאווע האָט דערפילט, אונ אומבאקוועמ דערפילט, וואָס פונ צוויי פארשיידענע ווינקלענ האָבנ אפ איר נאָכאנאנד אונ פאָרשנד, ווי איר האָט זיכ געדוכט, נאָכגעקוקט א הויקערדיקער ייִד מיט א בלאסנ קרענקלעכנ פּנים אונ קלוגע אויגנ, אונ א באָכער א שטאַרקער, א שוויי־נער מיט שטיפערישע יונגע וואָנצעלעכ. די צוויי האָבנ אָנגעשטרענגט צוגעקוקט פונהערוויטנס, ווי זיי וואָלטנ וועלנ דורכנעמענ דעמ דיקנ בוכ בא איר אינ האנט, ווי אויכ יעדער שאָקל פונ אירס א ליפּ, אונ א ווונק פונ אירע ברעמענ, אונ דערפונ צונויפשטעלנ אירע קנאָפּע שטילע

ווערטער... איר האָט זיכ געדוכט — און זי האָט געצײַלט ארויסצוגיינ. בא דער טיר האָט זי זיכ צוגעשטעלט. קליינשטיינ איז צוגעגאנגענ מיט א שמייכל, ער פארשטייט זיכ שוינ אפ קונדנ.

— פרײַלנ, עס וועט זײַנ א שײנער בונד...—צו די אויגנ קימאט האָט ער איר צוגעטראָגנ דאָס שטיקל פאפירל, אפ וועלכנ ער האָט מיט גרויסע ניט גלײַכע אויסיעס, מער געקסיוועטע, ווי געשריבענע, שוינ פארצייכנט.

—זאָט זעט איר—זאָט דאָס וועט זײַנ אפנ בונד אויסגעצאצקעט...

זי האָט געשוויגנ און דערשראָקנ א כאפ געטאָנ דעמ בלײַפעדער און פאריכט:

— נאָכנ „עמ“ א „יא“... ניט קיינ „יע“... געדענקט, ס'זאָל זײַנ ריכטיק...

— דאָס איז בא מיר אזא „יא“ א צוגעכאפטער, — האָט קליינ-שטיינ גלײַכ געענטפערט: — עס וועט זײַנ גוט, שוינ און ריכטיק!

קליינשטיינ האָט צוגערופנ דעמ באָכער מיט די יונגע שטיפערישע וואָנצעלעכ.

— נאָסנ, דו ביסט דאָכ עפעס געראָטנ אפ אויסלייג — „נא פאמ-יאט“ דארפ דאָ זײַנ, זאָלסטו געדענקענ... ווו א „יע“ און ווו א „יא“ —„נא פאמיאט“. ער האָט אימ אָפגעגעבנ דאָס בוכ און דאָס פא-פירל, — מאכ עס אפנ בונד... א גוטנ בונד מאכ—גיט זייער א גוטנ... נאָר א גוטנ... ווער איז זי, ווייסט ניט?

— גינזבורג, דוכט זיכ...

— א—! או—א!.. האָב איכ דאָכ געקענט נעמענ טײַערער...

— מאכט א שיינעמ בונד, זי וועט באצאָלנ... — האָט נאָסנ עפעס געשמייכלט.

— מאכ, ווי דו פארשטייסט... — קליינשטיינ איז אוועק. ער האָט געצײַלט מיט א גאנג.

2

נאָסנ איז אפנ זעלבנ אָרט געבליבנ און גענומענ עפעס באטראכטנ דעמ בוכ. ער האָט זיכ צוגעקוקט צומ שארבלאט און נײַגעריק געלייענט: Капитал... Критика политической экономии...

און ער האָט זיכ פארטראכט, אָפוועגנדיק דעמ דיקנ שווערנ בוכ

אפּנ האַנט איגדערלופּטנ: — יע, יע, א „קאַפּיטאַל“, א „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“, א גרויסע „קריטיקע“ מיסטאָמע... אונ ער האָט ווידעראַ־מאָל אָפּגעוווויגנ דעמ בוך אָפּנ האַנט... „א—בוך! וועמענ קריטיקירט מענ?... אונ אזוי ווי זוכנדיק וועמענ מע קריטיקירט, האָט ער מיט א פינגער אופגעהויבנ נאָכ א בלעטל אינ חעמ גיט צעשניטענעמ בוך, אונ ער האָט דערזענ ווידער א שאַרבלאַט, א צווייטנ, אונ ער האָט ווי־דער גענומענ לייענענ: ...„Капитал“.

„Сочинение... Карла Маркса...“ — „מאַרקס! אָ—אָ!“

ער האָט געשטוינט, אונ געלייענט, אונ ווידער געשטוינט... דאָס פּאָנעמ האָט זיכ אימ לעכאַטכילע דערשראָקנ צעבלייכט, דערנאָכ צע־רודערט, אונ וואָס ווײַטער — זיכ גערויטלט, געלויכטנ... די אויגנ פינקלענ אונ ברענענ, אונ פרייענ זיכ...

— אָ—אָ!—האָט ער מיטנ דיקנ בוך איגדערלופּטנ געפאָכעט, ווי מיט א פאָנ. איז צוגעשפּרונגענ צו מאַטעסנ, צומ הויקערדיקנ ייִדנ אונ האָט אימ דעמ בוך דערלאַנגט, ווי אפ צו רעווידירנ זיכ זעלבסט:

— מאַרקס, הא?

מאַטעס האָט דעמ בוך אוועקגעלייגט אפּנ פּרעס פּאַר זיכ, האָט מעיושעוודיק אונ טיפּזיניק באַטראַכט דעמ שאַר. נאָכנ האָט אימ אונ־טערגעשטויסנ:

— בלעטערט איבער—פּאַראַנ נאָכ א שאַר, א צווייטער... דאָרטנ איז חאָס... מאַרקס!

מאַטעס האָט לאַנגזאַמ אונ דרינגענדיק געלייענט מיט די טונקל־גרויע קלוגע אויגנ אונ מיט קאַוואָנע מיט די ליפּנ באַדײַטנדיק אַרומ־געשעפּטשעט יעדעס וואָרט: „קאַפּיטאַל... קאַרל מאַרקס... קאַרל... מאַרקס... מאַרקס!..

ער האָט די אויגנ אופגעהויבנ צו דער סטעליע, ווי באַדענקט אונ זיכ דערמאָנט, אונ האָט צולעצט וואָגיק אונ געהויבנ אַרויסגעזאָגט:

— יע, יע, אָט דאָס איז עס... מאַרקס...

האָט דער שטיפער נאָכנ אימ פרײלעכ א קיצל געטאָנ אינ זײַט:

— הא—א! וואָס זאָגט איר, רעב מאַטעס? ער איז בא אונדז שוינ דאָ!.. מאַ—אַרקס!.. מאַטעס... רעב מאַטעס... מע מאָג שוינ אָנקוקנ מאַרקס בוך?..

— מיר האָט איינער געזאָגט, איינער, וואָס ווייס—מאַכט מאַטעס

אינ דער שטיל, — אז א גרויסנ אונ הארבנ בוכ לאזט דורכ אמאל די צענזור — פאר די געלערנטע... אבי ניט פאר אונדז... מירנ דאכ ניט פארשטיינ, מייַנע זיי... וועלנ מיר פרווונ... מירנ זענ!..

דאס בלייכע קרענקלעכע פּנעמ שייַנט אויס ווארעמ אונ לעבעדיג, ווי עס וואלט אפ דער זונ זיכ אנגעהיצט:

— יע, דאס איז מארקס!.. זייַנ גרויסער „יורעדייע" מיסטאמע... סאמע ער...

נאסנ האט מיט בײדע הענט א כאפּ געטאנ צוריק פונ פרעמ דעמ בוכ, האט עס אינ באגײַסטערונג צוגעדריקט צומ ברוסט, אונ געטענצלט זיכ, געדרייט ארומ מאטעסנ:

— אנ, רעב מאטעס!.. מאטעס, וואס זאגסטו?..—האט ער אינ גרויס היספּײַלעס אימ אופגעהערט צו אירצנ.— דו פארשטייסט עפּעס: ער איז דא!.. מיר האבנ דא מארקסנ!..—האט ער אלצ שטארקער צוגע־דריקט דעמ בוכ צומ ברוסט, — סאמע מארקס!..

— אנ טומל, — האט מאטעס שטרענג געווארנט.

— וואס איז דארטנ בא אײַכ פאר א קאשערע מעציע?

— זע, א סימכאסטוירע בא זיי!..

— נאסנ, וואס האט דיכ דערשאסנ?..

האט מענ שוינ געשריענ פונ אלע זײַטנ.

— נאסנ פרייט זיכ...—האט מאטעס א קנייטש געטאנ מיטנ געהוי־קערטנ זײַט אונ געזוכט צוטראכטנ א וויץ: דאס בעסטע שוצ־מיטל אלעמאל, — נאסנ פרייט זיכ... וואס די וואנצעלעכ וואקסנ אימ טאענט צומ מויל — האט ער וואס צו קײַענ...

— כא! כא! — איז אלעמענ געפעלנ.

אונ נאסענענ — מער ווי אלעמענ. האט ער געקוואלנ. ער האט דעמ בוכ דערווײַל איבערגעלאזט בא מאטעסנ: צו אימ, ווייס ער, וועט קײַ־נער קיינ נאז ניט שטעקנ אונ ניט מאכנ קיינ שײַלעס — פאר מאטעסנ האט מענ אפשײַ: ניט אזוי עלטער, ווי קליגער, אונ ער איז אוועק צו זײַנ שטעל אונ זײַנ ארבעט.

מאטעס האט מיטאמאל אופגעהערט צו פילנ די שטענדיקע שטרויכ־לונג אונ קילונג אינ זײַנע הארע פיס, ווי די שטעקלעכ אויסגעטריקנטע, וואס, דוכט זיכ, זייער גאנצע פלייש, פעטס אונ דאס קליאק אפילע פונ די קנאכנ איגווייניק האט אוועקגענומענ דער בייזער קרומער הויקער,

וואָס האָט זיכ, ווי א שלאַנג אויסגעדרייט אפ זײַנ רעכטער פלייצע אונ אפנ לינקנ ברוסט, אונ דריקט אים אונ פרעסט אים צונויפ, ווי אנ אײַ-זערנער שרויפ... ער האָט אויפגעהערט צו פילנ זײַנ אייגענעמ קורצנ אָפ-געהאַקטנ אָטעמ, וואָס שלאָגט קעסיידער דורכ זײַנ שטענדיק אָפענעמ מויל—שלאָגט מיט א ריס אונ וויי... מאַטעס האָט זיכ איצט פלוצלינג אויסגעשיילט פונ יאָרנ אונ מי, פונ לאַסט אונ לײַדנ, ווי אנ אייפעלע פונ וויקעלעכ, וואָס פענטענ. ער האָט זיכ נאָכ מעכאַניש געפלאָנטערט מיט הענט אינ דער ארבעט פאר אים, אָבער אלץ מער אונ אפ לענגער פלעגט ער זיכ אָפרײַסנ פונ פרעס, א בלעטער טאָנ אינ דעמ דיקנ בוכ, אונ מיט זײַנע גרויע אויפגעבליצטע אויגנ אויפנעמענ, ווי מיט א שארפ פונ א שפיז, די אויפשריפטנ אפ א זײַטל דאָ אונ דאָרטנ, אונ נאָכאמאָל איבערלויפנ פאר זיכ די זעלבע אויפשריפטנ לאָזנ פלאַטערנ אינ פײַערנ, ווי בליצנ, וואָס האָבנ זיכ א לענגערע ווײַלע פאר די אויגנ פארהאלטנ.

— יע, יע... Накопление капитала.. Прибавочная сгоимость... Рабочий день...

מורמלט ער צו פריידיק צו יעדער אויפשריפט, אונ ווידער, אונ ווי-דער טוט ער זיכ א קער צום שארבלאט: Капитал... Карла Маркса אַט דאָס איז דאָס...

דאָוויד האָט אים געזאָגט... דאָוויד האָט אים דערציילט... דאָוויד... אונ ער פארטראַכט זיכ. אונ פארטראַכט זיכ — היימלעכ אונ ליב. ווי נאָכ א ווײַטנ מידנ וועג, אז מע דערזעט שוינ די היימישע פענצטער, אונ אינ זיי לויכט א פײַערל.

צי שײַנט שוינ נית דאָס פײַערל אפ זײַנע אויסגעשטאָרטשעטע באַקנ-ביינער, וואָס ראָזעווענ זיכ איצט אזוי אונ היצנ?!

נאָסנ קוקט אים אָנ פונדערווײַטנ. אונ ס'האָט אינ אים שטורמיש גע-ברויזט: וואָס שטייט ער לעמעכעוואַטע אונ נייט צונויפ בלעטער פונ אלטע זשורנאלנ—אז אָט איז... מ'דארפ ווײַזנ אלעמענ: אָט איז! אונ-דזער מארקס!

אָבער מאַטעס האָט געהייסנ נית מאַכנ קיינ טומל... מאַטעס איז דער פירער פונ דער שטרײַק-קאַסע בא די אײַנבינדער אינ גאַנצ שטאָט, אונ ער, נאָסנ, איז בא אים נאָר א צוהעלפער פאר דעמ אייגנ וואַר-שטאַט — דארפ ער אים פאָלגנ. אָבער — מאַטעס... מאַטעס קוקט דאָרט אינ בוכ... נאָסנ לאָזט זיכ האַסטיק צו אים.

— מאטעס, רעב מאטעס, איר האָט שוינ דאָ עפּעס געפונענ?

מאטעס שמייכלט. די גרויע מידע אויגנ פינקלענ — באַנייִטע, די מאָגערע באקנ שייַנענ גערויטלטע, דאָס שיטער בלאָנד בערדל העלט זיכ, ווי געלע בלעטער אפ א בוימ אינ פריִענ הארבסט בא א שייַנענדיקער זונ.

— געפונענ עפּעס?..

— אלצ באוואָרנט... דאָ איז אלצ...— זאָגט מאטעס באַשעוודיק אונ לייגט ארופ א האנט אפנ בוכ,— אלצ פאראנ— שטיק־ארבעט אונ דער ארבעטסטאָג... אונ וועגנ מערוועדט... וואָס איכ האָב דיר אמאָל פאר־טייַטשט... אונדזערע, אונדזערע!..— ווינקט ער צו מיט א פינגער,— אונ וועגנ קאפּיטאל, ווי עס וואקסט, ווי א בייזער געשוויר, ציט פונ אונדז דעמ קליאָק אונ דריקט אפ אונדזער קארק, ווי דער הויקער מייַנער...

— איר האָט שוינ דאָ אזויפיל איבערגעקוקט?

— איכ פארשטיי, איכ זע נאָכ די סלאנבאנענ (שלאגבוימענ)...— ווייַזט ער אָנ מיט א פינגער אנ אופשריפט אפ א זייַטל,— די זעסט, אנ אופשריפט אפ א סלאנבאָנ ווייַזט שוינ, וווהינ דער וועג פארקירע־וועט...

— איר ווייסט, ווער ס'האָט דאָס געבראכט אייַנבינדנ? די גינד־בורג — פונ די גרופּעס...

מאטעס שאָקלט מיטנ קאָפּ אזוי, אז נאָסנ באנעמט ניט, צי מאטעס קענ זי, צי ניט.

— איי!— האָט זיכ נאָסנ מיטאמאָל א כאָפּ געטאָנ,— איכ האָב פארלאָרנ דאָס פּאפּירעלע...

ער איז אוועק זוכנ, מאטעס האָט אימ מיט באהויער אָנגעקוקט, ווי א פארשטיפּט קינד.

— געפונענ? וואָס נאָכ פאר א פּאפּירעלע האָרפּ דאָ זייַנ?

— אָט איז דאָס!— האָט נאָסנ צופרידנ דערלאנגט מאטעסנ דאָס פּאפּירל.— איכ האָב עס האָרטנ אייַנגעלאָזנ פונ האנט. אָט די ווערטער וויל זי אויסדרוקנ אפנ בונד...

— א־הא — האָט מאטעס א שאָקל געטאָנ דעמ קאָפּ, אונ האָט דאָס פּאפּירל אוועקגעלייגט צו זיכ אינ קעשענע פונ זייַנ וועסטל אונ האָט עס דערנאָכ מיט א פינגער האָרטנ אָנגעטאפּט:— נאָסנ, דו ביסט צעטראָ־גנ... א צעטראָגענער... דעמ בוכ וועל איכ אייַנבינדנ.

— וואָס הייסט, איר? מאַטעס! — האָט זיכ נאָסנ אופגעכאַפּט פאַריכלדיק, — איכ וועל עס אײַנבינדנ!.. איכ... איכ האָב...

אונ ער האָט די האַנט אויסגעשטרעקט צומ בוכ.

— נו, דו וועסט עס אײַנבינדנ — דו. דײַנ מאַזל...— האָט מאַטעס צוגעשמייכלט, — אָבער איכ וועל אכטונג געבנ... דו ביסט א צעטראָגע-נער... האָסט געהאַט פאַרלאָרנ דאָס פּאַפּיר.. אונ מע דאַרפ עס מאַכנ מיט... מיט אַנ עמעס.. — האָט מאַטעס ניט געקראָגנ פאַרלויפיק קיינ אנדער וואָרט, ווי אויסצודריקנ, וואָס ער האָט געוואָלט: — מיר, אײַנבינ-דער, דו פאַרשטייסט, — דאַרפנ אַזאַ בוכ ניט ארויסלאָזנ אבי ווי...

— אוואַדע!..— האָט זיכ נאָסנ געקאָכט אונ די אויגנ האָבנ אימ גע-פלאַמט אונ מיט גלאַנצ פאַרשפּרענקלט זײַנע שטיפערישע קליינע וואָנ-צעלעכ: — מאָרגנ נעמ איכ זיכ דערצו.

— אונ איכ וועל אויכ... אכטונג געבנ... צוזאַמענ זיכ מעיאַשעוו זײַנ, ווי שענער... דעמ בוכ וועל איכ הײַנט נעמענ צו זיכ אהיימ... כאַ-נאַכט ארײַנקוקנ דערווײַל... ארײַנקוקנ אינ מאַרקסנ גופא...

— וועל איכ אויכ צו אײַכ קומענ...

— איצטער אָבער מאַכ ניט קיינ טומל, אונ גיי ארבעטנ דערווײַל...

מאַטעס האָט דעמ בוכ פאַרוויקלט אינ א פּאַפּיר, אוועקגעלייגט נעבנ זײַנ טעפּעלע בריינדזע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט צו מיטיק עסנ, וועט ער שוינ ניט פאַרגעסנ מיטנעמענ אהיימ.

נאָסנ איז אינ דעמ טאָג נאָכ היפּשע עטלעכע מאָל צוגעגאַנגענ צו מאַטעסנ, אַזוי גלאַט שטיפעריש א ווינק טאָנ צו אימ מיט אַנ אויג, וואָס זיי ביידע נאָר ווייסנ אונ פאַרשטייענ. אונ ער האָט יעדעס מאָל א נײַעמ פּראָיעקט, ווי צו מאַכנ דעמ רוקנ אונ די טאָוולענ, אונ וויאַזוי אויסצו-שטעלנ די אופשריפטנ.

— מאַטעס, רעב מאַטעס, — פלאָנטערט זיכ הײַנט נאָסנ א צערו-דערטער, — איר ווייסט עפּשער וועמענ איז עס א מאַטאָנע, האַ? צומ אָנדענקענ... וועמענ?

מאַטעס ווייס ניט, צי מאַטעס ווייס, נאָר ער זאָגט:

— „מע פאַרשטייט דאָכ"... ווער ס'איז זוכע צו האָבנ אזא מאַטאָ-נע — מאַרקסנ! — דאַרפ ער האָבנ א שיינס! דאַרפ מענ עס מאַכנ פײַנ.

3

ס'איז שוין געווען רעכט פינצטערלעך, ווען מאטעס איז פונ דער ארבעט געגאנגענ. נאָר ער איז געגאנגענ לאנגזאמ אונ געהויבנ, מיטנ בוך אונטערנ לינקנ אָרעמ אונ מיטנ שטאָק אינ דער רעכטער האנט. דאָס קריגעלע פונ די ברינדזע האָט ער דאפקע אינ ווארשטאט איבער־געלאָזט — וועט ער שוינ מאָרגנ אויסקומענ אָנ בדינדזע, נאָר ס'האָט זיך אימ ניט געגלוסט היינט „צו שלעפנ" זיך מיט א קריגעלע.

לאנגזאמ אונ פארטראכט — ס'איז אזויפיל צו טראכטנ, נאָר אָט איז די היימ.

האָט ער אינ דער היימ זיינ עסנ געמאכט אפגיך, געענדיגט אפ היינט דעמ נאכעס, וואָס א פויעל באקומט נאָכ א לאנגנ טאָג ארבעט: אינ דער היימ אפנ טיש באמ שיינ פונ לעמפל אָנצוקוקנ די קרופניק־טעלער, אונ ארומ — די קלענערע קינדערלעך, ווי גרויפעלעך, אויסגעשאָטנ דאָ אפנ טיש...

אינ קאמער איז געוואָרנ שטיל. די צוויי יונגלעך האָבנ זיך דערווייל צעוואָרפנ אפנ „טאטנס" הילצערנעמ קאנאפ. דעמ טאטנס דערפאר, וואָס מאטעס פלעגט אפ דעמ שלאָפנ נאָר מיט איינ יונגל, מיטנ קלע־נערנ צופוסנס. אונ דאָס עלטערע יונגל פלעגט דערנאָך, ווענ עס ווערנ פריי די שטולנ, אריבערגיינ שלאָפנ אפ צוויי שטולנ מיט א טאבורעט אינדערמיט. דאָס קלענערע מיידל האָט זיך צוגעלייגט אינ דער מאמעס בעט פונ אויבנופ — אויבעט דערווייל, ביז מ'וועט שפעטער פאנאנדער־נעמענ דאָס בעטגעוואנט.

גלייך טאקע איז אריינגעקומענ איסאק — א רויקער, א שמייכלענ־דער, ווי אלעמאָל. האָט מאטעסעס ווייב צו אימ צוגעשאָקלט אונ האָט זיך צוגעזעצט אפנ בעט, אונ באלד צוגעמאכט די אויגנ. זי וועט נאָך א גוטנ דרעמל כאפנ ביז איסאק וועט זיך אָנשמועסנ.

איסאק האָט זיך צוגעזעצט צו מאטעסנ הארט, ווי צוגעוואָקסנ, אונ מע האָט אינ דער שטיל גערעדט. אזוי שטיל רייידנ אונ מיט קארגע ווערטער אזוי פיל ארויסזאָגנ האָבנ נאָר געקאָנט איסאק מיט מא־טעסנ.

דאָס געמיינע טישל איז הויל. צו דער נאכט האָט מענ פונ אימ צוגענומענ, אויסער די פאָר טעלער אונ לעפל, אויבעט דעמ צעריסענעמ

טישטעכ, אונ אויסגעהאנגענע אפנ שטריקל באמ אויווג — לופטערנ:
ס'איז פאר אנ אלטנ טישטעכ געזינטער... אונ פארנ לעמפל אויכ, וואָ-
רעמ מאטעס האָט זיכ געמאכט א רעגילעס צו לייענענ באנאכט, ביז
ער דרעמלט איינ: קאָנ ער נאָכ כאָלילע א צי טאָנ דעמ טישטעכ אונ
פארשלעפנ דאָס לעמפל...

דאָס לעמפל ברענט זייער ניט האָפערדיק—א היימיש לעמפל, צו
וואָס ווערט עס מיט איבעריקע ליכט מאכנ פארשייַט די אייגענע אָרעמ-
קייַט? אז איסאַק איז ארייַנגעקומענ, האָט מאטעס געוואָלט ארויסדרייענ
דאָס קנייטל, מאכנ ליכטיקער. האָט דאָס לעמפל געוויזנ, אז מע דארפ
ניט: ס'האָט מאטעסנ אנטקעגנ ארויסגעשטעקט א פארשפיציקטנ רויט-
שווארצנ צינגל, אז ס'האָט פארויכערט א זייַט פונ דער גלאָז... האָט
מאטעס אָפּגעלאָזט דאָס קנייטל צוריק אראָפּ, אומגעדרייט דאָס לעמפל
מיט דער אָנגערויכערטער זייַט גלעזל צו דער בעט צו, אונ מיט דער
רייַנער זייַט צו זיכ. אונ פונ דער בעט, ווו דאָס ווייַב האָט שוינ גע-
דרימלט, האָט געשווארצט א קאָפּ, פונ ערגעץ אָפּגעריסנ, אפ א זייַט
אָפּגעוואָרפנ, אונ עטוואָס ווייַטער פונ דעמ קאָפּ האָט א האנט גע-
טונקלט, אינ עלנבויגנ צונויפגעקנייטשט, אונ האָט זיכ ניט געקאָנט
אויסגלייַכנ אונ דעמ קאָפּ דערלאנגענ...

אהיינטער מאטעסנ האָט עמעצער פונ זייַנ געהויקערטער פלייצע זיכ
געפלייַסט ארויסצוקלעטערנ אונ איבערשטייַגנ זייַנ אויפגעהויבנ אקסל,
דאָרטנ זיכ אויסקרימענ אונ ארייַנקוקנ אימ אינ די אויגנ... נאָר א צע-
צויגענער, א צעפלאָסענער פלעגט זיכ עס יעדעס מאָל אָפּרייַסנ פונ
אקסל אונ זיכ צוריק אראָפּגליטשנ... פלעגט פונ דער אנדערער זייַט,
פונ מאטעסעס אראָפּגעבויגטנ אקסל עמעצער א צווייטער ווי א ווער-
ריקל אויסשטעקנ א קליינ הענטל מיט פינגער צונויפגעוואָקסענע, ווי א
גענדזנ לאפּקע, זיכ אָנקלאמערנ אָנ איסאקס אָנגעקערטנ אקסל. קריכנ
אונ פויזענ אפ זייַנ קארק אונ וועלנ צוהערנ אונ פונ די ליפּנ בא אימ
אראָפּשארנ זייַנע ווערטער אונ זייַנ שמייכל... נאָר איסאַק טוט זיכ א
צי אָפּ א ווייַלע פונ מאטעסנ, אונ די שייַנ פונ לעמפל שפּארט ארייַנ
צווישנ זיי ביידנ, שפּרינגט אראָפּ דאָס וועווריקל, ווי א העזל, אונ פאר-
שווינדט — א האלבער אינ איסאקס ארבל, אונ א האלבער — אינ מא-
טעסעס א פאָלע פונ רעקל.

אינ דער שטיל אנטקעגנ דער רייַנער זייַט גלעזל פונ לעמפל, וואָכ

לײַכט זײ, רעדט מען באַנאַנד אומגעשטערט. איסאַק מײנט, אַז בײַ די אײנביינדער איז שוין צײַט צו טראַכטן וועגן אַ שטרײַק... אָבער מאַטעס באַשטײט, אַז מ'זאָל אָפּוואַרטן — ביז ס'וועט זיך אָנהײבן דער סעזאָן פֿון פֿאַרגרייטן לערנביכער...

בײגט מען זיך אָן אײנער צום אַנדערן, און מ'רעדט שטיל, און שאָטנס רוקן זיך אָן — שאָטנס ווילן אַלץ איבערשטײַגן און פֿאַרקריכן פֿאָרויס, אונטערהערן און צוקוקן זיך. נאָר שאָטנס קאָנען ניט דערלאַנגען...

— ווי געפֿעלט דיר „סענדער דער געלער"? — פֿרעגט איסאַק.

איסאַק האָט ניט געווירצט אַנדערע עלטערע פֿון אים, און אַנדערע יינגערע האָבן אים ניט געווירצט, אַזוי ווי געווייגלעך מיט מענטשן צוגעלאָזטע.

מאַטעס רוקט אַרויס דאָס טיש־קעסטעלע און פֿון אַ „בענטשערל" נעמט ער אַרויס גאָר אַ קלײן בראָשורל און גיט עס אָפּ איסאַקן.

— עט—עט!—מאַכט ער מיט דער האַנט. — מ'האָט אונדז געקאָנט ווײַזן ערנסטער, וואָס אַזאַ הולטײַ ווי „סענדער דער געלער" האָט דעם פֿאָלק אָפּגעקאָסט צאָרעס און לײַדן... מיר זײַנען ניט קײן יינגלעך — מיר ווילן אַלץ וויסן אין טאָג... די סאַמע געדיכטע...

— דו ביסט שוין, דוכט זיך, פֿאַרקראָכן אין די געדיכטע... דו לײַענסט, און מיט דיר לײַענט מען... ווען האָסטו געזען דאַווידן?..

—מ'זעט זיך... „מערוווערט" איז אַ שווערע האַלאַכע... דאַוויד האָט מיר פֿאַרטײַטשט, און איך האָב געפּרוּווט פֿאַרטײַטשן אַנדערע... אַ שווערע...

— און דיר איז אַלץ ווייניק... דו ביסט דאָך שוין באַלד אַ פּראָפֿעסער.

אין טיר האָט זיך באַוויזן נאָסן.

— פֿאַריגל די טיר...—האָט זיך מאַטעס דערמאָנט,—און נעמט שוין דאָרטן דאָס טאַבורעטל באַם אויוון. די טיר פֿאַריגלט? — האָט ער נאָכאַמאָל געפֿרעגט.

נאָסן האָט דאָס טאַבורעטל צום טישל, אַפּאָנעם, צו שטאַרק אַ שטעל געטאָן, וואָרעם מאַטעסעס ווײַב האָט זיך אַ טרייסל געגעבן, האָט דערשראָקן אויפֿגעריסן די אויגן. אַז זי האָט דערזען און דערקענט נאָסענען, האָט זי זיך ערשט באַקוועמער אײַנגעשפּאַרט אין ווענטל פֿון בעט און צוגעמאַכט די אויגן.

— זיי האָבנ שוינ א „מעזומענ", וועט מעג אופ זײַנ... — דרימלט זי אײַנ.

מאטעס קריכט אראָפ פונ שטול — שווער, אונהאלטנדיק זיך מיט א האנט אָנ שטול, ווו ער איז געזעסנ. ער מאכט א פּאָר טריט צום פענצ־טער אונ באקומט א פעקל, בלאָזט ער אָפ אפריִער שטויב פונ טיש, לייגט עס אוועק כאָשעוודיק:

— איסאק, וויִזוּנ דיר עפּעס?.. — ער וויקלט פאנאנדער לאנגזאם, בלעטערט אופ דעמ אנדערנ שאר אונ טײַטלט מיטנ פינגער: — לייענ, איסאק ,,Капитал“ אונ אָט — Карла Маркса

— א!—איז איסאק אופגעשפּרונגענ:—טא!—טא! טא! ווי קומט עס צו דיר?..

די פרוי האָט זיך ווידער אופגעכאפּט. אפילע דער געלאסענער אי־סאק קאָנ אויך אמאָל מיט זײַנ פריידיקנ גערודער אופוועקנ פונ דרעמל... זי קוקט אָנ איר מאטעסנ, ווי זײַנ קרענקלעכ פּאָנעם שײַנט פריילעכ.

— מאטעס, ווי קומט עס צו דיר?—פרעגט איסאק נאָכאמאָל אונ דערפילט ערשט, אז ס'איז אימ איצט צו ווייניק ליכט. נעמט ער זיך פארנ לעמפּל: האסטיק דרייט ער דאָס קנייטל ארופ אונ אראָפּ. עטלעכע מאָל נאָכאנאנד אופ אונ אָפּ, אונ — פויעלט אויס — דאָס פײַערל האָט זיך איינמאָל געהאט פארכליניעט אינ שווארצנ, אונ האָט זיך פאָרט גע־לאָזט אויסלײַטערנ אונ גענומענ ברענענ גרעסער, ליכטיקער.

— הײַנט,—זאָגט מאטעס געהויבנ, — בינ איך גרויס מיט מײַנ פאכ, וואָס איך בינ אנ אײַנבינדער!.. קאָנ איך מיט מיינע הענט באָטש א בונד מאכנ פאר מארקסנ...

נאָסענענ האָט עס פארדראָסנ.—וואָס הייסט ווידער — מאטעס מאכט דעמ בונד? אונ ער?... נאָר מאטעסעס פּאָנעמ אונ דער קאָל האָבנ אימ איצט גערירט, אז ער האָט פארשוויגנ. דערווײַל וועט ער פארשווײַגנ...

— ווי קומט עס צו דיר? געבראכט אײַנבינדנ?!. ווער האָט דאָס געבראכט?

— די גינזבורג — פונ די גרופּעס... — האָט נאָסנ געצײַלט צו ענטפערנ, — זי האָט עס ארײַנגעטראָגנ, האָט קליינשטייג מ י ר אָפּגע־געבנ אײַנצובינדנ. מ י ר געגעבנ, אונ איך האָב עס באוויזנ מאטעסנ.

נאָסנ האָט געפלאמט אונ געקוואָלנ:—דאָס גרייט זי עמעצנ א מא־

טאָגע — צום אָנדענקענ... אפנ בונד דאַרפ איכ אויסדרוקנ די ווערטער:
„на память“

— מו—הו,—האָט איסאַק איבערגעריסנ, — דאָס איז...

נאָר ער איז פּלוצלינג אנשווייגנ געוואָרנ. ער האָט זיכ צוגעשפּאַרט צו מאַטעסנ אונ מיט אים צוזאַמענ אַרייַנגעקוקט אינ בוכ.

איסאַק האָט געשמייכלט. ער ווייס, ער איז זיכער, אז דאָס איז א מאַטאָנע פאַר אים... פאַר דאַווידנ... אונ עס פרייט אים זייער... מאַרקס דאַרפ זיינ בא דאַווידנ... נאָר ריידנ וועט ער שוינ ניט — וואָס דאַרפ עס נאָסנ וויסנ?

— איסאַק! דו ביסט שוינ שטומ געוואָרנ? — מונטערט אים נאָסנ, — זאָג שוינ אויס...

איסאַק לייגט אים ארופ ביידע הענט אפ די אַקסלענ אונ גיט אים א טרייסל:

— נו, נאָסנ, דערלעבט יאָרנ — זאָלסטו זיינ א לייט אונ מאַכנ א באַנד — אנ אַנטיק!

— אָבער וועמענ וועט עס אָנקומענ? וואָלט עס באַטש אָנקומענ א נאַש־בראַט!...

— וואוואַדע, א נאַש בראַט... סלאַווע גינזבורג וועט עס ניט אָפּגעבנ אבי וועמענ... ווענ וועט עס זיינ פאַרטיק? איכ וואָלט עס וועלנ אָנ־קוקנ — ווי וועלנ אונדזערע פּראָלעטאַריער באַשייַנענ זייער מאַרקסנ... א! מאַטעס, גיב אפ אים אַכטונג.

מאַטעס האָט צוגעשאָקלט, אונ זיכ ניט אָפּגעריסנ פונ בוכ. מיט א לאַנגנ אויסגעדאַרטנ פינגער, ווי מיט א טייַטל. האָט ער לאַנגזאַמ גע־פירט צווישנ די שורעס אונ מיט די ליפּנ ענערגיש באַוועגט אָנגע־שטרענגט, ווי געשליפנ מירמלשטיינער אונ מיטנ שטערנ שטאַרק גע־קנייטשט, ווי מיט יעדנ קנייטש געאַקערט גרינטלעכער אונ טיפער...

איסאַק פונ איינ זייַט האָט זיכ צוגערוקט, נאָסנ פונ דער אַנדערער זייַט האָט זיכ צוגעטוליעט — האָבנ ביידע זייערע אויגנ געלאָזט סטאַמ פריידיק לויכטנ איבער שורעס אונ ווערטער — אַנטקעגנ א פּלעמל פונ לעמפּל, וואָס האָט זיכ לוסטיק געהוידעט אונ יעדע ווייַלע שייַנ גע־שפּרייט אפ ווערטער קישעפדיקע אונ פענעמער פאַרקישעפטע.

— נו, אָט דאָ!—האָט מאַטעס מיטאַמאָל אויפגעמישט אנ אַנדער בלאַט אונ אָנגעשטעלט זייַנ לאַנגנ פינגער בא אנ אָנהייב. ער האָט זייַנ

אָפּגעריבענעמ הוט מיט די פארטריקנטע אײַנבינדערישע קלײ־פלעקנ ארופגערוקט העכער אפ זײַנ צערונצלטנ שטערנ. איסאַק און נאָסנ האָבנ עפּעס דאַפּקע שטײַפער אָנגערוקט זײערע היטלענ, ווי צו א שטורעמ אנטקעגנ... האָבנ זיכ ביידע צוגעקלעפּט צו מאַטעסעס שפּיצעכדיקע אקסלענ פונ ביידע זײַטנ, און האָבנ זיכ אלע דרײַ גיריק אָנגעבויגנ, ווי צו א לעבעדיקנ קוואל.

און דאָס לעמפּל האָט צו זײ כאַוועדיק געלויכטנ, איז פארגעניגנ אופגעהאַלטנ זײַנ גאַנצע שײַנ אפנ טישל פאַר זײ, איבערלאָזנדיק אינ שאָטנ אלצ ארומ. האָט נאָר מאַט געבלייכט פונ בעט מיטנ מידנ פּאָנעמ מאַטעסעס ווײַב, וואָס האָט זיכ צעשטאָרכעט מיט דער נאָז און צעכראָפּעט מיטנ אָפענעמ מויל, ווי זי וואָלט וועלנ מיטאמאָל אויסהויבנ די מי און שווערקײַט פונ א טאָג און פונ טעג... האָט זי זיכ מיטאמאָל פארכליניעט און איז שטיל געבליבנ, אָנהאַלטנדיק פאַר א הענטל דאָס מיידעלע, וואָס איז נעבנ איר געלעגנ און מיט שטילנ אָטעמ מוטער־וואַרעמקײַט געצויגנ.

אפנ הילצערנעמ קאַנאַפּ, ווי פונ שאָטנדיקנ איבערדעק, האָט דאָס קלענערע יינגל א הענטל ארויסגעצויגנ, האָט עמ צעשפּרייט פונ זיכ און געטראָפנ דעמ גרעסערנ יינגל איבערנ קאָפּ. האָט זיכ דערהערט א שלאָפנדיקער כראַפּנדיקער מורמל: „ע—ע—או“. האָט זיכ מאַטעס אומגעקערט און דערזענ, אַז דאָס הענטל פונעמ קלענערנ בלײַבט זיכ אינ דער טונקל אפנ אקסל פונ דעמ גרעסערנ יינגל, און ביידע ליגנ שוינ רויק, האָט ער צוריק אומגעקערט דאָס פּאָנעמ צו ליכט און צו שײַנ.

— א שווערע געמאָרע — שאָקלט מאַטעס וואָגיק דעמ קאָפּ.

— ניט אומזיסט א וועלט אופגערודערט!—שמײכלט איסאַק. — א וו—עלט!..

— ווענ איכ פארמאָג עס אינ יידיש!..—האָט זיכ מאַטעס פארבענקט, האָט איבערגעבלעטערט און מיט אויגנ פארטראַכטע זיכ פארטיפט אינ שורעס געדיכטע, ווי אינ קוסטעס פארוואַקסענע. נאָסנ האָט זיכ צוגעטוליעט און מיט אויגנ פריידיקע איבער שורעס געשוועבט און זײ אינ שטראַליקנ נאכעמ געבאָרנ. איסאַק האָט זיכ אָנגעבויגנ, און מיט בליקנ שאַרפע, זײַטיקע, ווי פונ אונטער די אויסיעס, עפּעס געוואָלט דערהויבנ...

שטיל און פארטראַכט.

— מאטעס! — זאָגט איסאַק פּלוצלינג: — דו האָסט „אימ" גע־
זען — „זײַנ" פּאָרטרעט...

— אײַ, ווײַזט מיר! — בעט זיכ נאָסנ.

—כ'וועל זאָגנ מאָטלענ, ער זאָל דיר ברענגענ ווײַזנ...

נאָסנ ווערט עפּעס מער פאַרזאָרגט:

— איסאַק, איצטער ביסטו אויכ דאָ—דו פאַרשטייסט אינ אײַנ־
בינדרײַ... אונ מאטעס!.. זאָגט מיר, ווי זאָל איכ עפּעס אויסדריקנ די
ווערטער «На память» ניט אפנ רוקנ, ס'געפעלט מיר עפּעס ניט...

— שוינ באַטראַכט, — מאַכט מאטעס — אפנ אויבערשטנ טאָוול —
פאַרשטייסט?.. שטעל אויס די אויסיעס אינ דער קרומ, פונ ווינקל אינ
ווינקל איבערנ גאַנצנ טאָוול...

אונ מאטעס האָט ווידער איבערגעבלעטערט צו א נײַעמ אָנהייב אונ
האָט זײַנע גרויע אויגנ, ווי פלעמעלעכ צעצונדנ. האָט איסאַק פונ אײַנ
זײַט אונ נאָסנ פונ דער אנדערער—אויסגעשפּרייט הענט, ווי איבער־
געפלאָכטנ איבער מאטעסעס צעווייטעקטע פּלייצעס, אונ דלאָניעס לײַכט
דערהויבנ אפ זײַנע אקסלענ. באהעפט אונ פאַרייניקט דרײַענ אוניגעמ.
מאטעס פירט פאָרטראַכט מיטנ דארנ פינגער איבער שורעס אונ דריננט
אינ דער מאַכשאָווע, וויאַזוי אונ ווי ארומ קומט ארויס פונ אויסיעס
אונ ווערטער — סאָציאַליזמ! אונ איסאַק גלאָצט אויס די אויגנ,
פאַרנעמט פאַרכאָלעמט, ווי אינ דער שטילקײַט ארומ הילכט אימ אונ
הילכט עפּעס: פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, פאַרייניקט זיכ!..
פרייט זיכ נאָסנ, וואָס ער איז מיט זיי, אונ נעבנ זיי — מאַרקס!—

XII. אינ וואַלד

1

דעמ ערשטנ טאָג שוועס האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ מאָטל, נאָטקע
אונ אלטערקע — אופּצוזוכנ א פּאַסיקנ אָרט א באַהאַלטענעמ פאַר דער
מאָרגעדיקער פאַרזאַמלונג. אוועק גאַנצ פרי. קעסיידער באגעגנט מענ
מאָרנע רויקע ייִדנ, וואָס האָבנ אפנ וועג אינ די שולנ קלוימערשט גע־
לאָזנ געשפּאַצירט, פאַרווונדערט זיכ ארומגעקוקט, געשטוינט עפּעס,
וואָס בא דעמ פאָרעצ זאַקרזשעווסקי זײַנענ בלויע שטאַכעטנ ארומ

גערטנדל; זיכ געבידעשט, וואָס בא לאפּינסקענ נעבנ גאנעק שטייט א לאמטערנ אינ דער הייכ אפ אנ אײַזערנעמ שטאנג, אונ פונ דער אנדערער זײַט גאנעק עפּעס א שטיינערנע מאציִווע — א מענטשעלע מיט א צור-רע, אויסגעהאקט פונ שטיינ... טאקע א הוילע נעקייווע, מיט בריסט אינ מיט פיס... א באלאנעמ פונ א פארעצ!.. אפנ וועג אינ די שולנ, יאָנ-טעוו, באטראכט מענ די כידושימ אינ גאס, וואָס מע באמערקט עס גאָרניט אינ די אלע טעג, ווענ מע לויפט דורכ פארטאָג אונ פאר-האסט.

— קומט גיכער! — פארטראכט זיכ ניט... — יאָגט נאָטקע, — איכ וועל נאָכ פארשפּעטיקנ אהיימ צו מיטיק. מע גייט דאָכ שוינ צומ אנדערנ מיניענ...

— ווייסטו זאָגנ, אז דו האָסט געהערט א כאזנ אינ דער גרויסער שול... איכ האָב שוינ אויפגעהערט שאבעס אונ יאָנטעוו צו עסנ אינ דער היימ מיט אלעמענ גלייכ, — זאָגט מאָטל מיט גאוולעמ, — איכ עס אליינ, פריער, שפּעטער, ווי ס'קומט אויס...

— אונ מײַנ טאטנ, — פארדריסט נאָטקענ, — גייט ניט אזוי אינ דעמ, אז איכ זאָל זײַנ צומ דאוונענ אינ שול, ווי איכ זאָל זײַנ צו מי-טיק אינ דער היימ — אלע ארומ טיש!

— מײַנ מאמע, — זאָגט אלטער אומעטיקלעכ, אומעטיקלעכ שטענדיק, ווענ ער דערמאָנט זײַנ מאמענ, אָנ דעמ טאטנ, וואָס איז שוינ לאנג געשטאָרבנ — מײַנ מאמע ווארט... זי מאכט נאָר אָפּ קי-דעש אליינ, וואָרעמ איכ האָב זיכ אָפּגעזאָגט פונ קידעש מאכנ, אונ עסנ — עסט זי ניט אליינ...

זיי זײַנענ ארויסגעקומענ אנטקעגנ א ברייטנ צווייגאָרנדיקנ מויער אפנ ראָג, מיט צוגעמאכטע טירנ אונ פענצטער — שטיל אונ שטומ. אלטער האָט דאָ פארקירעוועט אינ א געסל לינקס, אונ מאָטל האָט זיכ עפּעס פארקוקט אפנ גרויסנ מויער אונ מיטאמאָל זיכ א לאָז געטאָנ נאָכ אלטערנ אונ אימ א זאָג געטאָנ האסטיק:

— דער „פּריזיוו"... דו האָסט געזענ? ווענ ביסטו צומ פּריזיוו? שוינ לאנג, אז דו גאָלסט זיכ, בא דיר איז שוינ א בלויע מאָרדע...

— א בלויע מאָרדע איז ניט פונ לאנגנ גאָלנ זיכ, — האָט נאָטקע אונטערגעכאפּט, — דאָס ווענדט זיכ גאָר אָנ א הויט: א ראָזעווע, צי א טונקעלע — פארשטייסט?

— פֿאַרשטייט איז ניט שווער, — מאַכט מאָטל, — אָבער, דוכט זיך, אַז ס'איז ניט אַזוי...

— צום פּריזיוו, — זאָגט אַלטער, — בין איך איבעראַיאָר — אַ „פּעריווי", און „אַלטערקע", און איינציקער. און אַ מאַמע אַן אַלמאָנע...

— בין איך די עמעסע „טרעטי", — מאַכט נאָטקע, — צוויי ברידער דינען און איבעראַיאָר גיי איך אויך... וועל איך אין קאַזאַרמע זיין אַ סאָציאַליסט...

— האָרטן איז עס שוין ניט אַזוי לייכט, — צווייפֿלט אַלטער.

— לייכטער ווי שטאַרבן איז ניטאָ אויף דער וועלט... — צעהיצט זיך נאָטקע מיטאַמאָל! — לעבן איז ניט קיין גרינגע זאַך...

ער שטעלט זיך אויף און מיט ביידע צעשפּרייטע הענט שטעלט ער אויף אויך ביידע כאַווערים. ער קוקט זיך אַרום. זיי שטייען שוין אויסערן שטאָט, וווּ צווישן בערג האָט זיך אין טיפֿן זאַמד אָנגעהויבן אַ ברייטער וועג צו די דאַטשעס.

— יע-יע... — מאַכט מאָטל אָפּגעצויגן און פֿאַרטראַכט, — איך וואָלט וועלן זיין אין סאָלדאַטן — זיך אויסלערנען שיסן... שיסן דאַרף מען קענען...

— מאָטל, דו ביסט אַ פּאַרפּאַלענער, דו ביסט אַ לגאָטניק... — לאַכט אַלטער.

נאָר מאָטל הערט ניט. ער האָט אויפֿגעכאַפּט נאָטקען אונטער־אָרעם, גייט מיט אים ראַשיק פֿאָרויס און רעדט קאָכיק:

— אַז איך מיט דיר זאָלן אַרייַנפֿאַלן צוזאַמען דינען אין איין אָרט, אין אַ מאָסקווע, אין פּעטערבורג, קאָנען זיי שוין רויִק זיין, די אַרבעטער... מיר וועלן אין זיי ניט שיסן... ניי־ניט שיסן... אַלטער, איך בין אַ סאָלדאַט!..

— און די לאַטע דיינע? — שמייכלט יענער.

— ייִדן גייען לאַטניקעס אויך... מע שאַנעוועט ניט קיין ייִדן... — טרייסט זיך מאָטל.

און לוסטיקע, צעשמייכלטע איז מען מיט פֿעסטע געמאָסטענע טריט, ווי זעלנער, אַקסל בײַ אַקסל, אַוועק איבער דעם ברייטן וועג אינעם טיפֿן זאַמד. אַרויסגעקומען צו די בערג און בערגלעך באַגרינטע מיט גראָז און באַוואַקסענע מיט קוסטעס און מיט איינצלנע גרויסע ביימער, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, גענומען טופּען מיט די פֿיס, אָפּ־

צושיטן פון זיך די זאמד. מ'האָט פון די קוסטעס אָפּגעבראָכן די־קערע צווייגן און באַטראַכט וווּהין צו גיין.

— צו נאָענט צו שטאָט — יאָנטעוו דרייען זיך דאָ אַרום באָכע־רים מיט מיידלעך אין די זײַטיקע וועגעלעך, — זאָגט אַלטער.

אַנטקעגן זיי גראַד איז שוין באַלד באַרג אַראָפּ. זײַנען זיי צי־לאָפּן און אָנגעקוקט. בײַ דעם בריקל איבערן טײַכל שטייט די מיל, און אין דער זײַט — די קופּאַלניקעס. באַרג־אַרויף אין דער הייך שטייען אַ פּאָר בײַדלעך מיט געטראַנקען, נאַשערײַען. און דאָרטן ווײַטער אין דער לענג פון ביידע זײַטן גאַס האָבן זיך שוין געצויגן שטיבלעך מיט גערטנדלעך צום גאַס, און שטיבלעך מיט גערטנדלעך אַהינטער זיי אין די הויפן.

— פונדאַנען דאַרף מען אַנטלויפן, — מאַכט נאָטקע און גייט שוין.

— קומט צו פּאַווילאָווקע, — רופט מאָטל.

— אײַל ניט, — האָט אַלטער איבערגעשלאָגן, — האָרטן זײַנען אויך דאַטשעס... מיר דאַרפן זוכן אַ זײַטיקן ווינקל צווישן קאַרפּאַטינ־קע און פּאַווילאָווקע... נו, געגאַנגען!

האָט מען באַגעגנט מיידלעך און ווײַבלעך אין באַלאַכאָנעס און שטעקשיך. די קעפּ פאַרוויקלטע אין קאָלירטע טיכלעך, פאַרקניפּטע אויף דער פּאָטיליציע און די ברעגן געלאָזט הענגען, ווי צעפּלעך, אָדער די זעלבע ברעגן אויפגענומען אויף צוריק און שטײַפער אויסגעבונדן אויפן שטערן. מיט לײַלעכער אין קיישלעך געפּלאָכטענע גייט מען שטיל, אַנ־דערע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און עטוואָס געררויטלט אַנטקעגן באָ־כערים, פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין נאַקעטע זיך געבאָדן... גייען מאַנצב־לען האַסטיקע, האָפערדיקע, מיט האַנטעכער אַריבערגעוואָרפן איבער אַ שפּילעוודיקן אַקסל און פון ביידע זײַטן געלאָזט אַראָפּהענגען די ברעגן און פרענדז.

זיי זײַנען געשווינד דורכגעגאַנגען פאַרבײַ די זומער־וווינונגען, און דורך אַ קליינער שיטער וועלדל פון יונגע ביימעלעך, און זײַנען אַרויסגע־קומען אויף אַ באַרגיקן שטיק, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און ברייט מיט גראָז געגרינט, און וווּ־ניט־ווּ האָבן זיך איינצלנע ביימער דער־הייבן הויכע און שטאָלצע. ערטערווײַז איז דער באַרגיקער שטיק אײַנ־געראַצט געווען דורך שווערע טריט פון פוסגייער, וואָס האָבן פאַר זיך

געענטערע גאַנגען געמאַכט און האָבן אין דעם באַרג שטעגעלעכ איינ־געקאַרבט, ווי קנייטשן אינ א יונגנ פּאָנעמ, און די גרינס צעברודיקט און די גרעזער דערשלאָגנ...

אלטער האָט אָנגעקוקט די לאָנקע פונ יענער זייט באַרג און די פעלדער אהינטער דער לאָנקע, אפ בערג און בערגלעכ צעשפּרייטע, ווי קאָלירטע טעפּיכער

— איר זעט: די לאָנקע איז די גרענעצ צווישנ קאַרפּאַטינקע און פּאווילאָווקע. די פעלדער זיינענ שוינ פּאווילאָווקער.

איז מענ אוועק מיט שמאָלע שטעגעלעכ, ארומגעקרייזט א פעלד, פּאַרבײַ דער לאָנקע און איבער בערג און בערגלעכ, אָנ וועגנ און שטעגנ, איז מענ צוגעקומענ צומ וועלדל. בא דער ערשטער ריי ביימער האָט אפ זיי אָנגעהויבט א טונקעלע, שאָטנדיקע און קילע לופט.

— דאָ רו איכ אפ, — האָט זיכ נאָטקע געוואָרפנ אונטער א בוימ. זיו־זיו־זיו־או...—האָט ער נאָכגעשעפּטשעט, צוהערנדיק זיכ ווי עס זוימט ארומ אומ. — וואָס איז דאָס? ווער איז עס, הא?

— א הייזעריקער באל־קריע... — לאכט מאָטל.

— נו, קומט! — האָט אלטער געיאָגט.

— לאָז א ביסל האנאָע האָבנ,—האָט זיכ מאָטל אויסגעצויגנ אונטערנ בוימ, — זיכ אָנעמענ א ביסל מיט גרינס...

אלטער האָט זיכ אויכ אראָפּגעלאָזט צווישנ זיי ביידנ, דעמ קאָפּ אפ מאָטלס אקסל און א האנט ארויסגעוואָרפנ אפ נאָטקעס קאָפּ. נאָטקע האָט זיכ צוגעקערט נעענטער, האָט מיט א האנט געשליידערט אלטערנ דאָס היטל פונ קאָפּ.

— זאָג מיר, פּארוואָס קאָנ די פּארזאמלונג ניט פּאָרקומענ האַרטנ, ווו מיר זיינענ געווענ דעמ 1־טנ מײַ? —האָט זיכ מאָטל א כאַפּ געטאָנ,—אײַ, אנ ערטעלע! איכ וואָלט וועלנ איצטער ווידער א קוק טאָנ אפנ הויכנ ראָזעווג בוימ, ווו איכ האָב די רויטע פאָנ אָנגעשפּארט... אײַ, נאָטקע!

זיי האָבנ זיכ אָנגעקוקט מיט בלישטשענדיקע אויגנ און געקוואָלנ.

— אײַ, זײַט איר א פּאָר ווילדע יאטנ!—האָט אלטער אופגעהויבנ דעמ קאָפּ און זיכ אָנגעשפּארט אפ אנ עלנבויגנ.—ווי קאָנ מענ עס מאכנ צווי פּארזאמלונגענ נאָכאנאנד אפ איינ אָרט? און ביכלאָל, דארפ מענ בײַטנ ערטער...

נאָטקע האָט מיטנ צווײַג אינ דער האנט פארטראכט געגריבלט אינ ערד אונ מיסט, אָנגעהויפנטע ארומ א קלעצל פונ אנ אפּגעהאקטנ בוימ:

— מילבנ! א געדיכטעניש פונ זיי...—ער רוקט זיכ אָפּ.—אופגעבורעט זיי...

מאָטל האָט זיכ האסטיק איבערגעוואָרפנ צו זײַנ זײַט: -- מילבנ! מילבנ!

— לאָז אָפּ, — האָט אימ נאָטקע געשטויסנ: — זיי וועלנ נאָכ אָנקריכנ אפּ מיר...

— אנ אנטיק!—מאכט מאָטל אנציקט.—האלעווײַ, אפּ מיר!.. אונ ער קאשערט אופ אנ ארבל אפּ א האנט. אונ א בלויזע לאָזט ער עס ארא̇פּ אפנ אָנגעהויפּטנ בערגל, וואָס הוידעט אונ רודערט, ווי א לעבעדיקס, לאָזט די פינגער נידערנ אינ סאמע אופגערודערטנ געדיכטנ קנויל. „נו, נו, קריכט אפנ האנט—אנ אנטיק! אזעלכע כאיאָלעס! א יישעוו מיטאמאָל אפנ האנט...

אלטער איז אופגעשפּרונגענ: — געוואַלד! לאָז דײַנ ווילטיק אפּ שפּעטער...

נאָטקע האָט זיכ האסטיק אופגעהויבנ, אונ מאָטל האָט זיכ לאנגזאמ געצויגנ, פארדראָסיק ארא̇פּגעלאָזט דעמ ארבל אפּ זײַנ געבלויזטער האנט אונ אינ שטילנ גאנג האָט ער נאָכ לאנג זײַנע אנציקטע אויגנ געהאלטנ אפּ די הויפנס מילבנ, וואָס האָבנ זיכ אינ קנוילנ באוועגט, ווי שטיקער לעבעדיקע ערד...

זיי זײַנענ דורכגעגאנגענ א שטיק וואלד אונ האָבנ אָנגעטראָפנ אנ אָפּגעלײדיקטנ פּלאצ מיט עטלעכע פארבליבענע קלעצלעכ פונ אָפּגעהאקטע ביימער בא די זײַטנ. איז מאָטל אוועקגעלאָפנ דורכ ביימער אונ צווײַגנ אינ איינ זײַט, אינ דער ברייט, ווי אימ האָט זיכ געדוכט, צומ ברעג פונ וואלד, אונ נאָטקע איז געלאָפנ צו דער צווייטער זײַט — זענ, צי איז דאָרטנ אהינטערנ וואלד נאָענט ערגעצ א שטוב, א פעלד, א לאָנקע. אלטער איז פארבליבנ אפנ אָפּגעלײדיקטנ פּלאצ אונ פלעגט איטלעכע ווײַלע אויסשרײַענ „או־או“... פלעגנ״ זיי אימ פרײַער אָפּענטפערנ אלצ ווײַטער אונ שוואכער, ווײַטער אונ שטילער, אונ דערנאָכ צוריק — אלצ נעענטער אונ שטארקער אונ דײַטלעכער, ביז זיי זײַנענ ביידע צוריקגעקומענ צו אימ אונ אינ איינ קאָל קימאט אויסגעשרײַענ:

„גוט“! — דערמלט זײַנענ זיי אלע דרײַ אוועק ווײַטער „אינ דער לענג“ וואלד. אלטער האָט פונ טאש ארויסגענומענ זײַנ זילבערנ זייגערל: „איצטער איז האלב איינס“... אונ מיט אנ אָפענעם זייגער אינ דער האנט איז מענ געגאנגענ טיפער אונ טיפער אינ וואלד, וואָס איז אלצ געדיכטער אונ ווילדער צעוואָקסנ געווענ, האָט מענ געבראָכנ צווײַגנ, מיט די הענט זיי פונ פאָנעם אָפּגעשארט, אופגעהויבנ איבערנ קאָפּ אונ, קוימ דורכגעגאנגענ, געציילט מינוטנ אפנ זייגער: פינפ, צענ...

— ס'איז שוינ איינס! — האָט מאָטל זיכ אײַנגעקוקט אפנ זייגער אונ אָפּגעשטעלט די כאווײרים. — גענוג... דער וואלד איז גרויס... מ'זעט דאָכ...

האָט מענ זיכ אומגעקערט צוריק צומ אָפּגעלײדיקטנ פלאצ. מ'האָט ווידעראמאָל באטראכט די ביימער ארומ, א טאפ געטאָנ מיט די הענט די אָפּגעשניטענע קלעצלעכ. מאָטל האָט געפּרוווּט זיכ אוועקזעצנ אפ איינ קלעצל אונ אפ א א צווייטנס, ווי אפ שטולנ, וואָס ער זאָל דאָס צוגרייטנ צו מאָרגנ... ער האָט א שפּרונג געטאָנ אינ א זײַט אנ זיכ א זעצ געטאָנ אפ א קלעצל ווײַט.

— דער איז עפּעס ניט קיינ גלאטער, — האָט אימ פארדראָסנ.

— פארנאנ גענוג גלאטע, — האָט אימ נאָטקע געטרייסט.

צופרידנ איז מענ ארויס פונ וואלד, מ'האָט ווידער ארומגעקוקט פונ איינ זײַט די לאָנקע, וואָס האָט זיכ געשפּרייט גראד אונ ווײַט, אונ פונ דער אנדערער זײַט דאָס פעלד, וואָס איז אהינטער אָפּגעלאָפנ בארג - אראָפּ.

אלטער האָט אָנגעקנייטשט זײַנ שטערנ.

— איכ וועל זײַנ אינ אָנהייב וועלדל — צווישנ די ביימער, אז מע זאָל מיכ ניט זענ... אונ איר וועט בייזע זיצנ דאָ... אפנ בערגל וועט איר זיכ צולייגנ — ליגט איר אזוי אונ איר קוקט — גלאט אזוי קלוי־מערשט געקוקט... וועט זיכ עמעצער ווײַזנ פונ לאָנקע — זאָלט איר צו מײַנ זײַט אינ וועלדל אויסשרײַענ עפּעס... אונ אויב ס'ווײַזט זיכ ווער פונ פעלד — זאָלט איר קלוימערשט פײַפנ... איכ וועל זיכ שוינ צו־הערנ, אונ איכ דארפ וויסנ פונ וועלכער זײַט ס'קומט, וועל איכ הייסנ מאכנ פלייטע אינ אנ אנדער זײַט... אָפּגערעדט! פארגעריגעקט: דאָ — א געשריי, אונ דאָרטנ — א פײַפ... אָפּגערעדט!

— אָפּגערעדט! נאָר איכ וואָלט וועלנ דאָרטנ זײַנ, אינ וואלד מיט אלעמענ.

— מאָטל, זײַ א סטאטיק...—האָט זיכ אלטער געבײזערט: — איכ שטײ אויכ ווי א שוימער אפ דער וואכ... דאָס מאָל איז אונדזער גורל.

צוריק אינ שטאָט איז מענ געגאנגענ מיט פאווילאָווקער וועג. נאָכנ גרויסנ באַרג האָט מענ זיכ צעשײדט אפ דרײַ באזונדערע שטעגנ, קעדיי אויסצוזוכנ נײַע וועגנ, אונ אָפגערעדט, אז אפ ווילנער גאס זאָל מענ אָפוואַרטנ.

2

אפ מאָרגנ זײַנענ זײ געקומענ אהער גאָר פרי, מ'האָט געװאָלט צו מאכנ די פארזאמלונג וואָס פריִער, פארענדיקנ אײדער דער אוילעמ הײבט זיכ אָנ צו קלײַבנ אהײמצוגײנ שטאָט נאָכ מיטיק. אלטער האָט מיטגענומענ דעמ דרוקער שאָלעמענ אונ בערלענ פונ די סטאָליער אונ איז מיט זײ אוועק פונ ווילנער גאס דורכ פאווילאָווקע. מיט זײ צוזאמענ האָט ער ווידער ארומגעקוקט דעמ וואלד, ארומגעגאנגענ א מעהאלעכ ווײַט אינ אלע זײַטנ, אונ צולעצט האָט ער זײ שוינ איבערגעלאָזט אפנ פלאצ אונ איז אלײנ ארויס צומ בערגל.

— איר זײַט דאָ, — האָט ער צופרידנ געזאָגט צו מאָטלען אונ נאָטקענ, וואָס זײַנענ אהער געקומענ דורכ קארפאטינקע, אונ פונ שטאָט מיט דער גרויסער גאס.

— מע גײט שוינ...—האָט מאָטל אָנגעזאָגט — די סטודענטנ מיט דער בלאָנדינקע.

. — הײַס, —מאכט נאָטקע. — אונ אָט איז דאָכ דאָרטנ א געדיכטער קוסט, ווי האָבנ מיר עס פארזענ נעכטנ... דאָרטנ איז געוויס קילער.

— איצטער בײַט גיט קײנ ערטער, — זאָגט אלטער שטרענג: — פארפאלנ! געמאכט דאָכ א סימענ פאר אלעמענ — אפנ בערגל זאָלנ זײ אײַכ זענ... אז אלע וועלנ דורכגײנ, וועט איר קאָנענ צוגײנ אונטערנ קוסט...

אלטער איז אוועק אינ וואלד ארײַנ.

באלד זײַנענ פארבײַגעגאנגענ זאלמענ אונ מענדל. זאלמענ — אינ שאבעסדיקנ ראָק מיט א שמאָל שווארצ שניפסל. אונ מענדל — אינ א בלאָ העמדל מיט א שוארצנ שנור פארגארטלט.

מאָטל האָט זיכ עפּעס האסטיק אָפגעהויבנ מיט א שטײנדל אינ

דער האנט און ער האָט עס א וואָרפ געטאָנ צומ וואלד צו. זאלמענ און מענדל האָבנ ביידע גלײַכ א שמייכל געטאָנ, זיכ ניט אומגעקוקט אפ זיי, און זײַנענ פארבײַגעגאנגענ.

נאָכ זיי, אפ א היפשער שטרעקע ווײַט, זײַנענ דורכגעגאנגענ, האָבנדיק זיי אינ אויג, קענטיק, א הויכער סטודענט מיט א בלאָנד בערדל, אינ א סטודענטישער טוזשורקע, ניט צוגעשפּיליעוועט, איבער א קורצנ ציצנ העמדל; און א סטודענט א מיטלוויקסיקער מיט ברייטלעכע פּלייצעס, וואָס האָבנ פאנאנדערגעשפּארט זײַנ ווײַסנ זומערדיקנ קיטל מיט בלישטשענדיקע קנעפּ. הארט אהינטער זיי איז נאָכגעגאנגענ א סטודענט מיט לאנגע בלאָנדע האָר, לײַכטע און לופטיקע, אָנגעטאָנ ציוויל, מיט א דיקנ שטעקנ אינ דער האנט, האָט ער מיט דער צווייטער האנט אונטערגעארעמט געפירט א מיידל, אײַנ וווּקס מיט אימ, אינ א לײַכטער קורצער פּאלערינקע אפ די אקסלענ איבער איר ראָזעווענ קאפּטל מיט א ווײַסלעכנ גומי־קראגנ, און אינ האנט — אנ אָפּענעמ שווארצנ שירעמ, צעשפּרייט איבער א קליינ שטרויענעמ הוט, א טיפנ, ווי א קעסעלע, מיט א געלנ געקינסטלטנ בליבל אינ דער זײַט.

זיי האָבנ זיכ א ווײַלע צוגעשטעלט, ווי אינ יִשעוונ און אָנגעקוקט די פּאר, וואָס זײַנענ פאָרויסגעגאנגענ צומ וואלד, און די פּאר, וואָס זײַנענ אפנ בערגל געלעגנ. נאָטקע האָט עס באמערקט און ליגנדיקערהייט א שטיינדל געוואָרפנ צומ וואלד; דער הויכער סטודענט האָט צוגעשמייכלט און מע איז אוועק ווײַטער.

— דאָס מיידל קענ איכ: פאניע... זי האָט ניט לאנג איבערגעשריבנ אלע ווארשטאטנ...— האָט זיכ נאָטקע עפּעס צעלאכט,— און דער סטודענט מיט די לאנגע האָר איז, דוכט זיכ, א היגער, דעמ אינספּעקטערס פונ גימנאזיע — זײַנער א זונ. מײַנ טאטע נייט פאר זיי...

— און וואָס אינ קיטל איז פײַנבערגס א זונ,— האָט מאָטל ארויסגעכאפּט: — זייערע ברייטע פּענעמער... און דער אנדערער — איז ניט פונ די רײַכע — איכ ווייס... שא, אָט גייט אונדזער כשורע.

איכאָק אינ א ווייכנ שווארצנ קאפּעלויש איז געגאנגענ געלאסנ און כאָשעוודיק, מיט די פינגער זיכ געשפּילט מיטנ זייגער־קייטעלע אפנ וועסטל, ווי ס'זאָל אימ גאָר ניט ארנ, וואָס די אימפּעטיקע כאנקע, אינ א ווײַסער לוזקעלע און א ברייטער שטרויענער הוט מיט א רויטער סטענגע ארומ, האָט זיכ ראשיק געטראָגנ פאָרויס. באָרעכ האָט זיכ פונ

זיי אָפּגעטיילט, האָט זיך זײַטיק דערנעענטערט צום בערגל און צוגע־שמייכלט: — וואָס מאכט איר, יאטן?

האָבן זיי צופרידן בײַדע מיטאמאָל אַ פרעג געטאָן: — איר ווייסט וווּהין?

— מ׳זעט דעם וואלד נאָך די פלעקענער אפּן בארג...

— מען דערקענט דעם סטאָליער...—האָט מאָטל אַ שאָט געטאָן מיט אַ הויפן גראָז. נאָטקע האָט אים אַ שטויס געטאָן,—זע, דײַן ליזע־לע מיט שלוימקען?

מאָטל האָט זיך אָבער צוגעקוקט צו דער אַנדער זײַט, ווו ס׳זײַנען אָנגעגאנגען עטלעכע פּאָר, איינע נאָך די אַנדערע. דאָוויד בלום אין אַ ווײַסן העמדל מיט אויסגעהאַפטע קאָלנער און מאַנקעטן און אויסגע־נייטע זוימען. מיט אים איז לײַכט און שטאָלץ געגאַנגען די געוויק־סיקע סלאַווע גינזבורג. איר צעשפּרייטער שירעם פון בלויען זײַד, מיט אַן אָנגעקנייטשטער קרייז אַראָפּגעהאַנגען האָט דאָך ניט פארשטעלט דאָס עלעגאַנטע הײַטעלע פון גלאַנציק שוואַרצן שטרוי, וואָס האָט רעכטס אַ בּרעג שטיפעריש אַראָפּגעלאָזט, און לינקס אַ ברעג, ווי אומגערן, צעקנייטשט און אַרופגעבויגט, און דאָ גראָד האָט זיך אַרויסגעוואָרפן אַ בינטל טונקעלע האָר שטיפעריש צעשויבערט אַרום טונקעלע אויגן. דאָס גאַנצע קלייד מיט אַ קאַפּטל צוזאַמען, אַ לײַכטס און אַ לופטיקס, האָט איר אויסגעשטאַלטיקט רייצנד, דער ענגלישער קאָלנער פון איר קאַפּטל, מיט אַ ווײַסן קראַגל אינווייניק, האָט שטײַף געהאַלטן אין שטאָלץ איר הויכן האַלדז.

— אַ־אַ־אַ...—האָט מאָטל אָפּגעצויגן אָטעם: — זי ווערט זײַן דאָ־ווידס קאַלע...

— שוין לאַנג דאָך זײַנען קאַלע... שטענדיק צוזאַמען...—מאכט נאָטקע.

— נו...—מאכט מאָטל פלוצלינג.—זי—אַזאַ רײַכע, און דאָוויד—אַזאַ שטרענגער...

עס זײַנען האַסטיק דורכגעלאָפן נאָכעם און כאַיע־לייע. נאָכעם אין בלויע ברילן מיטאַמאָל... ער האָט האַסטיק דעם קאָפּ געשאָקלט, ווי דער קאָפּ וואָלט עס גענומען אַפּ זיך די גאַנצע טירכע פון דעם גאַנג... כאַיע־לייע אין זייער אַ ברייטן געוואַנטענעם קלייד און אַ קאַפּטל אַ וואָלענע אַ גרינס מיט אַן ענגער טאַליע, ווי מיט אַ קיוון—האָט מאָד־

גע ברייט אונ פעסט געשטעמפלט טריט אונ געוואָרפנ מיט די הענט, צערודערט אונ פארשוויצט נאָכגעיאָגט נאָכעמענ אינ א היציקער דיס־קוסיע.

מאָטל רוקט זיכ צו פארטראַכט צו נאָטקענ, לייגט ארופ א האנט אפ זײַנ אקסל:

— אז פראָדל שרײַבט אהיימ א בריוו, שרײַבט זי אינ א גרוס צו שאָלעמענ: „זאָג דעמ יינגעלע“... דאָס מיינט זי מיכ: זי רופט מיכ „יינגעלע“... „זאָג דעמ יינגעלע, אז איכ לעב“... אָדער „זאָג דעמ יינגעלע, ער זאָל זײַנ א גוטער, אונ טאָנ, וואָס מע דארפ“...

ער רוקט זיכ אָנ נאָכ ענגער צומ כאווער, זאָגט נאָכ שטילער אונ פארבענקטער:

— פונדעסטוועגנ שרײַבט זי מיר אמאָל א גרוס... כאָטש מיר האָבנ אפגערעדט פאר איר אָפּפאָרנ, אז דרײַ יאָר צײַט זאָלנ מיר ניט שרײַבנ אונ ניט דרייענ דעמ קאָפּ איינער דעמ אנדערנ... סײַדנ — די רעוואָליוציע וועט זײַנ פרײַער...

נאָטקע קוקט אימ אָנ א ווײַלע, אונ פלוצלינג כאפט ער אָנ אינ זײַנ האנט א הויפנ צעשויבערטע האָר פונ מאָטלס בלויזנ קאָפּ אונ דריקט עמ אראָפּ נידעריק, אונ טוקט זײַנ פּאָנעמ אינ גראָז, טיפער, טיפער, אונ לאכט מיט פארגעניגנ.

מאָטל ציט אָפּ קוימ דעמ אָטעמ אונ, צערודערט, כאפט ער גיכ פארייכערנ.

פונדערווײַטנ זײַנענ אָנגעגאנגענ לאנגזאמ אונ שטיל מאטעס דער אײַנבינדער אונ שמערל דער שלאָסער. מאטעס האָט קעסיידער געהייבנ די רעכטע פלייצע, אויסצוגלײַכנ מיט דער לינקער, ווי רעמלט זאָל אימ גרינגער זײַנ צו גייִנ. זײַנע לאנגע דארע פיס האָבנ זיכ ווי שטעקלעכ געפלאָנטערט אינ ברייטע הויזנ. שמערל א יונגער באָכער, שטארק אונ פלינק, האָט צוליב אימ אײַנגעהאלטנ זײַנ טראָט, זיכ אײַנגעהערט צו זײַנ שווערנ אָטעמ, אונ ס'האָט אימ פארדראָסנ, וואָס ער, מאטעס, וועט זיכ דאָכ ניט לאָזנ, אז אזא אײַזערנער שלאָסער, ווי שמערל, זאָל אימ נעמענ אפ די הענט אונ צוטראָגנ. פונ דער אנדער זײַט האָבנ זיכ באוויזנ דאָנ מיט דער לאנגער באָרד, אינ שווארצנ סורדוט — דעמ שאבעסדיקנ. די הענט אהינטער, פארלייגט אפנ סטאָנ, מיט די דלאָ־ניעס ארופ צו דער יאָנטעוודיקער וועלט. מיט אימ איז געגאנגענ כאָניע

דער קורצער, א יונגערמאנ, אינ א קורצנ אונ ברייטנ ראָק מיט קנײַ-לעכדיקע פּאָלעס, וואָס האָט אפּ אימ אויסגעזעענ, ווי א געלײַענער.

— דוכט זיכ, שוינ אלע — האָט זיכ מאָטל אויסגעצויגנ אפּנ בערגל.

— האָס מיידל פונ די פּאָרטרעטנ איז דאָ אויכ דורכגעגאנגענ? — איכ האָב ניט באמערקט, — האָט נאָטקע זיכ צוגערוקט צו מאָטלענ.

— ניינ... זי?... — האָט מאָטל געשעפּמשעט, — זי איז דאָ אפּאָנעמ ניטאָ, זי איז זייער א גוט מיידל, א ווילע... אָבער...

— אונ זי איז א שיינע? זאָג אויס...

— א שיינע, א ווילע... פונ סאָציאַליזמ איז בא איר נאָר פּאָר-טרעטנ פאראנ... זייער א טײַערע מיידל... כ'האָב ליב צו איר ארײַנ-צוגיינ. אמאָל באקומ איכ בא איר א ביכל — אזוי, א גוט, ביכל... אז איכ כאַפּ מיכ ארײַנ צו איר, וויל זי מיכ ניט אָפּלאָזנ קימאט...

— דו געפעלסט איר, אונ דיר געפעלט — פראדל...

— וואָס? — ביידע געפעלנ מיר... — כאַפּט זיכ אופ מאָטל, — זי געפעלט מיר...

— איז וועמענ ווילסטו פאר א קאלע?

— גיי, שלעפּ זיכ! — האָט ער אימ א שטויס געטאָנ פונ זיכ, נאָטקע האָט זיכ צעלאכט פונ זײַנ בייזערנ.

— אז איכ וויל נאָכ ניט קיינ קאלע, איכ דארפ נאָכ ניט קיינ קאלע... דערווײַלע איז מײַנ קאלע — די רויטע פאָנ... אט, האָב איכ מיכ ארומגענומענ מיט איר אפּנ 1-טנ מײַ. כ'האָב זי באהאלטנ בא מיר... אָט איז מײַנ קאלע!

3

אינ וואלד אפּנ אָפּגעלייזיקטנ פלאצ, ווו מ'האָט זיכ אָפּגעשטעלט נאָכ דעמ ווײַטנ וועג, זײַנענ אלע מיטאמאָל געוואָרנ אומגעדולדיק. איינע זײַנענ געוואָרנ אומרויִק — נאָכ דער זיכערער רו פונ א וועג אינ גאנצנ קאָלזמאנ מע גייט... אנדערע האָבנ זיכ דערפילט נערוועז אונ צעטראָגנ. אינ דער קילער טונקלקײַט אפּנ אָפּגעלייזיקטנ פלאצ, אינ דעמ פארשטעלטנ וואלד ארומ, ווי אינ א פארשפארטער שטײַג. ארײַנ — איז מענ, אונ ארויס?..

איסאַק אונ זאלמענ, וואָס האָבנ טעכניש אָרגאניזירט די פארזאמ-

לונג, האָבנ זיכ דערפילט ראפקע באַלעבאַטיש אופגערוימט. די „יאַטנ“ האָבנ אויסגעפּוצט א גוטנ ווינקל — מיט קלעצלעכ אפ צו זעצנ זיכ. האָבנ זיי אָנגעקוואָלנ אונ איינגעלאַדנ די מיידלעכ „אפ די קרעסלעס“. איסאַק האָט ניט געלאָזט אײַלנ, ס'דאַרפ נאָכ אָנקומענ אוילעם. מענדל האָט די סטודענטנ באַקאַנט געמאַכט מיט די אָנגעקומענע — אָנשטאָט נעמענ אָנגערופנ די פאַכנ, אינ וועלכע זיי אַרבעטנ. צופרידנ אופגערודערט האָבנ די סטודענטנ באַגעגנט מאַטעסנ אונ בערע דעם הויכנ, אונ האָבנ א פּאָר טריט געמאַכט צו זיי אַנטקעגנ מיט רעספּעקט אונ קאָוועד.

— סאָלידע אַרבעטער, אינ סאָלידנ עלטער...—זאָגט פּײַנבערג צו פּעטראָוונ.

— דער, וואָס מיטנ באָרד, אינ סורדוט, — האָט פּעטראָוו זיכ באַגײַסטערט, — איז אַזא פּאַטריאַרכאַלער!

סלאָווע האָט צוגעקוקט, ווי כאַנקע האָט שוינ נאָכאַנאַנד אונ האַסטיק עפּעס גערעדט צו מאַטעסנ, זי האָט איר קימאַט מעקאַנע געווענ. כאַנקע האַלט אימ אָנ פאַר א קליאַפּע פונ זײַנ אָפּגעטראָגענעמ רעקל, עטעמט אײַנ זײַנ שווער געמיט, וואָס ער הויכט אַרויס קעסיידער אונ אָפּגעמאַטערט דורכ זײַנ אָפּנ מויל. נאָגט איר עפּעס אינעווייניק, סלאָווענ, אונ ס'מאָגט בײַ איר, געווענטער אָנקלאַמערנ זיכ אָנ דעמ קרענקלעכנ אַרבעטער מיטנ קלוגנ בלייכנ פּאָנעמ! אונ יענער אויכ, דער אַנדערער, מיט דער צעפּלאָנטערטער באָרד. אינ לאַנגנ אָפּגעריבענעמ סורדוט, וואָס האָט עפּעס מאָדנע צעמישט שאַבעס אונ וואָכ— אָנגעקוואָלענע צעקאַרבטע העמד פונ אַרבעט מיט ליכטיקע הימלדיקע אויגנ... אָבער עס ציט זי ווידער אונ עס ציט זי מער דער איינער, וואָס האָט אפ זײַנע אויסגעקרימטע פּלייצעס אַליינ, דוכט זיכ, אָנגעלאַסטעט האָרבעס לייד אונ פּײַנ פונ יאָרנ אונ מענטשנ, אונ אפ זײַנ הויכנ, אָנגעצויגענעמ שטערנ, ווי א פאַרמעט פאַרגעלט אונ צעווירעט, וואַכט א שטענדיקער געדאַנק וועגנ הילפ אונ טרייסט פאַר אַלעמענ, פאַר אַלעמענ...

סלאָווע רײַסט איבער אירע פּײַנלעכע מאַכשאָוועס אונ איר נאָגנדיק געפיל, דערנעענטערט זיכ באַשיידנ, דערלאַנגט א ציטעריקע האַנט דאָנענ, וואָס האָט עס באַרירט נאָר מיט זײַנע שפּיצנ פינגער אונ, דערמונטערט, שטרעקט זי אויס די האַנט צו מאַטעסנ אונ קוקט אַרײַנ אינ

זײַנע גרויע, קלוגע און טרויעריקע אויגנ. מאטעם האָט עס בײַנערדיק אָנגענומענ מיט זײַנ טרוקענער האנט, און האָט פונ דער טיפ פונ זײַ־נע אויגנ א פּאָר פונקענ איר אנטקעגנ אופגעבלאָזנ, ווי בליצנ דורכ וואָלקנס.

— פרײַלנ גינזבורג... כ'האָב אײַכ שוינ געזענ, זינט איר זײַט גע־קומענ: איר זײַט בא אונדז אינ אײַנבינדערײַ געווענ...

סלאַווע האָט זיכ גערויטלט און די לאַנגע ברעמענ אראָפּגעלאָזט.

מאטעם האָט א צי געטאָנ זײַנ מאָגערנ האלדז, דורכנ אָפענעמ מויל זײַנ שווערנ אָטעמ דורכגעלאָזט, און זײַנע אויגנ אָנגעשטעלט אפ באַנקענ:

— מיר וועלנ אונדזער זאכ אויסשפּילנ... אונדזער ניצאָכנ! זאָג איכ. איינס האָבנ מיר שוינ געווונענ... די קינדער פונ די רײַכע... — קינדער זײַנענ דאָכ א לאָטעריי — זאָג איכ: בא איינע ווערנ זיי גע־בוירנ, און צו אנדערע גייענ זיי אוועק דערנאָכ... א לאָטעריי — רײַכע האָדעווענ זיי, און אָרעמע וועלנ געניסנ פונ זיי... דאָס איז בא מיר א סימענ, אז אונדזער צײַט איז שוינ געקומענ... יונגע פייגעלעכ פארלאָזנ די ערשטע די אלטע כאַרעווע נעסטלעכ פאר א שטורעמ, וואָס דערנעענטערט זיכ...

מענדל האָט שוינ אויסגערופנ:

— ווער פירט די פארזאמלונג? אלע זײַנענ דאָ? הייבט אָנ! ווער פירט?

— מיסטאמע, אָט דער... — האָט פּעטראָוו עפעס אָנגעוויזנ אפ דאָנענ, — אָט דער פּאטריארכ.

מענדל האָט זיכ אזש דערשראָקנ. דאָנ איז אנ עלטערער, אָבער נאָכ גאָר רוי.

— אויב פונ די עלטערע, דארפ זײַנ מאטעם. — האָט זאלמענ פאָרגעלייגט.

— פירנ דארפנ די יונגע, — רופט זיכ אָפּ מאטעם, — נאָר די יונ־גע: זיי גייענ גיכער... אז די עלטערע וועלנ נאָכציִענ, איז שוינ גענוג...

— מענדל, פיר די פארזאמלונג. קומ אהער, איכ האָב פאר דיר א שטענדער, — ווײַזט אָנ איסאק עטוואָס אויפ דער זײַט א דיקנ בוימ, וואָס האָט אינ דער הייכ א פלאנטער פונ צווײַגנ פארמאָנט, ווי א דאַכ.

מענדל האָט זיכ צוגעשפּאַרט צומ בוימ, האָט פונ א קעשענע בא־

קומענ א לאנגנ שווארצנ בלײַפעדער, האָט דערמיט א פיר געטאָנ אינדערלופטנ אונ ארויסגעזאָגט:

— ברידער...

— אונ שוועסטער...— האָט אימ איסאק אונטערגעזאָגט אינ שמייכל, אונ איז אפ די שפיצנ פינגער אינ דער שטיל, זײַטיק אונ שנעל אוועק צומ ברעג וואלד אָנזאָגנ אלטערנ, אז מ'האָט אָנגעהויבנ, אונ געוויר ווערנ די וואכ.

מענדל האָט אָנגעזאָגט, אז די פארזאמלונג איז צוליב אינפאָרמא־ציע — אויסצוהערנ פונ די געסט. די סטודענטנ פונ די הויפטשטעט — וואָס טוט זיכ אפ דער גרויסער וועלט. אונ אויכ צוליב א דיסקו־סיע — מיט אנדערע מיינונגענ זײַנענ מיר ניט מאסקימ.

— געוויס, געוויס!—האָט זיכ כאנקע געקאָכט אינ דער זײַט. — אָט דער סטודענט פעטראָוו איז ניט קיינ סאָציאל־דעמאָקראט. אָבער ער איז אנ אקטיווער... ער האָט דאָ באקאנטשאפט מיט דער אינטעלי־גענצ, ער זוכט קענטשאפט צווישנ ארבעטער... מאכנ מיר די „סכאָד־קע“, אונ זאָל אימ דאָוויד אָפענטפערנ פאר אלעמענ... זאָלנ אלע הערנ...

מענדל האָט נאָכ דערציילט אינקורצנ וועגנ דער ארבעט דאָ הי אונ האָט פארענטפערט: אלזאָ, וועלנ מיר אָנהייבנ פונ מאָסקווע, — ער האָט א ווינק געטאָנ צו פעטראָוונ.

יענער האָט זיכ באשיידנ דערנענטערט צומ בוימ.

די פארזאמלטע האָבנ געײַלט צוטוליענ זיכ אינ א הײַפל ער־געצ אפנ גראָז. ס'זײַנענ שטיינ געבליבנ זאלמענ אונ איסאק באמ ארײַנגאנג אפנ אָפגעליידיקטנ פלאצ, זײַטיק אָנגעקערט אהינ, צומ שטילנ גערויש פונ יונגע ביימער, אונ ווײַטער אהינטער זיי... פײַנבערג מיט איינ האנט אינ בוזעמ פונ ווײַטנ קיטל, אונ דאָנ, וואָס האָט דאָס קאָרטעטע היטל פונ קאָפ געהאלטנ אינ ביידע הענט אפ פאָרנט אפנ לאנגנ סורדוט.

— ברידער! — האָט פעטראָוו טיפ פארנייגט זײַנ בלאָנדנ קאָפ צו די פארזאמלטע. ער האָט זיכ אויסגעגלײַכט אונ זײַנע בלויע גוטמוטי־קע אויגנ א פיר געטאָנ איבער דעמ ווײַטנ דאָגנעו אונ דער נאָענטער פאניע, וואָס איז דערבײַ געזעסנ מיט אויגנ אופגעריסענע צו אימ. ער האָט זיי ביידנ איבערגעהיפט אונ זײַנע בליקנ פארכאָלעמטע אינ דער

הייכ געהויבנ צו א ווײַטנ בוימ פול צווײַגנ, אונ האָט פאר זיי נאָר, דוכט זיכ, אויסדערציילט — פונ לײַדנ אונ פײַנ אינ א לאנד א ריז, וואָס איז געפּענטעט אונ פארשטיקט. „לאנד“ אונ „פאָלק“, „פאָלק“ אונ „לאנד“ — האָבנ זײַנע ווערטער, ווי מיד פאריאָגטע פייגעלעכ זיכ אָפּגערוט אויפ שפּיצנ צווײַגנ פונ הויכע ביימער ארומ.

צערודערט אונ בלאס, האָט ער געוויזנ די גראָבע פינגער פונ בייגע הענט געריבנ אינ די פויסטנ, וואָס ער פלעגט אזוי שנעל אופהייבנ און לייז לאָזנ. אונ געריטטן פונעם לאנד, וואָס איז מיט אַ בײַטש צעפּאסעוועט, נאציעס גאנצע געשמידט אינ אײַזנ, אונ אייבציקע פרײַע געמיטער אונטער אײַזערנע גראטעס פארשפּארט. פארכאָלעמט האָבנ זײַנע בליקנ פונ ווײַטע שטילע צווײַגנ געשפּינט א פארשלייערטע הערדויק פונ העלדנ אונ נעראנגל:

...גרויסע מײַסימ פונ העלדנ אינ פארלויפ פונ יאָרנ ווערנ מעגולגל אינ לעבעדיקע נעפאשעס, וואָס וועלנ זיי נאָכטאָנ... פול מעסירעסנעפעש, דורכ טונמעס פינצטערע אונ איבער טויזנטער וויאָרסטנ אינ פראָסטיק־פאדגליווערטנ סיביר—גייענ מיר אלע צו אונדזער אומגעלייזטנ לאנד אונ צו אונדזער באפרײַטנ פאָלק...—האָט פעטראָוו פארענדיקט.

פאניע האָט זיכ שנעל אופגעהויבנ צו אימ. פונ דער אנדערער זײַט האָט זיכ נאָכעמ א ריס געטאָנ און איז צוגעלאָפנ צו דאָווידנ.

— דו וועסט שוינ ארויסטרעטנ?

— שפּעטער.

מענדל האָט עס באמערקט, האָט ער צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ אויסגערופנ: — איצט וועלנ מיר אויסהערנ אונדזער גאסט פונ פעטערבורג.

דער סטודענט לוריע האָט זיכ צוגעשטעלט לעבנ מענדלענ, האָט א צי געטאָנ די ברעגנ פונ זײַנ סטודענטישער קורטקע אונ גלײַכ גערעדט:

— אינ פעווראל מאָנאט זײַנענ געווענ דרײַ שטרײַקנ...

באיע־לייע האָט אופּ גיכ א זאָג געטאָנ צו נאָכעמענ:

— פאניע לויפט שוינ נאָכ פעטראָוונ?

— זי הארפּ אלצ נײַס...—האָט ער א מאכ געטאָנ מיט א האנט, — זי ווייס אליינ ניט, וואָס זי וויל...

...אינ מארט זײַנענ שוינ געווענ פינפ נײַע שטרײַקנ אונ איבער 40 טויזנט מאנ...

זאלמענ און איסאק האָבנ אינגאנצנ אָפּגעווענדט זייער אופמערקזאמקייט פונ ברעג וואלד און האָבנ ביידע פאָר אויגנ אנציקט צעבליצטע אָנגעשטעלט אפ דעם רעדנער, וואָס האָט געציילט שטרײַקנ און שטרײַקער, ווי אינ א זיגערישנ מארש דורכגעלאָזט טריומפירנדע כאיאָלעס...

...אפ דעם איינ זאוואָד זײַנענ 6 וואָכנ צײַט געשטאנענ איבער 11 טויזנט ארבעטער...

— אפ וועלכנ זאוואָד?—האָט זאלמענ איבערגעפרעגט איסאקנ.

— ...הונדערטער ארעסטירטע ארבעטער... צענדליקער פארשיקטע...

אפ דער זעלבער פאבריק איז פאָרגעקומענ א געשלעג מיט א מייע קאזאקנ... האָט מענ גלײַכ ארומגערינגלט דעם הויפ און פארנומענ די ארבעטער...

כאָניע דער קורצער און שלוימקע דער גארבער זײַנענ עפּעס ביידע מיטאמאָל אופגעשפרונגענ פונ גראָז, האָבנ זיכ אינ ערגעצ צאָרנדיק א וואָרפ געטאָנ.

... און פרויענ און קינדער מאטערנ זיכ אינ הונגער און נויט אינ דער צײַט פונ די שטרײַקנ מיט א פאָר גראָשנ א טאָג פאר (א נעפעש...

— איינ פוסטער טאָג אפ צוויי נעפאשעס...—האָט מאטעס הויכ ארויסגעזאָגט.

— אָבער דאָס באוווסטזײַנ איז שוינ ארײַנגערונגענ אינ די מאסנ, אז נאָר דער ארבעטער־קלאס אליינ, און דורכ קאמפ—וועט זײַנ נויט צעברעכנ און וועט קומענ צו א בעסערער צוקונפט — האָט ער פאָרענדיקט.

ער האָט גלײַכ פאָרגעלייגט סלאווע באָריסאָוונענ, אלס פעטערבורגער קורסיסטנ, זי זאָל צוגעבנ, אויב זי פארלאנגט.

סלאָווע האָט געמאכט א פאָר טריט פאָרויס, איז אָבער ביז מענדלענ ניט דערגאנגענ, האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינמיטנ קרײַז און פארשעמט געזאָגט:

— מיכאיל וואסיליעוויטש האָט שוינ אלצ דערציילט. וואָס קאָנ איכ צוגעבנ? סײַדנ דעם פאקט, אז אפ די העכערע פרויענ־קורסנ זײַנענ אינ דעם פרילינג געווענ גרויסע אומרוענ, אלס פראָטעסט קעגנ די שווידערהאפטע ארעסטנ. די באוועגונג וועט ברייטער און שטאר־

קער. איך וויל נאָר זאָגן, — האָט זי מיטאמאָל אַראָפּגעלאָזט לאַנגע ברעמען איבער די אויגן, אַז מיט ליטעראַטור זײַנען מיר איצט באַזאָרגט טראָץ די אַלע אַרעסטן. איך האָב אויך מיטגעבראַכט אַ הער אַ סאַך בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס, וואָס מע וועט זיי דאַרפן דאָ פאַרשפּרייטן...

גערויטלט איז זי ווי בלינד צוריקגעגאַנגען, זוכנדיק איר אָרט. כאַנקע איז איר אַנטקעגנגעקומען.

— סלאַוואַ באָריסאָווגאַ... דו—או...—האָט כאַנקע באַזונדערס אויסגעדריקט דאָס ערשטע מאָל „דו“ צו איר, קימאַט זיך פאַרשטאַמלט, נאָר באַלד האָט זי פעסט אַ נעם געטאָן איר האַנט, שטאַרק אַ טרייסל געגעבן און צוגעבריט ווערטער:

— דו ביסט אַ כוואַט, סלאַווקע!

— און דו... כאַנקע,—האָט זיך סלאַווקע נאָך מער גערויטלט, געשײַנט, און אָטעם האָט איר אויסגעפעלט פון פרייד.

פײַנבערג האָט פאַרענדיקט זײַן אינפאָרמאַציע וועגן כאַרקאָוו און באַטאָנט, אַז ער איז ביז אַהער נאָך ניט אַרײַן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער די יעריַעס זײַנען געניע, וואָרעם ער געהערט אָן צו אַ מאַרקסיסטישן סטודענטישן קרײַז, און די אינפאָרמאַציע איז פון די לעצטע פלוג־בלעטלעך.

— דאָוויד,—האָט מענדל אַ רוף געטאָן:—איר ווילט און דאַרפט עפּעס זאָגן...

— יע,—מ׳דאַרף עטוואָס קלאָר מאַכן, — זאָגט דאָוויד און דערנעענטערט זיך צום בוים. ער האָט מיט איין קאָפּ־שאָקל אויפגעטרייסלט זײַנע געקרײַזלטע האָר, ווי טונקעלע וואָלקנס צעשלײַערט אויף אַ באַרג, האָט מיט די שאַרפע בליקן פון די קאַרע אויגן אַ פיר געטאָן איבער אַלעמען אַרום, דורכגערודערט און צוזאַמענגעקניפּט אויגן און אויגן אינאיינעם.

— איר האָט אויסגעהערט פון דעם ערשטן רעדנער,—האָט ער אָנגעהויבן שטיל, האַרציק,—אַ פּאַטאָס פון גיבוירים יעבידים, פון העלדנטאַטן ווי ניסים... גיבוירים און גײַסט זײַנען קען די רישעס און בייז אויפגעטראָטן! גיבוירים האָבן אײַזערנע קייטן מיט די ציין געגריזשעט, שטיינערנע ווענט מיט נעגל געבויערט, און פון אַהינטער גראַטעס און שלעסער מיט זייער קאָל געדונערט: „פרײַהײַט“! דער

רעדנער האָט געזאָגט: „גרויסע מייסים פֿון העלדן ווערן אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן מעגולגל אין לעבעדיקע געפֿאַשעס“... גילגולים זיינען אָבער א קאטעגאָריע ניט קיין ראציאָנאליסטישע און ניט קיין מאטעריאליסטישע... כ'מיין, מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן בילדעריש, אין דימיען...

ער האָט צעקרימט זיין פּאָנעם און די אויגן אָנגעכמורעט: אין דער פֿאַנטאַזיע זיך פֿאָרשטעלן, אז א קאָפּ, וואָס א טאַליען האָט געקעפּט, האָט זיך איבער שטאָט און דאָרף צעטראָגן, ווי א געשפּענסט פֿון שווידער און רופֿט צום קאַמף! מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אז א האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט אפֿן הענקערס שפּיז, האָט ווי א זייגער א גיגאַנט די לעצטע שאָן געשלאָגן פֿאַר די טאַליאָנים... ווירקלעך איז עס, אָבער — ווען עס האָט געשלאָגן ניט א וויסטן מידבער ארום, נאָר אין א יישעוו — אין א יישעוו, וואָס דערהויבט זיך שוין מיט קוימענס פֿון פֿאַבריקן, מיט קוימענס פֿון זאַוואָדן... דאָ איז שוין ניט קיין געראַנגל פֿון יעכידים. עפּשער זיינען דאָס געווען די ערשטע פּריע שילוכים פֿון הוירעס, וואָס זיינען שוין גרייט, אָנזאָגער פֿון צייטן געצייטיקטע, וואָס זיינען שוין אין די טויערן פֿון לעבן אריין...

איסאַק און זאַלמען האָבן פֿאַרגעסן זייער פֿאַרזיכטיקייט, די וואַך זיי האָבן אין דער שטיל און מעכאַניש, ווי פֿון עפּעס געצויגן, זיך דערנעענטערט אלץ מער אין קרייז און צוגעהערט און איינגעזאַפּט פֿון דאָווידן, ווי הייסן אָטעם־הויך, א זודיקן שטראָם געדאַנקען וועגן קלאַסן אין דער געזעלשאַפֿט און קלאַסנקאַמף אין דער געשיכטע, וועגן העלדן און מאַסן, וועגן יעכידים און קאָלעקטיוון...

„...אָבער די מאַסע באַקומט נאָר דאַן א באַדייטונג, ווען זי איז אָרגאַניזירט און שטרעבט צו א באַשטימטן ציל“.

איסאַק איז אויסגעקומען נעבן מאַטעסן, און מאַטעס האָט אים עפּעס מיט ליבשאַפֿט א האַנט א גלעט געטאָן.

„...לאַנד און פֿאָלק“ דאָס זיינען באַגריפֿן פֿון קלייַנבירגער. ער מיינט, אז לאַנד — איז א שטיבל פֿאַר זיך, און פֿאָלק — איז אַן איינענע, א גאַנצע געזינדל. לאַנד און לאַנד זיינען מיט טירן אָפֿענע אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווי קאַמערן אין אַן אַלגעמיינעם קאָרידאָר. און פֿאָלק איז אין שיכטן און קלאַסן צעטיילט און פֿאַרפֿרעמדט צווישנאַנאַנד, ווי... א טאָרבע און א פֿייער־קאַסע...

פֿאַניע האָט געוואָלט שטיל עפּעס באַמערקן פֿעטראָוון, אָבער ער

האָט זיכ אומגעקוקט צו דאָווידנ אונ זיכ צוגעהערט מאָדנע אויפמערקזאמ צומ קעסיידערדיקנ געמורמל אינ זײַנ קלאָרנ הילכיקנ קאָל, ווי אנ אָפּקלאנג פונ א ווײַטנ שטורעמ.

... די געשיכטע פונ דער מענטשהײַט איז די געשיכטע פונ די אינסטרומענטנ, מיט וועלכע דער מענטש באקעמפט די ארומיקע נאטור...

די צוהערער האָבנ זיכ אלצ שטילער געשארט נענטער אונ נענטער.

... דער פּראָלעטאריער, וואָס שאפט די דאָזיקע אינסטרומענטנ, וואָס ארבעט מיט זיי איז פונ זיי עקספּראָפּריִרט, ווי... ווי א זינגער פונ זײַנ אייגענעמ קאָל... ווי א זינגער פונ זײַנ אייגענעמ קאָל!..—האָט דאָוויד אויסגעבליצט מיט די אויגנ. מיט האסט אונ ברענ, אז ער זעלבסט האָט אופגעציטערט אינגאנצנ פונ אופברויז, האָט ער מענטשנ אונ ביימער ארומ אופגערודערט מיט פּײַנ אונ קלעמ.

...א זינגער זאָל זײַנ אייגענעמ קאָל ברויכנ אויסצולײַענ בא א באלעבאָס, בא א פאבריקאנט! אונ נאָר—מיט יענעמס רעשוס, ווענ יענער וויל אונ וואָס יענער פארלאנגט... א קאָל פארמאשקנט, צי פארקויפט—איז עס דענ נאָר א מאָשל? אונ ארבעטקראפט? אונ דער ציטער פונ מוסקולנ, אונ די בויגעוודיקײַט פונ גלידער, אונ דער שוידער פונ נערוונ, אונ דער ריטמ פונ בלוטשטראָמ, אונ זייער מאטעריעלע פארקערפּערונג אינ אינסטרומענטנ, אינ רוישטאָפ, אינ זאכנ — ווי־אזוי איז עס געוואָרנ פארפרעמדט פונ דעמ אייגענעמ, אונ פאַרייגנט צו א פרעמדנ? די גאנצע קולטור — די מאטעריעלע אונ די גײַסטיקע איז אינ געפענקעניש! פונ יעכידימ פארכאפּט אונ אונטערנ שלאָס פארשפּארט... ווער האָט אונטערגעשריבנ די וועקסלענ, וואָס באנקירנ אונ קאפּיטאליסטנ האָבנ אינ זייערע פײַער־קאסעס באהאלטנ— וועקסלענ אָפּ דער גאנצער קולטור — די ירושע פונ דורעס פיזישע אונ אינטעלעקטועלע האָרעפּאשניקעס? דער פּראָלעטאריער וועט די וועקסלענ ניט אָנערקענענ! דער עקספּראָפּריִרטער פּראָלעטאריער וועט אָפּשאפנ די טורמעס פאר זאכנ, וועלנ בעמיילע פאלנ די טפיסעס פאר מענטשנ, פאר קעמפער, פאר דענקער...

סלאווע האָט זיכ קוימ אָנגעשפּארט אינ כאנקענ, אונ דאָס הארצ האָט איר געקלאפּט נאָכאנאנד אונ שטארקער.

... מ׳הערט שוינ די זיכערע טריט אינ די געשלאָסענע רייענ פונ דעמ ארבעטער-קלאס,—זיינע אויגנ האָבנ געפלאַקערט אונ דאָס קאָל האָט געקלונגענ שטארק אונ לויטער: — די מאסע איז שוינ אינ באַוועגונג אוועק אינ די הויפּט־שטעט. זאָלנ מיר ניט זיינ פונ די אָפּגעשטאנענע! אויב זיי זיינענ די ערשטע, דארפנ מיר זיי זאָגנ, אז זיי זיינענ ניט די לעצטע. מיר גייענ נאָכ זיי. מיר וועלנ אינייִנעמ ארויסטרעטנ אינ דעמ ליכטיקנ טאָג, וואָס איז שוינ אזוי נאָענט!..

שטיל אונ שווייגנדיק ארומ. פארגאַפט — מענטשנ אונ ביימער.

— ברידער!—האָט מענדל ארויסגעזאָגט צערוישט, אונ אלע האָבנ זיכ מיטאַמאָל אומגעקוקט פונוואַנענ האָט זיכ עס א קאָל גענומענ:

— ברידער, באַפרייענדיק די זאכנ, ווי בלום האָט געזאָגט, וועלנ מיר באַפרייענ די מענטשנ! מיר וועלנ לייז מאכנ די פאבריקנ פונ באַלעבאַטימ, אונ וועלנ אויסלייזנ די ארבעטער פונ לייד אונ דאַקעס, ניט קיינ איינצלנע העלדנ קאָנענ עס אויפטאָנ, נאָר די גאנצע מאסע, וואָס הייבט זיכ אָנ צו אָרגאניזירנ אונ שטרעבט צו א באַשטימטנ ציל— באַפרייענ די פּראָדוציר-מיטלענ פונ א פרעמדנ רעשוס, וואָס האָט קיינ שייכעס ניט צו דער פּראָדוקציע גופא...

דאָס מאָגערע אויסדריקלעכע פּאָנעמ פלעגט א ווײַלע העל אויפשיינענ, אונ א ווײַלע זיכ בלייכנ, אונ ווידער אויפשיינענ.

די סטודענטנ האָבנ ארומגעקרייזט „דעמ ארבעטער דעמ ג׳ארבער“ אונ האָבנ אימ די הענט געדריקט. מענדל האָט זיי אָבער גיכ אָפּגעשטעלט.

— איינ ווײַלע! — א פּאָר קורצע פּראקטישע פראגנ... פארברייטערנ די אגיטאציע אינ דער מאסע, אָרגאניזירנ א ביבליאָטעק פונ אומלעגאלע ליטעראטור, די נאָענטע שטרייקנ. מאטעס! איר האָט דאָס וואָרט... איר קאָנט ריידנ ייִדיש... אונ, כאַימ, גיי צו נעענטער... אונ כאַנקע...

דאָוויד איז געלעגנ, גערויבערט אונ געקוקט אינדערווייטנ, ווי עס האָבנ זיכ נאָכ פאר אימ געוויקלט געדאנקענ, אונ ווערטער זיכ געקנוילט — פונ זיינ אייגענעמ אָטעמ־הויכ. פאר זיכ גופא, פאר זיינ אייגענעמ אויפגעשרויפטנ געמיט, האָט דאָוויד, ווי שטענדיק, זיינ רעדע נאָכ ניט פארענדיקט... וואָכ צו דענקענ, ערשט דערוואכט, איז ער מיד געוועזנ צו ריידנ.

— דאָוויד, איר האָט פעטראָווג געמאכט פאר א קליינבירגער, — איז פאניע קימאט ניט צופרידנ.

דאָוויד צעקנייטשט דעמ שטערנ. שווייגט.

— מ'וועט מיט אייכ האבנ דורכשמועסנ, — דערנענטערט זיכ פעטראָוו.

— מ'דארפ מיט אייכ דורכשמועסנ... — באטאָנט באנקע, — זאָל דאָוויד זיכ נעמענ.

סלאווע שטייט אָנגעבויגנ נעבנ אימ — שטיל אונ צערודערט.

— באנקע, ווו ביסטו? — רופט מענדל.

— אָפגעלייגט די פראקטישע פראגנ! — זאָגט אָנ זאלמענ. — מאטעס איז גערעכט, דאָס וועט מענ קאָנענ באטראכטנ אינ אנ ענגערנ קרייז...

— אויב זיי זיינענ די ערשטע — זיינענ זיי ניט די לעצטע! — האָט באנקע מאָדנע אופגעברויזט.

XIII. אויסערנ וואלד

1

אויסערנ וואלד אפנ בערגל צווישנ דעמ פעלד אונ דער לאָנקע האָבנ מאָטל אונ נאָטקע שטרענג געהיט די וואכ. זיי האָבנ זיכ ארומגעקוקט אינ אלע זייטנ, אָבער אזוי, אז ס'זאָל אומבאמערקט זיינ, אז זיי קוקנ; באטראכט אונ נאָכגעקוקט א זעלטענעמ דורכגייער, וווהינ ער ס'פארקירעוועט. מאָטל האָט זיכ אויסגעצויגנ מיטנ פאָנעמ ארופ, האָט זיינ היטל אפנ שטערנ אויסגעלייגט אזוי, אז ס'זאָל אימ ניט באקנ דער קאָפ אונ ער זאָל פונדעסטוועגנ פונ אונטערנ קאָזירעק קאָנענ ארויסקוקנ פונ די אַראָפגעלאָזטע ברעמענ. אמאָל פלעגט ער דורכ דעמ פאָרהאנג פונ די ברעמענ אָנקוקנ שפריצנ, פונקענ, פאסנ קאָלירטע אונ רעדער רויטע, וואָס אָט פלאצנ זיי אונ צעשפאלטנ זיכ אונ אָט גייענ זיי זיכ צונויפ באהעפט אינ דריידל; אונ די שפריצנ אונ די פאסנ פלאטערנ, הוידענ, ציטערנ אונ גליטשנ זיכ פונ אויבנ אינ דערלופטנ, אונ גליטשנ זיכ ניט אראָפ... אונ זיי אנטקעגנ, שפירט ער, שווערנ זיינע ברעמענ, פינטלענ די אויגנ אונ בלענצלענ. פארטראכט ער זיכ. אונ פארטראכט מאכט ער שטיל צו נאָטקענ:

— נאָטקע, דו שלאָפסט? בא דיר זײַנען די אויגן פֿאַרמאַכטע..
נאָטקע, און דרעמלסט?.. אַז ס'וועט שוין זײַן סאָציאַליזם... נאָטקע, הער:
ווי וועט דאָס זײַן, האַ?

— סאָציאַליזם... אַז ס'וועט שוין זײַן סאָציאַליזם...—פֿאַרטראַכט
זיך אויך נאָטקע, הייבט אויף דעם קאָפּ, שפּאַרט עס אָן אַף אַ האַנט.

— סאָציאַליזם — דו פֿאַרשטייסט? — צעעפֿנט מאָטל ברייט די
אויגן,—קיין באַלעבאַטים ניטאָ, גאָר ניטאָ... קום איך און אַרבעט..
קומסטו און אַרבעטסט... און אַז דו ווילסט ניט?..

— פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן?.. אין מײַן פֿאַבריק
ניט וועלן!?..—בייזערט זיך נאָטקע,—אַ מאָשל—דײַנע אופּטראַכטע-
נישן... פֿאַרוואָס ניט וועלן?..

— אַ־דע־ער — ציט מאָטל פֿאַרטראַכט — הײַנט אַרבעט איך
„סינגרינג”, און מאָרגן וויל איך נאָר אַרבעטן „האַמבורג” — אַרײַ־
בערגײן פֿון גאַסע—אַף טרוקענע... אָדער—מיר פֿאַרגלוסט זיך נאָר
מיטאַמאָל צו אַרבעטן אין אַ טאָקערײַ...

— אַ דײַגע איך האָב, אַז דו אַרבעטסט אין אַ טאָקערײַ... אַ טאָ־
קער איז מיר אויך גוט... אויב דו זאָלסט דערצו מעדער טויגן... דערי־
קער: צו וועלכער אַרבעט די וועסט בעסער טויגן... אינ-טערעס-סאַנט,
ווי וועט דאָס זײַן...—פֿאַרטראַכט זיך נאָטקע און לאָזט אַראָפּ דעם
קאָפּ און פֿאַרמאַכט די אויגן.

— מאָטל, קיינער איז ניט דורכגעגאַנגען? — פֿרעגט ער אין אַ
ווײַלע אַרום.

— ניין, — אײַלט צו מאָטל. — זאָג מיר, נאָטקע, ווי וועט עס
זײַן די רעוואָלוציע? די רעוואָלוציע, אַז מ'וועט דאַרפֿן אַלץ אַראָפּ־
וואַרפֿן...

— האַ? — מאַכט נאָטקע אין פֿלוג און הייבט ווידער אויף דעם
קאָפּ אָפּ אַ האַנט, — דו מיינסט די רעוואָליוציע...

— דעריקער דאַרף מען דאָך אַראָפּוואַרפֿן דעם גרויסן באַלעבאָס,—
מאָטל רוקט זיך צו נעענטער, ציט אויס די ליפּן פֿאָרויס, ווי דער־
מיט וויל ער נאָך נעענטער די ווערטער דערלאַנגען צו נאָטקען, און
שעפּטשעט שטיל,—דעם קייסער אַראָפּוואַרפֿן... איז ער דאָך אין פּעטערבורג: וועלן מיר אַלע סאָציאַליסטן דאַרפֿן פֿאָרן צו דער רעוואָ־
ליוציע קיין פּעטערבורג?

— ניינ! — זאָגט נאָטקע אויפ נעוויכ, — וואָס עפּעס פּאָרנ אהינצו? יעדערער אפּ זײַנ אָרט: די פּעטערבורגער וועלנ מאכנ די רעוואָליוציע דאָרטנ, אונ מיר — דאָ... דאָ איז אויכ פאראנ וועמענ אראָפּצוּוואַרפנ...

— דעמ גובערנאטער אונ דעמ פּאָליצמייסטער... אונ דערנאָכ נעמענ מיר זיכ פאר די פאבריקאנטנ...—זאָגט שוינ מאָטל פאר זיכ, אונ קוקט ווידער אינ הימל אריַינ דורכ זײַנע אראָפּגעלאָזטע ברעמענ.

נאָטקע קערט זיכ אומ מיטנ פּאָנעמ אראָפּ, גריבלט מיט די פינגער אינ געדיכטנ גראָז, צופּט אונ צופּט אייַנציקע סאמעטענע גרעזעלעכ אונ פארוואונדערט זיכ, וואָס יעדע אייַנציקע, אנ אויסגעפּליקטע, באַ אימ אינ די פינגער זעט אויס טונקל, אונ אלע אינײַנעמ, וואקסנדיק אינ קנויל, ווי האָר אפּ א קאָפּ, זעענ אויס גרינ.

— נאָטקע! — רופט אָנ שוינ ווידער מאָטל. — נאָטקע, אונ אז מ׳זאָל אונדז איצט כאַפּנ — אונדז בײדנ פארנעמענ דאָ אפּנ אָרט, וואָס וועט מענ אונדז טאָנ? פארשיקנ אינ סיביר?

— פארוואָס פארשיקנ? דו רעדסט עפּעס הײַנט, ווי א קינדעלע... דו האָסט, אפּאָנעמ, גוט אָפּגעבאקט דעמ קאָפּ פונ דער זונ—רעדסטו..

— וואָס ביסטו ברויגעז?

— אז דו זאָגסט: פארשיקנ... פארוואָס פארשיקנ?.. מע וועט אונדז גאָרנישט ניט טאָנ, — האקט אָפּ נאָטקע זיכער.

— וואָס הייסט גאָרנישט? אזוי ווילסטו? סאָציאַליסטנ פארשיקט מענ...

— אונ ווער ווייסט דאָס? אפּנ שטערנ באַ דיר איז ניט אָנגעשריבנ, אז דו ביסט א סאָציאַליסט... מיר ליגנ זיכ דאָ אפּנ בערגל... געשפּאַצירט, זיכ אָנגעגאנגענ א סאכ, ליגנ מיר דאָ איצטער אונ רוענ אָפּ... אונ טאָמער וועט מענ אונדז אפילע ארעסטירנ, וועט מענ אונדז פונ טורמע דערנאָכ ארויסלאָזנ...

— „זיי” ווייסנ טאקע ניט, ווער ס׳איז א סאָציאַליסט...—איז מאָטל צופרידנ: זאָלנ „זיי” זוכנ—אינ קאָפּ, אינ הארצנ באַ מיר, וואָס איכ טראכט... אונו—זוכט! זו־ארובט!.. — אונ ער האָט צערודערט עפּעס גענומענ זוכנ אינ די הויזנ־קעשענעס, אינ רעקל אונ דערנאָכ אינ א פארגעסענער בוזעמ־קעשענע פונ וועסטל...

ער איז בלײַכ געוואָרנ. ער האָט זיכ גענומענ רוקנ אונ דערנעענ־

טערנ צו נאָטקענ, האָט מיט א האַנט ארומגענומענ זײַנ קאָפּ, אָנגע־ווענדיט זײַנס אנ אויער זיכ צומ מויל און אימ ארײַנגעדרוימט:

— באַ מיר וועט מענ געפינענ... כ'האָב א ביכל פּאַרטראָגנ א טרייפנ... אז א שנײַדער זאָל מאַכנ בוזעמ־קעשענעס אינ א וועסטל— פאַרגעסט מענ...

— ביסט א גוילעמ! וואָס דיר שנײַדער? — האָט זיכ נאָטקע געבייזערט:—ווער גייט עס אפּ א סכאָדקע מיט טרייפע זאַכנ? ברענגענ מיט זיכ א פּאַספּאָרט, ווער דו ביסט... דו האָסט ניט געקאָנט איבער־לאָזנ ערגעצ? ווי איכ טו...

— פאַרגעסנ אמאָל,—מאַכט מאָטל פאַרשולדיקט,—כ'האָב געײַלט..
און איצטער קאָנ עס זײַנ ניט גוט פאַר אלעמענ... איכ אליינ וואָלט שוינ ניט אויסמאַכנ: גייט מענ זיכ דורכ אינ סיביר — איכ האָב פאַר קעלט קיינ מוירע ניט...

— וואָס האָט דיר הײַנט פאַרסיבירעט?..

— אָבער עס קאָנ עפּשער שאַדנ אלעמענ... נאָטקע! עפּשער זאָל איכ אפּגיב אוועקגיינ פונדאַנענ?

— און מיכ וועסטו לאָזנ אליינ... נעמ וואַרפ עס ארויס! — זאָגט נאָטקע שוינ רויק,—אָדער—א שאָדנ! באַהאַלט ערגעצ ביזוואַנענ מיר זײַנענ דאָ, און אז מירנ גיינ אהיימ, וועסטו דאָס צונעמענ און אוועק־גיינ — שוינ אליינ... טו א שפּרונג צומ פעלד, און אינ א בייט פאַר־שטעק, אָבער מאַכ א סימענ — דו זאָלסט וויסנ ווו צו זוכנ נאָכדעמ...

— און עפּשער אונטערנ קוסט? איכ וועל א קוק טאָנ, — לייגט פאַר מאָטל.

2

ווײַט ארומ האָט מענ קיינעמ ניט געזענ. זײַנענ ביידע האַסטיק אוועק צומ קוסט. אז זיי האָבנ זיכ דערנענטערט, האָבנ זיי דערזענ, אז אייגנטלעכ זײַנענ דאָ צוויי קוסטעס, מיט א שמאָלנ שטעגעלע צווי־שנ זיי, ווו מ'האָט געקאָנט דורכגיינ איינציקווײַז און זײַטיק. איז מאָטל אוועק אנ ערשטער. אינ א פּאָר טריט ארומ האָט ער דערזענ דעמ צעוואַקסענעמ בוימ, וואָס האָט זיכ דערהויבנ מיט א פלאָנטער פונ געדיכטע צווייגנ איבער די קוסטעס. אפּ די דיקע, אויסגעקרימטע און צעשפּרייטע וואָרצלענ, וואָס האָבנ דאָ און דאָרטנ פונ דער ערד

אויסגעשטארצט, ווי ברייטע שטיקער קנאָכן פון אונטער א צורעק — איז צונויפגעדרייט, הענט און פיס און קאָפּ צוזאמען, געלעגן און געדרימלט מענאשקע דרייפוס. מאָטל האָט זיך אויסגעדרייט און דערשטויסן א קוק געטאָן אף נאָטקען.

אופגערודערט, האָט מאָטל בייז זיך אָנגעוואָרפן אף מענאשקען, האָט מיט א שוך אים א שטויס געטאָן אין די ווייכע ערטער:

— דו! וואָס טוסטו דאָ? וועלכע שיירים האָבן דיך אָנגעטראָגן אהער?

מענאשקע האָט הערשראָקן צעעפנט די אויגן, האָט זיך האסטיק אופגעזעצט און ארומגעקוקט, און האָט זיך צעשמייכלט.

— וואָס לאַכסטו?—האָט זיך מאָטל נאָך מער צעבייזערט, — וואָס טוסטו דאָ?

— מאָטל, וואָס טוסט דו דאָ?

— איך? — האָט מאָטל שטרענג איבערגעריסן: — איך שפּאַציר... דו פארשטייסט וואָס איך זאָג... איך שפּאַציר דאָ: און דו?

— איך שפּאַציר נאָך... כ'ניב אכטונג, ווי שפּאַצירט איר דאָס ארום... — האָט מענאשקע זיי געררייצט.

— אכטונג געבן!? אף מיר? אף אונדז? — מאָטל האָט א שלײַדער געטאָן מיט א צונויפגעדריקטן פויסט, נאָר נאָטקע איז גראָד ארויסגעשפּרונגען פאָרויס, האָט מיטן פוס א זעץ געטאָן אין דיקן וואָרצל פון בוים און האָט זיך צעשריִען:

— דרייפוס, אוועק פונדאנען! גלײַך טראָג אָפּ דײַן זעקל ביינער... וואָרעם מירן דיר די אנדער פוס אויכעט אויסדרייען... נאָכגיין?... אויסקוקן?!.

מענאשקע האָט זיך שוין לאנג אופגעשטעלט, איז קרום געשטאַנען אף ביידע פיס און געבלענצלט מיט ביידע אויגן:

— נאָטקע, הער אויס — איכל דערציילן... הער. נאָטקע...

— איך וויל גאָרנישט הערן, — האָט זיך מאָטל געהיצט, — הערן אים? מ'דארף אים פריִער די ציין אויסשלאָגן, און דערנאָך זאָל ער דערציילן...

— איך בין פאר אײַך...—האָט מענאשקע געשטאמלט,—נאָטקע, האלט אים אופּ א ווײַלע, מאָטלען — ער איז דאָך א ווילדער... כ'בין פאר אײַך...

— וואָס פאַר אײַך? ווער בעט אים זײַנ פאַר אונדז?.. — האָט מאָטל געטײַנעט צו נאָטקענ, — זאָג מיר, וואָס איז דאָס? ווי קומט ער אַהער? איכ וויל אים די פּיס אויסדרייענ!.. ער זאָל ניט נאָכגייענ אומעטום — אַזאַ לײַדיקגייער.

נאָטקע האָט מיט דער לינקער האַנט אָפּגערוקט מאָטלענ און מיט דער רעכטער האָט ער פּעסט אָנגענומענ מענאַשקענ פאַר אַ קליאַפּע פונ רעקל, גרייט יעדע ווײַלע אופצוהייבנ אים, און אופהייבנדיק, אָפּשלײַדערנ אים אַפּ מײַלנ ווײַט...

— איכ זאָג דעמ עמעס, — זאָגט מענאַשקע, — איכ בינ נאָכגעגאַנגענ נעכטנ...

— נעכטנ! — האָט זיכ מאָטל אָנגעוואָרפּנ. מענאַשקע האָט אַ ציטער געטאָנ.

— איכ דערצייל דעמ עמעס. זאָל ער שווײַגנ... נעכטנ בינ איכ נאָכ אײַכ נאָכגעגאַנגענ, איר האָט ניט געזענ, נאָכגעגאַנגענ שטילינקערהייט, איכ זאָג דעמ עמעס...

— פאַרוואָס ביסטו נאָכגעגאַנגענ? זאָג, פאַרוואָס — ניוזשעק אײַנער! — האָט מאָטל ווידער איבערגעריסנ מיט צאָרנ.

— ווײַל איכ האָב אײַכ דערזענ אינ קאַרפּאַטינקע אַזוי פרי, און איכ האָב פאַרשטאַנענ נאָכ אײַכ, אַז איר זוכט עפּעס אַ באַהאַלטענעמ ערטל... זאַלבעדריט זײַט איר געגאַנגענ — אַלטער איז אויכ מיט אײַכ געווענ...

—אוי־או! — האָט מאָטל זיכ אָפּגעקערט, קרעמפּנדיק מיט די פויסטנ.

— וויבאַלד אַ באַהאַלטענעמ ערטל זוכט איר, האָב איכ געמיינט, אַז דאָ איז עפּעס — מיט אַ מיידעלע... איר ווילט באַהריט פאַרפירנ אינ ערגעץ אַ מיידל...

— טפו, זאָל ער ווערנ! — האָט מאָטל אויסגעשפּיגנ.

— נו, גיכער, ווײַטער! עפּשער גאָר?—האָט נאָטקע אים געיאָגט.

— וויבאַלד אַ מיידעלע, האָב איכ גענומענ טשיקעווענ... און הײַנט — איכ זאָג דעמ עמעס, האָב איכ אײַכ שוינ געטשיקעוועט פונ דער היימ אָנ. זע איכ, אַז בא אײַכ איז עפּעס ניטאָ גאָר קיינ מיידל... האָב איכ שוינ געוואָלט אוועקגייג — מײַנע דײַגעס... ערשט: איכ דערזע — די סטודענטנ גייענ — איז — עפּשער טשיקעוועט איר אַפּ

די סטודענטן מיטן מיידל?.. דערזע איך דערנאָך — דאָוויד גייט... נו, בלום, דאָוויד דער געקרײַזלטער מיט זײַן מיידל, מיט דער גינזבורג, און מיטאַמאָל — גייט מאַטעס דער אײַנבינדער, כאַיִם ראַבלס און באַרעב, איסאַק — די גאַנצע כעוורע, אַלע... האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז — אַנדערע זאַכן...

— וואָס פֿאַר אַ כעוורע? וואָס האָסטו פֿאַרשטאַנען? וואָס פֿאַר אַ אַנדערע זאַכן? — איז מאָטל נאָך מער צערייצט.

— דו מיינסט, איך פֿאַרשטיי ניט?—האָט מענאַשקע פֿאַריבל,—דו אַליין ביסט דער פֿאַרשטייער... כ'פֿאַרשטיי אויך... די זאַכן, וואָס... אַנטקעגן קייסער... וואָס סטודענטן ווילן... און אַרבעטער ווילן איצטער...

— דו פֿאַרשטייסט ניט, און דו האָסט גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען... דו הערסט?—טײַנעט מאָטל,—דו האָסט גאָרנישט ניט געזען און קיינעם ניט געזען! — שרײַט ער אויס מיטאַמאָל: דו ביסט בלינד, און דו זאָלסט זײַן אויך שטום!.. — און, ווענדנדיק זיך האַסטיק צו נאָטקען, מאַכט מאָטל היציק, — מ'דאַרף אים פֿאָרט געבן איבערן קאָפּ! וואָס טויגן דאָ די קונצן? פֿאַרלאָזן זיך אַף אים...

— דו האָב ניט קיין מוירע...—מאַכט מענאַשקע,—קיין מוירע האָב ניט פֿאַר מיר... איך זע און הער אונטער און כ'ווייס מער פֿון דיר, און איך מאַך אַ שווײַג... ס'וועט קיינעם ניט שאַטן פֿון מיר...

— ניט שאַטן?..—האָט אים נאָטקע אַ ריס געגעבן פֿאַרן קליאַפּע און שטאַרק אַ טרייסל געטאָן: דו מיינסט מיט אונדז שפּילן קאַטאָוועס: שאַטן, ניט שאַטן...

— האַ־אַ? האָסטו שוין וועמען געזען?.. — האָט אים מאָטל אָנגעכאַפּט פֿעסט פֿאַרן אַקסל,—דו וועסט פּלאַפּלען? געזען דאָווידן, געזען איסאַקן, געזען... מירן...

— האָב איך קיינעם ניט געזען... לאָז צורו. נאָר איר דאַרפֿט ניט מוירע האָבן... מענאַשקע ניט אָף די אַנדערע פּוס, די געזונטע, אויב פֿון מיר צי איבער מיר וועט עמעצן שלעכטס אַרויסקומען! וועמען זאָג איך דאָס, אַז איך האָב געזען דאָווידן... איך וועל אים אַליין פֿאַרהיטן, אַזאַ טײַערן באָכער! מײַן קאָפּ וועל איך אָוועקלייגן פֿאַר אים, פֿאַר זײַנס אַ האָר זאָל ניט געמינערט ווערן... אַזאַ טײַערער מענטש!

מאָטל און נאָטקע האָבנ א ווײַלע אָנגעקוקט זײַנ ערנסט צערודערט פּאָנעם, די אויגנ, וואָס זײַנענ איצט פֿײַכט געווענ, און זיי האָבנ אים אָפּגעלאָזט.

— מענאשקע, ווענ וועסטו שוינ ווערנ א מענטש? אנ ארבעטער? שטעל זיכ ארהבעטנ און גענוג דיר האָלדרעווענ...

— אז איכ בינ א קראנקער...—האָט מענאשקע פּארדראָסיק געזאָגט.

נאָטקע מיט מאָטלענ האָבנ זיכ א ווײַלע שטום אָנגעקוקט איינער דעמ אנדערנ, ווי דורכ די בליקנ זיכ מעיאשעוו געווענ.

— אנ אופּגאָב דארפּ מענ אימ דערוויַל געבנ!..—האָט אימ מאָטל א שטעק געטאָנ מיט א האנט אינ ברוסט: זאָל ער וויסנ, אז מיר האָבנ הענט... און ווי וואָס, באקומט ער בא אונדז בארע מעזומאָנים... מענאשקע, געדענק דאָס גוט!

— איצטער טראָג זיכ אָפּ!.. — האָט נאָטקע שטרענג א זאָג געטאָנ און דערבײַ אימ אָפּגעשטויסנ פונ זיכ — זאָלסט אונדז מער ניט טשיקעווענ... טשיקעווע דיר דײַנע מיידלעכ... געדענק: דו האָסט גאָרנישט ניט געזענ... און אויב נאָר א פּיפּס, ביסטו פּארטיק מיט די פּאָטרעכעס — אָנ קונצנ... און פּארגעס אלצ...

כ'האָב שוינ לאנג פּארגעסנ...—מאכט מענאשקע נעבעכדיק, — מײַנע דײַגעס... איכ האָב דאָ נאָר א דרעמל געכאפּט — זייער אָנגעמאטערט זיכ אפּנ זונ איבער אײַכ...

ער איז אוועק צווישנ די קוסטעס, איינ פּוס געשטעלט פּעסט און דאָס אנדערע געדרייט אינדערלופטנ, פונ די קוסטעס ארויס, האָט ער זיכ צוגעשטעלט.

— איר זאָלט אויכ פּארגעסנ. איכ בינ דאָ גאָרניט געווענ... און אָנ מוירע...

ער איז שנעל אוועק מיטנ לאָנקע, שטארק באוועגט די שמאָלע אקסלענ און שווער אומגעוואָרפנ מיט די הענט, ווי ער וואָלט אינ טיפע וואסערנ גענומענ רודערנ, צו שלעפּנ זײַנ קראנקע פּוס.

3

מאָטל און נאָטקע האָבנ א ווײַלע צוגעקוקט שטומ ווי ער דערווײַטערט זיכ.

— עפּשער גיט באַראַפט אים אָפּלאָזן — אָפּהאַלטנ אים כאָטש דערווײַל... ביז מ'וועט ענדיקנ דאָרטנ...— האָט זיך מאָטל א כאַפּ געטאָנ און גענומענ יאָגנ.

— ע־ע...— האָט נאָטקע א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, — מאָטל, גיי צוריק!

— נו, גייג באַהאַלטנ? — האָט מאָטל זיך גענומענ פאַר זײַנ בוזעמ־קעשענע.

— גיט קעדנ שוינ...— האָט נאָטקע לײַכט געפּאַסקנט,— ער האָט פונ דער וועסטל־קעשענע אַרויסגענומענ זײַנ זייגערל, — שוינ שפּעט, מע ענדיקט שוינ געווים... קומ.

זיי זײַנענ צוריק אַרויס אױפנ בערגל. פאַרנומענ מיט מאַכשאָוועס יע־דערער אַפּ זײַנ שטייגער, האָבנ זיי אַרומגעשפּאַנט יעדערער באַזונדער. שטילער גלאַנצ האָט זיך געשפּרייט און געווייט אינ דער לופט אַרומ. פעלד און לאָנקע האָט זיך יונג און פריש אינ קאָלירנ געהויי־דעט. און וואַלד אינ דער זײַט, אינ עלטער באַבערדיקט, האָט וואַכ גע־האַלטנ, מיט מאַכשאָוועס אָנגעלאָדנ.

נאָטקע האָט אַנ ערשטער זיך צוגעזעצט. איז מאָטל צו אים צוגע־גאַנגענ:

— טרעפ, וועגנ וואָס רעדט מענ דאָרטנ הײַנט: וועגנ סאָציאַליזמ צי וועגנ רעוואָליוציע? איך וועל שוינ אַרײַנגיינ צו כאַנקענ, וועט זי מיר אַלצ איבערזאָגנ...

— איכל גייג צו זאַלמענענ — ער האָט א גוטנ זיקאָרנ...

פונ וועלדל האָט זיך באַוויזנ אַלטער, האָט צו זיי גענומענ ווינקענ.

זיי האָבנ צו אים צוריק געווינקט און די הענט צעפירט, געוויזנ, אַז ס'איז קיינער גיטאָ. אַלטער האָט דעמלט שטאַרק א הוסט געטאָנ, און פונ אַהינטער אים האָבנ זיך באַלד באַוויזנ דאָנ און מאַטעס. אָפּגייי־ענדיק פונ וואַלד א ביסל אינ דער זײַט, האָט שוינ דאָנ די הענט פאַר־לייגט אַהינטער זײַנ לאַנגנ סורדוט, און מאַטעס האָט א האַנט פאַרלייגט אינ קעשענע פונ ראָק, און מע איז צוזאַמענ אַוועק, געלאַסנ און געמיטלעך געשמועסט.

— אָט איז דיר א נײַע טוירע אָנגענומענ הײַנט...— שמייכלט דאָנ.

— נײַע צײַטנ, נײַע טוירעס... א טוירע איז דאָס אַ גרויסע... —

מאכט מאָטעס ערנסט, — א טוירע אפ צו קלוג זײַנ! — טוט ער א פינקל מיט די אויגנ.

א ווײַלע נאָכ א ווײַלע זײַנענ אלצ נײַע פּאָרלעכ ארויס פונ וואלד פּארבײַ אלטערנ, וואָס פלעגט זיי, קענטיק, אָנשעפּטשענ, וווּהינ זיכ ווענדנ.

— די עלטערע לאָזט מענ אדורכ פריער...—באמערקט מאָטל.

— אונ אָט גייענ שוינ די סטודענטנ, — ווײַזט אָנ נאָטקע.

אינ א לאנגער ווײַלע ארום, נאָכ דאַווידנ מיט סלאווענ אונ כאנקענ, האָבנ פונ וואלד מיט א ליארמ זיכ ארויסגעשאָטנ מיטאמאָל זאלמענ, מענדל, איסאק, באָרעכ, ליזע, אונ כאימ, אונ נאָכ אונ נאָכ מונטערע אונ האָפערדיקע.

— אלע? — האָט אלטער געפרעגט.

— אלע. קומ אויכ.

זיי אנטקעגנ זײַנענ געלאָפנ מאָטל אונ נאָטקע — צופרידענע אונ פריילעכע.

— כעווּרע, צעטיילט זיכ אינ באזונדערע וועגנ, — האָט מענדל מיט שמייכל געוואָרנט.

XIV. זובאטאָוו

1

איסער איז געווענ פינקטלעכ, איז געקומענ צו דער אָפּגערעדטער צײַט, אונ דאָס האָט גלײַכ א גוטנ אײַנדרוק געמאכט אפ דאַווידנ. פינקטלעכקײַט, האָט ער געמיינט, איז: ערנסט, זעלבסטווירדע אונ — א סימענ פונ א שטארקנ ווילנ.

דאַוויד האָט אימ פונדערווײַטנס נאָכ אָנגעקוקט שארפ אונ דורכדרינגענדיק, ער האָט אימ א האנט דערלאנגט, אונ א היפּשע ווײַלע אָפּגעוואַרט שטיל אָנ ווערטער, אונ ווידער אָנגעקוקט אונ באטראכט — זײַנ אויסזענ, זײַנ הילעכ אונ זײַנע מאנירנ, ווי ער וואָלט אימ אומבאקאנט געווענ. אָט די שטענדיקע טעווע זײַנע קורעמקאָל צו באטראכטנ א מענטשנ אויסערלעכ, ווי א שארבלאט פונ א בוכ, האָט זיכ איצט אנטפּלעקט נאָכ בוילעטער, אונ איסער האָט גלײַכ דערפילט, אז „מע שטודירט אימ“. האָט ער שטיפעריש־פריילעכ צעקנייטשט זײַנ פּאָנעמ אינ

550—13

שמייכל און האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער מאָרנע צופּרידן: „אַזוי, אַזוי... גאַנץ גערעכט... מ'דאַרף זיך צוקוקן".

— גו, זעצט זיך! — האָט דאָוויד צולעצט אָנגעוויזן אָפּ אַ שטול.

— וואָס, געענדיקט? — האָט איסער געשמייכלט, און זיך ניט גע־זעצט.

— וואָס געענדיקט? — האָט דאָוויד דערשטוינט געפרעגט.

— אַרומקוקן מיך... — האָט יענער זיך אָפּגן צעלאַכט.

— האַ־אַ — האָט דאָוויד אויך צוגעשמייכלט, האָט זיך גערוקט צעטומלט, און האָט באַלד דערפילט נאָענטקייט צו זיין איינפאַכקייט.

— וואָס איז די אַוולע? — האָט איסער געלאַכט, אַרויסגעשטעלט פריילעכע ווייסע ציין צווישן די דינע ליפּן. — היינטיקע צייטן איז אַ מענטש... מענטשן זיינען מאַטעריאַל... מאַטעריאַל צו געציייג אין דער אַרבעט... און מאַטעריאַל און געצייג דאַרף מען אַפּריער באַטראַכטן, איידער מ'נעמט זיי צו דער אַרבעט...

דאָוויד האָט אופגעהויבן די אויגן, האָט זיך איינגעטראַכט אין די ווערטער און זיך צוגעהערט צו אַ שטים אַ פעסטע און איבערצייגט־באַגייסטערטע.

— אין דעם פאַל איז עס ניט גאָר אַזוי — איר זייט שוין ניט קיין מאַטעריאַל, און איך בין ניט... קיין מייסטער... — האָט זיך דאָוויד צעלאַכט.

— איך אָפּ אייך קוק אויך אַזוי, — האָט איסער גוטמוטיק גע־שמייכלט, — וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל זייט איר... ניט דערפאַר, וואָס איך האַלט זיך פאַר אַ מייסטער, און אייך — פאַר דאָס מאַטעריאַל... יע־דערער פון אונדז איז אַ מייסטער, אויב ער שטייט ניט פאַרעוויינטן, נאָר ער שטייט האַרט באַם ראָד און דרייט איר די ראָד... און מיר זיינען אויך די שרויפן און די פרענטלעך אין דער ראָד, — האָט ער זיך צעלאַכט, — שוין אַ פאָר יאָר, זינט מיר האָבן זיך געזען...

דאָוויד האָט געשמייכלט, ווייל איסער האָט געשמייכלט, ווייל זיינע קלוגע אויגן זיינען אַזעלכע גוטע, לוסטיקע און היציקע. זיין טונקל מאָגער פּאָנעם מיט די איינגעדאַרטע באַקן זיינען ווי פון שטאָל אויסגעגאָסן אין אַנטשלאָסנקייט.

— דער אונטערשייד איז, — האָט ער אין אַ ווילע אַרום צוגע־געבן, — וואָס איך — אייך דאַרף ניט לאַנג באַטראַכטן... ער האָט אָפּגן

געשמייכלט—איכ ווייס אלצ וועגנ אײַכ, כּימעט אלצ... אָבער איכ—קומ ערשט פונ זובאַטאָווו — מוז מענ א טאָפּ טאָנ... וועגנ אײַכ האָט בעוורע דערציילט, די האָדעוואַנקעס אײַערע, אונ גוטע האָדעוואַנקעס! טײַערע בעוורע! אונ איכ קענ אײַכ פונ אמאָל — כ׳געדענק: איר האָט דאָ די ארבעט אָנגעהויבנ, געשאַפנ א גאַנג.

ער האָט א ווײַלע ארומגעשפּאַנט איבערנ צימער — א הויכער, א שטאַלטיקער, מאָגער, אונ לײַכט אינ די באַוועגונגענ, אונ שטאַרק אונ פעסט אינ זײַנע געמאָסטענע טריט.

— מיר דערציילט אויכ בעוורע וועגנ אײַכ...—שמייכלט דאָוויד.

איסער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אנטקעגנ דאָווידנ:—נו, געוויס—איכ פארשטיי... פאר די פּאָר וואָכנ, וואָס איכ בינ דאָ, האָב איכ זיכ גענוג אָנגעהערט. בעוורע גייט צו מיר. בעוורע וויל זיכ אויסלערנענ בא מיר, וויאַזוי מע זיצט אינ טורמע... כאַ־כאַ... מאָטל האָט שוינ א גרויסע פולע פונ מיר: זיכ אויסגעלערנט דעמ טורמע־אַלפבייס, וויאַזוי צו קלאַפּנ אינ וואַנט, ריידנ דורכנ וואַנט... איכ בינ דאָ איצטער א רעבע געוואָרנ—בא מיר איז א גאַנצער כיידער. נאָטקע הייבט אָנ אַלע טאָג פונ אָנהייב: „וויאַזוי זיצט מענ דאָס אויס אינ טורמע א יאָר צײַט, מער פונ א יאָר?" מאָטל פרעגט: —„אַז מע נעמט דיכ אַפּנ פאַרהער, מ׳פרעגט דיכ אויס—טאָרפ מענ עפּעס זאָגנ—לײַגנ? צי שווײַגנ? אָדער זאָגנ דעמ עמעס, אונ טו עפּעס"... אַלע טאָג קומט מענ — טײַערע בעוורע! נאָר איר, דאָוויד, גייט ניט צו מיר. נאָר איינמאָל אַרײַנ, קלויי־מערשט פאַרבײַגייענדיק, אָפּגעגעבנ „שאָלעמ" אונ ניט פאַרבראַכט מיט מיר... גוט... גוט, וואָס איר גייט ניט...

— יע, אײַער שוועסטער זלאַטקע האָט מיר נאָכ אמאָל געזאָגט, אַז איכ האָב מיט אײַכ סוידעס...

— א י ר, —האָט איסער באַטאָנט,—דאַרפט ניט גיינ צו מיר... אָט זעענ מיר זיכ איצט... אונ וווּ איז עפּעס ראָכל?

— ראָכל איז אַוועק אונ געלאָזנ אונדז די שטוב אָפּ צוויי שאָ צײַט—וועט אײַכ גענוג זײַנ?

איסער האָט געקוואָלנ.

— איסאַק אונ זאַלמענ אינטערעסירנ זיכ שוינ אינ עפּעס אַנדערש. וואָס מיינט זובאַטאָוו? צי האָב איכ אימ געזענ פערזענלעכ? אונ איכ האָב טאַקע זויכע געווענ, דרײַ מאָל אימ געזענ, נאָר דאָס איז געווענ

שוינ גאָר צולעצט, פריִער האָט מענ מיכ געלאָזט נוט אויסוואַרטנ... לאַנג געוואַרט... פארנומענ האָבנ אונדז אָנגעפּאָרענע שפּיקעס, גיט קיינ הינגע. זיצנ מיר אינ טורמע אונ מע רעדט ניט מיט אונדז, וואַלגערנ מיר זיכ... שטעלט זיכ ארויס, אַז מיר געהערנ ניט צו דער היגער זשאַנדאַרמעריע, מע דאַרפ אונדז פירנ קיינ מאָסקווע... אונ דאַרטנ האָט מענ אונדז צעזייט אונ צעשפּרייט: איינציקווייז ווי א פּאָליציי-צירקל אונ ווי עפּעס א שטײַנ... וואַלגערט מענ זיכ ווידער. עקסטרע — צו ברעכנ אונדזער אקשאָנעס, צעברעקלענ אונדזער ווילנ... זאָל א מענטש צעקראָכנ ווערנ... גיט א פּאַפּיראָס... איכ רויכער ניט, נאָר לאָז גיינ א רויכ... א-א... — האָט איסער מיטאמאָל קרענקלעכ, צעבראָכנ צוגעגעבנ.

2

איסער האָט דעמ פּאַפּיראָס מיט א שוועבעלע געצונדנ — אינדערלופטנ, אינ דער האַנט האַלטנדיק, גענומענ אימ דערנאָכ אינ מויל אַרײַנ, זיכ צעקרימט, אונ מיט א צווייטער שוועבעלע גענומענ אימ ווידער ציגרנ אינ דער האַנט, אונ געוואָרפנ.

— דערפונ וועט גאָרנישט ניט ארויסקומענ — זאָל זײַנ ניט, גערייכערט... מע האָט מיכ געוואָרפנ אונ געשלײַדערט, ווי אינ א קאַפּקאָל: פונ פּאָליציי אינ טורמע, פונ טורמע אינ עטאַפּ, ווידער אינ פּאָליציי, דערנאָכ — ערגעצ אינ א געפּענקעניש, מיט שטאַבעלעס האָלצ אָנגעשטעלט אופנ הויפ, ווי א האָלצ-לאַגער, אונ ווידער אינ א צירקל — מיט שיקורימ, גאַס-מוידנ, גאַנאָווימ, אָדער אַליינ — מיט מײַז אונ וואַנצנ... אונ ניט גערעדט, ניט געפּרעגט, גאָרניט — שלאָג זיכ קאָפּ אָנ וואַנט... א קלאָרער מיינ: צומאָלנ אפ שטויב... אונ דאַנ — פירט מענ מיכ צו אימ... איכ האָב מיכ פאַר זיכ אַליינ דערשראָקנ, ווענ איכ האָב זיכ אינ שפּיגל דערזענ באַ אימ אינ קאַבינעט, באַ זובאַטאָוונ: ווי א שאָטנ אפ דער וואַנט... אונ — אַרײַנגעפאַלנ ווי פונ גענעמ אינ א גאַנײדנ: ניט קיינ קאַנצעליאַריע, ניט קיינ קאַזיאָנע הויז — ארומ א היימלעכע סוויווע, באַלעבאַטיש-געמיטלעכ... אונ דעריקער — ביכער, אָפּענע אונ פאַרמאַכטע שראַנקנ מיט ביכער, ווי אינ א קאַבינעט פונ א דאָקטער...

דאַוויד האָט זיכ געקנײטשט, געקרימט, זיכ אָנגעהאַלטנ אָנ ווענטל פונ א שטול.

— ווי בא א פראָפעסער — פול ביכער ארומ. קוקט מענ זיכ ארומ א היפשע ווײַלע, וואָרעמ מע האָט מיכ געלאָזט לאנגווארטנ, זיכ אָנבידעשנ, באדענקענ זיכ.. אפאָנעמ, אלצ אויסגערעכנט אפריער. צולעצט אונ אומגעריכט, באווײַזט ער זיכ — א זײַדענער יונגערמאנטשיק... זורבאטאָוו! — לאָזט ער זיכ באקענענ. רײַסט מענ אוף די אויגנ: ניט קיינ זשאנדאר, ניט קיינ פאָליצײַמאנ אונ ניט קיינ טשינאָווניק, אָנ בענורלעכ, אָנ קאנטנ, אינאנצנ גלאטיק. א באלעבאטישער יונגערמאנטשיק, א דארינקער, א פלינקער, אינ א געוויינלעכנ רעקל, אינ פענסנע, אונ אזא העפלעכער...

— זיצט! וואָס מאכט איר? ווי איז אײַכ געווענ בא „זײַ" אינ פאָליציי־ציירקל? בא „זײַ" איז אייג באזונדערשטאל פאר אלעמענ גלײַכ: פאר שיקורימ אונ באוווסטזיניקע, אינטעליגענטנ ארבעטער... אונ איכ קאָנ זיי אינ קאָפ ניט ארײַנשלאָגנ, אז מיט באוווסטזיניקע לײַט, מיט אידיישע מענטשנ דארפ מענ זיכ נאָר אנדערש האלטנ, גאנצ אנדערש באהאנדלענ... אכטונג דער אידיי!.. איז עס א פארגרײַזטע, א פארפירנדע אידיי, דארפ מענ דעמ גרײַז אופדעקנ, קלאָר מאכנ, איבערצײַגנ, אָבער ניט איזדעקעווענ זיכ...

— וואָס זאָגט איר עפעס צו אזעלכע ריבורימ? —

...איר האָט דאָכ געווינ גענוג אויסגעליטנ — איכ ווייס. נאָר, ארערדאבע, זאָגט מיר נאָר קאָנקרעט, וואָס האָט אײַכ געקלעמט, וועל איכ גלײַכ הייסנ, מ'זאָל עס אומענדערנ, „אָפשאפנ"...

ווענ מע זאָל זיכ אפ א ווײַלע נאָר אָפלאָזנ אונ פארגעסנ, קאָנ מענ, כאָלילע, מיינענ, אז מע זיצט עס, לעהאווידל, מיט אנ עלטערנ רעוואָליוציאָנער, אָדער לעפאָכעס מיט א מיטפילנדיקנ, וואָס האָט א „יאד" אינ יענע קרײַזנ אונ וויל זיכ אָנעמענ פאר „אידייענ־מענטשנ", פאר באוווסטזיניקע ארבעטער... אָט איז מעט אײַכ מעכאבעד מיט א גוטנ פאפיראָס — רייכער איכ ניט, איז א גלאָז טיי געווינ, עפשער קאווע, אָדער מיסטאָמע צובײַסנ... מ'בעט זיכ, מ'כאנפעט, מע שמייכלט צו...

איסער האָט אדורכגעשפאנט איבערנ צימער, אהינ אונ צוריק, אונ האָט מיט כויזעק געשמייכלט אונ געשאָקלט זײַנ אומרויִקנ קאָפ.

— א כיטרער יונג! — האָט ער זיכ אָפגעשטעלט אנטקעגנ דאָווידנ אונ מאָדנע שטיפעריש צוגעווינקט מיט זײַנע קלוגע אויגנ: א קלונעטשקער — א שרעק! א יונגערמאנטשיק נאָכ, אונ א דורכגעטרי־

בענער! פּלאָנטערט און הרייט, ווײַל מיט די רעוואָליוציאָנערן מאַכן קלוימערשט כאַווערלאַפּ, אויספּלעכטן זיי אין אַזאַ פּלעכטל, אַז ס'זאָל פֿאַר אים אַ לייטער ווערן אַרופֿצושטײַגן און אַרופֿצוקלעטערן העכער און העכער אויף זײַן שטעלע.

— אַ סך האָט איר מיט אים פֿאַרבראַכט? — האָט דאָוויד אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ קרענקלעכן צעקרימטן פּנים, פֿול פֿאַרדראָס און מיטלייד אַזוי פֿרעגט מען זיך נאָך בײַ אײַנעם, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע און טעפּערלעכע אָפּעראַציע.

— פֿאַר מיר איז געווען איבערגענוג... דרײַ מאָל — כ'האָב אײַך געזאָגט. און יעדעס מאָל — באַאַריכעס, ער האָט זיך גענוג מאַטריִען געווען... דאָס ערשטע מאָל מיך אָפּגעהאַלטן אַ טאָג פֿון 12 ביז 10 אָוונט; דאָס צווייטע מאָל — אַ נאַכט אַ גאַנצע, פֿון 8 אָוונט ביז 4 באַגינען. אַז איך בין פֿון אים צוריקגעגאַנגען אין צירקל מיט די צוויי גאַרדאָוויעס בײַ די זײַטן, האָב איך עמעס האַנאָע געהאַט, זיך אָפּגעלעבט און אָפּגעפֿרישט אין דעם שטילן, לויטערן און רויִקן באַגינען. אַ מעכײַע! זומער. ליכטיק. גאַסן שטילע, ליידיקע, הײַזער, קראָמען — רויִקע, דרימלען. אויף איין גאַס, — דוכט זיך טווערסקאַיאַ רופֿט זיך, — האָבן אַ פּאָר עלנטע גאַסן-מיידלעך מיך אָנגעקוקט מיט ראַכמאָנעס. איינע אַ יונגע אַ שטיפֿערישע איז צוגעלאָפֿן צו מיר מיט אַ הויפֿן פּאַפּיראָסן: „נעם רייכערן“! האָב איך זיך צעלאַכט... די גאַרדאָוויעס האָבן זיך דערשראָקן און זי אָפּגעטריבן... „אַ סטודענט!“ — האָט זי דערמיט אַרויסגעזאָגט. דאָס האָט זי געמיינט: ניט עפּעס אַ בראַדיאַגע, נאָר — אַ פּאָליטישער... זי האָט עס אָפּאָנעם אויסגעדרונגען דערפֿון, וואָס די גאַרדאָוויעס האָבן זיך דערשראָקן, ווען זי האָט זיך דערנענטערט... אויף נאָך אַ גאַס האָט זיך אַ שיכּור אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אונדז, געמורמלט פֿאַריבלדיק און בייז געטײַנעט: „אײַ, שלימאַזלדיקע „פּאַראַנאָנען“! קיין רו איז גאָר פֿאַר אײַך ניטאָ“... ניט פֿאָטער צו ווערן פֿון אײַך... אין אײַערע מאַמעס! און אין אײַערע טאַטעס פֿערע-טאַטנס פֿאַרבײַסן!“... איז מיר אַזוי גוט געווען אויפֿן האַרצן! אַן אָפֿענע גאַס, לעבעדיקע מענטשן, און צאַפּלדיקע ווערטער... אַזאַ טײַערער באַגינען! כ'האָב אַזוי פֿרײַ און ברייט געאָטעמט און כ'האָב געוואָלט זינגען, שפּרינגען, טאַנצן... איך געדענק עס, ווי איצט — כ'האָב עטלעכע מאָל אין פֿלוג אַזוי דאָס מויל געעפֿנט און געוואָלט אָנזאָגן אין

די גאַסנ... אָנקלאַפּנ אינ די שטילע פּאַרגליווערטע פאַרטאָגיקע פענצ־טער — אָנקלאַפּנ אונ אָנזאָגנ די, וואָס שלאָפנ דאָרטנ אַהינטער זיי, אָנזאָגנ זיי, אַז מירנ אויספירנ — מיר! אונ „ער" וועט דעמ קאָפּ ברעכנ... ס'וועט אימ ניט געלינגענ זובאַטאַוונ די גאַנצע שפּיל זײַנע. ער וועט בלײַבנ א נאַרישער ראַמײַ, וואָס וועט זיכ אַלײנ אָפּנאַרנ... א גאַנצע נאַכט האָט ער זיכ געדרייט, ווי א שלאַנג אַרומ מיר, זיכ געשלענגלט אונ געוואָרפנ דאָס מיטנ בייזנ שלאַנגענ־קאָפּ אונ דאָס — מיטנ גליטשיקנ עק, אונ — ס'האָט גיט גע־נומענ... ער האָט צולעצט דערפילט, אַז זײַנ טירכע איז אומזיסט, דערלאַנגט ער מיר א האַנט — איכ דאַרפ דאָכ נייטיק די האַנט זײַ־נע!.. מיד אונ פאַרצווייפלט זאָגט ער: — „נו, איר וועט זיכ באַדענ־קענ, אונ איכ וועל זיכ באַדענקענ... עפּשער זײַט איר גערעכט... מירנ זיכ נאָכ זענ"...

פונוואַנענ האָבנ זיכ בא מיר קויכעס גענומענ בײַצושטיינ? נאָר איכ האָב דערפילט זײַנ שוואַכקײַט. ער איז אָרעמ־נאַקעט, ניט קיינ גאָט, אונ ניט קיינ נעטשקע אינ האַרצנ, אונ יאָגט זיכ נאָכ זײַנע אייגענע שאָטנס פונ פאָרנט אונ פונ הינטנ: ווײל בא אונדז, בא אַרבע־טער־רעוואָליוציאָנערנ באַקומענ פּאָפּוליאַריטעט, אונ דערופּ בויענ זײַנ קאַריערע... אונ אַז איכ האָב דאָס דערפילט אונ דערקענט זײַנ כאַ־דעווע נעשאָמע, האָב איכ זיכ פונ אימ אויסגעלאַכט. ער איז בא מיר אינ די הענט...

איסער איז האַסטיק צוגעגאַנגענ צו ראַווידנ, האָט אימ פעסט אָנגענומענ פאַר בײדע הענט אונ האָט אימ אַוועקגעזעצט אַפּ א שטול, אונ האָט זיכ אַלײנ געזעצט אַנטקעגנ אימ מיט א באַלויכטענעמ פּאָ־נעמ אונ גלאַנציקע אויגנ.

3

— דעמ ערשטנ טאָג האָב איכ אימ געלאָזט דרײַ—פיר שאָ נאָכ־אַנאַנד האַרשענענ אונ פּריידיקנ,—צעקרימט זיכ איסער.—עס האָט מיר געעקלט, נאָר כ'האָב מיר קוימ אײַנגעהאַלטנ. וואָרעמ גיי פיר דיסקו־סיעס מיט א זשאַנדאַר, וואָס וויל דיכ אַרײַנכאַפּנ אינ די רייד... כ'האָב געמיינט לעכאַטכילע, אַז ער איז נאָר אויסנ — אַרײַנכאַפּנ מיכ... דערנאָכ האָט ער גענומענ מאַכנ זײַנע פּראַקטישע פּאָרשלאַגנ

און שווערט מיר, אז ער איז אויסן נאָר די טויווע פאר ארבעטער — ער וויל אויסגלײַכן דעם וועג — ער איז קימאט א רעוואָליוציאָנער, נאר ער נארט זיך ניט, ער ווייס און גייט מיטן ריכטיקן וועג... אדרעראבע: זאָל איך מיטנעמען דעם בוך, דורכלייענען, און נאָך א בוך קאָן ער מיר געבן — ער וועט הייסן, וועט מען מיך לאָזן לייענען, — וועל איך זען... „דער צאריזם שטערט ניט און האלט ניט אָפּ די פּראָגרעסיווע אנטוויקלונג, און איז אָפּטמאָל אליין דער איניציאַטאָר פון רעפאָרמעס, ווען די צײַט קומט דערצו... דער קאפּיטאליזם אין רוסלאנד איז ניט קיין מוז־זאך... די רעגירונג איז פאר די ארבעטער, האָט ארויסגעגעבן א געזעץ וועגן די ארבעטער אף די פאבריקן“... האָב איך שוין ניט אויסגעהאלטן: —„א טשיקאווע זאך“... זאָג איך, — „יע, יע“ — כאפּט ער אונטער גערן, וואָס ער האָט קוים א וואָרט דערהערט פון מיר. — „ס'איז מיר טשיקאווע, — זאָג איך: לעמײַ דארפט איר אזא טאראראם אָנמאכן? לאָזן כאפּן אין צענדליקער שטעט הונדערטער יונגעלײַט, ארבעטער און אינטעליגענטן, פארשפּארן זיי אין טפיסעס, לאָזן זיי אויסוואלגערן זיך אין שמוץ, לײַדן יעסורים, פירן מיטן עטאַפּ קיין מאָסקווע, און ווידער זיי מאטערן אין פּײַן, און דערנאָך ערשט ארויסרופן זיי אייַנציקווײַז צו זיך אין דער נאכט, און לערנען זיי דעם גלײַכן וועג?.. צו וואָס איז עס אזא קרומער, ווײַטער, שווערער און געדרייטער וועג?“.. איז ער געוואָרן בלאס, די פּענסנע אף דער נאָז האָבן געציטערט און די מאָגערע ליפּן האָט ער פארביסן, אז ס'האָט אים גוט ווי געטאָן, מיסטאמע. ס'איז קענטיק געווען. און איך מאך מיך טאמעוואטע: — „דוכט זיך — גלײַכער, לײַכטער און מ ע ר צ ו ט ר ו י — האָב איך עקסטרע איבערגעכאזערט: מער צוטרוי וואָלט דאן געווען, ווען איר זאָלט זיך דורכפאָרן... איר טוט א פּאָר מיט א געוויינלעכן צוג, ניט מיטן עטאַפּ, צו אונדז אין די שטעט, און שמועסט זיך דורך מיט אונדז, דיספּוטירט — אין שטוב, אף דער גאס... אָדער שרײַבט אין צײַטונג, אין א בוך, אָפן, און מיר וועלן לייענען דרויסן, באקוועם, נאָך דער ארבעט... אדרעראבע — זאָגט, קאָן איך איצט לייענען? א צעבראָכענער, אן אויסגעמאטערטער אין טפיסעס — זאָל איך שטודירן?.. עפּעס א צו מאָדנער אוניווערסיטעט און צו טשיקאווע מעטאָדן פון לערנען!“.. אזוי האָב איך אים א גאָב געגעבן..

דאָוויד האָט ניט געקאָנט רויִק זיצנ און צוהערנ. ער האָט זיכ אופגעשטעלט און זיכ צוגעשפּאַרט מיט אַנ אַקסל צום וואַנט און שווער אָנגעבויגנ דעם קאָפּ.

— דאָס צווייטע מאָל, — הייבט אָנ איסער אינ אַ ווײַלע אַרום, — אינ יענער נאַכט, וואָס איכ האָב אײַכ געזאָגט, מאַכט ער זיכ ניט ווייסטדיק, און הייבט אָנ גלײַכ: — „כ׳האָב באַשלאָסנ דורכצופירנ די זאַכ דורכ אײַכ... איר זײַט פרײַ — די טעג וועט מענ אײַכ פרײַלאָזנ, וואָרעמ איכ האָב גאָר ניט בעדייע צו קוועלנ אַרבעטער פאַר א שטרייק, פאַר זייער באַגערנ צו לערנענ, לייענענ... די פּאָליטיק דאַרפט איר ניט — דאָס איז א פּריצישער אופטו, אינטעליגענטישע באָבע־מײַסעס, און אַרבעטער אינטערעסירנ זיכ מיטנ אַרבעטלויג, מיט דער אַרבעטצײַט... אינ דעמ וועט אײַכ די רעגירונג מיטהעלפנ, די רעגירונג־לײַט זײַנענ אויכ ניט קיינ ווילדע רעשאָים און ניט קיינ אידיאָטנ. מיר קאָנענ אײַכ אפילע שטיצנ מיט געלט — אַפּ קלובנ, ביבליאָטעקנ... הייסנ, אַז מע זאָל ניט שטערנ אַנדערע פאַרזאַמלונגענ... אַגעוו, וואָס דאַרפ איכ אײַכ אויסטײַטשנ? איר אַפּנ אָרט וועט בעסער זענ און פאַרשטייג, וואָס ס׳איז נייטיק... איכ האָב דעמ אײַנדרוק, אַז איר האָט גענוג פאַרשטאַנד, איר זײַט א מענטש, מיט א ווילנ, מיט א כאַראַקטער — איכ פאַרלאָז מיכ אינגאַנצנ אַפּ אײַכ... און אויב ס׳וועט עפּעס קאָשע זײַנ, וועט איר מיר — מיר דירעקט אָנשרײַבנ... די זאַכ איז בא אונדז גאָר א נײַע, וועט איר מיר אָפּטער שרײַבנ, ווי ס׳גייט... די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע נעמ איכ אַפּ זיכ: זיי זאָלנ אײַכ ניט שטערנ... בלײַבט נאָר די אומפּאַראַנטוואָרטלעכע אינטעליגענצ, וואָס וויל אַריבערציִענ די אַרבעטער אַפּ איר צאַד צוליב זייערע אייגענע כאַלוימעס, — וועט איר זיי שוינ דאָרטנ בײַקומענ... און אינ א שווערנ פאַל, וועט איר מיר אָנשרײַבנ, וועל איכ אײַכ עפּשער קאָנענ אויסהעלפנ... דעריקער: איר פירט אײַער עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַרבעט, וואָס קיינער איז ניט דעריקעגנ, און וואַרפט די פּאָליטישע כאַלוימעס. איכ מיינ, אַז מע קאָנ זיכ אינגאַנצנ אַפּ אײַכ פאַרלאָזנ...“

— אַזאַ פּאַסקודניק! אַזאַ מענוול!.. או—או—או!.. — האָט איסער געקרעמפּט פויסטנ און געסקריפּעט מיט די ציינ.

דאָוויד איז אַוועק שפּאַנענ איבערנ צימער, און האָט עפּעס יעדע

ווײַלע אָפגעקלאפט און אָפגעריבנ מיטנ קאנפל אָנ דער פאָדלאָגע, ווי עפעס וואָלט זיכ אים אָנגעטשעפעט און פארהאלטנ. איסער איז אימ נאָכגעגאנגענ און אופגעבראכט געוואָרפנ:

— כ׳האָב מיכ קוימ איינגעהאלטנ, איכ זאָל מיכ ניט אָנוואַרפנ אפ אימ אינ דער שטילער נאכט און בײַסנ, צופנ, רײַסנ... ער מאכט מיכ פאר... או—או!... איכ זאָל מײַנ נעשאָמע פארפלעקנ, פעלשנ אינ מײַנע ברידער, א טייל אָפנארנ און א טייל איבערגעבנ אינ זײַנע בלוטיקע הענט.. האָט מיכ א צי געטאָנ צומ טינטער אפנ טיש, א כאפ טאָנ—און פלעטנ!.. האָב איכ זיכ אָפגערוקט אהינטער, די הענט אינ די קעשענעס באהאלטנ, און דאָרטנ — די פינגער מיט די נעגל געדראפעט, געשניטנ איינע אָנ די אנדערע, ביז ווײ...

—„פע, ס׳איז כאלאָשעס!“—האָב איכ, דוכט זיכ, אויסגעשרײַענ. איכ געדענק ניט, ווי ס׳איז געווענ... „וואָס מיינט איר?“ — כאפט ער זיכ אופ.—„איכ מיינ, אז איר הייסט מיר פאָשעט: באשפײַענ זיכ דאָס פאָנעמ, געדיכט אזוי באשפײַענ, פארכראקענ, און ארויסגייענ אזוי אינ גאס צווישנ מענטשנ... א טוירע, וואָס זאָל געגעבנ ווערנ פונ די הענט פונ זשאנדארמענ, זאָל ארויסגייענ פונ דער שטוב פונ אָכראַנקע, פונ אײַער קאבינעט“... „הא—א?“—האָט ער זיכ אופגעריסנ, ווי א באָמבע, כ׳האָב געמיינט, ער פלאצט... — „אזא טוירע, זאָג איכ,—איז שוינ פאָסל און אומריינ, ווי אנ אויסגעוואלגערטע זוינע...“ ער האָט זיכ אָפגערוקט צו דער אנדערער טיר פונ זײַנ קאבינעט, שטייט זײַטיק, און איכ שיט: — „ווער זאָל זײַנ דער נאָווי? א באפרײַטער פונ טורמע דורכ אײַכ? אומזיסט באפרײַט איר מיכ, עס לוינט ניט דער אייסעק... ס׳וועט זײַנ גאָלע העזעק... א טוירע ווערט אָנגענומענ נאָר פונ א מארטירער! פונ א געשמידטנ אינ קייטנ — איז דער עמעס העל און ליכטיק! פונ א געפײַניקטנ אינ דער שמוציקסטער טפיסע איז דאָס וואָרט זויבער און הילכיק! אָבער צעקראָכענע ווערטער פונ פאנאנדערגעקאָוועטע קייטנ, שמוציקע ווערטער, ווער ברויכט עס אזעלכע שמאָכטעס?.. עס לוינט ניט דער אייסעק... לאָזט מיכ זיצנ אינ טורמע!..“

אזוי אָ האָב איכ אימ אָנגעדעקט און אָנגעדעקט, אז ער איז קוימ פונ מיר פאָטער געוואָרנ צו באגינענ... דערפאר בינ איכ אזוי מונטער און צופרידנ געווענ אינ יענעמ באגינענ אפ די גאסנ. כ׳האָב א

טענצל געוואָלט מאַכנ, כ'האָב... כ'וועל אײַכ דערציילנ אַנ עמעס, באַטש ס'איז עפּשער אַ נאַרישקײַט: אַז מע האָט מיכ אינ מײַנ קאַמער אַרײַנ-געלאָזט אונ דאָס טירל פונ אויסנ פאַרשפּאַרט, האָב איכ געמיינט, אַז איכ ווער מעשוגע פאַר פרייד! אַזאַ נאַכעס! איכ אַליינ אונ די געשאָ-מע—ריינ... האָב איכ זיכ איבערגעקוליעט, מאַמעש זיכ איבערגעקו-ליעט אפנ קאָפּ — צוויי מאָל... אַ כײַעס! אונ גענומענ שפּרינגענ... אונ דערנאָכ — האָב איכ זיכ צעלאָזט מיטנ גאַנצנ קאָל אינ געזאַנג. «Вихри враждебные веют над нами» אונ גענומענ מאַרשירנ איבערנ קאַמער... אונ דערנאָכ ערשט זיכ אַ וואָרפ געטאָנ שלאָפנ.

אַז מע האָט מיכ אופגעוועקט, וואַסער געגעבנ, צי ברויט — די רו-כעס וויסנ זיי! — אונ איכ האָב די אויגנ אופגעריסנ פונ שלאָפ, גע-דענק איכ, האָב איכ געפרעגט: — „ווּהינ”. ווּהינ פירט מענ מיכ?“ ס'האָט זיכ מיר אויסגעדוכט, אַז מע איז געקומענ מיכ אַריבערפירנ אינ בוטירקע, צי מיטנ עטאַפּ קיינ סיביר...

איסער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אַ צערוישטער אונ האָט איטלעכע ווײַלע מיט אַ האַנט געשאַרט זײַנע געשוירענע טונקעלע האָר אפנ קאָפּ, האַרטע, שטעכיקע, וואָס האָבנ גערוישט אונטער זײַנע פינגער— פּאַראַקשנטע אונ ווידערשפּעניקע.

4

איסער האָט זיכ פלוצלינג צעלאַכט.

— איכ האָב געטראַכט אונ געפּלאָנעוועט וועגנ בוטירקע, וועגנ סי-ביר... דרײַ טעג אונ דרײַ נעכט אינ פרייד אונ אינ סימכע. טעג אינ מונטערע האָפענונגענ, נעכט אינ פריידיקע כאַלוימעס. אָט וועל איכ זיכ באַגעגענענ ערגעץ מיט אַלטע באַקאַנטע, מיט כאַווײרים... כ'וועל זיכ ערגעץ אָנטרעפנ מיט נײַע מענטשנ, מיט גרויסע רעוואָליוציאָ-נערנ... באַקענענ זיכ מיט זיי—אינ סיביר זײַנענ זיי געוויס פאַראַנ, לערנענ עפּעס בײַ זיי... איכ וויל נאָר אָפּטרעפנ: וווּ איז בעסער? בו-טירקע, צי סיביר? סיביר, צי בוטירקע? מיטאַמאָל!.. אינ דרײַ טעג אַרומ פירט מענ מיכ ווידער צו אימ... בינ איכ אַ צעבראָכענער גע-וואָרנ. ס'האָט מיר דערווידערט די שטיק, די גוטע אונ בייזע ריידעלעכ, דער קרומער קוק איבער די פענסנע אונ פאַרבײַ די פענסנע, ווענ ער ווערט ברויגעז, אונ דער ביטערער בליק דורכ די גלעזלעכ, וואָס שנײַדנ

טיפ אינ הארצנ, שנײַדנ אונ ראַצנ דאָרט, אונ מאַכנ װוּנדנ. ס'האָט מיר געעקלט פונ די אָנגעװאָרפענע ביכער, זײַנע ביכער! פונ די אוי־גערדיקע פּאַטעלנ אונ די װײַכע קאַנאַפּעס, מיט פאַלשקײַט אונ ראָמאָ־עס אָנגעפילט, פונ די װערטעלעכ פונ די רײנע ליפּנ, װאָס גליטשנ זיכ אַרויס, װי מיט סאַמ אונטערגעשמירט... טפוי! ס'האָט מיכ געקערט גרינ אונ גאַל. נאָר, איכ גײ? — מע פירט מיכ. די פיס פּלאָנטערנ, איכ פיל, אַז די הויט אַפ מײַנ פּאָנעמ ציטערט אונ פיבערט, אונ בײַז אונ אויפגערעגט בינ איכ, װי אַ געפּענטעטער אינ שטײַג. דערנעענטערנ מיר זיכ שוינ צו זײַנ „מאַזלדיקער" װױנונג, פאַרגעס איכ די אונטער־שטע ליפּ אינ מויל אַרײַנ, אונ בײַס אָנ מיט די צײנ, שטאַרק פאַר־קװעטשט ביז װײ, ביז בלוט... אויסגעשפּיגנ עטלעכע טראָפּנ בלוט נעבנ זײַנ אַרײַנגאַנג, אונ געלעמט געמאַכט אַ ליפּ, אַז ס'זאָל שטומענ... שטומענ!..

— „גוט, װאָס איר זײַט געקומענ—באַגעגנט ער מיכ, דער ראַמײַ. אַ בדײרע האָב איכ געהאַט ניט צו קומענ...—הײַנט װעלנ מיר זיכ גאָר זעגענע מיט אײַכ. כ'האָב שוינ אָפּגעשיקט אַ פּאַפּיר, אַז מע זאָל אײַכ באַפרײַענ... כ'האָב אָפּגעגעבנ אַ שריפטלעכע פאַראָרדענונג, אַז מ'זאָל אײַכ הײַנט באַפרײַענ. אונ מ'זאָל אײַכ אַגעװ פאַרלײגנ אַרײַנ־צוגײנ צו מיר"... מײַנ צעװײטעקטע ליפּ האָט ניט אויסגעהאַלטנ, האָט זיכ גענומענ שאָקלענ מיט שפּאָט אונ אויסגעשטאַמלט: „האָבנ זײ בײדע זאַכנ אָפּגעטאָנ אַ ביסל אַנדערש: װעגנ באַפרײַענ האָט מענ מיר אַפילע ניט דערמאָנט, אונ מיקויעכ דעמ װיזיט צו אײַכ—האָט מענ מיכ אָנגענומענ מיט צװײ גאַרדאָװויעס אונ אָפּגעפירט דעמ באַ־שעװנ גאַסט..." ער טוט זיכ אַ קרימ: — „די פּאָליציי טוט אַלצ אַפ איר שטײגער — זאָגט ער מיט אומגעדולד.—איר זײַט פרײַ, הײַנט זײַט איר פרײַ — איר זיצט בײַ מיר שוינ אַ פרײַער. נעכטיקנ װעט איר שוינ הײַנט, װו איר װעט װעלנ... איכ האָב אײַכ טאַ־קע געװאָלט זענ. ערשטנס: איר זאָלט מיר מויכל זײַנ, װאָס איכ האָב אײַכ באַאומרויקט אַ פּאָר מאָל... כ'װײס ניט, װי אײַכ — מיר איז זײער אינטערעסאַנט געװענ צו באַקענענ זיכ מיט אײַכ. נאָכ מײַנע געשפּרעכנ מיט אײַכ האָב איכ זײער פיל איבערגעטראַכט... צװײטנס — איכ װיל אײַכ זאָגנ, אַז איר זײַט גערעכט! איר זײַט גע־רעכט: קומענדיק ערשט פונ מיר, ערשט באַפרײַט פונ טורמע, האַרפּט

איר אײַער טאַקטיק ניט ענדערנ... דערווײַל — ניט... דאָס וואָלט טאַ-
קע געווענ צופיל פאַרדעכטיק: ארעסטירט האָט מענ אײַכ א רעוואָליו-
ציאָנער, א פּאָליטישנ טוער, אונ אינ טורמע, אינ אָכראַנקע, ווי איר
זאָגט, בא זובאַטאָווג זײַט איר געוואָרנ אַנ „עקאָנאָמישער"... דאָס קאָנ
קאָמפּראָמענטירנ די גאַנצע טאַקטיק... איר זײַט פולשטענדיק גע-
רעכט!"

בײַס איכ ווידער מײַנ צעביסענע ליפּ. ביזוואַנענ וועל איכ עס
בײַסנ?..

— „איר פאַרשטייט בעסער די קאָנקרעטע לאַגע. איר זײַט פרײַ.
נעמט איר זיכ ווידער צו דער אַרבעט, ווי געווענ. אײַער טאַקטיק
בלײַבט דערווײַלע די פריִערדיקע, ניט געענדערט. נאָכ מיט מער פריש-
קײַט. אונ אינ א פּאָר מאָנאַטנ ארום, אינ א האַלב יאָר ארום, אינ
דער היים, אפ דער פרײַ, אינ דער אַרבעט, באַדענקט איר זיכ, אַלײנ
פונ זיכ, אַז דער וועג איז פאַלש, ס'דאַרפ נעמענ אַנ אַנדער ווענדונג...
שמועסט איר זיכ דורכ מיט אַנדערע, אונ אַזוי טוט עס זיכ א קער
גראַד אונ גלאַט, אָנ כשאַד אונ אָנ א שפּרענקעלע... ניט אַזוי האָב
איכ אײַכ פאַרשטאַנענ".

„— ניינ! — אײַל איכ צו ענטפערנ, — לאַכלוטנ ניט אַזוי... — אונ
מײַנ צעווייטיקטע ליפּ האָט זיכ מיטאַמאָל צעשאָקלט פונ זיכ, גענומענ
אויסגיסנ איר גאַנצנ וויי אונ ביטער: — ניינ! ניינ! איכ וויל קיינ רע-
בע ניט זײַנ בא אײַכ אינ אָכראַנקע, אונ איר פונ אָכראַנקע זייט ניט
קיינ רעבײַימ בא אונדז אינ דער באַוועגונג... מירנ זיכ טאָנ אונד-
זערס אפ אונדזער שטייגער — בעסער, ערגער — א דײַגע איר האָט...
אונ איר טוט זיכ אײַערס אפ אײַער שטייגער: ארעסטירט! פאַרשיקט!
בינדט! שמידט!"... אונ די ליפּ די אײַנגעביסענע שמאַרצט, פײַערט
מיר... אונ ער אַנטקעגנ שמייכלט... מיר דוכט, אַז אים שמאַרצט אויכ
ערגעץ... שמייכלט ער, הייבט אָנ לאַכנ: „מײַנ אייצע איז — זאָגט ער
אינ שמייכל, — מײַנ אייצע איז, אַז איר וועט ארײַנפאַלנ אַמאָל צו
די זשאַנדאַרמענ אינ די הענט, זאָלט איר זיכ ניט אַזוי היצנ"... אונ
ער לאַכט. איכ מיינ, אַז ער האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס... כ'האָב
אים גוט דערנומענ... לאַכט ער: „היינטיקס מאָל האָב איכ
אײַכ פונ די זשאַנדאַרמענ אויסגעהיט: אַלצ גענומענ אפ זיכ — אויס-
פרעגנ, אויספאָרשנ, אונ אינדערעמעסנ האָב איכ מיט אײַכ גאָר דורכ-

געשמועסט... עפשער ווייס איכ שוינ אזוי אויכ אלצדינג, אייער גאנצנ קרייז... נאָר איכ בינ ניט די אָכראַנקע... איר אונ אלע אייערע דארפט איר טאקע וויסנ, אז זובאטאָוו איז גארניט די אָכראַנקע... זובאטאָוו איז — אנ אידיי!"...

כ'בינ ניט ווילנדיק אופגעשפרונגענ.

— זובאטאָוו איז אנ אידיי! אנ אידיי, וואָס וועט אייכ קלאָר ווערנ מיט דער צייט, אונ איר וועט עס אופנעמענ באַגייסטערט... אז איר וואַרפט מיר אופ „אָכראַנקע", באַליידיקט איר מיכ, נאָר צוליב אנ אי-דיי דארפ מענ איבערליידנ"...—„ס'איז אנ אָנגענעמער ווי צוליב אנ אידיי"... זאָג איכ אים אונטער. אונ מיינ אָנגעביסענע ליפּ שמארצט מיר אזוי!.. ער שלינגט אראָפּ, אונ רעדט. דריי שאָ, פיר שאָ. אינ די גרויסע פענצטער פונ זיינ קאבינעט איז קענטיק, אז דער טאָג גייט אוועק. טוט ער זיכ א כאַפּ:—„יאָ, איכ האָב געזאָגט, אז איר וועט שוינ היינט נעכטיקנ, ווו איר ווילט — וועלנ מיר זיכ זע-גענענ... אגעוו, איר זייט דאָכ א ייִד, האָט איר ניט קיינ וווינרעכט אינ מאָסקווע"... ער רירט אָנ בעקיוונ דאָס אָנגעווייטעקסטע אָרט, טוט א קוועטש דאָס ייִדישע מאָזאָל... ער שאָקלט מיטנ קאָפּ, ער באַדויערט נעבעכ... נאָר איכ האָב אים שוינ דערפאר געגעבנ!..—„נאָר ווייבאלד איר זייט שוינ דאָ אינ מאָסקווע, איז קעדיי איר זאָלט דאָ פארברענ-גענ עטלעכע טעג, ארומקוקנ שטאָט, באַזוכנ מוזייענ, אייכ אינטערע-סירט דאָס געוויס... וועל איכ אייכ, צומ אָנדענקענ פונ אונדזער באַ-קאַנטשאַפט"... ער זעצט זיכ צו צומ שרייבטיש אונ שרייבט עפּעס שנעל אפּ א בלאַנק. — „וויפל?" — הייבט ער אופ די אויגנ דורכ די פענסנע צו מיר, — „וויפל רעכנט איר דאָ פארברענגענ? א דריי, פיר טעג, א וואָכ... אָט האָט איר אייכ א צייגעניש, אז מע זאָל אייכ לאָזנ פראנק אונ פריי פארברענגענ אינ מאָסקווע א וואָכ צייט פונ מאָרגנ אָנ. וועט איר קאָנענ באַטראַכטנ די שטאָט, שפּאַצירנ, באַזוכנ מוזייענ, טעאַטערס... אונ וועגנ דעמ, גלייב איכ, דארפ איכ ניט דער-מאָנענ, אז מיינ קאבינעט איז פאר אייכ אלעמאָל אָפנ, ווענ איר וועט ברויכנ, קאָנט איר צו מיר אריינקומענ... וואָס? איר ווילט גלייכ אהיימ פאָרנ? איז טאקע א שאָד, וואָס איר לאָזט דורכ אזא צופאל... אז איר זאָלט אמאָל וועלנ לאָזנ זיכ קאָסטנ אונ צופאָרנ קיינ מאָסקווע, האָט איר דאָכ קיינ

ווינרעכט ניט — אלס ייִד... נעמט עס און פארברענגט דאָ, וועט איר מיך צו גוטנ דערמאָנענ... נעמט! —שטעקט ער מיר די ציגעניש און מײַנע הענט זײַנענ ווי געשמידטע, רירנ זיך ניט פונ אָרט. — „איך וועל ניט נעמענ!“ —רײַסנ זיך פלוצלינג ארויס ווערטער פונ מײַנ מויל — געפערלטע ווערטער, באַטש צייל זיי אויס: „אײַער געשענקטע וואָך ווינרעכט אינ מאָסקווע דארף איך ניט... איך וועל קומענ אמאָל קיינ מאָסקווע—קומענ מיט רעכטלאָזע יידנ צוזאמענ...“ „מיטנ גאנצנ קאָהאָל“... האָט זיך בא אימ ארויסגעריסנ. „יע! אלע און גלײַך! מיר!.. מיר!.. — מיר ווילנ ניט ווינרעכט אויסדי־צענ, איינ־קוי־פנ, אויס-בעט־לענ... מיר וועלנ נעמענ!.. אונדזערע... אייגענע... רעכט! נו, פארזעצט מיך אינ בוטירקע!.. שיקט מיך ארויס קיינ סיביר!.. סי־ביר!..

די ליפ די אָנגעווייטעקטע האָט זיך מיר צווישנ די ציינ ארײַנגעגליטשט און זי האָט זיך ווידער אײַנגעביסנ — ע־עכ!

ער האָט מיך אָנגעקוקט און אָנגעקוקט, לאנג, לאנג, געווים א פערטל שעָ נאָכאנאנד, אָנגעקוקט שטיל און שטום.

— אדיע! — האָט ער צולעצט ארויסגעזאָגט און איז אוועק. בינ איך פונ אימ פאָטער געוואָרנ, צי ער פונ מיר פאָטער געוואָרנ...

אינ צירקל האָט מענ מיך אינ קאמער שוינ מער ניט ארײַנגעפירט... מ'האָט מיך איבערגעלאָזט אינ קאנצעליאריע אפ א שאָ־צוויי. דערנאָך געהייסנ גיינ. נאָר באלד האָט דער פריסטאוו ווי זיך דערמאָנט, און כיטרע א קוק געטאָנ אפ מיר און געזאָגט: „ס'איז דאָ נאָך א פארארדענונג, אז אויב איר האָט דאָ צו טאָנ עפּעס אינ מאָסקווע, זאָל איך אײַך דערלויבנ צו פארברענגענ דאָ עטלעכע טעג“... — „ניין“— זאָג איך. און כ'בינ אוועק צום וואָקזאל. פינפ-זעקס שאָ זיך אפגעוואלגערט ביז א צוג און, און — גיכער, גיכער! האָב איך אינ דער מאכשאָווע דעם צוג געיאָגט. און דער צוג קלאפּט און הוידעט, און איך ליג און טראכט... איך טראכט: טאקע אזוי — אז עס וועט קומענ די גליקלעכע שעָ פונ דער רעוואָליוציע און מירנ אלע קייטנ צעברעכנ, אלע ראָגאטקעס צעשמעטערנ, אלע „בעזפּראוויעס“ אָפּמעקנ, — פאָר איך גלײַך צו קיינ מאָסקווע אָנקוקנ אמאָל די שטאָט... אנו, דאָוויד, ווענ פאָרנ מיר? איר זײַט אויך א בעזפּראוונער...

— ס'איז שוינ ווייניקער צו ווארטנ... אונ איר זײַט א כוואט, אי־סער, א כוואט!

דאָוויד האָט מיטאמאָל געכאפּט אים דריקנ די הענט אונ ארומגענומענ אים.

ביידע האָבנ געקוואָלנ, זיכ געפרייט אונ געלאכט.

ס'איז ארײַנגעקומענ ראָכל.

— ראָכל, איר זײַט א וווּיל ווײַבל, — האָט איר איסער באגעגנט מאָדנע אופגערוימט.

— וואָס איכ האָב אײַכ אליינ אינ־שטוב געלאָזנ, — אונ איר ווילט געווים טרינקענ טיי?

— ניינ. אײַער כאַיִמ איז מײַנער א כאַווער געווענ אמאָל, נאָר יאָרנ לאנג, אז איכ בינ שוינ ניט קיינ היגער. געארבעט ניט הי.

— אונ איצטער פארבלײַבט איר שוינ דאָ?

— ניינ. מײַנ פאכארבעט איז דאָ ניטאָ. איכ רעכנ, אז איכ וועל דאָ באקומענ א פּאס, אונ רעמלט איז — מאכ נא אָרשו! גלײַכ קיינ ווארשוי... ניט קערנ מיר איצטער צו פאָרנ קיינ ווילנע...— ווענדט ער זיכ שוינ צו דאָווידנ.

— נו, האָט איר זיכ דאָ אײַנגערעדט? — שמייכלט ראָכל צו איסערנ, — איר זײַט אינגאנצנ א צעברענטער, ווי איר וואָלט געזעסנ אנטקעגנ אנ אָפּענעמ אויוונ, וואָס הייצט זיכ... אונ דאָוויד איז זייער צערודערט.

שמייכלט איסער פארמאטערט נאָכ אונ צערוישט.

— ראָכל, אז מע זיצט אָפּ מאָנאטנ לאנג שטומערהייט, אָנ ווערטער, באקומט מענ אנ אפּעטיט צו ריידנ... ריידנ אונ ריידנ! ראָכל, אונ ווייסט איר וואָס נאָכ? גייענ! גייענ אונ גייענ — א טאָג נאָכאנאנד... אבי נאָר מיט וועמענ. כעוורע קומט — גייענ מיר אוועק — מארש איבערנ שאָסיי, איבערנ שליאכ... שאבעס הײַנטיקנ מיט אײַער כאַיִמענ געמאכט א וויאָרסט 20—30... געגאנגענ! ראָכל, גיט טאקע טיי...— אונ ער קערט זיכ אומ צו דאָווידנ. — אונ לעבנ זאָל אונדזער ארבעטער־קלאס! לעבנ זאָל די רעוואָליוציע!

פערטער טייל

I. די זאָרג־באַנק

1

אפנ ראָנ פונ דער גרויסער גאס און ווילנער גאס איז אַמאָל מיט יאָרנ צוריק א ברייטער פרייער פלאצ געווענ. דאָ האָבנ זיכ געקרייצט די אונטערשטע גאסנ מיט די אויבערשטע, ווי מאכנעס פונ צוויי לאַגערנ. טאָג נאָכ טאָג, פארסאָפּעט פונ שווערנ אָטעם און אָנגעלאָדנ מיט זאָרג, פלעגנ כמורנע און אָנגעדרודלט ארופקלעטערנ אהער די אונטערשטע גאסנ מיט זייער בלוט און גוטס. אויווונמאכערס מיט די האמערלעכ אינ ליימ און ציגל פארשפרענקלטע, פאחבער מיט די קורצע פענזלענ און קאפאָטעס אויסגעשמירטע, קאלכערס מיט די לאנגע פענזלענ און היטלענ פארשפריצטע, מויערער אינ לייוונטענע פארטעכער פונ וואפנע צוגעברענט און מיט ציגל־שטויב באשאָטנ, ערדגרעבער מיט די רידלענ אפ די אקסלענ, גלעזער מיטנ קעסטל אונטערנ אָרעמ, סטאָליערס מיט הובלענ און דלאָטעס און די זעקלעכ אפנ פּלייצע מיט א האק אָנגעבונדנ פונ אויבנופ. האָלצהעקער אינ פאָר, וואָס איינער טראָגט די האק אינ האנט פארנ שארפ, און דער אנדערער די לאנגע הוידענדיקע זעג אפנ אקסל, ווי א ביקס געבויגנ. א שלייפער מיטנ שלייפ־שטיינ אפ זיכ אָנגעטאָנ, ווי א יאָכ, און א וועגלפירער, געשפאנט צווייפיסיק אינ קורצנ שפאנ. און יעדנ בלויז מיט שטריק אָנגעדרייט און אָנגעוויקלט אפ די לענדנ איבערנ ראָק, צי מיט א רימענעמ פאס שטארק פארצויגנ, אָדער מיט א קאַלירטנ סורעווג שארפ, צי מיט א געקווייטלט צונויפגעוויקלט פאטשיילקע שטיינ פארגארטלט. וואָס הייסט — נעמט, ווי מע גייט, אָנ געציינ, גאָר מיט הענט און פיס, מיטנ גאנצנ וועזנ, וואָס איז קרעפטיק אונטערגעגארטלט... מיט א שנעלנ גאנג באַרג־ארופ, אלע אינ איינ צייט, גלייכ פונ ערשטנ מיניע,

שטייען זיי אויף פון אונטן אין א געדיכטער פארמאָרעשכווירעטער מאסע, ווי עפּעס א גרויסע לעווייע אָן א מיטע.

אפן ראָג פון דער גרויסער גאס פאר דעם פרייען ברייטן פלאץ שטעלט מען זיך אָפּ — דעם טאָג אנטקעגן. דאָ ערשט זאָגט מען זיך „גוט מאָרגן!" איינער דעם אנדערן. דער וועגלפירער באטראכט די רעדער אפדערגיך—די אייזערנע רייפן ניט אָפּגעשפּרונגען, די „זאוועסקעס" ניט פארלאָרן, טוט ער נאָכאמאָל א שאָקל מיטן קאָפּ צום אוילעם, און פירט דאָס וועגעלע ווייטער—צו די שפּייכלער און צו די קראָמען. דער שלייפער לאָזט אראָפּ דעם שלייף-שטיין, טוט א הוידע דאָס אקסל איינס און צוויי, און הייבט עס אויף ווידער אף אן אנדער אקסל, טוט א ווינק שטום צום אוילעם—דערווייל זיך געזעגענען, און שפּאַנט אוועק איבער גאסן. די איבעריקע זיינען שוין אויסגעשטעלט אין א ריי א לאנגער, מיט פּענעמער פארדייגעטע, מיט אויגן זוכנדיקע און גידיקע:

ארבעט! ארבעט!

איבער הייזער און מויערן, איבער גאסן און דעכער ציילט דער שטאָט-זייגער הויך און הילכיק, פאר אלעמען, צו פערטל און צו פערטל, א שאָ נאָך א שאָ, וואָס מע שטייט און מע וואַרט — ארבעט! ארבעט! און די ריי ווערט ניט קלענער. ס'קומען צו די וואָס האָבן אין ערגעץ פרי פארענדיקט. ס'קומען צוריק יענע, וואָס זיינען מיט עמעצן אוועק באדינגען זיך, און זיינען אפן אָרט אין מעקעך ניט דורכגעקומען. קלייבט מען זיך אין הייפלעך, גייט מען זיך פאנאנדער אייניציקווייז; מע מורמלט אלע צוזאמען, און מע דייגעט יעדערער באזונדער. און די פיס ווערן אָנגעדראָלן פון שטיין א טאָג און וואַרטן, ארומצוטרעטן הין און צוריק פארזאָרגט, אָדער לויפן עמעצן אנטקעגן. און ווען דער טאָג פארגייט, שטייט מען נאָך און מע וואַרט — מיט הארץ-קלאפעניש: אויב ניט היינט, איז עפּשער אף מאָרגן זיך באזאָרגן מיט עפּעס אן ארבעט... אײַלט מען ניט מיטן אוונט אוועקציוגיין פון דעם פלאץ, און אליין, ווי די שאָטנס פון טאָג, אין אונגסט פארשוואונדענעם, צעמישט מען זיך מיט די שאָטנס פון נאכט.

2

ווער האָט עס אויפגעטאָנ א באַנק צו מאכנ?

באַלמעלאָכעס האָבנ צונויפגעטראָגנ ברעטלעכ אונ העלצלעכ. אונ הענט זײַנענ אייגענע, אונ געצײַג לײדיקע, איז גיכ אונ געשווינד פינ אַלעמענס הענט אונ אייגענע געצײַג פארטיק געוואָרנ אונ אײַנגעשטעלט א לאַנגע באַנק—אויסטערליש לאַנג, אַנ אוילעמשע באַנק אפנ ראָנ פונ דער ווילנער גאַס, ווײַט לאַנג איבער דער גרויסער גאַס, קאָנ מענ זיכ אמאָל צוזעצנ אינ קלעמ, צונויפלייגנ די הענט די לײדיקע, אונ מיט אויגנ אומעטיקע, גיריקע אויסקוקנ אונ אויסוואַרטנ — אַרבעט! אַרבעט!

פונ טעג אונ יאָרנ איז די באַנק פונ העכ געוואָרנ אָנגעראַצט, פונ זעגנ — אָנגעקאַרבט, פונ פאַרבנ — באַשפּרענקלט אונ פונ אייל — געפלעקט. ווו א דלאָטע האָט פאַרטראַכט אָנגעקריצט, אונ ווו א האַמער האָט סטאַם אָנגעקלאַפּט... אינ טעג אונ יאָרנ האָט די באַנק א נאָמענ באַקומענ, איר אייגענעם נאָמענ אינ שטאָט:

די זאָרג-באַנק.

די זאָרג-באַנק! אונ דער נאָמענ איז אינ דורעס פאַרבליבנ.

יאָרנ ניט געציילטע זײַנענ אוועק—ווער ציילט יאָרנ אינ זאָרג אונ אינ מי? אונ דער פּלאַצ האָט זײַנ אויסזענ געענדערט. די זעלבע באַלמעלאָכעס — צי זינ, צי טאַטעס, — האָבנ אינ טעג אונ אינ צײַטנ אַקוראַט אַנטקעגנ אויפגעשטעלט א גרויסנ האָטעל, וואָס האָט זײַנע באַלקאָנענ אייגנע איבער די אַנדערע אפּ צוויי גאַסנ צעהאַנגענ, אונ אונטער זיי אפּ ביידע ראָגנ פונ די גאַסנ אויסגעצירט מאַגאַזינענ מיט גרויסע וויטרינעס. עטוואָס ווײַטער, אפנ מיטנ פונ פּלאַצ האָבנ זיי, די זעלבע, אפּנ באַגער פונ „שטאָט" אונ לויט דעמ ווונטש פונ שטאָטגאָלאָווא, אויסגעמויערט דעמ שטאָטישנ טעאַטער — פאַרמורעמט מיט קוילעכדיקע ווינקלעכ, אויסגעברייטערט א פּאַסאַד פונ געהאַקטע שטיינער, אָנגעזײַלט קאָלאָנעס מיט אָנגעהאַנגענע לאַמטערנעס אונ א פאַרשפּיציקט דאַכ מיט א האַרפע, וואָס גלאַנצט שטראַליק אינ טאָג אונ פלאַטערט געהיימ אינ דער נאַכט. אונ אז מע בויט — האָבנ זיי אהינטער זייערע אייגענע פּלייצעס אונ האַרט צומ טראָטואַר מיט די אייגענע הענט אונ מיט זייערע געצײַג, אפנ אָרט פונ אַלטע

באַשיידענע הילצערנע שטיבלעכ ארויסגערוקט אינ דער הייכ צווײ לאַנגע מויערנ, איינס באַם אנדערנ, א ווײַסנ אונ א רויטנ, ביידע דרײַגאָרנדיקע, ברייטלעכ אינ גאַס ארויסגערוקט מיט דירעס, קאָנטאָרנ אונ קראָמענ.

האָט מענ געבויט אונ פארבויט דעמ פלאַצ אינ ביידע זײַטנ גאַס. אונ אינ טעג אונ אינ יאָרנ, צווישנ רישטעוואַניעס אונ געבײַדעס — איז די באַנק נעלעמ געוואָרנ. ייִנגערע קוקנ זיכ אומ אמאָל, זוכנ די באַנק — ניטאָ! נאָר עלטערע באַלמעלאָכעס זאָגנ אייזהעס, אז ס'איז געווענ. געווענ א באַנק, א לאַנגע, אונ אויסטערלישע, אָט דאָ, אפ דעמ אָרט, ווו ס'איז איצט די גאַלאַנטעריי־קראָמ אונ די קאָנטאָר פונ דוליזשאַנס.

3

די זאָרג־באַנק! די זאָרג איז דאָ, אונ די באַנק האלט מענ אינ זינענ...

אונ פונ פרימאָרגנ ביז אָוונט שפעט זאָרגנ דאָ באַלמעלאָכעס, ארבעטער, וואָס די אונטערשטע גאַסנ שיטנ ארויס צו די אויבערשטע — כמורנע וואַרטנ אפ ארבעט אונ זאָרגנ וועגנ פאַרדינסט. צונויפגעפרעסטע פונ די אָנגעמויערטע געבײַדעס, פארוואָרלאָזטע פונ דער פארשווונדענער באַנק, אליינ נאָר מיט דער זאָרג, טוליעט מענ זיכ צו צו א טויבנ ווינקל פונ די לאַנגע מויערנ. אונ מע קוקט זיכ אומ אהינטער, צי פארשטעלט מענ ניט כאָליע א שויפענצטער אָדער אנ ארײַנגאַנג. טרעט מענ ארומ אפ די אייגענע פוסטריט אונ מע קוקט אויס אינ קלעמ: ארבעט! ארבעט!

דער טראָטואַר איז שמאָל געוואָרנ, אונ א געהויבענער באַלעבאָס אונ א מעכטיקער סראָרע ברויכט ראַכוועס. שוועבט דאָ קעסיידער א פאריבל אפ די „שמוציקע“ באַלמעלאָכעס, וואָס „טאָפטשענ“ זיכ דאָ ארומ אינ צענטער שטאָט... וואָס האָבנ זיי זיכ אָנגעקלעפט אָנ די ווענגלעכ פונ די מויערנ — צי איז דעמ קיינ ארבעט ניטאָ פאַר די, וואָס ווילנ? נאָר וואָס מאכט אויס פאריבל, אז די זאָרג־באַנק איז דאָ פונ אמאָל, אונ די זאָרג איז דאָ אנ אייגענע, א לײַבלעכע, איז אינ פרײַענ טאָג שטײַגט אופ אהער א געדריכטע מאַסע, א פארכמורעטע, ווי א גרויסע לעווײַע אָנ א מיטע... שטעלט זיכ אויס אינ א לאַנגער ריי אונ וואַרט: — ווער קומט דינגענ?

לאַנגזאַמ, לאַנגזאַמ, ווי געשפּאַצירט, און גאָר ניט געײַלט — וואַרעמ, אַז מע אײַלט, קאָסט טײַערער... גײט קלומערשט פאַרבײַ אַפ דער צווייטער זײַט גאַס אַ באַלעבאָס אַ ייִד, אַ כאַשעווער הילעכ, גײט און גײט, און טוט זיכ אַ קער צוריק.

— גוטמאָרגנ, ייִדנ! ווער פונ אײַכ איז ליידיק? וואָלט איכ באַר אימ אופגעזוכט באַ מיר אַ שטיקל אַרבעט... אָפּפאַרבנ מײַנ הויז (ער זאָגט ניט אַפילע אַז ס'איז אַ מויער...), נאָר וואָס ביליקער... אויב טײַער, איז ניט קערנ... קאָנ מענ עס אָפּלייגנ...

שווימט און שווימט אַ פרוי אינ פעטנ גאַנג, און דערשווימט קוימ צו דער מיט פונ גאַס, ווי אַ שווערער אָקרענט, וואָס דערגייט ניט צומ סאַמע ברעג... שטעלט זיכ אָפּ כאַשעוודיק. לויפט מענ איר אַנטקעגנ — אַלע. זי שפּרייט אויס די הענט פאַרויס, ווי אַנטקעגנ אַ סאַקאַנע...

— איכ דאַרפ ניט אַלעמענ... גענונג פאַר מיר אַ צוויי—דרײַ... אַ פּאָר צימערנ אויסקאַלכנ און אַ קיכ. אויב איר זײַט ליידיק, איז — הײַנט, אַניט — איז רעכט מאָרגנ... באַ מיר איז ניט געײַלט! נאָר אַז איר וועט נעמענ, זאָלט איר ניט פירנ פונ הײַנט אַפ מאָרגנ... מאַכט עס טייקעפּ — די גרויסע אַרבעט...

רוקט זיכ אָנ שווער און געלאַסנ אַ גרויסער סראָרע, מיט קאַנטנ און קנעפּ, און ברומט פונדערווײַטנס, באַלעבאַטיש באַפעלעריש:

— יעווריי, צו דער אַרבעט! גענונג אײַכ צו קוקנ אַפ פרעמדע מויערנ!.. ווער עס פוילט זיכ ניט — גייט צו דער אַרבעט! אַ פונדאַמענט גראָבנ. אויב „סכאָרנע“, זאָלנ „אייגענע“ „יעווריייטשיקעס“ פאַררינענ. אַניט — נעמ איכ אַרעסטאַנטנ פונ טורמע... איכ וויל אַ גרויסנ מויער אוועקשטעלנ, קאָנ איכ ניט אײַכ אוועקגעבנ דאָס גאַנצע געלט. זאָגט אײַערע „יעווריייטשיקעס“, זיי זאָלנ פאָ באָזשעסקי, ניט באַרײַסנ מעקעכ... אַניט — שרײַב איכ אויס אַרטעלנ מויערער און טעסלער פונ ריאַזאַנ און קאַלוגע...

זײַטיק און אומבאַמערקט דרייט זיכ אַרײַנ יויסעפּ־שימענ דער ריאַטטשיק, מיט זײַנ ברייטער צעקעמטער באָרד, מיט די שטילע כיטרע אויגנ, וואָס זײַנענ טיפ און פאַרבאָרגנ, ווי וואַסער אינ אַ ברונעמ. באַלד טראָגט זיכ דורכ, ווי אַ צוקוויִגט, באָריסקע „דער לויפער“, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט איז ער דאָרטנ, טאַפּט און טאַפּט מיט זײַנע שנעלע לויפנדיקע אויגעלעכ און גלײַכ ווערט ער פאַרשווונדנ.

— עכ—עכ, בלאָ—א!—רײַבט זיך די האַנט יויסעף־שימען, ווי אין קעלט.

— וואָס, עס הערט זיך גאָרניט קיין ארבעט?—רינגלט מען אים ארום.

— קע—הווע ניט...—מעסט ער אָפּ אויפן שפּיץ נאָגל און דרייט זיך אוועק אין אַנדער עק פון דער ריי און רײַבט זיך ווידער די הענט,— עכ, בלאָ! וואָס בלאָ הייסט...

באָריסקע „דער לויפער" איז שוין דרײַ מאָל הין און צוריק דורכ־געלאָפן די ריי פון עק אין עק, אַלעמען אָנגעזאָגט א „גוטע פּסורע": מאַטעריאַל איז אין הימל, געלט — א פּרוטע ניטאָ בא קיינעם. וועגן בויען און רעמאָנטירן פארגעסט איצטער, „ייִדן, פארגעסט"... ווײַל מען אים פרעגן, ווײַל מען אים בעטן, עפּשער א כאַיע־שאָ: כאַטש א פענדזל אין פאַרב אײַנטונקען, א האַנט אין לײַם אָפּפרישן... איז שוין באָ־ריסקע ניטאָ, דער לויפער — אַנטלאָפן...

און יוסעף־שימען האָט דערווײַל, רײַבנדיק די הענט, ווי אין קעלט, אָפּגעקליבן א צוויי בלעכער, א דרײַ פאַרבער, א פּאָר אויוונמאַכערס אַזוי „אויף קליינינקײַטן". אויב זיי זײַנען ניט קיין אויסקלײַבער — זאָלן זיי א גיי טאָן. ער וועט אונטערקומען, און דאָרט אויפן אָרט וועט ער שוין דורכקומען אין מעקעך... ע—עכ, בלאָ—אָ!..

באָריסקע דער לויפער איז ווידער דאָ, לויפט נאָר פארבײַ, און לויפנדיק אין ערגעץ געײַלט, רופט ער ארויס פון דער ריי א פינף—זעקס באַלמעלאָכעס מיט די נעמען און וואַרפט געשווינד:

— איר שטייט נאָך אַלץ דאָ און וואַרט...

— מע שטייט אין געהאַקטע ווונדן, — זאָגט מען,—דער טאָג גייט שוין דורך...

— ווײַבאַלד איר שטייט, איז פּרובירט אײַך צוגיין... איך וועל צו־קומען אהינצו. אין א האַלבע שאָ ארום, אין א פערטל שאָ, אין פינף מינוטן, איך גיי מיט אײַך, גלײַך! וועל איך זען עפּעס אויסמערקירן פאַר אײַך... אויב אײַך וועט לוינען...

אויב עס וועט לוינען...

4

אין א הייסן און ליכטיקן טאָג האָט דער גוויר מוישע־שאָליעם ברייטמאַן ארויפגעפירט פון דער זאָרג־באַנק כאַיִם־בער דעם פאַרבער,

וואָס זאָל אים איבערפֿאַרבן דעם דאַך פֿון זײַן מויער אין הימלבלוי־קאָליר.

— אז קינדער ווילן—דערהויפּט די טעכטער, — זאָל זײַן הימל־בלוי... ווועסטו מיר מאַכן אזא קאָליר?

— גלייבט מיר, רעב מוישע־שאָלעם, — האָט כאַיִם־בער זיך באַ־ליידיקט אפילו, — „שטעלן" א פֿאַרב קאָן איך... און ביכלאַל — א דאַך און כאַיִם־בער... איר ווייסט שוין...

מוישע־שאָלעם האָט עס גוט געוווּסט. ער פֿלעגט זיך שטענדיק אליין פֿאַרנעמען מיט באַלמעלאָכעס: קומט אוים ביליקער און פּינקט־לעכער, נאָר אויסריידן שאַדט ניט...

— נו, טאַקע, וואָס האָט עס באַ דיר פֿאַר א כאַטרעפּ אָפּשמירן א דעכל? און באַלד איז שוין סאָפּ זומער... ווער ס'האָט באַדאַרפֿט פֿאַרבן מיט אַן עמעס, האָט שוין לאַנג אָפּגעפֿאַרבט. נאָר אז קינדער ווילן אויסבערעגענען דעם טאַטנס געלט... אָבער אזוי טײַער! קאָרעוו צו א רובל א טאָג — און ווו איז שוין איצטער א טאָג?

ווער קאָן א וואָרט כאַפּן אנטקעגן מוישע־שאָלעמען, וואָס רעדט געלאַסן, אָבער נאָכאַנאַנד, דערבײַ הייבט ער די ברעגן באַרד אין דער הייך, אז עס פֿינקלט אין די אויגן.

האָט כאַיִם־בער „געשטעלט" די פֿאַרב און איז אוועק אפֿן דאַך. א גוטער באַקאַנטער דער דאַך — ער האָט אים שוין צוויי מאָל גע־פֿאַרבט: איינמאָל גרין, און דאָס צווייטע מאָל — רויט. וויפֿל מאָל וועט ער אים נאָך פֿאַרבן?—פֿאַרטראַכט זיך עפּעס כאַיִם־בער אפֿן דאַך. אפֿאָנעם, דאָס לעצטע מאָל... פֿאַרטונקלען זיך זײַנע אויגן טרוי־עריק און פֿאַרחדראָסיק:—גיטאַ די קויכעס... וואָס פֿאַרט?—פֿאַרהאַלט ער זיך אפֿן דער מאַכשאָווע, וואָרעם דאָס מאָל גלוסט זיך אים גראָד מער ווי אַלעמאָל אויספֿאַרבן מײַסטעריש! זאָל כאָטש איבערבלײַבן א דאַך, כאַיִם-בערס א דאַך — א שפּיגל.

א טאָג און א טאָג.

אין טאָס און אפֿן טראָטואַר קעגנאיבער, אַרום סאָלאָדובס מויערל, וואָס זעט אוים ווי אַן אייפּעלע לעגאַבע ברייטמאַנס פּירזאַכנדיקן הויכן מויער—שטייען מענטשן פֿול, די אויגן אין דער הייך אויפֿגעריסן, פֿון דער זון פֿאַרשטעלט מיט אַן אויסגעשפּרייטער דלאָניע, און מען איז גרייט אָנצוקוקן, ווי א ייִד דרייט זיך דאָרט אַרום אין דער הייך מיט א

פענדזל אין דער האנט, א מיטלוועקסיקער, מיט פארקאשערטע ארבל פון העמד, מיט אן ארבעקאנפעס, וואס האט זיך פונאנדערגעבלאזן פאריסן, און פון הינטן זיך ארויסגעלאזט, אז די ציצעס צעפלאנטערן זיך אים ביז די באָרוועסע פיס, — טונקט זײַן לאנגן פענדזל אינעם עמער, און גלעט פאסנווײַז דעם דאך. און דאָס פריש אָפגעטריקנטע בלעך צעשפּיגלט זיך אזוי אין גלאנץ און רייצט דעם הימל אנטקעגן.

— ווי מע קלײַבט עס צו א ביסל א מויער!

— א מויער — א קראך! פיר גארן, די גאנצע וועלט פארנומען אהער: דער אקציז — דאָ, דער סוד — דאָ, דירעס פאר די גרעסטע סראַרעס, און א האָטעל — אויבן...

— מוישע־שאָלעם ברייטמאן! — רײַסט מען איבער און מע פארענטפערט דערמיט אייגענע און פרעמדע שײַלעס און מע קוקט ווידער נײַגעריק.

און אפ דער צווייטער גאס, וואס איז פאראלעל צו דער „לאנגער" — אפ דער „גרויסער", בא דער „זאַרג־באנק" ווארטנדיק, שטייען ארבעטער און קוקן אן דערהווײַל פונדערווײַטן דעם הויכן מויער, און באגלייטן מיט די אויגן כאַים־בערס א קער און א טראָט.

— הויך זיך פארקליבן...

— אלץ בעסער, ווי אונטן בא דער „זאַרג־באנק"...

שטייט כאַים־בער הויך אין די גאסן, איבער פיר גאָרנס — מיט א פענדזל, צווישן ערד און הימל באָרוועס.

5

שטייען פיס באָרוועסע און באקן זיך צו פלאציק צום אָנגעגליטן בלעך. נאָר ניט ארומקוקן זיך — האלטן פיס שטײַף אָנגעצויגן, און די גראָבע פינגער צונויפגעלייגט אָנגעשטרענגט, ווי אײַנגעשרויפט אין בלעך, און ציִען מיטן פענדזל האנט אויס און צוריק. שלאָגט אָן און אין די אויגן בלויע ליכט פון אונטן, צעפליסט בלעך געשמירטע, און שווימט אויס פון אונטערן פענדזל שפּיגלדיק, און שפּילט, און שלײַפט זיך קאַלירנדיק, און שטראָמט הוידענדיק, און וואקסט זיך אין שײַן — אריבער די פארבייגטע ברעגן, צו יענער זײַט אראָפּ, וווהין מע טאָר זיך ניט אומקוקן... און איבערן קאָפּ, איבער דעם דיקן געוועבטענעם היטל, און אדורך דעם היטל, איבערן פײַכטן קאָפּ דריקן שווער, ווי אָנ־

געברענטע אבוז־שטאבעס, שטראלנ זונ, צי פאסנ פארב, וואס וויגנ זיכ אונ מישנ זיכ מיט זונ... זײַנע אויגנ כמורנע צוגעקלעפט צו פריש־געפארבטנ בלעכ, קוקנ עס אפ איצט, אונ זעענ עס אינ מארגנ... טרעפנ אפ: ווי דער קאליר וועט זיכ אײַנשטעלנ — אויסגעטריקנט אינ טעג ארומ... נאר דער דאכ וויגט זיכ אמאל — אינ די אויערנ איז פול גע־רויש, אונ דער שווערער קאפ ציט ערגעצ אהינ... פלאנטערט ערגעצ ווײַט אונ מעטושטעש... שווימט ארויס פאר די אויגנ א ברעטל אנגע־בונדנ אפ א שטריק, ווי א וויגעלע, וואס פלאנטערט אינדערלופטנ, דרייט זיכ אומ מיטנ שמאלנ שארפנ זײַט ארופ. א יונגער כאזמ־בער מיט ראזעווע באקנ עטוואס האריקע, ווי מיט פודער פארשטויבט, בינדט זיכ אפ מיט שטריק ארומ אונ ארומ די לענדנ, אונ טוט זיכ א צי אינ דער הייכ, העכער אונ העכער, רודערנדיק מיט דער רעכטער האנט ארופ, יאגט אפ דאס וויגעלע, דרייט עס אומ מיטנ ברייטנ זײַט ארופ, כאפט אפ מיט די הענט די שטריק, אונ מיט די פיס — דאס ווי־געלע. זעצט ער זיכ אײַנ פעסט, צעהוידעט עס הינ אונ הער, — א־א־א! א־א־א! פארוויגט א וואנט אינ ווײַסנ, פארוויגט א טרויב אינ רויטס... א־א־א! א־א־א!

כאזמ־בער ווערט דערשראקנ: ער האט זײַנע אייגענע פיס באר, פארבט אינ בלא...

רײַבט ער אפ די אויגנ — ער האט שיר געכאפט א דרימל שטייענ־דיק.

וואס פלאנטערנ זיכ כאלוימעס אפנ וואר?

...א קלויסטער האט ניט קיינ דאכ: מעשופע ווענטלעכ אינ דער הייכ, אונ א „קנאפ", אונ א ציילעמ — וויגט מענ זיכ אינ וויגעלע ארומ אונ ארומ, אונ מע פארבט...

טונקט זיכ אײַנ דער פענדזל אינ עמער פארב, טרייסלט זיכ אפ אליינ, פונ אייגענע רעגילעס, אפ כאזמ־בערס ווײַסנ, אונ נעמט אליינ פירנ איבער דעמ בלעכ הינ אונ הער, א פענדזל א געניטער.

אונ וואס איז א וויגעלע? פלאנטערט א פוילע מאכשאווע אינ א שווערנ קאפ: „וואס דראפעט זיכ א מענטש איבער הויכע גלאטע ווענט"?—האט זיכ דאס וויגעלע בא אימ אמאל אפגעלאזט, אונ — טירררר... מיט די דיקע שטריק צוריק, צוריק, ביז צו דער ערד, ווו ער האט אונטערגעקנייטשט א האנט אונ שיר ניט אויסגעלינקט...

נאָכ האלבנ טאָג, אונ אזוי ווייניק אָפּגעטאָנ. עפּעס גייט ניט הײַנט. א מידקײַט פארכאפּט.

פאָרזיכטיק רײַסט מענ אָפּ א צוגעבריטע פּוס, אונ פאָרזיכטיק שטעלט מענ עס איבער, א געמאָסטנ טראָט, אונ א צווייטנ געציילט — אונ מע הייבט אָנ פארבנ א נײַעמ ווינקל.

... אונ וואָס איז שלעכט א רעכטער דאכ פונ א גרויסנ ביניענ? האָט ער דאָכ אינ שפּיטאָל־הויפ אפּ אלע רעכער טענ אונ וואָכנ נאָכא־נאנטער ארומגעשפּאצירט, באקוועמער ווי אפּ דער גאס. אונ — האָט דעמלט אפילע א נײַע קאפּאָטע „ארויסגעכאפּט" פונ דעמ פארדינסט...

וויפל דעכער! וויפל ווענט!

איינזאמ אינ דער הייכ טראכט זיכ, באנאנד מיט א שטומנ פענדזל ווארפט מענ ארויס אמאָל א וואָרט פונ מויל...

א פארבער.

געווענ אנ ערדגרעבער אונ געוואָרנ א פארבער, א דערוואקסענער באָכער, וואָס האָט זיכ שוינ פארקוקט אפּ אָרע־לייבס מיידל... אט, איז דאָס א מיידל געווענ!

טאקע געראָטנ „געשטעלט" די פארב: יענער ברעג פונ דאכ שפּיגלט זיכ אזוי...

... ארבעט מענ מיט אָרע־לייב דעמ פארבער אינ איינ הויפ, בא דעמ ביניענ פונ מאגיסטראט: באימבער, א באָכערל בא ערהארבעט, אונ אָרע־לייב — פארבערײַ. אָרע־לייב מיטנ זונ בינדנ שטריק, מאכנ לייטערס, קניפּלענ אָנ וויגעלעכ צו קלעטערנ...

דער פענדזל האָט פארגעסנ זיכ אָפּצוטרייסלענ אינ עמער, האָט ער אימ פארשפּריצט די ברעגנ פונ די קאלסאָנעס, וואָס האָבנ זיכ ארויס־גערוקט פונ אונטער די הויזנ אפּ די באָרוועסע פיס.

בייזערט ער זיכ: אז מע דארפ ניט איבערטוישנ קיינ אלטע לוכעס, וואָס פלאָנטערט זיכ אימ הײַנט! אז ס'איז, אפּאָנעמ, צו הייס, מיד.

... שפּרינגט ער אונטער צו אָרע־לייבנ: גיט מיר אָקאָרשט א פרוווּר־טאָנ די לייטערס. איכ וועל אײַכ מאכנ אנ אָנהייב.

ארופּ־ארָאפּ. ארָאפּ־ארופ. דאָס הארצ שפּרינגט פאר פרייד: ווענ ריווקע זאָל עס נאָר צוזענ! מע הייבט זיכ אינדערלופטנ. אונ דעמ עמער פארב ארופגעצויגנ, אונ דעמ לאנגנ פענדזל אינ דער האנט אפּנ דאכ.

— כאַימ־בער, דו פּאַסט פאַר אַ פאַרבער... אָרע־לייב איז אַ מייוונ...

האָט ער אינ דעמ טאָג גאָר אָנגעהויבנ פאַרבנ, אונ צומ אָוונט האָט ער דעמ ראָק שוינ גוט אויסגעשמירט אינ אייל אונ אינ פאַרב.

אונ פאַרוואָס זאָל ער ניט צוהעלפנ אָרע־לייבנ אָפּצוטראָגנ די קיילימ צו אימ אַהיימ?

באַגעגנט אימ דאָרט ריווקע מיט די „פּײַנע אויגעלעכ". „זע, אַ פאַרבער?!".

זי טוט אַ פּאַטש מיט די הענטלעכ אונ לויפט אַרײַנ אינ שטוב: „געוואָרנ אַ פאַרבער"! באַלד לויפט זי אַרויס צוריק אונ בלישטשעט, אונ קוועלט, אונ איז צופרידנ, טוט אימ אַ קניפּ אינ באַק אונ ווערט רויט, אונ אַנטלויפט, אונ פאַרלירט אָפּנ וועג ווערטער: „אַ פאַרבער געוואָרנ... מײַנ טאַטע וויל אַ פאַרבער"...

כאַימ־בער שמייכלט צומ פענדזל: ער מיינט, זיי זײַנענ ביידע פענ־זעס — גוטע נאַרנ ביידע... אונ ביידע ווילנ הײַנט ניט אַרבעטנ...

גלוסט זיכ אַ ווײַלע אָפּרוענ. ס'דוכט זיכ, אַז מע וועט נעמענ רוענ, וועט מענ אויפהערנ צו טראַכטנ, צו פּלאָנטערנ כאַלוימעס...

אָפּ אַלדי פיר, אונ מיטנ פענדזל אַ פינפטנ אָנהאַלט, קריכט מענ אַוועק צומ טויבנ־פענצטער אויפנ דאַכ. דאָרטנ לאָזט מענ זיכ אַראָפּ לאַנגזאַמ, פאַרזיכטיק. די פיס צו זיכ אונ דער קאָפּ אָנגעבויגנ. אינ די שלייפנ שווער, די ברוסט דריקט.

מענ עלטערט זיכ.

וויפל איז פאַראַנ, אַז ער האָט דעמ דאַכ געפאַרבט רויט? אַ יאָר פינפ? ניינ, שוינ טאַקע זעקס, דאָס זיבעטע...

הײַנט וויפל איז פאַראַנ, זינט ער האָט עס געפאַרבט אינ גרינ? וויפל איז אַלט מירעלע. די גאַנצע דרײַצנ, אַפּאָנעמ — זי גייט שוינ באַ אַ נײַטערנ. אַזוי איז דאָס. דעמלט איז ריווקע געווענ אינ קימפּעט מיט איר, מיט מירעלענ...

ווער פירט עס דאָרטנ אַזאַ שווערנ וואָגנ אַנ אָנגעלאָדענעמ? טאַקע שלוימע דער באַלעגאָלע. שוינ אויכ אַלט געוואָרנ, גרוי... אונ עפּעס קלענער געוואָרנ... מענ עלטערט זיכ.

אַ דאַכ פאַרבט מענ איבער... אַ דאַכ איז אַ געהויבענע זאַכ! אונ אַ מענטש, מישטיינס געזאָגט, וואָס?... וואָס איז אַ מענטש? אַ מענטש,

וואָס פאַרבט אײַן דאָך פּינט, צען, פופצן יאָר, און ביינע לעביינע ווערט מען אַליין צעקראָכן... וואָס איז אַ מענטש?..

נו, גענוג, וווילטיקן זיך, גענוג!

הייבט מען זיך אויף קוים, קוים, פּאַמעלעך, געלאָסן זיך אויפגע־שטעלט, און צו דער אַרבעט.

אַ ווײַלע קלאָר און העל אַרום און אינעווייניק. אויס פּלאָגטער. דער קאָפּ איז לײַכטער. דער פּענדזל פליסט זיך, די הענט — מוטיקער. איינזאַם אין דער הייך, באַגאַנד מיטן פּענדזל — צעפירן זיך די הענט ברייטער און ברייטער.

—אָט, וועט עס זײַן אַ האָב!

כאַיִם־בער האָט דעם פאַרשאַרפטן שפּיץ פון דאַך מיט די פינגער פון די באַחוועסע פיס אָנגענומען, אַ פוס פון איין זײַט און אַ פוס פון דער אַנדערער. האָט זיך נאָך ניט פעסט אָנגעהאַלטן און האָט שוין מיטן פּענדזל בלינד געבלאָנדזשעט — די אויגן האָבן נאָך געהיט די גראָבע פינגער פון די פיס, זיי זאָלן זיך שטײַפער אָנקלאַמערן... בלאָנ־דזשעט בלינד אַ פּענדזל נאָכן עמער פאַרב, און כאַיִם־בער איז זיך נאָך מעיאַשעוו, ווי אויסצודרייען די קני פון רעכטן פוס, אַז ער זאָל קאָנען אָנקערן דאָס פּאָנעם מער אַף לינקס, ווו ער ברויכט צו פאַרבן. עפּשער דעם עלנבויגן אַ קירעווע טאָן אַהער... אָט אַזוי... און די קני — פּאַוואָל...

האָט דער פּענדזל אַ קלאַפּ געטאָן פאַרבן דעם עמער — אָן ווענטל פון אויסן, זיך אַ גליטש געטאָן, און — אַ טהאָם... אַ ריס געגעבן כאַיִם־בערן...

האָט ער אין שלײַדער אַ הייב אויף געגעבן די אָנגעכמורעטע ברעמען און מיט צעשראָקענע אויגן אין דער ווײַט האָט ער דערזען בײַ דער זאָרג־באַנק — שימען מאַלעכן און ניסעלע דעם קאַלבער... האָט ער צו זיי, דוכט זיך, אַ געשריי געטאָן: „אַ־אַ!“ און האָט פאַרמאַכט די אויגן, און זיך אַ קײַקל געטאָן, איבערלופטן צונויפגעקנוילט אין ציטער, זיך געדרייט און געפּלאָנטערט — צו לאַנג... צו לאַנג....

אָן עפּעס זיך פאַרטשעפּעט, פון ערגעץ זיך אָפּגעריסן, און גענומען פליִען אין דער הייך... אָנשטאָט צו נידערן... פליט ריווקע אנטקעגן — בלויז אויגן קאַרע צעשראָקענע טראָגן זיך אים אנטקעגן, און — מירע־לעס פּאָנעם שוועבט דערבײַ... פליט, פליט... און ווי אַ זאַק אַ פילער

האָט לעבנ זײַנ רעכטנ אויער א כליופּע געטאָנ. אפנ ברוק אינ גאס— האָט ער דערהערט זײַנ אייגענעמ קלאפּ, דערוואכט נאָר אפּ א בלענצל פונ איינ ברעמ... אונ — אויס!

6

אוי־אוי... אוי־אוי־אוי...—האָט זיכ צעררוישט אונ צעשטורעמט אינ אימפּעט אונ שרעק א גאס אונ א צווייטע. פורנ האָבנ זיכ אָפּגע־שטעלט, אונ מענטשנ זײַנענ געלאָפנ.

מורמלענ קוילעס:

— אראָפּגעפאלנ! אפּ טויט!.. א פארבער... א נערעג!...

— וואָס? אפּ טויט!..

— אונדזער כאיִמ־בער... די ביטערע מעלאָכע...

זײַנענ פארציטערטע מיט בליפּענדיקע געשרייענ אָנגעלאָפנ באלמע־לאָכעס פונ זאָרג־באנק — מיט די עמערס אונ די פענדזלענ, מיט די ריידלענ אונ די זעגנ, מיט צעקרימטע פּענעמער אונ געבראָכענעמ געמיט:

— צעריסנ א באק... צעשפּאָלטנ א ליפּ... אונ אויג—אויסגע־שלאָגנ... אפּ טויט... אײַ! איי! אײַ! אונדזער כאיִמ־בער!..

האָט מענ לאָפּעטעס אונ זעג אפנ ברוק געוואָרפנ, אונ הענט ליידיקע, הענט שווערע, אָנגעשוואָלענע אונ צעראצטע, האָבנ ביינעדיק טרוקנ געבראָכנ אונ געקנאקט.

— באָרעכ דײַענ עמעס! וואָס, א קאָרעוו? אנ אייגענער?

— אונדזער כאיִמ־בער.. ערשט פונ זאָרג־באנק אראָפּגעגאנגענ מיט א דרײַ טעג צוריק... אונדזערער א באלמעלאָכע...

שימענ־מאלעכ האָט קינדיש געקלאָגט אפנ קאָל, האָט מיטנ לאנגנ פענדזל זיכ אינ קאָפּ געקלאפּט, אז ס'האָט אימ דאָס היטל פארדרייט מיטנ קאָזירעק אהינטער, אונ מיטנ ליידיקנ עמער פונ פארב האָט ער זיכ איבער די פּיס געשלאָגנ. מיט אויגנ צעמישטע, האָט ער מיטנ ברייט: מויל נאָכאנאנד געשריִענ: „אײַ, אײַ, אײַ! אײַ!..”

באלמעלאָכעס שאָקלענ צו אימ מיטנ קאָפּ, שווײַגנדיק פארקלעמט. „זײַטיקע“ שפּארנ זיכ צו אימ:

— באָרעכ דײַענ עמעס! וואָס, א ברודער מיסטאמע, א שוואָגער— דער נערעג?..

— א ברו־דער?.. צערעוועט ער זיכ:—נ, ניינ... איכ אליינ!.. איכ

אליינ—שימענ מאלעכ—דער נערעג... כאימ-בער אונ שימענ מאלעכ—
איינ נערעג...

באלמעלאָכעס שאָקלענ צו מיט שווערע קעפ.

„ווינטיקע" רוקנ זיכ אָפּ: עפּעס א מעטושטעשער באָכער...

— א וועג, א וועג לאָזט — פּאָליציי גייט...

נעטל דער ערדגרעבער האָט זיכ האסטיק עפּעס א קער געטאָנ צומ אוילעמ אונ האָט מיטנ גראָבאייזנ א קלאפּ געטאָנ אָנ שטיינ פונ ברוק:

— הא! ווענ שיקט מענ אינ קאפּאקאל גראָבנ גייג אייל אינ דער ערד טיפ, אז מע זאָל דאָרטנ דערשטיקט ווערנ?..

— אונ ווענענ טרייבט מענ אפּנ גאלגל ארופּ, אפּ אזא מויער, א מאלכאמאָוועס?.. האָט שימענ־מאלעכ אימ אנטקעגנ א טייטל געטאָנ מיטנ לאנגנ פּענדזל צו מוישע־שאָלעמס מויער, אונ האָט זיכ צעכליפּעט: — איי, איי, איי!..

— גענוג! גענוג! — מאכט פּאָליציי „אָרדענונג". — גייט זיכ פאַנאנדער צומ זאָרג־באנק, אוילעמ! „אייערער" וועט גאנצ זיינ — ביר וועלנ היטנ...

— ווי איר האָט אימ ביז איצטער אָפּגעהיט — מורמלט אָננערוקט די זאָרג־באנק, די גאנצע זאָרג־באנק דאָ.

שימענ־מאלעכ שפּארט זיכ פאָרויס אינ אימפּעט מיטנ פּענדזל אונ מיטנ עמער:

— לאָז־אָזט! איכ דארפ דאָ שטיינ — בא אימ!.. איכ — מיטנ פּענדזל! אונ ער טוט א שטעל מיט האסט דעמ פּענדזל אפּנ ברוק ניט וויינט פונ נערעג, ווי א סאָלדאט די ביקס צופוס אפּ דער וואכ—אָט דאָ-אָ... ער איז אויכ געווענ מיט א פּענדזל...

— ששש...— האלט אימ אָפּ פּאָליציי — מאכ ניט קיינ טומל...

— איכ בינ א דאכנ־פארבער — רייסט ער זיכ פאָרויס, — פּארוואָס, זאָגט מיר, האָב איכ ניט געקאָנט ליגנ איצטער אָט־דאָ־אָ נערעג, א צוגעיפגעדרייטער?.. דארפ איכ כאָטש שטיינ לעבנ אימ... לאָ־אָזט מיכ!.. צו אימ!..

מע האלט אימ פעסט בא די קליאפּעס.

עס פאָרט אָנ אייליגדיק דער פּאָליצמייסטער, אונ פונדערווייטנ נאָכ שטעלט ער זיכ אופ אינ פאעטאָנ אונ הייבט אופ א האנט. צוויי פּאָליציי־באאמטע לויפנ אנטקעגנ אונ שטעלנ זיכ פונ ביידע זייטנ פאעטאָנ.

— דעמ פּלאצ אָפּרייניקנ — טייקעפּ! שטעלנ א וואכ! אונ אָרומ — א קייט!

ער האָט פונ דער הייכ אָנגעקוקט דעמ אוילעמ אונ נאָכ שטרענגער צוגעגעבנ:

— ארבעטער צעטרייבנ! פלינק!... אויס נעזעמל!.. פלינק!..

ס'איז געוואָרנ א מעהומע. מ'האָט געטריבנ, געשטויסנ אונ געיאָגט פונ די ראָגנ אפילע אונ פונ די זייטיקע געסלעכ.

שימענ מאלעכנ האָט מענ שוינ צוויי מאָל אָנגעבאָטנ צו נעכטיקנ די נאכט אינ פּאָליציי, אויב ער וועט זיכ ניט באַרויִקנ אונ ניט אוועקגיינ פונדאנענ. ער דערהוידערט ניט: אָדער ער זאָל בלייבנ לעבנ כאַיִמ־בערנ, אָדער מ'מע זאָל אימ נעמענ אינ דער פּאָליציי... וואָס מאכט אימ אויס? אנדערש האָט ער ניט וועהינ צו גיינ... אז מע פאלט פונ די דעכער, האָט ער ניט וועהינ צו גיינ...

עלטערע באלמעלאָכעס ווילנ אימ איינרייִדנ, ניט טשעפּענ זיכ מיט פּאָליציי — „מיט „זיי“ הייב זיכ נאָר אָנ“...

שפּארט זיכ שימענ נאָכ האסטיקער — צו כאַיִמ־בערנ.

— Взять его!.. שרייט אויס אַנ אקאלאָדאָטשנער בייז. טרעטנ ארויס פיר גאָרדאָוויעס מושטרירט אונ רינגלענ אימ ארומ — אײנער פונ פאָרנט, צוויי בא די זייטנ, אונ דער פערטער — אהינטער. אונ אלע מיטאמאָל ברומענ זיי ארויס אינ איינ קאָל:

— פּשאָל!

— איכ בינ אייכ ניט קיינ „פּשאָל“... אונדזערער איז פונ דאכ געפאלנ, ניט אייערער...

אונ מיטנ פּענדזל אונ מיטנ עמער אינ די הענט, געהויבנ אונ גאָרלעסדיק, ווי נאָכ קיינמאָל, לאָזט ער זיכ אוועק — אלייננ פּאָדויס מיט ברייטע טריט צומ פּאָליציי־צירקל. אונ די גאָרדאָוויעס פּלאָנטערנדיק די שווערדנ, מארשירנ פלייסיק, אונ דעריאָגנ אימ ניט — איינער אפּריער, צוויי בא די זייטנ, אונ דער פערטער — אהינטער, ווי מע האָט זיכ לעכאַטכילע צעשטעלט. נאָר דער איינוויניקסטער, שימענ מאלעכ, איז פונ זייער קרייז ארויס, גייט אלייננ אונ שנעל אפריִער פונ זיי אינ פּאָדויס.

גערנ — אז כאַיִמ־בער ליגט א נבֿרע, דארפ ער, שימענ, נעכטיקנ אינ צירקל...

איין יענעם טאָג האָבן ארבעטער זיך ניט צוריקגעקערט מער צו דער זאָרג-באנק. מע האָט געבלאָנקעט איבער די גאסן און געסלעך. אָפּ-העגטיק איז מען אין די היימען געגאנגען. פרויען האָבן אין שטומער זאָרג מאנען באגעגנט — זיי האָבן שוין געוווּסט.

7

אָפּ מאָרגן איז מען געשטאנען בא דער זאָרג-באנק מיט אראָפּגע-לאָזטע קעפּ. מ'האָט די אויגן ניט געהויבן — מ'זאָל ניט דערזען אי-בער א גאס אין דער הייך „דעם גאזלען" — דעם דאך פון „מוישע-שאָלעמקעס" מויער...

— ווען איז די לעווײַע? ווי דערוויסט מען זיך פּאָרט, ווען וועט זײַן די לעווײַע? וווּ איז שימענקע? ער טוט עפּעס? צי נאָך אלץ אין פּאָליציי?

שימענקע איז נאָך געבליבן צו דער נאכט ארויס פון פּאָליציי. דער פּריסטאוו האָט אים צולעצט אָפּגעלאָזט. „דעם צעדרייטן ארכאנגעל"...

האָט עס שימענקען פארדראָסן: די רעשאָיִם טוען אלץ אפּצולאָ-כעס—אַז מע וויל גיט אין צירקל—זעצט מען ארײַן, און אַז מע וויל אָפּזיצן, טרײַבן זיי ארויס. וווּ טוט מען זיך אהין איצטער? איז ער געלאָפן אין שפּיטאָל. דערנאָך צו כאַיִם-בערן אהיים, זיך א דריי גע-טאָן ארום די קינדער, געמיינט באַזאָרגן—און צוריק געלאָפן אין שפּיטאָל, זען וואָס איז דאָרטן מיט ריווקען, מיט כאַיִם-בערס ווײַב.

שפּעט אין אָוונט האָט מען פון שפּיטאָל-הויף געהייסן ארויסגיין, האָט זיך ריווקע דרויסן געטוליעט צו א שטיינערנער זאַוואַלינקע און געבליבן. מירעלע, דאָס טעכטערל, האָט צו איר דאָס קעפּל צוגע-וואָרפן און האָט זיך פארכלינעט. האָט שימען א בריאָזג געגעבן דעם עמער אָן שטיין און האָט זיך צערעוועט: „אײַ, אײַ, אײַ!..

אהיים צו זיך איז ער געקומען שפּעט, טאטע-מאמע שלאָפן.

— שימענקע, האַ?—האָט דער טאטע פון שלאָף געפרעגט, ווען שימענקע האָט זיך שוין איבערגעקערט אויף אלע זײַטן און ניט גע-קאָנט אײַנשלאָפן. אין פענצטערל האָט שוין, דוכט זיך, גענומען באגי-נען. וואָלט ער שוין אײַנגעדרימלט א ווײַלע — וואַרפט מען זיך אָן אויף אים און מע שטיקט אים... ראנגלט זיך מיט אים — איינער פון פאָרנט, צוויי פון די זײַטן און א פערטער — פון הינטן... און

מע שטויסט אימ, אונ מע צופט אימ... האט ער זיכ גענומענ שלײַדערנ מיט די הענט אונ מיט די פיס — ער וועט נעמענ קלאפנ...

וועקט מענ אימ — אז ער וואכט זיכ אזוי אינ שלאפ. קוקט ער זיכ ארומ מעטושטשעש אונ געדענקט ניט, וועמענ ער האט אזוי אנגעקלאפט, אז די הענט טוענ אימ וויי.

אײַלט ער. שווינ שפעט. כאפט ער דעמ פענדזל אונ דעמ עמער, אונ לויפט אוועק אינ שפיטאל. מע זאגט, מע וועט פאלמעסנ... א טאג אונ אנ אוונט, אונ א פרימארגנ, דערנאכ לויפט ער ארומ מיט הירשל דעמ אויוונמאכער, א הויכער, א פלינקער, מיט א בינטל האר ארויסגעווארפנ פונ הינטערנ קאזירעק פונ היטל.

לויפט מענ אמאל באנאנד, אונ אמאל איינער אהער, אונ איינער אהינ. פאלמעסנ, גיט פאלמעסנ, אונ טאכריכימ, אונ קווורע, אונ די לעווײַע צוגרייטנ.

אפ איבערמארגנ צו האלבנ טאג זײַנענ האסטיק צו דער זארגבאנק צוגעלאפנ שימענ מאלעכ פונ איינ זײַט — פונ שפיטאל געאײַלט, אונ הירשל דער אויוונמאכער — פונ כאימ־בערס הייז, אונ קימאט ביידע גלײַכ האבנ אנגעזאגט:

— באלה די לעווײַע... פונ שפיטאל וועט מענ ארויסטראגנ.

איז די זארגבאנק געבליבנ ליידיק, די הענגלעכ פונ די לאנגע מויערנ — וויסט. באלמעלאכעס אונ ארבעטער מיט געצײַג אונ קיילימ האבנ זיכ כמורנע א רוק געטאנ אינ מיט דער גאס איניינעמ, אינייינעמ פײַסט געשלאסנ. האבנ זיכ אינ גאס באגעגנט אייניקע באלמעלאכעס אונ גאנצע כעווריײַעס בא געבײַדעס אפ דער ארבעט.

— וואהינ? שפעס אלע מיטאמאל?

— צו דער לעווײַע...

האבנ ארבעטער די הענט א וויש געטאנ אנ די פארטעכער, א האמער — אינ גארטל, א רידל — אפ אנ אקסל, אונ מע איז שטיל מיטגעגאנגענ. טראגט מענ אנטקעגנ די מיטע ארויס פונ שפיטאל־הויפ, רוקנ זיכ צו אונטער די שטאנגענ אקסלענ אונ אקסלענ. גיכ אונ געשווינד טראגט זיכ א מיטע אפ אקסלענ פונ מענטשנ, וואס טראגנ אינ הענט רידלענ אונ העק, אונ פענדזלענ אונ האמער. דערקענענ גאסנ אונ געסלעכ, אז עס גייט די לעווײַע פונ א באלמעלאכע, וואס איז די טעג... אונ גאסנ פארשווײַגנ געהיימ, אונ געסלעכ דערריידנ ניט... פארט אנ א

באלעגאלע, שפרינגט ער אראפ פונ וואגנ, אונ מיט דער בײטש אינ דער האנט לויפט ער—אונטערשטעלנ זײנ אקסל אונטער א שטאנג פונ דער מיטע. קומט אנטקעגנ א בלעכער אונ קלאפט מיט קײלים אנגעבונדע־נע מיט שטריקלעכ אפ לאנגע שטעקנס: קווערטלעכ אונ טשײניקעס, לעמפלעכ אונ פענדלעכ—שטופט ער זיכ קוים דורכ דורכנ געדיכטנ אוילעם, קלאפנדיק אונ קלינגענדיק.

— לאָזט אימ! לאָזט אימ!..—העלפט מענ אימ דורכשפארנ זיכ, אונ ער דערלאנגט קוים זײנ אקסל אונטער א שטאנג פונ דער מיטע.

— צום זאָרג־באנק! טראָגט צום זאָרג־באנק!..—שרײט אויס מי־טאמאָל שימענ מאלעכ.

— טראָגט פארבײ דער זאָרג־באנק!—שרײט נאָכ העכער הירשל דער אויוונמאכער—פארבײ דער זאָרג־באנק!.. הילכט אָפ ווי „צדאָקע טאציל מימאָוועס“...

אונ שטיל, אינ טרויער פארחויגט, נאָענט צו לײדיקע ווענט פונ צוויי מויערנ לאנגע האָט די שווארצע געוואנט פונ דער מיטע גע־שאָטנט, מיט טונקעלנ א ווײלע געשוידערט...

די אקסל בא די טרעגער האָבנ פארציטערט.

אפנ בעסוילעם באמ אָפענעמ קייווער איז ניסנ דער קאלכער, אנ עלטערער ייִד, א מעיושעוודיקער, מיט א לאנגער שווארצ־גרוילעכער באָרד, — ארויסגעטראָטנ פאָרויס, צום ברעג פונ קייווער, האָט מיט פינצטערע אויגנ ארײנגעקוקט אינעווייניק, אונ האָט זיכ אָנגעשפארט אפ זײנ פענדזל אונ געזאָגט:

— באימ־בער, זײ אונדז מויכל... אויב מיר האָבנ אנטקעגנ דיר־ררר...

טרערנ האָבנ פונ זײנע אויגנ ארויסגעיאָגט אונ אינ קייווער זיכ ארײנגעלאָזט.

ניסנ האָט די ליפנ צוזאמענגעדריקט, אופצוהאלטנ זײנ געוויינ.

— מיר זײנענ אלע דאָ מיט דיר... די גאנצע זאָרג־באנק אונדזערע... באלמעלאָכעס ווייסנ...—טרערנ האָבנ ווידער געשטיקט, האָט ער גע־קרעמפט די הענט, אונ צוגעכאפט:

— באימ־בער, א לעווײע האָסטו, ווי א גרויסער צאדיק...

אונ פינטלענדיק מיט די אויגנ, האָט ער זיכ אָפגעקערט פונ ברעג קייווער.

האָט זיכ ארויסגערוקט הירשל דער אויוונמאכער אינ דער הייכ אפנ בערגל פונ פרייש אויסגעגראָבענער ערד אונ האָט מיט די אויגנ אויסגעבליצט:

— ייִדנ! ניטאָ קיינ צאדיקימ... מיר זייַנענ די צאדיקימ! ארבעטער, וואָס האָרעווענ, האָרעפּאשניקעס מיט מאָזאָליעס...

— שא! שא! — האָט איבערגעריסנ דער מאשגיִעכ פונ בעסווילעמ — נאָר ניט דאָ אפנ הייליקנ אָרט, באָכערל... ניט בא אנ אָפּענעמ קייווער...

— אונטערלעקער! — האָט זיכ ארופּגעריסנ אינ דער הייכ אנטקעגנ דעמ מאשגיִעכ שימענ מאלעכ — דו האָסט מוירע פארנ גאָבע פאר מוישע־שאָלעמענ... נישקאָשע, זייַנ הויכער מויער קאָסט אונדז טייַער...

— ייִדנ! — האָט הירשל אויסגעשריִענ אונ געפאָכעט מיט א האנט איבער אלעמענ — ייִדנ, מיר האָבנ דאָ א קאָרעש, אונדזער קאָדעש! ייִדנ, מיר לייַדנ גענוג... שוינ צייַט א טראכט צו טאָנ... מיט זעג אונ מיט האמערס, וואָס האָבנ געבייַדעס אָנגעבויט פאר רייַכע, מיט די נעצייַג אינ די פּארטעכער קומענ מיר צומ קייווער פונ אונדזער ברודער...

— וואָס איז פונ זייער מוֹיער א נערעג געוואָרנ... — שרייַט ארייַנ שימענ מאלעכ.

די שאמאָסימ האָבנ געייַלט דעמ קייווער פארשיטנ, פונ די באגלייטער האָט זיכ קיינער ניט גערירט מיט א לאָפּעטקע ערד.

— ייִדנ! — האָט הירשל א ריס געטאָנ זייַנ קאָל — הייבט אופ אייַערע האמערס, אייַערע רידלענ אונ פענדזלענ — הייבט זיי אופ אינ דער הייכ...

אלע האָבנ זייערע הענט מיט די געצייַג געהויבנ אונ האָבנ צו הירשלענ אינ די צעפלאמטע אויגנ געקוקט אונ געווארט.

— הייבט אופ די הענט אונ זאָגט אָפּ דעמ לעצטנ קאדיש — אָפּ אייַער דערשלאָגנקייַט... דעמ לעצטנ קאדיש — אָפּ אייַער האכנאָע, אָפּ אייַער קנעכטשאפט...

— פע! פע! — האָט דער מאשגיִעכ געשריִענ — ס'איז שוינ גאָר כאלאשעס: א נייַער קאדיש... אפנ הייליקנ אָרט...

א פּאָר שאמאָסימ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צו הירשלענ, שימענ מאלעכ האָט זיכ געוואָרפנ צומ מאשגיִעכ...

נאָר ניסנ דער קאַלכער האָט אופגעהויבנ הויכ זײַנ פענדזל אונ נאָכ העכער — זײַנ קאָל:

— יוהנ!

האָבנ זיכ אַלע אומגעקערט צו אים. האָט ער צעבראָכנ אונ טרויע־ריק אָנגעהויבנ:

— יִסנאַדאָל ווערִסקאַדאַש...

8

פונ בעסוילעמ אוועק זײַנענ אַלטע — צעבראָכענע, אונ יונגע — צע־רודערט.

אפ דער מעשטשאַנסקע גאַס, נאָכ דער ביידל פונ דעמ „בודאָטש־ניק" האָט איסאַק אַפגיכ זיכ צעזעגנט מיט א קאָמפּאַניע, אָנגעזאָגט כאַנקענ, זי זאָל „רעכווײַל" גריסנ ליזעלענ, אונ האָט געשווינד פאַרקירע־וועט אונ אָנגעיאָגט דאַווידנ, וואָס איז געגאַנגענ שטיל אונ פאַרטראַכט.

— דו ביסט אויכ געווענ אפ דער לעווײַע...— האָט איסאַק א זאָג געטאָנ.— איכ האָב דיכ געזענ די גאַנצע צײַט...— שמייכלט ער צופרידנ— אַרומ דער זאַרגנבאַנק זײַט איר, אַפאָנעמ, אָנגעגאַנגענ: דו אונ סלאַווא באָריסאָוונא, געגאַנגענ מיטנ טראָטואַר, אינ דער זײַט אַלצ... אונ אפנ בעסוילעמ געשטאַנענ פונווײַטנ, ווי א זײַטיקער. גאַנצ גוט גע־טאָנ — פונווײַטנ... דערפאַר בינ איכ צו דיר ניט צוגעגאַנגענ, — מע דאַרפ ניט פאַר אזא אוילעמ... אונ כאַנקע, די צעטומלטע, האָט זיכ דאַפקע געריסנ צו דיר. סלאַווע איז שוינ אַפאָנעמ אוועק פריִער.

— וואָס דו האָסט דאָ אָנגערעדט! כ'האָב באַגעגנט די לעווײַע אינ גאַס, בינ איכ געגאַנגענ — האָט דאָוויד איבערגעריסנ.

— אַלצ באַגעגנסטו?!— האָט איסאַק ברייט געשמייכלט— אונ איכ, אונ נאָכ ווער האָבנ זיכ עקסטרע אָפגעריסנ פונ דער אַרבעט. נאָר גוט, וואָס דו ביסט געווענ — האָסטו אַלצ געזענ. כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט זײַנ — אזא לעווײַע וועסטו ניט דורכלאָזנ. ווי געפעלט דיר הירשל — הירשל דער אַוויונמאַכער?

— אונ אויכ איכ קענ הירשלענ?

— נו, גוט, דאָוויד, גענוג. איצטער דאַרפסטו.. גוט, וואָס דו ביסט אַליינ געווענ. כאַנקע זאָגט, אונ איכ מיינ אויכ, דו זאָלסט וועגנ דעמ אַלצ — אָנשרײַבנ א בלעטל. א פראָקלאַמאַציע, א היגע זאכ אונ...

דאוויד האָט זיכ אָפּגעשטעלט, צוגויפגענומענ קנײטשנ אָפּנ שטערנ צווישנ די אויגנ.

— נו־או... — האָט איסאאק אינ א ווײַלע ארומ דערמאָנט.

— אונ דרוקנ?

— דאָס איז מײַנ זאכ, דו גיב מיר געשריבנ. שאָלעמ איז אונדזערער געווינ, אונ כאָניע איז אונדזערער. — האָבנ מיר צוויי דרוקערײַענ — וויפּל דארפסטו?

— איכ וועל א טראכט טאָנ, — האָט דאָוויד אָפּגעענטפערט, כאָטש ער האָט שוינ וועגנ דעמ געטראכט, נאָכ אײדער איסאאק איז צו אימ צוגעגאנגענ.

— איז ווענ וועט דאָס זײַנ?

— כ'האָב געזאָגט, איכ וועל א טראכט טאָנ.

9

אינ עטלעכע טעג ארומ נאָכ דער לעווײַע איז צווישנ אוילעמ בא דער זאָרגנבאנק זײַטיק אונ שטיל ארומגעגאנגענ יוסעפ־שימענ דער ריאטשיק, מיט דער גרויסער צעקעמטער באָרד, מיט א מעשנ קײטל אפּ דעמ וועסטל אונטער א לאנגנ סורדוט, שטעלט זיכ צו אונ רײַבט די הענט: — אײַ, בלאָ־אָ... בלאָ־אָ...

הערט אימ קײנער ניט. עפּעס איז דער אוילעמ ברויגעזדיק די טעג. לײגט ער אוועק די הענט אינ די הויזנ־קעשענעס, קוקט זיכ ארומ מיט די גרויע אויגנ.

— וואָס הערט זיכ, ניסנ? אײַ, ניסנ! האָסטו „אימ" א העספּעד געמאכט, זאָגט מענ.

— אז דער שטאָט־מאגיד קומט ניט צו אונדזערער א לעווײַע... בינ איכ... אונ דו ביסט שוינ געוואָרנ אויס מעכוטנ מיט אונדז, — דוכט זיכ אויכ געווענ אמאָל א פארבער.

— אלצ זאָל מענ געדענקענ וואָס אמאָל, — נעמט ארויס יוסעפ־שימענ בײדע הענט פונ די קעשענעס אונ צעשפּרײט זײ אינדערלופטנ, — ס'וועט דאָכ דער קאָפּ ניט קלעקנ.

— יע, הײַנט ביסטו א ריאטשיק, א קאָלבוי געוואָרנ: נעמסט אָנ אלע מעלאָכעס — פאר אנדערע. בויענ, גראָבנ, דעכער דעקנ, גלעזנ, פארבנ... אונ אלײנ — אינ א ציכטיקנ סורדוטל אומדערהוואָכנ...

— די גאנצע קדושע ליגט בא אײַך אינ די קאלב-פלעקנ אפנ קאַפּאָטע... — האָט יויסעפ-שימענ אויסגעלאכט,—ווי דער נײַער מאגיד, הירשעלע דער יונגאטש האָט זיך צעדארשנט דאָרט באם קיווער... אזא יונגאטש! „האָרע-פאשניקעס“ — א סעדרע!..

— הירשל איז אויך ניט קיינ יונגאטש, — האָט ניסנ דער קאלכער בעטעווע פּײַנט נאָכצוגעבנ; — אז מע וויל, איז ער אויך גערעכט...

— יע, דיך קענ איך פונ לאנג, אז דו ביסט א שטעכיקער...

ער קערט אָפּ. עטוואָס ווײַטער שטעלט ער זיך צו לעבנ שימענ מאלעכנ..

— וואָס הערט זיך, שימענקע? מע זאגט, דו האָסט כאים-בערנ אויסגעריכט מיט א גאנצנ פאראר... דו מיט הירשלענ — וואָס איר האָט צעארבעט פאר אים! נו — ווילסטו עפּשער פארענדיקנ די יערושע זײַנע — דערפארבנ דעם דאך? קאָנ איך דיר געבנ...

— איר? אונ מוישע-שאָלעמ באהאלט זיך שוינ?

— וואָס מאכט דיר אויס? דו ווילסט פארענדיקנ, קאָנ איך זיך מיט דיר באדינגענ...

— ניינ... איצטער ניט, — מאכט שימענ אָנגערוקט — סיידנ נאָך שיווע...

— וואָס הייסט שיווע, אז דו ביסט דאָ אפנ זאָרג-באנק? אונ נאָך וועמענ שיווע?

— נאָך כאים-בערנ...

— ביסטו א שיוועניק! וואָס פאר א שײַכעס איז מיט דיר כאים-בער?

— מיט אײַך איז ער ניט קיינ שײַכעס, אונ מיט מיר — א שײַכעס...

יויסעפ-שימענ האָט ערשט געכאפּט וואָס ער מיינט. אונ, אז ער האָט פארשטאנענ, האָט ער זיך צעקרימט אונ אויסגעשפּיגנ איינמאָל אונ נאָכאמאָל:

— טפוי זאָל עס ווערנ! וואָס א מעשוגענער צעפלאָנטערט. אזא שיווע קאָנ מענ שוינ פראווענ אפנ זאָרג-באנק אויך, אונ אפילע שטייענדיקערהייט. עס איז בא דיר אזא שיווע, פונקט ווי בא... ווי בא מוישע-שאָלעמס מויער, די זעלבע שיווע...

— די זעלבע שיווע — כאפּט אונטער שימענקע, — ער מאָג אויך אָפּווארטנ שיווע....

— ע, עי! — צעבייזערט זיך יויסעפ־שימענ, אונ צעבייזערנדיק זיך, רופט ער אים שוינ ניט שימענ — הערסט דאך, מאלעך, וואס איך וועל דיר זאגנ: א מענטש דארפ זײַנ מיט פארשטאנד... א וועזנ וואס איר מאכט?! שיווע... ניכטער זיך אויס!

— איך טרינק ניט.

— איז שלאפ זיך אויס... פע! סייכל האסטו? צי א מאלעך איז אנ סייכל? עסנ דארפסטו? זאג מיר, דו עסט? דו דארפט עסנ? אניט — ביסטו האך טאקע א מאלעך..

יויסעפ־שימענ קוועלט אנ אליינ פונ זײַנע סייכלדיקע רייד: — הער, וואס איך זאג: גיי פארענדיק דעם דאך... א דאך שטייט, ווי אנ עמער־סער אוול — א לאפיק א בלויער, אונ א לאפיק א רויטער...

— בינ איך טאקע צופרידנ... אנ אוול, אזוי דארפ זײַנ. ער האט א הייב געטאנ דעם היטל אפנ קאפ אונ עס צוריק ארופגעזעצט — שטײַפער — כ'האב אײַך געזאגט: פאר דעם דאך בינ איך קיינ פארבער ניט. אינ די שיווע־טעג אוואדע ניט...

יויסעפ־שימענ האט זיך צו אים דערנעענטערט אונ מיט זײַנע טיפע גרויע אויגנ ארײַנגעדרונגענ אינ שימענס שטילע בלויע אויגנ אונ זיך די הענט געריבנ:

— אונ וואס איז ד ע ר דאך, זאג מיר? א דאך פונ בלעך... עפ־שער האסטו מוירע פארנ דאך?

— מוי־רע? — צעקרימט זיך שימענ.

— וואס זשע דענ?

— איך וויל ניט נאכגעבנ. ניט מוישע־שאלעמענ אונ ניט דעם דאך. כ'האב זיי ביידנ פײַנט... פונמײַנעטוועגנ מאג ער שטיינ אינ לאפיקעס... זאל ער זײַנ אנ אוול... אומזיסט אײַער טירחע, — שימענ טוט א שטעל האסטיק דעם פענדזל, — דער דאך וועט בא מיר שטיינ אינ לאפיקעס, ווי לאנג נאר איך וועל עס קאנענ אויספירנ!..

II. פראָקלאַמאַציע

1

דאָוויד האָט זיך געפילט שטיפעריש גוט אויפגערוימט.

ווי באַפרייט פון אַ טפיסע, אַז עס גלוסט זיך וואָס מער מענטשן צו באַגעגענען, הויך ריידן, ברייט לאַכן, און לאַנג און ווייט צו שפּאַנען.

אָפּגעדרוקט און — שוין אַוועק איבערן שטאָט.

מאָרגן לאַנג און שווער האָבן זיך פאַר דאָווידן געצויגן די עטלעכע טעג, זינט איסאַק האָט פון אים צוגענומען דאָס געשריבענע פּאַפּיר, און האָט צוליעצט געבראַכט אַן אָפּגעדרוקטן טעקסט, און מיט אַ ברייטן און פריידיקן שמייכל געזאָגט:

— פיין, האַ?

די עטלעכע טעג איז דאָוויד פאַרשפּאַרט געווען אין דער היים, געדריקט אונטער אַ שווערער לאַסט.

— איסאַק, וואָס הערט זיך?

— כ'וועל דיר ברענגען אַ פּאַרטיקע...

— ווער דרוקט? ווו?..

— אַז ס'וועט זיין פאַרטיק וועל איך דיר דערציילן...

— דו האָסט עס געגעבן שאַלעמען צי כאַניען?

— האָב צייט... אַז ס'וועט זיין פאַרטיק...

פאַרטיק און געראָטן. און גוטע פּאַפּיר, און שוין געדרוקט.

— איסאַק, ווו האָסטו עס געמאַכט? איצט איז שוין פאַרטיק, דערצייל...

— באַ דיר — פאַרטיק, באַ מיר נאָך ניט אינגאַנצן. מ'דאַרף עס נאָך לאָזן איבערן שטאָט מאָרגן, צו איבערמאָרגן וועלן מיר זיך זען....

קומט איסאַק אַ יאָנטעוודיקער, מיט דער קיימעלע פון זייגער פאַר-צויגן איןביידע קעשענעס פון וועסטל און רייכערט אַ פּאַפּיראָס. ער רייכערט זייער זעלטן, סיידן פון גרויס הנאָה. שמייכלט ער ברייט און קוועלט נאָכאַנאַנד.

— דאָוויד, כ'האָב דיר אַ גרוס... דיין פּראָקלאַמאַציע געפעלט דעם אוילעם... עס צענעמט זיי דעם לעבער... דאָוויד, איך האָב דיך קימאַט האָלט...

— איסאק, כ'האָב דיכ קימאַט ניט האָלט... דו טוסט אַלצ אַליינ ניט מעיאשעוו זײַנ זיכ, אונ ניט דערצײלנ. איסאק, אז מע לאָזט אראָפּ עמעצנ אינ דער טיפ, אינ דער פינצטער, לאָזט מענ איבער אויבנ אַנ אָנגעבונדענעם שנירל, אז מ'זאָל — באַ א קאַטאַסטראָפע, קאָנענ אָנ־כאַפּנ פארנ שנירל אונ ארויסציִענ, אָפּראַטעווענ. ווי האָסטו מיר פריִער ניט געזאָגט, ווער אונ ווו עס דרוקט — איכ זאָל אויכ קאָנענ העלפנ, אז מע וואָלט באַדאַרפט... פארוואָס עפּעס נאָר די אַליינ ווייסט?

— כ'קאָנ דיר איצטער אַלצ דערצײלנ, — רײַסט איבער איסאק.

איסאקנ וועט מענ ניט איבערשטעלנ. ער איז אײַנגעשפּאַרט.

— אָבער גוט אָפּגעדרוקט! — פירט אויס איסאק מיט ניצאָכנ.

געוויס גוט. אינ גובערנאַטערס דרוקערײַ פונ „גובערנסקי ווערא־מאָסטי“, אז זעצער אונ דרוקער האָבנ דערצו עמעצנ בײַשעק (פאר זיכ אַלײנ), קאָנ מענ גוט אָפּדרוקנ...

האָוויד איז גוט אופגערוימט. ער האָט שוינ פונדערווײַטנ געזענ שאָלעמענ מיט כאָניענ — זיי שפּאַצירנ ביידע איבערנ גאַס געהויבנ.

ער האָט זיי שוינ געזענ. איז ער מאָדנע צופרידנ...

שפּאַנט מענ אויכ אוועק איבער נאַריש־טומלדיקע גאַסנ, וואָס ווייסנ ניט, ס'אַרא אײַנפאַלנ ס'קומענ פאַר אַמאָל. אינ גובערנאַטערס דרו־קערײַ... ווערט מענ לוסטיק שטיפעריש.

עפּשער ארײַנגײנ צו סלאַוועג. צו סלאַוועג אַהיימ.

2

ניט ווײַט פונ גינזבורגס הויז האָט אימ אָפּגעשטעלט בעב.

— דאָוויד! שוינ לאַנג נימ געזענ... איר גייט צו סלאַווא בערימאָוו־נא? איכ וואָלט אויכ ארײַנגײנ מיט אײַכ, נאָר איכ בינ איצט פארנו־מענ, געוואָרנ א געשעפטמאַנ... א זאַוואָדטשיק. איכ בוי א זעמיל. מיט די לעצטע מאַשינעריעס... וואָרעמ מיר זײַנענ דאָכ אַזעלכע שוויטימ, טויגעניכצנ, — האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבנ מיט א ברענ, — אז מיר הייבנ ניט אָנ צו וויסנ חאָס געשעפט... א לאָפּטשע, א קלאָצ — מער ווייס מענ ניט באַ אונדז... קומט, מירנ ארײַנגײנ א ווײַלע, מירנ אויס־טרינקענ א גלאָז קאַווע, א טעסל שאָקאָלאַד... — האָט ער אימ מיט־דער האַנט פארהאַלטנ באַ דער אופּגעעפנטער גלעזערנער טיר פונ זשעקשעוויצקיס קאַפע־הויז — קומט קומט!

— צווייז קאווע, — האָט בעב באשטעלט באַם מיידל, וואָס איז שנעל צוגעקומען, נאָך איידער זיי האָבן באוויזן צו זעצן זיך בײַ א טישל, — און זעמעלעך... פון יענע, — האָט ער צוגעוווּנקען.

— כ'ווייס, כ'ווייס, — האָט דאָס מיידל צוגעשמייכלט, — וואָס איר האָט האָלט...

— וואָס איך האָב האָלט, — האָט בעב לוסטיק צוגעווינקט, — אָבער וואָס ער האָט האָלט?.. נו, דערלאַנגט.

דאָוויד האָט גענומען פאַרייכערן א פּאַפּיראָס.

— וואַרט! — האָט ער אים אויסגעלאָשן דאָס שוועבעלע. ער האָט א קלונג געטאָן, און דאָס מיידל איז אין שמייכל שנעל צוגעקומען ווידער.

— א גוטע שאַכטל פּאַפּיראָסן, אָבער גאָר א גוטע.

בעב האָט פון טאַש באַקומען א נאָטיץ-ביכל, האָט עס אוועקגעלייגט אפן טישל.

— אין געהילץ זײַנען מיר רײַך, און האָלץ-העגדלער זײַנען מיר אָרעמע, שלעפּערס! — מער ניט. אין וועלדער זײַנען מיר רײַך, און אין קליעפּקע — אָרעם. אז מיר דאַרפן קליעפּקע אפּ א פּעסל פּוטער, דאַרף מען עס אדײַנפירן פון אויסלאַנד. איר פאַרשטייט, דאָוויד? מיר עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד רוי־האָלץ, אונטערגעזעגטע ביימער, קלעצער... Дрова рубить ווײַל מיר זײַנען אליין רויע, אומוויסנדיקע, ניט קולטורעלע. און די אויסלענדער כאַכאָמים אפּ זײַערע האָלץ־זאַוואָדן און זעגמילן ארבעטן אויס פון אונזער רוי־האָלץ, פון אונדזערע און ביליקן רוי־האָלץ ארבעטן זיי אויס קליעפּקע, ברעטער, פאַנערע, סטאָליער־מאַטעריאַלן, וואָס זיי אימפּאָרטירן עס אויך צו אונדז אין לאַנד פאַר גוטן פּראָפיט. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי.

בעב האָט זיך געהיצט:

— אונדזער פּאַרעצ טויג אפּ קאַפּאָרעס, בלויז א חולטיי, וואָס ברענגט אויס, פאַרלעבט מאַיאָנטקעס; אונדזער סויכער איז א בעטלער, דעם רובל פאַרנאָסע כאַפּט ער צו אפּגיך און באַהאַלט, פאַרגראָבט, און לאָזט עס ניט אין אומזאַץ, אז דער רובל זאָל זיך רובלען... ער ווייס נאָר שפּאָרן און קלײַבן אין „קובישקע"... ניטאָ קיין איניציאַטיוו, קיין אופּטו... דערפאַר זײַנען מיר הינטערשטעליק אין אַלץ...

ער האָט מיט די ציינ אָפּגעקניפּט דאָס ביסל קרעמ פונ א זעמל, צוגעלעקט מיט דער צונג, זיכ באַטאַמט אונ צוגעזופּט קאַווע פונ גלאָז אונ האָט געווײַלט.

— מיר דארפנ קולטורעלע סאָכרימ, פּאַכ־קענער, א געבילדעטע בורזשואַזיע, וואָס זאָל ברייט אונ גרויס אנטוויקלענ די אינדוסטריע אינ לאנד...

— ווילט איר מאַכנ דעמ אָנהייב פונ א געבילדעטער בורזשואַזיע...

— איכ...—האָט זיכ בעב א ווײַלע צעטומלט,—איכ... איר ווייסט דאָכ, אז איכ בינ א סאָציאַליסט! — האָט ער זיכ אָנגעבויגנ איבערנ טישל,—א סאָציאַליסט... מיינט ניט, א סאָציאַליסט קאָנ אויכ האָבנ א פאבריק. דער פאבריקאַנט זינגער אינ דײַטשלאַנד איז א סאָציאַל־דעמאָקראַט...

— א—הא... זינגער...—האָט דאַוויד עפּעס אויסגעצויגנ.

— א סאָציאַליסט בלײַב איכ, — האָט בעב אופגעכאַפּט נאָכ היציקער, — וועגנ דעמ איז גיטאָ וואָס צו רײדנ... נאָר די בורזשואַזיע דארפ מענ אויכ לערנענ — לערנענ זיי אייראָפּייִש האַנדלענ, אייראָפּייִש פאבריצירנ. איר מיינט עפּשער, אז איכ בינ געוואָרנ פּאָשעט א פאבריקאַנטל — ניינ! בא מיר איז ניטאָ פּאָשעט!.. בא מיר איז קיינ זאַכ ניט פּאָשעט. איכ וויל אנטוויקלענ די אינדוסטריע אינ לאנד! אירט זענ!

געווײַלט האָט ער אויסגעזופּט זײַנ קאַווע.

— א זאַוואָד—וועלנ ארבעטער האָבנ וווּ צו ארבעטנ. שטרײַקנ, אנטקעגנ מיר שטרײַקנ וועלנ זיי ניט דארפנ...—ער האָט זיכ אזש צעלאַכט.—איכ וועל גוט צאָלנ. נאָר בונטעווענ וועל איכ אַלײנ זיי אָגיטירנ דערצו. אונ שטיצנ מיט געלט. בונטעווענ דארפנ מיר אינײינעמ: זיי מיט די הענט אונ מיר — מיט געלט, מיטנ קאָפּ... איר ווייסט וואָס, דאָוויד? — האָט ער א פּאַטש געטאָנ איבערנ טישל — גייט צו מיר אינ זאַוואָד...

— וואָס הייסט?

— פאַר א בוכהאַלטער.

— איכ בינ ניט קיינ בוכהאַלטער.

— א קלייניקייט. אינ צוויי וואָכנ צײַט לערנט מענ אויס די טעכ-

ניק, וועט איר זײַנ מיט מיר צוזאמענ, איך וועל מאכנ די אינדוסטריע, און איר — דעמ סאָציאַליזמ...״

— איך זאָל אײַך ניט לאָזנ ארויסנעמענ פונ געשעפט פאר אײַער פערזענלעכנ געברויך מער ווי עס באַקומט אַנ ארבעטער, אַנ אָנגעשטעלטער? — האָט דאָוויד געשמייכלט.

— דאָוויר, איר הייבט שוינ אָנ אײַערע דיקדוקימ? און ווו איז פראָצענט אפ דעמ אײַנגעלייגטנ קאפיטאל?

— ווילט איר זײַנ א סאָציאַליסט מיט קאפיטאל? און באַקומענ פראָצענט?

— און פאר איניציאַטיוו, פאר אופטו? פארנ פירנ דאָס געשעפט? אנטוויקלענ די אינדוסטריע?! און איכ מיינ ניט נאָר זיך, איך וועל די ארבעטער גוט באַלוינענ, שטרײַקנ בא מיר וועלנ ניט זײַנ... און איך וועל זיי אפ רעוואָליוציאָנערע צוועקנ שענקענ... און פירנ די רעוואָליוציע.

— שענקענ?.. — האָט האָוויד ווידער געשמייכלט; — פירנ די רעוואָליוציע...

— אָרעראבע, — האָט בעב זיך ניט אָפּגעשטעלט; — זאָלנ די ארבעטער בונטעווענ, און איר היצט זיי אונטער. דאָס איז אַלעמענ נייטיק. פרײַהײַט! גלײַכהײַט! אָט נעמט ווינרעכט — אינ „טשערטא״ אפילע טאָר אויך א ייִד ניט וווינענ אויסערנ שטאָט. אָבער א וואלד איז פאָרט אויסערנ שטאָט... דארפ איך פירנ די קלעצער אינ שטאָט ארײַנ צו באארבעטנ, וואָס קאָסט הויצאָעס, אז איך האָב געקאָנט די זעגמיל אופשטעלנ נעבנ א וואלד, נעבנ א טײַך, ווו ס'לוינט מער, איר פארשטייט?

— איך פארשטיי... — האָט זיך דאָוויד אופגעשטעלט — איר ווילט זײַנ דער רעדלפירער פונ דער רעוואָליוציע, אז דער ארבעטער מיט זײַנע הענט זאָל צערייסנ די פענטעס, וואָס דריקנ אײַך. איר דארפט פאָליטישע פרײַהײַט... מע זאָגט אָבער, — האָט דאָוויד אויסגעדריקט שארפ און איראָניש, — אז די רעוואָליוציע אינ רוסלאנד וועט זײַנ אָדער א סאָצי-אלע, אָדער זי וועט גאָר ניט זײַנ... פירנ די רעוואָליוציע וועלנ — די ארבעטער...

עד האָט זיך א קער געטאָנ צו דער טיר.

— יע, איך אײַל אויך, — האָט זיך בעב א כאפ געטאָנ, — איך דארפ נאָך באווײַזנ הײַנט אינ באנק און אינ פאָסט, דאָוויד, זײַט זיך מעיאשעוו וועגנ אָנקומענ צו מיר אפנ זאוואָד... דאָס וועט ניט זײַנ פאָשעט

א זאוואָד, איך האָב פײַנט פּאָשעט... דאָס וועט זײַן א זאוואָד פון רעוואָליוציע און־סאָציאליזם... וואָרעם איך בין א סאָציאַליסט. אלץ וואָס פאר דער רעוואָליוציע, וועט זײַן בא מיר אפן זאוואָד...

3

— סלאווא באָריסאָוונא? — האָט איבערגעפרעגט די מאדאם גינזבורג, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט אין לאנגן טונקעלן קאָרידאָר, — א, הער בלום! כ'האָב אײַך קוים דערקענט, אזוי לאנג ניט געזען... און כ'האָב אײַך געוואָלט זען... אז איר קומט אהער ארײַן אמאָל צו סלאווקען, מאכט זיך מיר ניט צו זען אײַך, — האָט זי קעסיידער גערעדט מיט א יונג קאָל, וואָס האָט געקלונגען און איז פאָרויסגעגאנגען.

סלאווע איז זיי שוין אנטקעגן געקומען און האָט באזונדערס שטארק א דריק געטאָן דאָווידן די האנט. מאדאם גינזבורג האָט אים דאָ אין ליכטיקן עסצימער ווידעראמאָל באטראכט, פונסנײַ באטראכט — דאָס ווײַפלטע מאָל באטראכט זי אלץ זײַן אויסזען...

„א שיינער באָכער און א שטאָלצער... אן ערנסטער... א ווירדיקער". — אין דער נעײַלטער מאכשאָווע האָט זי אלץ געפרווט צוקלײַבן א פאסנדיק וואָרט פאר באזונדערן אויסדרוק פון דאווידס אויסזען, פון זײַן האלטן זיך, האָט עס איר ניט געלונגען, און זי האָט ניט געמאכט אזא אויספיר: „פאר וואָס זאָל ער ניט געפעלן סלאווקעלען"...

— ה' בלום, זעצט זיך צו, — זי האָט גוטמוטיק און לוסטיק א שמייכל געטאָן, — פארברענגט א ביסל דאָ בא מיר... דערנאָך וועט איר אײַך גיין צו סלאווקעלען אויבן...

ביידע, דאָוויד און סלאווקע, האָבן זיך מאָרגן אָנגעצויגן.

— ווייסט איר פון וועגן אָן כ'האָב אײַך געוואָלט זען, טרעפט? זינט די ציָעניסטישע פארזאמלונג, כ'האָב זיך דערמלט... פון דעמלט אָן... אז איר זײַט אזא זעלטענער רעדנער! איר רעדט... אז איר רעדט... גרויסארטיק! און אליין — א שיינער!... כא־כא...

— מאמא, — האָט סלאווקע גענומען זיך טוליען צו איר, גלעטן מיט א האנט איר טאליע, און מיט אויגן פול בענקעניש געקוקט אפ דאָווידן, — מאמא, אלע שוואָכים אפ אמאָל...

— וואָרט אָקאָרשט, סלאווקעלע, — האָט די מוטער שטיפעריש יונג געשמייכלט, — פאראן כעסרוינעס אויך... ה' בלום, איר רעדט צו שארף,

צו שטערנ... אונ מע דאַרפ אַנ אוילעמ ניט זאָגנ דעמ גאַנצנ עמעס... גאָר כ'האָב געהערט אונ געטראַכט: אַז סלאַווקעלע זאָל אײַכ הערנ אַזוי רײדנדיק, וואָלט איר געוויס דאָס קעפּעלע — זי האָט געשיקט אומגעדרייט אַ האַנט אונ לײַכט אונ ליבלעכ אַ פיר געטאָנ סלאַווקענ איבערנ קאָפּ — וואָלט דאָס קעפּעלע אירס זיכ פאַרדרייט... האָב איכ אײַכ געוואָלט זאָגנ...

— מאַמאַ, — האָט סלאַווקע דערשראָקנ איבערגעריסנ, — מיר גייענ אַרופ צו מיר אויבנ...

— דאַוויד באָריסאָוויטש, איר קאָנט פאַרייכערנ דאָ, — האָט זי אַ בליק געוואָרפנ אויפנ פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט אַזוי קעסיידער אומגעדרייט אינ די פינגער, — איכ דערלויב אײַכ רייכערנ דאָ... זיצט, ה' בלומ, איר גרייט זיכ געוויס צו עקסטערנ, איר זאָלט קאָנענ אַרײַנקומענ אינ אוניווערסיטעט? איר'ט ווערנ אַ באַרימטער אַדוואָקאַט!

— ה' בלומ, נעמט ניט פאַר אומגוט, וואָס איכ מיש מיכ אַרײַנ: אַזאַ יונגערמאַנ, ווי איר, איז שוינ צײַט צו טראַכטנ וועגנ אַ צוועק....

— מאַמאַ, — האָט סלאַווע געוואָרפנ, — דאַוויד באָריסאָוויטש האָט שוינ באַטראַכט זײַנ צוועק...

— מאַדאַמ, — דאַוויד האָט זיכ ערשט דערמאָנט איר נאָמענ, — ראַשעל מיכײַלאָוונאַ, וואָס מיינט איר אַ צוועק? וואָס באַטײַט?

— אַ טאַכלעס פאַר זיכ, אונ פאַר לײַטנ, — האָט זי גערנ אויפגעכאַפּט; — אַזאַ גראָטעגעד, אַזאַ פײַקער קאָנ ווערנ דער גערימטער אַדוואָקאַט, מיטנ גרויסנ נאָמענ... אונ אַזוי, ווי איר זײַט... איכ פאַרשטיי דאָכ, ה' בלומ — קאָנט איר נאָכ נעמענ אויפ זיכ צו פירנ פּאָליטישע פּראָצעסנ, פאַרטיידיקנ רעוואָליוציאָנערנ. ווערט מענ נאָכ מער גערימט...

— אַנטשולדיקט! — האָט דאַוויד אַ האַנט דערלאַנגט צומ געזעגענענ זיכ מיטאַמאָל, — סלאַוואַ באָריסאָוונאַ, מע קאָנ אײַכ פרעגנ?! — האָט ער איר ווי אָפּגערופנ פונדאַנענ.

— ה' בלומ, זײַט ניט אַזאַ גרויסהאַלטער, — האָט די מאַמאַ געזאָגט וואָגיק אונ זײַנ האַנט ניט אָפּגעלאָזט; — דאָס איז סלאַווקע אַ יונג פריילנ, אָבער איכ בינ שוינ אַנ עלטערע מאַדאַמ: איכ מאָג רײדנ, פרעגנ... ווילט איר ניט אײַנ אַנ אוניווערסיטעט? צו לאַנג... אונ אָפּ אַ פּראָוויזער אויכ ניט? מ'קאָנ עפענענ אַנ אייגענע אַפּטייק...

— ניינ, — האָט דאוויד אָפּגעשניטנ.

— מאמא! — האָט סלאווע ברוגזדיק אראָפּגעלאָזט די לאנגע ברעמענ, נאָר גלייכ האָט זי זיכ צעשמייכלט, — דו ביסט היינט אינ גוטנ הומאָר...

— דו ווייסט פארוואָס? — האָט די מוטער קלוגעדיק א בלענצל געטאָנ מיט די אויגנ, — איכ האָב היינט א פּאָר שאָ פארבראכט מיט א שאדכנ... א הומאָריסטישע בעוורע, כא־כא... ער האָט מיר געשטעלט דריי פראגנ, ווי פארלאנגענ מיר: א שידעכ א היננ, צי ניט קיינ היגנ? א „געענדיקטנ“, א געשטודירטנ, צי א סאָכרישנ? פונ גרויס יִכעס, צי נישקאָשע פונ מיטעלנ, אבי דער קערנ א גוטער?

— דער ייִד מיט דער גרויסער צעקעמטער באָרד, — מאכט סלאווע, — כ'האָב געמיינט, אז ס'איז עפּעס א גאבע, דו האָסט אימ געגעבנ עפּעס אינ האנט?

— נו, אוואדע — אפּ הויצאָעס... א ייִד האָט שוינ אונדז אריינגעשריבנ בא זיכ אינ ביכעלע, ר'טראכט שוינ וועגנ אונדז, טוט פאר אונדז, דארפ מענ אימ געבנ דערוויילע אפּ דער הויצאָע... ווי זאָגט איר דאוויד באָריסאָוויטש? יאָ, דאוויד באָריסאָוויטש.. כא־כא... איר ווייסט, אשטייגער — דאָס האָב איכ זיכ היינט געכאפּט, ווייל דער שאדכנ האָט געוואָלט פארשריבנ אינ ביכעלע מיינ נאָמענ אונ דעמ נאָמענ פונ ה' גינזבורג... איר ווייסט, אז בא ייִדנ איז דאוויד באָריסאָוויטש אונ סלאווא באָריסאָוונא, לעמאָשל, קיינ פּאָר ניט?.. ווייסט איר? — האָט זי קלוג געשמייכלט, — ווייל בא ייִדנ זיינענ די פאָטערס באָריס!..

— פאראנ נאָכ א גרעסערע מעניִע, צי א גרעסערער כעסאָרנ, — האָט דאוויד לוסטיק א זאָג געטאָנ, — וואָס איינ באָריס — דאווידס, איז אנ אָרעמער בערע...

— אנ אָרעמער... — האָט די מאדאמ שטיפעדיש איבערגעמישט. — איר וואָלט כאָטש זאָגנ: ניט קיינ פארמעגלעכער, נו, כאָטש — א געמיינער...

— ניינ, טאקע אנ אָרעמער! — האָט דאוויד באטאָנט. — אזוי איז עס.

— ערלעכ אונ אופריכטיק, — האָט סלאווע קימאט ווי זיכ בארימט פאר דער מאמא.

— דאָס איז האפקע קיינ מיילע ניט, טאָכטער מיינע... קיינ סויכער וואָרפט ניט זיינ פירמע...

— ס'הייסט ניט געוואָרפּנ, — האָט דאוויד אויסגעגליצט מיט די קארע אויגנ, — בא מיר איז די פירמע, די אָרעמע — די עכטע! די העכסטע! בא אײַכ עפּשער ניט...

— עפּשער ניט...— האָט די מאחאמ אינ שמייכל איבערגעריסנ.

— מאמא, איכ בינ עפּעס זייער צופרידנ, מאמא!

— פונ וועלכער פירמע, זאָג מיר, ביסטו צופרידנ?

— פונ דער געמיינער...

— פונ דער אָרעמער, זאָגנ!.. — האָט די מוטער זיכ קלוימערשט געבייזערט דורכ שמייכל; — דאוויד באָריסאָוויטש, זי נארט זיכ, מײַנ סלאווקע: אנשטאָט „אָרעמע" זאָגט זי „געמיינע" אונ זי מיינט, אז עס איז שוינ רעכט, פארנלעט...

— מאמא, — האָט סלאווקע זיכ געראוויטלט אינ ברעגנ אונ ערנסט, אונ אירע דינע ליפּנ האָבנ אופגעציטערט, — איכ נאר מיכ שוינ גאָר ניט. איכ מיינ דאפּקע די עכטע די אָרעמע, וואָס איכ וויים צו שעצנ אונ צו ערנ.

די מוטער האָט איר אָנגעקוקט לאנג:

— מירנ זענ... אז דיר איז ליב, סלאווקעלע, איז דער מאמא ניכע. האלעווײַ, צו גוטנ! א קינד פירט דאָכ אויס אלעמאָל..

אונ זי האָט ווי אָנמעכטיק אונ שטיל א פּאָר טריט געמאכט צוריק אונ זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער זײַטיקער סאָפע.

— צום ווידערזענ, מאמא! — האָט סלאווקע לוסטיק שטיפעריש א פּאָכע געטאָנ מיט דער האנט, האָט אונטערגעכאפּט דאווידנ, אימ אומגעדרייט צו די קרומע שלענגלענדיקע טרעפּלעכ ארופ אינ איר צימער.

4

סלאווע האָט זיכ א ווײַלע אומגעדרייט אינ צימער אויבנ, געזוכט אינ דער מאכשאָווע פונ וואָס אָנצוהייבנ אזעלכעס, וואָס זאָל צוערשט צעשטרויענ בא דאווידנ דעמ אײַנדרוק פונ דעמ געשפּרעכ מיט דער מאמא, וואָס איז איר, סלאווענ, איצט מיטאמאָל אומאָנגענעמ געווארנ.

— כ'האָב די טעג געזענ פּעטראָוונ, — האָט זי געררנ אָנגעהויבנ, — כ'האָב מיט אימ לאנג געשמועסט... דאוויד, איר האָט מיט אימ א ביסל אײַנגעארבעט, ווי עס זעט אויס. ער וויגט זיכ שוינ... אָבער —

ער אַליין זאָגט: איך קאָן דאָס אַלץ אופּפאַסן, אָבער ניט אופנעמען... איר האָט אים רעקאָמענדירט צו לייענען װ. איליטש „די אַנטװיקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". און איצטער, האָט ער מיר דערציילט, האָט איר אים געזאָגט, אַז ער האָט ניט גוט געלייענט... האָט ער עס גלייך גענומען װידעראַמאָל לייענען. ער האָט שוין בעלטאָװן אויך געלייענט און ס'איז אים שװער... דאַװיד, װי מיינט איר? — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— שװער אים...—האָט דאַװיד פאַרטראַכט אַרויסגעזאָגט.—א פריי־ציש קינד... די ראָמאַנטישע שיין פֿון דאָרפֿישע שטילע באַגינענס און פאַרנאַכטן דורך אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן אין די פענצטער פֿון פאַמילי־ען־מאַיאָנטעק—פאַרפירט אים נאָך אויך איצט... די געקרייזלטע פּראָזע, װי א געבלעטערטער װאַלד־געדויש האָבן אים דעם קאָפּ פאַרשװינדלט און פאַרװיגט, — איז אים שװער זיך אויסצופּלאָנטערן פֿון כאַלוי־מעס...

— דאַװיד!—זי האָט זיך א ריס געטאָן פֿלוצלינג פֿון אָרט און אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, װו זייט איר פאַרפאַלן געװאָרן אַזױ לאַנג? פֿון דער לעװיע אָן... כ'האָב ניט געװוסט, װו צו זוכן אייך.

— זוכן—האָט דאַװיד געשמייכלט,—ער האָט ניט באַמערקט איר צערודערטקייט, װייל ער האָט גענומען בלעטערן א נייעם העפט „נאָװאַיע סלאָװאָ", װאָס איז געלעגן אויפן טישל נאָך ניט אינגאַנצן פאַנאַנדערגעשניטן די בלעטער,—כ'האָב אַן אַדרעס...

— איך בין גראָד געװען לעבן אייער היים... געשפּאַצירט די טעג מיט כאַנקען. געװען בא איר, און צוזאַמען געשפּאַצירט אין אייערע גאַסן, אין די „אונטערשטע".

זי האָט זיך צוגעשטעלט אַהינטער אים און איבער זיינע געקרייזלטן קאָפּ אַריינגעקוקט אין העפט, װו זיינע אויגן האָבן װי דורכגעזיפּט קורצע שורעס פֿון א ליד.

— איך האָב איר עקסטרע פאַרפירט אַפֿ אייער דובאָװקע, כ'זאָג: דאָ ערגעץ װוינט בלום. האָט מיר כאַנקע אָנגעװיזן א שטיבל. זי זאָגט זיך צוגעבויגן נעענטער און אַפֿ־אים קימאַט געטעמט: — װו זייט איר געװען די צייט?

— אין דער היים, — ער האָט א האַנט אין דער הייך געצױגן אַהינ־טער, און האָט זיך ניט אומגעקערט.

— מ'קאָנ צו אײַכ אריַנקומענ אהיימ? — זי האָט זײַנ האנט אָנ־גענומענ.

— די טיר איז ניט צוגעשפּארט, קײנ גלעקל ניטאָ... מע עפנט די טיר, איז מענ שוינ דאָ, נאָר גאָר אנ אנדערע, א פרעמדע סוויווע...

— װאָט קומט איר דאָכ אויכ אריַנ אמאָל אוינ א „פרעמדער" סוויווע,—האָט סלאווע איבערגעריסנ,—אונ עס שטײט ניט צו אײַכ.

— דערהויפּט הײַנט,—האָט ער זיכ אומגעקערט צו איר, — גײ־עװריק אהער, האָב איכ באגעגנט בעבנ, גאָלדמאנענ... געזעסנ מיט אימ אינ קאפע אינ געטרונקענ קאווע.

— זײַט איר טאקע הײַנט עפּעס זײער צוגעלאָזט...—האָט סלאווע געשמייכלט,—מיט בעב גאָלדמאנענ קאווע געטרונקענ?! א בער אינ וואלד געפּאלנ...

— גוט אופגערוימט...

— איכ ווײס פּארוואָס... — זי האָט א פלאטער געטאָנ מיט אירע לאנגע ברעמענ. — איכ בינ געווענ אינ די גרופּעס, האָט מיר רויזעלע, באנקעס שוועסטער, אָפּגערופנ אינ א זײַט אונ געהײַמ איבערגעגעבנ א בלעטל: „נאט, לײענט, א פּראָקלאמאציע"...

זי האָט מיט א פּאָר פינגער אָנגערירט דאווידס שטערנ, מער אָנ־געקערט זײַנ פּאָנעמ צו איר, אונ אימ אינ די אויגנ אריַנגעקוקט. אונ אירע אויגענ האָבנ זיכ אלצ מער געשלײערט אינ טוי אונ פונ דעמ טוי אויסגעגלאנצט:

„ניט אינ לעוויִעס פּארײניקט, — נאָר שליסט אײַכ די רײענ אינ קאמפּ — פאר לעבנ אונ גליק!" אונ... איכ בינ צעטומלט... דאוו...— די האָט אפילע דעמ נאָמענ ניט פארענדיקט. זי האָט האסטיק א צי געטאָנ זײַנ פּאָנעמ צו זיכ, אונ האָט אימ אָפּגעבריט מיט א קוש אפ די ליפּנ.

דאווידנ האָט אָטעמ פארפּעלט.

זי האָט איר קאָפּ אראָפּגעלאָזט אפ זײַנ אקסל, צוגעפאלנ מיר, אָפּ־געשוואכט, אונ איר ברוסט, ווי א הײסע כוואליע, האָט געשלאָגנ אי־בער זײַנ פּלײצע.

ער האָט מיט א האנט געגלעט איר אָרעמ.

בײדע צערוישטע, צערודערטע האָבנ זײ זיכ גיכ אונ אנגסטלעכ אָפּגעריסנ אײנער פונ אנדערנ.

מיט די מיזיניקלעכ פונ ביידע הענט האט זי עפעס געפארעט אינ די ווינקלעכ פונ די אויגנ, האט דערנאכ מיט די הלאניעס געגלעט צו געקילט די צעהיצטע באקנ.

דאוויד האט די אויגנ איינגענורעט אינ אפענעם בוכ, זיכ גע־קנייטשט.

סלאווע האט אפגעקערט דאס פאנעם צום וואנט, האט אירע פאר־טרויטמטע אויגנ אנגעשטעלט אפ אנ אנגעהאנגענער גראוויור, אונ זי האט איצט ניט באמערקט אפילע וואס דאס איז, אונ מיטאמאל האט זי פאר זיכ אפנ קאל, מעלאדיש אונ הארציק, מיט ליפנ אינ ווי גע־קנייטשט ארויסגעזאגט:

....„גרעבער אונ מויערער, פארבער אונ בויער — באזונדער צע־שפליטערטע אונ פארבלאנדזשעטע יעדער אייגער אליינ, — האבנ זיי אינ צייט אונ אינ מי צוזאמענ נאר א זארג־באנק — פאר זיכ אונ פאר דוירעס... אונ פאר זייער קארבנ א קייוועך"...

— איכ טומל זיכ אונ גועדענק ניט קעסיידער...

....„מענטשנ פונ ארבעט, ברידער אינ נויט! פארייניקט זיכ צוזא־מענ אינ די רייענ פונ קאמפ — וועט איר פאר קינדער אונ קינדס־קינדער פארפלאנצנ א גארטנ פונ פרייד אונ פונ לוסט, אנשטאט דער זארג־באנק אמאל... נידער די זארג! פריידיק אינ מוט!"

זי האט זיכ אפגעשטעלט פארטראכט, א ווײַלע פארטראכט אופ־געגומענ לײַכטע קליינע קנייטשעלעכ ארומ ליגקנ אויג. אונ באלד האט זי זיכ א קער געטאנ אונ גיכ צוגעגעבנ, ווי אינדערלופטנ אופגעכאפט נײַע ווערטער:

....„זײַט ניט צעשטויבט אפ ראגנ פונ גאסנ, צעשפליטערט אפ ווענג־לעכ פונ מויערנ... מענטשנ פונ זארג! גליט אנ אײַער זארג, ווי שטא־בעס פונ אײַזנ, אונ טראגט עס אינ קאמפ!.." „גליט אנ אײַער זארג ווי שטאבעס פונ אײַזנ"... האט זי נאכאמאל אונ העפטיקער ארויסגע־זאגט.

דאוויד האט זיכ נאכ מער געבויגנ צום טיש.

זי האט, אפאנעמ, די פראקלאמאציע קימאט אינגאנצנ אפ אויס־ווייניק אויסגעלערנט... פונקט ווי איסער — טראכט דאוויד. איסער איז די טעג אפגעפארנ קיינ ווארשע, האט ער מיטגענומענ א פראקלא־מאציע. ער מיינט עס דורכ זײַנעמ א באקאנטנ דארט איבערגעבנ צום

דרוקנ אינ אנ אומלעגאלנ בלאט. נאָר איסער באזאָרגט זיכ אפ יעדנ פאל — האָט ער דאָ די פּראָקלאמאציע אויסגעלערנט אינגאנצנ אויכ אפ אויסווייניק — טאָמער קומט אימ אויס אינ וועג אפגיב פּאָטער ווערנ פונ דעמ בלעטל...

— דאָוויד, איר האָט עס אָנגעשריבנ... „גליט אָנ אײַער זאָרג"...
זי רעדט פארטראכט, אָפּגעצויגנ.

— האוויד...

זי וואַרפט אירע הענט, בײדע מיטאמאָל, מידע, אָפּגעשוואכטע, אפ זײַנע אקסלענ — אינ זײַנ רעשוס, אפ זײַנ באראָט. זי טוט א ציטער, גרייט אינגאנצנ צוצופאלנ צו אימ.

דאוויד שלײַדערט אופ זײַנ קאָפּ. האסטיק שטעלט זיכ אופ:

— קומט! גענוג...

— דאָוויד! דא—וויד...—פּרעסט זי אויס פונ אירע ליפּנ

— סלאוועקע! גע—נוג...—ער בייגט זיכ אָנ, טוט איר א שאָקל שמייכלענדיק פאר אנ אקסל, ווי מע וועקט עמעצנ פונ א דרימל, — גע—נוג...

— וואָס הייסט גענוג...—כאפּט זי אָנ א הויפנ האָר אפ זײַנ קאָפּ און מאכט אימ דאָרט א געווירבל.

ער האָט זיכ אויסגעדרייט און זיכ אוועקגעשטעלט פונ צווייטנ זײַט טיש.

זי איז א ווײַלע געזעסנ דעמ קאָפּ געגידערט. און מיטאמאָל האָט זי פונ צווישנ א הײַפל ביכער אפנ ברעג טיש האסטיק ארויסגעצויגנ א העפט, האָט עס צעעפנט און מיט א גרינעמ בלײַפעדער, וואָס איז גראָד דאָ געלעגנ, גענומענ פיבערדיק און שנעל צוקנ און יאָגנ איבער א ווײַסנ בלעטל:

.....דאוויד!.. דאוויד!.. כ'וואָלט וועלנ... איכ בינ דאָכ א שטיפערנ... צו זײַנ מיט אימ, מיט דאווידנ... מיט דיר! מיט דיר. דאוויד! א בוירעש, צוויי הרגי... נו, כאָטש א וואָכ, צוויי אָפּזײַנ צוזאמענ אינ פּעטערבורג... א שטאָט מיט גלײַכע גאסנ, גראדע, ווי ליניעס אויסגעצויגנ—ניטאָ האָרטנ קיינ „אויבערשטע" און „אונטערשטע" גאסנ... וואָלט שוינ האוויד אינ וועג צו מיר ניט געהאט קיינ מעהאלעכ בארג ארופ, וואָס בלויז דאָס אליינ מאכט אימ שוינ אופּגעבראכט"...

זי האָט וואָס ווײַטער אלץ מער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום בלעטל פונ העפט, וואָס איז קעסיידער פונ אונטער אירע פינגער פאַרוואָקסנ מיט בייטנ, אינ פיבער צעוואָרפענע; אונ מיט אויגנ געלײַטערטע אינ פינקל האָט זי צו זײַ צופרירנ געקוקט, געהנ אופגענומענ — אירע געווינטשטע.

...ניט ווי דאָ, ווי דאָ... פונ אײַער קלייגעמ שטיבל צו מיר אינ אַנדזער גרויסנ מויער... וואַקסט אָנ די אומגליַיכקײַט... אונטנ אונ אויבנ... קליינ אונ גרויס... גאָר אַנדערש, אַנדערש דאָרטנ. איר וואָלט אַרײַנקומענ צו מיר פונ אײַער צימער ערגעצ אפ דער 6־טער ליניע, צו מיר אינ צימער ערגעצ אפ דער צווייטער ליניע... ביידע גליַיכ מיט געדונגענע צימערנ אינ פרעמדע מויערנ, דאָוויד!"...

דאָוויד האָט שוינ לאַנג אוועקגעשפּאַנט איבערנ צימער, געוואַרט ביז זי וועט ענדיקנ שרײַבנ. אימ האָט זיכ גערוכט, אַז זי אײַלט צו פאַרשרײַבנ עטוואָס, וואָס זי האָט שיר ניט פאַרגעסנ אונ זי האָט עס מיטאמאָל דערמאָנט.

— סלאווא באָריסאָוונא, — האָט ער זיכ צוגעשטעלט, — איר וועט לאַנג שרײַבנ?

אָנ ווערטער האָט זי אימ אָנגעוויזנ, ער זאָל זיכ דערנעענטערנ. זי האָט זיכ עטוואָס אָפּגערוקט פונ טישל, האָט זיכ געריוויטלט, דערנאָכ צוגעמאַכט די אויגנ, זיי פאַרקוועטשט, אונ צו אימ צוגערוקט דאָס העפט — ער זאָל לייענענ.

דאָוויד האָט אַלצ טיפער דורכגעדרונגענ די צעוואָרפענע שורעס, אונ ס'האָט זיכ אימ אָפּגעדוכט, אַז סלאווע מיט איר שטיפערישער האַנט האָט אימ ווידער אָנגעכאַפּט א הויפנ האָר אפנ קאָפּ אונ מאַכט אימ א געווירבל.

האָט ער באַקומענ זײַנס א שוואַרצנ בלײַפעדער אונ געלאָסנ צוגע־שריבנ:

„...ס'איז אָבער ניט אזוי... דאָס לעצטע איז ניט ריכטיק — דאָס לעצטע"...

סלאווע האָט ביסלעכווײַז געעפנט די אויגנ, ווי עס וואָלט פאַר איר מיטאמאָל געוואָרנ דאָ אומבאַקאַנט אונ שווידעריק אַרומ.

זײַנ בלײַפֿעדער האָט גענומענ יאָגנ. דאַוויד האָט אפּ אימ איבערויקס אָנגעדריקט מיטנ פֿינגער: „סל. אונ ד. זײַנענ ניט שכײנים, צופֿעליקע שכײנים — אינ א שטיבל אונ אינ א מויער. אונ עס איז ניט אײנ שטיבל אונ אײנ מויער — אײנציקע, אָפּגעזונדערטע... ערגעצ פֿאַר־וואָגלטע"..

— נײנ!.. האָט ער צוגעשריבנ אפּ דעמ בלעטל פֿונ דער זײַט, ווײַל ס'האָט שוינ אויסגעפֿעלט אָרט, אונ ער האָט געשווינד גענומענ שרײַבנ אפּ א צווייטנ בלעטל:

„סל. אונ ד. זײַנענ טווישוויומ, אונ ניט שכײנים, אינ זײערע געבוירטיקע ערטער... אונ — ס'איז א שטיבל אײַנגעוואָקסנ צווישנ שטיבלעכ א סאַכ, אונ א מויער אײַנגעפֿונדעוועט צווישנ מויערנ פֿיל... א רוי־פֿעלע אינ א קייט... א שרײַפֿעלע אינ א סיסטעמ פֿונ רעדלעכ. דאָס זײַנענ קלאַסנ... בײַטנ א דירע הייסט ניט — בײַטנ די פּעקלעכ, וואָס מע ברענגט מיט, וואָס שלעפּנ זיכ נאָכ פֿונ די אלטע דירעס"...

ער רײַסט זיכ אָפּ פֿונ שרײַבנ אונ טוט א מאַכ מיט דער האַנט.

— „אינטערעסאַנט איז אָבער, — הייבט ער אָנ ווידער רײַטלעכ אויס־צודריקנ מיטנ בלײַפֿעדער אפּנ פּאַפּיר — דער ערנסטער געדאַנק, וואָס איז אזוי שטיפֿעריש, אז צוליב זײַנ שטיפֿערישקײַט ווערט ער אזוי ערנסט"...

סלאַווקע האָט אפּ אימ אָנגעשטעלט גרויסע אויגנ, נאָר דאַוויד קוקט זיכ ניט אומ. ער שרײַבט. האָט סלאַווע אראָפּגעלאָזט די אויגנ, אופּצו־כאַפּנ ווערטער צעפֿלדיקע פֿונ אונטערנ בלײַפֿעדער:

... זאָלנ בײדע... אינ א שטאָט מיט גראָדע גאַסנ.. אינ געדונגענע צימערנ. ביידע אָפּגעריסנ פֿונ זײער היימישנ באָדנ... בײדע אינ א האַפּסקעווײַלע פֿונ דער געבוירטיקער סוויווע"...

סלאַווע האָט אופּגעהויבנ אירע ברעמענ אונ גלאַנציק אונ לוסטיק צוגעוווּנקענ:

...„אינ א סטודענטנ־קרײַז, ווײַט אונ פֿרעמד פֿונ די היימענ"... האָט זי א יאָג געטאָנ איבערנ בלעטל מיט איר גרינעמ בלײַפֿעדער: „גײענ וואַנדערער אינ א וועג" — א י י נ װ ע ג א ו נ א י י נ ע וואַנדערער... האָט זי אונטערגעשטראָכנ די לעצטע ווערטער מיט איר נײַעמ בלײַ־פֿעדער.

מיט פֿאַרדרוס קוקט ער אָנ די צעדודערטע סלאַווע. ער פֿאַרשטעקט

זײַנ בלײַפעדער אינ קעשענע. צו וואָס נאָכ שרײַבנ? ער וויל ניט ווי טאָג סלאווקענ, פארקלעמענ זי. שפאנט ער אוועק, נאָר ער קערט זיכ אומ צוריק.

— סלאווקע! א מיידל זאָל זײַנ אינגאנצנ שטיפעריש, אינגאנצנ ערנסט... אונ אינגאנצנ — א וווּיל מיידל!

— דאוויד! — זי פארמאכט האסטיק דאָס העפט, לייגט עס אָפּ אינ א זײַט, — דאָוויד! פאָרנ מיר ביידע קיינ פעטערבורג...

— מיט די רעכט פונ באָרימ גינזבורגס „ערשטע גילדיע”?..

— איכ האָב א פלאנ... — האָט זיכ סלאווע שנעל אופגעשטעלט, — דאוויד, פאָרנ מיר ביידע צוזאמענ... איכ וויל אײַכ דאָרט באקאנט מאכנ מיט א פאָר זייער אינטערעסאנטע פערזאָנענ — איינער אנ אומלעגאלער... זיי וועלנ אײַכ ארײַנפירנ אינ אנ ארבעטער־קרײַז, — כ'האָב שוינ מיט זיי גערעדט וועגנ אײַכ.. וועט איר ארבעטנ אינ צענטער, צווישנ ארבעטער פונ דער גרויס־אינדוסטריע...

דאוויד איז געשטאנענ אנטקעגנ אונ זי אָנגעקוקט אזוי, אז זי איז גלײַכ אנשוויגנ געוואָרנ, זי האָט א ווײַלע אָפגעווארט.

— איר ווילט דאָכ עפּעס זאָגנ...

— קומט! דערווײַל קומט ארויס פונדאנענ...

זי האָט פארקלעמט געשמייכלט.

— דערווײַל גייענ מיר צוזאמענ? — האָט זי זיכ א קער געטאָנ צו איר גארדעראָבנ־שאפע נאָכ א מאנטל, א היטעלע, נאָר מיט דער האנט צו דער טירל אויסגעשטרעקט האָט זי זיכ אָפגעשטעלט.

— אונ דערנאָכ — מײַנ פלאנ וועגנ פעטערבורג. וועגנ ארבעטנ דאָרטנ. וואָס זאָגט איר פאָרט? וועגנ ארבעטנ אינ צענטער?..

— איכ מיינ, — האָט דאוויד זיכ גענעענטערט צו איר אונ זיכ געווײַטערט, געשפאנט אונ געקרײַזט, אונ פארטראכט גערעדט: — דער בעסטער אוואנגארד ברויכט צו האָבנ גוט צוגעגרייטע רעזערוונ... קעדיי דער לאָקאָמאָטיוו זאָל קאָנענ מיטציִענ די איבעריקע וואגאָנעס אינ זײַנ געלאָפ, ברויכט מענ זיי, אָט די וואגאָנעס, וואָס דארפנ נאָכציִענ, אפריִער ווי געהעריק אָנטאָנ אינ רעדער אונ אײַנשטעלנ אפ די זעלבע רעלסנ, ווי דער לאָקאָמאָטיוו...

סלאווע האָט אינגאנצנ אָפגעלאָזט דאָס טירל פונ שאפע אונ האָט מיט די אויגנ נאָכגעיאָגט דאווידנ — זײַנע טריט אונ זײַנע ווערטער.

— אפּ די זעלבע רעלסן, — האָט ער פעסטער אויסגעדריקט, — אַניט — קאָנען די וואַגאָנעס פאַרשלעפּן אין א זייט, און אַמאָל — באַלד אַראָפּ, צו א קאַטאַסטראָפע.. דער צענטער, די אינדוסטריעלע אַרבעטער וועלן פירן, זיי וועלן דעם ריכטיקן טאָן געבן, אָבער די פּראָווינץ, די קליינאינדוסטריע, באַלמעלאָכעס, אַרבעטנדיקע, פּויערים מיט ווייניק ערד און גאָר אָן ערד — דאַרפן דעם טאָן אויפכאַפּן... און דעם טאָן האַלטן, ווי זינגער זאָגן.

ער האָט זיך צונעשטעלט מיט בליצנדע אויגן פון זיין צעוויקלטן גע־דאַנק.

— דער סאָלאָ ברויכט א קאַפּעלע... און דאָ אין דער קאַפּעלע דאַרף מען זיין באַזונדערס אָפּגעהיט פון פאַלשע טענער, וואָס זאָלן זיך באַ־לילע אַריינשמוגלען: קליינבירגערלעכער אוטאָפּיזם, באַלמעלאָכישע לעבלעכקייט, פּויערשער וואַקל אַהין און אַהער און די צעקראַכנ־קייט און גסיסע־טשאַד פון דער האַנטווערקעריי — פאַר איר אונטער־גאַנג... די ברייטע באַזע, די פּעריפעריע, די זאַרג־באַנק, די זאַרג־באַנק ברויכט מען אויך איבערצושמידן...

— סלאַווקע! — האָט ער מיטאַמאָל צעקנייטשט דאָס פּאָנעם און אין ווי צעקרימט די ליפּן, — סלאַווקע! דו גייסט?

— איך גיי, איך גיי... — האָט זי אין שמייכל געיילט אָנצוטאָן דעם מאַנטל.

— דאַוויד! — זי האָט זיך אים אָנגעהאַנגען אפּן האַנט... האָט פונקען פריידיקע פון אירע אויגן געלאָזט שפּריצן אין זיינע אויגן, — דאַוויד! זאָג: אין א מויער געבוירן איז — פאַרלוירן?.. פאַרלוירן, דאַ־וויד? זאָג!

— ניין! — ער האָט געקרעמפּט מיט די ליפּן, — ניין!, נאָר מע דאַרף זיך.. בלויז בייטן א דידע איז ווייניק... בייטן דעם קלאַס! דער וועג איז א שווערער און מע דאַרף עס דערהוייזן... אין דעם פּראַט איז א מויער דאָפּקע ניט קיין ביטועכ... מע דאַרף עס דערהוייזן! נו — סלאַ־ווע, איך גיי. נאָך א ווײַלע, וועל איך האָ אויסהויכן מיין גאַנצן היינ־טיקן גוטן געמיט... קום!

III. אפנ בעסוילעמ

1

פונ ביידע זײַטנ בארג ארופ צומ בעסוילעמ. האָבנ זיכ בעטלער אויס־געשטעלט מיט היימישע טעלער, מיט לײמענע שיסעלעכ אונ גלאט מיט גיריקע פינגער אונ ארויסגעשטעקטע הענט.

טישעבאָװ — בא בעטלער אונטערנ בארג, טישעבאָװ — באמ בעסוי־לעמ אפנ בארג.

ייִדנ אונ ייִדענעס פארזאָרגטע, אומהיימלעכע אונ קארגע צינענ אופ אונ אָפ, צומ בעסוילעמ אונ פונ בעסוילעמ אפ הער גיכ, זיפנ דעמ צע־זיפטנ זאמד פונ גרונט מיט זייערע צעריסענע סקארפעטקעס, מיט צע־דרייטע שטעקשיכ אונ גרויסע געלאטעטע קאלאָשנ פארבײַ די בעטלער: — צוריקגייענדיק... — זאָגט מענ צו...

— שוינ געגעבנ... אהינגייענדיק... — ענטפערט מענ דערנאָכ. הארט בא די בעטלער אונ מיט א האנט פונ טעלער אינ טעלער שארט עמעצער אונ זוכט אויסגאָב פונ א גרויסנ אלטפרענקישנ גראָשנ.

— גיט א רעשט... מ׳דארפ דאָכ נאָכ עמעצנ געבנ... ניטאָ בא אײַכ א פאָלושקע אפ אויסגאָב פונ א גראָשנ?.. — װארפט מענ שוינ בא דער לעצטער טעלער אונ מע גייט ארײַנ אינ טויער פונ בעסוילעמ מיטנ ניט־צעביטענעמ גרויסנ אלטפרענקישנ גראָשנ אינ דער האנט.

מורמלענ בעטלער:

— רײַכע גייענ ניט — קליינע באלעבאטימ זוכנ אויסגאָב פונ א גרויסנ גראָשנ...

מיט אייננ גלאטנ גראָשנ װילנ זיי אלעמענ באטיילנ...

— יאָשקע! הער נאָר, יאָשקע! קלאָצ! קלאָצ! יאָשקע קלאָצ!... — שרײַט מענ איבערנ װעג צו דער צװייטער ריי בעטלער אפ יענער זײַט װעג, — יאָשע קלאָצ, בא דיר איז דאָכ געװענ א סאכ פאָלושקעס, אנגע־קליבענע... גיב אהער עטלעכע, אפ אויסגאָב.. מ׳דארפ „אימ“ געבנ א פאָלושקע רעשט, — רעדט מענ אָפ צװישנ זיכ, — אונ אָפנעמענ בא „אימ“ דעמ גראָשנ... אז ער װעט גייענ צוריק... קלאָצ, גיב א פאָלושקע, מ׳דארפ בא אימ אָפנעמענ דעמ גראָשנ! אָפנעמענ!..

נאָר מיטאמאָל האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ יונגעלײַט, באָכערימ אינ פײַ־לעכ מונטערע, מיט שמייכל אפ די פענעמער, ניט קיינ טאָגעסדיקע,

מיט טריט פעסטע אינ שטיוול אונ שיכ. רוישיק שמועסט מענ צווישנ זיכ, אונ גוטמוטיק ווארפט מענ צו אגעוו א מאטבייע אינ א טעלער, א מאטבייע אינ א שיסעלע.

זיינענ ייִדנ טישעבאָוועדיקע אומצופרידנ, דערשראָקנ: אינ אזא אָרט! אינ אזא טאָג! אָבער בא דער יוגנט אינ הארצנ האָט געברויזט א שטארקער טעמפּ פונ לעבנ, אונ אינ די האסטיקע געדאנקענ האָבנ זיכ, ווי סטענגעס אפּ וואלנ, געוויקלט גלעלצנדיקע פלענער פונ נייע וועלטנ. וואָס מאכט אויס דער אָרט אונ דער טאָג? אויב מ'קאָנ עס אויסנוצנ... אזוי אויכ האָבנ יענע ביימער הויכ אונ פארצווייגט זיכ צעוואָקסנ אפּ אלטע פארצייטיקע קוואָרים....

האָט די יוגנט אויסגעמיידט טאקע דעמ „נייעם שטיק" מיט די פריש אָנגעהויפנטע בערגלעכ ערד. ייִדנ אינ טאָנעס האָבנ גיט קיינ קוועכ אונ קיינ מוט זייערע טריט צו דערווייטערנ, אינ פעלד זיכ פארטיפנ. בלייבנ זיי שטיינ פונפאָרנט, אומעטיק אָנצוקוקנ שורעס נייע קוואָרימ, אונ טרויעריק ציילט מענ שוינ די ציילנ קוואָרימ פונ מאָרגנ. אונ איבערמאָרגנ, וואָס וועלנ זיכ ארויסרוקנ נאָכ פאָרנטער אהער..: אונ צווישנ זיי, אינ די אופגעהויפנטע בערגלעכ ערד אינ געציילטע טעג ארומ וועלנ זיי אליינ אויכ אנ אָרט אָנ זאָרג באקומענ...

יוגנט פארבייַ! פארבייַ די נאָענטע, פאָרויס צו ווייטערע!

— ווייטער! ווייטער! — קערט זיכ אומ זאלמענ אונ אמאָל איסאק.

גייט מענ ווייטער, צומ „אלטנ שטיק", צו פארגעסענע אונ פארלאָזטע דווירעס אונ יאָרנ. מיט ברייטע פעסטע טריט גראד איבערנ גראָז, איבער הייפלעכ פארטריקנטע ערד, צווישנ געדיכטע ביימער, אונטער צעשפרייטע צווייגנ.

— זע זאָקאָרשט, א שטיק ליידיק פעלד... — איסאק איז צופרידנ.

— דער שטיק איז שוינ אוואדע פינפ מאָל עלטער פונ אונדז, — זאלמענ קערט זיכ אומ צומ אוילעמ, — די פאבריק ארבעט, כ'מיינ — די נאטור... פונ מייסימ אויסגעוואָקסנ גראָז אונ בלומענ... נאָר די צעפוילטע ברעטער פונ די מאציייוועס האָבנ גראָה די שאומאָסימ אינ די אויוונס צעבראכנ...

ווו-ניט-ווו האָבנ זיכ שטיינער פלאציקע געוואלגערט אינ דער ערד איינגעגנורעטע, מיט די אופשריפטנ איטוויינריק — צו דער מוטער-ערד, אינ איר שוימ באהאלטנ, — זאָל שוינ קיינער מערקנ. אונ איז א שטיינ

ניט גערן געבליבן אויסגעגליטשט מיט דער אופשריפט ארום, האָט אין די טיפעניש פון די אָפגעבליאַקעוועטע געפּאַרבטע אויסיעס געשימלט גראָ־געלע מאָכיקע אייטער, ווי טיפע בלאָטערס פון איינוויינזיקסטן קיי־מער, וואָס אַ וווּנדיק לײַב איז אופגעדעקט...

מאָטל און נאָטקע האַלטן זיך עפּעס פאַר די הענט ביידע און קלאַפּן אָפּ קעסיידער די שיך אָן אַ שטיין, שפּרינגען אויף ביידע דערשראָקן, באַנקע מיט ליזעלען גייען פאַרזיכטיק, ניט אונטערצודרייען די הויכע קנאַפּל, און שמייכלען.

— שרעקט זיך ניט, — מונטערט אויף מענדל, — מ׳וועט אָפּ אײַך אויך טרעטן... דוירעס גייען אָפּ דוירעס, צײַטן טרעטן אָפּ צײַטן... ווי ערד־פּלאַסטן — איינע אויף די אַנדערע...

2

נאָך דעם שטיק פעלד האָבן זיך א ריי ביימער באַוויזן — יוסטע, באַיאָרנטע, ארום א בוים א זאָקן, וואָס האָט זײַן שטאַם געשפּאָלטן אין ביימער באַזונדערע. באַוואָקסן יעדע איינציקע מיט דיקע זײַטיקע צווײַגן, און מיט דיקערע צווײַגן צעשפּרייטע פון זיי, און יעדעס צווײַ־געלע האָט אַ שלאַל דיטעלעך מיט בלעטעלעך צעלאָזט. אַלטע ביימער מיט געבויגענע שווערע קעפּ צו דער צעוואָקסענער געזינד אונטן, וואָס האָבן זיך צו שטאַמען געטוליעט. און ארום פון ביידע זײַטן האָבן יזין צײַלן געקרײַזט טונקעלע ביימער אָנגעלאָדענע מיט בלעטער, וואָס האָבן קוים־קוים געפּלאַטערט יעדע איינציקע, און אַלע צוזאַמען מאָדנע גע־רוישט, געזשומעט, ווי טויזנטער פליגן און בינען שמוצערן אין אומרו.

אהינטער דאָס געזינדל ביימער, אין נידעריקן געמויערטן פּאַרקאַן זײַנען א ריי שטיין־טאָוולען, מיט אופשריפטן פּאַרצײַטיקע, ווי אין איין ראַם אײַנגעפּאַסט — אַ צעפּלאָסענער אָנדענק וועגן א סאַך מעטושטעשע, אָפּגעבליאַקעוועטע...

...„הר״...„הג״...„קד״...״„נפ״. האָבן אויסיעס, ווי גלידער זיך צע־וואַלגערט נאָך פון ת׳ק... און תק׳ג...

— זע, ווו אונדזער צווילינג איז,—האָט באַנקע אָנגעוויזן איסאַקן אַז מאָטלען מיט נאָטקען, וואָס זײַנען שוין געזעסן אויף די אָנגעקלאַפּטע בלעך פון דעם נידעריקן פּאַרקאַן, מיט די פּנים אומגעדרייט צו יענער זײַט.

— מאָטל! — בייזערט זיך איסאַק, — נאָטקע! וואָס דאַרפסט איר זיך ווײַזנ אהינ?..

— ראָרטנ איז א טײַכל.. פונ יענער זײַט איז א טײַכל, — האָט מאָטל צופרידנ אָנגעזאָגט, און פונדעסטוועגנ איז ער מיט נאָטקענ גלײַך אראָפּגעשפּרונגענ.

— וואָס עפּעס אזוי שפּעט, — האָט נאָסנ באַגעגנט מאַטעסנ מיט דאָנענ.

— מיר זײַנענ האָב עפּעס יידנ מיט בערד, — האָט מאַטעס אָנגענו־מענ זײַנ געל שיטער באָרד, — אַז מיר זאָלנ דורכלויפנ אפנ בעסוי־לעמ דעמ נײַעמ שטיק, ווי איר יונגעלײַט, וועט מענ האָב נאָך אונדז נאָכלויפנ...

— האָוויר וועט קומענ באַלד?, — האָט כאַנקע געפרעגט איסאַקנ.

— ניינ, — האָווידנ קענענ אַלע, און ער דאַרפ זיך ניט ווײַזנ אומע־טומ. דאַוויד האָט אַלצ איבערגעגעבנ מענדלענ און מאַטעסנ... מאַטעס וועט הײַנט ריידנ...

— איסאַק! — האָט זיך כאַנקע ניט געשטילט, — איך וועל זאָגנ דאַווידנ, אז איסאַק זאָל אימ גיט פאַרשטעלנ...

— מענדל, הייב אָנ! — האָט איסאַק הויך ארויסגעזאָגט.

3

דער אוילעמ האָט זיך א לאָז געטאָנ אפ יענער זײַט פונ די רייענ געדיכטע ביימער. דאָרטנ האָבנ זיי ענג ארומגערײַזט מענדלענ.

— אהינטערנ פּאַרקאַנ איז א טײַך, און אינ טײַך איז קיינער ניטאָ? מע באָדט זיך ניט דאָרטנ?... — האָט איסאַק הויך געזאָגט צו מאָטלענ.

— שוינ געזאָגט האָב דיר, — האָט מאָטל פאַריבלדיק אָפּגעענט־פערט, — נאָטקע, זעצ זיך אפנ פּאַרקאַנ און כאַפּ דאָרטנ א קוק... — און מאָטל האָט אונטערנ אָרעמ אונטערגעכאַפּט פּײַטלענ, וואָס איז געשטאַ־נענ זײַטיק און מיט בלויע פאַרטראַכטע אויגנ געבלאָנדזשעט אינ די הויכע ווײַטנ.

מענדל האָט שוינ פונ דער טאַש באַקומענ א צעקנייטשטנ פּאַפּיר, א דינס, מיט בלויע שריפט צעפּלאָסענע. ער האָט עס פּאָרזיכטיק פאַנאַנ־דערגעוויקלט, איז איבער דעמ געשווינד דורכגעלאָפנ מיט די אויגנ און האָט צוגלײַך געהערט.

— די לעצטע יעדיעס זיינען טרויעריקע און — פריידיקע...

ער דערציילט נעלאסן, קענטיק, אז ער האט די צעפלאסענע אויסיעלעב פון בלוי־געפארבטן בלעטל שוין לאנג איינגעזאפט אין זיין אופגערודערטן געמיט. ער האט גלאטיק גערערט וועגן שטרייקן און ארעסטן, וועגן דורכפאלן און שטרייקן, און האט מיטאמאל זיך צעשווירעט...

„...די ווילדע כייע איז צערייצט. די צעבייזערטע שלאנג, אפ וועלכער דער ארבעטער־קלאס האט מיטן שווערן פוס אנגעטראטן — שלינדערט זיך אין ניכפע, און בייסט, מאזיקט, לאזט ארויס איר גאנצע גיפט"...

ער האט זיינע אויגן אפן אוילעם צעפלאקערט און זיין פאנעם האט זיך אמאל קרענקלעך געבלייכט און צערודערט, און אמאל צעהיצט אין צארן און האס, וואס האבן זיך פון זיינע דינע ליפן געוויכערט:

— די בעסטע קעמפער אין קאזעמאטן געווארפן, אין דער פינצטער פארשפארט... לעבעדיקע, היציקע — אין ווייטע און אין קאלטע „סיבירן" צעשליידערט... די נאהייקע קנא־אקט, שפא־צירנדיק איבער די לייבער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, מיינע און אייערע ברידער, קינדער פון ארבעטער־קלאס...

— קורץ און גוט... — האט זיך כאפט דער טאקער ווי אפגעריסן פון זיין ווייבל, האט א צי געטאן בארעכן. — מיר דארפן זיך א נעם טאן... ווען גייען מיר?...

מאטל האט נאכאנאנד מיט די קנאפל די ערד געגראבן, געבויערט טיף און צארנדיק. נאטקע האט מיט רוגזע א פאטש געטאן איבערן בלעך אפן פארקאן. כאנקע האט א דיקן צווייג פון בוים מיט האסט געבראכן.

... מיר שטייען אין קאמף! — האט מענדל זיינע אויגן אנגעשטעלט עפעס אף פייטלען, וואס האט דעם קאפ ארויפגעלאזט פארקלעמט, — אין קאמף! היינטיקן פרילינג האט זיך ווי א געוויסער א שפאר געטאן אין לאנד שטרייקן אין פאבריקן, דעמאנסטראציעס, אומרוען... דער בארן וואקלט... האט מען אונדז א קלאפ געטאן מיט מאסן־ארעסטן, מע רייסט פון אונדז לעבעדיקע איווורים. וועלן מיר דערוף ענטפערן מיט נייע געשלאסענע רייען! העכער די פאן! פארויס אין קאמף! נידער די טיראנען!

מענדל, איסאק און זאלמען האבן גלייך ארויסגעשאטן דינע צעקנייטשטע קאלירטע פאפירלעך; די פארזאמלטע האבן זיי גיריק אופגע־

באפּט, מיט די פינגער אָפּגעגלעט, און מיט די אויגן און מיטן אופגע־רודערטן וועזן זיך פארטיפט אין דעם..

— אין די קעשענעס! לייענען אין דער היים! — האָט איסאַק קורץ אָנגעזאָגט.

— זאָגט מיר אפריער — האָט בער דער הויכער אָפּגעהאַלטן — וואָס איז טי־ראַן?

— פאַרען ווייסט איר? — האָט זאַלמען גיך אָפּגעענטפערט.

— און טיטוס, — האָט מענדל צוגעגעבן.

— אזוי, אזוי... אזא איז אונדזערער אויך...

— „אונדזערער" איז ער קימאַט ווי נאַרניט... — האָט מאַטעס געכוויזעקט — מ'האָט בא דיר ניט געפרעגט און בא מיר ניט... דו מיינסט דאָך דעם פּעטערבורגער יונגנמאַנטשיק...

— האַ־אַ? — האָט בערע אין פלוג ניט פארשטאַנען, און האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַלע ארום האָבן אזוי צופרידן געלאַכט.

— פאַר וועמען דו שטעלסט זיך נאָך „יעקום פורקן" — האָט מאַ־טעס געשמייכלט.

— דו ביסט א שאַרפע יאַרמעלקע, — האָט בערע שוין פאַר־שטענדיק צוגעשמייכלט, — און מע דאַרף צו דיר א שפּיציקן קאָפּ.

— גענוג וויצן, — האָט איסאַק איבערגעריסן, — מאַטעס, דײַן וואָרט...

מאַטעס האָט גערעדט ניט הויך און ניט גיך. ווערטער פּאַשעטע און געהאַנקענע מאָדנע פאַר'שטענדלעכע. דעם שווערן קאָפּ אופגעהויבן, און דערמיט אויך אופגעצויגן זײַן נאָך שווערערן רעכטן אקסל, האָט ער דײַטלעך און אײַנגעטיילט יעדעם וואָרט, וואָס זײַנע מאָגערע ליפּן האָבן געלאָזן און געוויגן, ווי אַף פינקטלעכע שאָלן, ארויסגעלייגט.

ער האָט גערעדט וועגן ארבעטער, וועגן פּויעל, וועגן זיך, מאַטעס דעם אײַנבינדער, אין דער היים און אַף דער ארבעט, אינדערוואָכן און שאַבעס. און ס'איז אויסגעקומען: שווערדיק באַקאַנט! און אומגעריכט ניי... עפּעס וואָלט ער יצו נאָסענען געזאָגט: „לאָמיך אָקאָרשט צו צו דײַן פּרעס... דײַן פּרעס — מײַן פּרעס... דו מיינסט, אז דו פּרעסט אײַן א פּאָר טאָוולען אין א בוך, דרייענדיק דעם וואַליק מיטן גאַנצן קויעך?.. דאָס דרייסטו אויס דעם קליאָק פון דײַנע ביינער, און פּרעסט צונויף דײַנע אייגענע הארץ, ווי א צעדאַרט בלעטל..." „בערע דער הויכער האָט

געהובלט 20 יאָר, געהובלט דרײַסיק יאָר און אויסגעהובלט האָט ער פאַר זיכ נישטיקע „סטרוזשקעס” — ווײַסע האָר אפנ קאָפּ...

...פאַרוואָס איז בא מײַנ יויסעפּקעג, בא מײַנ יונגל שיטערע און בלייכע האָר אפנ קעפּל — בלייכע הערעלעכ?!.. דער זומערדיקער טאָג אינ מײַנ קעלער איז א בלייכער. דער קרופּניק אינ מײַנ טעפּל איז א בלייכער, די מוטער־מילכ בא מײַנ ווײַבל איז בלייכע, שיטער־בלייכ. מײַנ מיידעלעס שמייכל איז שטיל און פאַרשעמט, ווי איר צעריסנ העמד אפנ לײַב...

די לוסטיקע באַנקע האָט מיט די אויערנ צוגעהערט די קלעמענדיק־אָפּגעצויגענע ווערטער און מיט די אויגנ זיכ אײַנגעטורעמט אינ ערגעץ. דוכט זיכ, אז מאטעס האָט פּאָדלאָגעס אינ שטיבלעכ אופגעהויבנ, און פאַרשטעלטע געגעמס אנטפּלעקט. ער האָט די ווייסטע שמאַטעס פונ די לײַבער אראָפּגעצויגנ, און אנטבלויזט די פאַרוווּנדעטע גלידער. ער האָט א האָר געשפּאָלטנ, פונ אייגענעמ קינד א האָר, און עס געווינג־טרוקנ און אויסגעצערט, ווי א שטרויעלע פונ יאָרנ פאַרוואַלגערט.

„...פּראָלעטאריער! מיר זײַנענ פּראָלעטאריער, מע האָט אונדז מיטנ ריכטיקנ נאָמענ אָנגערופנ, — האָט ער אויסגעבליצט מיט זײַנע גרויע אויגנ, — ווי מע האָט מיר פאַרטײַטשט, איז פּראָלעטאריער: אַדאָם נאַקעט! אָדאָמ — א מענטש, וואָס זײַנ גאַנצער אייגנס איז — זײַנ באַסעטקײַט. און דאָס אויכ גיבנ מיר אָפּ די באַלעבאַטימ לעאַכאָרים, צו לויט און צו פונט, פאַרנ גראָשנ א טאָג. קאָנענ מיר און דארפנ מיר אמאָל — אנגרא און אײַנגאַנצנ אָט דעמ אייגציקנ אייגנס אונדזערנ אינ קאָנ שטעלנ — אנטקעגנ די באַלעבאַטימ!..

מאטעס האָט זײַנ מאָגער האַלדז אלצ אָפּטער געצויגנ אינ דער הייכ.

— מיר קאָנענ און דארפנ שטעלנ אינ קאָנ אונדזער אייגציק פאַרמעגנ — ראָס ביסל טרוקענע בײַנער. מײַנ האַ־אָרב... — האָט מאטעס צוויי מאָל אָנגעפּאַטשט מיט דער לינקער האַנט אפנ רעכטנ אקסל, און זײַנע אויגנ האָבנ זיכ צעפּנט שוידערנדיק ערנסט, — מײַנ האָרב, וואָס האָט זיכ פונ ארבעט און נויט — מײַנע און מײַנ טאטנס — אָנגעהאָרבעט, דארפ צוריק די ארבעט און נויט אויסהאָרבענ... אויסהאָרבענ מיט דעמ אייגענעמ קאָרבנ — אינ טורמעס... אינ סיביר...

אימ האָט אָטעמ אויסגעפעלט, האָט ער זײַנ פאַרוואָרגנ האַלדז א צי געטאָנ לענגער אינ דער הייכ, פאַרשלונגענ די איבעריקע ווערטער, און

איז אָפּגעמאַטערט קוימ אַוועק פֿונ זײַנ אָרט. די געוויקסיקע באַנקע האָט אימ פֿעסט אָנגענומענ אונ צוגעפֿירט אָפּרוענ. אונ אַלײנ א צערודערטע אַוועקגעשפּאַנט אונ געוואָרפֿנ צעשוידערטע שווערע ווערטער, וואָס האָבנ אינדערלופֿטנ אופֿגעזאָדנ, ווי אָנגעבראָגטע שטײנער געשלײַדערט אינ זודיק וואַסער.

— מיט די צײנ שווערדנ צעבײַסנ... מיט נעגל געמויערטע ווענט דראַפּעג... וואָס עפּעס פֿוילנ?... מיד'נ שטײנער שלײַדערנ.. טורמעס צעשמעטערנ...

— א ביסל שטילער דאָ... — האָט איסאַק צו איר מיט די ליפּנ באַוועגט.

— אויס שרעק! אויס מוירע! — האָט זי, העכער געשריענ, — צעבראָכט די קייטנ!..

— אַלטער! — האָט איסאַק אויסגערופֿנ—ווער איז דאָ הײַנט אינ וואַכ? עמעצער פֿאַראַנ דאָרטנ? — האָט ער אָנגעוויזנ צו דער זײַט פֿונ „נײַעמ שטיק”.

— דאָרטנ איז שאָלעמ אונ מוישקע, זײ וואָלטנ געבנ א סיגנאַל...

ס'האָבנ נאָכ גערעדט זאַלמענ — הײס אונ פֿאַרגרײַזלט, אונ איי־סאַק—געלאַסנ אונ „צו דער זאַכ”, דעריקער, שלוימקע אונ באָרעכ האָבנ אַזוי ווי בעשוטפֿעס גערעדט הײַנט בײדע אַפֿאַמאָל. כאַיִמ דער טאָקער האָט אַרומשפּאַנענדיק צערודערט, מיט אַלע רעדנערס מיטגע־רעדט אונ מער פֿונ אַלעמענ זיכ געהיצט.

נאָסנ האָט געוואָלט „אײנ וואָרט” זאָגנ, האָט זיכ שימענ מאַלעכ אַרײַנגעריסנ, אויכ געוואָלט רײדנ, אונ האָט זיכ גלײַכ צעטומלט:

— אָט כאַיִמ־בער... וואָס פֿונ דאַכ... אונדזער קאָרבנ...

— גיט אַזאַ קאָרבנ, — האָט הירשל צו אימ געשריענ.

— כ'ווײס... איכ — א קאָרבנ... מיט א שטאַבע אינ האַנט...

מענדל האָט געקירצט זײַנ לעצטנ וואָרט:

— מיר שטײענ אינ קאַמפּ, דאַרפֿנ מיר קעסײדער קלאַפּנ... א שטרײַק איז א קלאַפּ — דער ערשטער קלאַפּ... דערנאָכ וועט אויסקו־מענ צו שלאָגנ זיכ מיט „זײ” אַפֿ דעמאָנסטראַציעס, אונ צולעצט, — מילכאָמע האַלטנ אַפֿ באַריקאַדעס... קלאַפּט „זײ” פֿונ אַלע זײַטנ! פֿונ אומעטומ: אַפֿ די גרויסע פֿאַבריקנ, אונ אינ די קלײנע וואַרשטאַט־לעכ — זאָלנ זײ צעטומלט ווערנ פֿונ די קלעפּ... לאָזט זײ ניט צורו...

איסאק האָט אָנגעזאָגט, אז די פארזאמלונג איז פארענדיקט, מ׳קאָנ גײנ צו ביסעלעכ. נאָר עטלעכע זאָלנ פארבלײַבנ.

די „עטלעכע" האָבנ געוווּסט, וועמענ מע מײנט, און די איבעריקע זײַנענ ווי וואסערלעכ אינ פארשײדענע זײַטנ צערונענ.

4

די פארבליבענע זײַנענ גלײַכ אוועק פונ אונטערנ בוים, האָבנ זיכ דערווײַטערט רעכטס און דערנאָכ אוועק לינקס און זײַנענ ארומ ערגעץ אינ א ווײַטנ אָפּגעמ ווינקל אונטער דער זונ, וואָס האָט גראָד אנטקעגנ געבאקט און געבלענדט. האָט מענדל דעמ קאָזירעק פונ היטל אראָפּגערוקט איבער די אויגנ און האָט אינ אײנ אָטעמ־צוג גלײַכ ארויסגעזאָגט אלצ וועגנ דער לאגע בא די גארבער. מ׳דארפ מעלדנ דעמ שטרײַק. אינ די פאבריקלעכ מיט אלעמענ אָפּגערעדט.

— מ׳קאָנ אָנהײבנ מאָרגנ, — מײנט זאלמענ, דער אוילעמ וואָרט..

— אָנהײבנ איז גרינג, — זאָגט ארויס מענדל פארזאָרגט, — דער אוילעמ גליט... אָבער אויסהאלטנ.. מ׳וועט לאנג דארפנ אויסהאלטנ,

— און דער פונק זאָל זיכ ניט אויסלעשנ גיכ, אז ס׳זאָל כאָלילע ניט בלײַבנ א שווארצע קויל.... — וואָרנט מאטעס.

אלע האָבנ א ציטער געטאָנ.

— דארפ מענ אופבלאָזנ א גרויסנ פײַער, א פלאקער, — האָט כאנקע געוואָרפנ.

— מײנ איכ טאקע, — האָט מענדל צו איר דירעקט א הײב געטאָנ די אויגנ, — איכ וויל אלע גארבער, די גאנצע מאסע, ניט נאָר די פראָפּאגאנדירטע פונ די קרײַזלעכ — אלעמענ צונויפנעמענ אינ ערגעץ, א מאסאָווקע, און אָנוואָרעמענ אפ לאנג... א גוטע אגיטאציע לאָזנ...

— פארנ פארפאסטנ זיכ איז נײטיק, נײטיק, — מאכט מאטעס.

— און אינ אָרט פאר אלעמענ? — שטעלט איסאק די פראגע.

— אינ וואלד, — לײגט פאר זאלמענ.

— דאָרטנ, ווו שוועס... — מײנט מענדל.

— מענדל — זאָגט מאטעס, — איכ האָב פאר דיר אנ אײצע — אײנמאָל פאר אלעמאָל. דו זאָלסט ניט זאָגנ צווײ מאָל אײנע און די זעלבע רעדע — דאָס איז „יעקום פורקנ", און זאָלסט ניט מאכנ צווײ

פארזאמלונגענ נאָכאנאנד אינ איינ אָרט — דאָס איז נאָכ ערגער, ווי צוויי „יעקום פורקנס“ אינ איינ סידער... א וואלד איז ניט קיינ סי-דער — וועט ניט אויסהאלטנ אזא אומגעלומפערטע נארישקייט...

איסאאק האָט עפעס פאר זיכ געשמייכלט.

— וואָס שמייכלסטו? — איז זאלמענ צוגעשטאנענ, — דו האָסט עפעס...

— עפשער בא מיר אפ כאסענע... — שמייכלט ווידער איסאאק.

— עמעצ — כאפט זיכ אָנ שלוימקע, בא דיר איז כאסענע... אָט גוט!

— ניט גוט, — האָט מאטעס א מאכ געטאָנ מיט א האנט, — כאפ ניט די פיש פאר דער נעצ... אנ עמעסע כאסענע טויג טאקע ניט.

אלע זיינענ געבליבנ פארדראָסיק־אומעטיקע. כאנקע האָט זיכ אפי-לע געבייזערט:

— מאטעס, הערט שוינ אופ מיט אייערע...

— איכ האָב אופגעהערט, אונ איר שפרינגט אייב... איינ מאָל דארפנ מיר אונ וועלנ דעם קאָפ ברעכנ... האלט איכ, אז בעסער שפע-טער, ווי פריִער.

— נו, — האָט איסאאק געמינטערט, — מאטעס, דו האָסט עפעס אנ אויסקער...

— דער אויסקער איז פונ דאָנערשטיק אפ שאבעסצונאכט, — מאכט מאטעס געלאסנ, — די כאסענע איז א כאסענע דאָנערשטיק. אונ שאבעס-צונאכט מאכטו א קלוימערשטע זמירעס... דו פארשטייסט — א קלוימערשטע... אָנ מעכוטאָנים... פאר כאווייריִם.

— איז וואָס האָט איר איבערגעשראָקנ? — האָט כאנקע ארומ-געכאפט מאטעסנ.

— כאנקע, שוינ א צווייט מאָל, אז דו קוועטשט מאטעסנ... — שמייכלט באָרעכ.

— פריִער איז געווענ פאר זיינ פאָשעטנ ריידנ, — האָט כאנקע געפינטלט מיט די אויגנ, — מאטעס רעדט פונ לעבנ, ניט פונ בוכ...

— ווי קומ איכ צו ביכער? איכ רייד ניט פונ בוכ...

באָרעכ אונ זאלמענ האָבנ זיכ הויכ צעלאכט:

— ווי קומט מאטעס צו ביכער?! ראק ער איז איינגענורעט אינ א בוכ.

— אָבער קיינ ווערטער פונ א בוכ נעמ איכ ניט, ניט מײַנע ווערטער, זאָלנ זיי דאָרטנ בלײַבנ, — האָט מאָטעס קלינגעדיק צוגעווינקט, — איכ נעמ ארויס נאָר דעמ מיינ... וואָס מיינט דאָס בוכ... אונ דעמ מיינ לייג איכ צו צו מײַנ לעבנ, ווי קומט עס אויס... איכ זאָג ניט איבער קיינ ווערטער פונ א בוכ...

— איז א זמירעס, — האָט מענדל איבערגעריסנ.

— וועל איכ ברענגענ קלעזמער — אונדזערע כעוורע... — זאָגט שלוימקע.

— האַקלאָל, א מאַנ פופציק, — האָט מענדל אויסגעטײַטשט.

— צוויי מאָל פופציק איז הונדערט... — שמייכלט איסאַק, — א קלוימערשטע זמירעס — קאַרג ניט... אונ ריידנ זאָל דאָוויד! ניט מענדל זאָל איבערזאָגנ האָווידנ...

— געכאַפּט א פּאַרציע...—האָט זאַלמענ א קיצל געטאָנ מענדלענ.

— האַקלאָל, — אײַלט מענדל, — איז א טייל באַזאָרגט, אונ נאָכ א טייל?

— נאָכ אינ אָרט, — מאַכט זאַלמענ, — זאָל מאָטל אופזוכנ ארומ סלאַמבאָנ.

— נו, רעכט,—האָט מענדל געוואָרפנ, — אָפּגערעדט, גייענ מיר...

ער האָט זיכ א לאָז געטאָנ רירעוודיק שנעל. שלוימקע נאָכ אימ. זאַלמענ האָט פאַרבײַגייענדיק א צי געטאָנ כאַנקענ פאַר אינ ארבל: „הײַנט אינאָוונט“.

מאָטעס אונ באָרעכ האָבנ באַלעבאַטיש פאַרלייגט די הענט אהינטער, אראָפּגעלאָזט די קעפּ אונ געלאָסנ אוועק צו דער זײַט פונ „נײַעמ שטיק“.

איסאַק האָט געכאַפּט כאַנקענ אונ האָט זי שנעל געצויגנ אָנצוזאָגנ ליזעלענ.

— וואָס אײַלסטו? אָט איז שוינ באַ דיר כאַסענע...

— כאַנקע, זאָג מיר צו אוקאַשער־טאַנצ...—ציט ער נאָכ שטאַרקער.

ליזעלע איז זיי שוינ אנטקעגנ געגאַנגענ. זי האָט געקוקט אָפּ כאַנקענ אונ זיכ געדרויטלט. כאַנקע האָט מיט א פינגער אָנגעקלאַפּט אָפּ איר לענגלעכער אונ דיקלעכער נאָז אונ געשמייכלט:

— ליזעלע, דו געוויינ זיכ ניט צו אזוי צו אימ, צו איסאַקנ — ס'איז אומגעזונט. דו געוויינ זיכ אָפּ פונ אימ באַצײַטנס...

ליזעלע האָט אויסגעשטעלט בלייע אויגנ, פרעגנדיקע, צעמישטע, אונ דאָס מאט בלאסע פּאָנעמ איז צעטומלט, כאָטש כאנקע האָט געשמייכלט אונ איסאַק האָט הויכ געלאכט, צעבלאָזנדיק ברייטע זײַנ נאָז.

— וואָסי? האָט זי צולעצט קוימ ארויסגעזאָגט.

כאנקע האָט זיכ צו איר דערנעענטערט אונ האָט איר אינ אויער אײַנגערוימט, — אונ אז מ'וועט אימ פארזעצנ? — רעמלט וועט שוינ שפעט זײַנ אָפּצוגעווינענ זיכ מיטאמאָל...

— וואָס עפּעס אימ? עפּשער מיכ פריִער — האָט ליזעלע שמייכל געטונקלט.

איסאַק האָט מיט זײַנע ביידע הענט זיי ווידער דערנעענטערט קאָפּ צו קאָפּ אונ זײַנ ברייטלעכנ פּאָנעמ האָט ער אינ דער מיט ארײַנגעשטעלט א לאכעדיקס.

— ווער עס לעבט, יענער שטארבט אונ קומט אָנ אהער, — האָט ער קעטנײַטלט מיטנ פינגער אפ קוואָרימ ארומ, — אונ ווער עס קעמפט — א רעוואָליוציאָנער, וואָס קעמפט, זעצט זיכ ארײַנ אמאָל אפרוענ... פריִער, שפּעטער, וועט מענ זיכ זעצנ... זאָל מענ דערפאַר ווי יענער יִדו זאָגט, קיינ טרונק בראָנפנ ניט נעמענ?..

ער האָט זיכ הויכ צעלאכט.

א יִד אינ זאַקנ פארשטויבטע, אָנ שיכ, מיט א פּאָנעמ פארצאָרנט פונ פאסטנ, איז צו זיי צוגעגאנגענ אונ בייז געוואָרפנ, — פּע! פּע! פּ — פּע!

ער האָט זיכ אָפּגעקערט אונ געצויגנ מיט די פּלייצעס: — אפ א בעסוילעמ! פּ—פּע!

כאנקע האָט זיכ גיט געפוילט, האָט זיכ אומגעקערט אונ אימ נאָכגעיאָגט:

— פּעטער! פּעטער! איר וואָלט בעסער ניט ארומגייִנ אפ א בעסוילעמ אינ סקארפּעטקעס... א סאַכ געזינטער...

יענער האָט געשלײַדערט מיט די הענט אונ האָט אויסגעצויגנ אפ דרײַ מײַל ארומ: — פּפּ—פּפּ — ע— ע— ע—!

זי האָט אָנגעיאָגט איסאַקנ לעבנ א הײַפל, וואָס האָט א קייווער ארומגעקרײַזט. שימענ מאלעכ גלעט עפּעס מאָדנע ליב א טונקל פארערדיקט ברעטל אונ לייענט: — דאָס איז עס — אונדזער כאַימ־בער...

באַיִמ דובער ב׳ר יוינע שעסטאַפּאַל... שעסטאַפּאַל די פאַמיליע... ווען מען דערוויסט זיך א פאַמיליע — נאָכן טויט...

— האַ? — האָט ער א צי געטאָן מאַטלען און נאַטקען. — וואָס זאָגט איר? איך וויל דאָ אָנהענגען אפן ברעטל א פּאָר בלעטלעך — אַט יענע... וואָס ווענן באַיִמ־בערן... וועגן זאָרג־באַנק...

VI. זמירעס

1

שאבעס נאָך מיטיק איז נאַטקע אריינגעקומען צו מאַטלען, האָט ער אים א זאָג געטאָן אזוי הויך, אז די מאַמע אין קאַמער זאָל הערן: „איך, נאַטקע, גוט וואָס דו ביסט געקומען, וועסטו מיר צוהעלפן — אז ליזעלען האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט א זמירעס“... האָט מען אויסגעטאָן די רעקלעך און מ׳האָט זיך גענומען צו דער ארבעט — ארויסטראָגן טישן, א קאַמאָד, א בעט, און דערהויפּט לײדיק געמאכט דעם זײַטיקן צימער מיטן איינציקן פענצטער אין הויף. באַלד זײַנען אָנגעקומען באַנקע און ריוועלע און האָבן אויך גענומען העלפן.

נאָר איסאַק מיט אלטערן האָבן דאַפקע ארומגעשפּאַצירט אין הויף און אין גאַס, זיך ארומגעדרייט ארום אלע פענצטער, פּרובירט זיך צושטעלן און אריינקוקן אינעווייניק. ווי ס׳איז נאָר פיגצטערלעך געוואָרן, האָט איסאַק ארומגעשפּארט דעם טויער און דאָס פערטל און איז ארײַן אין שטוב אָנצינדן די לאָמפּן. בײַלקע, די געוואָרענע שיזי־גער, האָט זיך גענומען פאַר אים:

— איסאַק זאָג דו ליזעלען, אז מ׳חארפ עפּעס אַנדערש צוקלײַבן אין שטוב...

— א דײַגע... באַקאַנטע בעוורע וועט כאַפּן א טענצל אָדער שפּילן א דאַמקע...

— מאַמע, דו מיש זיך נישט אריין — האָט מאַטל אופגעכאַפּט. — דאָס איז נישט דײַנע זמירעס און דו דאַרפסט דאָ גאָרנישט זײַן אפילע... אַט דער טאַטע: האָט דערהערט א זמירעס, איז ער אוועק... וואָס דאַרף ער דעם טומל?

— מיט דיר קאָן מען דאָך איצטער גאָרנישט רײדן.! קאַלזמאַן דו

ביסט געווען א פאפיראָסניק, ביסטו געווען א מעיושעווריקער, פלעגסט זיך אָנטאָן, ווי א מענטש, צוקלייבן זיך — א כּיעס געווען אָנצוקוקן... און זינט דו ביסט געוואָרן א גארבער, האָסטו זיך גאָר פארדרייט... צו א זמירעס אפילע בא אן אייגענער שוועסטער ביסטו אויך געבליבן אין די לאנגע שטיוול מיט דעם שווארצן העמדעלע... וואָס, א ניידער האָסטו גענומען אָפ זיך — קיין האנאָע ניט האָבן פון דער וועלט?..

— יע, יע... און א ניידער, און איך טו אזוי... — האָט זיך מאָטל געקאָכט, — דערווייל וויל איך קיין האנאָע ניט האָבן, איך וויל ניט איצטער... אז... בא אונדז איז איצטער ערשט איבערוואָכן, מיר האָ־רעווען, מיר גרייטן זיך ערשט צו אונדזער יאָנטעוו... דערוויל ארבעטן מיר...

איסאק האָט געשמייכלט צופרידן.

ביילקע האָט פארדראָסיק א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— מיט מאָטלען איז בעסער, אז מע רעדט ניט... איך ווייס דאָך זיינע רייד. און דו, איסאק, ביסט אויך א לייט!.. דו ווילסט מיך אריינ־פירן אין גוטע ביזיונעס... דו זאָלסט מיר אָנזאָגן פריִער, וואָלט איך עפעס צוגעגרייט. גוט נאָך, וואָס ס'איז בא מיר פארבליבן א גרויסער טאָרט און צוויי קליינע טערטלעך... כ'וואָלט קלעזמער באשטעלט... ווי ווישט עס טאָר זיין א שטילע....

מאָטל האָט צערודערט געשפאנט איבערן צימער און מיט די הענט געשליידערט:

— מאמע, איך זאָג דיר, דו זאָלסט בעסער גיין ערגעץ צו גאסט...

ליזעלע האָט ארומגענומען מאָטלס קאָפ און אים פון צימער ארויסגעפירט.

— קלעזמער,—האָט איסאק גוטמוטיק געזאָגט,—אָט זיינען זיי...

ס'איז אריינגעקומען שלוימקע, און נאָך אים באָרים און נאטאן, מיטן קלארנעט און פידל אין מאָדישע שיירלעך. לוסטיקע און שמייכ־לענדיקע.

ביילקעס פּאָנעם האָט אויסגעשיינט פאר פרייד.—„קלעזמער... דאָס זיינען דאָך עמעסע מוזיקאנטן... פון ארקעסטער... פון שטאָט־טעאַ־טער"...

— וועמען זאָל איך עס באדאנקען, וואָס מע באשיינט מיר אזוי די שימכע?

— מיר! — האָט זיכ שלוימקע אויסגערופנ, — באָריס איז מײַנער א שוועסטערקינד, אונ איסאַק איז מײַנער א כאַווער... א—א! אָט איז אויכ ניאָמע מיטנ טראָמבאָנ... — אונ ער איז לוסטיק אוועקגעשפּרונגענ צו ריוועלענ.

ביילקע איז צערויטלט פונ נאכעמ: „אזעלכע גרויסע מוזיקאַנטנ! זיי זײַנענ טאקע הײַנט פרײַ, ווײַל אינ דער נאכט אנטקעגנ זונטיק רוט פרומ דאָס טעאטער: אזא פרומער גובערנאטער איז אינ שטאָט!" אונ זי איז מיט מוט אוועק איבערנ צימער — צוקלײַבנ, אויסבעטערנ, וואָס די מיידלעכ, ווי איר האָט זיכ געדוכט, האָבנ ניט געהעריק אופגעטאָנ.

געסט קומענ אָנ הויפנווײַז.

איסאַק רופט אָפּ כאַנקענ אינ א זײַט: — דו ווערסט אכטונג געבנ דאָ אינ צימער אַפּ די, וואָס דארפנ טאנצנ... דעריקער זאָלסטו וואָס מער דרייענ די שוועגער מײַנע... זי זאָל כאָלילע ניט בלײַבנ אינ יענעמ צימער... פארשטייסט?

— נו, גייט הויכערנ! שפּילנ א האָמקע!.. — האָט איסאַק די גארבער קעסיידער אָפּגעשיקט אינ אנדער צימער, אונ דאָ אינ קאַמער איבערגעלאָזט נאָר סטאָליערס, אײַנבינדער, דרוקערס אונ נייטערנס — די, וואָס זאָלנ טאנצנ.

באָריס האָט מיט א שפּילעוודיק שמייכל גענומענ קיצלענ מיט די פינגער די קלאַפּאנעס פונ קלארנעט. נאָטאנ אונ ניאָמע האָבנ אויכ קלוימערשט גענומענ רייצנ זייערע קייליס, א ברומ דאָ, א צוויצער דאָרט... אונ באלד האָט באָריס פארטראכט אראָפּגעלאָזט די ברעמענ איבער זײַנע טונקעלע אויגנ. האָט נאָטאנ עפּעס באזונדערס אָנגעצילט זײַנ אויסגעשטרעקטע האנט מיטנ סמיטשעק איבערנ פידל, אונ ניאָמע האָט ערנסט ארײַנגעבלאָזט אינ טראָמבאָנ. האָבנ זיכ קייליס צעשפּילט, אונ מענטשנ — צעהוידעט. האָט שלוימקע אונטערגעכאַפּט לידענ, אונ זאָלמענ — כאַנקענ: — זאָל זײַנ אונ אָנהייב...

ביילקע האָט אָנגעקוואָלנ אונ אליינ זיכ געהאָצקעט פונ דער זײַט.

ס'איז ארײַנגעקומענ מענדל מיט ראָוועלנ, אונ נאָכ זיי — כאַיִמ דער טאָקער אונ ראָכל.

— אָט דאָס איז א טרײַער כאַווער, — האָט זיכ ביילקע געלאָזט אנטקעגנ ראָוועלנ, — געקומענ צו א גאַסיקנ כאַווער מאזלטאָוו אָפּ־

געבן. זע איך, אַז איר זײַט ניט קיין גרויסהאַלטער. און איר, — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו כאַיִמס ווײַבל, — זאָגט איר, ווי מײַנע האָבן מיך אונטערגעפירט, ניט אויסגעזאָגט, און איך האָב זיך ניט צוגע־גרייט... כ'וואָלט כאָטש אַ „זיסן טאָץ" מאַכן...

ראָכל האָט עפּעס מאָרנע געשמייכלט.

שלוימקע האָט טאַנצנדיק צוגעפירט כאַנקען צו די מוזיקאַנטן, האָט זי באַקאַנט געמאַכט מיט באַריסן:

— ווען איך בין דאָ ניטאָ אין קאַמער, באַריס, זאָלסטו זי הערן, — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער לעבעדיקער כאַנקען, — וועט זי קאָמאַנדירן, ס'איז מײַן קאַלע...

— און עפּשער מײַן קאַלע? — האָט באַריס שטיפעריש צוגעווינקט צו כאַנקען.

נאָר כאַנקע איז שנעל אַוועק צו איסאַקן, וואָס האָט צו איר נאָ־כאַנאַנד געווינקט:

— כאַנקע, נעם צו מײַן שוועגער, גיכער! דריי זיך מיט איר...

— שוין באַשטעלט כאַיִמען, — האָט זי געלאַכט: — פּאָרט אַ מאַנצבל...

איסאַק האָט זיך אויף די שפּיצן פון די שיך שטיל און אין אַ זײַט געדרייט צווישן אוילעם, אָנגעשעפּטשעט באָרעכן מיט כאַניען, אַז זיי מאָגן שוין גיין אָפּן נאַגעק — „אָפּקילן זיך"... און וואָס לענגער דאָרטן... אָפּגעשיקט לייזערן מיט בערלען אין הויף אַרײַן — איינער צום פּאַרקאַן, און דער צווייטער — אַרום פענצטער: אַלטער וועט ווײַזן... און טאָמער וואָס...

2

מ'האָט געשפּילט און געטאַנצט.

די לעצטע פון די גאַרבער זײַנען אין אַנדער צימער אומבאַמערקט אַוועק זאַלמען און שלוימקע. האָט איסאַק נאָך זיי צוגעמאַכט די טיר פון דער זײַט, האַרט צוגערוקט זײַן שטול און זיך אַוועקגעזעצט אַי־נערלעך אָנגעצויגן און ערנסט. ער האָט אָבער אַ פוס אויף אַ פוס פאַר־לייגט, מיט אַ קלוימערשטן שמייכל אויפן פּנים, זיך אָנגעהאַלטן „אַזוי גלאַט" אָן הענטל פון טיר, און צוגעקוקט, ווי מע טאַנצט. קומט צו נאָסן, שפּרינגט אונטער כאַנקע, ער זאָל דורכלאָזן אהין... אַ ווײַלע.

איסאַק פלעגט זיך אפילע ניט אומקערן, און נאָר מורמלען שטיל:

— גייט אָפּ!..

ליזעלע גייט צו אָפּטער, גלעט אים א האַנט, פאַריכט אים עקסט־רע דעם שניפּס — קוועלט ער גוטמוטיק, — שפּעטער, ליזעלע, שפּע־טער...

פּלוצלינג האָט זיך צו אים ביילקע א לאָז געטאָן מיט א געררודער:

— איסאַק! איסאַק! וואָס האָסטו זיך אוועקגעזעצט איינ א זייט, ווי א ברויגעזער מעכוטן? גיי טאַנצן, איסאַק! קום, אדעראבע, מיט דער שוויגער...

איסאַק זוכט שוין כאַנקען... יע, כאַנקע געדענקט: זי האָט ביילקען פון אויג ניט ארויסגעלאָזט, און זי איז שוין דאָ, צוגעשפּרונ־גען.

— ער קאָן אזוי טאַנצן, ווי איך קאָן פידלען... קומט מיט מיר א טענצל... —

און זיי האָבן זיך אוועקגעדרייט.

באַריס האָט פאַרשטאַנען. האָט ער קלינגעריק צוגעווינקט צו כאַנקען מיט פאַרשטענדיקע פריילעכע אויגן, און האָט הויך ארויסגעזאָגט:

— לעקאָוועד דער קאַלעס מוטער א טאַנץ פון די שענסטע און די גרעסטע!..

און ער האָט זיך צעשפּילט אזוי ערנסט און לאַנג, לאַנג, אז ס'האָט זיך געדוכט, עס וועט שוין גאָר קיין סאָף ניט זיין... ביילקע האָט זיך געזעטיקט, איז קוים צוגעפאַלן צו א שטול, און נאכעסדיקער מיד־קייט די אויגן צוגעמאכט.

כאַנקע איז לעבן באַריסן געשטאַנען און אַנגעקוואָלן.

— איר האָט זי גוט אויסגעפּאַרעט, די מעכוטענעסטע... וווּ האָט איר באַהאַלטן דעם סאָף פון דעם טאַנץ? ווייטער פאַרדרייט און ווי־דער פאַרדרייט...

באַריס האָט זיך אופגעשטעלט צופרידן און שמייכלענדיק:

— זעט איר, אז מ'דאַרף מיט מיר ניט אָנהייבן פון קאָמעץ אלעף—אָ...

ער האָט ווידער צוגעווינקט צו כאַנקען קלינגעדיק מיט זיינע טונ־קעלע אויגן. וואָס ס'האָט זי מאָדנע געריצט, — איצטער וועט איר זאָגן, וועמעס קאַלע איר זייט...

— צו וואָס? — זי האָט זיך עפּעס איין פלוג פאַרלאָרן.

— צי איר זײַט אינ שטאַרקע הענט, אונ ס'וועט שווער זײַנ אַרויס־צובאַקומענ...

— אויב איר זײַט מיט שוואַכע הענט, טויגט איר ביכלאַל אַפ קאַ־פּאָרעס... די שטאַרקסטע הענט זײַנענ מײַנע אייגענע...

האָט ער אָנגעכאַפּט אירע הענט אונ גלײַכ געוואָלט אופעפענענ אי־רע פויסטנ. זי האָט זיכ א ריס געטאָנ אונ האָט זיכ שנעל אַוועקגע־דרייט, אונ ס'האָט זיכ איר גלײַכ געדוכט, אַז זי דרייט זיכ אינ אַנ אַנ־דער זײַט — זי בלאָנדזשעט.

האָט זי זיכ האַסטיק א קער געטאָנ, דערזענ, אַז בײַלקע האָט מיט־אַמאָל, ווי דערמאָנט זיכ אָנ עפעס, אופגעעפענט גיכ די אויגנ, האָט עפעס געזוכט אינ קאַמער אונ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו איסאַקנ. כאַנ־קע האָט זיכ גליטשנדיק נאָכגעהיפּט נאָכ איר צווישנ די טאַנצנדיקע ריוועלע מיט בערלענ.

— איסאַק! — האָט בײַלקע זיכ אָנגעוואָרפנ, — ווו האָסטו אַהינ־געטאָנ בלומענ? ווו האָסטו אימ באַהאַלטנ, ראָווירג? וואָס וואָלט דיכ אַרנ, אַז ער זאָל זיצנ דאָ אינ קאַמער מיט אַלעמענ גלײַכ?. זאָל מענ זענ... עפשער וויל ער אויכ טאַנצנ... אַז ס'קומט א מענטש, דאַרפ מענ דאָכ אימ אופנעמענ.

— אופגענומענ, ווי אימ אַלײנ איז ניכע... — האָט איסאַק איבער־געריסנ, — ער שפּילט דאָרטנ אינ א דאַמקע מיט זאַלמענענ... אונ אַז האָוויר פאַרטיפט זיכ, האָט ער מיכ דאַמקע געבעטנ, איכ זאָל אינ קאַמער ניט אַרײַנלאָזנ קײנ איבעריקע מענטשנ, ניט שטערנ, ביז זיי וועלנ ענדיקנ א קאָנ...

אונ מיטאַמאָל האָט איסאַק אויסגעגלאָצט אַפ כאַנקענ גרויסע פאַרוווּנדערטע אונ צעטומלטע אויגנ.

כאַנקע האָט זיכ א קער געטאָנ צו דער טיר אינ פאָרהויז: אינ שטוב זײַנענ אַרײַנגעקומענ ליזעלעס טאַטע מאָשע אונ איסאַקס טאַטע אַרע. בײדע אינ די שאַבעסדיקע סורדוטנ, אָפּגעפרײשטע צו דער כאַ־סענע, גלאַטער אָפּגעבערשטלטע — האָבנ די אַרבל אויסגעזענ ברײ־טער אונ לענגער; די געוועזענע היטלעכ נײַע, ערעוו דער כאַסענע געקויפטע, זײַנענ די רעקנ אָנגעצויגנ געשטאַנענ. אַפ די קעפ, ווי ניט היגע נאָכ... די ווײַכע קראַגנס פונ די העמדער זײַנענ אונטער די ברײ־טע לאַצנ פונ די סורדוטנ אויסגעבונדנ געווענ מיט שמאָלע סטענגע־

לעכ, א מינ האלדזשוכ: בא מאַשענ — א בלויע, און בא אריענ — א גרינע. די בעהד אריעם—א געלע, לענגלעכע, און מאַשעס—א טונקעלע און א קירצערע, האָבנ זיכ אינ הארבאָווע געלופּטערט און די פּענעמער האָבנ אַנגעקוואָלנ. ליזעלע איז זיי אנטקעגנ געקומענ צערודערט, בלאַס, האָט געשטאַמלט מיט די ליפּנ, און מיט די הענטלעכ געפּלאָנטערט. כאַנ־קע האָט אויכ אויסגעגלאָצט פרעגנדיקע אויגנ צו איסאַקנ. נאָר איבערנ צימער האָט זיכ מיטאַמאָל צעהיצט געטראָגנ באַים דער טאַקער מיט אַנ אויסגעשטרעקטער און טאַנצנדיקער האַנט אינדערלופטנ, און נאָכ אימ — זײַנ לעבעדיק ווײַבל ראָכל, האָט געשוועבט און מיט די הענט־לעכ גערודערט.

— א רעדל! א הערל! מיט די מעבוטאָנים — א רעדל! — האָט באַים זיי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, און דער אוילעם האָט זיכ שוינ געהענטלט, און פּים האָבנ אפּ אהינטער געשאַרט, פּאַנאַנדערציִענדיק די האָר וואָס ברייטער, און אַקסלענ האָבנ זיכ געזײַטיקט, און פּלייצעס האָבנ געקירעוועט, און מײַלער האָבנ פריידיק געמורמלט: „אינ ראָד! אלע—אינ ראָד! א קאַראַהאָד!” פּאַרבײַטופּענדיק, האָט נאָסנ אוועקגע־צויגנ ביילקענ און לוסטיק צוגעשמייכלט צו כאַנקענ און צו איסאַקנ. באַנקע האָט זיכ א לאָז געטאָנ, צושפּרינגענדיק צו באַריסנ.

— א רעדל! אפּ לאַנג, הא? — האָט ער זי שוינ באַגעגנט מיט זײַנ קליגעדיקנ שמייכל, וואָס האָט זי אינ דער טיפּ געחרונגענ, גע־פרייט און געשראָקנ. האָט זי קוים א שמייכל געטאָנ און איז אָפּגע־שפּרונגענ צוריק א פּאָר טריט. און גלײַכ האָט זי אומגעקערט איר פּאָ־נעם און האָט מיט אירע אויגנ אופגעכאַפּט זײַנע בליקנ מיטנ שמיי־כעלע, וואָס האָט אפּ זײַנע אופגעבלאָזענע ליפּנ אפּנ קלאַרנעט א באַ־זונדער שפּיל געשפּילט... די ליפּנ אינ קלאַרנעט האָבנ א רעדל צע־רעדלט פאַר אלעמענ, פאַר אלעמענ, און דאָס שמייכל אפּ די ליפּנ האָט פאַר איר נאָר, פאַר כאַנקענ, געשפּילט... האָט זי צו אימ מיט א פינגער אינדערלופּטנ געדראָעט מיט א בייזער, און האָט זיכ אוועקגע־גליטשט צו איסאַקנ.

ליזעלע האָט ביז טרערנ אינ די אויגנ געלאַכט איצט פונ איר פרי־ערדיקער צערודערטקײַט, און איסאַק האָט איר א האַנט געגלעט.

— בראַוואָ, באַים! בראַוואָ, ראָכל!—האָבנ זיי אלע מיט די הענט געפּאַטשט. באַנקע האָט לעבעדיק, הוישיק גענומענ דרייענ א ראָד אינ

רעדער. האָט דער מעכוטן מאָשע אויפגענומען די ברעגן פאַלעם פון זײַן סורדוט אין די שפּיצן פינגער פון בײדע הענט און האָט די לאַנגע פיס, אין הויזן אין פאַסיקלעך, אַרויסגעשלײַדערט אײנע איבער אײנע, אײנס געקנײטשט און דאָס אַנדערע אויסגעצויגן — מיטאַמאָל אַרײַנגעשטוקעוועט א האָפּקעלע אין ׳רעדל! האָט דער מעכוטן ארע צעבלאָזן די געלע באָרד, צעקנײטשט די פּלײצעס, צעגלאָצט די אויגן און אויסער זיך פאַר פרײד זיך צעלאַכט, און האָט געשוועבט פאַרבײַ... האָט כאַפּט צו אים זײַטיק אין פּאַנעם אַרײַנגעקוקט אין צו אים ווי מיט א פרעמדן קאָל אין א סומנער נאַכט געהילכט: „האָ! האָ!, — האָ! האָ! ? האָט זיך כאַנקע א ריס׳ געטאָן מיטאַמאָל און די ראָד פון איבורייניק אָפּ זיך געקנוילט, ווי אַפּ א שרויפ אָנגעשרויפט, און שלענגלענדיק צוריקגעדרייט, געטאַנצט א קאַראַהאָד פאַרגרײַזלט.

3

איסאַק האָט זיך מיטאַמאָל א כאַפּ געטאָן: דוכט זיך, מע האָט צו אים אין דער שטיל אין טיר געקראַפּעט פונעם אַנדערן צימער. ער האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ, זיך צוגעהערט. מ׳קלאַפּט טאַקע. האָט ער אָפּ א שפּאַרונע אויפגעעפנט.

— געענדיקט. קאָנסט דורכלאָזן... — האָט שלוימקע אים אָנגעזאָגט.

איסאַק האָט ניט מיטאַמאָל און ניט אינגאַנצן די טיר געעפנט. דער צימער פול אָנגעפּאַקט. מענטשן פאַרגליווערטע, מאָדנע אָנגעלאָדענע — רירן זיך ניט פון אָרט. פּנעמער צערוישטע, אויגן פאַרבלאָנדזשעטע. אין עפּעס שוועבט נאָך אָפּ שטערנס אָנגעצויגענע און שטערנס אָנגעקנײטשטע.

אין א היפּשער ווײַלע אַרום ערשט האָבן אַנדערע פאַרטראַכט זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר—ערנסטע און אָנגעשטרענגטע.

— איר קאָנט גלײַך אַרײַנפאַלן אין דרײידל אַרײַן... — וויל איסאַק שמײכלען.

זײ גײען פאַרבײַ שטום, זײ גײען אַרויס שטיל. צופיל אָנגעלאָדן.

כאַנקע קוקט צו אין אָפּשײַ, ווי הײַפלעך אײנע נאָך די אַנדערע האָבן דורכגעשלײַכט אין קאַמער, אײנע האָבן די פּנעמער אָפּגעקערט פון דער ליכט און פון די טענץ, אַנדערע האָבן פון אַן אײסגע־

שטרעקטער האנט די דלאָניע צעשפרייט, ווי א מעכיצע צווישנ די טענצ אונ זיי.

איסאק האָט אינ אנדערנ צימער א פענצטער געעפנט, אונ אינ הויפ ארויסגעקוקט איז ווי א שאָטנ צו אימ אָנגעשווומענ לייזערקע.

— דו ווייסט ארויסלאָזנ הורב פערטל... די וואָס פונדאנענ.

— ווער איז א באַלנ צו שפרינגענ דורכנ פענצטער אינ הויפ?

טאנקע איז שוינ אויכ דאָ אינ צימער. זי האָט זיכ ארומגעקוקט. נאָטקע אונ מאָטל זײַנענ פארכאָלעמטע געזעסנ ביידע אפ איינ שטול.

— איר קאָנט האָב שוינ איצטער זיצנ אפ צוויי שטילנ... — האָט איסאק פונ זיי געלאכט... — אָדער גייט א ביסל צו די זמירעס...

האָבנ זיי זיכ אופגעשטעלט פארטרוימטע, איינער דעמ אנדערנ מיט א האנט ארומ האלדז ארומגענומענ אונ די אנדערע הענט אפ פאָרנט איבערגעפלאָכטנ, אונ האָבנ איבערנ קאמער אומגעוואקלט, ווי מיט אויגנ צוגעמאכטע.

כאַימ איז אונ קאָמער ארײַנגעלאָפנ, האָט ער זיכ אָנ זיי אָנגע־שטויסנ, איז אָפגעשפרונגענ אונ הויכ געקוואָלנ: — קורצ אונ גוט: אונדזער צווילינג...

— איסאק, ווו איז האָוויד? — האָט טאנקע עפעס געמאָנט.

— ער האָט דיר געלאָזט גריסנ... פונ פענצטער ארויסגעפאלנ...

— איסאק!

— ארויסשפרונגענ מיט מענדלענ צוזאמענ. ניטאָ אימ. זעסט האָב. דערפאר וועט זאלמענ צוריקומענ. אונ שלוימקע. זיי זײַנענ גע־גאנגענ נאָר באגלייטנ.

האָט זיכ טאנקע א באָטעלע א דריי געטאָנ אינ צימער, זיכ ערשט דערפילט פארמאטערט פאר א גאנצנ אָוונט. איר אנטקעגנ אונ פארבײַ איר האָט געבלאָנדזשעט דער „צווילינג", האָט זי, ווי דערפרישט, זיכ א לאָז געטאָנ צו זיי מיט א טאנצנדיקנ גלימש, האָט זיי ביידנ אוועק־געצויגנ אינ א זײַטיק ווינקל, אונ זיכ הויכ צעלאכט מיט פולע ליפנ אונ ווײַסע ציינ:

— כאפט זיכ שוינ אופ! — האָט זי זיי א טרייסל געטאָנ.

— אײַ, טאנקע! — האָט זיכ נאָטקע געצויגנ צו איר.

מאָטל האָט זיכ מיט ביידע הענט אָנגעקלאמערט אָנ איר שטײַפנ

אקסל, האָט זיך אָנגעהאנגענ אונ זיך צעהוידעט א פּאָר מאָל, א פלינקער, א צערווישטער.

— כאנקע! מיר איז גוט!.. אײַ, כאנקע, גוט! — ער האָט די אויגנ צוגעמאכט.

זיי האָבנ זיך צוגעזעצט אפ א בענקל. כאנקע איינדערהמיט.

— הײַנט ווייסנ מיר, צו וואָס מיר לעבנ אפ דער וועלט!.. — רעדט נאָטקע שטיל.

כאנקע האָט צו איִמ צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ: זי פארשטייט...

— ס׳האָבנ גערעדט מענדל, זאלמענ, שלוימקע אונ צולעצט דאָוויד... אײַ, — כאנקע! ער׳ט אָנגעהויבנ — דו ווייסט דאָך — געלאסנ, לאָזט ער ארויס פערעלעך, וואָס צעשפּריצנ, ווי פונקענ, אונ עס טוט א קנאל א פלאקער... ער אליינ צינדט זיך אָנ אונ עס צעברענט אלעמענ ארומ....

כאנקע האָט נאָכאנאנד אונ גיך צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

— אונ עס איז אלצ אזוי פארשטענדלעך, ווערטער גייענ דיר אינ הארצנ, אונ פונ אלעמענ איז אלצ קלאָר, אונ בא אלעמענ איז אלצ רעכט...

— איר הייבט אָנ אנײַער ערשטנ שטריך, — האָט מאָטל איבערגעריסנ אונ זיך צוגעטוליעט צו כאנקענ, — איר שטייט צו צומ כאָיל פונ קעמפער פאר א בעסערער צוקונפט... איר שטעלט א טראָט אפנ ערשטנ טרעפּל פונ דעמ הויכנ לייטער צו דער דערהויבענער מענטשלעכער געזעלשאפט... ווארט, ווארט, כאנקע, אָט באלד. איך פלעג כאפנ פארשרײַבנ אמאָל...

מאָטל האָט פונ קעשענע ארויסבאקומענ א פּאפּיר, געגומענ נישטערנ מיט די אויגנ, טײַטלענ מיט די פינגער, אונ האָט פארהויאָסיק ארויסגעזאָגט:

— אפניך קאָנ מענ ניט איבערלייענענ — ניט קיינ פארשניצטער בלײַפעדער געווענ... איך וועל עס דערנאָך פאר זיך איבערשרײַבנ גוט...

— יע, — צעהיצט זיך מאָטל מיטאמאָל, — ווענ איר טרעט אהויס פארייניקט אונ אָרגאניזירט, איז דערמיט גופע שטײַגט איר שוינ אינ א העכערער מאדרייגע...

— פונ א קלאס אינ זיך ווערט איר א קלאס פאר זיך... — כאפּט ארײַנ נאָטקע.

— אונ מעמײלע שטעלט איר אופ קעגנ זיך דעמ גאנצנ קלאס עקר

עקספּלואטאטערס אונ פאראזיטנ... מיט אײַער שטריק, ווי מיט א שנירעלע, טוט איר א צי דעמ גאנצנ קלאס אנטקעגנ. איר טוט א צי דעמ זאוואָרטשיק, וועט זיך אָבער גלײַך א טרייסל טאָנ דער זשאנדארמסקער פּאָלקאָווניק, אז די שפּאָרנ וועלנ זיך בא אימ צעקלינגענ, אונ דער פּאָליצמייסטער וועט א וואקל טאָנ... דער גאנצער קלאס, ווי אפ איינ שנירעלע אָנגעצויגנ — וועט זיך צעהוידענ.

— איר דארפט לעכאטכילע וויסנ, — כאפּט ווידער נאָטקע, — באלעבאטימ וועלנ מאכנ יאדאכעס אנטקעגנ אײַך, פּאָליצײַ אונ זשאנדארמענ וועלנ רוידעפנ. די מעשאָרסימ...

— פילנ גוט, אז די עפּאָלעטנ אפ זייערע אקסלענ קאָנענ זיך אָפּרײַסנ פונ דעמ שטורעמ, וואָס ארבעטער הייבנ אופ — יאָגט זיך מאָטל צופרידנ, — די פּאָליטישע סיסטעמ איז אָנגעמויערט אפ דער עקאָנאָמישער באזע, אפ פונדאמענט פונ פּריוואט־אייגנטומ אונ עקספּלואטאציע...

— יע, יע, אזוי קומט עס אויס, — מאכט נאָטקע, איבערצײַגנדיק, צו כאנקענ, — דאָוויד האָט עס אנדערש געזאָגט... מאָטל, גיב א קוק, ווי איז פארשריבנ... האווידס ווערטער...

— כ'קאָנ ניט איצטער, — מאכט מאָטל פארצווייפלט, — מ'דארפ עס איבערשרײַבנ רויִקערהייט, אָט, אָט... — מאָטל קוועלט:

— אָבער אהינטער די רויכנדיקע קוימענס פונ די פאבריקנ אינ די פלאמענ פונ קלאסנקאמפ גייט אופ די זונ פונ סאָציאליזמ! די ארבעטער, וואָס האָבנ די אויגנ צעעפנט אונ די שײַנ דערזעג, גייענ גערנ מיט מעסירעסנעפעש אינ קאמפ!

כאנקע האָט מיט צעבליצטע אויגנ נאָכגעזאָגט די ווערטער.

— גיב מיר דעמ פּאפּיר, — שטעקט נאָטקע א האנט אינ מאָטלס קעשענע, — ווי האָט ער געענדיקט? גיב אהער...

— א קלאס קעגנ קלאס! — שײַנט אויס מאָטל, — טרעט ארויס געאייניקט! פעסטער אינ די רייענ! אײַער לעבעדיקע רינג איז פונ פּײַנ געשמידט אונ אינ האָפענונג געגליט!

— כאנקע! דו האָסט באראכפּט הערנ! — טײַנעט נאָטקע, — העכער ווי א שאָ גערעדט!.. אונ ווי גערעדט!

— מאָטל, — האָט זיך איסאאק דערנעענטערט, — כ'האָב געזענ... מ'דארפ גארנישט ניט פארשרײַבנ, אונ מ'דארפ ניט האלטנ אינ די קעשענעס...

— איסאק, גענוג! — האָט זיך כאַנקע געבייזערט.

— כאַנקע, א טענצל דערפאר! — האָט איר מאָטל א צי געטאָן.

— אָבער א גאַלאָפּ!

— און איך אויך א טענצל, — האָט נאָטקע א טופּע געטאָן, — ליזע, ליזעלע!

ליזעלע, פארמאטערט און צערודערט, איז קוים צוגעגאנגען, אָבער נאָטקע האָט איר אזוי לעבעדיק אופגענומען, אז זי האָט ווי נײַעם מוט דערפילט.

— א גאַלאָפּ! — האָט כאַנקע לוסטיק געווינקט צו באָריסן.

האָבן צוויי פּאָר, איינע קעגן די אנדערע, מונטער און פריידיק א נײַע זמירעס אָנגעהויבן, זיך געטראָגן איינדערלויפן, מיט יונגן מוט אין דער הייך, מיט ברויזנדן גלוסט פאָרויס.

...אײַער לעבעדיקער רינג איז פון פּײַן געשמידט און אין האָפענונג געגליט... — האָט מאָטל נאָכאנאנד געשווינדער און האַשיקער געצויגן כאַנקען פאָרויס.

נאָר אז ליזעלע איז מידיק צו א שטול צוגעפאלן, האָט כאַנקע גא־לאָפּירנדיק זיך א לאָז געטאָן אין אנדער צימער — דאָרטן אָפּרוען.

ביילקע האָט ארײַנגעטראָגן דעם גרויסן טאָרט און די צוויי קליינע טערטלעך, מאַטאַבער זײַנען די געסט, וואָס האָבן עפּעס מיטאמאָל גע־וואָלט פארענדיקן.

— כאַנקע, דו האָסט זיך גוט אָפּגעמאטערט, — איז זאַלמען צו איר צוגעגאנגען.

— נו, וואָס? ווי האָט דער אוילעם?

— ברענט! — זאַלמען האָט זיך געהיצט, — איך בין בעקיוון אוועק אין גאס, דורכריידן מיטן אוילעם... נאָך דאָווידס רייד — פלאמ־פײַער! דו גייסט אהיים — וועל איך דיך באגלייטן...

— איך וויל ניט... לאָז מיך הײַנט צורו.

— וואָס?.. נו, וועל איך גלײַך גיין צו כאַצקלען... כ'האָב...

— כאַנקע! — איז ארײַנגעשפּרונגען שלוימקע, — איך זוך דיך — באָריס וויל זיך זעגענען מיט דיר...

— און איך וויל ניט...

שלוימע האָט אויסגעשמײכלט אויגן: — נו, גיי ארײַן... עס פּאַסט ניט...

זי האָט זיך צעלאַכט:

— שלוימקע, איך וויל ניט... — איר פּנים האָט זיך עפּעס פֿאַרשאָטנט, — באַ איִם זײַנען קלוגינקע אויגעלעך... איכ'ל ניט גיין...

און אַ ווײַלע אַרום איז שלוימקע ווידער אַרײַנגעקומען.

— ער האָט דיר געלאָזט גריסן, ער זאָגט, אַז באַ דיר זײַנען קלוגינקע אויגעלעך...

— איך גיי אַהיים...

— דו האָסט פֿאַרטשאַדיעט, כאַנקע, ווען איך דיך גיין באַגלייטן.

— איכ'ל אויסקומען אָן דיר... קום, מאָטל, אַבי'סל אין גאַס... צי־אירט גיין ביידע, דו מיט נאָטקען אין פּאָר?..

זײַנען זיי געגאַנגען ביידע.

די נאַכט — ליכטיק, די גאַס — שטיל, שטיבלעך שטייען אויסגעלאָשענע.

מאָטל האָט דאָס היטל הויך אַפֿן קאָפּ אויפֿגערוקט און אַ בינטל האָר געלאָזט פֿלאַטערן און צעפֿלויגן אַנטקעגן קילן ווינט.

— כאַנקע, איך וויל דיך אַ קוש טאָן! — האָט ער פּלוצלינג אַ הייב געטאָן צו איר פֿאַרבלאָנדזשעטע אויגן.

— און איך וויל דיך אַ קוש טאָן... — דריקט איִם כאַנקע אַ האַנט.

מאָטל וואַרט פֿאַרבענקט.

— כאַנקע, נו...

לאַכט זי:

— כ'האָב דאָך געזאָגט: איך וויל... פֿון וועלן ביז קושן איז אַ מעהאַלעך...

— פֿאַרוואָס עפּעס?..

— ווײַל איך בין שוין נאָכן פּריזיוו... און איר ביידע זײַט נאָך פֿאַרן פּריזיוו...

זי האָט מיט אַ האַנט איִם אַ פֿיר געטאָן איבערן פּנים, האָט ער איר אַ פֿינגער אין מויל אַרײַנגעכאַפּט און געקושט.

— גענוג! גענוג! — האָט זי די האַנט אַוועקגענומען, — דו ביסט אַ ווילד ייִנגל...

— און אַ ווויל ייִנגל! — האָט זי אין אַ פּאָר טריט אַרום צוגעגעבן.

יענע נאכט האָט מאָטל לאנג ניט אײַנגעשלאָפנ, געדאנקענ און מאכשאָוועס האָבנ זיכ אינ אים געשטויסנ, ווי יינגלעכ, וואָס ראנגלענ זיכ: אלע שוינ אומגעפאלענע, נאָר אָט דראפעט זיכ ארויס איינער מיט א האנט פונ אויבנ, און אָט רייסט זיכ ארויס אנ אנדערער מיט א פוס אינ דער הייכ... און אלע קנוילנ זיכ אינ איינ קנויל, און אָנ אנהייב און אָנ א סאָפ. האָט ער ניט באמערקט, ווי צווישנ דעמ פלאָנטער פונ מאכשאָוועס און געדאנקענ — מידע, צעפאלענע, צעפליקטע און צעדרייטע — איז ער אײַנגעשלאָפנ. און עפשער גיט? — נאָר אינמיטנ־דרינענ איז ארײַנגעלאָפנ באָטקע פארסאָפעט: „מאָטל, קומ אפגיכ! איז מענ אוועק.

דרויסנ — פינצטער, זעט ער ניט נאָטקענ, לויפט ער, יאָגט, דער אָטעמ פארכאפט, קומ ארײַנגעלאָפנ — צו מאטעסנ אהיימ. איז גאָר טאָג, בא מאטעסנ אינ שטוב טאָג. שאכעס נאָכ מיטיק, אינ קיכ אפ א בענקל זיצט מאטעסעס ווײַב, וויגט אפ די הענט אנ אויפעלע: „א־א־א!" — לאכט אויס האָס קינד: מאמע, פארוואָס זײַנענ בא מיר די הערלעכ שיטערע און בלייכע? — לאכט דאָס קינד הילכיק: „דו מיינסט, איכ ווייס ניט"...

אינ קאמער ארומ טישל — מאטעס, באָרעכ און נאָסנ, — און ווער נאָכ? עפעס אומבאקאנטע, איינער, דוכט זיכ, איז אמאָל געווענ... ער געדענקט ניט, ווו האָט ער אימ געזענ. לייענט מענ...

— א סטודענט האָט געבראכט אײַנבינדנ — דערווײַל אהיימ גענומענ אפ שאבעס...

מאָטל בייגט זיכ צו ארײַנקוקנ, א מאָדנער בוכ: הענטלעכ און פיסלעכ, און ציפערנ... און אויסיעס — מיט לאנגע כאָפנ אלע...

— דאָ איז אלצ וועגנ דאָרפ, — לייגט ארופ מאטעס זײַנ דארע האנט, — אָט, גיב א רעכנ — וויפל זײַנענ אָנ ערד, און וויפל אָנ פערד...

— ווי קומט אהער א לאנגער כאָפ און איינ האָחפ? — פרעגט נאָסנ, — א נול פערח אפ א הויפ, און דרײַ הונדערטלעכ...

— דאָס איז אנ עק פונ א פערד... — מאכט מאטעס.

— און דער לאנגער כאָפ? — פרעגט באָרעכ.

— איכ וועל אײַכ פּאַרטײַטשנ, — קריכט ארויס מענדל פונ אונ־טערנ טיש.

נעמט מענדל דאָס בוכ אינ האַנט — איז דאָס גאָר מאַטעסעס ייִנגל: א געלינקער, א בלײַכינקער, מיט קלײנע װײַסע פינגערלעכ, װי בלײַכע קרײַדלעכ. זעצט ער אימ אװעק אפּנ טישל, שפּרינגט ארויס בײַ אימ פונ א זײַטל זײַנ עלטערע שװעסטערל מיטנ טונקעלנ קעפּל אונ זעצט זיכ נעבנ אימ. אונ אהינטער זײ שטעלנ זיכ גלײַכ אװעק צװײ מעשענע לײַכטער, פּאַרשמאָלצענע פונ בײלעװנע ליכטלעכ אויסגעגאָסענ־טע. מאַטעס שטרעקט אויס א האַנט אראָפּנעמענ די לײַכטער, שפּרײַזט ארײַנ אינ קאַמער א זשאַנדאַרמ, טוט א קלאַפּ מיט די שפּאָרנ אונ כאַפּט אָנ מאַטעסנ פאַרנ אקנ:

— סטאָי! אומ שאַבעס...

אונ ארומ זשאַנדאַרמ דרײט זיכ ארומ דער קלײנװוּקסיקער פאַברי־קאַנטל, באַהאַלט זיכ אהינטער די פּאָלעס פונ זײַנ שינעל, שטעקט ארויס א הענטל אונ שרײַט:

— אָט יענער איז פאַרנ שטרײַק!..

ער װאַרפט אפּ מענדלענ זײַנ האַרטנ קאַפּעליוש — װערט בא מענד־לענ אפּנ אקסל א רויטע פאָנ...

בלאָזט זיכ אָנ דער זשאַנדאַר, װיל בײז אויסשרײַענ, טוט ער א שלוקער אונ הײבט אָנ קרײענ, װי א האָנ... אונ פאַלט דורכ... כאַפּט דער פאַבריקאַנטל אונ קריכט ארײַנ אינ לײַכטער, אינ לעכל, װוּ מע שטעקט ארײַנ א ליכט.

— די גיבוירימ!.. — צעלאַכט זיכ מאַטעס.

אָבער מאָטל דערזעט מיטאַמאָל — פונעמ לעכל אינ צװײטנ לײַכ־טער פּויזעט ארויס א שלאַנג — א דינע, א גרינע. שטעקט ארויס א שמאָל קעפּל, קריכט, דרײט זיכ, שלענגלט זיכ פונ אײנ לײַכטער ארומ צװײטנ, ציט זיכ אונ לענגערט זיכ אינ דער קרומ, אונ צעבלאָזט זיכ דיקער, אונ צעעפנט דאָס מויל — אנטקעגנ מאַטעסעס צװײ קינדער־לעכ...

כאַפּט מאָטל באָרעכנ אינ די לאַנגע שטיװל אונ טוט אימ א שטעל האַסטיק אפּ דער שלאַנג אפּנ טיש.

הײבט זי אָנ זידנ, װי װאַסער אויסגעשפּריצט אָפּ אנ אָנגעברענטנ אײַזנ. הײבט אפּ דעמ קאָפּ קאָפּטעראָמ מיט גרינע פײַער־אויגנ, װאָס

שפּאַרט איר אַרויס, און אַ רויטע צונג, וואָס האָט זיך צו דער סטעליע אויסגעצויגן, און לעקט פֿון עק ביז עק... נעמט ער, מאָטל, נאָטקעס און טוט אים אַ דריי מיט די פּיס אַרויף, אין דער הייך, און מיט די שטיוול אַ זעץ אויף דער צונג, אַז זי קלעפּט זיך צו צו דער סטעליע, ווי אַ רויטער פּלאַסטער... שלײַדערט זיך אַ האַלבע שלאַנג איבער מאַטע־סעס קראַנקער פּלייצע, און אויף דער פּאָדלאָגע...

שפּרינגט אַראָפּ דאַוויד פֿון דער וואַנט:

— דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן!..

טוט מאָטל אַ שפּרונג און אַ טאַנץ איבער דער שלאַנג אויף דער פּאָד־לאָגע, שאַרט זי זיך אַראָפּ פֿון מאַטעסעס פּלייצע... און אויף דער פּאָד־לאָגע האַצקעט זיך אַ האַרטער קאַפּעליוש מיט אַ שפּאָר פֿון אויבן און אַ שפּאָר פֿון אונטן: קלינג, קלינג...

לאַכט זי באַנקע:

— מאָטל, אַ שיינעם גאַלאָפּ געמאַכט...

— באַנקע!... איך וויל דיך אַ קוש טאָן...

אַנטלויפֿט זי.

לאָזט ער זיך נאָך איר מיט קוילעס

— וואָ־וואַחוואַ!..

— וואָס שרײַסטו און שלײַדערסט זיך פֿון שלאָף? — האַלט אים די מאַמע פֿאַר אַ האַנט.

— האַ־אַ?

— ניט באַ־טאָג און ניט באַ־נאַכט ביסטו ניט רויק...

מאָטל עפֿנט די אויגן, קוקט זיך אַרום צעמישט, זוכט עפּעס אויף דער סטעליע און אויף דער פּאָדלאָגע, און צעלאַכט זיך מיטאַמאָל אויפֿן קול.

— אַ רעכטער צעדרייטער! — מאַכט ביילקע, — אַ באָכער אין יאָרן האָט צו טאָג מיט חלומעס!..

5

זונטיק האָבן רוסן ניט געאַרבעט, אַזוי ווי ייִדן האָבן ניט געאַר־בעט שאַבעס. אָבער דעם זונטיק זײַנען אַנדערע רוסישע אַרבעטער שאַבעסדיק אָנגעטאָן אַרײַנגעקומען אין די פֿאַבריקלעך און זיך געשמו־עסט מיט באַווײַרים — ייִדישע אַרבעטער. דער יונגער יאַשקע פּילט

זיך טאָפּלט יאָנטעוודיק, וואָס ער גייט היינט אפ דער „גרויסער פאַר־זאַמלונג"! האָט ער זיך אָנגעטאָן אין דעם רויטנ קומאַטשאָוונ העמדל און דעם שוואַרצנדיקנ פּידזשאַק פונ אויבנ, כאָטש ס'איז זייער הייס געווענ דרויסנ. דער עלטערער, סערגיי — אינ א שוואַרצנ ראָק, מיט א מעשענ קייטעלע, וואָס האָט זיך געבאָמבלט איבערנ וועסטל, אַרויסגעהאַנגענ פונ א טעשל — טאָפּלט אויפגעלייגט. זיי האָבנ אַרומגע־קריצט זאַלמענענ און שטיל גערעדט:

— נו, זאַלמענ, אַלע וועלנ קומענ היינט?

— ניט אַלע. א טייל האָט שוינ נעכטנ אײַנאָוונט געפּראַוועט „זמי־רעס..." די איבעריקע וועלנ היינט אינ וואַלד...

יאַשקע קוועלט אָנ: — אַלע מיטאַמאָל קאָנענ ניט אינ איינ אָרט — צופיל זאַווילעמ...

— ריכטיק, — האָט סערגיי צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

— איז ווענ ווערט איר גיינ? — איילט יאַשקע — ער האָט היינט די נאַכט קימאַט ניט געשלאָפנ און אינ טאָג יאָגט ער די שאָענ. — ס'זאָל ניט זיינ שפּעט, זאַלמענ...

— גלייך פונ דער אַרבעט גייענ מיר. נאָר די פּאַרטיע פעל פאַרענ־דיקנ מיר...

— העלפנ דיר, וועסטו פריִער ענדיקנ, — כאַפּט סערגיי אַראָפּציִענ זיינ רעקל.

— מ'דאַרפ ניט. גייט אַפריִער, מירנ גלייך אונטערקומענ. גייט ביס־לעכווייז.

דער אָפּגערעדטער אָרט איז געווענ ניט זייער ווייט פונ די פאַב־ריקלעכ, וואָס זיינענ געווענ אַלע אינ איינ געגנט אינ עק שטאָט. וועגנ זיינענ געווענ דריי: מיטנ ברייטנ שאָסיי אינ דער הייכ אַפּנ אָנגעשאָ־טענעמ שליאַכ, און צוויי זייטיקע וועגנ אונטנ אינ די טאָלנ, דורכ קוס־טעס געדיכטע און ביימעלעכ יונגע. מ'האָט געוווּסט, אַז דעם שלאַג־בוימ אַהינטערנ בראָמ, ווו ס'איז אַנ אַמט און א וועכטער, וואָס לאָזט דורכ פורנ פאַר אַנ אָפּצאָל — דאַרפ מענ אויסמיידנ: ניט וואַרפנ זיך אינ אויג. נאָכדעמ וועט מענ פאַרקירעווענ רעכטס, אָנטרעפנ צוויי סטויגנ היי באַמ וואַלד, — דאַרפ מענ אַריינגייג לינקס.

דער סטודענט לוריע איז באַטאָג נאָכ צוגאַסט געקומענ צומ סטו־דענט פּעטראָוו אינ זיינ פאַטערס קליינעמ פאַלוואַרעקל, א וויאָרסט

דרײַ נאָכן שלאַנבוים. און מ'האָט עפּעס אָפּגערעדט. האָט דער סטו־דענט פּעטראָוו גלײַך אָנגעטאָן די עלטערע אײַנגעלאָרען הײַנט צו נאַסט די גאַנצע פֿאַמיליע פֿונעם פּאַרוואַלטער איבערן אַמט באַם שלאַנבוים און זײַנע געהילפֿן — זאָלן זיי זיך ניט פּלאָנטערן אין וואַלד... דאַ־ווידן איז פֿון שטאָט אָנגעקומען, שפּאַצירנדיק מיט סלאַווקען און באַנקען. באַלד נאָכן „סלאַמבאַן" איז סלאַווקע צוריק אַוועק שפּאַצירן מיט די אָנגעגאַנגענע סטודענטן פּעטראָוו און לוריע, און דאָוויד איז אַוועק מיט באַנקען. בײַ די סטויגלעך היי, פֿון פּאָרנט אַפֿן גראָז ליגן בײַם און בעריעך און רויטערן—א וואַך און א סימען: זיי האָבן א פֿינגער געהויבן...

אין אָנהייב וואַלד האָבן זיי באַגעגנט זאַלמענען און סערגייען. סער־גיי האָט דאָווידן א האַנט דערלאַנגט, באַגריסן און — אָפּגעהאַלטן. ער וויל עפּעס זאָגן. שווײַגט ער. הייבט אויף/צו אים די אויגן און לאָזט זיי אַראָפּ. ער באַדענקט זיך.

— עפּשער צוגעבן היץ...—מאַכט ער שטאַמלענדיק, און גלײַך זאָגט ער אַרויס נאָכאַנאַנד,—אונדזערע זײַנען א סאַך ערשט פֿון האַרץ.. אײַ־ניקע נאָך אין לאַפּטשעס... יונגע אַפֿילע, אָבער שווערלעכע. מיר שפּאַ־צירן דאָ אָפֿט — נאָענט צו אונדז. באַגעגענען מיר דעם סטודענט פּעטראָוון, שטעלט ער זיך אויף און רעדט, גיט ביכלעך. אָבער מײַנע לײַט וועגן דאַרף פֿאַרנעמען זיי נאָך, און וועגן פֿאַבריק — ווייניק... ווי דערנעמט מען זיי?

דאָוויד האָט זיך פֿאַרטראַכט, האָט פֿאַרייכערט און געטראַכט.

דער אָפּגעליידיקטער פּלאַץ אין וואַלד איז פֿול געוואָרן מיט מענטשן.

— אַלע דאָ? — האָט זאַלמען א פֿרעג געטאָן.

— אַלע! אַלע! — האָבן צענדליקער קולעס אָפּגעהילכט.

דאָוויד איז אַרויסגעטראָטן אינמיטן קרײַז פֿון צײַלן מענטשן. האָט אָנגעהויבן געלאַסן אויפֿצודעקן די „פֿאָשעטע מעכאַניק" פֿון אַרבעט און קאַפּיטאַל. ער האָט קעסיידער געפֿרעגט, נאָך עפּעס אַזוי, אַז מע פֿלעגט זיך גלײַך אָנשטויסן אויפֿן ענטפֿער.

האָבן די פֿאַרזאַמלטע זיך אָנגעשפּיצט, די שטערנס געקנייטשט, און די אויגן האָבן צופֿרידן אויסגעשײַנט: מע האָט קעסיידער גע־

טראָפּנ רעטענישנ, וואָס האָבנ זיכ געדוכט, אַז זיי זײַנענ פאַרהיילנ.

די „פּאַשעטע מעכאַניק“ איז אַלעמענ באַקאַנט אונ קלאָר.

— אַ שטרײַק איז דאָס געווער פונ אַרבעטער אינ קלאַסנקאַמפּ — האָט דאַוויד עטוואָס געהעכערט זײַנ קאָל, — די אָרגאַניזירטע מאַסנ־אופּטריטנ איז אַ געשליפענע געווער, וואָס צילט אונ טרעפט!

...איכ באַגריס אײַכ! איר הייבט אָנ די גרויסע אַרבעט, וואָס האָט זיכ שוינ לאַנג צעשטורעמט אינ גאַנצנ לאַנד, אונ איר פאַראייניקט זיכ צומ קעמפנדיקנ פּראָלעטאַריאַט פונ אַלע לענדער! ברידערלעכע פּראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער אַפ אַלע לעשוינעס האָבנ איינ שפּראַכ אינ קאַמפ, פונ איינ נויט, פונ איינ קלעמ געטריבנ... אונ דער שטאָטישער פּראָלעטאַריער אונ דער דאָרפישער באַטראַק, אונ די מאָרגנדיקע באַטראַקעס, וואָס מאַטערנ זיכ נאָכ הײַנט אַרומ זייער „באַלופּקע“ אָנ ערד אונ אָנ פערד — זײַנענ אַלע עקספּלואַטירטע, געדריקטע, געיאָגטע —

ער האָט די קאַרע אויגנ צעעפנט אונ צעבליצט איבער הינטער אַרבעטער ני־ט־יידנ, וואָס האָבנ זיכ אַרויסגערוקט אַלץ נעענטער צו אימ:

...דער וואַלד איז אַ „פרעמדער“, די פעלדער אונ לאָנקעס „פרעמדע“, פּריציש. פּויערימ אַקערנ, זייענ — ניט פאַר זיכ. אַרבעטער אינ פאַבריק האָרעווענ — ניט פאַר זיכ. דער אַרבעטער איז אַ פּויער אינ שטאָט... אַנטלאָפנ פונ דאָרפ, פונ נויט, פונ פּאָרעצ'ס ווילקיר אונ אַרײַנגעפאַלנ אינ שטאָט אינ דער עקספּלואַטאַציע פונ פאַבריקאַנט. די עקספּלואַטאַציע איז איינע פאַר אַלעמענ...

ער האָט די אויגנ אופגעהויבנ פאַרטרוימטע:

...פּויערימ אָנ ערד, אַרבעטער אָנ ברויט — איינ אַרמיי פונ לײַדנ־דע, הונגעריקע קנעכט, פאַרשפּאַרט אינ אַ לאַנד, ווי אַ טורמע, אָנ פרײַהייט... אונ אַ פויסט קנאַקט איבער אונדזער אַלעמענס האַלדז־אונ־אַקנ אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ... ברידערלעכע פּראָלעטאַריער אינ איינ וואָרשטאַט, שוויצט איר גלײַכ צוזאַמענ אַלע געבויטנ, אונ איינ טורמע איז פאַר אײַכ אַלעמענ גרייט...

אונ ער האָט דערציילט פונ מאַרטירער, פונ קעמפער, וואָס צאַנ־קענ אינ טורמעס, אינ ווײַטע סיבירער טײַגעס...

...אונ וויפל האָבנ שוינ זייער געמיט אויסגעהויכט! נאָר זייער רויפ צומ קאַמפ הילכט נאָכ אינ טאָג אונ אינ נאַכט.

...קנעכט פון קאפּיטאל, שטייט אויף פּאַרייניקט און קעמפט אויסגעהאַלטן! שמידט ענגער די קייט פון אַכרעס, און גליט אין הייסער אייער אויסדויער, אייער אויסגעהאַלטנקייט, ביזן לעצטן אָטעם־הויך!..

— אַך דו, מאַטל מיינער, מאַטל! — האָט יאַשקע אַרומגעכאַפּט מאָטלען נעבן אים: — געהערט? אָט זיינען ציינער אָנגעשטאַנען! נישט אין קלויסטער, און נישט קיין גאַלעך — און די ווערטער ציִען בײַ דיר די נעשאָמע.

— ווער האָט עפּעס צו זאָגן? פרעגן? דערווידערן? — האָט זאַלמען אויסגערופן.

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? הייסט עס אַזוי דאַרף זיין...

— ס'איז שווין אַן איינציגע אַזאַ, אַז מיר דאַרפן זיך שטעלן...

האָט מען געוואָרפן אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— לאָזט מיך! — האָט זיך יאַשקע אַרויסגעריסן.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט די זון, וואָס האָט זיך שוין גענידערט און זיך אָנגעהאַנגען אויף אַ שפּיץ פון אַ בוים, אים געשטערט עפּעס, געקיצלט און גערייצט. האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעדוקט, זיך אָפּגעשטעלט האַרט נעבן זאַלמענען, און האָט הויך אַרויסגעזאָגט פון מויל:

— ברידער מיינע! איר איקער איז — ברידערלעך! אַלע צוזאַמען! וואַרפן די אַרבעט וועלן אַלע גלייך, אָבער אָנהייבן דערנאָך — דאַרפן איך אַלע גלייך... נישט אויסלאָזן איינע די אַנדערע... פעסט האַלטן זיך ביזן סאָף — האַנט בײַ האַנט... איין שורע! איין קייט פון אַבדעס... איך גיי אויף אַלץ! — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען, — זאָל מען מיך פאַרזעצן — ער האָט מיט איין צוק אויסגעטאָן און אַוועקגעשליידערט פון זיך דעם דיקן שוואַרצן פּידזשאַק, און דאָס רויטע קאָמאַטשאָווע העמדל האָט אויפגעבלאָזן באַלאָנען פון פאָרנט און פון הינטן, און עס געריסן אין דער הייך. — זאָל מען מיך פאַרשיקן, אונדזער איינער איז אַ געכעכטער! מיר וועלן דעם עמעס דערגייען.

מיין טאַטע, סעמיאָן וואַסיליעוויטש, סיאָמקע דער שוסטער, האָט אויף דער עלטער דערלעבט: איין אויג דאָרטן — האָט ער געוויזן אויפן שטערן — און איין אויג דאָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן באַק... אויסגעהאָרעוועט... אויסגעמאַטערט... און מיך האָבן שוין גוטע לייט, האָרעפּאַשניקעס, צוגעזען... אַלע צוזאַמען וועלן מיר דעם ריכטיקן עמעס

דערגייג! פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ! ברידער מײַנע! יאשקע וועט דאָס לעבנ זײַנס אָפּגעבנ פארנ עמעס!

ער האָט אָנ דער ערד א שלײַדער געטאָנ דאָס היטל, וואָס ער האָט אינ די הענט געהאלטנ, אונ דאָס צערווישטע פּאָנעמ איז פלאַמיקער געווענ פונ זײַנ רויטנ קומאטשאָווּנ העמדל.

— אונ איכ זאָג, — האָט סערגיי אָנגעהויבנ אפּ. זײַנ אָרט אינ צווייטנ צײַל, אונ אלע האָבנ זיכ א קער געטאָנ צו אימ. ער האָט אינ האנט אָנגענומענ דאָס קייטעלע אפנ וועסטל אונ האָט עס אָבער באלד אינ טעשל פארשטעקט: — אונ איכ זאָג, אז די ארבעטער וועלנ זיכ א נעמ טאָנ פאר דער זאכ, וועט עס זײַנ אנ איניענ! אלעמאָל די האָרעפּאשניקעס. זיי האָבנ אלצ אויפגעבויט אונ אָפּגעטאָנ — אלצ זיי! וואָס דענ? — ער האָט דעמ קאָפּ אויפגעהויבנ דרײַסטער אונ טאקע־ פער צוגעגעבנ, — די „ווײַסע הענטלעכ" האָבנ א שאָסיי געמאכט? א פאלאצ געמויערט? אלצ אונדזערע ברידער... נאָר מיר, נאראָנימ, האָבנ געמיינט, אז אזוי איז גוט: איינע וועלנ טאָנ, אונ די אנדערע — פריצעווענ... טויג עס ניט אזוי — וועלנ מיר מאכנ אנדערש... מיט הענט מאכט מענ אלצ... אונ ריכטיק: די פויערימ האָבנ ניט קיינ ערד, אונ די פריצימ איזדעקעווענ זיכ... מיר האָבנ ניט קיינ פרײַהײַט אנ אָטעמ טאָנ, נאָר א בײַטש, א קאנטשיק, אנ אודיאדניק... פויערימ שווײַגנ. ארבעטער פארשטייענ אונ ווילנ ניט שווײַגנ. הייבט אָנ, וועלנ די פויערימ צושטיינ, — די ארבעטער זײַנענ שוינ שטאָטישע, קליגער, דארפנ זיי אָנהייבנ...

ער האָט א ווײַלע אָפּגעשוויגנ אונ פאר זיכ צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ, באדענקענדיק זײַנע ארויסגעזאָגטע ווערטער.

— אלע פארשטייענ, אז „זייער" עמעס איז ניט אונדזער עמעס... וועלנ מיר דעמ עמעס א נעמ טאָנ מיט אונדזערע מאָזאָליעס, וועלנ מיר פונ אימ מאכנ א וואַרנ עמעס!.. אונדזער עמעס וועט זײַנ פאר אלעמענ...

— הייבנ מיר אָנ דעמ שטרײַק? — האָט זאלמענ אינ א ווײַלע ארומ געשטעלט די פראגע, — אלע ווי איינער...

— אלע! אלע!

— מאָטל, — האָט יאשקע זיכ אויסגעצויגנ אפנ גראָז אינ וואלד, וואָס האָט שוינ געטונקלט, — זעצ זיכ צו נעבנ מיר... איכ וויל פונ־

דאנענ ניט אװעקגײנ אזױ גיכ... לאָמיר דאָ נאָכ א ביסל פארברענגענ, מאָטל!

פונ װאלד ארױס אונ איבערנ שאָסײ אװעק אינ דער אָװנטיקער טונקלקײַט צװישנ שאָטנדיקע הױכע אונ צעװאָקסענע בײמער בא די זײַטנ האָט בעװרע הױכ אונ װײַט צעלאָזט בענקענדיקע קולעס:

«Эй, дубинушка, да ухнем!..»

V. שאָמײַטי.

1

אינ די פאבריקלעכ איז שטיל, ערנסט, אָנגעצויגנ. די „אויסגעקליבענע" זײַנענ א ביסל צערודערט. זײ האָבנ פארפרי ארויסגערופנ די באלעבאטימ, אונ האָבנ געמאָלדנ די „פאָדערונגענ": אויס ארבעט פונ שטיק, סכירעס פונ װאָכ. די צײַט דארפ האָבנ א מאָס: פונ אכט פרי ביז זיבנ אָװנט, אונ א שאָ אינ דעמ אפ מיטיק. ארומזענ די פאבריקלעכ — װענטיליאציע, די „נאסע" האָבנ א צוזאָג: נײַטע װאסער...

הוטנער — א גופיקער ייִד, הויכ אונ ברייט, קײַט קעסיידער די אונטערשטע ליפ מיט א שטיק באָרד אינ מויל ארײַנגענומענ. װײַל אינ קאָפ רעכנט ער אלצ אונ טראכט, פלאנעװעט אונ קאָמבינירט — ארויסזאָגנ אפנ קאָל מאכשאָװעס איז ניט קעדײַ, פארצייכענענ ציפערנ אפנ פאפיר איז קיינ אייסעק ניט, — קײַט ער דערבײַ די אונטערשטע ליפ מיט א שטיק באָרד אינ מויל ארײַנ. די „אויסגעקליבענע" אינ זײַנ פאבריקל — כאצקלענ אונ מאָטלענ האָט ער אויסגעהערט גלײַכגילטיק, פארבײַ — געקוקט אינ דער זײַט אונ אפ דער סטעליע.

— אײַער ענטפער דארפ זײַנ הײַנט צו זעקס אזייגער... — האָט כא[illegible] פעסט באטאָנט.

הוטנער האָט זיכ אָפגעקערט אונ געפרעגט צי געזאָגט:

— אומעטומ הייסט עס, אינ אלע פאבריקלעכ פאָדערט מענ, מיסטאָמע... װי דענ?..

— אומעטומ, — האָט מאָטל צוגעײַלט, — אונ אניט — הערנ מיר אופ צו ארבעטנ...

— נו, יע... — האָט הוטנער מיט ביטל א מאכ געטאָנ מיט דער־

האנט אונ געגאנגענ צו דער טיר. פארבײַ א פאר עלטערע ארבעטער האט ער מיט כויזעק געװארפנ:

— אײַערע „אויסגעקליבענע", די שנעקעס... זײ פירנ דאס רעדל...

באצקל איז אופגערעגט צוגעשפרונגענ צו דער טיר, אונ נאכ אים מאטל:

— צו זעקס א זײגער אנ ענטפער...

— נאכ א זמאנ אפנ פופיק...

— אינ נאמענ פונ אלע ארבעטער, — האט מאטל מיטאמאל ארויסגעזאגט, — פאדערנ מיר א קלארנ ענטפער צו זעקס אזײגער... אט דא אינ פאבריקל...

— שאמײַטי (שמעתי)*... כ'בינ א גראמעטנער. כ'װײס די מײַ־סעס... — האט הוטנער מיט דער האנט אפגעשלײַדערט פונ זיכ, װי שמוציקע טראנטעס װאלטנ אימ פארפלאנטערט.

האט מענ שטיל געארבעט — הײַנט שוינ פארענדיקנ. נאר מאטל איז געװענ אומרויִק.

— באצקל, כ'האב מוירע, ער װעט נאכגעבנ... הו'סט געזענ — ער בײַסט די באָרד אונ רעכנט. ער'ט נאכגעבנ — כ'האב מוירע... ס'װעט קײנ שטרײַק ניט אויסקומענ...

— האב קײנ מוירע ניט, עס װעט זײַנ א שטרײַק, אז עס װעט גײנ א רויכ! ער װעט די באָרד צעבײַסנ, אונ װעט ניט נאכגעבנ... ער זאגט שאמײַטי — א װערטעלע!..

מאטל האט זיכ אבער ניט בארויִקט. ער האט אלץ געקוקט אפנ זײגער אונ זיכ נאכגעפרעגט, װער האט עפעס א „ריכטיקנ" זײגער? ערשט צװײ אזײגער — װי קאנ עס זײַנ?.. נאכ אלץ האלב דרײַ — צי האט זיכ דער זײגער ניט אפגעשטעלט?.. קוים דרײַ אזײגער — די זײגערס פוילנ זיכ הײַנט: צי האלטנ זײ אויכ בא א שטרײַק?

2

שײנינ אינ זײַנ פאבריקל האט אויסגעהערט זאלמענענ אונ כיל־פענ, אונ האט זיכ געװענדט צום מאשגיעכ: — נו, װאס זאגט איר? אלײנ האב א פאבריקאנט געװענ...

---

* כ'האב געהערט.

דער מאשגיעכ האט לײַכט געריבנ די פארוואקסענע באק, ווי עס וואלט אים פלוצלינג אויפגעפארנ, אונ האט געקוקט מיט איינ אויג אפ שייִנינען. דער לעצטער האט זיכ מיטאמאל א כאפ געטאנ אונ אפגע-רופנ דעמ מאשגיעכ אינ א זײַט. נאכ גלײַכ האט ער עפעס כאראטע געהאט, אונ האט זיכ האסטיק אומגעקערט צו זאלמענען.

— אונ דאס זײַנענ טנאים אכרוינימ*—לעצטע מעקעכ? אויכ אנ ענטפער דאפקע הײַנט צו זעקס אזייגער?..—ער האט זיכ צעלאכט דריבנענקע. — כי—כי—כי—אופגעטראכט?!.

בילקע האט זיכ עפעס פארשעמט פונ זײַנ לאכנ, אונ זאלמענ איז געווארנ אויפגערעגט. אינ די אויגנ בא אים האבנ זיכ צעצונדנ בייזע פײַערלעכ:

— ווער עס וועט לאכנ, אונ ווער עס וועט בעסער מאכנ....

— בע—סער מאכנ, ווייס מענ נאכ ניט... איר ווייסט, וואס איר טוט? — האט שייִנינ געביטנ דעמ טאנ אונ אנגעהויבנ ווייכ אונ גלעטנדיק: — וואס ווילט איר? שטרײַקנ? הונגערנ? הונדערטער אר-בעטער מיט פאמיליעס זאלנ אנ ברויט בלײַבנ?.. — האט ער הויכ גערעדט, אז אלע זאלנ הערנ, — פארשטערנ יאנטויווימ... ווארעמ אט איז שוינ עלעל, אונ באלד זײַנענ שוינ די יאנטויווימ

— אונ נאכ דעמ איז שוינ כאנקע... אונ דארטנ — איז שוינ פורימ... — האט זאלמענ ביזנ געווארפנ אונ גיפטיק געשמייכלט, — וואלטנ מיר דאכ עפשער קאנענ גיינ צו אײַכ צו דער סודע — אנ אומזיסטע סודע... אונ מיר ווילנ עס ניט! זארגט ניט פאר אונדז, אונ פירט ניט מיט אונדז קיינ מאכנאיקעס... או—אויס! מיר האבנ אײַכ געזאגט אונדזערע פאדערונגענ, — אונ איר גיט אנ ענטפער, ווי אײַכ לוינט...

— ווילט איר דאפקע קריג זיכ מיט מיר?—קוקט ארויס שייִנינ פונ אונטער די פענסנע,—א קריג איז — א קריג... — צעקרימט ער זײַנע דינע ליפנ.

— יע, — האקט אפ זאלמענ, — קריג איז קריג: ווער — וועמענ...

שייִנינ קוקט אנ א ווײַלע, טוט א שמייכל פאר זיכ, שטעקט ארײַנ א האנט אינ בוזעמ־קעשענע אונ טוט א בלענצל דורכ די פענסנע: אימ שײַנט א האפענונג...

* לעצטע באדינגונגענ

— און איך... איך האָב גערעכנט — כ'מיינ: וואָס איז דער כילעק צווישנ מיר מיט אייך? קאָל יִיסראָעל איז אינ גאָלעס... האָב איך גערעכנט פארלייגנ אייך, איר זאָלט בא מיר נעמענ א שעקל *... געבראכט אהער דאָס ביכעלע מיט די שקאָלים...

— פארשפּעטיקט מיט אייער שעקל... — לאכנ ארבעטער ארומ.

— מיר האָבנ אייך דערלאנגט א ו נ ד ז ע ר שעקל... געדעקט, האַ? — שמייכלט זאַלמענ.

— איז עס — לעצט מעקעכ?.. און מיינ שעקל נעמט איר ניט? איר זאָגט זיכ אָפּ פונ מיינ כעווירע?.. — האָט ער זיכ לוסטיק געמאכט און איז אויסערלעכ געהייבנ אוועק.

דער מאשיניעכ האָט אומגעשפּאנט היג און הער, האָט דאָס היטל אפנ קאָפּ אָפּגעוואָרפנ אפ איינ זייט, און מיטנ האנט געקראצט א פּייע, דערנאָכ איבערגעוואָרפנ דאָס היטל אפנ אָפּגעקראצטנ זייט און מיט א צווייטער האנט אנ אנדער זייט געקראצט בא דער פּייע. דערמלט האָט ער מיט צעשפּרייטע פינגער פונ א האנט א פיר געטאָנ אינדערלופטנ:

— כעווירע פופלט... פופלט — אלצ מיטאמאָל! דאָס טו, און דאָס גיב — האָט ער מיט א פינגער, ווי מיט אנ אומרו געשאָקלט היג און הער, — צופיל, צופיל!

ער האָט געמיינט, אז כעווירע זאָל פארפירנ מיט אימ א שמועס, דינגענ זיכ, וועט ער אויסטאפּנ, וואָס מיינענ זיי דאפקע, און וואָס איז — ניט דאפקע...

דער אוילעמ האָט געשוויגנ און געשמייכלט. וואָס גייט זיי אָנ דער מאשיניעכ — א געוועזענער פאבריקאנטל — איצט א געדונגענער מעשאָרעס, און זוייס ניט וואָס ער איז...

3

בא שווארצמאנענ אינ פאבריקל זיינענ די אויסגעקליבענע געוועזנ שלוימקע און סעמיאָנ. דארפ מענ זיי אויסהערנ... שווארצמאנ פונ מיטעלע יאָרנ מיט א שווארצער באָרד, שטענדיק אנ אויסגעקעמטע, א גלאנציקע, דוכט זיכ, ווי א נייע, ערשט באקומענ און צוגעקלעפּט צומ רויקנ פּאָנעמ מיט די קאָרע כיטרע אויגנ.

* קוויט פונ מיטגליד־אָפּצאָל בא ציִעניסטנ

— אז ארבעטער ווילן עפּעס זאָגן, טויג שוין ניט... — האָט ער מיט די ווערטער און מיט א שמייכל אין די אויגן אויפגענומען סעמיאָנען און שלוימקען. — דאָס טויג שוין ניט. עמעס, סעמיאָן? — אַרבעטער דאַרפן ניט ריידן... שווייַגנדיקע זיינען זיי — גוטע...

שלוימקע האָט איבערגעריסן און אַרויסגעזאָגט, וואָס די ארבעטער פאָדערן. גערעדט האָט ער יידיש, און סעמיאָן האָט צוגעהערט מיט פאַרנעם און מיט אַזעלכע פאַרשטענדיקע אויגן אים אין מויל אַריינגעקוקט.

— הייסט עס, — האָט סעמיאָן צוגעגעבן נאָך שלוימקען און פאַרטאַקעלט אין רוסיש, — הייסט עס, אַז מיר, ארבעטער ווילן אמאָל א טאָלק מאַכן: אין צייַט, אין פּרייַז — אין אַלץ... ניט אַלץ העפּקער...

בא שווארצמאַנען האָבן זיך אין פּלוג די אויגן א קער געטאָן מיט די ווייַסלעכע אַרום. ער האָט אָבער באַלד לוסטיק און גוטברודעריש א קלאַפּ געטאָן סעמיאָנען אויף אַקסל און, קלומירשט באַרויִקנדיק, צעשאָקלט דעם קאָפּ, אַז זיין שווארצע באָרד האָט זיך געלופטערט, ווי אויף ווינט צעהאַנגען.

— עך, סעמיאָן! סעמיאָן! און דו הערסט, וואָס ער — האָט די באָרד געטרייסלט אויף שלוימקען, — וואָס זיי אַלע אָט די... — האָט די באָרד געטרייסלט אויף אַנדערע יידישע ארבעטער אין פאַבריק, — וואָס זיי לערנען דיך אָן... זיי...

שלוימקע האָט א ליפּ צעביסן פאַר קאַס, האָט האַסטיק אַרויסגעשליידערט א האַנט און אויסגעשריִען: — אָט די שטיק...

נאָר סעמיאָן האָט אים איבערגעהאַקט. ער האָט געלאַסן, אָבער מיט גרויס פאַריבל אַרויסגעזאָגט:

— און איך וואָס, ביז א נאַר? הער שווארצמאַן מיינט אַפּאָנעם, אַז איך בין שוין גאָר א שויטע, א דאָרפיקער שייַט האָלץ? ניי — יין! וואָס הייסט שלוימקע, צי דאָרטן מוישקע — אַלץ אייגענע ברידער! בא איין ווערקשטעל געבויגן... — האָט ער צעפּירט זיינע ברייטע אָנגעקוואָלענע הענט. — זאָל זיך הער שווארצמאַן צווישן אונדז ניט אַרייַנמישן: ווער — וואָס... אַזאַ פּאָלק, די האָרעפּאַשניקעס, זיינען איין פאָלק... בא אונדז בא אַלעמען איז איין עמעס — א האָרעפּאַשנער...

שלוימקע האָט נערוועז נאָכגעשעפּטשעט און שטיל און צופרידן איבערגעכאַזערט נאָך סעמיאָנען זיינע וואַגיקע ווערטער.

אלע אַרום האָבנ צו סעמיאָנענ מיט פינקלענדיקע אויגנ צוגעווינקט. שוואַרצמאַנ האָט א הייב געטאָנ איינ אויג אונ אַראָפּגעלאָזט דאָס אַנדערע, אונ געוואָלט זײַנע ווערטער אויסלאָזנ אינ א שפּאַס, ניט ערנסט געמיינט:

— כ'האָב ליב, אז דו פאַרשטייסט, סעמיאָנ. איינ עמעס, בא אלע-מענ איז איינ עמעס! איינ עמעס, נאָר אפּ צוויי שאַבאָסימ געטיילט: דו אַרבעטסט שאַבעס, אונ ער,—האָט ער אָנגעוויזנ אפּ שלוימקענ, — אַרבעט זונטיק...

— אונ הער שוואַרצמאַנ אַרבעט ניט — גיט שאַבעס אונ ניט זונ-טיק, — האָט שלוימקע איבערגעריסנ אופגערייצט.

— זאָגט אונדז ניט קיינ דראָשעס,—האָט סעמיאָנ א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט.—מיר מיט זיי, מיט אונדזערע סובאָטניקעס וועלנ שוינ דורכקומענ... אונ איר דאָרטנ — אײַערע פּריצימ אונ אונ-דזערע פּריצימ... דאָס איז שוינ אײַער נאַציע...

.4

אז שוואַרצמאַנ איז אינ א פּאָר שאָ אַרומ אַרײַנגעקומענ צו היטנערנ, וואָס האָט צו זיכ אַהיימ צונויפגערופנ אלע פאַבריקאַנטנ פונ די גאַרבע-רײַענ, האָט ער שוינ אינ טיר פונ זאַל מיט א הויכנ געלעכטער צוגעוואָרפנ:

— איז אָט בינ איכ כאָטש בא מײַנ נאַציע!.. כא—כא! דאָס האָט סעמיאָנ, אַנ אַרבעטער א קריסט זיכ אָפּגעשיקט הײַנט צו מײַנ נא-ציע—צו די פאַבריקאַנטנ, הייסט עס... כא—כא! וואָס א גוי איז זיכ מאַמצי: ער, סעמיאָנ, מיט שלוימקענ, א ייִדישער אַרבעטער זײַ-נענ איינ פאָלק, שלוימקע איז ניט מײַנ פאָלק, כע—כע...

האָבנ פאַבריקאַנטנ געלאַכט: כא—כא... כי—כי...

— אונ בא מיר אפנ פאַבריק, איז דאָ א יאַשקע, א גאָיעצל אַנ אַרבעטער, אונ א נאַטקע א שנעקל—ביידע ווענגאַטשעס,—שטעלט זיכ אופּ מיטעלמאַנ דערלאַנגענ א האַנט שוואַרצמאַנענ אונ דערציילט דערווײַל הויכ פאַר אַלעמענ, — זײַנענ זיי ביידע די ראָשי-האַמדאַב-רימ* בא מיר. רעדט יאַשקע ייִדיש, ווי א ראָוו לעהאָודל, כי-כי... רעדט ער מיט מיר הײַנט דאַפקע ייִדיש, ער וויל, אז די ייִדישע אַרבעטער זאָלנ הערנ. איר פאַרשטייט? נאַטקע זאָגט צו מיר: „פאַניע מיטעלמאַנ"...

* הויפּט-רעדנער

און יאשקע זאָגט דאפקע: „ר־ר־הער מיטעלמאַג“... מיט די פולע רייש — כי־כי... צו זעקס אזייגער א טשוווע פאָדערט נאַטקע, און יאשקע מיינעט: צו זעקס אזייגער א שוווע — כי־כי... ער זאָגט ניט א טשוווע, נאָר א שוווע... כאַ־כאַ... כע־כע... כי־כי...

הונטערס זאַל איז א גרויסער, א פירקאַנטיקער, מיט אכט פענצטער — פיר אין איין זייט צום גאַס, און פיר אין א צווייטער זייט צום הויף אין א פרוכטגאָרטן. זיינען אלע פענצטער ברייט צעעפנט, און די לאַנגע, אין דער העלפט צעשפרייטע, פאַרהאַנגען פון שפּיצן מיט אויסגעהאַפּטע צייכענונגען. אין זיי האָבן לופט און שאָטן אריינגעפלאַטערט אינעווייניק אף די געשניצטע טישלעך, אף די געטאָקטע עטאַזשערקעס און קלומבעס לעבן זיי. אפן גרויסן קיילעכדיקן טיש אין א זייט מיט א שווערן קאָלירטן טישטעך, וואָס איז פון אלע זייטן געפאַלדעוועט אראָפּגעהאַנגען קימאַט ביז דעם טעפּיך אף דער געפּאַרבטער פּאָדלאָגע — זיינען אף צוויי זילבערנע טאַצן געשטאַנען עטלעכע סיפאָנען, גווירישע סיפאָנען — בלויע, גרינע, הויך־וועקסיקע און בייכיקע, און דערביי הויכע געשליפענע גלעזער. און די ברייטע ווייכע פאָטעלן מיט ווייסע טשעכלעס האָבן זיך אנגעלענט יעדן מיט בערד און יונגעלייט געגאָלטע. הונטער האָט געקייט די אונטערשטע ליפּ מיט א שטיק באָרד פון דער מיט אין מויל אריינגענומען. און האָט ארומגעשפּאַנט פון טיש צו דער פּאָרטעפּיאַנע און צוריק, און ווידער צו דער דאָזיקער „קיילע“, וואָס אינטערעסירט איצט אים קלוימערשט מער פון אלץ. א שוואַרצע, א גרויסע, מיט א שוואַרצן צעראַטענעם איבערהעק פאַרנייט און פון לאַנג פאַרשטויבט, אָן א סימען פון נאָטן דערויף, מיט צוויי אָפּגעברענטע ליכטלעך פאַרגרויטע אין די אויסגעקירעוועטע לייכטערלעך, אהער און אהין, מיט אָנגעשפּאָלטענע גלעזערנע טעסלעך. זעט אויס, ווי א ברייטלעכע אלמאָנע א כאַיאָרנטע, פון לאַנג א פאַרלאָזטע... ווען האָט מען עס געקויפט — קאָן זיך הונטער ניט דערמאָנען. און ווער האָט עס דעמלט אזא כיישעק געהאַט מיטאמאָל דערצו — דאָס ווייב, צי די טאָכטער ער שוין ניט. נאָר א „קיילע“ איז דאָס! אָבער אז די טאָכטער האָט אָנגעהויבן און דאָס ווייב האָט אונטערגעהאַלטן, — מע זאָל דינגען א לערערן פון מוזיק, האָט ער, הונטער, געזאָגט: „שאָמיטי“... האָט מען פאַרשטאַנען, אז פאַטערן געלט אף א לערער וויל ער ניט. און אז ער זאָגט „שאָמיטי“,

האָט מענ אויפגעהערט צו ריידנ, וואָרעמ ס'וועט ניט העלפנ. „שאָמיַיטי“ — איז א סאָפּ!

— איכ וואָלט וועלנ וויסנ, — האָט זיכ הוטנער אָפּגעשטעלט באמ טיש צו קײַענ די ליפּ אונ דער באָרד שוינ, אונ אלע האָבנ זיכ א בייג געטאָנ צו הערנ, — אָט דער אָנגעפּאָרענער, דער ניט־היגער, א מענדל, דוכט זיכ, א מענדל... האָט אמאָל געארבעט בא מיר, אונ איצטער איז ער אדיבער צו אײַכ, הער מאָנאָסאָנ...

— יע, יע — האָט מאָנאָסאָנ אויפגעכאפּט, — געווענ בא מיר אזא מענדל, וואָס איר מיינט, איז ער איצטער בא הער פּערלשטיינ, אויב איכ האָב ניט קיינ טאָעס...

— בא מיר, — האָט פּערלשטיינ אויסגעברומט, — איכ האָב די ערע... אונ ער מיט נאָכ איינעמ האָבנ מיר הײַנט אָנגעזאָגט די פּסורע וועגנ שטרײַק...

— איז ער טאקע נאָכ דאָ, אזא מענדל, איצטער אויכ דאָ... — האָט הוטנער אָפּגעצויגנ זײַנ וואָרט, ארײַנגענומענ א הויפנ באָרד פונ דער מיט אינ מויל ארײַנ. באלד האָט ער אָפּגעלאָזט, געקײַט א בלויזע ליפּ, — איז ער דאָ... אזא מענדל... א פלינקער... געקומענ אהער פונ א וויטעבסק, פונ א ווילנע, אונ האָט אהער געבראכט די נײַס... ס'זאָל דאָ אויכ זײַנ, ווי בא לײַטנ... פונ ווילנע, הא?

— דער רועכ וויים אימ! — האָבנ מאָנאָסאָנ אונ פּערלשטיינ גלײַכ ארויסגערעדט, אונ הוטנער איז אומצופרידנ ווידער אוועק שפּאנענ פונ טיש צומ פּאָרטעפּיאנע אונ צוריק, געקײַט די ליפּ מיט א שטיק באָרד פונ דער מיט אינ מויל ארײַנ.

שווארצמאנ האָט שטיל אָנגעוויזנ מיט א פינגער אפ הונטערנ, אונ זיכ אפנ שטערנ, וואָס האָט געזאָלט באדײַטנ, אז הונטער האָט א קאָפּ אונ טראכט.

הוטנער האָט צומ טיש נעענטער צוגערוקט דעמ ברייטסטנ פאָטעל אפ רעדלעכ אונ האָט זיכ פעסט אײַנגעזעצט:

— אובעכײַנ, האבויסײַ... — האָט ער אויסגעקײַט.

אלע האָבנ זיכ אָנגערוקט צומ טיש, אָנגעשטעלט אויגנ אונ אויערנ. הוטנער האָט מיט א פּאָר ווייכע פינגער געקלאפּט אינ דעמ דיקנ ווייכנ טישטעכ, ווי אינ א טויג, אונ האָט געשוויגנ. לאנג געשוויגנ.

— בא אײַכ, ה' הוטנער, אינ בײַדע פאבריקנ? האָט קיינ פאריבל

ניט... כ'מיינ אינ אַלע דרײַ, מיסטאָמע?..—האָט מאַנאָסאָנ איבערגע-ריסנ די שטילקייט מיט א פראגע, אונ פונ אײַלעניש אונ צעטומלטקייט האָט ער שיר פארגעסנ, וויפל פאבריקנ.

— אונ אַז אינ אַלע דרײַ?..—האָט ער א קײַ געטאָנ א ליפּ. ער האָט זיכ עטוואָס אויפגעהויבנ אונ אָנגעגאָסנ וואסער פונ א סיפאָנ אינ גלאָז, אונ שטומ האָט ער צוגעווינקט צו די איבעריקע — זיי זאָלנ אויכ אַזוי טאָנ. אַז ער האָט אויסגעזופּט פונ גלאָז, האָט ער א שמייכל געטאָנ אינ כוועק אַרײַנ, אונ האָט באַלד מיטנ אָטעמ געצילט אַרײַנגעצויגנ א פּאָר טראָפּנס וואסער, וואָס דער שמייכל האָט געהאט אַראָפּגעקײַקלט אויפ די שיטערע הערלעכ פונ דער אונטערשטער ליפּ. דערנאָכ האָט ער פארקײַט מיטנ ליפּ אונ באָרד.

שיינינ האָט זיכ אויפגעהויבנ, מיט רעספּעקט א פרעג טאָנ בײַ הוט-נערנ:

— עפּשער צומאַכנ די פענצטער? — אונ ער האָט געוואָלט א טריט מאַכנ.

— ניינ! ניינ! — האָט הוטנער זיכ צעקרימט, — מיר האָבנ קיינ מוירע ניט...

— וואָס זײַנענ מיר בונטאָווששיקעס, סאָציאַליסטלעכ? — האָט שוואַרצמאַנ געלאַכט.

— אפילע ניט קיינ ציוניסטנ מיט זייערע נאַרישקײַטנ... בײַ אונדז, בײַ פאבריקאַנטנ איז קלוגע איניאַניומ, אונ מיט קלוגע זאַכנ באַהאַלט מענ זיכ ניט...

שיינינ האָט זיכ פארשעמט צוריקגעזעצט, אונ הוטנער האָט דאַפּקע הויכ אָנגעקוקט אַלע אָפענע פענצטער אָפּגעענטפערט ווידער מאָנאָ-סאָנענ:

— אינ אַלע דרײַ פאבריקנ... אינ איינער עפּעס א כאַציקל מיט א מאָטל... אינ נאָמענ פונ אַלע אַרבעטער... אינ דער אַנדערער — בערל מיט הערשלענ האָבנ מיר היינט... דאָס האָט דאָכ זיי עמעצער אונטער-געזאָגט: „אויב מיר באַקומענ ניט קיינ ענטפער ביז זעקס אַזייגער, וואַרפנ מיר די אַרבעט"...—ער האָט דאָס פּאָנעמ צעקרימט:—עמע-צער פירט דאָכ דאָס... א גער* זאָל קומענ צו אונדז אַהער, אונ מיר זאָלנ ניט וויסנ אפילע, צי ער איז א וויטעבסקער, צי א ווילנער...

* ניט קיינ אָרטיקער

— מיינט איר, ה' הוטנער, אז דער וויטעבסקער, צי דער ווילנער? — האט שווארצמאנ אונטערגעכאפט, — איר מיינט אפאנעמ, ה' הוטנער, אז א מאקע דארפ מענ זיכ אנעמענ דאפקע פונ אנ אנדערנ... — האט ער צוגעשמייכלט.

אבער הוטנער האט דערויפ ניט געענטפערט, ווי גארניט געהערט און האט זיינס געצויגנ — צווישנ ווערטער א בים, און צווישנ בייסנ — א ווארט.

— וועלנ זיי אנ ענטפער זעקס אזייגער... זעקס אזייגער — און איכ קאנ זיי טייקעפ זאגנ — פיר אזייגער... וויפל איז איצט? — ער האט זיינ גרויסנ גאלדענעמ זייגער פונ טאש באקומענ — דער ריכטיקסטער זייגער: פיר מיט צענ מינוטנ... נאט־אײַכ אנ ענטפער: מאסקימ! איינ ענטפער: מאסקימ!..

— מא-אסקימ?..

— ה' הוטנער!?

— וואס רעדט איר?...

— הא?!

שווארצמאנ איז אויפגעשפרונגענ, מאנאסאנ האט זיכ שטארק א שטעל געטאנ. פערלשטיינ האט ווי באלאסטעט אינ דער טיפ אײַנגע־זונקענ אינ ווייכנ פאטעל, שייניג האט די פענסנע אראפגעכאפט פונ נאז און גענומענ ווישנ די גלעזלעכ, רוקט זיכ, זיי האבנ פארגעפלט. דער קלייגער רייזינג, וואס איז שטיל און שעמעוודיק געזעסנ בא הוטנער אינ זאל, האט ערשט איצט נעכאפט א סיפאנ, אנגעגאסנ וואסער אינ א גלאז און האט עס אינ איינ אטעמ אויסגעזופט.

— ע! א גרויסע זאכ, וואס ארבעטער קאנענ שוינ אנטקעגנ אונדז אויפטאנ! — האט הוטנער זיכ געקרימט, — ווייניקער מיט א שא אינ פאבריק — וועלנ זיי האסטיקער ארבעטנ... איכ גיב דיר רו, — איז גיב מיר ארבעט!.. פונ שטיק אפנ וואכ: מיילע!.. איז דער ווערט — פינפ רובל א וואכ, און יענער זעקס... — האט ער מיט א פינגער צי־פערנ אינדערלופטנ געצייכנט, — ווערט שוינ אויס יאדאכעס, און זאלנ זיי זיכ רייסנ, ווי די הינט צווישנ זיכ.... א שא אפ מיטיק!... ס'איז דאכ א סודע... א סיידער אפריכטנ... פארגינ איכ ניט... דערפאר, וועל איכ זיי ארויסציענ די אצאמעס: ארבעט בא מיר פלײַסיק, אורט דאכ אפגערוט...

מע איז שוינ רויִק אונ ברייטלעכ געזעסנ אינ די פּאָטעלג, אונ יע-דערער פאַר זיכ האָט גערעכנט אונ געטראַכט.

— אָט דאָס איז מײַנ ענטפער — מאַסקימ! אונ טאָמער וועט עס אינ א יאָר כאַפּנ א פּאָר רובל ווייניקער רעוועכ — עפשער יאָ, אונ עפּ-שער ניט... נאָר טאָמער טאַקע יאָ, — האָט ער מיטנ פינגער געדרייט פונ אונטנ ארופ — איז קיינ געפאַר... די פאַבריקלעכ ארבעטנ, אונ פּאַרנאָסע וועט זײַנ די זעלבע — האַמבורג איז א פעסטער לעדער, קיינ באַצקל אונ קיינ מאָטל וועט עס ניט אײַנבײַסנ... עס וועט טראָגנ...

ער איז אוועק שפּאַנענ פונ טיש צומ פּאָרטעפּיאַנע, וואָס איז געווענ, ווי א היימישער בעסוילעמ, פאַרוואָרפנ אונ פאַרוואַלגערט מיט ברוכ אונ אַלטוואַרג, אויסגעניצטע אונ צעקאַליעטשעטע קיילימ אונ כפּייצימ פונ א גרויסער באַלעבאַטישקײַט.

— פונ שטיק — אָפּנ וואָכ... — האָט מאָנאָסאָנ גערעכנט הויכ מיט א ניגנ, — וועט עס ארופכאַפּנ אזוי גרויס, אזוי ברייט ווי א מאַש-גיעכ, וואָס איצט האַלט איכ ניט...

— פונ אכט ביז זיבנ, אונ א שאָ אָפּ מיטיק...— האָט פערלשטיינ אוועקגעשטעלט א גראָבנ פינגער כא דער אונטערשטער ליפּ אונ האָט זיכ עטוואָס צעשאָקלט,— איז עס עפּעשר דאָס זעלבע, וואָס פונ זיבנ ביז אכט אונ אָנ מיטיק, נאָר — מיט קײַענ אונ שפּײַענ, אונ מיט פּאַ-פּיראָסלעכ, אונ מיט לופטערנ זיכ...

שייניִנ האָט פאַרטראַכט א האַנט אַרײַנגעשטעקט אינ בוזעמ-קעשע-נע, האָט געוואָלט באַקומענ דאָס בלאָקנאָטל, האָט זיכ גראָד ארויסגע-צויגנ דאָס שקאָלימ-ביכעלע, האָט ער זיכ ברויגעז צעקרימט: „וווּהינ קריכט עס איצט”? ער האָט עס מיט כאַס צוריק פאַרשטעקט, אונ גע-צילט ארויסבאַקומענ דאָס בלאָקנאָטל, אונ מיט א ריגעמ בלײַפעדער אינ מעטאַל געפאַסט האָט ער עפּעס געשריבנ, געשטעלט ציפער אונ גערעכנט.

הוטנער האָט ווידער אונ נאָכ פעסטער זיכ אײַנגעזעצט אינ זײַנ ברייטנ פּאָטעל, האָט אלעמענ אָנגעקוקט, ווי אומבאַקאַנט, אונ האָט געקײַט, געקײַט אונ צולעצט שטרענג ארויסגעזאָגט:

— נו, אויסגערעכנט?.. זײַט איר מאַסקימ! עס שטימט דער כעזשבנ?..

— אז איר זאָגט... מיסטאָמע, איז שוינ ריכטיק...

— נאָר איכ בינ ניט מאַסקימ!.. — האָט ער שטאַרק אויסגעדריקט, אונ כאָטש זײַנ ווײַבלע האָנט האָט נאָר א טויבנ קלאַפּ געטאָנ אָנ דעמ דיקנ ווײַכנ טישטעכ, האָבנ אַלע די טקיפעס דערפילט אָנ די האַריקע ברעמענ זײַנע, וואָס האָבנ זיכ קאַפּויר אָנגעשטעלט, — איכ בינ ניט מאַסקימ! ווײַל — מע טאָר זיי גלאַט ניט נאָכגעבנ, בעשומויפנ ניט נאָכגעבנ, אַז אַ מאַטל זאָל דיר נאָכלויפנ צו דער טיר אונ דיקטעווענ — אונ ענטפער צו זעקס אזייגער... בינ איכ ניט מאַסקימ!.. — אונ ער האָט נאָכאַנאַנד גענומענ קײַענ די אונטערשטע ליפּ אונ א שטיק באָרד פונ דער מיט.

— אָט איצטער פאַרשטייענ מיר... אָט דאָס איז ח' הוטנער!.. — האָט שוואַרצמאַנ כניפעדיק אונ צופרידנ ארויסגעזאָגט, — איצטער פאַרשטייענ מיר אײַכ... אונ פריִער האָבנ מיר אײַכ גאָרניט פאַרשטאַנענ...

— כ'האָב אײַכ געוויזנ א כעזשבנ... — האָט הוטנער פונ סיפאָנ אָנגעגאָסנ וואַסער אינ גלאָז, — אַלפי כעזשבנ קומט עס אויס ניט גאָר אזוי קרומ — קיינ גרויסער אָנווער שטייט ניט דערבײַ... אַלפי כעזשבנ קאָנ מענ זיי נאָכגעבנ... אַל—פּי—דינ מאָג מענ זיי נאָכגעבנ... פאַרוואָס ניט? — נאָר אַל—פּי—יוישער—טאָר מענ זיי ניט נאָכגעבנ!.. אַל—פּי—יוישער איז עס קרומ—מאַכנ זיי פאַר באַלעבאַטימ... טאָר מענ זיי ניט נאָכגעבנ — כאָלילע!..

— עמעס! — אײַלט זיכ פערלשטיינ.

— וואָרעמ, וואָס איז יוישער?.. — וויל מאָנאָסאָנ דערגיינ.

— יוישער איז דער סטאַט אונ די ווירדע פונ א באַלעבאָס!—האָט הוטנער געציילט אונ געטײַטלט, — איז גאָר א מאַטעלע א באַלעבאָס... — אינ נאָ—מענ פונ אַלע אר—בע—טער... — האָט הוטנער אזש נאָר אויסיעס געציילט. — געהערט א מינ.

— כא—כא...

— כי—כי...

— כע—כע...

אַז מע לאַכט, איז מענ צופרידנ.

הוטנער האָט זיכ אופגעהויבנ טאַקעפּ אונ שטאָלצ.

— גייענ מיר מיט אונדזער יוישער!.. קיינ ענטפער, קיינ וואָרט מיט זיי... זאָלנ זיי וואַרטנ... אינ די פאַבריקנ גייט הײַנט קיינער ניט

מער... — האָט ער ווי באַפעלנ אָפּגעגעבנ, — דעמ ענטפער קענענ זיי האָבנ פונ דעמ בדאָדער שאַמעס...

— כא—כא...

— כי—כי...

— א מאַשגיעכ, א וועכטער פונ פאַבריק קאָנ זיי אָגזאָגנ — געגוג פאַר זיי...

— אונ זאָלנ זיי שטרײַקנ, וועלנ זיי חערפּילנ א טאַמ... — צולופּטערט שוואַרצמאַנ די באָרד די אויסגעצירטע.

— גייט אהיימ! ניט אינ פאַבריק — גאָר אהיימ! — האָט הוטנער אָנגעזאָגט, — אונ קוקט ניט אינ יענער זײַט... איר זײַט באַלעבאַטימ! פּעסט אונ טאַקעפּ! איכ האָב זיי שוינ דעמ ענטפער געגעבנ דאָרטנ אַפנ אָרט: גלײַכ געזאָגט—„שאַמײַטי"...

צופרידנ אונ געהויבנ האָט מענ זיכ געזעגנט מיט הוטנערנ אונ אימ שטאַרק די האַנט געדריקט אינ האַנקבאַרקײַט.

— גייט אהיימ! זאָלנ זיי צו אײַכ קומענ!

— אהיימ! אהיימ! — האָבנ אַלע צופרידענע איבערגעכאַזערט אינ טיר.

VI. א דעמאָנסטראַציע אומגערנ

1

אינ שלאָפּ פאַרגעסט מענ. זײַנענ אַרבעטער—גאַרבער אַפ מאָרגנ פרי אופגעשטאַנענ אינ דער געוויינלעכער צײַט, אונ האָבנ ראַפּטאָמ די פיס אַרויסגעוואָרפנ פונ געלעגער. נאָר גלײַכ האָבנ זיי זיכ צעלאַכט אונ געוואָלט ווידער אײַנדרימלענ, האָט עס זיי ניט געלונגענ. וואַשט מענ זיכ לענגער, מע פאַרקעמט די האָר אנטקעגנ שפּיגל. אַפנ גאַס גינציק אָפּגעשטויבט די דעקלעכ אונ אָפּגעפּוצט די שטיוול, טוט מענ זיכ אָנ שאַבעסדיק: עי, כע, געלעבט!.. זײַנענ אַנדערע צוגעלאָפנ אנ איבעריק מאָל אָפּגאָלנ זיכ.

— זע, איגמיטנ מיטוואָכ אַלע... — האָט דער פאַריקמאַכער זיכ פאַרוווּנדערט.

— ניט מיטוואָכ, נאָר דינסטיק, — איז מענ אויכ צופרידנ, — אָז גאַרבער ווילנ...

ניט אָפּגערעדטערהייט האָט מענ זיכ אינ די גאסנ באגעגנט — יאָנטעוודיקע אונ צוגעפּוצטע. האָט מענ הויכ גערעדט, שטארק געלאכט אונ הארכאָוועדיק געפּאטשט אייגער דעם אנדערנ איבערנ פּלייצע. קאָמפּאניעס וואקסנ, אוילעם מערט זיכ. נעמט מענ זיכ אָנ פאר די הענט צו דרייַ אונ צו פינפ אינ א ריי, אונ די צעפלאָכטענע הענט, אראָפּגעלאָזטע אינ דער נידער, וואַרפנ אומ הינ אונ הער, הוידענ זיכ שווער, ווי אייַזערנע רינגענ איינעם געשמידטע. הוידענ זיכ הענט, אונ פיס טרעטנ אופ צו דער גרויסער בריק. אפ יענער זייַט, אינ נייַעם טייל שטאָט, באַ דעם טייַכ זייַנענ אלע גארבערייַענ — איז עס דאָכ א וועג, וווּ מע גייט אלע טאָג יאָר אונ יאָרנ—פּאַרוואָס זאָל מענ הייַנט ניט גיינ. פארקירעוועט פונ שאָסיי אינ די זייַטיקע גאסנ, באגעגנט מענ שוינ מענגעס „נייַשטעטער", אויכ שאבעסדיקע אונ צוגעקליבענע. ווערנ גאסנ פול געפּאקט פונ טומלדיקע מענגעס, אונ קוילעס אונ געשרייענ יאָגנ אונ צעפּלייַענ זיכ.

— אורא! בראוואָ! גוט יאָנטעוו! מאזלטאָוו!

מישנ זיכ אויס די מאכנעס, ווערט א געפילדער אינווייניק. גייט מענ. אונ אָט איז די ברייטע זאמדיקע גאס. פונ איינ זייַט לאנגע הויכע פּארקאנעס ארומ גערטענער, וואָס ציִענ זיכ ווייַט אונ פּארקירעוועָנ לינקס צו א פרייַענ פּלאץ אויסערנ שטאָט, אונ פונ דער צווייטער זייַט— לאנגע גרויע געביידעס, מיט בוידעמס גרעסערע אונ טיפערע, ווי די געביידעס גופע ווי א טאז אומגעקערט איבער א סקאָווראָדע. שפּייַכלערס מיט פלאציקע דעכער, ברייטע טויערנ, איצט פארריגלטע אונ פאר־שלאָסענע, אונ פּאָרטלעכ קליינע, שטייפּ פארמאכטע. אינ דער גאנצער לענג פונ די שטומע שוינ פארלאָזטע געביידעס, אינ דער ברודיקער זאמד וואלגערט זיכ קאָרע, פיוואָל אונ לעדער — אָפּגעשאָבענע, אָפּגעבריקלטע.

— ס'ארא גערוכ! — פארקוועטשט מענ די נאָז.

— קוימ, דערפילט א רייעכ, — לאכט מענ, — אז מ'איז שאבעסדיק אָנגעטאָנ!..

— סעמיאָנ, סעמיאָנ! צו וועלכע ניט גוטע האָסטו נעכטנ אָפּגעשיקט שווארצמאנענ? צו זייַנ נאציע מיט דייַנע פריצימ?..

— שווארצמאנ האָט געוואָלט א ביז לעבנ מאכנ צווישנ ייִדנ אונ קריסטנ...

— „שאָמײַטי"... מאָטל! הוטנער האָט דיר געזאָגט „שאָמײַטי"...
— זאַלמענ, עפּשער װילסטו א שעקל נעמענ בא שײַנינעג...
— א נאָם בא מיטעלמאַנענ!.. ער האָט זיכ צעניסט פונ יאשקעס איװרע...
— יאַשקע, פאַרװאָס ניסט (מענ) פונ דײַנ ייִדיש?..
— ער ניסט... — כאַפּט אופ יאַשקע — אינ בײַדער... מאָטל, דו געדענקסט דעמ קאַזליק? פלעגט ניסנ... פונ שמעק־טאַבאַק...
פליִענ װערטלעכ פאַרבײַ צוגעמאַכטע טויערנ, טופּענ פיס פאַרבײַ פאַרשטומטע אונ פאַרחומפּטע געבײַדעס.
— אדיע! — שרײַט אויס זאַלמענ, — כעוורע, זעגנט זיכ מיט די פאַבריקלעכ, מיט די זאמד אינ גאס — אמ לאַנג!.. ביזװאַנענ מיר װעלנ צוריקקומענ אהער, װעט שוינ דאָ זײַנ נוטע בלאָטעס, אָדער — א רעכטער שניי אפילע...

2

פאַרקירעװעט מענ אינ שמאָלנ געסל. די ערשטע רייענ קומענ באַלד ארויס אינ א ברייטער גאס, אונ פונ דאָרטנ — אפנ שאָסיי. קלאַפּנ דריבנע אײַלנדע פורלעכ מיט פאַסאַזשירנ אינ שטאָט אַרײַנ, סקריפּענ לאַנגזאַמ שװער אָנגעלאָדענע פורנ, אונ מעשונעדיק סקרײַענ ליידיקע דראָגעס, האַצקענ זייער אייגענעמ באַלעגאָלע, אז ער שפּרינגט אופ קעסיידער. דער „פאַרנומענער" שאָסיי האָט זיכ דאָכ פייערלעכ אָנגעצויגנ פאַר דער לאַנגער אונ ברייטער מאַכנע אונ האָט האַרמאַניש געצײלט דעמ לוסטיקנ טאַקט פונ זייערע פעסטע אונ זיכערע טריט... האָבנ פורלעכ אָפּגעקערט פונ װעג אונ דראָגעס זיכ אװעקגעשאַרט אינ א זײַט.
— גייענ מיר!..
— מיר גייענ!..
זאָגנ רייענ צו רייענ.
גייט א מאַכנע ברייט אונ האָפּעחדיק, אונ א גאַרדאָװוי אפּנ פאָסטנ אינ גאַס רוקט זיכ אָפּ באַשייחנ, װי פונ א כװאַליע, װאָס פּלייצט. בא דעמ גרויסנ בריק װײַענ זיי צװיי. איינער — פאַרנ בריק, דרייט זיכ ארומ בא א נידעריקער קײַלעכדיק אויסגעהויערטער שטיי־נערנער טומבע. אונ דער צװייטער — בא דעמ שמאָלנ, הויכנ בײַדל

געפּאַרבט אינ קרומע פּאַסנ, אוועקגעשטעלט באַם אָנהייב פּאַרענטשע פֿונ בריק לעבנ ערשטנ לאַמטערנ. א גאָרדאָווי מיט צוויי מעדאַלנ באָמבלענ זיכ אַפֿ זײַנ ברייטער אָנגעפּאַקטער ברוסט. מיט דעמ פּײַפֿל גרייט אינ דער האַנט שטייט ער אָנגעצויגנ אונ שטרענג אַפֿ דער וואַכ... ניט אומזיסט באַקומט מענ מעדאַלנ.

קלאַפּנ נאָכ הילכיק הונדערטער טריט איבער די שטיינער פֿונ שאָ־סיי, אונ צענדליקער פֿיס טרעטנ שוינ אויפֿ האַרט אַפֿנ בריק אונ צע־ווייגנ די אויסגעבעטע ברעטער. גלאָצנ דערויפֿ אויגנ וואַכיקע, שפּירנ־דיקע, אונ וואָנצעס האַרטע, שטעכיקע זײַנענ אָנגעדרודלט איבער ליפּנ דיקע, פֿאַרלאָרענע... קרימט דערויפֿ א קאָזירעק א גלאַנציקער אונטער א קאָקאַרדע א געמאָלטער, וואָס איז מאַכט אונ הערשאַפֿט, קאָנ באַפֿעלנ, אָפּשטעלנ... וואַכט דאָס פֿײַפֿל, דרייט זיכ אינ ניכפּע אינ האַנט, וואָס קאָנ אָנעמענ אונ פֿאַרהאַלטנ... האָט זיכ דאָס וואָנציקע מויל צע־מורמלט שטרענג אונ וואָגיק:

— אונ דאָס וואָס איז?

— אַנו, טרעפֿ! — קערנ זיכ אומ אײַנע לעבעדיקע, לוסטיקע.

— מיר גייענ! — זאָגנ אַנדערע אינ גאַנג אינ טאַקט, ניט אומגע־קערט.

דער גאָרדאָווי פֿאַרנ בריק קוקט אַפֿנ גאָרדאָווי אַפֿנ בריק — קוקט אונ וואַרט.

אונ רייענ דערנעענטערנ זיכ שוינ צו יענער זײַט בריק, לויפֿנ אָנ אינ הויפֿנס צו די שמאָלע טרעפּלעכ צומ וואַל אַרופֿ, שפּרינגענ אויפֿ אינ גערודער אונ געטומל. אונ אַפֿנ ברייטנ וואַל אָרדנענ זיכ ווידער רייענ אונ רייענ, שפּאַנענ ברייט אונ לאַנג — מונטערע אונ פֿריידיקע.

האָט א בריק גערוט פֿונ צעווייגונג, האָבנ גאָרדאָוויעס דעמ אָטעמ אָפּגעצויגנ — אַבי שוינ דורכגעגאַנגענ. איז דער יינגערער צוגעקומענ צומ עלטערנ, האָט מיטנ קאָפּ א שאָקל געטאָנ אַהינ, ווו טרעפּלעכ זײַנענ פֿאַרקוועטשט צווישנ פּאַרענטשעס אַפֿנ גראָזיקנ גרונט צומ וואַל אַרופֿ.

— וואָס איז עס?

— ווייסט זיי דער טײַוול! דאָרטנ וועט מענ שוינ דערגיינ...

— ווו דאָרטנ?..

— אויבנ... זיי זײַנענ אוועק אַפֿנ וואַל...

— פֿאַרבײַ זײַנע עקסעלענץ... — דער ייִנגערער שטייט אין פֿראָנט, רעדט שטיל.

— נו—ו... — טורמלט דער עלטערער בייז פֿון אונטער די אָנגעדרײדלטע וואָנצעס,—אַהין וועלן זיי קיין האָזן ניט האָבן... — און ער שטעלט אויס נאָך מער פֿאָרויס זײַן אָנגעפּאַקטע ברוסט מיט די מעדאַלן.

3

האָט מען זיך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן באַם קליינעם גאָרטנדל אויפֿן ברייטן פּלאַץ צווישן דעם גובערנאַטאָרס מויער רעכטס און די פּאַלאַטעס — לינקס. נאָר מיטאַמאָל האָבן זיך אַקסלען אַ קווייטש געטאָן, און קני אַ קנאַק געגעבן — רעכטס! אויף דעם גלאַט ברוקירטן און שטיל לײדיקן פּלאַץ, ווו פֿורן און פֿורלעך מײַדן אויס, לײדיקע און אָנגעלאָדענע, ווו איינצלנע דרײַסטערע דורכגייער האַלטן זיך שטילער, שאַרן זיך זײַטיק ווו ס'איז זויבער אויסגעראַמט — פֿאַר אַ גאַנצער שטאָט! דער גובערנאַטאָר האָט ליב ריין. און שטיל, אַזוי שטיל! — זײַנען דאָ טריט געוואָרן אַזעלכע הילכיקע, און מאַרשירנדיקע האָבן זיך דערפֿילט אַזוי געהויבן — געוואַגט, און פֿײַערלעך־שטאָלץ.

דער גאָראָדאָווי אויפֿן פּלאַץ, אַ הויכער, אויסגעפּוצט און גלאַנציק, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אין ווײַסע הענטשקעס — אַ לעבעדיק פּאַראַד־שילד פֿון דער הויכער מאַכט אין דעם לענגלעכן מויער, — האָט אין פֿלוג אַ פּאָר טריט מיליטעריש געמאַכט אַהינטער צו דער שווער צוגעמאַכטער טיר פֿון אַרײַנגאַנג.

די פֿענצטער פֿון אויבערשטן גאָרן—דעם גובערנאַטאָרס וווינונג — האָבן אויסגעזען בלינד, פֿאַרהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען צו דער גאַס. די פֿענצטער פֿון אונטערשטן גאָרן — די קאַנצעלאַריע פֿון דער גאַנצער גובערניע, האָבן שווידעריק נאָכגעפֿלאַטערט, בלענצלענדיק מיט זויבערע שויבן. צוויי פֿענצטער אָפֿענע האָבן צערודערט אויפֿגעציטערט. האָט זיך אין איינע פֿענצטער באַוויזן אַ פּליך, אַ גלאַנציק־ראָזעווער, דערנאָך — אַן אָפּגעטראָגן צעקנייטשט פּנים, ווי אַ פֿאַרלעגענער קידער־בעס, און צולעצט — אַ שוואַרץ־סאַמעטענער קראַגן, אַן אָנהייב פֿון אַ וויצמונדיר, אָנגעצויגן אויף אַ שווערלעכן און פֿוילן אַלטן קערפּער דאָרטן איינוווייניק, וואָס האָט זיך געטיטלט: „רעגענט פֿון קאַנצע־

ליאריע". אינ צווייטנ אָפענעמ פענצטער האָט מיטאמאָל זיכ ארויסגעווארפנ א קורצ געשאָרנ קאָפּ, א שמאָלער שטערנ, פלינקע אויגנ אונטער פענסנע אפ א שפּיציקער נאָז, צווישנ שמאָלע, שיטערע אונ בלאָנדע באקנבארדנ, אונ גאָלדפינקלענדיקע קנעפּ אפ א אוניפאָרמראָק פונ טשע-סו-טשא. האָט דער אלטער צוגעקוקט אומצופרידנ, געבלאָזנ זײַנ ברייטע נאָז, ווי געסאָפּעט איבער א דיקער פּאפּקע פּאפּירנ... אָט איז דיר אנ ארבעט!.. דער יונגער האָט מיט דורכדרינגענדיקע בליקנ די גלעזלעכ פונ די פענסנע געשלייפט, אונ אלס „באאמטער פאר באזונדערע איניאָנימ" שטארק געקנייטשט זײַנ שמאָלנ שטערנ. אונ ביידע, געניטע אינ געהיימע צירקוליארנ, האָבנ זיי יעדערער פאר זיכ געטראכט:

„דאָס איז עס... א מאניפעסטאציע... א דעמאָנסטראציע"...

אונ אײנער דעמ אנדערנ האָט ניט געוואגט ארויסצוזאָגנ הויכ. דער אלטער האָט דערופ געברויכט א שריפטלעכע מעלדונג, א ראפּאָרט... אונ דער יונגער האָט עס שוינ געהיימ צוגעשטוקעוועט צו נאָכ געהיימערע יעדיִעס אונ קלאנגענ...

די פּראָצעסיע איז אוועק פארבײַ דער שטאָט-דומע, דער וועכטער אפנ טורעמ האָט עס פונ דער הייכ גלייכגילטיק אָנגעקוקט: „קיינ רויכ איז ניטאָ"...

זײַנענ זיי ארײַנ אינ דער גרויסער גאס, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט א שמאָלנ דורכגאנג, מיט יוכט-קראָמענ אונ קרעמלעכ פונ ביידע זײַטנ, מיט טירנ אָפענע אונ טירנ אינווייניקסטע האלב-אָנגעגלאָזטע צוגעמאכטע. גייט מענ פארבײַ — שמעקט באקאנט אונ היימלעכ: „יוכט"... זײַנענ קוינימ ארויסגעלאָפנ אפ די טרעפּלעכ, אונ קרעמער האָבנ זיכ ארויסגעשטעלט אפ די שוועלנ.

— ניט קיינ פּריזיוּוניקעס?..

— אונ ניט קיינ עטאפּ אונא גרויסער פונ ערגעצ?..

דער יונגער צייטליג איז גלײַכ אראָפּגעשפּרונגענ אלע טרעפּלעכ פונ קרעמל, זיכ ארײַנגעוואָרפנ אינ די רייענ פונ די מארשירנדע, האָט געזוכט עפּעס באקאנטע פענעמער, אונ האָט גיכ געפרעגט איינע אונ די אנדערע:

— איז טאקע אנ עמעס? — האָט איר טאקע געמאכט א שטרײַק, אלע? אנ עמעס?

— וואָס הייסט אַנ עמעס? — האָט עמעצער געפרעגט אונ זיכ ניט אָפּגעשטעלט.

— הוטנער האָט הײַנט געזאָגט, — האָט צייטלינ זיכ צעפלאָנטערט צווישנ די רייענ, — הוטנער האָט שוינ געהערט דעמ פּרײַז אַפ האַמבורג אונ סיגרונ... דערווײַל וויל ער אַרײַנכאַפּנ אַפ יאַקרעס...

אינ די רייענ האָט מענ געלאַכט. מ'האָט די צײַט געשוויגנ איבערגעגעבנ איינע די אַנדערע פאָרויס אונ אַהינטער. אינ רייד אונ לאַכנ איז מענ אַרויסגעקומענ צו דער פּאָסט, ווו די גאַס ציט זיכ ווײַטער ברייט אונ איז מאָדנע יאָנטעוודיק אַלע טאָג אונ אינ יעדער שאָ. שטיל אונ פרײַ, אָנ קראָמענ אונ מאַגאַזינענ, אַ שטיק גאַס וואָס קאָנקורירט מיט שטאָטישע בולוואַרנ, אונ אינ די פּאַרנאַכטנ, אַפילע אינ די זומערדיקע, זײַנענ דאָ די טראָטואַרנ פונ ביידע זײַטנ פול מיט שפּאַצירנדע. שטיל אונ ראַכוועסדיק! האָט עס אַ נעמ געטאָנ דעמ אוילעמ. האָבנ זיכ רייענ אויסגעגלײַכט, אַקסלענ זיכ אָנגעצויגנ, אונ טריט האָבנ אַ קלאַפּ געטאָנ, ווי אַנ אָרקעסטער.

— אַ שאָדנ, וואָס מיר האָבנ דאָ ניט די פאָנ... — איז מאָטל צוגעשפּרונגענ צו זאַלמענענ.

Вихри враждебные веют над нами...

האָט זאַלמענ דערופ אָפּגעענטפערט מיט זײַנ שטאַרקנ קאָל. האָבנ רייענ אונטערגעכאַפּט דרייסטער אונ העכער. אונ אַלע אינייִנעמ האָבנ מיט מונטערע טריט, ווי מיט פּויקנ אונ טאַצנ, אינ טאַקט אַ קלאַפּ געטאָנ אינ געזאַנג.

האָט אַ גאַס זיכ דערלויכטנ אינ פרייד אונ גלוסט, זײַנענ הויפנ פול געוואָרנ מיט גערודער.

אינ מענטשנ־מאַזיעס האָט 'מענ פרי פּאַרענדיקט די לעקציעס אינ די ערשטע טעג פונ לערניאָר, האָבנ שילער געצײַלט אַ כאַפּ טאָנ אַ היטל, אַרויסלויפנ אַפנ גאַס, האָבנ אַנדערע אַפ אַהינטער זיכ אַ שאַר געטאָנ צוריק אינ הויפ אַרײַנ, אונ אַנדערע אָבער האָבנ זיכ פרייִדיק צעראַשט אַ לאָז געטאָנ אַנטקעגנ:

— אוראַ!..

האָבנ פענצטער אינ די רייענ געקוואָלנ, אונ דאָס געזאַנג — זיכ געהערט.

גימנאַזיסטנ צו די רייענ האָבנ זיכ צוגעטוליעט, ווי בלויע בלימע־

לעבנ אינ א קאָרנ־פעלד. גאָרדאָנ פונ לעצטנ קלאס האָט צעפלאמט אָנ־געהויבנ: В н-о-гу ребята, идите!..

אונ אלע נאָכ אימ האָבנ גערנ אופגעכאפט אונ מענ איז אוועק צוריק ביז דער פאָסט.

— טו, כעוורע, וועגנוג! — האָט זאלמענ א האַנט אינ דער הייכ געהייבנ.

— געוויזנ זיכ פאר שטאָט, — האָט שלוימקע צוגעגעבנ.

— זאָלנ זיי זענ ושטרייקער, — פרייט זיכ מאָטל צו נאָטקענ.

— כא—כא, אונ דער גאָרחאָוווי אפנ בריק האָט ניט געוווסט, ווער אונ וואָס..

— וועט ער כאפנ א דריטנ מעדאל...

— דער גובערנאטער האָט געזענ אונדזער סימכע?..

— דער „פראוויטעל” געווים...

— אויכ יויצע... איז א היימ?..

האָט מענ זיכ אינ ווערטלעכ אונ געלעכטער צעזייט אונ צעשפרייט אינ הויפנס אונ גרופעס, צופרידענע און לוסטיקע אוועק אינ גאסנ אונ געסלעכ, מיט אלע וועגנ אונ שטעגנ צעטראָגנ פרייד אונ מוטיקנ הויכ.

4

פארנאכט אפנ שפאציר — אפ די טראָטוארנ אינ דער גרויסער גאס אונ אינ די בולווארנ, האָט געטומלט אונ געהוזשעט אינ דער שטיל אונ נאָכאנאנד.

— א שטרייק, — די גארבער פונ אלע גארבערייענ...

— א דעמאָנסטראציע... פינפ הונדערט מאנ אינ איינ דעמאָנסט־ראציע..

— אלע גאָרחאָוויעס פונ די גאסנ צעטריבנ...

— כא איינ גאָרחאָווי ארונטערגעריסנ די מעדאלנ אונ ארײנגע־וואָרפנ אינ דניעפער...

— א גימנאזיסט האָט אראָפגעריסנ דעמ הערב פונ זיינ היטל אונ ארײנגעשלידערט צומ גובערנאטער אינ פענצטער...

קוילעס ווערנ געהיימער, ווערטער — שטילער...

באלעבאטישע פאָרלעכ, וואָס האָבנ שוינ נעכטנ אונ אייערנעכטנ

אינ שטומענ פויל געשפּאַצירט — האָבנ זיכ איצט אזוי גערנ אינ טונקעלע סוידעס איבערנ קאָפּ געטוקט.

— היגע אונ אָנגעפאָרענע סאָציאַליסטנ ווילנ פאַרנעמענ די פּאָסט, אונ איבערלייענענ אלע בריוו... היינט באַטאָג צוויי מאָל אָנגעלאָפנ צו דער פּאָסט... באַנאַכט שפּעט וועלנ זיי ווידער קומענ...

— דעם בירזשאַוואָר אָפּגעשטעלט... מאָרגנ שטעלט מענ אָפּ די פּאַ-פּיראָסנ-פאַבריק...

— זיי שרייבנ אויס ארבעטער פונ מינסק מאַכנ דאָ א גרויסנ שטרייק... מ'האָט ארויסגערופנ סטודענטנ פונ מאָסקווע — מאַכנ דאָ א פּאָר רעכטע דעמאָנסטראַציעס...

גימנאַזיסטנ אונ רעאַליסטנ זיינענ אינ דעם פאַרנאַכט — גראָד אזא הייסער! ניט געגאַנגענ באָדנ זיכ, האָבנ זיכ צעטומלט געטראָגנ איבער די טראָטואַרנ, געזוכט אונ אויסגעפרעגט, וווּ קאָנ מענ צו-שטיינ צו א דעמאָנסטראַציע...

פאַניע האָט זיכ איבערגעביטנ מיט א וואַכ אינ פרויענ-שפּיטאָל ביַ דער אַקושערנ-שול, אונ איז געלאָפנ זוכנ נאָכעמענ — פאַרוואָס האָט ער ניט געוווּסט וועגנ דער דעמאָנסטראַציע אונ האָט איר ניט אָנגעזאָגט פריִער...

אונ אינאָווענט אונ אינ דער נאַכט אינ פאַרמעגלעכע הייזער אונ אינ רייכע מויערנ האָט א ציטער געשוועבט אונ אומרו פלעגט צומורמלענ:

— שוינ דאָ אויכ... ס'הייבט זיכ אָנ... אונ צו וואָס ס'וועט נאָכ דערגייִנ, אז „זיי" האָבנ זיכ א ריר געטאָנ...

האָט מענ פאַרזאָרגט באַטראַכט די גוטס אינ דער היים אונ דאָס אייגנס אינ די געשעפטנ. פעסטער אונ זאָרגזאַמער האָט מענ צוגע-מאַכט פענצטער אונ טירנ.

אינ שטיבער אונ שטיבלעכ אינ די אונטערשטע גאַסנ האָבנ פאָ-טערס אונ מוטערס שטיל אָנ ווערטער געזוכט קעסיידער די עלטערע קינדער, ארבעטער — צי זיינענ שוינ אלע אינ דער היימ... צי פעלט ניט כאָלילע עמעצער...

אונ אינ זאָרג פאַר געפּאַשעס באַגעגנט מענ אינ שוידער:

— הא, וווּ געווענ, אזוי שפּעט?.. מאָרגנ גייסטו ארבעטנ?.. וווּ גייט מענ דאָס ארום באַנאַכט?!..

שטאָט קומט אינ אומרו.

VII. באַם גובערנאַטער

1

דער גובערנאַטער האָט געלאָזט אָנזאָגן דרינגנד, אַז חער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק און דער פּאָליצמייסטער זאָלן זײַן באַ אים צו צען אַזייגער אינדערפרי.

„צו צען אַזייגער"... — האָט דער פּאָליצמייסטער זיך אומרויִק פאַרווונדערט אין שרעק און פאַרלעגנהײַט. — אַז צו צוועלף אַזייגער ברויכט מען סײַווי־סײַ גיין צו זײַן עקסעלענץ — מיטן ראַפּאָרט, ווי אַלע טאָג... איז — דרינגנד!.. צעטראָגן און אומרויִק האָט ער ניט געהערט, וואָס דער געהילף־פּאָליצמייסטער האָט אים געמיטלעך דערציילט וועגן האָמצאָעס פון גאַנאָווים:

— אָט זײַנע מאַזוריקעס — האָט ער זיך אַזש באַגײַסטערט, — אַרויסגעגאַנוועט, און קיין טיר און פענצטער ניט געעפנט. ווי אַ רועך — אַרײַן און אַרויס...

דער פּאָליצמייסטער מורמלט צעטומלט: „זײַן עקסעלענץ... זײַן עקספעלענץ"..

— זײַן עקסעלענץ אויכעט?! — האָט זיך דערשראָקן אופגעשטעלט דער געהילף, וואָס איז ספּעציעל געווען פאַרטאָג אין אויספאָרשן גנייוועס, — נאָך אַ שפּיצל אַרויסגעוואָרפן: די מאַזוריקעס!.. זײַן עקסעלענץ באַגאַנוועט!?..

— האַ־אַ? באַגאַנוועט זײַן עקסעלענץ, מיינט איר? — האָט דער פּאָליצמייסטער איבערגעפרעגט, — ר'האָט מיך טאַקע דרינגנד אַרויסגערופן.. נעמט זשע אָן אַלע מיטלען! איך גיי... אָבער אַלע מיטלען!.. כ'וועל זאָגן... פון אונטער דער ערד דאַרף עס ווערן!.. איוואַן פּעטראָוויטש, פירט מיך ניט אונטער...

פאַרבײַפאָרנדיק האָט זיך דער פּאָליצמייסטער אָפּגעשטעלט באַ זײַן הויז, איז אַרײַנגעשפרונגען אַהיים און ווייסט ניט צו וואָס. נאָך דורכלויפנדיק אַלע צימערן, האָט ער זיך באַ אַלע הייליקע בילדער געציילעמט, אין אַלע שפּיגלען זיך אָנגעקוקט, אָפּגעצויגן דעם געהאַפטן קראַגן, וואָס האָט עפּעס מאָדנע איצט געקוועטשט, אָפּגעגלעט דאָס אָנגעבלאָזענע ברוסט, וואָס האָט זיך גראָד געקנייטשט, אַ נעם געטאָן

מער וצו פארנט די שפאגע, וואס האט זיך פאהדרייט אהינטער, און איז ארײנגעשפרונגען אין שלאפצימער, וו זײן פרוי, ערשט פון בעט ארויס, האט נאך געהאלטן דעם באלאכאן אין די פינגער אין א זײט פון זיך.

— א-אײ!—האט זי עפעס א געשריי געטאן, האט צעשלײדערט דעם באלאכאן אין איין זײט, און זיך — אין דער אנדער זײט.

— טײערינקע!..

— כ'האב געמיינט...

ער האט ניט געפרעגט וואס זי האט געמיינט.

— זײנע עקסעלענץ האט דרינגענד ארויסגערופן... מ'האט אים באגאנוועט, מיינט איוואן פעטראוויטש...

זי האט זיך פויל א קער געטאן און נאך פוילער ארויסגעלאזט ווייכע טויגיקע ווערטער פון דיקע ליפן, וואס האבן זיך איינס אן דאס אנדערע געפאטשט, ווי צוויי לייזע טויגלעך:

— איוואן פעטראוויטש איז א שוטע... בא אים איז נאר גנייוועס... מיט דאמען רעדט ער אויך בלויז פון גנייוועס... כא-כא!.. איוואן פעטראוויטשן האסטו באדארפט שיקן צו מיר. מיסטאמע עפעס א צירקוליאר פון פעטערבורג...

דער פאליצמייסטער האט די אויגן אויסגעשטעלט אפ דער פרוי, וואס איז שוין געווען אין באלאכאן — פול, ווייך און צעשוואומען. האט אים א בריי געטאן א גרויסע באק, די, וואס צו אים — א רויטע, ווארעמע אנגעלעגן, ווי א צוגערוימטער קוילעטש ערשט פון אויוון, האט ער עס גיך א קוש געטאן.

— יע, נעשאמינקע מײנע, דו ביסט גערעכט...

און איז ארויסגעלאפן. און ברייט און געהויבן ארײנגעזעצט זיך אין זײן פאעטאן מיט דער פריידיקער מאכשאווע: צוויי פאליצמייסטערס (איוואן פעטראוויטש איז דאך שוין אט-אט אויך א פאליצמייסטער) האבן זיך ביידע צעהודערט און ביידע פארבלאנדזשעט... און א רויקע פרוי איז באם גראדן וועג...

2

אין אופגעם־צימער איז געווען המיטרי פאוולאוויטש, באאמטער פאר באזונדערע איניאנים, אן אנגעצויגענער, א שוואנגדיקער, באל־

איז אַרײַנגעקומענ דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק מיט פעסטע טריט אונ מיט עקסטרא געקלינגערײַ פונ די שפּאָרנ. „דאָס זײַנענ בײַ אימ שטיוול אַזעלכע...“, פלעגט שטענדיק טראַכטנ דער פּאָליצמייסטער, וואָס האָט בײַ זײַנ גאַנצנ ווילנ ניט געקענט נאָכמאַכנ אַזעלכע טריט. ער האָט געוואָלט אַמאָל פרעגנ בײַ אימ: „ווער נייט אימ שטיוול?“ נאָר ער האָט ניט געוואַגט — צופיל פאַמיליאַר... אָט — פאַלט אימ איצט אײַנ: די „נעשאָמינקע“ זײַנע: ווענ איר זאָל דאָס אינטערעסירנ, וואָלט זי געזאָגט:—„סערגיי מיכײַלאָוויטש, ווי איז דער אַדרעס פונ אײַער שוסטער?“.

— אײַער... — האָט ער זיך אויסגעגלײַכט אונ אויסגעצויגנ, — דערלויבט צו פרעגנ — אײַך אויך צו צענ?

— דרינגנד אפילו... — מיסטאָמע פונ פעטערבורג עפּעס...

דער פּאָליצמייסטער איז פרײלעכער געוואָרנ אונ לײַכט אופגע-טראָטנ אינ אײנ זײַט צימער — א הויכער, אַנ אופגעהאַלטענער מיט א שטילנ קלאַנג פונ שפּאָרנ, האַרט צוגעטעגלט צו ברייטע נידעריקע קנאַפּל, אונ דער פּאָלקאָווניק האָט געשפּאַנט שווער צום אַנדערנ זײַט א מיטלוואָקסיקער, א גלאַנציקער אינ בלויע געוואַנטנ, באַזילבערט אונ באַגילט מיט קאַנטנ, שנורנ אונ עפּאָלעטנ, וואָס האָבנ געטרייסלט מיט פינקל אונ געקלינגערײַ, אונ שפּאָרנ ברייטע, ווי צוואַנגענ, וואָס צוגע-קלאַפּטע צו הויכע אונ שמאָלע קאַפּל, האָבנ ווי אָפּצולאָכעס געראַשט אונ געראָדערט.

דמיטרי פּאָוולאָוויטש איז אַרויס אינ טיר, וואָס צו די ווײַטערע אינווייניקסטע צימערנ, אונ באַלד האָט ער פונ יענער זײַט ברייט אונ געשיקט דורכגעלאָזט דעמ גובערנאַטער, איז נאָך אימ אַרײַנ, ווי א שאָטנ געשלײַכט, האָט צוגעמאַכט די טיר אונ האָט זיך אויפגעמער-קירט לעבנ אונ אהינטער זײַנ עקסעלענצ.

אָפּגעקלאַפּט מיט זוילנ אונ קנאַפּל אונ אָפּגעקלונגענ מיט שפּאָרנ האָבנ זיך אנטקעגנ אויסגעשטעלט אויסגעצויגנ — דער פּאָלקאָווניק אונ דער פּאָליצמייסטער.

דער גובערנאַטער א ציווילער, אינ א ציווילנ קורצנ ראָק מיט פּאַרקײַלעכדיקטע בײגנ, אינ שוואַרצע לאַקענע שיכלעך — א מיטל-וואָקסיקער, ניט קיינ ברייטער, א באַוועגלעכער אונ פלינקער — האָט איצט אנטקעגנ זיי אויסגעזעענ נאָך קלענער אונ מאָגערער. טונקל-גרויע

קורצ געשאָרענע האָר אויפֿנ קאָפּ, טונקעלע קורצע וואָנצעס, אונ גרוי-
סע קלוגע אויגנ מיט א שאַרפֿנ אויסדרוק. ער האָט א הייב געטאָנ דעמ
קאָפּ אונ, ווי זײַנ שטייגער, גלײַכ אינ פּינטל געצילט:

— איכ האָב די ערע צו ראַפּאָרטירנ!.. — ער האָט דערבײַ מיט
אײנ האַנט גיכ אומגעשאָקלט פֿונ אומגעדולד צו זײַנע אייגענע ווער-
טער, — איכ ראַפּאָרטיר אײַכ: אינ שטאָט רודערט.. שטרײַקנ... דע-
מאָנסטראַציעס... האָבנ אײַכ דענ אַנדערע באַאַמטע ניט מיטגעטײלט
וועגנ דעמ?.. מיר מײנט — אויכ ניט...

גערעדט האָט ער דאָס גיכ, ווי אײנער מיט א טעמפּ פֿונ טויזנטער
ווערטער אינ א שעה.

ער האָט א ווײַלע אָפּגעוואַרט אונ אָנגעקוקט די פֿאַרלאָרנקײט פֿונ
די אָנגעצויגענע, גרויסע אונ וואָגיקע פֿאַרשוינענ. ער האָט צו זיי
קײנמאָל קײנ באַזונדער ערע ניט געהאַט. אַלײנ פֿונ דער יוסטיצ, א
געוועזענער פּראָקוראָר, האָט ער דעמ פּאָסטנ פֿונ א גובערנאַטאָר אָנ-
גענומענ צײַטווײַליק, קעדײ לײַכטער אַריבערצוגײנ אינ סענאַט, —
אונ די מעגושעמדיקע „גוילעמס" קאָנענ נאָכ אימ אויפֿנ וועג זיכ
ליגנ, ווי שווערע קלעצער... אַרײַנפֿירנ זײַנ גובערניע אינ רײסטער
פֿונ „אומרויִקע"...

— דמיטרי פּאַוולאָוויטש, — האָט ער זיכ שנעל א קער געטאָנ
צומ ספּעציעלנ באַאַמטנ, — נעכטנ פּונקט דרײַ?

— פּונקט דרײַ, אײַער עקסעלענצ.

— איז די דעמאָנסטראַציע דורכגעגאַנגענ פֿאַרבײַ מײַנע פֿענצ-
טער!.. איכ קאָנ אײַכ ראַפּאָרטירנ... הונדערטער מאַנ... אינ רייענ..
אָרגאַניזירט..: פֿאַרבײַ מײַנע פֿענצטער!..

יענע האָבנ שווער געהויבנ די קעפּ.

— אונ שטרײַקנ... אינ גײַנ פֿאַבריקנ... באַ הוטנער — אינ דרײַ
פֿאַבריקנ... א פֿאַרנעמער ייִד, א סויכער, א פֿאַבריקאַנט. הוטנער,
רופֿט זיכ.. גענויע ידיעס באַמ רעגענט פֿונ מײַנ קאַנצעלאַריע... ער
ווײס אויכ — צוליב באַקאַנטשאַפֿט — פֿערזענלעכ באַקאַנט... האָט
ער מיט כויזעק געוואָרפֿנ.

— אײַער עקסעלענצ, איכ האָב שוינ ידיעס... — האָט דער פּאָל-
קאָווניק אָנגעהויבנ ניט דרייסט, — נעכטנ אינ אָוונט האָבנ מיר שוינ
באַקומענ ידיעס.. דער אינזשענער אַנטאָנצ איז באַ מײַנ אַדיוטאַנט...

עס וועט צוגעשטעלט ווערנ א גענויער ראַפּאָרט... מיר רעכענענ, אַז דאָס שטאַמט...

דער פּאָלקאָווניק האָט אויפגעשטעלט זײַנע ברייטע אַקסלענ אונ די שנורנ האָבנ זיכ אָנגעצויגנ: — אײַער עקסעלענצ, אויב ס'איז דערלויבט... — האָט ער מיט די אויגנ א פיר געטאָנ אויפנ פּאָליצ־מייסטער או אויפנ ספּעציעלנ באַאַמטנ, וואָס באַטײַט: צי איז אים דער־לויבט צו רײדנ פאַר די־א...

דער גובערנאַטאָר האָט מיט ביטל א מאַכ געטאָנ מיט איינ פינ־גער.

— איכ האָב ידיעות פונ מאָסקווע אונ פונ פּעטערבורג...

— פונ אַזוי ווײַט האָפּקעט ידיעות!.. דערפאַר — פאַרשפּעניקנ מיר אָפּ די ערטער...

דעם שפּאַט פונ די ווערטער האָט נאָר דער ספּעציעלער באַאַמטער פאַרנומענ אונ — שטיל זײַנע ליפּנ אונ גלאַט איז א פּאָנעם.

— שוינ לאַנג ידיעות באַקומענ — אַכטונג צו געבנ... אונ מיר האָבנ גענומענ אונטער אויפזיכט, — האָט דער פּאָלקאָווניק זיכ ווײַ־טער געטומלט אונ נאָכ מער געדרייטלט. — א ראַפּאָרט וועגנ דעם לויט אײַער באַפעל קאָנ צוגעשטעלט ווערנ צו מאָרגנ... דער איי־יענ אײַנגאַנצנ איז בײַם אַדיוטאַנט...

דער גובערנאַטאָר האָט זײַנ באַוועגלעכנ פּאָנעמ געקרימט.

— אונ דער באַלעבאָס פונ שטאָט וואָס זאָגט? —

— אײַער עקסעלענצ...—האָט דער פּאָליצמייסטער זיכ א טרייסל געטאָנ, — שולדיק! כ'האָב ניט באַוויזנ דורכצוקוקנ אַלע ראַפּאָרטנ פונ די פּריסטאַווס...

— אַלצ ראַפּאָרטנ... אונ די עצעם־ידיעות, אײַערע... — האָט ער זיכ א קער געגעבנ צומ פּאָלקאָווניק.

— יע, יע, עס שטאַמט פונ די... מיר האָבנ ידיעות, אַז היגע סטודענטנ, וואָס לערנענ זיכ אינ מאָסקווע אונ פּעטערבורג, זײַנענ דאָרט פאַרמישט אינ אָרגאַניזאַציעס קעגנ דער רעגירונג... איצטער זײַנענ זיי דאָ, אויפ קאַניקול... מ'האָט דערנאָכ גענויער מיטגעטיילט פונ פּעטערבורג אונ פונ מאָסקווע...

— אַלצ פונ דאָרטנ... — האָט דער גובערנאַטאָר זיכ אָפּגערוקט ווי פונ איבל.

— אַז חבֿרה סטודענט פּעטראָוו...

— פּעטראָוו?! גריגאָרי מאַטוויִעוויטשעס זון?...— האָט דער גובערנאַטער איבערגעריסן ניט אַזוי פֿאַרוווּנדערט, ווי פֿאַרדראָסיק.. ער, אַלס פּאָפּעטשיטיעל פֿון פֿרויען־גימנאַזיע ברויכט נאָך צו באַגעגענען זיך מיט אַזאַ פֿאָטער, וואָס איז אינספּעקטער, זײַן אייגענע טאָכטער לערנט דאָרטן — בײַ אים!...

— האָבן מיר גלײַך אויסגעפֿאָרשט, צונויפֿגענומען ידיעות. פּעטראָווס פֿאָטער איז אינספּעקטער פֿון גימנאַזיע, פֿאַרמאָגט אַ פּולוואַרעק, פֿאַרברענגט קאַניקול־צײַט „אין שויס פֿון דער נאַטור". דער זון רוט אָפּ אין דער פֿאַמיליע־סוויוווע, און שטאָט קומט ער ניט... אַזוי האָבן מיר אָנגעשריבן, און דער ענין איז פֿונדעסטוועגן בײַ אונדז פֿאַרבליבן... פֿון פּעטערבורג האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן, — צערעדט זיך דער פּאָלקאָווניק נאָך ברייטער, — וועגן אַ קורסיסטן גינזבורג... האָבן מיר שוין אַלע ידיעות: דער פֿאָטער אַ סוחר, אַ גרויס געשעפֿט, אַן אָנגעזעענער גביר, אַ טאָכטער אַן איינציקע — מיט פּעטראָוון צוזאַמען ניט באַמערקט... אינדערפֿרי גייט זי זיך באָדן אין די קופּאַלניעס... גייט אָפֿט צו נייטערנס — מיסטאָמע לאָזן נייען פֿאַר זיך קליידער צום וועג אויף די קורסן... האָבן מיר אַזוי געמעלדעט, און דעם עניין איבערגעלאָזט בײַ זיך — באַזונדער אויסגעאַרבעט... און נאָך איז פֿאַראַן אַ מעלדונג — האָט ער זיך נאָך מער אויפֿגעלעבט — וועגן איינעם אַ סטודענט אַ „זשיד", אַ פֿאַמיליע מיסטאָמע אויף „שטיין" — אומבאַקאַנט... אַן אָפּגעריסענער סטודענטל, וואָס גיט לעקציעס אַפֿילו אין וואַקאַציע־צײַט...

דער גובערנאַטער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט: ווײַטער הערן — האָט ער קיין מינדסטן חשק ניט.. צוליב דעם איינגלעכן אויך האָט ער פֿאַרלאָזט זײַן פּאָסטן אַלס פּראָקוראָר, ווײַל ס'האָט אים אויסגעפֿעלט געדולד אויסצוהערן רעדעס פֿון גלענצנדע און ניט גאָר גלענצנדע אַדוואָקאַטן.

— אין גאַנצן איז געזאָגט, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט צו זײַן בייזן און געזײַט מיט ביידע הענט פֿון די פֿינגער, וואָס זײַנען צונויפֿגענומען געווען אין אָפֿענע הויפֿנס, — אין גאַנצן איז דײַטלעך: — „באַוואָרענען און איבערהאַקן"... לעבאַטשיע — באַוואָרענען... דער עיקר! אַ פֿאַרברעכן איז צו דערלאָזן פֿון

אָנהייבנ! נאַכלעסיקייט און פאַרברעכנ... און איבערהאַקנ! — האָט ער זיכ נאָכ מער אָנגערוקט אַפ זײ, — איבערהאַקנ! דרינגענדע מיטלענ, שטרענגע — אַפ איבערהאַקנ! קײנעמ ניט געשוינט! קײנעמ! א שטאָט אינ אומרו... שטרײקנ אַגראַ... דעמאָנסטראַציעס אינ העלנ טאָג... כוצפּעדיקע!.. א גובערניע פאַרפּעסטעט.. דרינגענדע מיטלענ! איר האָט צו טאָנ מיט די פעסטונגענ פונ דער מעלוכע! ניט געשוינט! שטרענג! און — מיטײלנ מיר...

ער האָט זיכ קוימ פאַרנײגט, און זיכ א קער געטאָנ, איז שוינ די טיר ברײט געווענ אופגעפּראַלט אינ די אינעווייניקסטע צימערנ אַרײַנ.

VIII. ווער — מיט א האלדז, און ווער — מיט א פוס

1

מענאַשקע הרייפוס מיט אַנ אַרופגערוקטנ היטל אַפנ צעשוויצטנ שטערנ האָט זיכ שטאַרק באַמיט וואָס שנעלער צו הרייענ מיט זײַנ קראַנקנ פוס און גיכ־גיכ צו הינקענ איבער גאַסנ און געסלעכ בא דעמ קלײנעמ טײַכל אינ דער נידער פונ שטאָט. זײַנע פלינקע אויגנ האָבנ צעמישט געבלאָנדזשעט איבער פענעמער פונ באַכערימ, וואָס פלעגנ זיכ אימ אָנגעגעננ — צי זײַנענ דאָס די „עמעסע“, פונ „יענע“... און באַשליסט: בעסער — מאָטלענ אָדער נאָטקענ... אָדער כאָטש אַלטערנ, וואָס איז געווענ דעמלט....

מענאַשקעס זײדע ניסל דער וועגלפירער האָט געווינט אינ עק שטאָט צווישנ „מעשטשאַנעס“ און קלענערע „טשינאָווניקעס“ מיט קלײנע הײַזלעכ און גרויסע גערטנער. פלעגט ער פאַר זײערע פרויענ צופירנ אינ מאַרק צו פאַרקויפנ זײערע קאַרטאָפל, אוגערקעס און מערנ. מענאַשקע א ליידיקגײער פלעגט זיכ קעסיידער אַרומדרייענ דרויסנ, ביז ער פלעגט אַוועק אינ די שטאָטישע גאַסנ. איז ער געווענ אויסגעבונדנ מיט די אַרומיקע שכײנימ.

— גוט, וואָס איכ האָב זיכ דערוווּסט — טראַכט מענאַשקע צופרידנ.

— מאָטל, איכ דאַרפ דיר עפּעס זאָגנ... הע־ע.... — האָט ער זיכ קוימ אָפּגעשטעלט, — פונ ווײַטנ נאָכנ אַוואַדע... קומ אַהער! דער זשאַג־

דאַר גרישענקאָ... גייסטו, שוויטע? דער זשאַנדאַר גרישענקאָ האָט זיכ הײַנט אינדערפֿרי מיטאַמאָל אָנגעטאָנ „סטאַטסקע" קליידער, ווי די „קאָלאָזשניקעס"... דו הערסט? ר'האָט גענומענ א קאַשיק אוגערקעס אונ איז אַוועק קלוימערשט פֿאַרקויפֿנ... דאָס איז קלוימערשט, קיינ־מאָל גייט ער ניט. בינ איכ בעקיווונ צוגעגאַנגענ צו אימ. האָט ער מיכ אָפּגעטריבנ: „דו, אַוועק פֿונדאַנענ"... דאָס איז גאָר א שלעכטער סי־מענ... אַלעמאָל איז ער מיט מיר גוט. נעמ איכ אימ טשיקעווענ.... מאָטל, שטיי אײַנ אונ הער, דאָס איז אַנ איניעג.... גייט ער, גרישענ־קאָ, אונ קוקט זיכ ארומ... וועט ער אָבער מיכ ניט כאַפּנ... ער האָט זיכ אַוועקגעשמועלט בא גינזבורגס מויער, לעבנ מויער — דו פֿאַר־שטייסט שוינ?... ווו יענע מיידל, וואָס איז דעמלט — שוועס... מיט דעמ געקרײַזלטנ, מיט האָווידג, נו... ווייסט דאָכ — זי גייט ארומ מיט אימ... מאָטל, וואַרפּ זיכ ניט, — שטייט ער, גרישענקאָ, נעבנ זייער מויער שוינ א פּאָר שאָ — עפּשער דאַרפֿסטו אָנזאָגנ דעמ גע־קרײַזלטנ..

מאָטל האָט צידודערט אימ אַוועקגעלייגט א האַנט אפֿנ אַקסל:

— מענאַשקע! זע! דאָס איז ניט עפּעס א באָבעמײַסע?.. צי...

— דו קאָנסט א קוק טאָנ... איכ וועל דיר ניט לײַגנ... כ'האָב דיר געזאָגט, אַז איכ בינ פֿאַר אײַכ... דו זאָג א דאַנק, וואָס איכ זאָג דיר אָנ...

— א דאַנק! — האָט זיכ מאָטל צעלאַכט. — נאָר וואָס זאָגסטו עס מיר אָנ? זאָל ער דאָרטנ שטיינ, דײַנ גרישענקאָ, כאָטש צעפּלאַצט ווערנ שטייענדיק....

— מאָטל, איר שטרײַקט? אַלע? אונ איר'ט געמאַכט א שפּאַצירל אינ שטאָט—איז זי, די גינזבורג, אויכ מיט אײַכ אינ שטרײַק?..

מאָטל האָט א שטעק געטאָנ א פּויסט מענאַשקענ אונטער דער נאָז, אַז יענער האָט קוימ דעמ קאָפּ אָפּגעכאַפּט.

— מענאַשקע, מיכ זאָלסטו ניט כײַרעסנ... דאָס פֿרעגסטו מיכ אויס צוליב גרישענקענ?.. איז בעסער זאָג אָפּ איפּריִער ווידו... „די גינז־בורג איז אויכ מיט אײַכ אינ שטרײַק?"...—האָט ער אימ איבערגע־קרימט, — זי איז א גאַרבערנ, וואָס? קיינער איז ניט מיט אונדז אינ שטרײַק... איכ שטרײַק! איכ! נו, טו מיר עפּעס!

מענאַשקע האָט זיכ צעטומלט, איז געוואָרנ בלאַס אונ רויט, אונ

די אויגנ האָבנ זיכ אימ געפײַכט. צולעצט האָט ער דאָס היטל פונ קאָפּ שטאַרק א שלײַדער געטאָנ אָנ דער ערד — פונ פאַרדראָס, פאַריבל אונ כאַס.

— מאָטל, דו ביסט דאָכ א מעכאַבל! מע קאָנ דאָכ מיט דיר ניט ריידנ... איכ קומ צו דיר מיט א טויווע, אונ דו מאַכסט פונ מיר — אַש...

זײַנ קאָל האָט זיכ ווי א גליטש געטאָנ אונ זיכ פאַרוויקט אינ פײַנטקײַט.

— נו, גוט... — מאַכט מאָטל ווייכער, מיר'נ זענ... אויב דו וועסט זיכ עפּעס אויסריידנ פאַר דײַנ גרישענקענ — וועסטו שוינ האָבנ דײַנ אַפּקומעניש... גערעגיק! נו, רעכט — ער האָט אימ אָנגענומענ פאַרנ אָרבל, — אונדז אַפּ גרישענקענ מאַגסטו אַלץ דערציילנ — דו באַר־שטייסט, מיר זײַנענ דאָכ אייגענע מענטשנ... וואָס, פונ דיר גופא וואָלט דענ ניט ווערנ א שטיקל מענטש בא אונדז אינ די הענט? זײַ א „בראַט" — אַדראַבע! נו, גיי, כ'האָב קיינ צײַט ניט...

מאָטל איז שנעל אַוועק, נאָר ער האָט זיכ גלײַכ אומגעקערט אונ א ווײַלע צוגעקוקט, ווי מענאַשקע האָט האַסטיק אונ מונטער געהיפט אינ שנעלנ גאַנג, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל זיכ אַוועקגעלאָזט אַפּ גאַנ־צע דרײַ פיס.

2

מאָטל האָט פאַרבײַגייענדיק אָנגעקלאַפּט נאָטקענ אינ פענצטער, אונ מענ איז צוזאַמענ אַוועק אויפזוכנ זאַלמענענ. יענער האָט זיי אינ פלוג אויסגעלאַכט: מענאַשקעס דרייפוס וועט עפּעס אויסטראַכטנ. נאָר — מיילע, זאָל נאָטקע צוגיינ א קוק טאָנ דעמ כאָלעמ... דאַרפ מענ אויפ־זוכנ דאַווידנ. קאָנ מענ דורכ פײַטלענ, נאָר פײַטל לאַכט מיט האַנאָע:

— אײַ, האָט איר א טומל געמאַכט אינ שטאָט!... גאַנצ שטאָט צע־רודערט...

— הער נאָר, פאַרטראַכטע נעשאָמע — זאָל דאַוויד גלײַכ אַרויס־קומענ אינ געסל...

דאַוויד איז גראָד אינ דער היימ, אונ איינער אַליינ. פײַטל האָט זיכ פונדעסטוועגנ אַרומגעקוקט אינ קאַמער אַרומ, געצויגנ עפּעס מיט דער נאָז, אונ גענומענ לאַכנ....

— דאַוויד, ס'איז פאַרטיק די קאַפּאָטע... אָנטאָנ דער בודאָטשניק אָפּנ מאַרק וועט א קונצנמאַכער... ער איז היינט געקומענ צו דער

מאמענ איז קראָמ, אָנגעטאָנ אינ א לייבסערדאק, אונ מיט א צוגע־קלעפּטער, שווארצער באָחר — צו זייַנע העלע פלאקסענע וואָנצעס — כאַ־כאַ!.. אינ א היטל א סאמעטענעמ... זאָגט ער...— „כאניטע, דו דער־קענסט מיכ ניט?" זאָגט זי: „וואַרט, וואַרט, א קענטלעכער קאָל... עפּ־שער אונדזער אנטאָנס א ברודער"... מאכט ער: „ניינ, אנטאָנ אליינ"... האָט זיכ די מאמע צעשריִענ: „איי, א צאָרע איז מיר: וואָס פאר א באָחר?"... „שרייַ ניט! מ'דאַרפ אזוי..." דאָס האָט ער געפּרווט צי מ'וועט אימ דערקענענ. כאניטע, — זאָגט ער מיטאמאָל: דו שווייַג... איכ — שווייַג אויכ... דייַנ זונ דער לערער איז ניט א סיציליסט? וואָס בונטעוועט? כאניטע, מיר דאַרפנ זייַנ גוטע פרייַנט — זאָג אימ אליינ, ער זאָל ניט בונטעווענ...

דאַוויד האָט צוגעהערט אויפמערקזאמ.

— האָט די מאמע קוימ דערהערט, אז ער איז אוועק, אנטאָנ, האָט צוגעמאכט די קראָמ אונ איז אוועקגעלאָפנ אהיימ, אונ צו מיר: — „זונעלע, פאַרהיר זיכ ניט מיט אנטאָנענ, טשעפּע זיכ ניט מיט אימ... ער איז א ביטערע זאכ: קומט ער אינ קראָמ, נעמט א פעקל שוועבע־לעכ אָנ געלט, א קאָנפעטל אָנ געלט... אונ פונדעסטוועגנ וועט ער זיכ ארופברענגענ אופנ גאלגל... אזא ביטערע זאכ: מ'זאָל גאָר אָנטאָנ א באָחר אונ א לייבסערדאק!.. ער קאָנ ייִדיש רייִדנ, דער אנטאָנקע, האָט מענ אימ דערפאר אָנגעשיקט אפ ייִדנ.... היט זיכ פאר אימ"... אונ די מאמע האָט גענומענ מיטאמאָל טאָפּנ מייַנע ביכער. מיט שרעק, מיט ציטער, אונ האָט עפּעס אָנגעשעפּטשעט דער שוועסטער מייַנער... כאַ־כאַ... אונ איצטער — מאָטל אונ זאלמענ וואַרטנ אפ דיר...

דאַוויד האָט געכאפּט דאָס היטל אונ דעמ שטאָק.

— דאַוויד! מ'דאַרפ „מעוואָער כאָמעצ" זייַנ—קערייַ? כ'רעכנ אָפּ־שיקנ די שוועסטער פונ דער היימ אונ מאכנ באַ מיר פּייסעכדיק... עפּשער איז באַ דיר אויכ עפּעס פאַראנ?

דאַוויד האָט געשוויגנ. אינ זייַנע געהיימע, ווי אינ זייַנע אינטימע זאכנ האָט ער ניט ליב געהאט קיינ איידעס. אונ — וועגנ זיכ וועט ער זאָגנ שפּעטער....

— מייַנ קריִזל שטעל איכ אָפּ דערווייַל? דורכלאָזנ א פּאָר טעג באַ די דרוקער?...

דאַוויד האָט צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

3

מאָטל איז צופרידנ און אופגערודערט: ס'איז לעבעדיק! „זיי" האָבנ זיכ צעטומלט... האָבנ זיי ארויסגעשיקט גרישענקענ מיט אנטאָנענ... נאָר ווו נעמט מענ א פאַטשיילע א געשטריקטע? „אנ אויג פארבינדנ, אָדער אנ אויער — מיט א נאָזטיכעלע, וועט ער ניט זענ, ניט הערנ. ניינ! בעסער ארומוויקלענ דעמ האַלדז. עס טוט אימ וויי אינ האַלדז...

אהיימ וועט ער ניט גיינ, די מאמע וועט נאָכ מיינענ, אז ס'איז אנ'עמעס... ווו האָט ער אמאָל געזענ א גארוסענע פאַטשיילע, א גרינע דוכט זיכ? יע!..

מאָטל איז קוימאט געלאָפנ. בא כאנקענ אינ צימער האָט ער קוימ די פאַטשיילע געפונענ: אונטערנ טישל איז א שאכטל צוזאמענ מיטנ ווינטערדיקנ הוט. האָט טאַקע מאָטל א כאָפּ!

ארומ האַלדז ארומגעוויקלט אונ איז אוועק פאַמעלעכ, אנ אומעטי־קער איבער גאַסנ — א כוילע גייט צו א דאָקטער. די גארוסענע פאַ־טשיילע שמאַרצט אונ שוויצט — אנ־אנטיק! די האַנט קריכט אליינ איט־לעכע ווײַלע צו וווכעוענ דעמ האַלדז — ס'שמאַרצט...

אינ קליינעמ בולוואר אינ דער צווייטער אליי איז נאָטקע צו אימ צוגעלאָפנ פונדערווײַטנ — דערשראָקנ: „וואָס איז דאָס?"

— שאַ־אַ... קכע־כע... וואָס איז דאָרטנ?

— א פעגירע אפ „אימ"... שטייט באמ טויער אונ קוקט מיט די „אויגענעס", ווער עס גייט דורכ... דיר טוט וויי אינ דער זײַט, אונ אימ דער זײַט, — האָט נאָטקע שוינ אויכ געמאַכט אנ אָנשטעל אונ אימ שטופּער פארוויקלט ארומ האַלדז...

— גיי איכ צומ דאָקטער בראַנזבורג... קכע־כע...

אינ פאַרצימער — פול כאַלאַימ. אנטקעגנ דער טיר פונ דאָקטערס קאַבינעט ווערנ אלע ווייטעקנ געשטילט — וואַרעמ אָט וועט דער דאָק־טער ארײַנרופנ, וועט פרעגנ וואָס, ווו אונ ווי עס טוט וויי — אונ מע האָט אקוראט אלצ פארגעסנ... ווײַל מענ זיכ דערמאָנענ, פארטראַכט מענ זיכ, אונ — דערווײַלע הערט מענ ניט די ווייטעקנ... זיצנ זיכ מענ־טשנ פארטראַכטע, פארנומענע, געוויינלעכע. צו וואָס זײַנענ זיי נאָר דאָ?.. נאָר א פאָר האָבנ אויסגעזענ ווי „עמעסע" כאַלאַימ, אומעטיקע קרענקלעכע, אונ צעטומלטע. א פולע ייִדענע, וואָס האָט מוירע.

אַז איר וועט זײַנ „טאָשנע“, וואָרעמ ווי זי דערמאָנט זיכ, אַז איר וועט זײַנ „טאָשנע“, ווערט איר שוינ „טאָשנע“... איז זי אַרומגעגאַנ־גענ און האָט פאַר זיכ קיינ אָרט ניט געפונענ: ס'איז איר „טאָשנע“ און „מלאָשנע“... און מאָטל איז אויכ אַרומגעגאַנגענ אומעטיק און קרענקלעכ: קכע־כע... און האָט זיכ געשראָקנ, טאָמער פאַרגעסט ער זיכ צו מאַכנ: קכע־כע..

פונ זײַטיקנ צימער האָט עמעצער עטוואָס אופגעעפנט א טיר און אַהער אַרײַנגעקוקט — רוקט זיכ, דאָוויד. איז מאָטל צוגעגאַנגענ, האָט זיכ די טיר שנעל צוגעמאַכט... קכע־כע.... אינ א ווײַלע אַרומ האָט דער דאָקטער אַרויסגעלאָזט א כוילע פונ קאַבינעט און האָט זיכ דורכ־געטראָגנ פאַרבײַ די כאַלאָימ.

— אַהאַ! — האָט ער עפּעס א פיר געטאָנ איבער דער גאַרוסענער פּאַטשיילע אַרומ מאָטלס האַלדז, — שטאַרק טוט וויי?.. נו, גייט אַרײַנ!..

מאָטל האָט זיכ צודודערט. וואָס זאָגט מענ? נאָר אינ קאַבינעט איז שוינ געשטאַנענ דאָוויד. דער דאָקטער איז מיט א צווייטער טיר אַוועק אינ אַנ אַנדער צימער.

— די פּאַטשיילע איז גאַנצ גוט... — האָט דאָוויד אופגעמונ־טערט, — וואָס ווײַטער?

מאָטל האָט דערציילט.

דאָוויד האָט צעטראָגנ אופגעעפנט די טיר אינ א ווײַטערדיקנ צי־מער: — ער דאַרפ דאָ נאָכ א ביסל צוואַרטנ... — האָט ער אַרײַנגעזאָגט.

דער דאָקטער איז אַרײַנ, האָט פאַר מאָטלענ אופגעעפנט די טיר אינ פאָרצימער, אימ דורכגעלאָזט אַהינ און הויכ און שטרענג אַרויס־געזאָגט:

— איצטער טוט אײַכ שוינ ניט אַזוי וויי... קאָנט איר שוינ זיצנ, שטילער... קאָר איר זיצט דאָ נאָכ, וועל איכ שפּעטער ווידער א קוק טאָנ אײַער האַלדז.... אָבער איצטער זאָלט איר וואָס ווייניקער „קכעקנ“ ס'טויג אײַכ ניט איצטער...

ער האָט אַרײַנגערופנ די פולע ייִדענע.

דעמ דאָקטערס פרוי גינאַ איז דערווײַל אַוועק צו יעלענאַ מיראָ־נאָוונאַ, די פרוי פונ טאַקסאַטער איגנאַטאָוו, דורכ דעמ פּאַראַד־אַרײַנ־גאַנג פונ זײַטיקנ געסל. די קיכ־טיר פונ דער קוואַרטיר איז אויסגעקומענ טיפ אינ הויפ בײַ דער קיכ־טיר פונ די גינזבורגס. האָט פרוי איג־

נאטאווא אנגעזאגט סלאווען, און גלײַך צוגענומען בײַ איר עטלעכע צײַטונגען, בראשורן און פראקלאמאציעס — אין א קליינעם קיישל פארפאקט, אונטער א הויפן שוועמלעך פון אויבן.... באלד אבער איז סלאווע אליין אויך ארײַנגעקומען, געבעטן אנזאגן דעם סטודענט לוריע.

— מ'דארף... און איר, — האט זי זיך געווענדעט איבערשטיל צו פרוי בראנזבורג, — זאגט בלומען, אויב ער קאן, זאל ער פארנאכט צוגיין אפן וואל...—זי האט זיך געוויטלט, — עפשער וועל איך אויך צוגיין....

— דאוויד באריסאוויטש, — האט פרוי בראנזבורג לוסטיק געשפאסט, ארײַנקומענדיק צוריק אהיים, — שוועמלעך דארפט איר דאך ניט... וועל איך דאס איבערלאזן בײַ זיך...

— בײַ אײַך — ניט... — האט דאוויד אפגעשניטן. — בײַ „זיי" אין צעטל איז דערווײַל מיסטאמע אין דער ערשטער ריי די באקאנטע אינטעליגענץ...

דאקטער בראנזבורג האט שוין א סאך פאציענטן דורכגעלאזט, האט ער מיטאמאל ברייט צעעפנט די טיר פון זײַן קאבינעט:

— נו, מיט דעם אהלחו!.. קומט ארײַן געכאפאמאל א קוק טאן....

אין קאבינעט האט מאטל אויסער דאווידן, דערזעוויסט א יונגע פרוי. די דאקטארשע, וואס האט צוגעשמייכלט: „א געראטענע פאטשיילע"...

זי האט אפגעוויקלט די פאטשיילע פון האלדז, אויסגעשפרייט אפן שווארצן צעראטענעם קאנאפ, האט מאדנע שפארעוודיק אויסגעלייגט און אנגעבעטן דערויף פאפירן און דינע בראשורלעך, צוגויפגעדרייט אין פאטשיילע און ארומגעוויקלט ארום האלדז.

מאטל האט געקוואלן, דאס הארץ האט אים געפרייט.

— מאקסים, — האט זי געזאגט צום דאקטער, — עפשער צוגעבן נאך א שטיקל וועקס־פאפיר — וועט עס זײַן א גרויסארטיקער קאמפרעס!..

זי האט געשמייכלט.

די טרישטשענדע און קלעפיקע ברעגן פונעם וועקס־פאפיר האבן מאטלען געקיצלט די באקן — האט ער נאך מער אנגעקוואלן.

— דאס אלץ איז מײַנס! — האט דאוויד שטרענג אנגעזאגט, — בײַ מיר גענומען — אויב ס'וועט אויסקומען צו וואס... בײַ אײַך אין דער היים ניט איבערלאזן... אין א שא ארום — אין געסל....

דער דאָקטער האָט מאָטלען דורכגעלאָזט פונ טיר:

— איצטער וועט זײַנ גוט — ניט לאַנג האַלטנ דעמ קאָמפּרעס, אונ אראָפּנעמענ....

מאָטל איז ארויסגעלאָפנ א לעבעדיקער.

— טאַקע א קאָמפּרעס? — האָט אימ נאָטקע באַגעגנט.

— קומ אונ שווײַג.

— הער דו, ווילדער, מיט א קאָמפּרעס יאָגט מענ זיכ ניט אזוי, אונ מע גייט ניט אזוי אינ טענצ...

— נאָטקע, מ'קאָנ ארײַנגיינ צו דיר?

4

מענדל האָט געברויגעזט:

— דאָס איז אלצ אײַער דעמאָנסטראציע... זאַלמענ, דו ביסט א קאָכיקער..

זאַלמענ האָט געלאַכט.

מענדל האָט פארטראַכט געקראַצט די פּאַטיליצע, האָט זיכ אָנגעבויגנ צו זײַנ הילצערנ קעסטל אינ ווינקל, אונ האָט גלײַכ א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט: „נו — דאָס שפּעטער”... — דאַווייד האָט דיכ געשיקט צו מיר אָנזאָגנ אינ נײַ־שטאָט — האָט מענדל אָפּנ קאָל זײַנע מאַכשאָוועס געלאָזט פאַר זאַלמענענ, — נו, רעכט... סערגיי אונ כאַצקל באַגעגענענ זיכ מיט פּעטראָווענ, נעמענ בא אימ ביכלעכ, פּראָקלאַמאַציעס — דאַרפ מענ זיי....

— סערגייענ וועל איכ אָנזאָגנ, — האָט זאַלמענ געײַלט, אונ איז גלײַכ אוועק.

סערגיי האָט קורצ געזאָגט:

— רעכט... אַז איניענ...

האָט ער פונ צוקאָפּנס ארויסגעשלעפּט אנ אלטנ פויערשנ מאַנטל פונ דאָרפ נאָכ, האָט אויסגעטאָנ די שטיוול, מיט א שטריקל צונויפגעבונדנ די אויערלעכ פונ ביידע, אונ זיי אָנגעהאָנגענ אופנ שטעקל אונ— אהינטערנ פּלייצע, אונ באָרוועס אונ אָנ א היטל איז ער אוועק מיטנ שאָסיי אהינטערנ שטאָט, וואָס איז שוינ דאָ געווענ ניט ווײַט. גייט ער, אונ אימ דוכט זיכ, אז עמעצער גייט אימ נאָכ, אונ אנטקעגנ אימ קומט אויב א פאַרדעכטיקער פּאַרשוינ — עפּעס געפעלט אימ ניט

די באָרד פונעמ פאַרשוינ... נאָר וואָס אַרט עס אַנ אָרעמ פויער, וואָס גייט אינ דאָרפ?.. פונ שאָסיי אַראָפּ מיט אַ זײַטיק וועגעלע, אַפנ גראָז צווישנ קליינע געוויקסנ דערפילט ער זיכ היימלעכ אונ היימיש, אַרומ־גענומענדיק מיט באָרוועסע פיס כאַווערשע גראָזנ פונ דער יוגנט, אומע־טומ איינע אונ אַלעמאָל די זעלבע. אונ דאָס ווינטל שטיפּט, ווי אַמאָל, אינ זײַנ בלויזנ קאָפּ. גייט מענ לעבעדיק. אַ מאָדנע האַנאָע פאַר באָר־וועסע פיס צעשפּרייטנ פרײַ אינ טראָט איינציקע פינגער, אַ פינגער פונ פינגער אָפּגעטיילט, קוויטשנ זיי אונ אויסגלײַכנ, אונ פאַרשלעפּנ גרעזלעכ צווישנ פינגער... נאָר דאָרטנ אַפנ שאָסיי שטייט עפּעס אַ נעפּעש מיט אַ שטעקעלע — מיסטאָמע, אַ „פּאַסקודניק”, וואָס קוקט אויס עפּעס... סערגיי הייבט אויפ צו זיכ אַ פוס, ציט אַרויס פונ צווישנ די פינגער איינ גרעזל אונ נאָכ אַ גרעזל — דוכט זיכ, זיי האָבנ גע־שטאָכנ, ווילדגראָז, מיסטאָמע... געגאַנגענ. אָט איז שוינ דער גרינער דאַכ פונ פּאָלוואַרעק. לעבנ טויער שטייט פּעטראָוו אונ נאָכ אַ סטו־דענט... דאַרפ מענ פונ דעמ זײַטיקנ שטעגעלע זיכ אָפּהייבנ אַפנ באַר־גיקנ שליאַכ. שטייט ער אַ ווײַלע אונ באַטראַכט קלוימערשט אַלע וועגנ... אַהינטער אַ וועגעל פונ אַ צערויִנירטנ ביניענ שטייט אַ פאַר־שווינדל, וואָס קוקט זיכ אײַנ אינ די סטודענטנ, אונ קוקט זיכ אַרומ, צי מע זעט אימ ניט... ניינ, סערגיי זעט אימ ניט, דעמ פאַרשווינדל... סערגיי באַטראַכט נאָר די וועגנ... אונ טוט זיכ אַ לאָז גלײַכ צומ פאָל־וואַרעק, אונ פאַרבײַ דעמ טויער צעשרײַט ער זיכ הויכ, אַז דער פאַר־שווינ פונ ווײַטנ זאָל אויכ הערנ, אונ בייגט זיכ אײַנ קניִענ, אונ צע־שאָקלט דעמ קאָפּ דאָרפיש:

— פאָרעצ, אַ פאָרעצ, צי דו ווייסט ניט, דאָ איז דער וועג אַפ בירשעוואַ, פאָרעצ?

ער בייגט זיכ צו נידעריקער, פאַרבײַ, אונ שעפּטשעט שטיל, ווי צו דער ערד אונטער זײַנע פיס: — אינ שטאָט זוכט מענ הײַנט.. אינ דאָ אַרומ—פיל הינט... דאָ ניט ווײַט — אַ פּאַסקודניק...

אונ ער גייט ווײַטער אונ שרײַט נאָכ העכער: — קאָנ מענ דאָ דורכגיינ אַפ בירשעוואַ?

— מ'קאָנ אַפ בירשעוואַ, מ'קענ... — שרײַט אויכ פּעטראָוו.

די סטודענטנ צעזעגענענ זיכ גלײַכ. איינער גייט אינ שטאָט גע־ייִלט, אונ פּעטראָוו — אינ הויפ אַרײַנ, אונ דורכנ גאָרטנדל קומט ער

ארויס באלד צו א לאָנקע און קוקט זיך ארומ: אונטער א בוימ זיצט סערגיי און אייסעקט זיך מיט די פיס, ער קאָלופּעט צווישנ די פינ-גער... פּעטראָוו בייגט זיך אָנ, רײַסט בלימעלעך און חעדט שטיל: — אומרויִק אינ שטאָט, סערגיי?

— אינ שטאָט, און דאָ—פול הינט...—ער קלײַבט איבער די פינ-גער פונ די פיס: — פאראנ עפּעס—טראָגט ארויס שנעל... ליגט אוועק, ווו איר שטייט, אונטערנ קוסטל... איך וועל צונעמענ...

סערגיי האָט די שטיוול אראָפּגענומענ פונ שטעקל איבערנ פּלייצע, האָט גענומענ ארויסשלעפּנ טיכער פונ די כאָליעוועס, און ביידע אויג ארײַנגעשטעקט טיפ אינ די שטיוול — געזוכט אפּאָנעמ טשוועקעס, וואָס קאָנענ אָנשטעכנ א פוס... איז ער אוועק אינ איינ זײַט, אינ א צווייטנ, געזוכט, געשטערט און ארומגעקוקט... אָנגעריסנ א הײַפל גראָז און אינ שטיוול פארלייגט... פּעטראָוו איז שוינ נעבנ קוסטל, פאַרעט זיך האָרטנ... קוקט ער ניט אפ אימ: סערגיי זוכט גראָז אינ א יאמ פונ גרינס, נאָר ער טאפּט זיי איבער — מיסטאָמע ברויכט ער גראָז פונ גרעזער... פּעטראָוו האָט שוינ ווידער אינ א זײַט בלימעלעך געריסנ, און געריסנ, און איז אוועק... סערגיי בלאָנקעט נאָך אלץ נאָך גראָז, האָט ארומ קוסט גיריק געריסנ א הײַפל נאָך א הײַפל, וואָס ער האָט עס עפּעס אינ דער הייך צו דער זונ געהויבנ, און פונ אונטערנ קוסט א גרויסנ הויפנ צופרידנ א צי געטאָנ — די „גוטע גראָז“ איז דאָ... זעצט ער זיך אייסעקנ מיט די שטיוול, בעט אָג אינ-וויניק זײַנע געקליבענע גראָז, וויקלט אָנ די פיס מיט טיכער, ציט אָנ די שטיוול, און גייט אוועק שנעל — יאָג אימ!

מיט וואלד און פעלד האָט ער זיך געדרייט, וויאָרסטנ אָנגעלייגט, און איז אינ שטאָט געקומענ פארבײַ די מילנ. אינ דער הייִמ בא אימ האָט שוינ געוואַרט כאַצקל.

— געבראַכט עפּעס? און אייגענע האָסטו עפּעס?.. גיב אהער! בא נארבער קאָנ מענ ניט איבערלאָזנ.... — האָט יענער געיילט.

— רעכט. אנ איניעג...—האָט סערגיי געלאַכט און זיך גענומענ פאוי די שטיוול.

— קיינ גראָז דארפסטו דאָך ניט...

— מאַכ ניט קיינ שיִעס, — האָט כאַצקל געיאָגט, — ביז דער נאכט וואַרפ איך אַפּרייניקנ אלע נארבער אינ נײַ־שטאָט...

IX. ערעוו ארעסט

1

צו דער נאכט האָט כאנקע שוינ געבאלעבאטעוועט בא לייעלענ אינ צימער אונ האָט לייעלענ אוועקגעשיקט שפאצירנ. אז מע דארפ היינט ראפקע איר צימער, ווו מ'האָט זיכ נאָכ קיינמאָל ניט פארזאמלט.

שלוימקענ האָט זיכ גערוכט, אז ער האָט פארשפעטיקט, איז ער ארייַנגעקומענ געייַלט אונ פארסאָפעט געזאָגט: — נו, די שטאָטישע גארבער זייַנענ ריינ...

— אונ די נייַ־שטאָטישע אויכ, — האָט צוגעגעבנ איסאַק, — כ'האָב געזענ כאצקלענ — אומעטומ פייסעכריק...

— קאָנ מענ אָנהייבנ, — לייג'ט פאָר מענדל.

— אונ מאטעס? — פרעגט כאנקע.

— מאטעס דארפ הייַנט ניט קומענ אונ וועט ניט קומענ, — האָט איסאַק אָפגעענטפערט, — ער איז א צו קענטיקער, מאטעס... אונ ניט אזא פלינקער אפנ טראָט...

מענדל האָט געייַלט צו „רעקנ“ די גארבער:

„...א דעמאָנסטראציע מיטאמאָל!.. זאלמענ אונ שלוימקע, דוכט זיכ, דארפנ פארשטיינ, וואָס הייסט אָרגאניזירט...

— כ'האָב עס שוינ געהערט פונ דיר, — מאכט זאלמענ.

— אָנגעמאכט א טומל...—האָט מענדל זייַנס גערעדט:—א שטרייַק איז ניט אזא טומל, ס'איז עפעס אנדערש: א שטרייַק אנ עקאָנאָמישער...

— מיר זייַנענ גאָר ניט אויסנ צו שלייערנ זיכ פאר קאָשערע „עקאָ־נאָמיסטנ“.... — האָט דאוויד הארט איבערגעריסנ.

— איכ בינ ניט קיינ „עקאָנאָמיסט“... — האָט זיכ מענדל א כאפ געטאָנ, — נאָר דער שטרייַק גופע האָט שוינ א פאָליטישע באדייַטונג... אונ דערהויפט אָרגאניזירט!...

— דו זאָלסט אָרגאניזירנ.. — איז כאנקע אופגעשפרונגענ, — דאָס טעפל זידט, ווענ ס'איז רעכט אָנגעברענט, אונ ניט ווענ דער זייגער ווייַזט, ווי ס'מיינענ די דאמענ, וואָס קאָכנ נאָכנ ביכל נאָכ...

— אונ ווו זייַנענ מיר געווענ? — האָט דאוויד איינ קלעמ גע־פרענט, — מיר האָבנ אָרגאניזירט דעמ שטרייַק. וואָס הייסט? פונ איינ־צלנע פערזאָנענ אינ באזונדערע פאבריקלעכ אויסגעשמידט איינ קאָלעק־

טיזו... געשאפנ אנ ארמיי, ארויסגעפירט אפנ פלאצ, אונ עס איבערגעלאזט! מיר האבנ דעמ ערשטנ טאג פונ שטרייק באהארפט זיינ אפנ פלאצ! זיינ מיט דער מאסע, ווייבאלד מיר האבנ זי באקומענ, און אפנ ארט אנפירנ, ארגאניזירנ... ניט דא איז קאמער — דערנאכ... פארוואס איז זאלמענ שולדיק, וואס מע מיינט, אז ער האט שלעכט געפירט. אבער ער איז דאכ אפנ ארט געוועג, און ניט איכ בינ שולדיק, וואס איכ בינ אפנ ארט ניט געווענ?...

א היפשע ווייליע איז מענ געבליבנ זיצנ ארומ שטיל, ווי פארשעמט.

נאר זאלמענ אונ שלוימקע, אופגעמונטערטע, האבנ געווארפנ ווערטלעכ.

— ס'איז נאכ גארניט אזוי שרעקלעכ... וואס „זיי" קאנענ שוינ אופטאנ...

— מיטנ זשאנדאר מיט די אוגעריקעס, און מיט אנטאנענ אינ לייבסערהאק...

— מאכט עס ניט צו שפאס... — האט האוויד איבערגעריסנ, — די טייוולקמאשינ ארבעט גאר ניט שלעכט—אומעטומ. און דא אויכ, א ביסל געטריבנ פונ אונטנ, און א ביסל געשטיצט פונ אויבנ, ווערט זי זיכ אונטערשמידנ... ס'גייט אינ טעג.... אנטאנ איז אפ א ווײלע — ס'וועלנ זײנ געניטערע.... אינ שטאט בא אונדז הייבט זיכ ערשט אנ, ביידע צדאדימ טרעטנ ארויס, און אינ דער פראקטיק וועלנ זיכ ביידע לערנענ... לאמיר זיכ לערנענ גיכער, בעסער און געשיקטער! פונ א געשלעג גייט מענ ניט ארויס ניט צעבײלט... לאמיר זיכ לעבאטכילע ריכטנ... אפ דער וואכ! און גרייט! ארעסטנ און קארבאנעס זײנענ אויכ אגיטאציע — לעבעדיקע אגיטאציע פונ מײסים...

מע האט געקריצט, באטראכט די גייטיקע פראקטישע פראגנ, און דערהויפט באשלאסנ: אפזונדערנ פונ יעדער ארבעט איצט און אפהיטנ אפ יעדנ פאל די „שטילערע": שלוימקענ און ריוועלענ, מאטעסנ און בארעכנ, אז זיי זאלנ קאנענ פארבלײבנ אפ ווײטער אינ פאל, אויב...

איסאק האט גענומענ אפ זיכ, דערגייינ בא די דרוקער, צי ס'איז מעגלעכ אפצודרוקנ איצט א בלעטל.

— מיר דארפנ אפנ זאגנ ווער מיר זײַנענ אונ וואס מיר זײַנענ אויסנ!.. — האט דאוויד באטאנט.

קלענערע פראגנ האט מענ אפגעלייגט.

2

פונ דער זיצונג איז דאוויד אוועק אלײנ, אומרויִק אונ צע־שטרויט. ארויסגייענדיק אינ טונקעלע שטילנ דרויסנ, איז אימ עמע־צער, ווי קוימ אפגעווארט די ווײַלע, אנטקעגנ געקומענ מיט האס־טיקנ הויכ:

„סלאווע"...

אונ ס'איז אימ אומעטיק געווארנ, אנגעסטלעכ אומעטיק.

...„פארשטארקטע קאנספיראציע, „צענטראליזירטע ארגאניזאציע"... מאטל מיטנ קאמפרעס..... פײַטל לאכט, וואס אנטאנ"... די געדאנ־קענ אונ בילדער דערלאנגענ ניט צו זײַנ ווערנ.

לאנגזאמ רוקט ער זיכ שאטנדיק איבער גאסנ, אונ שטיל געגאנ־גענ, ווי כאַרועס, אונ שטיל אינ אימ, ווי א קאמער, ווו א זייגער האט זיכ ערשט אפגעשטעלט. עפעס הערט ער ניט דעמ היימלעכנ „טיקטאק"... דער זייגער שווײַגט, כאטש דער אומרו פלאגטערט.

פונ א גאס ארויס, אינ א גאס ארײַנ.

פארוואס ברענענ דא צוויי גאס־לאמטערנעס מיטאמאל?

צווישנ די לאמטערנעס אפנ ראג דרימלט א פורמאנ אפ א קעל־ניע, דעמ קאפ ארײַפגעלאזט אונ אומגעדרייט, ווי א פארקניפט העל־דזל פונ א זאק. א פורמאנ אינ דער נאכט אפנ גאס קלײַבט אויס צו דרימלענ דאפקע צומ ליכטיקנ...

אבער וואוהינ איז ער דאס פארגאנגענ? אט איז שוינ גינזבורגס הויפ... וואס קענ ער דא איצט ווייסנ, וואס הערט זיכ.

אומצופרידנ טוט ער האסטיק א קער לינקס.

א שטילע גאס. א שטילע, א גאס, ווי א מאמע טוליעט צו אמאל. די שטילקײַט גייט מיט אימ באנאנד, פארכאווערט, אונ די טונקלקײַט דעקט צו, ווי שאטנ אפ א ווענגל, וויקלט זיכ נאס ארופ, בערגיק ארופ א וואל — אפנ וואל.

וואס דארפ ער איצט אינ נאכט, אינ שטילנ טונקל אפנ וואל?

געווענ שוינ דא מיט סלאווענ היינט, ווענ דער טאג איז אויסגע־

גאַנגען, זי האָט געבעטן קומען... צו וואָס? ראָמאַנטיק... האָט ער טאַקע ניט געאײַלט צו גיין — אַפּריער באַטראַכטן. בכלל באַטראַכטן, וואָס איז מיט אים און מיט סלאַווען...

קומט אַ מאַכשאָווע: זאָל מען הײַנט סלאַווען אַרעסטירן, וועט ער בענקען... ער בענקט דאָך שוין... אויסער אַלעם — בענקען...

טראַכט ער בעסער וועגן אַרעסטן אין קלאַל... אַרעסטן זײַנען אויך אַ רינג אין דער קייט... זאָלן זיך נאָר בײַדע צראַודים צעהוי־ דען, וועט שוין ממילא קומען דאָס גראַנגל... ווער — וועמען? אַרעסטן — פּלוצלינגע, אומגעריכטע!

אָבער ניט אַן ערעוו־אַרעסט, וואָס איז פֿאַרבענקט.

סלאַווע איז צוגעקומען. זי האָט שטיל געשמייכלט מיט קלאָרע פֿרײַדיקע אויגן.

— איר האָט לאַנג געוואַרט? איך האָב הײַנט ניט געוואָלט אַרויס־ גיין אַליין אָן דער מאַמאַ... נו, קומט!

ניט לאַנג אַרומגעגאַנגען.

— זעט, אַ טאָג פֿאַרגייט...—האָט זי אָנגעוויזן אויפֿן האַזעווערדיקן הימל־זוים ווײַט איבערן טונקעלן דניעפּער, און מ'האָט זיך צעזעגנט.

איז ער אַ וואַס האַשיק דורכגעלאָפֿן, און אַ געסל אַ שמאָלס, צווישן הויכע מויערן פֿאַרפֿינצטערט. האָט אויף אים גענומען לויערן. זײַנע טריט געציילט און פּאָר עמעצן זיי איבערגעבאַזערט... איז ער צו די „גרויסע טרעפּ" היימלעך אַוועק, און ווײַטער—געשטילט צווישן פֿאַרדרימלטע צוגעטוליעטע שטיבלעך אין דער נידער.

3

און אָט איז אַ היים.

אין טונקעלן צימער שלאָגט דורך קוים אַ קאַרגע שײַן: דאָרטן ווײַטער אויפֿן טיש וואַרט אויף אים איינציק־אַליין דאָס לעמפּל מיט אַ קליין פֿײַערל פֿון אַרײַנגעדרייטן קנייטל.

פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך דורך שלאָפֿעדיקע.

ער האָט דאָס קנייטל פֿון לאָמפּ אַרויסגעדרייט, האָט דאָס פֿײַערל זיך האַסטיק אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון דרימל, און שאָטנס צעשראָקענע האָבן זיך ניכפּעדיק אַראָפּגעגליטשט.

איבערן טיש אָנגעבויגן, דעם קאָפּ אין די דלאָניעס אָנגעשפּאַרט—

און פונ אלע זײַנ עטעמס, ווײַט, הילט אימ אײַנ און טוליעט אימ ארומ — הײמ!

אזא גרויסע און אלטע הײמ. אינ דער נאכט, אינ דער שטיל, איבער געסלעכ און שטעטלעכ א צעשפּרײטע, אינ יאָרנ און דורעס פאַרוואָרצלט — די הײמ. איר שווערקײט אפ זײַנע אײַנגעבויגטע פּלײ־צעס אָנגעלאָדנ — גלעט קלעמענדיק.

די מאַמע אינ בעט האָט מיט א האַנט, ווי צעשראָקנ א שלײַדער געטאָנ און אומרויִק דורכ שלאָפ עמעצנ געפרעגט: — דאַוויד איז אינ דער הײמ?

און ניט באַקומענ און ניט געוואַרט אפנ ענטפער, שלאָפנדיק האָט זי ווידער אָטעמ געצויגנ, אײַנ און אויס — שווער און אָפּגעריסנ.

דאַוויד האָט פאַרקלעמטע אויגנ געווענדט צומ טונקלנ ווינקל — צו דער מאַמענ און האָט צו איר עפּעס צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ.

לײענענ וועט ער הײַנט ניט פאַרנ שלאָפ. און — ניט קערנ... אויב מע קומט הײַנט צו אימ, זאָלנ „זײ" אָנטרעפנ א פינצטערנ צימער, און אימ — א שלאָפעדיקנ...

עסנ גלוסט זיכ ניט. אויסטאָנ זיכ.

דאָס לעמפל אויסגעלאָשנ. טוענ זיכ א לאָז צומ פענצטערל דרויסנ האַסטיק אזוי צווײ שוואַרצע, ווי האַלבע לאָדנס מיטאַמאָל צוגערוק־טע.

זיצט ער זיכ אויס אפנ קאַנאַפּע און פאַרמאַכט די אויגנ.

זאָלנ „זײ" קומענ.

דער טאַטע דרײט זיכ אומ, קערט זיכ, רודערט מיט די שטולנ— ער שלאָפט ניט, ער טראַכט, דער טאַטע. דוכט זיכ אימ איצט, ווי אלע מאָל, אז זײַנ טאַטע טראַכט אינ שלאָפ און כאָלעמט אפנ וואָר. אינ ענגנ קאַמער איז דער שלאָפ נעפּלדיק צעשפּליטערט — וועבנ זיכ אַרײַנ אינ אימ מאַכשאָוועס צעריסענע; און דאָס וואָר איז שלעפעריק פאַרשלײערט — פּלאָנטערנ זיכ אינ דעמ כאָלוימעס און טרוימענ. טרוימענ פולע שטיבלעכ, און אויצרעס גליק, ווי שאָטנס אינ די ווינ־קלעכ, רײַצנ, שווימענ אופ, און פאַרשווינדנ אינ די שפּעלטלעכ פונ די ווענט, אינ די לעכער פונ דער פּאָדלאָגע

דאַוויד האָט זיכ אָנגעשפּאַרט אפ אנ עלנבויגנ, זיכ דערהויבנ, און

אָפּענע אויגנ אָנגעווענדט אינ טונקל צומ טאטנ. אונ ס'האָט אים אָפּגעגעבנ, אַז דער טאטע האָט אויכ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ קוקט צו אים מיט אָפּענע אויגנ... נאָר ס'איז גוט, וואָס זיי זעענ זיכ ניט איינער דעמ אנדערנ אינ דער פינצטער. דאָוויד ווייס, אַז פריִער נאָכ, אומבאוועגט אפ די שטולנ, מיט פארמאכטע אויגנ אינ קלוימערשטנ שלאָפ — האָט דער טאטע געזענ, געמערקט, אַז ער האָט ניט צוגעביסנ, ניט געלייענט פארנ שלאָפ — דאָוויד איז הײַנט צעטראָגנ... דערפאר, אַז דאָס פײַער איז אויסגעלאָשנ געוואָרנ — רירט דער טאטע מיט די שטולנ, דרייט זיכ אינ אנגסט אונ טראכט: „וואָס איז דאָס?"..

אונ אַז מ'זאָל נאָכ קומענ — ארעסטירנ... בא טאטע־מאמע אפ די אויגנ.

ער טוט א ריב דעמ שטערנ — שלאָפנ! נאָר די אויגנ בלײַבנ אָפנ, אונ די טונקלקײַט אינ קאמער קנוילט זיכ אָנ האַרט צו די שוואַרצאפּלענ. דוכט זיכ אימ, אַז אײַלנדיקע טרוט האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אהינטערנ ווענגל פונ שטיבל אינ דרויסנ, ווי א כאָפּטע גרויסע מײַז האָבנ זיכ א שלײַדער געטאָנ אינ אימפּעט אונ זיכ געוואָרפנ צו דער טיר.

דער טאטע איז אראָפּ פונ די שטולנ, האָט זיי ווידער צונויפגערוקט אונ צורעכט געמאכט זײַנ געלעגער — צופיל צערודערט פריִער...

אינ פענצטער העלט שוינ — די שײַבלעכ בלייכנ זיכ צו באגינענ. דאָוויד שליסט צו די אויגנ, וועלנ „זיי" קומענ, ניט קומענ. ער'ט ניט טראכטנ. ער'ט ציילנ: איינס, צוויי, דרײַ... איינציקווײַז — צענ, אונ צוואנציק אָפּגעציילט, אונ דרײַסיק, אונ די צאָל שוינ פארלאָרנ — צי האַלט ער בא דרײַ־אונ־דרײַסיק, צי בא זיבנ־אונ־פערציק... מ'דארפ זיכ דערמאָנענ — וואָס האָט ער פריִער אָנגעציילט... דערמאָנענ דערמאָנ... דערמ...

מיטנ גרויסנ טאָג דערוואכט. דער קאָפּ שווער. הא? ווילט זיכ עפּעס דערמאָנענ... אינ צימער איז קיינער ניטאָ, וואָס ברויכט ער צו דערמאָנענ זיכ? יע — זײַנענ „זיי" הײַנט ניט געקומענ... אונ דאַרטנ?...

ער איז שוינ אָנגעטאָנ אונ פונ שטוב ארויס — אינ גאס באגעגענענ ווערענ, הערנ...

קומט די מאמע אנטקעגנ. א פול מויל מיט רייד. דוכט זיכ איר, אז ער האט זיכ נאכ ניט געוואשנ, און עסנ האט ער געוויס ניט אנ איר... פייטל געווענ, וועקנ האט ער ניט געוואלט. געבעטנ ווארטנ אפ אים.

גייט ער צוריק. ווארפט אראפ דאס רעקל און גייט ארויס אינ הויפ זיכ וואשנ. ער האט ליב מיט הויכפארקאשערטע ארבל און מיט א שטארק אנטבלויזטער ברוסט אינ הויפ אפנ פרײַענ לופט צו גיסנ אפ זיכ וואסער קאלטע א סאכ.

דערפרישט, קומט ער ארײַנ אינ שטוב, גלײַכ איז ארײַנגעקומענ פייטל:

— סלאווא באריסאוונא... האט מענ צוגענומענ...

דאוויד האט מיט צוויי פינגער געריבנ שטארק א שלייפ פונ שטערנ.

— גאנצ פרי בינ איכ ארײַנגעלאפנ צו דיר, צי דו ביסט גאנצ — שלאפסטו, איז גוט. אוועקגעלאפנ אינ ביבליאטעק, געוואויר ווערנ, איז שוינ דארטנ געווענ בעב גאלדמאנ אנזאגנ, מ'האט בא איר גארניט געפונענ — דאס איז גוט. נאר מ'האט זי צוגענומענ.

דאוויד האט זיכ צוגעזעצט מיטנ פלייצע צומ טיש און שטארק געקוקט אינ טיר.

וואס איז עפעס אזוי שטיל?

X. טעג פארנומענע

1

טעג אומרויקע און — פארנומענע.

נעכט פונ אומרו, ארעסטנ און אביסקעס, און טעג פונ אופרו־דער, פונ פונקט ווי נאכ א רעגנ אינ נאכט און נאכ א טוי באגינענ צעלאזנ זיכ געוויקסנ און בליענ און דערהויבנ זיכ דער זונ אנטקעגנ אינ ליכטיקנ טאג.

2

— דאוויד!.. — די מאמע קומט ארײַנ פונ קיכ א צעטומלטע, ווארפט אראפ פונ זיכ דעמ שמוציקנ פארטעכ, טוט א וויש אינ אײַ־

לעניש אַ ברעג פֿון טיש און שטויבט די קאַנאַפּע: — דאַוויד, מע פֿרעגט דיך...

ער גייט צו דער טיר.

— דאַוויד באָריסאָוויטש... געטראָפֿן צו אײַך...

— פֿרײַלין העלען!... האַמבורגער... — איז דאַוויד אומצופֿרידן.

די מאַמע האָט מיט פֿאַרדראָס באַטראַכט דעם צימער, וואָס איז ניט צונויפֿגעקליבן, און איז אַוועק — אויפֿראַמען כאָטש די קיך... ביז וואַנען „זי" וועט צוריק אַרויס.

— דאַוויד באָריסאָוויטש, בעט מיך זיצן — כ'האָב אײַך קוים געפֿונען. איך פֿרעג: בלום... גוט, וואָס איינע אַ פֿרוי האָט געטראָפֿן, אַז מע מיינט עס מיסטאָמע דאַוויד — בערע באַשעס... קוים געפֿונען...

— און ס'איז אַזוי נייטיק געווען?

— כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט אַרײַנקומען צו אײַך... איר זײַט דאָך ניט דערקענען? — זי האָט שוין אַראָפּגעצויגן אַ הענטשקע און דערמיט געוויסעקט מיט אירע דינע פֿינגער. זי קוקט זיך אַרום.

— דער צימער איז אײַערער?

— אונדזער אַלעמענס... פֿאַר דער גאַנצער געזינד... — דאַוויד איז אויפֿגערייצט.

— דאָס איז אײַער מוטער געווען?

— מײַן ליבלעכע מוטער...

— און אײַער פֿאָטער?

— און אַ פֿאָטער, און... צוליב סטאַטיסטיק קאָן איך געבן גענויע יעדיעס...

— דערווײַל גענוג, — אירע אויגן שמייכלען. — מיר געפֿעלט אײַער צימער — מער מענטשן, ווי זאַכן דאָ... געקומען זען, צי איר זײַט גאַנץ... ניט אַרעסטירט.

— ניט זיכער, ווי איר זעט... אַ באַלאַנס פֿון אײַך...

זי האָט גענומען דערציילן וועגן אַרעסטן און אָביסקעס. פֿאַר די טעג האָט מען אַרעסטירט סלאַווע גינזבורג, דעם סטודענט לוריע, דעם אינספּעקטאָרס זון פּעטראָוו... געמאַכט אָביסקעס באַם סטודענט פֿײַנבערג, באַם דאָקטער בראַנזבורג...

דאַוויד האָט שוין דערפֿון געוווּסט. נאָך מער געוווּסט. האָט ער געהערט צעשטרויט, אַרומדרייענדיק זיך.

— און נעכטן באַנאַכט איז מען מיט אַן אַביסק געווען בא פּראַלינ־ליאַ.. ליאַ ברוק.. און מויער — אַנטקעגן בענקעלע...

דאַוויד האָט זיך צוגעשטעלט איבעראַשט.

— וואָס איר האָט זיך אַמאָל נאָכגעפרעגט אויף איר... מ׳האָט נאָר צוגענומען בריוו פון איר ברודער פון סיביר... זי האָט גלייך געזאָגט, ווי „זיי״ זיינען אַרײַנגעקומען: — „איר זייט צו פרי געקומען... איך טו נאָך גאָרנישט, ווייל איך וויל נאָך בא א יאָר צייט דערציִען דעם ברודערס טעכטערל״... און ביים זיי האָבן גענומען אַוועקגיין, האָט זי צו זיי געזאָגט: „אָט אין א ביסל צייט אַרום, ווען איך וועל זיך נעמען פאַר אַרבעט — ביטע! קאָנט איר קומען — זוכן, אַרעסטירן״...

דאַוויד האָט פאַרייבערט, ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— דאַוויד באָריסאָוויטש! — (דאַווידן האָט זיך געדוכט, אַז איר שטים איז איצט מאָדנע נאָגנדיק) — עפּשער קאָן איך עפּעס טאָן? עפּשער ווערט איר עפּעס ברויכן? קאָנט איר צו מיר... איך בין אויף אַלץ גרייט....

דאַוויד האָט פון זיין פּאַפּיראָס געדיכטן רויך געטריבן, אויפגע־רייצט עפּעס.

— איך וויל עפּעס טאָן! וואָס איז א מענטש?.. וואָס איז א לעבן?.. היינטיקע נאַכט האָט זיך מיר גראָד געכאָלעמט, אַז איך אַר־בעט אויף א גרויסער פאַבריק...

— איר האָט אָפּגערוט? — האָט ער איבערגעריסן, ער האָט איצט קיין ביישעק ניט געהאַט און קיין געדולד אויסצוהערן אירע באַלוי־מעס, — וועלן מיר גיין...

זי האָט געשמייכלט.

דורכגייענדיק די קיך, האָט זי געוואָלט פאַרן האַנט צעזעגענען זיך מיט דאַווידס מוטער. האָט יענע צעמישט אָפּריִער לאַנג געווישט די האַנט אין קליידל.

— אייַער מוטער איז מיר געפעלן: דאָס פּאָנעם — שטרענג, פרום... אַסקעטיש. איר זייט ענלעך אויסערלעך נאָר דערמיט, וואָס אייערע האָר קרייזלען זיך, און די פּלייצעס — ברייטע... זי איז אָבער א בלאָנדינקע...

— דער פּאָטער איז מיט קאַרע לוסטיקע אויגן פאַרטראַכטע, גאָר

ניט קיין אַסקעטישע... די צוויי עלעמענטן אָפּאַנעם האַנגלען זיך אין מיר... און עפּשער האַלטן זיי איין איינס דאָס אַנדערע און מאַכן עס מעסיקער...

— דאַוויד באָריסאָוויטש, — האָט זי זיך פּלוצלינג צוגעשטעלט, — ווילט איר ניט אויסהערן מיין כאַלעם... ווייל איך וויל אייך דערציילן פון מיין וואָר... איר ווייסט, אַז מיין ברודער נאָום איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט? איך פאַרשטיי פון זיינע בריוו איצטער... און איך.... די לעצטע צייט האָב איך זיך געלערנט נייען.. מירן מיט ליזאַ ברוק אָפּגערעדט — מיר ווילן גיין מיטן פּראָלעטאַריאַט...

— ווי ווייט וועט איר גיין מיטן פּראָלעטאַריאַט? — האָט דאַוויד געקנייטשט זיין שטערן.

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן צעמישטע.

— ענגעלס זאָגט ערגעץ, — האָט דאַוויד צוגעגעבן האַרט: „די באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט גייט דורך אומפאַרמיידלעכע איבער פאַרשיידענע טרעפּלעך פון אַנטוויקלונג: און אויף יעדן טרעפּל שטעלט זיך אָפּ אַ טייל מענטשן, וואָס גייט ניט ווייטער"...

— איך לייען ענגעלסן אין דייטש, נאָר דאָס פאַרשטיי איך ניט...

— באַלעגאָלעס זאָגן: אַ „פּאַסאַזשיר" און אַ „סעדאָק"... אַ פּאַסאַזשיר רופט זיך ביי זיי יענער, וואָס מאַכט דורך מיט זיי דעם גאַנצן וועג, דעם רייס ביז דער לעצטער סטאַנציע... און אַ „סעדאָק"— דער, וואָס פאָרט אונטער — ביז אַ נאָענטן פּונקט, אַ שטיקל מעהאַלעך... אָבער דאָס באַווייזט דאָך אויך, אַז עס זיינען דאָ באַלאָנים אויף אונטערצופאָרן... פריילין העלענע, אַנטשולדיקט! כ'האָב מיר דערמאָנט, אַז איך מוז גלייך אַריינגיין אין ערגעץ... — האָט ער זיך מיטאַמאָל צעזעגנט.

ער האָט אין גאַס דערזען, אַז מאָטל שפּאַנט אַרום און ווינקט עפּעס צו אים זייער.

אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג, האָט ער זיך אומגעקערט און צוגעקוקט, ווי זי גייט פאַרויס — אַן איידעלע, אַ צאַרטע און אַ פאַרכאַלעמטע, וואָס וואַקלט אין טאָג אַנטקעגן זון און קרימט טריט הין און הער... אַז מען זאָל זיי אָפּצייכענען, די טריט, וועט ניט אויסקומען קיין גראָדע ליניע.

דאַוויד און מאָטל האָבן ביידע גוט געוווּסט, אַז דערזען און פאַרשטאַנען האָבן זיי זיך באַטש דאָ, אָבער אַנטרעפן זיך דאַרפן זיי ערגעץ ווײַטער, אין א זײַטיקן אָרט.

ערשט אין הינטשע עטלעכע מינוטן אַרום האָבן זיי זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן אין א קרומען געסל.

— וואָס איז?

— א צעטעלע פון „אַסטראָג"... — האָט מאָטל פאַרסאָפּעט אַרויסגעזאָגט גלײַך מיט דאַווידס פראַגע; — מ'האָט דאָך אַרעסטירט בעניע דעם טרוקענעם.

— ווייס איך... נאָך מיט א פאָר טעג צוריק... און כאַצקלען...

— האָט בעניע דאָרט אין אַסטראָג שוין געמאַכט „געשעפט" מיט אַרע צורע... איצטער איז גוט... אַט איז א צעטעלע.... ער האָט אים דערלאַנגט א ווינקל־שטיקל פאַפּיר גראָבע מיט א בלײַפעדער פאַרשריבן עטלעכע שורעס — א ברייטע, שמאָלע און נאָך שמעלער, און די לעצטע שורע נאָר פון איין וואָרט: „טרוקענער".

דאַוויד האָט דורכגעלייענט:

„בעוורע. א גרוס. אלע געזונט, פריש און פרייִלעך. שפּאַרט אין דער „צורע", וואָס מ'דאַרף... די „צורע" איז א גוטע... א גרוס וואָס מע מאָג עסן פון זײַן פענדל — עס הערט זיך א רייעך... „טרוקענער".

דאַוויד האָט זיך א קנייטש געטאָן און באַלד אַרויסגעזאָגט:

— ער מיינט, אַז מע פרעגט זיך נאָך אָפּ מענדלען... אַז „מע רופט אים מענדל, מאָג מען עסן פון זײַן פענדל"...

— דאָס איז בעניע מיט די וויצן, — מאַכט מאָטל צופרידן, — מענדל געשטיקט שוין ניט אַפן קוואַרטיר א וואָך צײַט, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן צווישן די אַרבעטער...

דאַוויד האָט ווידער איבערגעקוקט דאָס פאַרשריבענע פאַפּירל.

— ער מיינט, אַז מע קאָן אָנטרויען און אַלץ איבערגעבן דורך אַרע צורע — „שפּאַר אין דער צורע"...

— איר ווייסט, ווער דאָס איז? — האָט זיך מאָטל אויפגעלעבט און געקוואַלן, — דאָס איז דאָך פון אַמאָליקער פּישקע לאָטיקס

בעוורע... ארע צורע. אינ אסטראג אנ אייגענער מענטש, זיצט דארטנ קעסיידער — פאר א סקאנדאל, פאר שלאגנ זיכ, פאר א גנייווע... ער איז ניט קיינ גאנעוו — ער פוילט זיכ אונ עס קלעקט אימ ניט קיינ קאפ דערופ, נאר ער ארבעט ניט... סיידנ די צייט, וואס ער זיצט אינ אסטראג, שיקט מענ אימ אפ ארבעט. אונ אז ער גייט ארויס פריי פונ דארטנ, זעצט ער זיכ אוועק אפנ בולוואר רוענ... רוט ער א טאג-צוויי הונגעריק, אונ טוט א שלעפ בא עמעצנ פונ דער האנט, ווי א פערד א בינטל היי פונ א זאק — א טייסטער, א קיישל...

— נו — אונ באוואכנט שוינ, וואס מע דארפ? — האט דאוויד געפרעגט.

— דאס צעטעלע האט הערשל דער אויוונמאכער היינט גאנצ פרי באקומענ, ער ארבעט אפ דער זעלבער געביי, ווו ארע צורע מיט די ארעסטאנטנ. הערשל האט עס איבערגעגעבנ שימענ מאלעכנ בא דער זארג-באנק. האבנ מיר שוינ אלצ אפגעמאכט — איסאק, מענדל אונ זאל-מענ. מ'האט שוינ צוריק אפגעשריבנ, צוגעשיקט פאפיראסנ. שימענ מאלעכ האט אפגעטראגנ. ארע צורע זאגט, אז דארטנ אינעמ קליינעמ כייערל אינ הויפ מיט די פרויענ זיצט א היגע סטודענטקע, א יידי-שע — איז ווי זאל זײַנ?.. שימענ ווארט אפ מיר... אויב מ'דארפ, וועט ער גייענ נאכאמאל. א באלמעלאכע א פארבער. מיטנ עמער אונ פענדזל קאנ זיכ ארומדרייענ אפ א געביי אלע טאג...

דאוויד האט פארשטאנענ, אז זיי מיינענ, צי וויל ער עפעס אנ-זאגנ פאר סלאווע גינזבורג, אונ וואס פאר א סימענ גיט מענ אפ, אז זי זאל אנטרויענ ארע צורע...

— מאטל, האלט אופ שימענענ; אינ א פערטל שעה ארומ קומט אינ ביבליאטעק.

ער איז געשווינד אוועק, נאר גלייכ האט ער זיכ אומגעקערט.

— מאטל!.. געדענקט: שימענ זאל זאגנ ארענ, אז אט דאס (וואס איכ וועל געבנ) זאל ער איבערגעבנ בעניענ פאר די סטודענטנ, אז זיי זאלנ עס ווי עס איז דערלאנגענ הארטנ, דער סטודענטקע... זיי וועלנ שוינ קאנענ...

— רעכט, — איז מאטל אוועק אינ אנדער זייט, נאר ער האט זיכ צוריקגעקערט.

— דאוויד! אויב איר מיינט, אז ארע צורע קאנ ניט איבערגעבנ

אינ די קאמערנ פונ די פרויענ, האב איכ שוינ דערגאנגענ... מ׳האט דאכ ארעסטירט אויכ די מאדיסטנ די געלע, זי איז געווענ ניט אפ־געהיט. האב איכ איר געוואלט עפעס אנזאגנ. זאגט ארע צורע, אז די אופזעערנ בא די פרויענ איז מיט אימ זייער גוט — זי האט האלט „טרוקענע קאפצאנימ“... וואבלע... האב איכ אימ צוגעשיקט צוויי „קאפצאנימ“.

4

אינ ביבליאטעק האט פײטל באגעגנט דאווידנ אופגערודערט אונ שמייכלענדיק:

— בעב ווארט שוינ?

— יע. אבער הערסט דאכ אנ אנדער זאכ...

— ווארט א ווײלע. גיב מיר א ריינ שטיקל פאפיר.

דאוויד האט דאס פאפירל באטראכט פונ ביידע זײטנ, צי איז עפעס ניט פארצייכנט דערופ. מאטל איז ארײנגעקומענ, צוגעגאנגענ צו פייגיבענ אונ געפרעגט עפעס א ביכל, אונ איז אוועק צו פײטלענ זיכ מעיאשעוו זײנ, צי נעמענ איצט דאס ביכל. דאוויד האט מיט א בלײפעדער אנגעשריבנ: „א גרוס פונ „וואנדערער“... גייענ וואנדע־רער“... ער האט דאס פאפירל צונויפגעדרייט, ווי א טרײבל פונ א מאכארקע־פאפיראס אונ פונ אויבנ די בריגנ פארקנייטשט.

„אט אזוי זאל ער עס איבערגעבנ — נאר טאקע די סטו־דענטנ... ניט דורכ דער אופזעערנ...“ האט ער אנגעזאגט מאטלענ.

ער האט זיכ געווענדט צומ שמייכלענדיקנ פײטלענ:

— וואס נאכ?

— ניט געווארנ וואקע... שוינ דריטער טאג... מיט דרײ טעג צו־ריק איז ער אופגעשטאנענ באגינענ אונ טוט זיכ אנ... דאבקינ אונ איט־קינ האבנ פונ שלאפ צעעפנט די אויגנ, זיכ פארוואונדערט אפ אזא פלײס פונ אימ מיטאמאל, אונ זײנענ ווידער אײנגעשלאפנ... א זייגער ניינ־צענ קומענ סימכע מיט לויבקענ אונ דערזעענ אפנ טיר פונ צימער דרויסנ א צעטעלע אנגעקלעפט, מיט גרויסע אויסיעס:

„איכ בינ אוועק. ווארט ניט אפ מיר אונ זוכט מיכ ניט... מער קומ איכ ניט אינ „קיינעמס צימער“... נידער מיט די עקסטערנע!— וואקע“. האט מענ געמיינט, אז עס איז א שפאס, וואקעס א

שפּיצל. וואַרט מען אַ טאָג, צוויי און דרײַ... הײַנט איז פערטער טאָג, און ניטאָ... געווען דאָ סימכע בײַ מיר. וווּהין איז ער אַוועק?...

— אין דער רעוואָליוציע... אין דער באַוועגונג... בעב איז שוין לאַנג דאָ?

דאַוויד האָט זיך אַרומגעקוקט און איז אַרײַן אין אַנדערן צימער.

— קוים זיך דערוואַרט...

— וואָס איז נײַטיק? איר האָט אָנגעזאָגט, איך זאָל אומבאַדינגט קומען...

— און אַז ניט נײַטיק?... זײַער פּאַרנומען, וואָס?.. — נאָר בעב האָט גלײַך געביטן דעם טאָן — ער ווייס שוין, אַז מיט דאַווידן איז ניט צו שפּאַסן. — הערט נאָר, דאַוויד, אין שטאָט איז אַ מהומע פון איין זײַט, און פון דער אַנדערער — אַ פּאַניק. מ'האָט אײַבערגעטרייסלט קימאַט אַלעמען — די ראַדיקאַלן אַפּילע... אויסער מיך אַפּאָנעם, ווײַל איך אַרבעט איצט מיטן פּאַפּאַ אין געשעפט... און אײַך אויך נאָך ניט, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, מ'האַלט אײַך עפּשער פאַר אַ שטיקל עקסטערנע, וואָס איז גערן אַבי עקזאַמען אויסהאַלטן.

— מיילע, וואָס ווילט איר זאָגן?

— כ'האָב נעכטן באַקומען — דורך מײַנע וועגן — צוויי בלעטלעך „איסקראַ", די לעצטע... ווילט איר דורכקוקן? ווו וועט איר עס איצט באַקומען, אַז ניט פון מיר?

דאַוויד האָט זיך צעקנייטשט — ער וויל פון בעבן ניט באַקומען — אָבער „איסקראַ"!

בעב האָט עס שוין פון קעשענע אַרויסגענומען.

דאַוויד האָט עס גענומען גיריק דורכקוקן. זײַן פּנים האָט זיך געהיצט, די אויגן — ווי פלאַקערן. ער האָט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס געריכערט און געשלונגען שורעס פון די בלעטער. אַמאָל פלעגט ער אויף אַ פּאַפּירל פאַר זיך פאַרצייכענען אַ וואָרט, אַ האַלבע פראַזע, עקסטרע אָנגעצייכנט אויפן פּאַפּירל צעוואָרפן: איין וואָרט אין איין ווינקל אויף איין זײַט, און אַ צווייט וואָרט דערפון אין אַן אַנדער ווינקל אויף אַן אַנדער זײַט... אָנצייכענען אַזוי, אַז בלויז ער אַליין זאָל קענען דערנאָך נאָך די „סימאַנים" זיך דערמאָנען און אויפשטעלן שפּעטער די נײַטיקע געדאַנקען...

בעב האָט מיט געדולד און רעספּעקט אָפּגעוואַרט, איז אַרײַן אין

ביבליאָטעק-צימער א קוק טאָג צי איז עמעצער פאראַג, און אָנגע־זאָגט פּיטלען, אז ער זאָל אכטונג געבנ...

דאַוויד האָט אימ צוריק אָפּגעגעבנ ביידע בלעטער.

— נו, גוטע סבורה'ע?! — האָט בעב זיכ געגרייסט, — ווילט איר עם נית מיטנעמענ?

— שוינ איבערהעלייענט. און גאַר? אָט האָם האָט איר מיר גע־וואָלט ווייזנ?

— אָט האָם... און איכ האָב געוואָלט זאָגנ: עפּשער דאַרפט איר אַנ אָרט, ווו צו באהאַלטנ עפּעס? איכ האַלט בא זיכ אינ דער היימ — צו מיר וועט מענ נית גיינ... און פאַר אַלעמ קאָנ איכ... דעמ פּלאַצ, ווו איכ בוי די זעגמיל האָב איכ שוינ ארומגעצוימט, א באַזונדער הויפ, שוינ געמאכט א בײדל דאָרט פאַר א שוימער — אנ אלטער ייִד זיצט דאָרט און היט — קאָנ איכ דאָרטנ אוועקלייגנ, וואָס מ'דאַרפ, ער זאָל היטנ...

דאַוויד האָט א טראַכט געטאָנ, אז בעב האָט עס געוויס געטאָנ אזוי מיט זײַנע אייגענע „טרייפע" זאַכנ, און וויל זיכ באַרימען, אז ער האַלט עס בא זיכ אינ דער היימ...

— דערווײַל דאַרפ מענ נית.

— עפּשער דאַרפ מענ געלט?

— ניינ.

— סלאַווע גינזבורג וועט מענ אינגיכנ באפרײַענ. די מאַמע איז געווענ באמ פאַלקאָוויק, דער פאָטער גינזבורג — באמ גובערנאַטער. און שטיינבערג. איז האָב פונ זייערע — אנ אדוואָקאט, מיט קענט־שאַפט! מײַנ טאַטע האָט אויכ אינ אנ אָרט פאַרוואָרפנ א וואָרט... מע האָט צוגעזאָגט די טעג ארויסרופנ איר אפנ צווייטנ פאַרהער...

XI. פונ א רעכטנ שידעכ — ווײַט

1

די פאַרזאַמלונג שאַבעס אינדערפרי איז געווענ בא לייעלענ. איר באַלעבאָסטע איז אָפּגעפאָרנ אינ א דאָרפ צו גאַסט, אָנקלײַבנ שוועמ־לעכ — ווען די ערשטע קומענ זונטיק.

די פענצטער, וואָס צומ גאָרטנ, האָט מענ פאַרהאַנגענ מיט קאָל־

דרעס, אונ אינ ציממער אנגעצונדנ א ליכט. בא דער קנאפער שײַנ האט דאוויד אנגעשטרענגט געשריבנ.

דרויסנ אפנ גאנעקל זײַנענ געזעסנ לייעלע מיט מאטלענ, אפ א בענקל אינ הויפל, דארט לעבנ צוגעמאכטנ פערטל — לייזעלע מיט שאלעמ חאטנער, אונ אינ געסל ארומ הויפל האבנ הינ אונ צוריק גע-שפאצירט ריוועלע מיט שלוימקענ.

מאטל פלעגט איטלעכע ווײַלע צולויפנ צו שאלעמענ:

— זאגסטו, אז מע האט פראדלענ ארעסטירט דארטנ? אינגאנצנ ארעסטירט....

— אינגאנצנ. — שאלעמ שמייכלט אומעטיקלעכ, — דו ביסט הײַנט „אינגאנצנ” א צעדרייטער: כ'האב דאכ דיר געזאגט: צוויי כא-דאשימ צײַט איז פונ איר קיינ בריוו ניט געווענ, אונ איצטער איז פונ א באקאנטנ אנגעקומענ א יעדיע, אז זי איז ארעסטירט... מיס-טאמע איז „אינגאנצנ” ארעסטירט.

מאטל גייט אוועק מיט אנ אראפגעלאזטנ קאפ: „פראדל! אכ, פראדל!“...

מענדל האט געעפנט די פארזאמלונג.

זאלמענ האט דערציילט וועגנ נײַע ארעסטנ. די לעצטע עטלעכע טעג האט מענ צוגענומענ צענ מאנ: פינפ גארבער, איינ נייטערנ, איינ סטאליער, צוויי שנײַדער אונ איינעמ פונ פאפיראסנ-פאבריק. בא מענד-לענ אפנ קווארטיר איז מענ געווענ מיט אנ אביסק... „איז גוט, וואס מיר האבנ מיט א פאר טעג פריער צוגענומענ פונ דארט זײַנ קעסטל מיטנ קיישל, אפגעשיקט צו סעהרגייענ אינ דארפ מיט זײַנעמ א בא-קאנטנ פויער פונ מארק, אונ...

— איכ בינ דא ניטא... — האט מענדל געשמייכלט, — אינ שטאט ניטא...

— נעכטנ אונ הײַנט נעכטיקט ער דא בא לייעלענ, — ווארפט ארײַנ כאנקע, — אונ מירנ געפינענ אנ ארט פאר אימ שפעטער אויכ... זאל ער נאכ ניט אנטלויפנ....

— בעניע שרײַבט דאכ, — מאכט איסאק, — ארע צורע האט געבראכט א צעטעלע פונ בעניענ: „כעווערע — בא אײַכ האט זיכ גע-שטעלט א בייג אינ האלדז”... האב איכ געזאגט, אז ער מיינט דאס א פראוואקאטער, א שפיאנ... אונ אינ נעכטיקנ צעטעלע, וואס ארע

צורע האָט געבראַכט, שרײַבט שוין בעניע קלאָר: „קינדער, זוכט אויף די פּאַסקודנע וואַנצן, וואָס האָט זיך צו זיך אַרײַנגעמאַכט"... מיסטאָמע ווייסן זיי עפּעס דאָרטן... כאַנקע און זאַלמען זײַנען זייער האָפער־דיקע, זיי טײַנען אַלץ: איסאַקס אופקלערענישן...

מען איז געוואָרן פאַרזאָרגט, אומרויִק און אַ ווײַלע — אַפּאַטיש. פון דער געפּרעסטער שטילקייט האָט זיך דאַווייד ווי אויפגעכאַפּט, האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן פונעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט געשריבן, האָט אָנגעקוקט אַלעמען אַרום און האָט ווי זיך דערמאָנט די רייד, איצט ערשט באַנומען אַלץ.

— כעוורע, אַן ציטערניש! — האָט ער פּעסט אַרויסגעזאָגט, — מ'דאַרף זײַן פּאָרזיכטיק און אָפּגעהיט. און — קאָנספּיראַציע! און די וואַנצן — מוז מען אויפזוכן! אָבער ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך!... איצטער זײַנען מיר זיכערער, ווי פריִער, בײַם מיר האָבן געאָרבעט אין אַן ענגן קרײַזל. מיר האָבן שוין אויפגערודערט ברייטע קרײַזן אַרבעטער און באַלמעלאָכעס. האָבן מיר שוין אויך אַ פרײַנטלעכע, אַן אייגענע סוויווע, וואָס היט אונדז, שיצט, וואָרנט. דאָס איז אַ קויעך! ס'העלפן אונדז אַפילע די, וואָס זײַנען נאָך ניט בײַ אונדז. אין אונדזערע רייען... פעסט און מוטיק!

פריילעכער איז מען אַריבער צו דער צווייטער פראַגע — וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַבריקאַנטן פון די גאַרבערײַען.

זאַלמען טיילט מיט, אַז די פאַבריקאַנטן לייגן פאָר, די גאַרבער זאָלן אויסקלײַבן פאָרשטייער, דעלעגאַטן אויף אונטערהאַנדלונגען. דער־חויפּט ריידן וועגן דעם מאַנאַסאָן און שײַנין. מאַנאַסאָנען קוועטשט עפּעס, טײַנעט ער: „מאַכט שוין אַ סאָף: אַהער, אַהין"... ער רעדט אַלץ מיט סעהגייען און פרעגט איִם אויס דערווײַל — ווער איז מער פאַרן שטרײַק: „אײַערע", די קריסטן, צי „אונדזערע" — די ייִדן?... שײַנין רעדט אַלץ מיט זאַלמענען. אַ יונגערמאַנטשיק אין פּענסנע, האָלט זיך פאַר אַן אויפגעקלערטן, פירט ער דיסקוסיעס מיט אים, מיט זאַלמענען: „זאַלמען, איר זײַט דאָך ניט קיין פּראָסטער אַר־בעטער. איר זײַט האָך אַן אָנגעלייענער, זעט אויס... ווי לייגט זיך אײַך אויפן סייכל אָדער זון, אין וואָס פאַר אַ בוך האָט איר עס אויס־געלייענט, אַז אַרבעטער און באַלעבאַטים..."

מענדל לאַכט: די באַלעבאַטים אינטערעסירן זיך זייער מיט אַרבעטער.

— פּלעכאַנאָוו זאָגט ערגעץ, — וואַרפט צו דאַוויד צו מענדלען: „די העכערע קלאַסן גיבן אַכטונג אויף די אַרבעטער מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט, ווי אַ גוטער טורמע־מאַשגיעך גיט אַכטונג אויף זיינע פאַרהאַפטע“....

דאַוויד האָט זיך ווידער אײַנגעבויגן צום פּאַפּיר און געשריבן.

מ'האָט באַשלאָסן, אַז אַלס דעלעגאַטן זאָלן פאַרגעלייגט ווערן: זאַלמען, שלוימקע, סערגיי, יאַשקע און מאָטל. מענדל זאָל ניט גיין אַלס דעלעגאַט, מענדל איז ניטאָ...

— און אַרויסשטעלן די פאַבריקאַנטן אַ טנאַי, — האָט דאַוויד צו־געגעבן, — זיי זאָלן גאַראַנטירן די פולשטענדיקע זיכערקייט פון די דעלעגאַטן, אויף זייער אַכריעס... און ניט אָנרופן פריער די דע־לעגאַטן.

— איצטער וועגן די נײַע שטרײַקן, — דערמאָנט מענדל. — איסאַק, רייד.

איסאַק האָט געטײַנעט, אַז מע דאַרף גלײַך מעלדן דעם שטרײַק אין דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק. אַז ס'איז גאָר ניט קיין שטרײַק, נאָר— אַ געלעכטער... דער פאַבריקאַנט וועט גלײַך נאָכגעבן.

דאַוויד האָט געוואָלט מאַסקימ זײַן: ס'קיטלט זיך עפּעס אַ גראַנדיע־זעס. און די דרוקער אויך, און באַ די שנײַדער... אַ שטרײַק נאָך אַ שטרײַק!.. זאָל עס אַרומנעמען גאַנץ שטאָט מיטאַמאָל!

— זאָל מען אַרײַנרופן שאָלעמען פון די דרוקער.

שאָלעם האָט זיך געהיצט, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען לעב אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער: — די דרוקער ווילן ניט וואַרטן. זײַנען די לעצטע... זיי זײַנען אַלע וויל־קענעוודיקע און פאַרשטייען זאַכן מער פון אַנדערע, — האָט ער אין פאַדיבל צוגעגעבן.

— הער, — האָט אים איסאַק פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, — אויס רייד, איר קאָנט זיך איצט ניט שטעלן, איר דאַרפט נאָך פאַר אונדז מאַכן אַ שטיקל אַרבעט... פאַר מיר!..—האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אויפן ברוסט און האָט גלײַך אַ ווינק געטאָן צו דאַווידן:

„צי איז ישוין פאַרטיק”?..

— אָט וועט איר דאָך נאָך האָבן בעסער ווי אַ שטרײַק... —ווינקט צו באַנקע לוסטיק.

— שאָלעם, — מאַכט איסאַק, — דו זאָג נאָר, אַז מע האָט אָפּ־

געליגנ דעמ שטרײַק אפ צוויי וואכנ צײַט. קיינ איבעריקע רייד דארפ מענ ניט...

שאלעמ איז ארויס ווידער צו ליזעלענ אינ הויפ.

— דאוויד, כא דיר איז פארטיק? לייענ איבער — האט איסאק פארלאנגט.

דאוויד האט אנגעהויבנ:

„ארבעטער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!"

— דאס איז גוט! — קוועלט אונ איסאק,—דאס געפעלט מיר אלע-מאל.

...„די שטימ, וואס האט זיכ געלאזט הערנ נאכ אפנ 1-טנ צוזאמענ-פאר פונ אינטערנאציאנאלנ קאנגרעס, האט זיכ ווי א רופ צו קאמפ צעטראגנ איבער מעדינעס, אומעטומ, ווו עס זײַנענ דא ארבעטער, וואס שמאכטנ אונטערנ יאכ פונ קאפיטאל, וואס מיט זייער מי שאפנ זיי פאלאצנ אונ ווילטיק פאר לייריקגייער, אונ פאר זיכ — נאר מור-מעס אונ קייטנ...

כאנסע האט צורעכט געמאכט דאס קנייטל פונעמ ליכט, וואס האט גענומענ שמעלצנ.

...„מיט פרייד זאגנ מיר אונ אונדזערע ברידער אונ שוועסטער, — האט דאוויד געלייענט שטיל, אבער אויסדריקלעכ, אונ אלע האבנ זיכ ארומ אימ געטוליעט, ווי ארומ א פײַער, וואס לײַכט אונ ווארעמט:— אז אויכ די היגע ארבעטלײַט, האנטווערקער, זײַנענ געקומענ צומ בא-וווסטזײַנ, אז דער גוירל פונ די ארבעטער איז אינ זייערע אייגענע הענט. נאר אונדזערע אייגענע הענט קאנענ אונדזער יאכ אראפשלײַ-דערנ, צערײַסנ די פענטעס פונ קאפיטאל, צעשמעטערנ די קייטנ פונ דער רעציכעסדיקער זעלבסטהערשאפט, א סאפ מאכנ צו אלע אומ-רעכטנ אונ ברענגענ א פרײַענ אונ ליכטיקנ לעבנ!

...„דעמ האזיקנ ווירקלעכנ עמעס פארשפרייט צווישנ ארבעטנדיקע ברידער אונ שוועסטער, אינ ווארשטאטנ, אינ די ארעמע גאסנ, אינ די ענגע שטיבלעכ; זאגט אונ, אז ס'זאמלט זיכ א גרויס כאיל פונ אלע לײַדנדיקע אונ פארפאלגטע אנטקעגנ דעמ בייזנ סוינע, וואס פאר-שפארט אונדז אינ קלעמ אונ אינ פינצטערער קנעכטשאפט".

...„ס'זײַנענ אופגעשטאנענ דורעס דערוואכטע — האנטווערקער עלטערע, הארעפאשניקעס מיט בערד, אונ יונגעלײַט אונ באכורימ אה-

בעטער. א דאָר נאָכ א דאָר, עלטערע און יִונגערע גלײַבנ אויס זײערע געבויגענע קערפּערס, גלעטנ אָפּ זײערע פאַרזאָרגטע פּנעמער, און קוקנ אַרויס פרײדיק אָפּ זײער באַפרײַונג, מוטער און לעבעדיק האַנט בײַ האַנט אינ מאַרש ווײַטער און ווײַטער—

...„נאָכ דעמ ערשטנ זיגערישנ שטרײַק בײַ א טײל סטאָליערס, שטרײַקנ איצט איבער הונדערט אַרבעטער, וואָס וועלנ אויסהאַלטנ זײער קאַמפּ ביזנ ענדגילטיקנ ניצחונ. באַלד קומענ אַנדערע טײלנ פונ דער הײַנטיקער אַרבעטערשאַפט. א פאַכ נאָכ א פאַכ, ווי מושטירטע מיליטער-טײלנ פונעמ גרויסנ אַרבעטער-קאַפּיטל וועלנ אַרויסטרעטנ אינ קאַמפּ.... אַרבעטער און אַרבעטערנס פונ אַלע פאַכנ, אַלע עקספּלואַטירטע און געקלעמטע! — מיר רופנ אײַכ צוזאַמענ מיט אונדז! אויפהײבנ די פאָנ פונ קאַמפּ, פעסטער און מוטיקער אינ מאַרש פאָרויס!

...„אומזיסט האָט די פאַרלאָרענע זשאַנדאַרמעריע און פּאָליצײ אויפגעהויבנ א טאַראַראַמ מיט אַביסקעס און אַרעסטנ. כאַפּנ אַרויס א צופעליקנ אינטעליגענט, א זײַטיקע פּערזאָנ, אַנ אומשולדיקנ אַרבעטער — אומזיסט אײַער טירכע! די אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיכ ווי א כוואַליע ברײט און האַסטיק צעלאָזט — פּרובירט נאָר וועד זיכ אַנטקעגנשטעלנ דעמ שטורעמ און דראַנג! אַנ אַרומגעשניטנ בוימ וואַקסט נאָכ העכער און געדיכטער! און פונ די וואָרצלענ וועלנ זײ דעמ בוימ ניט אַרויסרײַסנ — אַפילע די בייזע זשאַנדאַרמעריע! די וואָרצלענ זײַנענ צו ווײַט אָפּ דער ערד צעשפּרײט, צו טיפ אינ דער ערד פאַרוואָרצלט — זײ וועלנ דאָכ די ערד ניט אומקערנ אָפּנ בוימ...

...אײַערע טורמעס זײַנענ אַלט און צעפוילט. פּולווער שיט זיכ דערפונ...

נידער מיט דער אַלטער צעפוילקײט! נידער די גאָזלאָנעסדיקע זעלבסטהערשאַפט! נידער די רעציכעסדיקע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע! עס לעבע די ברידערלעכע קעמפנדע רײענ פונ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט!"

דאָוויד האָט פאַרײַכערט.

— אונטערגעשריבנ „דער אָרטיקער קאָמיטעט פונ רסדאַפּ." — האָט איסאַק זיכ צוגעבויגנ צומ פּאַפּיר, — גוט! מענדל, זאַלמענ, שרײַבט עס איבער געקסיוועט...

— צו וואָס? — האָט דאָוויד געפרעגט?

— דו מיש זיכ ניט, גיט דײַנ זאַכ...— האָט איסאַק אָפּגעשניטנ, — איכ'ל ניט געבנ דרוקנ א געשריבענע, אונ נאָכ מיט דײַנ האַנטשריפט...

— וואָס בינ איכ א בעגיאַכיד? איטשע בער, טו זיכ א קער — לאַכט דאַוויד.

איסאַק האָט ניט געענטפערט.

— דאַוויד, אַז בא אונדז וועט זײַנ סאָציאַליזמ, — האָט כאַנקע געשפּאַסט, — וועט האָב איסאַק געווים זײַנ א מיניסטער...

— איבער שריפט־אונ־געלעגנהײַטנ... — האָט דאַוויד אינ שמייכל פאַרענדיקט.

— גענוג וועט זײַנ א טויזנט שטיק אָפּצודרוקנ, — האָט איסאַק זײַנס ארויסגעזאָגט.

2

ווענ דאַוויד איז פונ דער זיצונג אַהיימ געקומענ, איז שוינ דער־טאַטע זײַנער געווענ אויפגעשטאַנענ פונ שלאָפ נאָכנ שאַבעסדיקנ וואַרמעס. ער איז געזעסנ מיט אנ אָפענעמ מויל אונ געוואַרט אַפ א גלאָז טיי. נאָר דאָס ווײַב כאַשע האָט אַפריִער דערלאַנגט עסנ דעמ זונ, וואָס האָט זיכ געווימ אויסגעהונגערט אַזוי שפּעט. ער האָט גע־מעגט אַפילע קומענ פריִער א ביסל שאַבעס, נאָר דאָס איז דאָכ שוינ אנ אַלטע זאַכ... אָפּגעשטעלט עסנ פאַרנ זונ אַפנ איינ ברעג טיש, האָט זי שוינ פאַרנ מאַנ אַוועקגעשטעלט א גלאָז ברוינע טיי, עפּעס כאָדנע געדיכטע אונ צעברויזטע, וואָס האָט זיכ א מעסלעס אינ לייטענעמ ליאַק געקאָכט אינ אויוונ. בערע אינ די ווײַסע אַרבל פונ אונטער דעמ צעשפּיליעטנ וועסט האָט זיכ גיריק צוגערוקט צומ ברעג טיש.

די מאַמע האָט אינ די אויגנ געקוקט דעמ זונ אונ האָט פאַר־דראָסיק געזאָגט:

— אַזוי שפּעט — וואָס פאַר א טאַמ קאָנ עס שוינ האָבנ...

בערע האָט שוינ אָפּגעזופּט א האַלבע גלאָז טיי, האָט ער אָפּגע־שטעלט דאָס גלאָז אַפנ טעצל, אָפּגעריבנ אַפריִער מיט א סקריפּ די רעק פונ גלאָז אָנ טעצל, דעמלט האָט ער א וויש געטאָנ די וואָנצעס אונ ארויסגעזאָגט פאַרביסנ:

— א דאַנק, אַז מע קומט כאָטש... אָט האָט מענ צונויפגענומענ אונ פאַרזעצט א גאַנצע כעווראַ... פונ „זייערע" מיסטאָמע... גינזבורגס טאָכטער אַפילע... מײַדלעכ אויכ... אַלע ווי איינע...

ער האָט אויפגעהויבן זײַנע קאַרע, קלוגע אויגן — צופרידן פון זײַנע ווערטער.

— זאָל גאָט אויסהיטן! — האָט באַשע א טרייסל געטאָן מיט די הענט און טקענען דאַווידן, ווי צו שיצן, — וואָס עפּעס פאַרזעצן?

— דו ווילסט ניט? אָבער זיי ווילן — בעווּרע וויל, אַז מ'זאָל זיי פאַרזעצן... וואָרעם וואָס האָט געפעלט זיינגבורגס טאָכטער אין דער היים? ווייל זי האָפּקע אין טורמע... און וואָס וויל דײַן דאַוויד?

— וואָס עפּעס דײַן דאַוויד?.. דו האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דײַן פאַרקערטן לאָשן...

— מײַן דאַוויד איז אַזוי גוט, ווי דײַן דאַוויד... זוכט אין די גאַסן איטשע־בערן און נאָך עפּעס א באַלמעלאָכע, וואָס קאָן א רימען אָפּשאָבן...

דאַוויד האָט געשמייכלט, און די מאַמע האָט זיך געערגערט:

— מיר זײַנען אויך באַלמעלאָכעס... און גאַסיקע באָכערים — וואָס קאָנען שטערן? אַט איז דאָ אַנומלט געקומען צו דאַווידן, צו אונדז אַהיים, האַמבורגערס א טאָכטער... און'ט זיך ניט געשעמט מיט אונדז....

זי האָט געקוקט לאַנג אָפּן מאַן מיט אויגן פולע מיט ווערטער פאַרבאָרגענע, ווי געזאָגט — אָט וועגן וואָס מע האָט באַדאַרפט מיט דאַווידן ריידן.... זי האָט בערען גלײַך דעמלט דערציילט, זיי האָבן צווישן זיך א סאַך גערעדט פון דעם, און נאָך מער געטראַכט דער־פון יעדערער פאַר זיך.

— האַמבורגערס א טאָכטער געווען דאָ, — טוט בערע א פינקל מיט די לעבעדיקע אויגן, — מיסטאָמע וויל זי אויך אין טורמע... איז זי געקומען צו דאַווידן פרעגן, ווי קומט מען אַרײַן אַהין?.. וואָס רעדן? דו מיינסט עפּשער, אַז זי איז געקומען א שידעך טאָן מיט דיר...

— וואָס ווייס איך, — האָט באַשע טמימעסדיק געענטפערט, — אַז דאַווידל דערציילט גאָרנישט... אַן אַנדערער וואָלט דערציילן: „מאַ־מע, הײַנט וועט צו מיר קומען האַמבורגערס טאָכטער", וואָלט איך אויפגערוימט.... אַזוי האָט מיר דאָס פּאָנעם געפלאַמט...

— עס מאַכט ניט אויס, — האָט דאַוויד געוואָלט טרייסטן דער מאַמען.

— עס מאַכט גרינלעך אויס, — האָט די מאַמע ערשט פאַריבל־

דיס געזאָגט, — מיר זײַנען אָרעמע, אָבער ציכטיקע מענטשן.... וואָס האָט ניט געקאָנט זײַן עטוואָס רײנער?

— דו ביסט איר, מאמע, אזוי אויך געפעלן געוואָרן, — האָט דאַוויד געשמייכלט.

— פון א מאמען איז ניטאָ וואָס צו לאכן...

— איך זאָג ערנסט, מאמע, ווי האָט מיר געזאָגט: „אײַער מוטער איז מיר געפעלן".

בערע האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט נאָך מער אראָפּגעצויגן זײַן לאַנגע נאָז און געקוואָלן אין זיך:

— אז די מאמע געפעלט, איז דאָך דער זון אוואדע און אוואדע — האָט ער צופרידן ארײַנגעזאָגט אין גלאָז ארײַן — וואָס רעדן וועט זי גיין אהער אין געסל צו דאַוויד באַשעס?..

— געבן דיר א גלאָז טיי, זונעלע? — האָט די מאמע געפרעגט.

דאַוויד האָט א שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אָפּ ניין.

— מ'קאָן עס רעדן, — האָט בערע א זאָג געטאָן צום ווײַב גאנץ הויך, — א שאדכן וועט אלץ דערהיין....

— וואָס דאַרפט איר זיך מאטערן זײַן... — האָט דאַוויד געשמייכלט — וואַרט ביז וואַנען מ'וועט צו אײַך שיקן א שאדכן...

— אז דו ביסט איינמין, ווייסטו זען מיסטאמע, אז מע זאָל אהער קיין שאדכן ניט שיקן... פון א רעבעטן שידוך — ווײַט...

— גענוג, מער וויל איך ניט... כ'וויל ניט הערן.... — האָט זיך דאַוויד אָפּגעקערט.

— גוראַו... — האָט בערע אויסגעצויגן און צעשפּרייט די הענט.

א ווײַלע האָט ער עפּעס מיט א פינגער געקלאַפּט אין טיש: טאַ! טאַ! טאַ! שפּעטער האָט ער אין דער שטיל אָנגעהויבן צו באַשען:

— נו, וואָס האָב איך איר געזאָגט? זי איז געקומען פרעגן בא דאַווידן ווי זעצט מען זיך ארײַן אין טוחמע?... מער ניט.... — ער האָט ארויסגעקוקט אין פענצטער פאַרטראַכט און געוואָרט, אז באַשע זאָל אים האַפּקע אײַנרײדן, אז ס'איז א שידעכזאַך...

— איך בין ניט אזא קאַוויטע, ווי דו, — האָט באַשע געטײַנעט, — איך מיין, אז א רײַכע מיידל זאָל קומען צו אונדז אין שטיבל, איז איר דאַווידל געפעלן....

בערען האָבן די ווערטער געקילט, נאָר ער האָט נאָך מער פֿאַרלאַנגט.

— איך זע דאָס נאָך ניט....

דאַוויד איז אויפֿגעשטאַנען, האָט געעפֿנט דעם אַלמער און זיך געפּאָרעט דאָרטן אַהינטערן טיר׳ל. בערע האָט געוווּסט, איז זיכער געווען, אַז דאָס נעמט ער דאָרטן פּאַפּיראָסן — „שאַבעסדיקע”... נאָר מײלע, וועגן דעם שוין לאַנג אָפּגערעדט....

דאַוויד האָט צוגעמאַכט דעם אַלמער און גענומען זײַן היטל.

— דאַוויד! — האָט בערע גערופֿן און צוגעווינקט, ער זאָל צוגיין נעענטער, — מײלע, שידוכים.... אָבער זאָג מיר אָפּן: וואָס וועט זײַן מיט דער טורמע?

— וועלכע טורמע?

— יענע טורמע, וואָס נאָך די „נײַע הײַזלעך” — דער אָסטראָג, וווּהין מ׳האָט אַרײַנגעזעצט איבער א מיניען מענטשן. — וועט מען דיך אויך אַרײַנזעצן?

— ווער ווייסט?

— וואָס הייסט, ווער ווייסט... — האָט בערע צעשפּרייט די הענט, — אַלע ווייסן דאָס אָפּריער. ווער עס וויל, זיצט, און ווער עס וויל ניט, זיצט טאַקע ניט...— בערע ציילט ווערטער.— קום נעענטער, איך וויל ניט שרײַען, זאָלן לײַט ניט הערן...

— איז שרײַ טאַקע ניט... — האָט באַשע אין שרעק זיך געבייזערט.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן פֿאַר טורמע? — האָט דאַוויד געזאָגט געלאַסן אין שמייכל, — מ׳וועט דאָרטן אויך ניט פֿאַרפֿאַלן...

— אָ! אָ! — האָט זיך בערע א וואָרף געטאָן און אָנגעשטעלט די אויגן אויף ווײַב, — אָ! דאָ איז די רעכטע סאָקאָנע:* אַז מ׳האָט שוין קיין מורא ניט פֿאַר טורמע, אַז מ׳איז שוין מאַסקים אויף טורמע, געמאַכט בײַ זיך א העסקעם...

— הער אויף! — האָט באַשע אָנגעשריִען פֿאַרקלעמט. — דו זאָלסט אויפֿהערן! „מאַסקים”... דאַווידל איז ניט מאַסקים, און האָט בײַ זיך קיין העסקעם ניט געמאַכט... דער כּעס אין דער פֿאַרשפּאַרעניש!.. טפֿו! טפֿו! טפֿו!

— זי שפּײַט, — האָט בערע אױסגעקלאָכט, — זי שפּרעכט אָפּ אײַנאָרע, אַז דער זון זאָל ניט פֿאַרפֿאַלן װערן אין די טורמעס...

— בערע! — האָט באַשע אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, — דו זאָלסט זיך שױן די צונג אָפּבײַסן... אַלץ רעדט ער...

— נו, איך גײ אַװעק, — האָט דאָװיד צעבראָכן זיך געקערט צום טיר: אַ מאַמעס װערטער זײַנען הױלע יעסורים...

— זונעלע, — האָט די מאַמע האַרציק אָפּגעהאַלטן, — דו זאָלסט ניט קומען שפּעט... און גײ ניט אַרום, כאַלילע, װוּ מ׳דאַרף ניט...

— דער איקער, — האָט בערע צוגעגעבן, — דו זאָלסט גיט אײַלן... דאָװיד האָט צו אים אומגעקערט דאָס פּנים.

— כ׳מײן, דו זאָלסט כאָטש ניט קריכן אין טורמע פֿאַר דער צײַט... קאַלומאַנס מ׳קאָן, דאַרף מען זיך אױסדרײען... איך װײס, װאָס איך רײד, — האָט ער מיט אַ פֿינגער צוגעטײַטלט צו באַשען, װאָס האָט אױף אים די אױגן אָנגעשטעלט, — בעטן זיך אין טורמע דאַרף מען ניט... און װאָס ל׳ענגער מע דרײט זיך אױס אַ טורמע, איז אַ געװינס! עפּשער װעט מען אין דער צײַט פּאָטער װערן פֿון „זײ" אָן טורמע... איז דרײ זיך ניט אַרײַן! דו זאָלסט ניט אײַלן...

דאָװיד איז אַװעק.

3

מאָטל איז צעטומלט, מאָטל איז פֿאַרבײזערט. װידער אַרעסטירט. װײַטער אָביסקעס...

באַגינען לױפֿט ער שױן אַרום אין די גאַסן: װוּ האָט מען גע־זוכט, װעמען האָט מען צוגענומען...

— און די װאַנצ — די „פּאַסקודנע װאַנצ" װי דערטאַפּט מען...

— מאָטל! מאָטל! — מינטערט אים עמעצער, — מאָטל!

— גײ צו אַלדי רוכעס! אומעטום ביסטו פֿול... — טרײסלט זיך אָפּ מאָטל מיט די הענט און מיט די פֿיס פֿון מעשאָשקע דרײפֿוס, װאָס האָט זיך מיט זײַנע חאַרע הענטלעך אָנגעקלאַמערט אָן זײַן רעקל.

— דו גײסט און דו שלאָפֿסט אַפּאָנעם? איך װיל מיט דיר עפּעס רײדן.

— און איך וויל מיט דיר ניט ריידן.

— גרויס געוואָרן בא זיך, מאָטל! כ'האָב דיך געזוכט — ווו ביסטו געווען?

— א כוילע געווען. וואָס גייט דיר אָן?

— איך וויל דיר דערציילן....

— פון דיין זשאנדאר — ברענט בייזע אפן פייער! גערעדט, איך האָב דיר אמאָל געוואָרנט, אז ניט נאָר די אנדערע פוס — גאָר דעם קאָפּ וועלן מיר דיר צעברעכן, אויב נאָר וואָס... און — לאָז מיך צורו...

— מאָטל! מ'קאָן גאָר מיט דיר ניט ריידן — דו ביסט בייז!.. איך פארשטיי...

— אלץ פארשטייסטו?! גיי אין דער ערד, מענאשקע! און לאָז מיך צורו...

— מאָטל! אייך איז ניט גוט, מ'האָט זיך פאר אייך גענומען... היינט באנאכט האָט מען ווידער ארעסטירט פון אייערע כעוורע...

— פונוואנען ווייסטו, מענאשקע? פונוואנען! — מאָטל האָט נעסקריפעט מיט די ציין, — מענאשקע! דו וועסט האָבן א ביטערן סאָף...

— איך? פארוואָס עפּעס איך?... דו ביסט גלאט עפּעס היינט בייז, ווי אן אָנגעריסענער געשוויר... איך?! אדרעראבע: איך זע אייך צו העלפן מיט וואָס איך קאָן... אָט איז דאָ עפּעס א באָכערל פון א דערבייזיקן שטעטל — פון אייערע... מ'האָט אים אין שטעטל פארגומען מיט עפּעס א ביכל, און מ'האָט אים אהער געבראכט אין אָסטראָג... איז ער געזעסן און געזעסן....

— דו דרייסט א קאָפּטער, מענאשקע, — ס'האָט חערעסן... וואָס א באָכערל?

— מיט א פאריסן נעזל... דו קענסט אים מיסטאָמע — אזא נעזל, אז די נאָזלעכער קומען בא אים אויס פון אויבן, ניט פון אונטן — אזא פאריסן נעזל...

— לאָז מיך צורו... — האָט מאָטל זיך קימאט געבעטן.

— אָבער א ווויל באָכערל, א ראכמאָנעסדיקס, א שטילס... דו מאכסט אן אָנשטעל, אז דו קענסט אים ניט...

— וואָס האָסטו זיך צוגעבונדן? — האָט מאָטל קרענקלעך געשמייכלט.

— אָט דאָס באָכערל האָט מען דאָ מיט אַ חדש וואָכן צוריק באַפרײַט פון טורמע, נאָר אַהיים לאָזט מען אים ניט פאָרן... אַזוי האָט ער מיר געזאָגט — איך האָב אים דערזען אויפן בולוואַר, אַליין נעבעך אַ פאַרזאָרגטן... האָבן מיר זיך צערעדט — ער האָט מיר אַלץ דערציילט. ער זוכט אַ צימער צווישן אַרבעטער, צווישן די גאַרבער אין נײַ־שטאָט וואָלט געוועזן זייער גוט לעבן אַזאַ בעוורע... וואָרעם ער איז דאָך אויך אַזאַ... האָב איך אים ראַכמאָנעס געהאַט און באַקאַנט געמאַכט מיט טעוולען...

— מיט טעוולען, וואָס מ'האָט אַרעסטירט! — האָט מאָטל אויסגעשריִען.

— מאַכט זיך אַן אומגליק און מ'האָט אים אין עטלעכע טעג אַרום אַרעסטירט... און מאַציקלען אויך אַרעסטירט... נאָר ער האָט זיך שוין באַקענט מיט אַנדערע..

— און דו קענסט זיך מיט טעוולען? — האָט מאָטל נאָך שטאַרקער אויסגעשריִען.

— וואָס פאַר אַ בייז וווּנדער איז אויף דיר היינט אָנגעפאַלן? איך קען אַ סאַך פון אַנדערע, איך קען בענציען, מאַימען, וואָס מ'האָט אַרעסטירט...

מאָטל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן רעקל אויף זײַנע שפּיצעכיקע אַקסלען, אַז ס'האָט זיך געדוכט — ער וועט אים זײַנע ביינער אויסטרייסלען, ווי פון אַ זאַק...

— מענאַשקע! זע, מענאַשקע! אומזיסט בלוט גיסט זיך אין די גאַסן... מיר וועלן אויף נאַרנישטן ניט קוקן.. ווער עס וועט פאַטערן אונדזערן אַ מענטשן, וועלן מיר יענעם פאַטערן... דו הערסט, מענאַשקע, דו הערסט?.. מע-נאַש-קע-ע!..

מאָטל איז געוועזן רויט, די הויט אויפן פּנים האָט געציטערט, און ער האָט מענאַשקען אומגעטרייסלט, אַז זײַן קראַנקער פוס האָט זיך, ווי אַן אָפּגעריסענע שמאַטע, אינדערלופטן געהוידעט.

— מאָטל, דו ביסט היינט פון זינען אַראָפּ... — האָט מענאַשקע קוים אָפּגעסאַפּט.

— אַראָפּ פון זינען... אַזויפיל מענטשן אונדזערע האָט מען פאַרשפּאַרט... וואָס מאַכסטו שטיק? אַ פּאַסקודנע וואַנץ האָט זיך אַרײַנגעמאַכט... עמעצער דרייט זיך אַרום, — האָט ער מיט די ציין

געסקריִעט, — מע זאָגט אויס.... מע מאַסערט... מע ווייזט אָנ —האָט ער ווידער א טרייסל געטאָנ מענאַשקען, — דו — וואָס דרייסטו זיכ ארומ... גיוואַזעק איינער!.. מיר וועלנ די צונג אויסדרייענ!... מירנ נאָכ דערגיינ ואקוראַט... מירנ כאַפּנ פאַרנ האַנט, א—אַי!.. פּאַסקודנע וואַנצ! מאַסערנ ,אונדז... אזא וואַנצ...

בא מענאַשקענ האָבנ זיכ די אויגנ אויסגעדרייט, אונ זיינ מאָגערפּאָנעמ איז בלאַס אונ אויסגעצויגנ געוואָרנ. א ווײַלע איז ער געשטאַנענ געלעמט, אָנ לאָשנ, אָנ באַוועגונגענ. באַלד האָבנ טרערנ זיכ א לאָז געטאָנ איבער זיינ פּאָנעמ אונ זיינ צעקרימט מויל האָט הויכ געכליפּעט:

— הע־ע=ע.. דו מיינסט: איכ... ווי איז דיר ניט מיִעס, מאָטל? הע־ע־ע... נאָ, האַרגע מיכ, אויב איכ... נא דיר מיינ קאָפּ... כ׳וועל דערגיינ, ווער עס מאַסערט... אפ מיר טראַכטנ — הע=ע=ע... מאָטל, איכ בינ ניט קיינ אנטלאָפענער, איכ בינ דאָ א היגער... אויב איכ, וועל איכ אליינ קומענ צו דיר: נא, מאָטל, צעקנאַק מיכ ווי א לויז!..

— טפו! — איז מאָטל שנעל אוועק פונ אימ מיט א שווער געמיט אונ פאַרפּלאָנטערטע טריט — צערודערט אונ טריב.

XII. „פּידזשאַקלעכ אונ העמדלעכ"

1

הוטנער האָט כאַראַקטע געהאַט, האָט מענ אימ אינ מויל אריינגעקוקט, ווי ער קייט די אונטערשטע ליפּ מיט א שטיק באָרד אינ דעמ, אונ מע האָט ניט דערהוידערט.

מאַנאַסאָנ האָט שוינ לאַנג געטייגעט מיט אלע איבעריקע, אז „מע דאַרפ מאַכנ א טאָלק מיט די גאַזלאַניִמ". דאָס ביסל געלט איז פאַרשטעקט אינ פעל, וואָס וואַלגערט זיכ, ווי א שטיינ, אפנ בוידעמ פונ פּאַבריקל אונ אינ שפייכלער. פּאַרטיקע סכוירע האָט זיכ אויסגענומענ, וועקסלענ שפּרינגענ אונטער, דאַרפ מענ זיי אויסקויפנ, אונ קיינ נייע וועקסלענ אפ דיסקאָנטירנ איז ניטאָ. האָט מענ געפּרוווט גיינ צו הוטנערנ ריידנ מיט אימ. האָט ער זיכ געבייזערט: — „בעשומויפנ ניט! אויב אפילע נאָכגעגעבנ — דאַרפ מענ „זיי" אויכ פריִער אָנלער־

נען, אַז זיי זאָלן גוט געדענקען, די לײַדאַקעס!.. וואָס האָט אײַך אַזוי אָנגענומען?".

— וועקסלען „ווערן פעליק", און ניט אַלע האָבן בײַגעשעפּטן און אויסלאַק...

— אין „וואָזאָיִמני" ווייס מען, וועט מען אָפּהאַלטן, איך האָב שוין געהערט... מ'וועט ניט אַרויסשטעלן, קאָלזמאַן דער שטרײַק... נאָר — זײַטיקע וועקסלען — מיילע, נאַ דיר, מאַנאַסאָן, מײַנעם אַ בלאַנק... וויפֿל? 500 דערווײַל? נאַ דיר פֿינף בלאַנקען צו הונדערטער — דרײַ־ סאַהאָשימדיקע... וועט „זיי" געבן זײַן צו קרענקען?... איך ריזיקיר ניט — איך האַלט, אַז איר זײַט נאָך אַלע אין מײַמעד, און זיי וועלן בלײַבן די שלעפּערס...

האָט עס אויף אַלעמען געמאַכט אַ גוואַלדיקן אײַנדרוק: אַז הוטנער קריכט אפֿן טיש, מאָג מען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן.

טעג גייען און וועקסלען „לויפֿן אָן": הײַנט בײַ דעם, מאָרגן בײַ יענעם. הוטנער וועט ניט געבן אַלע טאָג גײַע „טויזנט־וועקסלען".

נאָר צו הוטנערן האָט מען אָפּשוין צו גיין. ערשט אָפּגערעדט מיט אים. און מיטאַמאָל האָט הוטנער אַליין אָנגעזאָגט, אַז מ'דאַרף פֿון די „כשורעלײַט" אַרויסרופֿן עטלעכע לײַדאַקעס... וויפֿל זײַנען דאָ פֿאַבריקאַנטן? זיבן. איז זאָל זײַן פֿון די „כשורהע באַרוועסע" — פֿינף, נעמט וועט זיי זײַן... „רופֿט צונויף בײַ וועמען איר ווילט—נאָר ניט צו מיר אין שטוב... איך וואָלט מיט זיי ביכלאַל ניט רייטן, נאָר דער „פּראָוויטעל" האָט מיר געגעבן אָנצוהערעניש—צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן — אַז דער גובערנאַטער פֿאַרלאַנגט, מ'זאָל מיט דעם מאַכן אַ סאָף... אַזאַ ערעוואַו פּוסטעפּאַסעוועט, קאָן עס פֿירן צו אַן „אויפֿ־ ברויז אין די מויסעס"... ווײַל ער, דאַרף מען אים ווייזן"...

האָט מען אָנגעזאָגט, באַשטעלט דורך יויסעף־מייערן דעם מאַש־ גיעך, אַז די באַגעגעניש זאָל זײַן בײַ מאַנאַסאָנען אין דער היים. האָט הוטנער ערשט סאַראַטע געהאַט.

— עס טויג ניט, — האָט ער געקײַט די אונטערשטע ליפּ, — ניטאָ מיט וועמען צו פֿראַווען צדאָדים... פֿינף אויסגעקליבענע... וועלן זיי אָפּקלײַבן די סאַמע אָנגעלערנטע, וואָס וועלן קומען לערנען מיט מיר... און גיב זיי נאָך אַרוועס?... אויף אונדזערע אַכרײַעס!.. גיי היט זיי... איך האָב ניט די געלערנטע, איך בין אַליין אַ געלערנטער.

זאָלן קומען אַלע, דאַפּקע אַלע, און צו מיר אין דער גרויסער פֿאַבריק, די גאַנצע כעווּרע — וועל איך מיט זיי רייִדן.

האָט זיך עס ווידער אָפּגעלייגט אַף עטלעכע טעג.

2

— אַט דאָס איז דער אָווילעם?..— האָט הוטנער מיט ביטל אַ זאָג געטאָן צו פּערלשטייטנען, וואָס איז געזעסן לעבן אים — די פּירושאַקלעך און די העמדלעך... נו, נו...

— די פּירושאַקלעך און די העמדלעך... — האָט פּערלשטיין געבילט איבערן גאַנצן מאַגאַזין, און אַלע איבעריקע האָבן זיך צוגעבויגן איינער צום אַנדערן און איבערגעסאַזערט מיט האַנאָע דאָס „גוט ווערטל" — די „פּירושאַקלעך און די העמדלעך"...

— אויבעכיין, — האָט הוטנער הויך זיך געווענדעט צו די פֿאַרזאַמלטע, — זײַנען אַלע דאָ? ניט אַלע, אַפּאַנעם... עס פֿעלן... אַט איך ווייס, דער שוואַרצינקער, אַ ניטהיגער, רוקט זיך... און דער — הער, וואָס האָט מיר אָפּגעזאָגט דעם פּאַסעק...

— וואָס איר האָט אָנגעמערקט... און געמאַכט אַף זיי סימאָנים?.. האָט זאַלמען פֿון דער ערשטער רײַ איבערגעריסן אין צאָרן.

— און די, וואָס זיצן שוין אין טורמע, זײַנען אויך אײַערע געמערקטע מיט סימאָנים?... — האָט אַהינטער זאַלמענען באַלד אויסגעשריִען מוישקע.

— מיר מערקן קיינעם ניט, און מיר פֿאַרזעצן קיינעם ניט... — האָט שוואַרצמאַן זיך געווענדעט צום אויפֿגערודערטן אָווילעם.

— דאָס איז ניט אונדזער טורמע, — האָט שיינין אַרויסגעזאָגט.

— אונדזערע אַוואַדע ניט... — האָט מען געשריִען פֿון די פֿאַרזאַמלטע.

— וואָס האָט איר אַ טומל געמאַכט? — האָט מאַנאַסאַן אַרויסגערוקט, — מ'האָט דאָך נאָר געפֿרעגט: צי אַלע זײַנען דאָ.

— אַלע!

— זײַנען דאָ אַלע, זאָגט איר?—האָט הוטנער ערשט גענומען קײַען די אונטערשטע ליפּ, — די, וואָס מע האָט פֿאַרזעצט, האָבן מיסטאָמע קיין ספּילן ניט געלייגט... — האָט ער אַרויסגעלאָזט די

באָרד פונ מויל אונ געוואָלט זיכ ווערטלענ.—זײַנענ אַלע דאָ? אובע־ כײַנ... ווילט איר עפּעס זאָגנ...

— מיר האָבנ שוינ אונדזערס אָפּגעזאָגט, — האָט זאַלמענ גע־ ענטפערט.

מוישקע האָט זיכ א קער געטאָנ צו די הינטערשטע רייענ אינ עפּעס צוגעווינקט.

— אונדזערס האָבנ מיר שוינ לאַנג אָפּגעזאָגט, — האָבנ זיכ דער־ הערט קולעס.

— עמעס, עמעס, כ'האָב פאַרגעסנ: איר האָט אָנגעהויבנ... אובע־ כײַנ: אַז איר האָט אָנגעהויבנ, דאַרפט איר ענדיקנ...

— ווענ מ'וועט דאַרפנ, וועלנ מיר ענדיקנ.... — וואַרפט שלוימקע אונטערעגט.

— אַפּאָנעמ, נאָכ ניט צײַט צו ענדיקנ...—שרײַט עפּעס יאשקע פונ דער נאָענט.

— מיינט איר, אַז נאָכ ניט צײַט צו ענדיקנ — צו פרי נאָכ פאַר אײַכ.... אובעכײַנ....

— צו פרי נאָכ פאַר א ײַכ אַפּאָנעמ..—שטרײַכט אונטער זאַלמענ.

— אובעכײַנ...—קערט אומ נאַטקע דאָס פּאָנעמ אַהינטער אונ ברומט אינ שפּאָט.

— וואָס ציט ער די אַצאַמעס?... — מורמלט מענ אינ די רייענ.

— שאַ, — וויל שײַנע בארויקנ, — זאָל זײַנ שטיל, וועט מענ קאָנענ עפּעס דורכריידנ.

— ווי איז באַ אײַכ, כעווריע, — האָט הוטנער געגומענ קײַענ די ליפּ, — איינער זאָגט, אונ אַלע הערנ, אָדער אַלע זאָגנ אונ קיי־ נער הערט ניט...

מאָטל האָט אופגעציטערט, זיכ א ריס געטאָנ פאָרויס, נאָר זאַלמענ האָט אימ אָנגעכאַפּט פאַרנ רעקל אונ אָפּגעהאַלטנ.

— שאַ־אַ... — האָט מוישקע געשטילט די פאַרזאַמלטע.

— כ'מיינ, צי מ'קאָנ זיכ מיט אײַכ צונויפריידנ, — האָט הוט־ נער זיכ צערעדט, — א כעווריע דאַרפ אויכ האָבנ א כעזשבנ, ניט גלאַט „ניע זשעלאַיעמ״... שוינ א מאָנאַט, מער, ווי איר אַרבעט ניט. דאַרפ עס דאָכ האָבנ א סאָפ.... כעווריע שטרײַקער זײַנענ דאָכ אויכ ניט קיינ מאַלאָכימ...

— עסנ האַרפּ מענ, — האָט אַרײַנגעזאָגט מאָנאָסאָנ, — אונ אַ פּאַפּיראָסל...

— אונ אַ לאַפּיק אָפּ אַ שוכ! — האָט הוטנער באַדײַטנדיק אויס־געחריקט, — פּוסטעפּאַסניקעס גייענ אַרומ מער, רײַסט מענ שטאַרקער די שיכ... איז דאָכ אַ לאַ־פּיק!.. אונ ווער ס'האָט אַ פּדוי אונ קינד, איז אַ האַכמאָנעס....

— אָנ אַנדער האַכמאָנעס... — האָבנ עטלעכע מיטאַמאָל גע־שריִענ.

— מ'וועט צו אײַכ ניט קומענ בעטנ...

— אובעכיינ... — האָט נאָטקע שויג אָפּנ געלאַכט.

— טאַקע אובעכיינ, — האָט הוטנער געשאָקלט מיטנ קאָפּ, — איכ צאָל אַ שוימער געלט, ער זאָל היטנ די לייִדיקע ווענט... עפּשער אָפּרעכענענ דעמ שוימער אונ אָפּזאָגנ זיכ פונ פאַבריק..

— שריעק די געוואַלד!..

— זאָל זײַנ אויס פאַבריק, אַז מענטשנ ווילנ הונגערנ, צי פּוס־טעפּאַסעווענ...

— כעוורע, קומט! — האָט מאָטל זיכ צעשריִענ, — קומט, כעוורע!

— וואָס קומט? — האָט מיטעלמאַנ געכאַפּט, — וווהינ האָט איר צי אײַלנ? כי־כי... זייער פּאַרנומענע מענטשנ.... ער שרײַט גאָר: „קומט"...

— צי אײַכ שטייט ניט אָנ, וואָס מע זאָגט אײַכ — גרויסע באַל־גײַוועס געוואָרנ... — האָט זיכ שיינינ אַרויסגערוקט, — קאָלזמאַנ מע רעדט....

— וואָס זאָל מענ א סאַכ מײַריב זײַנ? — האָט מאָנאָסאָנ אַרויס־געכאַפּט, — סאָפּ פּאָסעק: מיר ווילנ אײַכ נאָכגעבנ...

— ניינ! ניינ! — האָט זיכ הוטנער צעבייזערט. מאָנאָסאָנ האָט זיכ אָפּגערוקט.

— מיר ווילנ ניט נאָכגעבנ! מיר ווילנ זייער ניט!.. — האָט הוט־נער אויסגעדריקט.

די פּאַרזאַמלטע האָבנ זיכ פריילעכ צעלאַכט.

— מע גלייבט אײַכ....

— ניט איז ניט, — האָט זאַלמענ געשמייכלט, — איר האָט אונדז גערופנ, זײַנענ מיר געקומענ... פריִער האָט איר געוואָלט — עטלעכע

זאָלנ קומענ, אונ דערנאָכ — אַלע. ווילט איר רייִדנ — וועלנ מיר הערנ....

— הייסט עס, ביסטו דער ראָש האָמדאָבורימ, — האָט זיכ הוט־נער אינגאַנצנ א קער געטאָנ צו אים,—דו העדסט פאַר אַלעמענ, וועל איכ איצטער וויסנ....

— אז איר ווילט, קאָנ איכ רייִדנ, — מאַכט שלוימקע.

— ביסטו איבער אים, — האָט הוטנער געטײַט מיט א פינגער,— דו ביסט דער גרעסערער פירער? צי ער איז דער גרעסערער?

— איכ בינ דער גרעסערער פירער, — נעמט מוישקע אָפּרוקנ זאַל־מענענ.

— ער דאַרפ וויסנ, ווער איז דער פירער... — וואַרפט נאָטקע.

— לאָזט מיכ, —רײַסט זיכ פונ די הינטערשטע רייענ באָזמ, — איכ וועל מיט אים רייִדנ: איכ בינ דער פירער! פונ אַלע פירער— א פירער!

— מיר דאַרפנ ניט אַנדערע פירער,—האָט פערלשטיינ מיט ביטל א מאַכ געטאָנ.

— אובעכיינ.... — האָט נאָטקע צוגעבראָכט צו מאָטלענ, אינ מאָטל האָט אים אָפּגעענטפערט: — אובעכיינ...

— אובעכיינ, — האָט הוטנער אָנגעהויבנ דאַפקע אַזוי, ווײַל די לײַדאַקעס לאַכנ דערפונ, אָבער זיי ווייסנ דאָכ, אז א כאַשעווער מענטש רעדט נאָר אַזוי,—אובעכיינ: ווילנ זיי אײַכ נאָכגעבנ...—האָט ער אָנ־געוויזנ אַפ די פאַבריקאַנטנ אהינטער אים, — זיי ווילנ. איכ — ניט. נאָר זיי ווילנ. אינ די פרײַזנ קומט מענ דורכ. מע העכערט...

— ווי איר האָט געבעטנ, — זאָגט אונטער מאָנאָסאָנ.

— נאָר אינ דער צײַט, אַראָפּנעמענ צײַט — דאָס ניט! דערופ באַשטיי איכ אינגאַנצנ אַפ גיט!... לײדיק אַרומגיינ, פוסטעפּאַסעווענ,— הוטנער האָט ווערטער פונ אונטער די וואָנצעס אינ אומגעדולד גע־וואָרפנ, ווי געשפּיגנ,—נײַנ אַזייגער, קוימ צו דער אַרבעט... ווי דער „פּראַוויטעל” באַם גובערנאַטער... הײַנט ווו איז די גאַפּקעמינע?..

— וועט זיינ אָנ א גאַפּקעמינע... — צעלאַכט זיכ מאָטל אָפּנ קאָל.

— איז זאָל מענ דיכ מאַכנ פאַר א „פּראַוויטעל“, וועסטו באַלד זאָגנ... — האָט פערלשטיינ זיכ געבייזערט.

— מיר האָבנ אײַך אינ אָנהײב אָנגעזאָגט,—האָט זאַלמענ דײַטלעכ אונ אויסערלעכ רויִק אָנגעהויבנ, — אַז אויסער די הויסאַפּע אינ לויג, וועלנ מיר דורכויס קירצנ די אַרבעטצײַט אַפּ צוויי שאָ...

— הײסט עס, אַ טאָפּלטע הויסאַפּע, — האָט שײַניג איבערגע-ריסנ.

— אינ דעמ גאָר קאָנענ מיר מיט אײַך דורכקומענ, — האָט זאַלמענ ווײַטער געזאָגט,— ווענ אַראָפּצונעמענ די צוויי שאָ — אינדערפרי, צי נאָכ דער אַרבעט...

— פאַרגינסטו זיכ זעקס אַזײגער, האַלבנ טאָג, אַראָפּגײנ פונ דער אַרבעט?... — האָט שוואַרצמאַנ צעפּירט בײדע הענט.

הוטנער האָט אָנגעקוקט זאַלמענענ, האָט האַסטיק געקײַט די ליפּ מיט אַ שטיק באָרד אינ דעמ, אונ צולעצט אַרויסגעזאָגט: — ווײַטער— דו... דו רעדסט פאַר אַלעמענ....

— ער רעדט ריכטיק! — האָט יאַשקע אויסגעשריִענ, — ער מאָג רײדנ פאַר אַלעמענ — מיר זײַנענ אַלע דערפאַר...

— זײַט איר אַלע דערפאַר, — האָט הוטנער אַ מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, — שטײנ מיט אַ זײגערל כאַ דער אַרבעט? נײנ! צופיל פאַראַד....

— אַ צו פּעטער ביסנ מיטאַמאָל,—האָט מאָנאָסאָנ אָנגעהויבנ, נאָר סערגײ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אָנגערוקט געשוויגנ, האָט זיכ מיט-אַמאָל אַרויסגערוקט פאָרויס, אָנגערודלט אונ צעפּלאַצט:

— וואָס פאַראַד... מיר זײַנענ ניט קײנ מענטשנ?... איר האַלט אונדז טאַקע פאַר „סקאָטי"... לאָזט אונדז ניט אַ קאָפּ אופהײבנ...

— סערגײ, — האָט שוואַרצמאַנ אָנגעהויבנ צעגלאָזט, — וואָס איז מיט דיר? דו ביסט אויכ אַ בונטאָווּשטשיק! מע האָט דיכ אָנגע-לערנט....

— אַוואַדע אַ בונטאָווּשטשיק! פאַר מײַנע מאָזאָליעס — אַ בונ-טאָווּשטשיק! פּריצימ זײַט איר! איר דאַרפט דעמ זײגער, אינ מיר — דאַרפנ ניט... אָנגעלערנט — מײַנע מאָזאָליעס לערנענ מיכ... אונ אַלעמענ... אַ בונטאָווּשטשיק...

— בונטעוועט, אַז אײַך איז ליב, — האָט הוטנער געכאַפּנ אונ זיכ אָפּגעקערט אַוועקצוגײנ. די איבעריקע זײַנענ לאַנגזאַמער, אָבער גלײַכ נאָכ אימ אַוועק.

XIII. אהינ אונ אהער

די שטימונג האָט זיכ געהויבנ.

נאָכ די איבערהעריסענע אונטערהאַנדלונגענ מיט די פאַבריקאַנטנ זײַנענ די גאַרבערה באַ זיכ נאָכ פעסטער געוואָרנ, די אַפּגעשטאַנענע אפילע. מ׳זעט האָב—„העד אַזוי פלאַצט". די פאַבריקאַנטנ האָבנ שוינ אַליינ אַנגעבאָטנ, א העלפט נאָכגעגעבנ. וועט אַריבער נאָכ א פּאָר וואָכנ, וועט הונגער פאַרגינענ די אַרבעטער אפילע דעמ „פּאַראַד"...

— כעוורע, גרייט זײַגערלעכ, — האָט מענ זיכ געווייצלט, — מיט זײַגערלעכ באַ דער אַרבעט...

די פּראָקלאַמאַציע איז געווענ אָפּגעדרוקט, אונ דער „קאַלטער" אַיסאַק האָט זיכ אַזש נאָר צעקושט מיטנ „שטילנ" שאָלעמענ... — שענער קאָנ ניט זײַנ!—האָט ער אינ היספּײַלעס אַרומגעטאַנצט, — א מאַניפעסט דרוקט מענ ניט שענער...

אַרבעטער פונ אַלע פאַכנ, דערהויפּט די יוגנט האָבנ געהויבנ געשפּאַצירט.

— דו האָסט? אַניט, קאָנ איכ דיר געבנ... — האָט מענ באַ א באַגעגעניש מיט זעלבסטווירדע אײנער דעמ אַנדערנ קורצ אָנגעזאָגט וועגנ דער פּראָקלאַמאַציע.

אינ די ווײַטסטע געסלעכ אונ אינ „רו" (טאָל) האָבנ פּראָקלאַמאַציעס געטיילט צוויי רײַכע מיידלעכ. אַנ עלטערע, אַנ איידעלע אונ א פאַרטראַכטע — פונ די האַמבורגערס פענעמער — אינ א יִנגלשנ קאַפּעליוש אונ מיט א דינ שטעקעלע אינ דער האַנט. האָט עס אַרומגעטראָגנ אַפ זיכ אינ א רײַזנ־טאַש (אַנ אויסלענדישער— א צאַציקע! וואָס מע קלעטערט מיט אימ אַפ בערג אינ דער הייכ) אונ איז אויסנ געווענ די פּאָר טעג אינ די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעכ. די אַנדערע, א יונגע, א לאַכעדיקע, ווערעטשקע מיט א שוואַרצנ גימנאַזיסטישנ שירצל, האָט זיכ געקנײַקלט איבער זײַטיקע געסלעכ — זי אונ איר געלעכטער האָבנ זיכ ביידע געפּלאָנטערט אינ די שמאָלע קרומענישנ.

אונ שטרײַקנ האָבנ א קלאַפּ געטאָנ איינס נאָכנ אַנדערנ. צו דער נאַכט האָט מענ זיכ דערוווּסט, אַז די פאַפּיראָסנ־פאַבריק האָט זיכ אָפּגעשטעלט, אונ אינדערפרי האָט מענ שוינ אָנגעזאָגט, אַז די דרוקערײַענ אינ שטאָט אונ די גובערנסקע אויכ, — אַרבעטנ ניט; אונ אַפּ־

מאָרגנ זײַנענ די מענער־שנײַדער פונ די גרעסערע װאַרשטאַטנ אַראָפּ פונ דער אַרבעט.

זײַנענ גאַסנ פול געװענ מיט מענטשנ, װי װאַסער באַם דניעפּער אינ געװיסער, אונ מענטשנ געהײפּלטע, װי װאַסער געזאַמלטע, ברױזנ אונ שװימענ. אונ אינ פֿאַרנאַכטנ, אינ טונקעלע אַלײענ אױפֿנ בולװאַר, אונ אינ געדיכטע רײענ פונ טראָטואַר — דערהערט זיכ מיטאַמאָל א געזאַנג, א געשאַל:

Знамя великой борьбы всех народов...

אױפֿגעמונטערטע אונ פֿרײדיק צערודישטע זײַנענ צו דאָװידנ אַהײמ אַרײַנגעקומענ: נאָכעמקע מינקינ, װאָס איז װי אַלעמאָל, „װי פונ א סרײפֿע" דורכגעלאָפֿנ פֿאַרבײַ דאָװידס מאַמענ, אונ נאָכ אימ — מיט גרױסע שפּרײזנ — דער הױכער פֿאַװעל מיטנ היפּשנ בלאָנדנ בערדל אונ אַהינטער אימ — דער געװעצטער אונ מעיושעװדיקער װאַציעטיס.

— פֿונװאַנענ אונ װי אַזױ מיטאַמאָל? — האָט זיכ דאָװיד פֿאַרװונדערט אױפֿ די לעצטע צװײ.

נאָכעמקע האָט זיכ געטראָגנ איבערנ צימער, זיכ געקנײטשט צופֿרידנ אונ געקװאַלנ: — טאָליע איז אַנטלאָפֿנ, אונ זײ זײַנענ געקומענ... ס'איז — אַהינ אונ אַהער... טאָלקע האָט זיכ דערשראָקנ..

דאָװיד האָט מיט די אױגנ נאָכגעיאָגט נאָכעמקענ, װאָס האָט זיכ נאָכ אַלצ געטראָגנ אונ געשפּאַנט, אונ װערטער געװאָרפֿנ, װי פֿאַר זיכ גערעדט: — „טאָליע באַס האָט זיכ דערשראָקנ פֿאַר די אַרעסטנ אינ שטאָט... אונ אַנטלאָפֿנ... אַװעקגעלאָפֿנ צו מאַרוסקענ אינ שטעטל.... אַקוראַט, װי מע זוכט אימ..."

— נאָכעמ! — האָט דאָװיד אַרױסגעזאָגט העכער, װי געװײנלעכ, האָט ער זיכ גלײַכ אָפּגעשטעלט אונ פֿונדערװײַטנ רויִקער, אָבער געכאַפּט אונ אינ שמײכל צוגעגעבנ:

— עטלעכע טעג האָט ער זיכ פּריטאַיעט, געשװיגנ טאָליע — געקומענ צו גאַסט... דערנאָכ האָט ער אָנגעהױבנ דערצײלנ, אַז דאָ אינ שטאָט רודערט: „שװיטע דו מענטש! שטרײַקנ! דעמאָנסטראַציעס! אַרעסטנ, אָביסקעס!"... האָט מענ שױנ פֿאַרשטאַנענ, אַז ער איז אַנטלאָפֿנ באַהאַלטנ זיכ... אונ די פֿאַר, פֿאַרקערט, זײַנענ געקומענ אַהער — טאָמער דאַרפֿ מענ עפּעס טאָנ.... זײ האָבנ קײנ מורא ניט פֿאַר אַרעסטנ....

וואַציעטיס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָנגערולדט אונ ערנסט, פּאַוועל האָט צעעפנט ברייט בלויע שײַנענדיקע אויגנ.

— אַנו, דאַוויד!... מיר האָבנ געוואַרט בײַ דינענ, טאָמער קומסטו אַרײַנ...

— איכ וועל קומענ צו דינענ באַלד, — זאָגט דאַוויד, — בײַ מיר — ניט... די מאַמע דאָ... באַלד קומט דער טאַטע...

— אײַ, לעבעדיק! — שטעלט זיכ אויפ פּאַוועל.

— מ'דאַרפ זיכ דורכרײדנ, — שאָקלט פאַר זיכ מיטנ קאָפּ וואַציעטיס.

— איכ וועל קומענ, — זאָגט דאַוויד.

זײַענ זיי אַוועק. נאָר נאָכעמקע האָט זיכ גלײַכ אומגעקערט:

— וואַוווקע האָט זיכ געפונענ!.. אויפנ ציגלזאַוואָד... געקומענ פויגלסאָנ — א פרײלעכער, אינ טענצ! — וואַוווקע איז צו אים געקומענ אהינ אינ שטעטל אונ איז אַוועק אויפנ ציגל־זאַוואָד... אונ וואַוווקע ווייס, וואָס צו טאָנ. ער האָט זיכ נאָר געווענ אָפּגעלאָזט... ער האָט דאָרטנ שוינ געמאַכט צוויי קרײַזלעכ... אונ — האָט אָפּגעשיקט פויגלסאָנענ אהער...

— פויגלסאָנ וועט דאָ איצטער טומלענ... — באַמערקט דאַוויד.

— ער וועט דאָ ניט לאַנג זײַנ — איכ גיב אים „ליטעראַטור" אָפּפירנ „אהינ..." ער איז דאָכ געגאַנגענ צו דיר... נאָכ ניט געווענ? — אונ נאָכעמקע איז אַרויסגעשפּרונגענ.

דאַוויד האָט זיכ פאַרטראַכט וועגנ וואַוווקענ, וועגנ טאָליענ. אונ דערהויפּט וועגנ פּאַוולענ אונ וואַציעטיסנ.

פּאַוועל איז גלאַט א „בונטאַר", „בלאָזט פלאַמענ", א צעשויבערטער... ער פּאַסט זיכ — אַפּ באַריקאַדעס... אָבער דערווײַל איז נאָכ נייטיק רעגולירע, אָרגאַניזירנדע אַרבעט! מ'דאַרפ דורכשמועסנ ערנסט — דערהויפּט מיט וואַציעטיסנ.

מענטשנ קומענ אָפּ — אויסער די אַרעסטנ. מענדל האָט געמוזט אַוועקפאָרנ — מע האָט אים צו שטאַרק געזוכט... עטלעכע האָט מענ אָפּגעזונדערט דערווײַל — זאָל זײַנ גרייט א צווייטער „קאָמיטעט". אויב מע וועט דערגיינ צו די איצטיקע אונ זיי פאַרזעצנ... איז סערגיי אָפּגעפאָרנ צו זיכ אינ דאָרפ — ביזוואַנענ די פאַבריקאַנטנ וועלנ ניט נאָכגעבנ אינגאַנצנ... אונ צו אים „אינ געסט" זײַנענ געפאָרנ:

יאשקע, שלוימקע, ריוועלע... זיי האבנ אפילע מיטגענומענ א ביסל „ליטעראטור", וואס קאנ זיכ פאסנ אינ דארפ... מאטעס איז אויכ אפגעזונדערט דא הי — שטיל אונ שטומ.

דאוויד פארייכערט אונ טראכט.

מאטל האט אימ דערציילט די באגעגעניש מיט מענאשקענ... האט דאוויד הארט געזאגט זאלמענענ:

— זאלמענ, מע דארפ דערגיינ ווער איז דאס באכערל אונ אכטונג געבנ — אי אפנ באכערל, אי אפ מענאשקענ... אונ — וואס שנעלער!...

ער ווייס, דאוויד, אז זאלמענ האט שוינ צעשטעלט פאסטנס: מאטל, נאטקע, אלטער אונ בערל. מ'האט דערגאנגענ ווער איז דאס באכערל אונ וווּ איז זיינ צימער. היינט אינ דער נאכט הייבט אנ מאטל מיט נאטקענ צו „טשיקעווענ" אפ דער דירע אונ אפנ באכערל. נאכקוקנ יעדנ טראט זיינעמ....

אונ אנדערע פיר הייבנ אנ פונ מארגנ באגינענ — ווייל באנאכט ווילנ זיי ניט ארומדרייענ זיכ ארומ שטיבל פונ מענאשקעס זיידנ, וואס דערביי איז אויכ גרישענקאס שטיבל — נאכקוקנ מענאשקענ יעדנ קער אונ ווענד זיינעמ.

— דאווידל, — שלאגט איבער די מאמע זיינע מאכשאוועס, — וואס פאר א יונגעלייט האט עס דער מינקינ געבראכט צו דיר?

— סטודענטנ, — זאגט דאוויד קורצ, — באקאנטע... ער באנוצט זיכ דערמיט אונ גיט צו גלייכ: — געקומענ מיכ רופנ צו זיי פארברענגענ היינט... אויב איכ'ל שפעטיקנ, קאנ זיינ, אז איכ זאל דארטנ נעכטיקנ....

— נעכטיקנ גאר, — איז די מאמע ניט צופרידנ.

אבער דאוויד איז זייער צופרידנ, וואס ער האט עס אזוי ארויסגעזאגט.

ארע צודע האט היינט געבראכט א צעטל: „צווייטער גרופ פארקריזלט"... אונ גאר. ס'איז קלאר: סלאווקע מיינט, אפנ צווייטנ פארהער, וואס איז שוינ בא איר געווענ, האט מענ זיכ נאכגעפרעגט אפנ „געקריזלטנ"...

איסאק טיינעט שוינ א פאר טעג, אז ער דאוויד, מוז אוועקפארנ. זינט מאטל האט דערציילט, וואס די מאדיסטנ, וועלכע מע האט בא-

פריִט, האָט איבערגעגעבנ. בא סלאָוועס אפנ ערשטנ פארהער האָט מענ שוינ אויכ געפרעגט צי איז זי געווענ אפ א פארזאמלונג פונ די גאר־בער אונ צי זי קענ א געקרייזלטנ...

— קומ, דאַווידל, אַהיימ בעסער נעבעטיקנ! — בעט די מאַמע, דער־זעענדיק, אַז דאַוויד גייט אַוועק.

— איכ'ל זענ, ווי ס'וועט אויסקומענ...

2

...פונ דער פאַראַדיטיר אינ גאַס אַרויס איז ער אָפּגעשפּרונגענ אי־בער אַלע טרעפּלעכ מיטאַמאָל, אונ גלייכ אַפנ ברוק פונ פּלאַץ, ווי פונ א טליע זיכ אָפּגעריסנ אונ פאַרשליידערט געוואָרנ, אונ זיכ ניט צוגע־שטעלט, אינ איינ האָסט זיכ שנעל געטראָגנ ווייטער, ניט געקוקט ווו־הינ, נאָר אַבי פונאַנענ אַוועק... וואָס ווייטער, וואָס גיכער, אינ אימ־פעט — פונ דעמ איינזאַמענ רויטנ מויערל אַפנ זייטיקנ פּלאַץ מיט די טונקל פאַרהאָנגענע פענצטער אינ דעמ אונטערשטנ גאָרנ — ווו ס'איז די קאַנצעליאַריע. באַמ סאַמע שטיינערנעמ גאַנעק שטייט א דראַגונ, ווי אַ ווילדער וועכטער, מיט א לאַמטערנ אינ דער הייכ, וואָס הוידעט זיינ צאַפּלדיק פייערל צו די באַלויכטענע פענצטער פונ צווייטנ גאָרנ — דעמ אַדיוטאַנטס דירע. גיכער, גיכער — ווו איז שוינ דער זאַמריקער גרונט אונ די פינצטערע נאַכט — ניט קיינ באַלויכטענע? נאָכ א שפּרונג, אונ נאָכ א שפּרונג — איז שוינ די גאַס אָנ לאַמ־טערנעס, אונ די נאַכט אינ דער פינצטערניש...

— גע־פּאַ־אַקט!.. וואַ־אַרט!... נעזל!..—כריפּעט עמעצער פונ דער ערד אַרויס אונ וויקלט זיכ אַרומ די שיכ, פּויזעט אונ פּלאָנטערט אימ די פיס אונ סאָפּעט, — וואַ־אַרט! שוינ געפּאַקט!...

פונ דער פינצטערניש פונ אונטנ קנוילט אונ דרייט זיכ עפּעס אונ אַלץ העכער אונ אינ דער קרומ א קעהפער, הענט קלעטערנ, קלאַמערנ אָנ, טוענ א טרייסל אונ גיבנ א שטויס אינ ברוסט!..

— וואַ־אַרט!..

— ווא... ווא... וואָס... איר...

— דו, נעזל!.. ווו ביסטו דאָ געווענ?

— פּאַ־פאַרבלאָנד־זשעט...—טרייסלענ זיכ ציינער אונ הענט שאָקלענ.

— אקוראט צום אדיוטאנט פארבלאנדזשעט... נעכטן פארבלאנדזשעט... און הײַנט פארבלאנדזשעט... דײַן נעול ווייסט גוט דעם וועג ווו צו בלאנדזשען...

און א שטויס אין ברוסט, און די צווייטע האנט אָנגעקלאמערט אין רעקל.

— צוויי שאָ ליג איך דאָ אין דער פינצטער, אף דער ערד געלעגן אין זאמד... טפוי! אף דיר... א פול מויל מיט זאמד... אהין באגלייט און אָפּגעוואַרט ביז צוריק... ווי א וואָרעם אף דער ערד געקראָכן, געפויזעט און — געפּאַקט!..

קלאפן ציין, הענט שאָקלען זיך, און פיס ציטערן, שטרויכלען...

— מאַ־אַ־סער!..

פון דעם אויסגעשריי האט זיך צערודערט די פינצטערניש פון דער נאכט, די שטילקייט פון גאס, און די געשטרויכלטע פיס זײַנען אופגעשפרונגען אף א מאָל, און אין אימפעט זיך פון אָרט א ריס געטאָן.

האט זיך דער צווייטער ניט אומגעקוקט אפן היטל, וואָס איז אים פון קאָפּ אראָפּגעפלויגן פון זײַן אייגענעם אויסגעשריי, און האט זיך געלאָזט נאכן לויפנדיקן — מיט איין פוס א געזונטן, און דאָס אנדערע — א קראנקע, און ביידע הענט אויסגעשפרייט, וואָס האָבן ווי זעגלען, מיטגעצויגן פאָרויס גלידער ביינערדיקע, אָנגעצויגענע, שטרוימיקע.

— וואַ־אַרט...— האט מענאשקע קוים אויסגעהויכט מיט א פאר־כאפּטן אָטעם און האט זיך אָנגעהאלטן מיט ביידע הענט אף יענעמס אקסל.

— ניוזשעק איינער, נעווילע... איך דארף נאך איבער אים אָנווערן מײַן היטל... — און ער האט אים צוריק געצויגן, מיט איין האנט אײַנגעקרעמפּט אין א ברעג פון זײַן רעקל און מיט דער צווייטער, אײַנגעבויגן, געשאַרט אין דער פינצטער אין זאמד, און אינגיכן אופגעהויבן זײַן היטל.

— נעווילע... מיט די פיס צעטרעטן אזא בייזע שלאנג... — האט ער געסאָפּעט.

— רעוואָלווער... מײַנער... ווו... — האט יענער צעמישט ארומגעשטאמלט, זיך ארומגעטאַפּט.

— כא! כא! — האט מענאשקע אויסגעלאכט, — א רעוואָלווער?!..

ניטאָ! שטיק נעווײלע — געוואָלט מיך שיסנ.. טפוי! טפוי!... איך פאַרבראַקע דיר דײַנע מיִעסנ פאַרצעפ...

פאַרשפּיגנ, האָט יענער ווילד זיך אָפּגעריסנ און איז נאָך ווײל דער אנטלאָפנ.

— קאַראַ־אול! דער מאָסער! קאַראַ־אול!—האָט מענאַשקע געשריגנ, נאָר באַלד האָט ער זיך א לאָז געטאָנ, ווי א ווינט. לײדיקע גאַסנ און שטומע געסלעך האָבנ זיך פונ אים אָפּגערוקט אהינטער, שטיבלעך מיט פענצטערלעך האָבנ זיך געטראָגנ אנטקעגנ, ווי יאָגנדיקע רוכעס מיט לאַמ־טערנלעך, די ערד האָט אונטער די פיס אינ ערגעצ געזונקענ, און אינ קאָפּ האָבנ רעדער געדרודערט און געקלאַפּט אינ די שלײפנ.

מענאַשקע האָט געיאָגט איבער גאַסנ און געסלעך אָפּנ קירצערנ וועג—צו קומענ צו יענעמס קוואַרטיר פריִער פונ אים און פאַרהאַלטנ אים.

אינ קרומענ געסל איז ער שוינ צו אים אנטקעגנגעקומענ, צוגע־פאַלנ צו אים מיט בײדע הענט, אײַנגעוויקלט זיך אינ רעקל, אינ אלײנ א לאַנגע ווײַלע געכריפּעט און געסאָפּעט שווער.

יענער האָט צעמישט אָנגעקוקט.

— זאָג, וואָס שווײַגסטו? — האָט מענאַשקע אים געריסנ,—זאָג, רײד!.. וואָס ביסטו שטום געוואָרנ?.. זאָג, ביסטו ניט א מאָסער.. — האָט מענאַשקע אזוי ווי ארויסגעזאָגט און געוואַרט, געגאַרט.. זאָל ער זאָגנ, אז ניט... שווערנ זיך, אז ניט... דערווייזנ, אז ניט... — ער האָט אים געצופּט, געטרייסלט און געשלײַדערט: — ביסטו טאַקע א מאָסער... אזא מאָסער! ווי איז מענ דאָס אזא מאָסער? אלײנ געזעסנ אינ טורמע, און ארויסגײנ ארײַנזעצנ אנדערע!... ליגנער! דו ביסט אינ טורמע ניט געזעסנ... א ליגנ! דו ביסט — א געדונגענער מאָסער!..

יענער האָט געשוויגנ, די אויגנ באַהאַלטנ אינ דער פינצטערניש און זיך געטרייסלט.

— וויפל מענטשנ געפּאַטערט!..—האָט מענאַשקע אינ צאָרנ און אינ עקל זיך געוואָרפנ אויפ אים, — איך באַקענ אים מיט אָרנטלע־כע לײַט— זעצט ער זײ אַרײַנ.. אזא חאַרפּע מענ צערײַבנ אויפ מאָלעט,— האָט ער געסקריפּעט מיט די ציינ. — נאָר איך האָב פאַר דיר קײנ מוירע ניט! — איז ער פלוצלינג צוגעשפּרונגענ צו אים מיט א זײַט און א דריי געטאָנ זײַנ קראַנקע פוס אינדערלופּטנ,—דו קאָנסט מיך אַרײַנ־

זעצן, גיי לויף צו דײַן זשאַנהאַרמסקי — דערציייל אים מיר, זעט מיך אַרײַן... נאָר איך וועל אַ מאָל מאַכן פון דײַנע טעג און יאָרן!..

יענער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום שטיבל.

— דו קאָנסט גיין... גיין שלאָפן, צאַצקעלע!.. איך וועל דיך שוין היטן... מאָרגן וועט אויך גאַנץ זײַן — איך וויל פרעגן בײַ אַלעמען... זאָלן אַלע זאָגן... איך קאָן דיך אַליין צערײַסן, נעווייעלע... נאָר — ביז מאָרגן... זאָלן אַלע... איך בין דאָ... איך היט... טפו!!

מענאַשקע האָט זיך פאַרמאַטערט אַראָפּגעלאָזט אױפן זאַוואַלינקע פון שטיבל, וווהין יענער איז, ווי אַ שאָטן, שטום און ציטערנדיק אַרײַן

באַלד האָט מענאַשקע גענומען זיך דרייען, האַלב געפּויזעט, האַלב געקײַקלט זיך איבערן זאַוואַלינקע אַרום וואַנט, באַם ראָג און אַרום דער צווייטער וואַנט.

אין פענצטערל פון צימער האָט אַ בלענצל געטאָן אַ פײַערל. איבערן פאָרהאַנגל און דורכן פאָרהאַנגל פלאַטערט שאָטנדיק אַ געשטאַלט. האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. זיך צוגעבויגן צום טיש, שרײַבט.

— שרײַב, שרײַב!.. די לעצטע מעסירעלע!.. צי וועסטו אָבער נאָך דערהאַלטן איבערצוגעבן די מעסירעלע?..

מענאַשקע קוקט זיך צו.

יענער האָט די פעדער אַ שלײַדער געטאָן אין דער פּאָדלאָגע, שטעלט זיך אויף שטול, איין פוס, און דאָס אַנדערע, הייבט אוף דעם קאָפּ איבערן פאָרהאַנגל פון פענצטער, ער וויל אַרויסקוקן דרויסן...

לאָזט זיך מענאַשקע אַראָפּ נידעריקער צו דער זאַוואַלינקע, קנייטשט זיך צונויף, גלעט דערווײַל מיט ביידע הענט זײַן קראַנקן פוס, וואָס האָט זיך עפּעס אַזוי צעגאַנגען אין אַ בײַסנדיקער נאָגעניש, און די אויגן געלאָזט אין דער הייך קוקן און אַכטונג געבן...

דערזעט ער: האַרט צום אויבערשטן שויב פון פענצטער האָט יענער אַ צונג אַרויסגעשטעקט — אָנטקעגן עמעצן אַ צונג —

הייבט זיך מענאַשקע, שטעלט זיך אוף...

— טרהאַך!

האָט זיך מענאַשקע מיטאַמאָל אַראָפּגעקײַקלט פון זאַוואַלינקע, אָפּגעשלײַדערט פון דער וואַנט, און געשפּרונגען... נאָר באַלד זיך צוריקגעקערט און פאַרוואונדערט דערזען: די וואַנט איז גאַנץ, האָט

שטיבל שטייט, און א פלעמל שוידערט אינעם באַלויכטענעם פאַר־האַנגל.

דערנענטערט ער זיך צום שטיבל. אים אַנטקעגן לויפט אָן א צעטומלטער ייִד:

— אונטערער קוואַרטיראַנט האָט זיך דערשאָסן...

— טאַטע! — לויפט אַרויס א בלאַס מיידל, — אָפּ טויט דער־שאָסן... צוויי צעטלעך איבערגעלאָזט — איינס רוסיש: „איך מיין טויט איז קיינער ניט שולדיק... איך אַליין בין א מענוווּל...“ און דאָס צווייטע צעטל גאָר מעשונע: „ב'בין א מאָסער, שפּייט, בראַקעט מיר אָן א פולן פּאַרצעף!.. א מאָ=אָ=סע־ער!..“

— וואָס מיר צעטל?.. מע חאַפּ אין פּאָליציי... גיטאָ וועמען צו שיקן....

מענאַשקע רוקט זיך אָפּ, מאַכט א פּאָר טריט אין גאַס, דערזעט — מאָטל גייט אָן, און אַהינטער אים אין א פּאָר טריט — נאַטקע.

שפּרינגט ער אַנטקעגן.

— געפּאַקט און — פאַרטיק!

נאַטקע רוקט זיך אַהינטער, מאָטל טוט זיך א דריי און באַרענקט זיך עפּעס.

— קומט! קומט! — ציט זיי מענאַשקע, — געכאַפּט די וואַנץ... דעם מאָסער — איך האָב אים געפּאַקט!.. איך האָב ניט געוואָלט אַליין אָן אַנצ... האָב איך אים געהיט דאָ ביז אינדערפרי, אַז מענטשן וועלן אָנגיין... האָט ער זיך אַליין א מיסע מעשונע אָנגעטאָן... וואָס זאָגט איר אַפּגן בעזול? אָפּ אַזאַ געזול?

זיי זיינען שוין באַם שטיבל, און מענאַשקע סאָפּעט און רעדט, וויל דערציילן אַלץ, ווי געווען.

דער צעטומלטער ייִד דערנענטערט זיך, קוקט זיך צו און זאָגט:

— באַכערים! טומלט דאָ ניט, און בעסער דרייט זיך דאָ ניט אַרום...

— אָבער אָפּ טויט?.. — פרעגט זיך נאָך מענאַשקע.

— אָפּ טויט! אָפּ טויט!..—איז פון שטוב אַרויסגעקומען די באַ־לעבאָסטע מיט פאַרבראָכענע הענט, — איך האָב געמיינט, דו ביסט שוין אין פּאָליציי אַוועק — זאָגט זי צום מאַן,—בין איך שוין אַרויס דרויסן וואַרטן...

מאָטל און נאָטקע פאַרקירעווענ און גייענ אַוועק פונ שטיבל, און מענאַשקע שלייערט אופ די קראַנקע פיס, ציט נאָכ זיי און זאָגט:

— ערשט זיכ אליינ צעקנאַקט — די לויז... באַ אימ איז, אַפּאָנעמ, דער רעוואָלווער ניט געווענ מיט זיכ — אַזוי וואָלט ער עפשער מיכ דערשאָסנ!..

מענאַשקע סאָפּעט אַלצ און דערציילט ווידער פונ אָנהייב.

— צוויי נעכט געוואַלגערט זיכ אינ זאַמד, אינ שמוצ. געפּויזעט, ווי אַ וואָרעמ, און געהיט, און צוגעהיט!.. אַז איכ האָב אימ געפּאַקט, ווי אַ הונט פונ אונטנ, אינ אימ זיכ איינגעביסנ, — איז ער צעמישט געוואָרנ, געבליבנ אָנ לאָשנ, עמעס משוגע! און טרייסלט זיכ, און ציטערט.... טפוי!.. האָב איכ אימ פאַרכראַקעט... גיב איכ אימ אַ שטעק אינ האַרצנ: „מאָסער פאַסקודנער! זאָג, אַז ניט! דו האָסט ניט געמאָסערט, האַ?"... איז ער אַ באַנומענער — שווייגט: וואָס האָט ער צו זאָגנ, דער מאָסער?.. און דו־אָ... — האָט זיכ מענאַשקע מיטאַמאָל צעבליפּעט, — און דו, מאָטל, האָסט געמיינט, האָסט געקאָנט מיי־נע־נעג... — האָט ער זיכ צוגעשטעלט אינ גאַנג, זיכ צערעוועט, געווישט מיטנ אַרבל די אויגנ און זיכ פאַרכלינעט, געמיינט, אַז איכ... אַ מאָסער... איכ — אָפ אייגענע מענטשנ...

מאָטל האָט אימ אַרומגענומענ:

— אַז אונדזער בלוט גיסט זיכ אינ די גאַסנ... וואָס קאָנ איכ וויסנ — ווער און ווי... מענאַשקע! אַלע טאָג האָט מענ פונ אונדז אָפּגעריסנ לעבעדיקע מענטשנ!.. מע־נאַשקע!

מענאַשקע האָט שטאַרק אַ וויש געטאָנ די אויגנ, האָט מיט די הענט אַרומגענומענ מאָטלענ און נאָטקענ אינאיינעמ:

— לאָמיר זיכ צוזעצנ אַ ווײַלע — כאָטש דאָ — איכ בינ פאַרמאַטערט.

XIV. צאָק... צאָק... צאָק...

1

איסאַק האָט זיכ מוידע געווענ, אַז ער האָט ניט געטראָפנ. דער שטרייק אינ דער פאַפּיראָסנ־פאַבריק האָט זיכ פאַרצויגנ אָפ לאַנג. דער פאַבריקאַנט איז געווענ האַרט.

צוערשט און גיך האט זיך פארענדיקט דער שטרייק אין דער דרוקעריי פון גובערנאטארס קאנצעליאריע, וווּ ס׳האט זיך געדרוקט די „גובערנסקיע וועדאמאסטי“, דער גובערנאטאר האט געוואלט ראטעווען די גובערניע. האט ער טעלעגראפירט און באקומען א דערלויבעניש פון פעטערבורג צו דערקלערן אין דער גובערנסקער שטאט און אין דער אומגעגנט — „פארשטארקטע אויפזיכט“... דארף מען האבן דאס איבערדרוקן, אויסמײַטשען — האט מען געעפנט די דרוקעריי. די איבעריקע, די פריוואטע דרוקערייען האבן זיך נאך געדונגען. נאר די מאסע איז געווען א פעסטע. בײַ די מענער־שנײַדער האט געוואקלט: מער ווי א העלפט זײַנען געווען עלטערע פויעלים, האבן בערד זיך געשאקלט:

— יעפשער ניט קעדײַ אנהייבן ערעוו יאמנאראים...

האט זיך דאוויד געריסן אפ פארזאמלונגען, דורכגערײדן מיט זיי, אויפקלערן. נאר איסאק האט ניט דערלאזט:

— דו ביסט איצט א באהאלטענער... דו דארפסט דאך גאר אפפארן — און וואס פריער. הער, דאוויד! — פלעגט איסאק געלאסן ארויסזאגן זײַן לעצטן ארגומענט. — דו וועסט גיין, וועסטו נאך דורכפאלן מיט אלעמען צוזאמען...

און „מיט אלעמען צוזאמען“ האט דאוויד ניט געוואלט ריזיקירן. האט מאנכע געארבעט צווישן די שנײַדער, געפלאמט און — זיך געקריגט.

און די אלטע האבן אפשר געקראגן פאר דער „בייזער רעבעצן“... און אנגעהויבן צו ווארטן אפ איר ווארט:

— ווי די „בייזע רעבעצן“ וועט זאגן, אזוי זאל שוין זײַן.

האט דאוויד די פאר טעג אויסגענוצט אפ געשפרעכן מיט וואציעטיסן. דעם טאג און דעם אווגוסט — בײַ דינען אין צימער. און גענעכטיקט האט ער צוויי נעכט נאכאנאנד בײַ פאוועלס אן עלטערן באווער. אויך א געוועזענער סעמינאריסט, נאך מיט דרײַ יאר פריער פאר פאולען האט זיך אין אינטערנאט פארשטיפט און מע האט אים אויסגעשלאסן.

דערווײַל — קעדײַ צוגעווינען טאטע־מאמע צום געדאנק וועגן האווידס פלוצעמדיקן אפפארן, — קומט ארײַן פײַטל צו זיי אהיים.

— דאָוויד איז גאָר אין דער היים ניטאָ? — כ'האָב געוואָלט זיך זעגענען מיט אים... ער פֿאָרט דאָך אַוועק!.. היינט פֿאָרט ער נאָך ניט?...

— וואָס איז אַזאַ באַפֿעניש בײַ אײַך מיטן פֿאָרן — פֿאַר די יאָנטויווים?.. — בייזערט זיך די מאַמע אין קלעם.

לאָזט זיך אַרײַן איסאַק געמיטלעך און אין שמייכל.

— ווו איז דאָוויד? פֿאַרנומען מיסטאָמע מיטן אָפּפֿאָרן...

— איטשע בער, — רעדט די מאַמע געלאַסן מיטן עלטערן און מעיושעוודיקן איסאַקן, — איטשע בער, ער האָט דיר אויך געזאָגט, אַז ער פֿאָרט אַוועק? איז דאָס שוין אַ באַשלאָסענע זאַך בײַ אים?..

זי קערט זיך אָפּ און באַטראַכט זיך — צי זאָל זי איסאַקן זאָגן, אַז דאָוויד האָט די לעצטע פֿאַר נעכט ניט גענעכטיקט אין דער היים, און זי ווייסט ניט... זי ווייסט ניט...

— פֿאַרוואָס זאָל ער ניט פֿאָרן? — רײַסט איבער איסאַק אירע מאַכשאָוועס, — דאָוויד האָט מיר דערציילט — איך האָב אים געפֿרעגט, אַז ס'איז צו רייד געקומען: זאָגט ער, אַז די באַקאַנטע, וואָס זײַנען געקומען, רעקאָמענדירן אים גראָד אַ גוטע קאָנדיציע...

קומט אָן דער טאַטע. זאָגט ער אין פֿלוג פֿאַרברויגעזט:

— איטשע בער, מיט דיר האָט ער זיך שוין געזעגנט? מיט אונדז נאָך ניט... מיסטאָמע וועסטו אים באַגלייטן... נאָר זאָל ער פֿאָרן — ווענדט ער זיך צום ווײַב, — אין שטאָט איז אַ מעהומע, עס רודערט... בעסער וואָס ווײַטער פֿונאַנען...

2

אָבער דאָוויד האָט זיך אויסגעקליבן צו לאַנג.

די דריטע נאַכט האָט ער ניט געוואָלט עפּעס גיין צו פֿאַרוועלן באַקאַנטן, און איז געבליבן נעכטיקן בײַ דינען אין צימער. דינע האָט פֿאַרזיכערט, אַז צו איר וועט מען ניט קומען... זי קען זיך מיטן מײַער, אַן עלטערער, אַן אָנגעבלאָזענער לאָוועלאַס, וואָס מאַכט איר כיינדלעך, און בײַם ער היילט די ציין בײַ זיי אין קאַבינעט, פֿאַרבאָט ער דעם צאַנ־אַרצט אַרײַנצולאָזן וועמען עס איז פֿון די שילער אויסער איר, צו איר האָט ער צוטרוי.

איסאַק האָט געזאָגט דאָווידן:

— וואָס דיר איבערלאָזן אינמיטן... אַלעמאָל וועט זײַן אינמיטן... ווײַבאַלד דאָס רעדעלע האָט זיך שוין אַ דריי געטאָן...

— און אַ פּאַס...

— אַ פּאַס נעם איך דיר אין אַ האַלבע שאָ צײַט, — האָט איסאַק אויסגעלאַכט: דער ייִדישער „שרײַבער" באַם געשטשאַנסקע סטאַראָסטע און דומע זעט נאָר דערהויפּט אײַנצוקאַסירן דעם „סווע־טשנאַ סבאָר"... טוט ער אַ קוועטש באַם אַרויסגעבן אַ פּאַס און מאָנט אויף דעם ליכט־אָפּצאָל. צאָל איך אָפּ וויפל עס וועט קומען, וועט ער געבן דעם סטאַראָסטעס אונטערשרײַבן דעם פּאַס...

נאָר דאַוויד וואַרט נאָך אָפּ... ער וואַרט אָפּ עפּעס...

דערווײַל האָט מען אָנגעזאָגט פון ביר־וואַך — מ'זאָל באַלד זײַ מאַכן אַ פאַרזאַמלונג און אַרויסשטעלן אַ רעדנער. און אָרט האָבן זײַ. בערעל האָט אַמאָל געאַרבעט דאָרטן סטאָליערישע אַרבעט, האָט ער זיך באַקענט מיט די אַרבעטער. אַ געמישטער עולם, — דײַטשן רוסן און אַ ביסל ייִדן.

האָט זיך דאַוויד אײַנגעבעטן בײַ איסאַקן — גיין: ער פאָרט האָט שוין אָפּ סײַוו. דער פּאַס איז שוין אין קעשענע. ער האָט מיטגענומען וואַציעטיסן, לאָזן אים אויך אַרויסטרעטן אויף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג.

בערעל און באַנקע זײַנען מיטגעגאַנגען. בערעל ווייסט דאָרטן אַלע ווינקעלעך — טאָמער קומט אויס... און באַנקע האָט געזאָגט: „מיט מיר וועט דאַוויד ניט פאַרפאַלן ווערן"...

די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג.

— און וואַציעטיס, — האָט באַנקע דערנאָך געלויבט, — איז גוט, ער רעדט אַפילו שטיל — שטילע ווערטער, אָבער מיט גלויבן...

אין יענער נאַכט איז מען געקומען צו דאַווידן אַהיים מיט אַן אַביסק. דער טאַטע בערע האָט זיך אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן און געקנײַטשט דעם שטערן: „אָט דאָס איז דער סאָף... פון די זאַכן"...

די מאַמע באַשע פון שרעק און פון שלאָף האָט עפּעס צעמישט געזוכט: „דאַווידל, וווּ איז דאַווידל?"...

בערע האָט אַ שנאָרכע געטאָן און נאָך הויך אַנטקעגן דעם ווײַב — זאָל זי ווײַזן, אַז ער איז מיט איר ניט צופרידן איצט... און האָט גערעדט רוסיש, זײַן רוסיש, וואָס פּריצים פאַרשטייען...

— וואָס קלעמט זיך דיר נאָך אַלץ דאָווידל?.. אַז דאָווידל איז שוין לאַנג אָפּגעפאָרן... און הער בעסער, וואָס מע רעדט....

ער האָט געמיינט, אַז דאָס ווייב זאָל זיך צוהערן, וואָס ער וועט זאָגן.

— וואָס פרעגט איר, וואָסער בלאַהאָראָדיע? — האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן, וואָס האָט געפירט דעם אָביסק. א שניידער, האָט געניייט פאַר פּריצים, האָט ער געמיינט, אַז ער קאָן מיט זיי פירן און אויסקומען...

— וווּ איז דײַן זון? וווּ באַהאַלט ער זיך?.. דו ביסט אַ טאַטע...

— ער באַהאַלט זיך ניט — מײַן זון באַהאַלט זיך ניט... ער איז אוועקגעפאָרן—די טעג גראָד אוועקגעפאָרן...—ער האָט יעדן ענטפער איבערגעכאַזערט און גערעדט הויך — דאָס ווייב זאָל הערן און געדענקען, — ער האָט זיך געלערנט און געלערנט — גאַנצע טעג אין שטוב אָפּזיצן, און געלערנט זיך... זיצן אין שטוב און לערנען זיך. איז ער איצטער געפאָרן האַלטן עקזאַמען... אָפּגעפאָרן עקזאַמען האַלטן...

— וווּהין געפאָרן? — האָט די בלאַהאָראָדיע שטרענג געפרעגט.

— קיין סאַמאַרע... אין סאַמאַרע האַלטן עקזאַמען...

בערע האָט געוווּסט עפּעס, אַז דאָווידס באַקאַנטע לאָזן זיך פאָרן צו עקזאַמען אין ווײַטע רוסישע שטעט, וווּ ייִדן טאָרן ניט וווינען... אין אַזעלכע שטעט גליקט עפּעס בעסער אַ ייִדן מיט עקזאַמען...

האָט מען געזוכט, געניִשטערט, און — גאָרנישט.

— אַ ישאָדין!.. — האָט די בלאַהאָראָדיע געזאָגט פאַדראָסיק און איז אַוועק מיט די באַגלייטער.

פײַטל האָט זיך דערוווּסט גאַנץ פרי. איז ער אַוועק צו דינגען.

— דאָוויד, דײַן טאַטע האָט זיך שוין באַגלייט קיין סאַמאַרע — האָט ער געקוואָלן — קאָנסטו שוין קיין סאַמאַרע ניט פאָרן...

אויסגעהערט איינגאַנצן, וואָס פײַטל האָט אויסדערציילט, האָט דאָוויד געזאָגט פאַרדראָסיק:

— נו, האַרף מען שוין פאָרן... איסאַק וועט שוין דאָ מיך ניט איבערלאָזן... — ער האָט אַוועקגעשפּאַנט איבערן צימער.

— ווי פאָרט מען אַהין איצטער? און ווי באַקומט מען מיט זיך אַ ביסל זאַכן פון דער היים? — האָט ער זיך צוגעשטעלט.

— ווענ דעמ זאָל איסאַק זאָגנ... — האָט פײַטל געשמייכלט,

— איכל אימ באַלד זענ... וווּ וועסטו זײַנ? דאָ נאָכ?

— איכ ווײס נאָכ ניט... —באַטראַכט זיכ דאַוויד.

— וועל איכ דאָ זײַנ, — רופט זיכ אָפּ דינע, — איכל ניט גײנ הײַנט אינ קאַבינעט... קומט אַהער!

— פײַטל, — האָט דאַוויד אימ אָנגעזאָגט בײַ דער טיר, — עפּשער וועסטו הײַנט זענ בעבנ, צי דו וועסט אַזוי דערהערנ, וואָס איז מיט סלאַווע גינזבורג! נאָכ ניט באַפרײַט?

דאַווידנ איז עפּעס אײַנגעפאַלנ, אַז נאָכ דעמ אַביסק בײַ אימ וועט מענ סלאַווענ געוויס באַפרײַענ...

— דאַוויד, באַטאָג איז אײַכ ניט קעדײַ אַרויסצוגײנ פונדאַ- נענ...—האָט דינע געראַטנ,—איכ בלײַב אינ דער הײמ: די באַלעבאַ- טימ האָבנ מיר שוינ נעכטנ אָפּגעגעבנ מאַזלטאָוו: — „ער איז גע- וואָרנ אַ נײַער כאָסנ — דער געקרײַזלטער“... איז שוינ פאַר די הײ- מישע — קימאַט קאָשער...

דינע האָט דערהערט, אַז עס קײַקלט זיכ אַ געלעכטער אונ ס'קלאַפּנ אַלע טירנ: פונ אַרײַנגאַנג, פונ פאָרהויז, פונ קיכ...

— בלומ, איר זײַט גאָר דאָ? — איז ווערעטשקע אַרײַנגעשפּרונגענ נאָכ איר געלעכטער, ווי זיכ געיאָגט נאָכ אַ באַל, וואָס קײַקלט זיכ אונ שפּרינגט אָפּ, קלאַפּט זיכ אָפּ אָנ באָדנ, אונ פליט ווידער; — בלומ, מינקינ איז אַוועק זוכנ אײַכ... פרײַלנ העלענ האָט מיכ געבעטנ צושיקנ אײַכ טײַקעפּ... זי האָט שוינ געוואָלט אַלײנ גײנ צו אײַכ„ „מע מוז אײַכ זענ...

זי האָט זיכ צו אימ צוגערוקט אונ אימ אינ אויער אַרײַנ- גערוימט: — מירע איז בײַ איר!...

— וואָס איז עפּעס אַ סאָד?.. — האָט זי זיכ אָפּגעוואָרפנ אינ אַ געלעכטער.

דינע האָט זיכ צעלאַכט, דאַוויד איז אַ ווײַלע געשטאַנענ צעמישט. באַלד האָט ער געזאָגט:

— ווערעטשקאַ, אָפּ אײנ האַלבע שאָ פאַרפּאַסט זיכ פונ לאַכנ... רעכט?

זי האָט אָנגעשטעלט אַ קינדיש ערנסט פּאָנעמ, אַ פאָלגנדיקס.

— געדענקט: — האָט דאַוויד צוגעגעבנ, — צו מיר אַהיימ דאַרפ מענ ניט גיינ... איכ בינ דאָ אינ שטאָט ניטאָ... אונ::

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אינ צימער אונ מאָטל איז אַרײַנ.

דינע האָט גלײַכ אַ צי געטאָנ ווערעטשקעס: — קומט אַ ווײַלע אינ הויפ אַרויס... „מירנ שפּעטער אַרײַנ"... האָט זי געזאָגט דאַווידנ.

מאָטל איז געקומענ פונ איסאַקנ. דאַוויד זאָל זײַנ גרייט אַרויסצופאָרנ ניט שפּעטער ווי מאָרגנ באַגינענ. אַלצ פאַרטיק. דאַוויד זאָל נאָר אָנשרײַבנ אַ „מינ בריוועלע" צו זײַנע עלטערנ, אַז ער איז גראָד בײַ אַ באַקאַנטנ סטודענט אינ אַ אימעניע — אומבאַדינגט שרײַבנ, אַז אינ אַ אימעניע — וועלנ טאַטע־מאַמע זײַנ רויִק: בײַ אַ פּאָרעצ איז אַ בעזוקעס... אונ זאָל בעטנ, מ'זאָל פאַרפּאַקנ פאַר אימ זײַנע זאַכנ (דאַוויד זאָל אויסשרײַבנ וואָס...) אונ אָפּגעבנ פּײַטלענ, וועט ער עס שוינ צוטראָגנ צו יענעמ, וואָס איז געקומענ פונ דער אימעניע.

פּײַטל וועט אויכ ברענגענ אַהיימ אָט דאָס בריוול...

דאַוויד האָט געשמייכלט, האָט פאַררייכערט, אונ זיכ געזעצט שרײַבנ „אַ מינ בריוועלע"... ער פלעגט זיכ אָבער אָפטער צושטעלנ, אויפהייבנ די אויגנ אונ זיכ פרעגנ פאַרוואונדערט: „וואָס טוט דאָ מיכאַמאָל מיראָ?" אונ וויאַזוי קומט זי צו פרײלנ העלענ?"...

מאָטל האָט זיכ אַרומגעדרייט אינ צימער אונ עפּעס אַרומגעקוקט אונ באַטראַכט.

ער האָט נאָכ צו זאָגנ דאַווידנ.

איסאַק באַשטייט, אַז דאַוויד זאָל פונדאַנענ ניט אַרויס, ביזוואַנענ מ'וועט אימ ניט אָנזאָגנ. מאָטל האָט שוינ אָוועקגעשטעלט כעוורע דאָ אַרומ אונ אינ די נאָענטע גאַסנ — זיי גיבנ אַכטונג אויפ וואָס מ'דאַרפ... כעוורע איז דאָ גענוג — אַלע שטרײַקנ... — שמייכלט מאָטל. נאָר דאַוויד זאָל וויסנ, — אָט די טיר פונ צימער דאַרפ מענ פונדעסטוועגנ הײַנט האַלטנ פאַרריגלט...

מאָטל האָט גלײַכ פאַרריגלט די טיר פונ צימער פונ אינעווייניק.

אונ דאָס קייטעלע פונ פענצטער דאַרפ מענ דאַפקע אָפּשפּילנ. זאָל דאַוויד אַ קוק טאָנ, — אַז מע שפּרינגט דאָ אַרויס פונ פענצטער, קאָנ מענ גלײַכ איבערקלעטערנ דעמ פּאַרקאַנ פונ סאָד... אַ גרויסער סאָד, ווי אַ פעלד. דאָס פערטל קומט אַרויס אויפ שטשעמילאָווסקער גאַס — דאָרטנ באַמ פערטל שטייענ אויכ אײגענע כעוורע, זיי וועלנ

שוינ אנגעווענ, ווייניק ווינטער צו גיינ — אויב מ'וועט חאפנ... אינ סאד איז זייער גוטע עפל, דעמ סאד האט האיאר אפגעדונגענ, ווי פאראיארנ — כאטש דער שווארצער, אונ זיינ באכער, אוורעמל, וואס ארבעט אינ פאפיראסנפאבריק, איז איצט פריי — אינ שטרייק — וועט ער היינט פארבייטנ דעמ טאטנ, אונ זיינ אינ סאד דעמ טאג אונ די נאכט — פארקויפנ עפל אונ — היטנ...

— מאטל, — רייסט איבער דאוויד, — דינע האפ צופירנ אהער צו מיר א מענטשנ, מיט וועמענ איכ דארפ זיכ זענ — איינע א מיידל... וועט איר אכטונג געבנ... צי עמעצער פלאנטערט זיכ נאכ זיי...

— פארשטאנענ... יע, פייטל האט מיר געזאגט, ער האט געזענ עמעצנ — בלא די גיגזבוחגים אינ דער היימ וואכט מענ היינט אפ סלאבא באריסאווגא. שפעטסטנס מארגנ — מע האט זיי צוגעזאגט...

דאוויד האט דעמ קאפ אויפגעהויבנ פונ קעמ „בריוועלע” אונ האט זיכ פארטראכט. לאנג אונ אנגעשטלעכ עפעס געטראכט.

— פייטל ווארט אינ ביבליאטעק אפנ בריוועלע... — האט מאטל דערמאנט.

דינע האט א צי געטאנ די טיר אונ דערנאכ — שוינ געקלאפט.

— אז מאטל הייסט האלטנ היינט די טיר פארריגלט... — האט דאוויד אינ שמייכל זיכ פארענטפערט. ער האט זיכ געווענדט צו ווערעטשקענ:

— איר האלט אויס דעמ טאנעס נאכ לענגער, ווי מירנ אפגערעדט... הערט זשע, ווערעטשקא, ווער איז געקומענ?

זי האט זיכ צעלאכט אונ זיכ געדוימלט: — איי, בינ איכ!.. איכ האב פארגעסנ...

זי האט זיכ דערנעענטערט צו אימ אונ אינ אויער אריינ ווידער אריינגערוימט: — „מירא נאטוסקעס”... זי האט מיר אייננעבאזערט, אז איכ זאל איינ זאגנ: „מירא נאטוסקעס”...

— האב איכ געוווסט... — מאכט חאוויר לוסטיק — דינע וועט גיינ מיט איינכ, וועט זי צופירנ אהער, אונ צוריק... אונ איר, ווערעטשקע, וועט דערנאכ אוועק אהיימ צו זיכ, זיצנ דארט אונ לייענענ... וואס לייענט איר?

— ענגעלסעס — „די אנטוויקלונג פונ דער פאמיליע“...

— גוט. וועט איר לייענען אין דעם היים; אַז מע וועט האָפֿן, וועט מען אײַך עפּעס אָנזאָגן... קורץ נאָכעמען — רעכט? רינגע! טוט זיך אָן וואָס שענער...

— קערט זיך אום צום פֿענצטער און קוקט ניט אַהער... וועל איך זיך איבערטאָן...

— וואַרט, וואַרט, — האַלט אָפּ מאָטל, — דאַוויד, שוין פֿאַרטיק? און איך אַ קאָנווערט ניט עס מיר... איך דאַרף פֿריִער אַרויסגיין פֿונדאַנען... דערנאָך וועלן מיר גיין...

האָט מען זיך געזעגנט מיט „מיראַ נאַטוסקעס"... און מע ווייסט, וויאַזוי און צוואָס זי איז געקומען...

בערלין איז גאָר ניט קיין קאָנספּיראַטאָר, און אַן אימפּולסיווער. ער איז געזעסן, לאַנג געזעסן און מ'האָט געמיינט, אַז ער וועט נאָך אַ לאַנגע צײַט זיצן. דאָרע זײַנע האָט אָנגעפֿירט מיט אַ געהיימער דרוקערײַ. מיטאַמאָל באַפֿרײַט מען אים, אומגעריכט. קומט ער גלײַך אין שטעטל, זעט זיך מיט דאָרען. און נאָך אים האָט מען נאָכגע־שפּירט, איז דורכגעפֿאַלן די דרוקערײַ, און מע האָט זיי ביידן אַרעס־טירט. האָט מען איר, מירען, נאַטוסקען, איבערגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ דרוקערײַ אין ד'ע'ר גובערניע — אַ שטילערע פֿון אַנדערע — ערגעץ אין אַ שטעטל. און דאָרט האָט זי שוין, אָבער מענטשן און שריפֿט... אַ באַקאַנטער פֿון אויסלאַנד האָט איר אָנגעגעבן דעם אַדרעס פֿון האַמבורגערס שוועסטער מיט אַ פּאָר סימאָנים, אַז זי קאָן אַרײַנפֿאָרן גלײַך צו פֿריילין העלענ...

— האָט מען אָנגעזאָגט איסאַקן, און מע האָט באַטראַכט און באַשלאָסן: שריפֿט וועט זײַן טייקעף ווי עס וועט זיך נאָר ענדיקן דער שטרײַק אין אַלע דרוקערײַען. אַרבעטער — שאָלעם ראַטנער און נאָך עמעצער. ווער — איז נאָך ניט באַשטימט. אַ פֿרוי, אַ באַלעבאָס־טע פֿאַר דער קוואַרטיר — רייוועלע אָדער לייעלע. אויב רייוועלע וועט ניט קאָנען אָפּפֿאָרן פֿונדאַנען...

איז עס באַזאָרגט.

און דאַוויד — מוז פֿאָרן! און מיראַ — מוז פֿאָרן! מאָרגן אין דער פֿרי זאָלן זיי ביידע שוין זײַן ווײַט פֿון שטאָט — באַשטימט איסאַק.

— און אויף וואָס ווילסטו וואַרטן? — פֿרעגט איסאַק שטרענג, — נאָך אַ שאַ אָפּציִען, נאָך אַ האַלבן טאָג וואַרטן — אויף וואָס?

שפּעט אין אָװנט איז פֿײַטל אַרײַנגעקומען צו דינען נאָכמאָל זיך זעגנען מיט דאָװידן. און אַגעװ — איז ער גראָד ערשט געװען באַם דאָקטער בראָנזבורג און מ'האָט זיך אָנגעפֿרעגט בײַ די גינז־בורגס אין אָװנט שוין, איז סלאָװע נאָך ניט באַפֿרײַט... װער װײסט, װאָס ס'איז?

3

פּונקט פֿיר אַזײגער אין דער נאַכט האָט פֿישקע לאַטיק שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטל פֿון סאַר פֿון דרױסן. אורעמל איז בײַדל האַרט בײַם פֿענצטל, צװישן אָנגעגרײטע אױבס צו פֿאַרקױפֿן, האָט געלאָזט אַ ביסל קלאַפּן, דערנאָך האָט ער פֿױל אָפּגערוקט אַ ברעטל, געעפֿנט דאָס לאָך פֿון בײַדל צו דער גאַס, און שלעפֿעריק און פֿאַריבל־דיק געמורמלט:

— װאָס איז? װער איז דאָרטן? װאָס װילסטו?

— עפּל... — האָט פֿישקע לאַטיק געבעטן.

— זעקס אַזײגער עפֿן איך... און איצטער באַנאַכט...

— טו אַ געפֿעליקײט... אַ קאַלטלעכע נאַכט...

אורעמל איז אַרױס פֿון בײַדל, האָט געעפֿנט דאָס פֿענצטל, איז אַרױס אין גאַס און פֿון דער קעשענע דערלאַנגט אַן עפּל:

— נאַ!..

— װאָס קלעקט?

— נאַ נאָך אײנע...

— נעם אַ פּיאַטאַקל, און גיב שױן אַ גאָב...

— רעכט! רעכט! רעכט!

װער זאָל דאָס מערקן, אַז טײקעס איז דורכן אָפֿענעם פֿענצטל אַדורך עפּעס אַ פֿאַרשױן אין אַ װײַכן קאַפּעליוש מיט ברײטע ברעגן און בלױע שפּאַקולן און אין אַ ברײטער אױסלענדישער פּעלערינע, און איז אַװעק איבערן גאַס. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט ברײטלעך אױסגעשריען:

— איזװאָשטשיק, פֿרײַ?

— יע, פּאָרעץ!

און פֿישקע לאַטיק האָט איבערגעלאָזט די עפּל, האָט אַ שפּרונג געטאָן אױף דער קעלניע פֿון זײַן פֿאַעטאָן, אָנגענומען פֿעסט די לײ־

צעס פונ דאָס גוטע פאַר פערד און — צום פאָרעצ: יענער האָט זיכ איינגעזעצט אונ שטיל געזאָגט: „צום גרויענ מויער"...

— כ'ווייס...

באַם גרויענ מויער האָט פישקע לאָטיק אָפּגעהאַלטנ די פערד, זיכ אָנגעבויגנ פונ דער קעלניע אינ דער זײַט, אונ אינ דער נאַכט עמעצנ געבעטנ:

— גוטער מענטש! עפּשער אַ שוועבעלע פאַראַנ?.. פאַררייכערנ...

יענער האָט זיכ דערנענטערט, האָט זיכ אַוועקגעשטעלט עפּעס מיטנ רוקנ צום פאַעטאָנ אונ מיטנ פּאָנעם צום מויער אונ אָנגעצונדנ איינ שוועבעלע, אונ אַ צווייטע אונ אַ דריטע... האָט זיכ עפּעס צוגע־מאַכט אַ פענצטער אינ אויבערשטנ גאָרנ פונ מויער... אונ ביזוואַנענ ער האָט זיכ אומגעדרייט צו פישקענ, אָנגעצונדנ ווידער אַ שוועבעלע, דערווײַל באַלויכטנ זײַנ פּאָנעם, און ס'איז דאָכ מאָטל, אונ פישקע האָט פאַררייכערט, — איז פונ מויער ארויס אַ פרוי מיט אַ געדיכטנ וואַל דאָס פּאָנעמ פאַרדעקט אונ פאַרבײַגייענדיק דעם פאַעטאָנ געפרעגט:

—איזוואָשטשיק, פרײַ?

— יע, יע...

פישקע האָט אַ צי געטאָנ די לייצעס אונ די פערד זײַנענ אַוועק. דעמלט האָט דער „פאָדעצ", וואָס האָט זיכ געוועג צונויפגעדרייט פרײַ־ער פאַרנורעט אינ אַ ווינקל אומבאַמערקט,—האָט ער זיכ אויסגע־גלײַכט לעבנ דער פרוי אונ אָנגענומענ איר האַנט.

נאַכט איז נאָכ שטיל אונ גאַסנ ליידיק.

צאָק.. צאָק... צאָק... פישקע לאָטיק פאָרט שוינ לאַנג ארום פונ אַ באַלעבאָס אינ אַ רעכטנ פאַעטאָנ אפּ צוויי פערד. נאָר אזא נעסיִע, ווי מאָטל האָט אימ איצט „צוגעשאַרט" — צופאָרנ אַ דרײַסיק וויאָרסט ביזנ שטעטל, — דאָס מאַכט זיכ אימ צוערשט. א כאָליערע וועט בא אימ א באַלעבאָס וויסנ, ווו ער איז געפאָרנ! ער וועט אימ אָפּגעבנ די פּאָר רובליאקעס — געוועג א גוטע נאַכט, א סאַכ ארומגעפאָרנ אינ שטאָט: עפּעס שיקערע פריצימ האָבנ גוט געצאָלט, אָבער געיאָגט די פערד... אונ — אנ עק! אייגענע כעווראַ — דאַרפ מענ צודינענ... אונ אָט איז שוינ אויסערנ שטאָט אונ ליכטיקער: „וויאָ! וויאָ!" צו צענ אזייגער אָדער צו עלפּ געווויס דאַרפ מענ צוריק זײַנ אינ שטאָט — דער באַלעבאָס קאָנ כאַמערקנ...

די נאכט ווערט צעצויגענער אונ גרויער.

— נאטוסקע, איכ האב פונ דיר איינ גרוס געהאט פאר דער גאנ־ צער צײַט, פונ פעטערבורג...

— פונ „ראזענ", נאטוסקעס א באקאנטע... — לאכט נאטוסקע צו־ פרידנ, — איצט בינ איכ ווידער „נאטוסקע"... א ווייל מיידל סלאוויא באריסאוונא. איכ האב דעמלט בא איר גענעכטיקט א פאר נעכט... זי זיצט איצטער... זייער א ווילס...

— מע ריכט זיכ, אז מע זאל זי די טעג באפרײַענ — די טעג... ניט אויסגעקומענ צו זענ זיכ מיט איר... — האט דאווידס סאל זיכ א בראכ געטאנ.

ביידע האבנ זיכ פארוקט אינ פארשיידענע זײַטנ — פארטראכטע אונ פארטרוימטע.

— דאוויד, ווער פונ אונדז ווייסט, ווו ער וועט מארגנ אהינ־ קומענ?

אנטקעגנ אירע פארטרוימטע אויגנ האט באגינענ געהעלט, אונ זי האט ניט געמערקט.

פישקע האט אפגעשטעלט די פערד, איז אראפ פונ קעלניע, האט אופגעהויבנ דאס קישעלע, ארויסגענומענ פונ דארטנ א קערבל אונ עס אוועקגעשטעלט בא דאווידנ צופוסנ.

— אפנעם, מיר דערנענטערנ זיכ צום שטעטל... — באמערקט דאוויד, — ער באזארגט שוינ, אז מיר זאלנ אויסזענ, ווי רײַנערע... אונ גיט מיר אפ מײַנ קוישל...

דאוויד האט גלײַכ אויסגעטאנ דעם פרעמדנ קאפעליוש אונ די אויסלענדישע פעלערינע, וואס פרײַלנ העלענ האט פאר אים צוגע־ שיקט — פונ דעם ברודערס קליידער...

נאטוסקע האט אויכ אראפגענומענ דעם וואל, דאוויד האט זיכ צוגעקוקט. אונ הײַנט — צו דער ליכטיקער שײַנ דרויסנ, נאכ מער, ווי נעכטנ בא דינענ אינ צימער, האט אים איר פנים געקלעמט.

טורמע אונ וואנדער האבנ דא שפורנ געלאזט.

אפנ אומבאקאנטנ פונ טאג באלויכטענעם וועג האבנ זיכ באוויזנ נײַע ביניאנים פונ א נײַעם ישעוו.

אונ א טאג קומט אנ פריש, ליכטיק אונ מונטער.

פישקע לאַטיק איז צוריק אינ שטאָט אַרײַנגעפאָרנ פונקט עלף אזייגער. געיאָגט די פערד. האָט ער איצט אָפגעלאָזט די לייצעס אונ אוועק שטילער.

דאָס פערטל פונ טורמע־הויף האָט זיך געעפנט, אונ ס'איז איבער־ריקס לוסטיק אונ מיט א פרייד־שמייכל צו אלעמענ אונ צו אלצ ארויס־געקומענ געניילט אנ עלעגאנט מיידל.

— א—הא, איזוואָשטשיק!

פישקע האָט מער קיינ בוישעק ניט צו פאָרנ — גענוג אימ הײַנט.

— וווהינ? — פרעגט ער ניט אזוי פונ יויצע וועגנ, נאָר קעדיי ער זאָל קאָנענ געפינענ אנ אויסרייד אפ אָפצוזאָגנ זיך.

— צו גינזבורגס זמויער... — די פרײַלנ דערנענטערט זיך צום פאַעטאָנ, וואָס רוקט זיך שטיל איבערנ וועג.

פישקע טוט א קראַץ די פאָטיליצע: גינזבורגס טאָכטער!... די פרײַלנ... זשענע, הוכט זיך... איך געווענ אינ טורמע!.. דאַרפ מענ אהיימ אָפפירנ אזא מיידל!

— אהעראָבע! — זאָגט ער גערנ.

אונ ער האָט ווידער צעיאָגט די פערד: גיכער! צאָק... צאָק... צאָק...

ע נ ד ע

אינהאלט

זייט

דריטער טייל

I. קעגניבער ... 3
II. פאָלקס־ביבליאָטעק ... 15
III. גייענ וואנדערער ... 24
IV. אינ נאכט ... 35
V. א געוויינלעכע געשיכטע ... 54
VI. אויסגעדונגענ ... 64
VII. באמ גאָלדענעמ האָרעס ... 76
VIII. ס׳קנוילט זיכ א קנויל ... 89
IX. ציִעניסטישע אסיפע ... 111
X. ערשטער מײַ ... 138
XI. מארקס ... 150
XII. אינ וואלד ... 163
XIII. אויסערנ וואלד ... 184
XIV. זובאטאָוו ... 193

פערטער טייל

I. די זאָרג־באנק ... 209
II. פראָקלאמאציע ... 232
III. אפנ בעסוילעמ ... 249
IV. זמירעס ... 261
V. שאָמײַטי ... 282
VI. א דעמאָנסטראציע אומגערנ ... 294
VII. באמ גובערנאטער ... 303
VIII. ווער מיט א האלדז, אונ ווער מיט א פוס ... 309
IX. ערעוו ארעסט ... 319
X. טעג פארנומענע ... 325
XI. פונ א רעכטנ שידעכ — ווײַט ... 333
XII. „פידזשאקלעכ אונ העמדלעכ״ ... 346
XIII. אהינ אונ אהער ... 353
XIV. צאָק... צאָק... צאָק... ... 362

Редактор Хашин. Техред С. Абрам. Корректор Гутенмахер.
Сдано в производство 27/III—34 Подписано к печати 23/VII 34 г.
Бумага 82X110$^{1}/_{32}$. 23$^{1}/_{2}$ п. л. 36000 п. зн. в п. л.
Уп. Главлита В—83669. Тираж 3.000.

Тип. изд-ва „Эмес“, Москва, Покровка 9, Зак. № 550